STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08904

# OYF EYGENE DROKHIM

Solomon Simon

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה סיימאָן

# אויף אייגענע דרכים

בוך

50

שלמה סימאָן

# אויף אייגענע דרכים

(אַ חשבון הנפש פון אַ מאָדערנעם ייִדן)

פאַרלאַג "ייִדבוך"

ביי דער
"געזעלשאַפט פאַר ייִדיש-וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע"
בוענאָס-איירעס

1962

# ל א ה ן

דאָס בוך איז געווידמעט מיין אשת נעורים, מרת לאה תחיה. פיר יאָר פון יסורים. דערצו זענען אין די דאָזיקע פיר יאָר צוגעקומען די אויפרודערונג און התרוממות פון שרייבן דאָס בוך, איז די צייט געווען אַ טאָפּלט שווערע; און אין דער גאַנצער צייט איז זי געווען אַן אמתער „עזר", קיין מאָל נישט קיין „כנגדו". מסתמא נישט צוליב מיינע מעשים און אויפפיר, נאָר צוליב דעם זכות פון דער יידישער ליטעראַטור. זי פאַרדינט, אַז „ויהללוה בשערים מעשיה" — זאָלן אירע מעשים זי לויבן אין די טויערן. איך האָב אַ שמץ פון גאווה, וואָס איך האָב געהאַט די דאָזיקע זכיה.

B. & F. GREENBERG
127 ST. CHARLES PLACE
ATLANTIC CITY, N. J.

איך וויל באַדאַנקען מיין טייערן חבר און קאָלעגע, ד״ר עזריאל נאַקס, פּראָפעסאָר פון פילאָסאָפיע אין ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט, פאַר זיינע אָנווייזונגען און אויפקלערונגען וועגן אַ סך פילאָסאָפישע ענינים און דעפיניציעס. איך האָב אָבער נישט אַלע מאָל אָנגענומען זיינע באַמערקונגען. זענען די טעותים, אויב זיי זענען פאַראַן אין בוך, מיינע.

אַ דאַנק קומט מיינע תלמידים פון דער תנ״ך חברה פאַר זייער חשובן ביישטייער אַרויסצוגעבן דאָס בוך:

ד״ר שמעון בראָדי
נח ברעסלער
ד״ר מרדכי יונה גיבור
מאָריס וויינבערג
יצחק יעקב ווינער
מאיר סמיט
יחזקאל פורמאַן
לעאָן קעניגסבערג
און משה וויסאָקי פאַר זיין עסקנות.

דער מחבר.

# אינהאַלט


דער מחבר וועגן בוך — — — — — — — — — — — — — — 9

מיין טאָפּלטער איך — — — — — — — — — — — — — — 13

קאַפּיטל איינס — דער קאַשמאַר און ערשטער שמועס — — — — — — — — 15

„ צוויי — פרייד פון ווייב, קינדער און אַרבעט — — — — — — — — 22

„ דריי — די ערד איז געווען הימל — — — — — — — — — — — 30

„ פיר — אַ שבת אין די פּאָקאָנאָ בערג — — — — — — — — — — 40

„ פינף — שרעק פאַר אַ התחייבות — — — — — — — — — — — 59

„ זעקס — שרעק און צעטומלעניש — — — — — — — — — — — 65

„ זיבן — די וויזיע — — — — — — — — — — — — — — 74

„ אַכט — ר' אליקום געצל דער רמב"מיסט — — — — — — — — 89

„ ניין — זלמן — דער מענטש פון ליידן און פיין — — — — — — 104

„ צען — אַ בודאַ סטאַטוע און שפּינאָזאַ — — — — — — — — — 126

„ עלף — פאַרוואָס אַן אייביקע שנאה צו ייִדן? — — — — — — 138

„ צוועלף — אַ פּוסטע שול מיט אַן אויסגעמאָלטן ארון־קודש — 155

„ דרייצן — ייִדישקייט — אַ חתונה מיט אַ חתן און מיט אַ כלה (אַ קאַפּיטל חקירה, וואָס דער לייענער מעג איבערהיפּערן) 166

„ פערצן — די אימה פון לאַבירינט — — — — — — — — — — 179

„ פופצן — ר' אברהם בעל־תשובה און זיין אייניקל טייבעלע — 184

„ זעכצן — פינף דערקלערונגען וועגן רשעות — — — — — — — 204

„ זיבעצן — שמואל ניגער, וואָס איך רוף ר' אריה לייב — — 214

„ אַכצן — שאַרפע קשיות און נאָך שאַרפערע ענטפערס — — 225

„ נייַנצן — גלייך איז גלייך און קרום איז קרום — — — — — — 243

קאַפּיטל צוואַנציק — דער דמיון איז דער מענטש — — — — — — — — — — — 250

„ איין און צוואַנציק — גילגולים — — — — — — — — — — — — — 262

א) אתה בחרתנו — — — — — — — — — — — — — — 262
ב) די ווונדערלעכע מעשה, וואָס איז נישט דערציילט געוואָרן 263
ג) אין די צייטן פון נביא הושע — — — — — — — — — — 266
ד) אין די צייטן פון נביא ישעיה — — — — — — — — — 270
ה) דער ערשטער בית מדרש — — — — — — — — — — — 273
ו) אין יבנה מיט ר׳ יוחנן בן זכאי — — — — — — — — — 281
ז) אַכצן הונדערט און דרייסיק יאָר שפּעטער — — — — — 284
ח) דער לעצטער שמריהו. שמריהו מנקר אין מעקסיקע — — 289

„ צוויי און צוואַנציק — ביי דער מאַמען אין שטוב — — — — — — — 304

„ דריי און צוואַנציק — די האַרבסטע קשיה — — — — — — — — — 313

„ פיר און צוואַנציק — פּנים אל פּנים מיטן טויט (אַ צוגאָב־קאַפּיטל, ווי אַזוי איך האָב זיך באַגעגנט מיט מיין טאָפּלטן איך) — — — — — — — — — — 325

# דער מחבר וועגן בוך

„אויף אייגענע דרכים, דער חשבון הנפש פון אַ מאָדערנעם ייִדן״, איז אַן עמאָציאָנעל בוך און איז געשריבן געוואָרן אין צוואַנג פון אומרו. צוליב דעם אינטענסיון, אימפולסיון און אימפעטיקן טעמפאָ איז עס אַ בוך, וואָס וועט צעשטערן די רויִקייט פון לייענער. עס איז גלייך ווי דער לייענער וואָלט געזעסן אַ לענגערע צייט אין אַ צימער מיט אַ מענטשן, וואָס רעדט הויך, אָן אַן אויפהער, מיט התפּעלות און עקזאַלטאַציע און שטעלט זיך נישט אָפּ אַפילו אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם

נאָך ערגער איז, וואָס דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן אין געמישטע זשאַנערן: ריינע דערציילערישקייט, אויטאָביאָגראַפישע געשעענישן פון אינטימסטן כאַראַקטער, זכרונות, עסייאיסטיק, תנ״ך־פאָרשונג און אויסטייטשונג, שאַרפע פּאָלעמיק וועגן צייט־פראַגן, לירישע פּראַזע, פּילפּול, דרוש, היסטאָריאָזאָפיע, אַבסטראַקטע ספּעקולאַציעס, אויסטייטשונגען פון פילאָסאָפישע שיטות, נאַיִווע אמונה און סקעפּטיציזם, וואָס גרענעצט זיך מיט גאָט־פאַרלייקענונג: קאָשמאַר־חלומות, פאַנטאַסטישע מעשיות, ראָמאַנטיק און רעאַליזם — ניין, נאַקעטער נאַטוראַליזם. די אַלע זשאַנערן, יעדער איינער אין זיין באַזונדערן סטיל, זענען נישט אויסגעשטעלט אין קיין באַזונדערע קאַפּיטלען, נאָר איינס איז אַריינגעוועבט אין דעם אַנדערן און דערפאַר וועט דער אומאויפמערקזאַמער לייענער אָפּט פאַרלירן דאָס קייטלען זיך פון די געשעענישן.

פאַראַן נאָך אַ האַרבקייט אין דעם בוך: דער מחבר באַמיט זיך צו געבן ענטפערס אויף פראַגן, וואָס קיין ענטפער אויף זיי איז נישטאָ: וואָס איז דער תכלית פון לעבן? וואָס פאַר אַ באַרעכטיקונג איז פאַראַן אין דעם אומקום פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק? וואָס איז דער מקור פון רשעות? ווו איז די לאָגישקייט פון אונדזער „אתה בחרתנו״? פאַרוואָס איז דער יונגער דור אָפּגעפרעמדט פון אונדז? וואָס איז דער מקור פון שנאה צו ייִדן? פאַרוואָס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן גאָטס צוזאָג פון שיבת־ציון אין אַ דור פון כופרים? פאַרוואָס היטן אונדזערע גאָט־זוכער נישט אָפּ די מצוות פון בין אָדם למקום? דער מחבר וואַגט צו פרעגן און ענטפערן אויף דער גרוואַגטסטער פון אַלע פראַגן: איז פאַראַן השגחת הבורא אויף דער וועלט? יאָ, נישט נאָר וואַגט ער צו שטעלן די אַלע פראַגעס, נאָר ער מיינט אויך, אַז ער האָט געפונען פאַר זיך ענטפערס אויף די אַלע אייביקע פראַגן.

דעם מחברס נישט־קאָנפאָרמיזם וועט אָפּט שטאַרק ווײ־טאָן דעם לייענער. דער מחבר רעדט אָפּט זייער שאַרף וועגן זאַכן, וואָס זענען פאַרהייליקט ביים פאָלק.

דער אומפּאַרזיכטיקער לייענער וועט ממש צעטומלט ווערן פון די שאַרפע סתירות אין בוך. דער מחבר טרעט אַרויס שניידיק קעגן דער פונדאַמענטאַליסטישער אמונה, און דאַך איז ער אַליין גאַר אַפּט אַן עמאָציאָנעלער מאמין, נישט קיין ראַציאָנעלער. ער איז אַ טיפער מאמין און געפינט אַ באַרעכטיקונג פאַר זיין נישט זיין אָפּגעהיט אין מצוות בין אָדם למקום. ער טרעט אַרויס אָפן, אָפט ברוטאַל קעגן נאַציאָנאַליזם בכלל און קעגן יידישן נאַציאָנאַליזם בפרט, און דאַך האַלט ער פון אונדזער „אתה בחרתנו". ער פאַרלייקנט מדינה, און דאַך זעט ער אין מדינת ישראל אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט. זיין צוגאַנג צו יידישער געשיכטע איז אַ קולטור־היסטאָרישער, און דאַך האַלט ער, אַז עס איז געווען התגלות און אַז מעמד הר־סיני איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אָבער נישט צוגעבונדן צו צייט און אָרט. דער לייענער וועט זיך דאַרפן שטאַרק אונטערגאַרטלען צו באַנעמען די לאָגישקייט פון די סתירות.

אַ היבש ביסל פריקרע וועט זיין פאַר דעם סענטימענטאַלן לייענער, וואָס דאָס בוך איז געשריבן אין דער ערשטער פּערזאָן: איך, איך... עס שמעקט מיט אַ היבש ביסל אויספיינערײַ, און אָפט מיט גאווה. אָבער דער, וואָס וועט לייענען דאָס בוך מיט אויפמערקזאַמקייט, וועט באַנעמען, אַז דער אופן, ווי דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן, איז נישט קיין שרייבעריש חנדל, אָדער שרייבערישע הילפלאָזיקייט. דער שרייבער האָט עס אַלץ געטאָן מיט אַ כיוון, ווייל ער האָט אויף זיך גענומען די עובדא איבערצודערציילן זיינע ליידן און אַנגסטן פון גאָט־זוכעניש. ער האָט נישט געוואָלט באַפּוצן זיינע ראַנגלענישן מיט צוטראַכטן זאַכן. ער האָט נישט געוואָלט מאַכן פון זיינע ליידן און אַנגסטן קיין שיין־שרייבערײַ. ער האָט געמאַכט אַ פּרוּוו איבערצוגעבן רוי און אויטענטיש זיין עמאָציאָנעלע אויפרודערונג פון די אַלע יאָרן פון זוכן. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט איבערצוגעבן זיין אומרו, ווי ער האָט עס איבערגעלעבט, אין זיין גאַנצן פּלאָנטער, כדי דער לייענער זאָל ווערן אַ שותף אין דעם זוכן און אין דעם באַנעם פון דער בנמצאדיקייט פון דער אַבסאָלוטער רעאַליטעט, ווי דער מחבר האָט עס געזוכט, געזען און געפונען.

אין דער וועלט־ליטעראַטור זענען פאַראַן אַ סך ביכער, וואָס באַשרייבן און דערציילן וועגן דעם דערפאַלג צו ווערן רייך און באַרימט. עס איז אויך פאַראַן אַ גרויסע צאָל ביכער פון און וועגן מענטשן, וואָס האָבן גענוצט שעדלעכע און באַטויבנדיקע מעדיצינען. עס זענען אָבער פאַראַן גאָר ווייניק ביכער וועגן זוכן גאָט. איבערהויפּט אין דער מאָדערנער צייט איז אין יידיש און העברעיש נישטאָ קיין איין בוך פון דעם דאָזיקן זשאַנער. „לאָן" פון פייערבערג, אין העברעיש, איז אַ דערציילונג, וואָס באַשרייבט די ליידן און אַנגסטן פון איינעם, וואָס האָט פאַרלוירן גאָט, און דער מחבר זוכט אַ במקום פאַר גאָט און אמונה. „אויף אייגענע דרכים, דער חשבון־הנפש פון אַ מאָדערנעם יידן" איז אַ בוך פון איינעם, וואָס זוכט גאָט און מאַטערט זיך צו געפינען אַ וועג צו דערנענטערן זיך צו אים. דער

מחבר גלייבט, אַז ער האָט געפונען אַ סטעזשקע, און אין דער זעלביקער צייט האַלט זיך דער מחבר ביים קולטור־היסטאָרישן קוק אויף אמונה.

דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן אין דער ערשטער פּערזאָן מיט אַ כיוון. דער מחבר האָט נישט געוואָלט, אַז דאָס בוך זאָל זיין גלאַט שיין־שרייבעריי, וואָס באַ־רירט ווייניק דעם מחברס לעבן. ער האָט אויך בכיוון דערציילט אינטימע אוי־טאָביאָגראַפישע פּרטים, ווייל דער אמת איז, אַז זיין גאָט־זוכעניש איז ענג פאַר־בונדן מיט זיין טאָג־טעגלעכן לעבן און האָט טאַקע באַווירקט זיין הנהגה. אין דעם זינען, גלייבט דער מחבר, איז דאָס בוך אַ וויכטיקער סאָציאַלער דאָקומענט. דווקא דער יחידישער טאָן שפּיגלט אָפּ די צערודערונג פון אונדזער דור.

זאָל דער לייענער לייענען דאָס בוך נישט געכאַפּטערהייט. קיינמאָל נישט מער, ווי איין קאַפּיטל אויף אַ מאָל. ביים ערשטן מאָל לייענען מעג ער איבער־היפּערן די שווערע בלעטלעך. צום צווייטן מאָל וועט ער ווערן נייגעריק און וועט זיי גרינגער באַנעמען.

דער אויפמערקזאַמער לייענער וועט זיכער באַלויגט ווערן פאַר זיין מי. אים וועלן אַפילו נישט אַרן די איבערחזרונגען, ווייל זיי זענען אַ טייל פון דעם מחברס דערפאַרונג. דער פּאָזיטיקער לייענער וועט נאָך אפשר אַנגעשטעקט ווערן מיט דעם מחברס אמונה און וועט געפינען אַ זינען אין אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן. ער וועט אפשר אויך דערזען דעם געוועב פון אַ פאָרויס־באַרעכנטן פּלאַן אין דער כאַאָטישער און צעטומלטער וועלט, ווי דער מחבר האָט עס דערזען.

ועל כולם, וועט דער לייענער באַנעמען, האָפן מיר, אַז סיי די גשמיותדיקע און סיי די רוחניותדיקע וועלט זענען נישט קיין אַנגעשטעלטע זייגערס.

בקיצור, דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן אויף דעם נישט קאָנפאָרמיסטישן שטייגער, ווייל דער מחבר גלייבט, אַז דווקא דער דאָזיקער אופן פון שרייבן וועט באַווירקן דעם לייענער און אים אָנשטעקן מיט דער אומרו־קייט און אַנגסט, אין גרויסן התרוממות הנפש און אמתע רעליגיעזע דערפאַרונג, וואָס דער מחבר האָט אָפּט דורכגעלעבט אין שרייבן דאָס בוך. ער האָפט, אַז דער לייענער וועט האָבן די זעלבע איבערלעבונג.

מוצאי יום־כיפור, תשכ״ב.

# מיין טאָפּלטער איך

אַלע האָבן געוויסן־ביסן און געוויסן־פּייניקונג. אין יעדן מענטשן איז דאָ אַ דין, שטיל קול, וואָס זאָגט צו אים: „וואַרט, ביז איך וועל מיט דיר בלייבן אַליין היינט ביינאַכט". אָבער מיר דאַכט זיך, אַז ביי מיר איז דער ענין גאָר אַ סך שאַרפער.

פון זינט איך געדענק, קען מיין אייגענער איך זיך צעשפּאַלטן און ווערן צווי. דער אָפּגעשפּאָלטענער, דער אויסגעדוכטער, איז אַזוי וואָרהאַפטיק ווי דער פיזיש־רעאַלער גוף. ער שפּאַלט זיך אָפּ, שטעלט זיך מיר אַקעגן און שטראָפט. ער איז אַלע מאָל אַ בייזער מוכיח. ער מאַכט מיך אויסצודרייען און רייסט פון מיר אַראָפּ יעדעס פּיצעלע אָנגעשטעלטקייט. ער שאָבט פון מיר אַראָפּ יעדן סימן פון אויס־פיינערישקייט און ווישט אָפּ דעם קלענסטן טראָפּן פון אַליין־אָפּנאַרעריי.

עס איז פיינלעך צו האָבן לעבן זיך אַ שומר, וואָס דערלאָזט נישט קיין אָפּ־בייג פון דער גלייכער סטעזשקע, וואָס ער האָט אויסגעקליבן. אָבער די מעלה איז, וואָס ער פאַרהיט פון איינרעדעניש, פון פאַרריסנקייט און איינגעשמועסטקייט.

מיין טאָפּלטער איך ווייזט זיך צו מיר, געוויינטלעך, אין אַ צייט פון עמאָציאָ־נעלער אומרויִקייט און פאַרזאָרגטקייט, ווען איך בין נישט בקו־הבריאות און קריג אַביסל פיבער, איז ער אַלע מאָל לעבן מיר. ער איז אויך אַלע מאָל לעבן מיר, ווען איך שרייב. ער פאַרהיט מיך פון אָנגעבלאָזענע מליצות און בכלל פון צופיל שייג־שרייבעריי. אָבער אַלע מאָל ווייזט ער זיך צו מיר, ווען איך בין פול מיט אַליין־צופרידנקייט, אָדער ווען איך פאַל אַריין אין צופיל הרחבת־הדעת, ווייל עמיצער לויבט מיך.

איצט איז שוין איבער אַ יאָר, וואָס ער טרעט נישט אָפּ פון מיר. ס'איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער האָט מיט מיר פאַרפירט סיסטעמאַטישע שמועסן, וואָס האָבן זיך געקייטלט און געפלאָכטן, געהאַט אַן אָנהייב און אַ סוף. די שמועסן זע־נען געווען פאַרבונדן מיט אומרויִקייט, זאָרג, אַ היפשער מרה־שחורה און פאַר־פלאָנטערטע קאָשמאַר־חלומות און וויזיעס, וואָס זענען טאַקע ביי מיר קיין בייעס נישט; איך האָב זיי נישט זעלטן, ווען איך בין אומרויִק. איצט אָבער האָב איך זיי געהאַט כמעט אַלע נאַכט און זיי זענען געווען שוין צו קלאָר סימבאָליש.

די מרה־שחורה און אומרויִקייט האָט אָנגעהאַלטן וואָכן. איך האָב זיך שוין אָנגעהויבן צו שרעקן פאַר מיין געמיט־צושטאַנד. אָבער ביסלעכווייז האָט זיך די אומרויִקייט אַליין באַרויִקט. איך האָב זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז אַ שטרענגער חשבון הנפש מיט זיך אַליין. די דברי כבושין, די צודרינגלעכע רייד צו זיך אַליין, זענען

געווען אַ מיטל אַריינצוברענגען קלאָרקייט אין מיין טאָג־טעגלעכן אויפפיר און מיינע פאָדערונגען צום ייִדישן מענטשן און אַ צוגרייטונג צו שרייבן מיין דריטן טייל פון מיין אויטאָביאָגראַפיע.

דער חשבון־הנפש און דאָס אַראָפּשרייבן אויף פּאַפּיר האָט געדויערט קרוב פיר יאָר. ס׳איז געווען פאַר מיר אַן אַנגסטיקע צייט, וואָס האָט מיך פאַרמאַטערט און דערשעפּט. אָבער איצט, אַז איך בין דאָס איבערגעקומען, בין איך דאַנקפול פאַר דער זכיה צו קענען דורכגיין אַזאַ שווערע עמאָציאָנעלע איבערלעבונג און בלייבן גאַנץ.

דאָס וואָרט „דאַנקפול״ איז נישט קיין אויסגעליידיקטע מליצה. דאַנקפול צו וועמען? דאַנקפול צום לעבעדיקן גאָט, וואָס איז אויסער אונדז און אויך אין אונדז און באַלעבט אַלץ און פירט אַלץ. אַ פאַרשטענדיקער מענטש קען זיך נישט העלפן, מוז זיין דאַנקבאַר פאַרן גרויסן גליק צו זיין אַפילו נאָר דאָס קלענסטע פינטעלע פון אַזאַ קאָמפּליצירטן און וווּנדערבאַרן געוועב, וואָס מיר רופן לעבן.

קאַפּיטל איינס

# דער קאַשמאַר און ערשטער שמועס

אַן אומרויִקייט און אַן אַנגסטיקייט זענען מיך באַפאַלן, שוין מער ווי אַ וואָך, ס'איז ביי מיר נישט קיין נאָווינע אַריינצופאַלן אין אַזאַ געמיט־צושטאַנד, וואָס פאַרוואַנדלט זיך אין אַ מרה־שחורה. געוויינטלעך אָבער געדויערט ביי מיר די געדריקטע צייט נישט מער ווי אַ טאָג, צוויי און בדרך כלל דערגרונטעוועו איך זיך צו דער סיבה, וואָס האָט געבראַכט די צערודערונג. ווי נאָר איך געפין אויס די סיבה פון מיין אומרויִקייט, ווערט זי אָפּגענומען ווי מיט דער האַנט. אָבער איצטיק מאָל האָט עס מיך נישט אָפּגעלאָזן. די אומרויִקייט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין זאָרג, די זאָרג — אין אַנגסט מיט אַ מערקווירדיקער שרעק פאַר עפּעס אומדער־וואַרטס. איך האָב זיך נישט געקענט דערגרונטעוועון צו קיין פאַרוואָס און איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה.

פרייטיק צו נאַכט, אַן אויסגעהאַרעוועטער פון אַ וואָך אַרבעט, אָבער מיט אַ זיסער דערוואַרטונג אויף צוויי טעג רו, בין איך געגאַנגען שלאָפן פרי. איך בין באַלד איינגעשלאָפן, אָבער נישט מיט קיין טיפן שלאָף. איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ האַלב־וואַכיקן דרעמל, וואָס ברענגט נישט קיין אויסגערוטקייט, נאָר, פאַרקערט, מאַכט די מידקייט ערגער. עס ווערט אַ דערשעפּטקייט, וואָס צעשפרייט זיך אויף אַלע אברים מיט אַ קאָפּווייטיק און אַ ביין־ברעכעניש.

אין מיין האַלב־שלעפעריקן מצב חלום איך. עס חלומט זיך מיר, אַז איך טרייב מיין אויטאָמאָביל, וואָס איך טו זעלטן, ווייל געוויינטלעך איז מיין פרוי די שאָפערין. אין חלום טרייב איך דעם אויטאָמאָביל אין גאַס, וואָס איז אַן איינוועגיקע (מע מעג נאָר טרייבן אין איין ריכטונג). און איך טרייב אין דער פאַרקערטער ריכטונג. יינג־לעך וואָרענען מיך און אַן אַנדער אויטאָמאָביל קומט מיר אַקעגן מיט אַ טרובעריי. די יינגלעך הייבן אָן צו הוקען און סטוקען און איך לאָז לויפן דעם אויטאָמאָביל שנעלער און שנעלער, אייל זיך אַריינצופאָרן אויף דער עוועניו. איך פאָר אָפּ אַ קורצע שטרעקע און קער זיך אַריין אין אַן אַנדער זייטיקער גאַס און איך טרייב דעם אויטאָמאָביל ווידער אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. איך פאָר אַריין ווידער אין דער עוועניו, אָבער איך האָב אַנגעשטעלט דעם אויטאָמאָביל אויף צוריקוועגס. אַלע אויטאָמאָבילן הינטער מיר האָבן אָנגעהויבן טרובען און וואָרענען מיך. און

איך, ווי איינער מיט אַ מאַנקאָליע אין קאָפּ, טו זיך מיינס. סוף־כל־סוף האָט זיך דער אויטאָמאָביל פאַרהאַקט און זיך אָפּגעשטעלט.

אַ פּאָליסמאַן איז אויסגעוואַקסן לעבן מיר.

— וואָס טוט זיך מיט אייך? אויף צוויי גאַסן האָט איר געטריבן דעם אויטאָ־מאָביל אין אַ פאַרקערטער ריכטונג און אויף דער עוועניו האָט איר געטריבן צו־ריקוועגס. וואָס!? איר ווילט מאַכן אייערע אייגענע רעגולאַציעס פון פאַרקער?

איך וויש מיין פאַרשוויצטן שטערן, באַקן און נאַקן און ווייס נישט ווי אַרויס־צוקריכן פון דער פאַרלעגנהייט. איך ווער נאָך מער צעטומלט, ווען איך הער ווי דער פּאָליסמאַן רופט אויס פאַרוואונדערט:

— איר טראָגט דאָך דעם רעקל אויסגעקערט אויפן לינקן זייט!

איך טו זיך אַ טרייסל, עפן די אויגן און זעץ זיך אויף אין בעט. מיין טאָפּל־טער איך שטייט מיר אַנטקעגן. די לבנה שיינט אַריין אין צימער און איך זע אים, ווי ער שטייט אַנטקעגן מיר, אַן אָפּגעראַזירטער, אַ פאַרפוצטער אין מיין שבתדיקן אָנצוג. די האָר פאַרקעמט, אַ ציגאַר צווישן די פינגער און לאַכט מיר אַריין אין פּנים.

ער: ס׳איז טאַקע שבת, און איך רויכער. איך מיין, אַז מע מעג. אָבער דו, פרו־מאַק מיינער, האָסט געדאַרפט לייענען קריאת־שמע פאַרן שלאָפן גיין. דיין קריאת־שמע וואָלט דיך אויסגעהיט פון לעפּישע חלומות.

איך ענטפער אים רוגזהדיק:

— אַ בעלנות פון אַ מענטשן מיך אויפוועקן אין דער טויבקייט פון דער נאַכט און לצעווען. האָסט שוין געפונען אַ פּגימה אין מיר? איז רעד ווי אַלע מאָל, דברי־טעם־רייד, מיט שכל, אָבער אָן הלצות. חכמהלעך פּאַסן נישט פאַר אַזאַ בעל־מוכיח ווי דו ביסט.

ער: פּגימות? דערמאָן זיך אין דיין חלום, וועסטו וויסן וואָס דו ביסט. אַן איפּ־כאַ־מסתבראַניק. רעדן מיט דיר ערנסט? גיי שוין, גיי. עס וועט נישט העלפן. עס איז פאַראַן פאַר דיר איין תרופה: אָפּלאַכן פון דיר. ביסט פאַרקראָכן העט־העט אין די עולמות־עליונים. אָט האָסטו אָנגעשריבן אַ מאמר וועגן התגלות. האָסטו געהאַט די העזה אויפצוקלערן, ווי עס איז מעגלעך פאַר אַ מענטשן מיט פינף חושים צו באַנעמען דעם כביכול, וואָס איז אַן אַבסטראַקציע. טאַפּטשעסט זיך אין אַ בלאָטע. איך זאָג דיר נאָך אַמאָל, ווען דו וואָלסט טאַקע געלייענט קריאת־שמע פאַרן שלאָפן גיין, וואָלט עס דיך באַהיט און באַשיצט פון אַלע בייזע רעיונות און קאָשמאַר־חלומות, ווי עס שטייט אין סידור, שוואַרץ אויף ווייס: „און עס זאָלן מיך נישט איבערשרעקן מיינע רעיונות און שלעכטע חלומות און בייזע מחשבות“.

איך: וואָס געפעלט דיר נישט אַזוי מיין גאָט־זוכעניש? וואָס האָב איך ביי דיר

אַזוי חוטא־בעגל געווען? פאַרוואָס ביסטו אַזוי ברוגז און דו רעדסט בייסיק און גאַליק?

ער: איך האָב פיינט אַן אַלטן בעל־תשובה. ביסט אַלט געוואָרן און האָסט זיך דערשראָקן פאַרן טויט, ביסטו געוואָרן אַ בעל־תשובה. געדענקסט אַ ליד, וואָס דו האָסט אָנגעשריבן אין 1913? יאָ, אין 1913, נישט ווי דו וואָלסט איצט געזאָגט אין תרע״ג. לייען עס, און עס וועט דיר נישט גוט ווערן פון זיך אַליין. שמן זית ריבט דיר פון מויל. עס שלאָגט צו חלשות. לייען דאָס ליד און זאָל דיין יונגלשע קלוג־שאַפט און וויט־זעעוודיקייט פאַטשן דיר אין פנים. הער דיין אייגן ליד:

## לשנה החדשה

יעברו ירחים ושנים וגם אני אזקן
יחדלו אלו הדמים לסעור.
פני יקמצו ושחר שערי ילבן
ועוד יותר נורא בידעי
שבעולם עוד נעורים יהיו!
צעירים וצעירות יתאהבו
ולילות אביבים מלא סהר יגהו.
עוד רבים יהיו מלאים תקוות
על חיי אשר ותענוג בעתיד
ואני אזקן ומפחד המות
אולי עוד אהפך לחסיד.

(צום נייעם יאָר — ווי שרעקלעך און מוראדיק איז דאָס געפיל: אָט וועלן חד־שים און יאָרן אַוועק און אויך איך וועל אַלט ווערן. די דאָזיקע בלוטן וועלן אויפ־הערן צו שטורעמען. מיין פנים וועט צעקנייטשט ווערן און די שוואַרצקייט פון מיי־נע האָר וועט ווייס ווערן. נאָך שרעקלעכער אָבער איז, וואָס איך וועל וויסן, אַז אויף דער וועלט וועט נאָך יוגנט זיין. מיידלעך און יינגלעך וועלן זיך ליב האָבן און פרילינג־נעכט מיט פולע לבנות וועלן שימערן. יאָ, גאָר אַסך וועלן זיין פול מיט טרוימען אויף אַ גליקלעך לעבן און פאַרגעניגנס. און איך וועל אַלט ווערן און אין שרעק פאַרן טויט וועל איך נאָך אפשר פרום ווערן).

אוי, האָסט געטראָפן, ר׳ שלמה. דו ביסט אַלט געוואָרן און האָסט זיך דער־שראָקן פאַרן טויט און דו ביסט געוואָרן אַ בעל־תשובה, אַ פרומער בעל־תשובה אָן פרומקייט.

איך: נו, אַלט בין איך געוואָרן. איך זע עס אין שפיגל. אָבער איך בין נישט געוואָרן קיין בעל־תשובה און איך בין נישט געוואָרן פרום אָן פרומקייט. איך זוך

אַ וועג צו גאָט, צו דער אַבסאָלוטער רעאַליטעט פון דער וועלט און לעבן. דאָס זוך איך!

ער: — אויף שיינע רייד און קיילעכדיקע ווערטער ביסטו אַלע מאָל געווען אַ מאַדים. אָבער פּראָסט, אָן מליצה: וואָס מיינט גאָט פאַר דיר? צו וואָס איז דיין איצטיקע גאָט־זוכעניש דיך מחיב? אָבער ענטפער אָן קונצן, אָן דריידלעך, אָן געטאָקטע רייד, אָן געפליגלטע ווערטער.

איך: — גאָט מיינט פאַר מיר — אַ זין אין לעבן, אַ תכלית פאַר דער וועלט, אַ זין אין דער יצירה. מיט גלייבן אין אים קריגט די וועלט אַ סדר און דער קאָסמאָס — אַן אָרדענונג. אָן אים איז דאָס אומזיניקער ניסימדיקער צופאַל. אָן אים איז נישטאָ קיין באַרעכטיקונג צו פירן אַ רעכטפאַרטיק לעבן און...

ער: — איך לאָז דיך ווייטער נישט רעדן. דו ענטפערסט מיר בוידעם־פּאַליצע. איך האָב דיך געפרעגט: וואָס מיינט גאָט פאַר דיר? ענטפערסטו מיר: „גאָט מיינט אַ זין אין לעבן. אָן אים איז דאָס אומזיניקער, ניסימדיקער צופאַל. און, בעיקר, אָן אים איז נישטאָ קיין באַרעכטיקונג צו פירן אַ רעכטפאַרטיק לעבן". אפשר איז די יצירה טאָקע אַ צופאַל? אפשר איז דאָס לעבן טאָקע זינלאָז? אפשר איז נישטאָ קיין באַרעכטיקונג פאַר טוגנט? האָסט צוגעטראַכט אַ גאָט, ווייל דו ווילסט, אַז די יצירה זאָל האָבן אַ תכלית? אָן איינפאַל! מאַכן פאַר זיך אַ גאָט, וואָס איז נישטאָ, כדי דאָס כאַאָטישע לעבן זאָל ווערן פלאַנמעסיק! ניין, מיך קענסטו נישט אָפּפּטרן מיט אַזעלכע סתם־דערקלערונגען. איך וויל וויסן פשוט און קלאָר: איז גאָט דיך מחיב צו ענדערן דיין טאָג־טעגלעכע התנהגות, צי ניין? אפשר נאָך קלאָרער: האָסטו זיך אָנגעהויבן פירן אַנדערש, זינט דו האָסט אָנגעהויבן דיין גאָט־זוכעניש, צי נישט?

איך: — ס'איז פון יענע פראַגעס, וואָס איך קען אויף זיי נישט ענטפערן על־רגל־אחת. אָבער ראשית וועל איך דיר זאָגן, אַז עס געפעלט מיר נישט, וואָס דו רופסט מיך בעל־תשובה. אַ רעליגיעזער בעל־תשובה מיינט, דער עיקר, נישט נאָר הרטה האָבן אויף זינד, נאָר אַ צוריקקער צו דעם אופן פון זיין אַמאָליקן לעבן. אין אונדזערע קרייזן רופט מען אַ בעל־תשובה דעם מענטשן, וואָס האָט זיך צוריקגעקערט צום וועלט־באַנעם פון פונדאַמענטאַלישער יידישקייט, צו בלינדער אמונה. איך אָבער פאַרלייקן נישט מיין גאַנצן עבר און האָב זיך נישט צוריקגעקערט צום נאַיוון גלויבן. מיין איצטיקע גאָט־זוכעניש איז אַ פועל־יוצא פון מיין פריערדיקער ראַנגלעניש.

ער: — דו טרייבסט איבער. דו וואָלסט געוואָלט אָפּהיטן אַלע תרי"ג מצוות, אָבער דו האָסט נישט קיין מוט. דו האַלטסט אָבער, אַז מען דאַרף דאַווענען, מען דאַרף לייגן תפילין, נאָר דו האָסט קיין כוח נישט עס צו טאָן. ביי מיר ביסטו אַ פרומאַק, אַ פרומער אָן פרומקייט. עס איז אַליין־נאַרעריי.

איך: — לאָז צורו מיט פּאַרטיקע און גרייטע שאַבלאָנען. מירן קומען צום דאַ־ווענען און לייגן תּפילין שפּעטער. לאָמיר אָנהייבן פון אָנהייב.

ער: — אַן אמתן חשבון־הנפש?

איך: — יאָ, אַן אמתן חשבון־הנפש. מירן אָנהייבן פון מיין מאַנלעכער רייפ־קייט, נאָך דעם ווי איך האָב חתונה געהאַט און אָנגעהויבן פאַרנעמען זיך מיט מיין פּראָפעסיע.

ער: — פאַרוואָס נאָך גישט פר;ער?

איך: — דאָס פר;ערדיקע וועט טיילוויז אַריינגעפלאָכטן ווערן אין דעם דאָזיקן צייט־אָפּשניט. איז האָרך: נאָך מיין גייסטיקן איבערברוך אין דער ישיבה, און איבער־הויפּט נאָך דעם ווי איך בין געקומען קיין אַמעריקע, איז געווען אַ לאַנגע תּקופה אין מיין לעבן, וואָס איך האָב מער נישט געהויבן דעם קאָפּ צום הימל. דאָס טאָג־טעגלע־כע לעבן און דער גוף זענען געוואָרן די אַבסאָלוטע רעאַליטעט.

ער: — מיינסט אין אַ פּשוטערן לשון, אַז דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן און אָנזע־טיקן די תּשוקות פון גוף האָבן פאַרנומען דאָס אָרט פון גאָט?

איך: — יאָ, מען קען עס אַזוי אויסטייטשן. אָבער פּרוביר נישט איבערשלאָגן צו אָפט. הער: אין מיין מאַנלעכער רייפקייט און עד־היום, וואָס איך בין שוין אין אַ טי־פער עלטער, האָב איך נאָך אינגאַנצן נישט באַנומען די מיסטעריע און כּישוף פון גע־שלעכט, וואָס דער מענטש האָט עס פאַרוואַנדלט אין ליבע. נישט תּאווה האָט מיך אין מיין לעבן פאַרכאַפּט, נאָר דער ווונדער, וואָס דער חשק און גלוסטעניש פאַרוואַנדלען פאַרן מאַן דעם פרויען־קערפּער אין אַ מקור פון עקסטאַז, נישט בלויז אין דעם מאָ־מענט פון באַהעפטונג, נאָר אויך אין דער צייט פון גלוסטעניש. נישט בלויז די חושים ווערן שפּירעוודיק און יעדעס שטיקל הויט פון אייגענעם גוף און פון דעם גוף פון זיווג קריגט עפּעס אַ באַזונדערע וויכטיקייט און באַטייט, אַפילו די ריחות פון גוף בייטן זיך. און יענע טיילן פון גוף, מיט וועלכע מיר שעמען זיך, ווערן באַגלאַנצט מיט אַן אָפּשיין פון נאַטירלעכקייט. ווייסט? די דערוואַרטעניש אויף יענע מינוטן פון התק־רבות, דאָס גרייטן זיך צו זיי, זענען געווען אַ מקור פון אָנרעגנדיקער דערוואַרטע־ניש, וואָס האָט געגעבן אַ זין און אַ מיין צו דער קלענסטער און אומאינטערעסאַנט־סטער אַקטיוויטעט. ס'איז שווער איבערצוגעבן אין ווערטער די שפּירעוודיקע וואַכ־זאַמקייט, די לופט־באַפאַרבונג, די ציטערדיקע דערוואַרטעניש און די פולקייט פון יע־נע טעג און די נעכט, וואָס האָבן געהאַט די עקסטאַטישע מינוטן.

ער: — דו ליגנסט, ברודערל, מיט שיינע רייד. דו באַפּוצסט מיט געפליגלטע ווערטער דאָס פּשוטע וואָרט ליידנשאַפט. דו ביסט אַ בעל־תּאווהניק. דו ביסט אַלע מאָל פול מיט גלוסטעניש און קליגלסט זיך זיי אָנצוזעטיקן. אָבער דו ווילסט עס נישט צו־געבן. באַדעקסטו זיי מיט וואָרט־לאַקיר.

איך: — נאַקעטע ווערטער שטעלן נישט אַלע מאָל צונויף אמתע רייד. „אַ שטיקל

פלייש און אַ בינטל האָר״, איז נישט קיין פרוי און אַביסל האָלץ און אַ קענדל קליי און אַ הויפן טשוועקעס, איז נישט קיין טיש. בלויז תאווה און לײדנשאַפט קענען נישט פאַרוואַנדלען דעם חשק און גלוסטעניש צו איר אין עקסטאַז. בכלל זענען מײנע פרויען־זינד גרינגער פון אַ פוך־פעדערל. אַ קראַנקע פליג קען עס טראָגן מײלן ווייט אויף אַ צעבראָכן פליגל און נישט מיד ווערן. אַ גאַנץ לעבן האָב איך נישט געקענט אויסשעפּן דעם קוואַל, וואָס איז מיר באַשערט געווען. פאַקטיש איז נאָר איינע געווען, אַ קוואַליקער ברונעם אַ לעבעדיקער שטראָם וואַסער. וואָס מער איך האָב געשעפּט, זענען די וואַסערן געוואָרן אַלץ מער באַטעמט. אָבער עד־היום ווייס איך נישט, צי דער שעפער איז געווען שטענדיק דורשטיק און דערפאַר האָט דער קוואַל געהאַט אַלערליי טעמים, אָדער די וואַסערן זענען טאַקע געווען אַזוי פריש און קוואַליק.

ער: — דו קלייבסט אויס אײדעלע, צאַרטע, גאַלאַנטע ווערטער און מאָלסט מיט זיי אויס אַזעלכע שיינע אוזאָרן, אַז מען וואָלט געמיינט, אַז אַלע שעהען, טעג, חדשים און יאָרן זענען געווען פול מיט דעם ריח פון רויזן־בלעטלעך אָן שטענג־לעך מיט שטעכלקעס. דו דערמאָנסט נישט מיט קיין וואָרט די ערד, וואָס איז אָפט אונטערן גראָז בלאָטיק און קלעפּיק. דו טייטסט נישט אָן מיט קיין אות די פאַר־דראָסן און צוויסטיקייטן. דו היטסט זיך אויס אָנצוווינקען אויף דער אומריינקייט און יאָך פון די גראָבע מאָנונגען פון גוף, וואָס איז אַ תּפיסה פאַרן גייסט.

איך: — אַוודאי זענען געווען שטענגלעך מיט שטעכלקעס. די גרעסטע פאַר־מינערונג פון דער שיינקייט פון דעם געדראַנג צום מין איז, וואָס מע דאַרף אָנקו־מען צו אַ צווייטן נפש, צו דערפירן עס צו אַ קלימאַקס. דאָס איז אָבער די באַגרע־נעצונג פון מענטשן. אמת, עס איז אויך אָפט נישט אויסצוהאַלטן פון די מאָנונגען פון גוף, ווי איינער פון די בעלי־מוסר האָט געזאָגט: „ווען מיינע שכנים וואָלטן דערשפּירט דעם שלעכטן גערוך פון מיינע זינדיקע געדאַנקען, וואָלטן זיי נישט גע־וואָלט שטיין אין מיינע ד' אַמות״. אָבער, ווידער, דאָס איז די באַגרענעצונג פון מענטשן, וואָס האָט דערפאַר די יכולת בייצוקומען אַלע אומריינקייטן און קען זיך דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה, וואָס אַ ילוד אשה קען דערגרייכן צוליב די נסיונות, וואָס ער האָט. דער גוף איז נישט קיין תפיסה פאַרן גייסט, אָדער ווי איך רוף עס פשוט נשמה. דאָס געראַנגל צווישן גוף און נשמה פאַרפולקאָמען איינער דעם אַנדערן. עס זענען נישטאָ קיין גייסטיקע גלוסטענישן, וואָס זענען נישט קיין פיזישע און עס זענען נישטאָ קיין פיזישע אָנגעזעטיקטע גלוסטענישן, וואָס ברענ־גען נישט קיין הרחבת־הנפש, קיין צופרידנקייט פאַר דער נשמה. דער גוף איז נישט קיין שטרויכלונג פאַר דער נשמה, פאַרקערט, די נשמה ווערט איידעלער, פולקאָ־מענער מיט דער בגרות פון גוף. עס איז אַ פיזיש־גייסטיקע באַהעפטונג, נישט אָפּ־

צוטיילן און נישט פאַנאַנדערצושיידן. און פרעג נישט וועגן השארת־הנפש. ס׳איז אַ באַזונדערער ענין, וואָס מיר וועלן אפשר נאָך שמועסן וועגן דעם.

ער: — טשיקאַווע האָסטו זיך צערעדט וועגן גלוסטעניש פון מין, ווי עס וואָלט געווען דער עיקר פון לעבן, דער צענטער פון לעבן. און אויסער געשלעכט?

איך: — ביסט האַמעטנע ביז הילפלאָזיקייט. געשלעכט ביים ציוויליזירטן מענטשן איז מער פון גלוסטעניש צום מין. ווען דער אור־מענטש האָט אויפגע־הערט צו קריכן אויף אַלע פיר און זיינע פאָדערשע לאַפּעס זענען געוואָרן הענט, האָט ער נישט נאָר געקענט אַרויפקוקן צום הימל און דערזען דעם ווונדער פון באַשאַף און באַנומען, אַז עס מוז זיין אַ באַשעפער, אַ בעל־הבירה. און נישט נאָר האָט ער מיט די הענט געקענט שאַפן געצייג, נאָר אויך די לאַפּעס זענען געוואָרן מסוגל צו פאַרוואַנדלען די תאווה פון מין אין שפּיל. דאָס שפּיל מיטן קעגנערישן מין האָט די גלוסטעניש אָפּט צוריקגעהאַלטן און פאַרוואַנדלט אין צוגעבונדנקייט צו איינעם, אָדער צו איינער. די צוגעבונדנקייט איז געוואָרן ליבע. די ליבע האָט געפּאָדערט אַן אייגן ווינקל. דער טאַטע האָט געוווּסט, ווער עס זענען זיינע קינדער, איז דאָס ווינקל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ היים. אַ היים מיט אַן אייגענער משפּ־חה, דאָס איז דער אמתער מיין פון געשלעכט ביים מאָדערנעם מענטשן. און טאַקע דערפאַר די וויכטיקייט און גרויסקייט פון דער בענקעניש פון דעם מאַן צו דער פרוי און פון איר — צו אים. און ס׳איז נישט קיין צופאַל, וואָס דווקא וועגן אָט דער גלוסטעניש איז אָנגעשריבן געוואָרן דער עקסטאַטישסטער געזאַנג פון מענטשן און ער האָט עס אַ נאָמען געגעבן שיר־השירים — דאָס געזאַנג פון אַלע געזאַנגען און עס אַריינגעשטעלט אין ספר־הספרים, אין בוך, וואָס איז איבער אַלע ביכער — אין גאָטס בוך, אין תנ״ך.

ער: — איצט פּאַסט צום רומל, זאָלסט זיך צעזינגען וועגן נחת פון קינדער!

איך: — יאָ, געטראָפן. איך וויל טאַקע זיך צעזינגען וועגן פרייד פון קינדער. אָבער ווייסט? איך בין שלעפעריק. דיר איז גוט: דו ביסט מער אויסדוכטעניש. ווי גוף. אָבער איך בין אַ בן־אָדם, וואָס איז פון פלייש און בלוט. בין איך מיד. עס שייערט זיך שוין אויף טאָג. לאָז צומאַכן אַן אויג. טו וואָס דו ווילסט, איך לייג זיך שלאָפן. איך בין נישט מחויב איינשלינגען די וועלט אויף איין מאָל.

ער: — עס דאַרף אָבער זיין אַ חשבון־הנפש, אַ גאַנצער דין־וחשבון, אַלייך־צעגלידערונג ביזן ביין.

איך: — איך זאָג דיר צו, ס׳וועט זיין אַ חשבון־הנפש און אַ ווידוי ביזן יסוד. אָן פאַרלייקענען און אָן פאַרהוילן עפּעס וואָס. אָבער איצט לאָז שלאָפן.

איך בין תיכף איינגעשלאָפן.

קאַפּיטל צוויי

# פרייד פון ווייב, קינדער און אַרבעט

ער האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט. און אפשר האָב איך אים נישט אָפּגעלאָזט. ווער ווייסט ווי אַזוי אַ מענטש פּייניקט זיך אַליין?

ער האָט מיך אויפגעוועקט אין אַ רעגנדיקן פאַרטאָג. איך וואָלט געשווױרן, מיט אַ טאָרקע אין זייט. איך האָב זיך אויפגעזעצט, אַרומגעוויקלט די קאָלדרע אַרום מיין האַלב־נאַקעטן גוף און אים אָנגעקוקט בייז. איך האָב געטראַכט: אַלע מאָל בייטשט ער מיך מיט זיין שאַרפער צונג, ווען איך שטיי, אָדער איך זיץ אַקעגן אים, מיט באָרוועסע פיס, אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר, האַלב־נאַקעט און פאַרשלאָפן. ער האָט דאָך געוווּסט, וואָס איך טראַכט, האָט ער צו מיר געזאָגט:

ער: — איך טו עס מיט אַ כּיוון. ווען דו ביסט אויסגעפּוצט אין דיינע שבתדיקע בגדים און דערצו נאָך האָסטו אַ פול מויל מיט פּאַרטיקע רייד, צעהנדלסטו זיך מיט רעטאָרישע קונצן און מיט קיילעכדיקע ווערטער און דו פאַרהוילסט אַ סך זאַכן אַפילו פון זיך אַליין. אָבער ווען דו זיצסט אַנטקעגן מיר מיט אַן אויפגעדעקטן גוף, זענען דיינע ווערטער אויך נישט קיין באַפּוצטע. איצט רעד. איך וויל הערן, וואָס דו האָסט צו דרשהנען וועגן נחת פון קינדער.

איך: — מיר געפעלט נישט ווי שפּאָטיש דו רעדסט אַרויס „נחת פון קינדער".

ער: — איך זאָג דיר, אַז עס ווערט מיר נישט גוט, ווען איך זע ווי מענטשן שטעלן אַוועק קינדער אין צענטער פון זייער לעבן. ס'איז אין דער זעלביקער בחינה, ווי גייציקייט נאָך געלט, דאָס פאַרשלינגען ווערן פון דעם רייץ פון עראָטיק, דאָס יאָגן זיך נאָך כּבוד, אָדער פּירסום. קינדער! צער, האַרצווייטיק, עגמת־נפש — דאָס וואָס קינדער פאַרשאַפן אונדז! דאָס איז וועגן קינדער בדרך־כּלל. און אונ־דזערע קינדער. זיי ווידערשפּעניקן נישט אַפילו קעגן אונדז. זיי ווילן נישט אויפ־האַלטן אונדזערע ווערטן. אַפילו ווי אַ רעליקווע. אָבער אויך גוטע קינדער גיבן נישט צוריק קיין צענטהלק פון דעם קרן, וואָס מען האָט אַריינגעלייגט אין דעם צער פון טראָגן און האָרעווען צו האָדעווען זיי, צו היילן זיי אין קראַנקייט, לערנען זיי, פירן זיי אויפן דרך־הישר. קיין מענטש טאָר נישט האַלטן, אַז קינדער זענען די גילדענע שליסלען פון זיינע חלומות.

איך: — אין תּוך ביסטו גערעכט. אָבער אַלע מאָל נוצסטו נאַקעטע רייד, וואָס אין תּוך זענען זיי נישט דער גאַנצער אמת. פון לייענען אַן אַנאַטאָמישע באַשריי־

בונג פון אַ מענטשן, קריגט מען דאָך נישט דאָס אמתע בילד פון דעם מענטשן. ריכטיק, קינדער קערן נישט אום קיין צענט־חלק פון דעם קרן, וואָס מיר האָבן אַריינגעלייגט אין זייער האָדעווען, דאָך...

ער: — וועסט שוין אָנהויבן מיט דיין רעטאָריק?

איך: — אָן רעטאָריק. שטיל איין דיין בייזקייט. הער! ראשית האָב איך נישט געזאָגט, אַז איך וועל זיך צעזינגען וועגן דעם נחת פון קינדער. איך האָב דיר געזאָגט, אַז איך וועל איצט דערציילן וועגן דער פרייד פון קינדער. שנית, רעדסטו פון אַ ספר אַרויס. חזרסט איבער די פּאַרטיקע רייד פון ר׳ סעדיה גאון. אויב יאָ ר׳ סעדיה גאונס רייד, פֿאַרוואָס נעמסטו אַרויס נאָר יענעם טייל, וואָס עס פּאַסט פּאַר דיר? פּאַרענדיק זיינע רייד, זאָל זיין אַפילו מיט דער מיטלאַלטערישער טערמינאָלאָגיע. אָט איז דער סוף פון ר׳ סעדיה גאונס געדאַנק: „אָבער גאָט האָט אַריינגעטאָן אין דעם מענטשן דאָס געפיל פון ליב האָבן זיינע קינדער, צו אויפהאַלטן דאָס, וואָס דער אויבערשטער האָט אים באַשערט און — נישט פּאַרמיאוסן זיי״. זעסט, ווי אָפּגעהיט ער איז אין זיינע רייד! עס מיינט אַז ר׳ סעדיה גאון האַלט, אַז באמת איז נישטאָ קיין באַרעכטיקונג פּאַר דעם צובונד פון עלטערן צו קינדער, ווייל גאָר אָפּט פּאַראורזאַכן זיי צרות און ליידן. אָבער דער שעפער, די נאַטור, אין דיין טערמינאָלאָגיע, האָט אַזוי איינגעשטעלט, אַז נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען, פּאַרמיאוסט נישט דער טאַטע די קינדער. ניין. ער האָט זיי ליב.

ער: — אַ פיין שטיקל למדנות. עס קומט דיר נישט דערפאַר קיין קניפּ אין בעקל. ס׳איז ר׳ שמחה בונם אורבאַכס אויסטייטש, אָבער ס׳וועט מיר זיין טשיקאַווע, ווי אַזוי דו וועסט עס אָנווענדן אויף זיך. אַפילו בדרך כלל קענסטו מאַכן פון שוואַרץ געל און פון בין־השמשות — פּאַרטאָג.

איך: — אָסור, מיר, צי מען קען רעדן מיט דיר און זיך נישט קריגן. אָבער פּאַרגעס דיין איראָניע און הער: ביסט טאַקע גערעכט, אַז טאַטע־מאַמע טאָרן נישט לעבן בלויז צוליב קינדער. און אַוודאי דאַרף אַ שעפערישער מענטש לעבן זיין אייגן לעבן. אָבער דאָ קומט דער גרויסער נס: די פרייד פון האָדעווען קינדער איז אַן אַנטפּלעקונג פון מעשה־בראשית. דאָ איז נישט שייך קיין לאָגיק, קיין וועגן און מעסטן, צי עס לוינט זיך יאָ, צי עס לוינט זיך נישט. הער, שאָטן מיינער, און שלאָג מיר נישט איבער אין מיטן.

ער: — גוט, איך וועל האָרכן.

איך: — ווען אַ קינד כאַפּט אַריין דעם טאַטנס אַ פינגער אין זיין פּאַרשטייפטן קולאַק, דערפילט דער טאַטע, אַז ער אַליין האָט צום ערשטן מאָל צונויפגעלייגט זיינע פינגער. ווען דאָס קינד הייבט אָן אָנצוטרעטן און וויגט זיך ווי אַ שיכור אויף ז׳ינע פּוכיקע פיסלעך, וויגן זיך דער טאַטע און מאַמע מיט אים. טאַטע און מאַמע לעבן איבער פון דאָס ניי, אינאיינעם מיט די קינדער די גאַנצע דערפאַרונג פון

וואַקסן און דערזען זאַכן צום ערשטן מאָל, צו דערשפּירן פריש־אויפגעקומענע עמאָציעס און אויפכאַפּן נייע באַגריפן. הער זיך צו, דו חסרונות־זוכער מיינער: ווייסטו די פרייד פון טראָגן אַ קינד אויף די הענט און אָנרירן זיין צאַרט לייב? נעם אַריין אַ קינד צו זיך און בעט אין די פרימאָרגן־שעהען, וועסטו דערפילן, אַז דאָס צוטוליען זיך פון קינד צו דיר, האָט נאָך מער רייץ, ווי דער תענוג פון מין. ס'איז אַ פיזישער פאַרגעניגן, אָן דעם פאַרלאַנג צו זעטיקן און אָן דעם רצון צו צו־פרידנשטעלן די גלוסטעני׳ש, ווי אין דעם רייץ פון מין, וואָס מע וויל אים לעשן.

דריי קינדער האָב איך אויפגעהאָדעוועט, און די פרייד פון האָדעווען זיי האָט אָנגעפילט די טעג מיט אַ תמצית, זין, רייץ און באַטייט. מיין נישט, אַז איך נוץ אַזוי פיל בלומען־ווערטער בלויז צוליב עפעקט. איך פרוביר איבערגעבן די באַטיי־טיקייט און די אינהאַלטיקייט פון יענער צייט. אוי, יאָרן פון זיסער גלוסטעניש צו איר, ווען די אַלע אברים זענען געווען אָנגעדראָלן און דערצו די פרייד מיט די קינדער! ס'איז געווען אמתע שיכרות. אין יענע טעג פלעג איך זיך אָפּט אויפכאַפּן אין מיטן נאַכט און זיך צוהערן צו דער וויברירנדיקער לופט פון שטוב. איך האָב געהערט פיר נשמות אָטעמען... די שטוב איז פול מיט אַ געזאַנג, וואָס נאָר אַ טאַ־טע און אַ פאַרליבטער קען דערהערן. אין יענע מאָמענטן האָב איך ממש מיט די הענט אָנגעטאַפּט דעם זין און תכלית פון לעבן. איך האָב באַנומען און פאַרשטאַ־נען די אַבסאָלוטע רעאַליטעט, וואָס האָט געשאַפן און פירט דעם גאַנצן קאָסמאָס.

ער: — פון קינדווייז אָן ביסטו אַ מאַדים אויף אויסצוקלייבן ווערטער ווי פון אַ ביכל אַרויס. אין מיינע פראָסטע פשוטע ווערטער, אָן מליצה מיינט עס: דו האָסט אַוועקגעשטעלט אין צענטער פון דיין לעבן ווייב און קינדער! דו ביסט געוואָרן אַ סטאַטעטשנער באַלעבעסל מיט אַ ווייב און דריי קינדער. אַן אויפטו! איך קען טאַ־טעס פון צען קינדער. ווו האָט זיך אַהינגעטאָן דיין באַגערונג צו הימלשע זאַכן? האָסט זיך דאָך נאָך אין דער יוגנט געראַנגלט מיט גאָט.

איך: — איך האָב דיר שוין געזאָגט, אַז נאַקעטע רייד זענען נישט אַלע מאָל אמתע, און דו וואָס דו רעדוצירסט מיינע רייד, ווי דו מיינסט, צום אמתן זין, פאַר־לירסטו דעם אינערלעכן באַטייט פון די ווערטער. איז — שפּאָט נישט, אייל זיך נישט און הער ווייטער. עס איז ביי מיר געווען אין יענע יאָרן נאָך איין אַספּעקט פון רעאַליטעט: די פרייד פון אַרבעט.

ער: — אַ ל ע אַרבעטן. וואָס פאַר אַ גליאָק איז דאָ אין אַרבעטן אַלע טאָג?

איך: — פאַר מיר איז נישט געווען קיין גליאָק, נאָר — גליק. איך האָב זוכה געווען צו ציִען חיונה פון אַן אַרבעט, וואָס איך האָב ליב געהאַט. דערצו האָב איך געקראָגן גוט באַלוינט. ניין, מער ווי גוט באַלוינט פאַר מיין אַרבעט, אַזוי אַז אין דער ערגסטער צייט פון עקאָנאָמישער דערדריקונג אין לאַנד, איז ביי מיר געווען שפע. דערצו איז די אַרבעט געווען אַ נוצלעכע, אַ פאַראַנטוואָרטלעכע. מע האָט

אויך געדאַרפט האָבן צו איר אַ סך געניטקייט, כדי צו האָבן אַ גוטע פּעולה. זי האָט מיך אויך צופרידנגעשטעלט עסטעטיש. נאָך אַ מעלה: זי איז נישט געווען צו קאָמ־פּליצירט פאַר מיר, אַז איך זאָל אינגאַנצן פאַרשלונגען ווערן פון איר, געשטערט ווערן נאָך די אַרבעט־שעהען.

ער: — אַזוי גרינג איז עס דיר אָנגעקומען צו ווערן אַ מומחה אין דיין פּראַ־פעסיע?

איך: — נישט אינגאַנצן גרינג. יאָרן פון צוגרייטן זיך, טעאָרעטישע לימודים און נאָך מער אַ סך פּראַקטישע אָנווענדונגען. נאָכן קריגן דעם דיפּלאָם, איז די אויטאָריטעט פון פּראַקטיצירן אַ שווערער עול. ס'איז אָבער אויך דאָ די צופרידנקייט פון דעם צוטרוי, וואָס די מדינה האַלט, אַז דו ביסט אַ מומחה. אוודאי ס'זענען געווען טעותים, אַנגסטן און שרעקעוודיקייט פון נישט אַליין־זיכערקייט. אָבער ביסלעכוויז קריגסטו צוטרוי צו זיך. און גאָר פּלוצים פאָלגן דיינע פינגער דיין געניטע באַפעלערישקייט. ס'אַנטוויקלט זיך פון זיך אַליין כמעט אַ ספּעציעלער חוש פון אָנווענדן דעם ריכטיקן צוגאַנג צו אַלע גויטפאַלן. דאָס געצייג אין די הענט ווערט אַ טייל פון די פינגער.

דאָס האַרץ איז ביי דער אַרבעט. קיין עשירות זוכסטו נישט, אָבער קיין דאַגות־פּרנסה האָסטו נישט. ס'איז גוט צו הערן דורך דער וואַנט ווי פּאַציענטן לויבן דיך. ווען דו גייסט פון דער אַרבעט אַהיים און פון דער היים צום קאַבינעט, באַגריסן דיך מענטשן מיט ליבשאַפט און מיט יראת־הכבוד, ווייל חוץ וואָס די פּראַפעסיע גיט דיר פּרנסה בשפע, גיט זי דיר אויך אַ הויכן סטאַטוס אין דעם ענגן קרייז פון שכנים, באַקאַנטע און פריינט.איך בין אַזוי געווען צופרידן מיט מיין אַרבעט, אַז אָפט בין איך געווען אומגעדולדיק צו אָנהייבן דעם טאָג אין קאַבינעט. די אַרבעט האָט מיר געגעבן אַזוי פיל געמיט־רו, אַז זי אַליין איז אויך געווען אַ תכלית, אַ שטיק פון דער אַבסאָלוטער רעאַליטעט.

ער: — דו ביסט אַ מייַנסטער צו באַגילדן אַלץ אַזוי, אַז מע קוקט אויף דעם, קען זיך אויסדאַכטן, אַז ס'איז אַ שטיק אויסגעגאָסן גאָלד. דאָס וואָס דו האָסט באַפליגלט, מיינט פּשוט, אַז דו ביסט געוואָרן אַ סאָליד באַלעבעסל מיט אַ גוטער פּראַפעסיע, אַ ווייב און דריי קינדער, אַן איין־פאַמיליע־הויז און אַן אויטאָמאָביל. האָסט זיך צופרידנגעשטעלט מיט גאָר, גאָר ווייניק. צוויי הענט ביי דיר. איינע צוגעקלעפּט צום ווייבס לייב און קינדער, די צווייטע — צו דער אַרבעט. צום הימל האָסטו נישט אויסגעשפּרייט דיינע אָרעמס.

איך: — דו זעסט נישט גוט. דו זעסט נאָר נאָכן אָנבליק. צו וואָס איז עס געגליכן? צו אַ מענטשן, וואָס גייט דורך אַ גאַס און זעט די דרויסנדיקע ווענט פון די מויערן. אַלע קוקן אויס דאָס זעלבע, מיינט ער, אַז עס איז אַ סימן, אַז די מענטשן וואָס וווינען דאָרט, זענען אַלע גלייך. אָבער קוק אַריין אינעווייניק, וועסטו זען

מענטשן מיט באַזונדערע האָפענונגען, באַזונדערע פאַרלאַנגען, אידיליעס און טראַגעדיעס. שלאָג מיר נישט איבער. איך וויל דיר דערמאָנען, אַז אין יענער צייט האָב איך פאַרלייקנט דעם הימל. איך האָב נישט געדאַרפט קיין הימל. די ערד און דער איצט זענען געוואָרן מיין הימל און מיין לעתיד לבוא. איך בין אַוועק פון דער הימלשער וועלט. ביז דעם זיבעצנסטן יאָר פון מיין לעבן האָב איך געלעבט אין אַן אידעיִשער וועלט, וואָס האָט געהאַלטן, אַז דער מענטש און די נאַטור שטייען אונטער דעם רשות פון אַ וועזן, וואָס איז איבער דער וועלט און איבער די מענטשן. ער איז גאָט און איז די סיבה פון אַלע סיבות. די שייכות פון מענטשן צו גאָט, צו דער ערשטער סיבה, איז אַ שייכות פון דעם באַשאַפענעם צו דעם שעפער. דער מענטש איז נישט אין דעם רשות פון דער נאַטור און אירע איינגעשטעלטע געזעצן, נאָר ער איז אונטער דער ממשלה פון אַ כוח, וואָס געוועלטיקט איבער די הימלען און דער ערד און באַאיינפלוסט די מענטשן, לויט זיין, גאָטס, מאָמענטאַלן ווילן. מיר האָבן געדאַרפט זיין אַלע מאָל וואַכזאַם, אים אַלע מאָל בעטן, איבערבעטן, באַרויִקן און אונטערקויפן מיט אויספאָלגן זיינע געבאָטן. מיר האָבן געמאַכט אַ ברכה אויף אַלץ, וואָס מיר האָבן געגעסן און געטרונקען, געזען און געהערט, געניצט און אָנגעטאָן, ווייל מיר האָבן אַלץ געוואָלט געפינען חן אין די אויגן פון דער סיבה פון אַלע סיבות. מיר האָבן אַלץ געוואָלט איבערבעטן דעם, וואָס איז אַלע מאָל אין צאָרן. אַ גליק נאָך, וואָס מיר האָבן געגלייבט, אַז ער איז אויך אַ בעל־חסד און מע קען אויך דערוועקן זיין רחמים. אַנישט וואָלט נישט געווען מעגלעך צו לעבן.

ער: — שאַבלאָנע, אַפּיקורסישע רייד, וואָס איך האָב זיי שוין געהערט ביז נישט גוט ווערן...

איך: — איך האָב דיך פריִער געבעטן נישט איבערצושלאָגן. הער ווייטער, וועסטו קריגן אַ באַשייד. אויף מיין זיבעצנסטן יאָר האָב איך אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן פרומען וועלט־באַנעם. איך האָב דעמאָלט אָנגענומען די וועלט ווי אַן אַבסאָלוטע אייניקייט: איין איינהייט פון גאָט (כ׳האָב נישט קיין אַנדער וואָרט), מענטש און נאַטור, וואָס ווערט רעגולירט דורך איינגעשטעלטע אייזערנע געזעצן, וואָס זייער אויפקום איז געווען נישט מער ווי אַ צופעליקייט, נישט איינגעשטעלט פון אַ באַוווסטזיניקן וועזן, וואָס איז די סיבה פון אַלע סיבות. ס׳איז נישט שייך צו תפילה טאָן צו אַזאַ געזעצמעסיקייט, אָט ווי די עקסיסטענץ, די אַבסאָלוטע רעאַליטעט די איינסיקייט קען נישט תפילה טאָן צו זיך אַליין.

ער: — שוין געהאָרכט אויך די דאָזיקע פילאָסאָפיע. ווילסטו איך זאָל דיר אָנווייזן דעם מחבר, דאָס בוך און דאָס זייטל?

איך: — איך ווייס, איך בין דאָ נישט מחדש קיין חידושים. אָבער איך רעד נישט צו דיר קיינע פאַרטיקע שאַבלאָנען, פון אַ בוך אַרויסגעלערנט; איך גיב דיר נישט איבער קיין געהערטע לעקציע פון אַ פּראָפעסאָר, איך און מיין דור זענען

געקומען צו דעם דאָזיקן וועלט־באַנעם דורך ראַנגלעניש, צער און פּיין. ס׳איז גע־ ווען אַ טיף־ראַציאָנעלע און עמאָציאָנעלע איבערלעבונג, וואָס מיר האָבן איבער־ געטראָגן אויף אונדזער אייגענעם איך. ס׳איז נישט געווען קיין מעשה, אָדער ליד, אָדער אַ געדאַנק, וואָס האָט אונדז פאַרשאַפט מאָמענטאַלן עסטעטישן גענוס, אָדער גייסטיקע צופרידנקייט און באַלד פאַרגעסן. מיר האָבן צוליב דעם דאָזיקן וועלט־ באַנעם פאַרוואָרפן אונדזער גאַנצן לעבנס־שטייגער. מיר האָבן איבערגעביטן אונד־ זערע מלבושים, אונדזערע מאכלים; פאַרוואָרפן אונדזער ספּעציפישן רו־טאָג, אָנ־ געהויבן לערנען, לייענען אַנדערע ספרים און אָנגעהויבן רעדן אַפילו אין אַנדער לשון. תורה, וואָס איז פריִער געווען ביי אונדז דער עיקר און איז געשטאַנען אין צענטער פון לעבן און האָט אונדז מחיב געווען צו פאָלגן וואָס אין איר שטייט, האָבן מיר פאַרביטן אויף ליטעראַטור, וואָס איז צו גאָרנישט נישט מחיב. דער תנ״ך, וואָס איז געווען אונדזער יסוד, דער פונדאַמענט, וואָס יעדער אות דאָרטן איז געווען הייליק, נישט צו ענדערן, נאָר צו אויסטייטשן און ס׳איז די תורה, וואָס מיר האָבן געהאַלטן, אַז זי איז כולל אַלץ, איז ביי אונדז געוואָרן פאָלקלאָר, אָדער פּאָעזיע. דער גאַנצער מהות ייִדישקייט איז ביי אונדז געוואָרן נישט מער ווי די שיריים פון אַ שבט־קולטור. דער פריִערדיקער זין פון ייִדישער געשיכטע האָט פאַרלוירן זיין באַטייט. ייִדישע אויסדערוויילטקייט איז געוואָרן אַן אַבערגלויבן, אַנדערע ווערטן זענען אויפגעקומען. די הויפּט־ראָל האָט אָנגעהויבן שפּילן ליטע־ ראַטור און, דער עיקר, בעלעטריסטיק, קונסט וואָס איז געוואָרן ביי אונדז דער עיקר. מיר האָבן זיך גענומען שאַפן אַ קינסטלערישע ליטעראַטור, כדי מיר זאָלן ווערן מיט פעלקער גלייך. עס שטערט אונדז די אַלטע ירושה, וואָס איז באַשטאַ־ נען פון תורה מיט געבאָטן און פאַרבאָטן, דאַרפן מיר עס אָוועקשאַרן, אָפּרייניקן דעם באָדן און אָנהייבן פון דאָס ניי פון אַמאָל, ווען מיר זענען נישט געפּענטעט געוואָרן פון תפילין־רצועות און נישט געבונדן געווען פון כפל־שמונהדיקע ציצית, ווען מיר זענען נאָך געווען שטיקלעך געצן־דינער.

ער: — עט, דו טרייבסט איבער. אמת, עס זענען געווען אַזעלכע עקסטרע־ מיסטן אין דער צייט פון ייִדישער השכלה, אָבער בדרך כלל זענען ווייניק אַזוי ווייט אַוועק.

איך: — דו מאַכסט אַ טעות. דאָס איז געווען דער איינגעשטעלטער וועלט־באַ־ נעם און אַוודאי האָבן עס אַ סך פון אונדז פאַרשלייערט און פאַרשטעלט מיט שיינע רייד. אָט וועל איך דיר ברענגען איין ציטאַט פון אונדזערן אַ זייל אין דער ייִדי־ שער ליטעראַטור. ס׳מאַכט נישט אויס, וואָס ער האָט שפּעטער טיילווייז חרטה גע־ האָט אויף דער דאָזיקער שאַרפקייט, אָבער אַפילו אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער נישט געהאַלטן, אַז ייִדן דאַרפן לעבן אַן אייגנאַרטיק ייִדיש לעבן אין דער ראַם פון הלכה. די ייִדישע ליטעראַטור דאַרף ווערן קינסטלעריש, האָט ער אונדז גע־

לערנט, װעט זי שױן ממילא אָפּשפּיגלען אַמאָליקע אײגנאַרטיקײט אין איצטיקן ייִדישן לעבן, װאָס איז אײגנאַרטיק מיט זײַן צעשפּרײטקײט. קינסטלערישע ליטע־ראַטור האָט קאָלאָריט. הער װאָס ער שרײַבט:

„עס דאַרף װערן װאָך אין אונדז די אוראַלטע, די פאַרביבלישע צײַט אין אונ־דזער געשיכטע...

„דאָס פאָלק װיל מאַכן פאָלקיש (בילדעריש) זײַן גאָט, בעת זײ, די נביאים, װילן מאַכן געטלעך זײַן פאָלק. דאָס פאָלק בענקט נאָך קונסט־הײליקײט, בעת זײ, די נביאים, לערנען אים הײליקײט־קונסט...

„די איך־קונסט זעטיקט נישט מער אונדזער אױסגעהונגערטן קונסט־איך. מוזן מיר זוכן אין אונדזער ליטעראַרישן שאַפן דאָס פאַר־ליטעראַרישע אין דער ביבל, דאָס פאַר־ביבלישע...

„גײט צום פאָלק, װאָס זינגט װי דער פױגל זינגט”. גײט צום פאָלק, װאָס בוקט זיך (אין האַרצן, אױב נישט אָפן) צום מעכטיקן שטײן, צום בליענדיקן בױם, צום קװאַל, צו דער זון. גײט צום פאָלק, װאָס איז נאָך עד־היום אַ „בן־נח”, אַ שטיק עבודה־זרהניק, אַ קינד און אַ קינסטלער. געפֿינט איר אים נישט אַרום זיך, זוכט אים אין זיך אַלײן! דאָס איז נאָך בעסער.

„אַלזאָ, דער קװאַל איז דאָס פאָלק, זײַנע אור־כוחות, זײַנע פאַרשטיקטע, אָבער נישט־פאַרלאָשענע, פאַר מתן־תורה קונסט־פעיִקײטן”. (שמואל ניגער. שמועסן װעגן ביכער. „פאָלק און פאָלקלאָר” זײַט 69, געשריבן אין 1918).

ער: — װאָס דערצײלסטו מיר זאַכן, װאָס זענען באַקאַנט צו חדר־ייִנגלעך. װוהין צילסטו?

איך: — צילן ציל איך צו דערצײלן דיר פון דער גרױסער, נײַן, די גרעסטע פרײד פון מײַן לעבן, װאָס איז געקומען צו מיר צוליב אָננעמען דעם דאָזיקן װעלט־באַנעם — שרײַבן מעשיות. די מעשיות האָב איך געפונען אין זיך אַלײן, אַפילו אין פלוג האָב איך זײ גענומען לכתחילה פון פאָלק.

איך האָב דעמאָלט מײַנע אָרעמס נישט אױסגעשטרעקט צום הימל, װײַל, האָרך: נישט איך האָב געגלײבט אין אַ הימל און נישט איך האָב אים געדאַרפט. אָבער איך האָב אױסגעשטרעקט מײַנע אָרעמס צו דער אײביקײט, װען איך בין געװאָרן אַ שרײַבער, טאָקע דער עיקר, אַ מעשה־שרײַבער, װאָס אונדזער סעק־טאָר האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז די העכסטע מדרגה װאָס אַ מענטש קען דער־גרײכן. שרײַבן מעשיות איז קונסט. קונסט איז אײביקײט. אידײען קומען אױף און אידײען פאַרגײען, פילאָסאָפיעס װערן געשאַפן און פילאָסאָפיעס פאַרשװינדן, אָבער אַ קינסטלעריש װערק בלײַבט אױף אײביק. און אַ קינסטלער? מען טאָר אַפילו

אים נישט משפטן פאַר זיינע שלעכטע מעשים. פאַר מיר איז דאָס געווען אַ דער־לייזונג, ווייל איך האָב זיך נישט געדאַרפט אָפּזאָגן פון דער זכיה פון זיין אַ תלמיד חכם און פון די זכותן פון אַ תלמיד חכם — — — — — —

די צונג האָט זיך ביי מיר אָנגעהויבן צו פּלאָנטערן. איך בין אָפּנים געווען אַזוי מיד און שלעפעריק, אַז איך בין איינגעשלאָפן אין מיטן פון אַ זאַץ.

# די ערד איז געווען הימל

ווען איך וואָלט געשריבן אַ נאָוועלע, וואָלט איך באַדאַרפט באַשרייבן באַרי־כות מיין געמיט־צושטאַנד, ווען ער האָט זיך באַוויזן צו מיר, כדי עס זאָל ווערן קלאָר פאַרן לייענער ווי אַזוי עס זענען מעגלעך אַזעלכע וויזיעס אָדער האַלוצי־נאַציעס. אָבער איך בין נישט אויסן צו שרייבן קיין מעשה. איך וויל נאָר איבער־געבן אויף אַ ראַציאָנאַלן אופן מיין חשבון־הנפש. איך וויל באַטאָנען מיין אייגענעם דרך, נישט די וואַרשיינלעכקייט פון די באַגעגענישן. דערפאַר וויל איך איבערגעבן נאָר זיין פאַקטישן וויזן זיך צו מיר.

איך האָב אים דערזען זיצן אַנטקעגן מיר נאָכדעם, ווי איך האָב פאַרענדיקט עסן מיין שפּאָרן מיטיק, וואָס באַשטייט פון אַ קעז מיט טאָמאַטעס־סענדוויטש און אַ טעפּל קאַווע. איך עס אין אַ שטילן, קליינעם רעסטאָראַן, אַלעמאָל ביי דעם זעל־ביקן טישל, וואָס שטייט אין אַ ווינקל אָפּגעזונדערט פון אַלעמען. דאָס עסן גע־דויערט ביי מיר נישט לאַנג. און אין דער איבעריקער צייט פון דעם מיטיק, טרינ־קענדיק אַ צווייט טעפּל קאַפּע, לייען איך איבער די טאָג־פרעסע, די ייִדישע און די ענגלישע. מיטאַמאָל האָב איך דערפילט ממש, ווי ער האָט אָפּגעשאַרט די ציי־טונג, וואָס איך האָב געהאַלטן פאַר זיך און אַ זאָג געטאָן:

ער: — האַלטן מיר ביי דער צייט, ווען דו ביסט געוואָרן אַ מעשה־דערציילער און דו ווילסט מיר דערציילן פון דער גרעסטער פרייד דיינער. רעד, איך האָרך.

איך: — אויב ס׳וועט אַזוי לאַנג אָנהאַלטן, כ׳מיין, אויב דו וועסט זיך פאַר מיר אָנהייבן וויזן פלוצלינג אומעטום און רעדן צו מיר, און איך וועל ווערן פאַר־שטאַרט און אין מיין פאַרשטאַרעניש דיר ענטפערן, וועלן מענטשן אָנהייבן פרעגן: „צו וועמען רעדסטו?״ פאַרווירט וועל איך ענטפערן: „איר זעט אים נישט?״ מענטשן וועלן קוועטשן מיט די פּלייצעס און אָנהייבן מיך האַלטן פאַר אַ גערירטן. איך וועל אויסקוקן אין זייערע אויגן, ווי דער העלד פון דער דראַמע „האַרווי״ וואָס רעדט צום ריזיקן קראָליק.

ער: — צעטומלט ביסטו. דאָס איז אמת. אָבער דו ביסט נישט אַזוי צעחושט, אַז דו זאָלסט אָנהייבן אַרומגיין און דערציילן מעשיות, אַז דו רעדסט צו אַ דמיון און אָנווייזן אויף אַ פּוסטן חדר, ווי אין דער דראַמע „האַרווי״. אַזוינס קען יאָ גע־שען, ווען דו זאָלסט צוריקהאַלטן דיין דין־וחשבון מיט זיך. איצט לאָמיר אָנהייבן:

דו האָסט געזאָגט: די גרעסטע פרייד אין דיין לעבן איז געווען צו שרייבן מעשיות. דיין פרייד איז געווען שטאַרקער, ווי די גלוסטעניש צו איר, (וואָס איך ווייס, איז געווען און איז אויך נאָך איצט בורעדיק־טיף און שטורמיש) און אויך גרעסער ווי צו האָדעווען און אויפהאָדעווען קינדער. האָסט נאָך צוגעגעבן, אַז שרייבן מעשיות איז געווען פאַר דיר אַ דערלייזונג און דו האָסט זיך נישט געדאַרפט אָפּזאָגן פון דער זכיה פון זיין אַ תלמיד־חכם און נישט אויפגעבן די זכותן, די פּריווילעגיעס פון אַ תלמיד־חכם. פאַר מיר זענען דיינע רייד אַ סוד כמוס. האָסטו אין דיין האַלב־שלעפעריקייט אַרויסגעזאָגט זאַכן, וואָס זענען ערגעץ־ווו אויפן דעק פון דיין באַ־ווּסטזיין. אָבער וואַכעדיק זענען זיי, פאַרהוילן פון דיר אַליין, דערפאַר טאַקע האָב איך דערפון נישט געוווּסט.

איך: — יאָ, ס'איז מסתמא אמת, וואָס דו זאָגסט. פאַראַן מחשבות ביי אַ מענטשן, וואָס ער ווייסט פון זיי יאָ און ווייסט פון זיי נישט. ליבא לפומא לא גלי — זאָגט די גמרא — דאָס האַרץ דערציילט עס נישט דעם מויל. אָבער איך האָב דיר גע־זאָגט, אַז עס וועט זיין אַ חשבון־הנפש, אַ ווידוי ביזן יסוד, נישט פאַרהוילן עפּעס וואָס און נישט פאַרבאַרגן וואָס עס איז. וועל איך דיר דערציילן פון פאַרבאַרגענע און באַגראָבענע מחשבות, וואָס האָבן באַווירקט מיין לעבן. איך האָב געוווּסט דער־פון, אָבער נישט גערעדט וועגן זיי.

ער: — ס'איז מיסטיק, און איך האָב פיינט מיסטעריעס.

איך: — ס'איז נישט קיין מיסטיק. האַרד פּאַרזיכטיק. ס'וועט זיין אַ לאַנגער מאָנאָלאָג. דאָס שרייבן האָט מיר געגעבן פולקאָמענערע צופרידנקייט, מער ווי דער תענוג פון מיין און די פרייד פון האָדעווען קינדער. פאַרוואָס? איך האָב שוין דיר פריִער געזאָגט, אַז די גרעסטע פאַרמינערונג פון דעם מיין־גלוסטעניש איז, וואָס מען דאַרף אָנקומען צו אַ צווייטן נפש, צום דורכפירן דעם תענוג צום קלימאַקס. דאָס ברענגט צום שטרייט. ווי קענען די סטרונעס זיין אַלעמאָל גרייט, אָנגעצויגן צו אַרויסברענגען דעם עכטן קלאַנג, ווען דער פידל־בויגן וויל פירן איבער זיי? און ווי קען דער פידל־בויגן זיין אַלעמאָל, אָנגעשמירט מיט קאַליפאָניע צו דער מינוט, ווען די סטרונעס פון דער פידל ווערן אָנגעצויגן, פאַרשטייפט, גרייט פאַר אים? עס מוזן קומען שטרייטן צוליב נישט קיין גלייכער אינטענסיווקייט פון עמאָ־ציעס און נישט־גרייטקייט אין דער זעלביקער צייט. וואָס שטאַרקער איינער האָט ליב, אַלץ מער פילט ער די הילפלאָזיקייט פון צו זיין אָפּהענגיק פונעם געליבטנס, אָדער געליבטערס, געמיט און רצון. ס'איז דאָ דערפאַר אַ שטענדיקע נטיה צו באַ־שולדיקן דעם אַנדערן מין אין אַ דורכפאַל. וואָס אינטענסיווער די ליבע איז, אַלץ מער איז זי געמישט מיט פאַרדראָס און אָפט אַפילו מיט שנאה. אָבער שעפעריש־קייט איז נישט אָפּהענגיק פון קיינעם. ס'איז אינגאַנצן דיין אייגענע וועלט. די

דערפֿאָלגן און דורכפֿאָלן זענען דיינע אייגענע. דו קענסט קיינעם נישט באַשול־
דיקן און דו דאַרפֿסט קיינעם נישט דאַנקבאַר זיין. ס'איז דיין אייגענער קוואַל.

האָדעוועון קינדער איז געוועון ביי מיר אַ גרויסע פֿרייד, אָבער איך בין פֿון זיי נישט פֿאַרשלונגען געוואָרן; איך האָב זיך נישט געקענט מבטל מאַכן אַפֿילו כּדי זיי זאָלן אויסוואַקסן שיינדעלעך. איך בין געוועון דאָס אַלטערל אין מיין משפּחה. פֿון קליינוויז אויף בין איך געוועון ביי טאַטע־מאַמע דער אויסדערוויילטער פֿון די אַכט קינדער. שפּעטער — די פֿיינע כּלי פֿון שטאָט און דער ישיבה. נאָך איידער איך בין געוואָרן אַ חדר־יינגל, האָט מען מיך געמאַכט פֿאַר דעם אויסדערוויילטן. אין דעם פֿרימאָרגן, ווען די מאַמע האָט מיך אויסגעריכט אין חדר, האָט זי מיר אַ קוש געטאָן און אָנגעהויבן רעדן צו מיר מיט אַ תּחינה־ניגון: „מאָרגן וועל איך דיך נישט קענען קושן, וועסט שוין זיין אַ חדר־יינגל. גיי, מזל מיינער, מיט דעם רעכטן פֿוס און געדענק: מיר האָבן געענוג שוסטערס, שניידעס און סטאָליאַ־רעס אין דער משפּחה. און קיין בעל־עגלהס פֿעלן אויך נישט. דו וועסט ווערן אַ למדן. דאָס ווייס איך. זע, טענה זיך אויס מיטן אויבערשטן פֿאַר אונדז אַלעמען. ער הערט זיך נישט צו, ווען איך רעד צו אים אויף מיין לשון, ווי אַ פּראָסטע יידענע. ווען אָבער דו וועסט אים באַווייזן מיט גמראס, אַז ס'איז שווער פֿאַר אונדז, אָרע־מעלייט, בעל־מלאכות, אַז ס'איז שווער צו לעבן ווי ער פֿירט די וועלט, — וועט ער זיך מוזן צוהערן צו דיר."

און דאָס איז נישט געוועון דאָס ערשטע מאָל, דאָס איינציקע מאָל, אָדער דאָס לעצטע מאָל, וואָס מען האָט אויף מיר אַרויפֿגעלייגט אַן עול און מיר אָנגעזאָגט צו געדענקען, אַז איך דאַרף אויספֿירן אַ שליחות, וויל מען וועט מאָנען! אָפֿט און אומעטום האָט מען אויף מיר אַרויפֿגעלייגט התחייבותן. איך האָב געדאַרפֿט ווערן דאָס מויל פֿון מיין משפּחה, דער קול פֿון מיין קלאַס און פֿון מיין פֿאָלק. ס'איז מיר אָפֿט געוועון פֿריקרע, וואָס עלטערע, געלערנטערע און קליגערע פֿון מיר, האָבן געלייגט האָפֿענונגען דווקא אויף מיר, וואָס האָט זיך געפֿילט גאָר קליין כּלפּי זיי און איז געוועון יינגער און גאָרנישט געלערנט אין פֿאַרגלייך מיט זיי. סוף־כּל־סוף האָבן זיי מיך איבערגערעדט און איינגערעדט. ווען די קינדער זענען געבוירן געוואָרן, האָב איך נישט געקאָנט אויפֿגעבן מיין אויסדערוויילטקייט, וואָס מען האָט אויסגעחלומט וועגן מיר, און עס איבערענטפֿערן מיינע קינדער. עס וואָלט געווען אין מיינע אויגן פֿאַראַט, פֿאַראַט צו מיין מאַמען, צו דער משפּחה און צו אַלע די, וואָס האָבן זיך געצאַצקעט מיט מיר. עס וואָלט אויך געוועון אַ פֿעלשונג פֿון דעם יאָד, וואָס איך האָב באַוווסטזיניק געגומען אויף זיך. איך בין געוועון אין דער בחינה פֿון איינעם, וואָס האָט אונטערגעשריבן וועקסלען אויף גרויסע סומעס. וועט ער זיך אָפּזאָגן זיי אויסצוצאָלן מיט דער הבטחה, אַז זיינע קינדער וועלן אויסוואַקסן, וועלן זיי סילוקן די חובות?

צו דרייסיק יאָר האָב איך קיין סך נישט אויפגעטאָן, ווייניק פאַרעפנטלעכט. אָבער איך האָב געוווסט, אַז איך וועל ווערן אַ שרייבער, אַ קינסטלער. אַ קינסטלער רירט אָן די אייביקייט, אַפילו ווען ער ווירקט נישט אויף זיין דור, בלייבט זיין קונסט אויף דור־דורות. נאָך אין דער ישיבה איז ביי מיר געבליבן צו ווערן אַ שרייבער, ווייל דאָס איז נישט געווען קיין איבערבראָך מיט מיין פריערדיקער וועלט. ס׳איז געווען נישט מער, ווי אַ טראַנספיגוראַציע, אַן איבערפורעמונג פון דער תלמיד־חכם־געשטאַלט, וואָס האָט מיך איבערגעוועלטיקט.

ער: — ס׳אַראַ שווערע און פרעמדע ווערטער נוצסטו!

איך: — שלאָג נישט איבער און האָרך ווייטער. די געשטאַלט פון אַ תלמיד־חכם. וואָס האָט זי פאַר מיר געמיינט? אין יחוס בין איך נישט איינגעטונקט און אין קיין עשירות בין איך נישט געבוירן געוואָרן. איך בין דער זון פון אַ טאַטן אַ שוסטער און אַ מאַמע אַ בייגל־בעקערין. אַ בעל־מלאכה האָט אַ נודנע און שווער לעבן אין די ד׳ אמות פון האָרעווען און שלאָפן. ס׳איז אַן ענגע, אַרומגעצאַמטע, מאָנאָטאָנע וועלט. איך האָב זיך אַרויסגעריסן פון דעם דאָזיקן פאַרשטיקטן ווינקל. איך בין אַריין אין מלכות־תורה און דאָרט געוואָרן אַ בן־בית. פאַר מיר האָט זיך געעפנט אַ ברייטע וועלט. „שנים אוחזין בטלית״, „דיני ממנות בשלושה״, „תגרי לוד״ זענען פאַר מיר געווען נישט גלאַט סקאַרבאַווע ווערטער, נאָר שליסלען צו קאַמערן, צו שאַץ־קאַמערן און רחבותדיקע סאַליעס אָנגעפילט מיט ליכט און פראַכט.

פאַר די קינדער פון רבנים, דינים, מלמדים, למדנים און בעלי־יחוס איז די גמרא מיט איר ניגון געווען אַן ענגע, אָפּגעשלאָסענע וועלט, וואָס האָט סימבאָליזירט דעם טאַטנס שטרענגקייט און אויטאָריטעט. פאַר מיר איז דאָס געווען אַ ברייטע, גרויסע נייע וועלט, וואָס האָט מיר געגעבן חשיבות כלפי דעם טאַטן. אַ תלמיד־חכם איז דאָך געווען חשובער פונעם גביר, פון דעם מיוחסדיקן גביר. דער תלמיד־חכם האָט געהאַט אויטאָריטעט און פריווילעגיעס. ווען איך בין געוואָרן אַ תושב אין מלכות־תורה, האָב איך געקראָגן גרויס חשיבות אַפילו אין מיינע אויגן און די משפחה האָט אַרויפגעקוקט צו מיר. דערפאַר האָט די השכלה נישט געהאַט יענעם צויבער, יענעם כישוף פון דער דרויסנדיקער וועלט, וואָס זי האָט געהאַט פאַר די אַנדערע ישיבהניקעס. איך האָב פסיכאָלאָגיש נישט געקאָנט אַנטלויפן פון דער ליכטיקער, פריווילעגירטער סביבה, אָט אַזוי, מיט אַ גרינג האַרץ. איך בין אַוועק פון דער ישיבה ערשט, ווען איך האָב אויסגעפונען, אַז אויך ביי זיי, ביי די משכילים אין דער גרויסער דרויסנדיקער וועלט, איז פאַראַן אַ גרופּע אויסדערוויילטע. די מענטשן פון דער חברותא זענען חשוב איבער גאָר דער וועלט, נישט ווייל זיי זענען רייך, אָדער שטאַמען פון יחוס, אָדער באַרימטע אוניווערסיטעטן האָבן זיי באַטיטלט ווי גדולי־הדור. יעדער איינער פון זיי ווערט אָן אויס־

געצייכנטער, אַ יחיד במינו און באַווירקט די וועלט נאָר דורך זיין אייגענער מי און טאַלאַנט. דאָס זענען די שרייבערס, די קינסטלער און די פּאָעטן. זיי שאַפן אייביקע ווערטן. איך וועל ווערן איינער פון זיי. ווי אַ שרייבער, וועל איך בלייבן מיט מיין חשיבות און פּריווילעגיעס. איך האָב אָנגעהויבן שרייבן לידער און באַשטימט צו פאַרלאָזן די ישיבה. פאַר מיר איז עס נישט געווען קיין איבערבראָך, נאָר אַ טראַנספיגוראַציע, אַן איבערבייט פון דער תלמיד־חכם געשטאַלט.

באַלזאַק זאָגט וועגן באַרימטע מענטשן, וואָס ביי אים האָט עס דער עיקר געמיינט דערציילער און פּאָעטן — „די באַרימטע מענטשן זענען פאַר מיר געווען, ווי געטער וואָס רעדן נישט, גייען נישט און עסן נישט ווי געוויינטלעכע מענטשן״. דאָס איז אַ רעפּליקע פון די מאמרי חז״ל וועגן תלמיד־חכם. זאָגט די גמרא: „תלמידי חכמים שבבבל דומין למלאכים״. די תלמידי חכמים פון בבל, די גרויסע לערנערס פון יענער צייט זענען געגליכן צו מלאכים. אַפילו דער געדאַנק, אַז די שלעכטע הנהגה פון אַ קינסטלער, מאַכט נישט פּסול זיין קונסט, איז אויך נישט געווען פרעמד צו מיר. זאָגט די גמרא: „פאַרוואָס איז אַ תלמיד־חכם געגליכן צו אַ נוס? ווייל אַזוי ווי דער נוס ווערט איינגעשמירט אין בלאָטע, אין שמוץ, ווערט די יאָדרע נישט אָנגערירט, אַזוי אויך דער תלמיד־חכם, אַפילו ווען ער זינדיקט, איז זיין תורה נישט פאַרמיאוסט״.

איך בין אַרויס פון היכל־התורה און אַריין אין פּאַלאַץ פון קונסט. אַן איבערבייט אין נאָמען בלויז: „כל העוסק בתורה לשמה, דער וואָס לערנט תורה צוליב לערנען, ברענגט שלום אויבן, אין דער הימלישער משפּחה. אויך באַשיצט ער די גאַנצע וועלט און דערנענטערט די גאולה״. אַ קינסטלער מאַכט אויך שענער די וועלט און גיט דעם טעגלעכן לעבן אַ תיקון און העלפט ברענגען אַ בעסערע וועלט.

ער — אַזוי האָסטו טאַקע געהאַלטן? עס שמעקט דאָך פון דיר מיט גאווה, דערשטיקט צו ווערן.

איך: — כ׳ווייס, כ׳האָב אין זיך געהאַט נאָך עפּעס ערגערס פון גאווה, מיר דוכט זיך, אַז אַלץ: ווייב און קינדער און פּראָפעסיע זענען ביי מיר געווען אַ טפל. די אמת־ממשותדיקע וועלט מיינע, איז געווען די דמיון־וועלט, וואָס האָט, לויט מיין פאָרשטעלונג, באַרירט די אייביקייט. ס׳איז מיר שווער איבערצוגעבן די רעאַליטעט און דעם באַהאַלטענעם געפיל מיינעם, אַז די גאַנצע טאָג־טעגלעכע טועכטס מיינע, איז נישט געווען דער עיקר, נאָר אַ מיטל: איך דאַרף און מוז אַרבעטן כדי צו מפרנס זיין ווייב און קינדער, וואָס צוליב די הצטרכותן פון גוף האָב איך געמוזט האָבן. בין איך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיי. איך מוז זען, אַז איך זאָל ווערן אַ מומחה אין מיין פּראָפעסיע, נישט ווייל די פּראָפעסיע איז געווען וויכטיק אין מיינע אויגן, נאָר אויב איך וועל נישט ווערן קיין מומחה, וועל איך נישט האָבן קיין גענוגנדע חיונה. דאָס וועט זיין אַ שטער צו שרייבן פריי.

אַזוי אויך מיט די קינדער. אַוודאי דאַרף איך זיין אַ גוטער טאַטע. איך דאַרף אַכטונג געבן, אַז די קינדער זאָלן זיין גוט אַנטוויקלט פיזיש און גייסטיק, געזונט און עטיש. איך דאַרף זען קריגן זייער צוטרוי: שפּילן זיך מיט זיי, גיין מיט זיי אין ביבליאָטעק, זען זיי זאָלן זיין צוגעבונדן צו מיר. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז אונטער דער גאַנצער גינציקייט פון אַ טאַטן איז געווען אַן אויסרעכענונג: ווען די קינדער זיין נאָרמאַל, געראָטן, קלוג און געלערנט, וועלן זיי נישט דאַרפן אָנקומען צופיל צו מיר, זיי וועלן קאָנען אַכטונג געבן אויף זיך אַליין, וועל איך נישט געשטערט ווערן פון זייערע פּראָבלעמען. אויב דאָס האָדעווען זיי וועט נישט זיין קאָמפּליצירט, וועלן זיי נישט שטערן מיין שרייבן, מיין פאַרנעמען זיך מיט דער דמיון־וועלט.

איך האָב נאָך אַ גרעסערן חשד. איך בין געווען צוגעבונדן צו איר און נישט געזוכט קיין ליבעס־אַפּערעס, ווייל איך האָב נישט געקוקט אויף גלוסטעניש פון מין, ווי אַ ציל פאַר זיך, מיט וואָס מע דאַרף עקספּערימענטירן. די גלוסט איז דאָ און עס שטערט דעם מענטשן אין דער אַרבעט, דאַרף מען זי שטילן. מיין שטאַרקע ליבע און גלוסטעניש צו איר איז געווען נישט מער ווי „אַ צודעק פאַר די אויגן", אַ כסות עינים. איך בין געבליבן גינציק און לאָיאַל צו איר, כדי זי זאָל מיך וועלן זעטיקן. ס'איז אַ שטער און אומבאַקוועם זוכן אַלע מאָל נייע דערפאַרונגען צו שטילן דעם הונגער. דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגערופן אויף דער שפּעטערדיקער באַציִונג פון די קינדער צו מיר, אַ שטאַרק־אַנטאַגאָניסטישע. זייערע פאַרדראָסן און פאָרוורפן צו מיר, האָב איך נישט געקענט פאַרשטיין גאָר אַ לאַנגע צייט. וואָס זוילן זיי פון מיר? איך בין דאָך געווען אַזאַ געטרייער מאַן און גוטער טאַטע.

ער: — ביסט אַן אכזר אויף זיך. דאָס זענען שרעקלעכע באַשולדיקונגען. ביסטו זיכער אין דיין אָפּשאַצונג?

איך: — זיכער? איך בין זיך משער, אַז איך בין גערעכט. נישט געקוקט אויף מיין גינציקייט, איבערגעגעבנקייט, געטריישאַפט און גוטסקייט, בין איך קיינמאָל נישט געווען קיין אמתער משפחה־מענטש. הער! ווען איך בין געווען גרייט צו קויפן אַן אייגן הויז, בין איך נישט געגאַנגען זוכן מיט איר קיין הייזער, ווי געוויינטלעך עס טוען מאַן און ווייב. „גיי, האָב איך איר געזאָגט, און קויף וואָס דו ווילסט". דאָס זעלביקע איז געווען מיט קויפן מעבל, אַ פּיאַנאָ און אַפילו אַן אויטאָמאָביל. איך האָב עס דורכגעפירט געטאָקט און געשיקט. זי האָט די אַלע זאַכן אָנגעקוקט און דערנאָך מיך געבראַכט פאַרן לעצטן מבין. איך האָב אַלע מאָל צוגעשטימט. קיינמאָל עס ריכטיק נישט אָנגעקוקט. איז אויסגעקומען, אַז איך פאַרלאָז זיך אויף איר, נאָר באמת איז עס געווען נישט קיין צוטרוי צו איר, נאָר אַ גלייכגילטיקייט צום גאַנצן ענין. איך בין געווען אומגעדולדיק זיך צוריקקערן צו מיין שרייבטיש. אַן אמתער משפחה־מאַן פירט זיך נישט אויף אַזוי. איך בין אָבער

געווען בעצם אַ גלייכגילטיקער מאַן און טאַטע. אויף דער עלטער צאָלט מען אויס אַלץ, וואָס מע האָט גענומען אין דער יוגנט אויף באָרג.

ער: — דו רעדסט מיט ווייניק פּאַרדראָס. האָסט קיין חרטה נישט?

איך: — וואָס איז דאָ שייך פּאַרדראָס, אָדער חרטה? איך האָב עס נישט געטאָן בלינד, נאָר אויסגערעכנט. אָט וואָלט איצט געווען פּאַר מיר אַ סך באַקוועמער, ווען איך זאָל איצט האָבן אַ שטיקל פּאַרמעגן אַזוי, אַז איך זאָל נישט דאַרפן אַר־בעטן פולע פינף טעג אויף חיונה. אָבער איך האָב איינגעשטעלט מיין לעבן אויף אַזאַ אופן, אַז איך האָב נישט געטאָרט נתעשר ווערן. אויך, לויט דעם דאָזיקן איינ־שטעל, האָב איך נישט געקענט געבן מיינע אייגענע מער גינציקייט, ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט. וואָס איז דאָ שייך חרטה? מיין גאַנצער אופן פון לעבן איז פאַר־בונדן מיט מיין אויסדערוויילטקייט.

ער: — דיינע רייד זענען איצט פול מיט חוצפה. וואָס האָסטו אַזוינס געשאַפן און אויפגעטאָן, אַז דו זאָלסט רעדן פון אויסדערוויילטקייט?

איך: — אויב ביי דיר מיינט אויפטועניש, דערפאָלג — סוקסעס, איז טאַקע אמת, אַז איך רעד מיט חוצפה, ווייל „די וועלט טוט מיט מיר נישט קלינגען און קיין לידער טוט מען וועגן מיר נישט זינגען”. אויב אָבער דו מעסט מיינע אויפ־טואונגען מיטן עצם ווערט פון מיין שאַפן, מיין איך, אַז איך בין נישט חוצפהדיק. אָבער אין תוך איז נישט וויכטיק, צי איך האָב אויסגעפירט מיין שליחות פון אויס־דערוויילטקייט צי נישט. זאָל זיין, אַז אַז דו ביסט גערעכט און איך האָב זי נישט אויסגעפירט. עס טרעפט אָפט, אַז דער אויסדערוויילטער פירט נישט דורך זיין שליחות. אָבער איך דערצייל דיר דאָ וועגן מיין פאַקטישער אויסדערוויילטקייט. פון דער יוגנט אָן האָט מען מיך באַצייכנט פאַר אַן אויסדערוויילטן. איך האָב עס אָנגענומען ווי אַ פאַקט. איז דאַך נישט שייך צו פרעגן, צי מיין שאַפן און אויפ־טועניש האָבן עס באַרעכטיקט, צי — נישט? איך דערצייל דיר איצט ווי אַזוי איך האָב זיך אויפגעפירט, ווייל איך האָב זיך געהאַלטן פאַר אַן אויסדערוויילטן. צי איך בין געווען ראוי לכך, צי נישט, זאָלן אַנדערע משפטן, אָדער פאַרמשפטן.

ער: — גוט, מיר האַלטן ביי דיין פרייד פון שרייבן.

איך: — מירן איבערהיפּערן די יאָרן פון צוגרייטן זיך. איך וועל דיר דערציילן פון דער צייט, ווען איך האָב געשריבן מיינע ביכער פאַר קינדער, די פאָלקלאָריסטישע ביכער. דערלויב מיר צו זיין מליצהדיק. עס פּאַסט אַזוי צו מיין דעמאָלטיקן געמיט. ס'איז געקומען דער טאָג, ווען עס איז מיר געשענקט געוואָרן רו פון דער זאָרג פון פּרנסה זוכן און פון דעם פאַרדראָס פון נישט זיין מיט לייטן גלייך און איך בין פּטור געוואָרן פון מנוולדיקייט פון אָרעמקייט. דעמאָלט האָב איך אָנגעהויבן שרייבן אויף אַן אמת. די פאָלקלאָריסטישע ביכער זענען געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון מיין געמיט: אומרויקייט וועגן אַבסטראַקציעס, וואָס האָבן באַ־

רירט די אַבסאָלוטע רעאַליטעט, אָבער נישט אָנגערירט דירעקט דאָס טאָג־טעג־לעכע לעבן.

ער: — שווערע ווערטער. וואָס מיינט „אומרוזקייט וועגן אַבסטראַקציעס, וואָס האָבן באַרירט די אַבסאָלוטע רעאַליטעט, אָבער נישט אָנגערירט דירעקט דאָס אַלטעגלעכע?"

איך: — איך האָב נישט געקאָנט שרייבן פון דעם רעאַלן ייִדישן לעבן פון היינט, אָדער פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, וואָס איך האָב געקאָנט. מיין דור האָט געהאַלטן, אַז דער גאַנצער קאָמפּלעקס, וואָס מיר רופן ייִדישקייט, איז אַן אָפּגעלעבטע, טויטע זאַך, וואָס האָט נישט קיין שום שייכות צו אַ מאָדערנעם מענטשן און ייִדן. מיין אייגענע דערפאַרונג האָט אָפּגעפרעגט די טעאָריע, אָבער די טעאָריע האָט פאַרלייקנט מיין דערפאַרונג און איך האָב געגלייבט דער טעאָריע. האָב איך זיך אַרויסגעדרייט מיט אַ שפּיצל. איך האָב אָנגעהויבן שרייבן פאָלקלאָ־ריסטישע מעשיות. פאָלקלאָר האָט אַן איינגעשטעלטע וועלט מיט אויסגעקריס־טאַליזירטע העלדן, וואָס קאָנען דינען ווי אַ משל בלויז. שרייב איך וועגן ייִדישע ענינים, באַשעפטיק איך זיך מיט ייִדישע העלדן און קאָן וועגן זיי שרייבן מיט ליבשאַפט און דרך־ארץ און נישט פאַרברעכן קעגן מיין וועלט־באַנעם.

אָ, יענע יאָרן! די זומערן, ווען איך האָב געשריבן „שמערל נאַר", „דאָס קלוגע שניידערל", „די העלדן פון כעלעם", די צענדליקער און צענדליקער מעשיות, באַ־אַרבעט פון וועלט־פאָלקלאָר, וואָס איך האָב אַ טייל אַריינגענומען אין „חכמים, עקשנים און נאַראָנים", „חומש פאַר קינדער". חומש האָט זיך ביי אונדז אויך גע־רעכנט פאַר פאָלקלאָר. אין די צוויי בענד „קינדער־יאָרן פון ייִדישע שרייבער", שרייבער פאַר אונדז און פאַר די קינדער פון אונדזער קרייז, אַפילו לעבעדיקע שרייבער, זענען געווען אין דער בחינה פון פאָלקלאָר־העלדן, איבערהויפּט, אין זייערע קינדער־יאָרן, וואָס זענען זיך פאַרלאָפן, ווען ייִדיש לעבן איז געווען מאָ־נאָליטיש.

אָ, יענע יאָרן! איך געדענק זיי ווי זומערן. קיין איין וואָלקנדיקער, רעגנדיקער, אָדער קאַלטער טאָג. ליכטיקע טעג, רויש פון ים, דער מערקווירדיקער ריח פון יונג ווייב און געלעכטער פון קינדער, דאָס טופּען פון זייערע פּוכיקע פּיסלעך אויף דעם ים־טראָטואַר און דאָס באַרירן פון דער צאַרטער הויט פון אַן עופהלע־גוף אויף די הענט. אַ גאַנצע וואָך פול מיט פרייד פון דערוואַרטונג אויף די אָוונטן און אויף דעם פרייען טאָג פון פרייטיק. אין קאָפּ וועבן זיך געשטאַלטן און בילדער און דאָס האַרץ טאַנצט פון פרייד. פרייטיק, אַן אויסגערוטער, אַן אָנגעזעטיקטער, זיץ איך אויף דער וועראַנדע מיט אַ שטויס פריש פּאַפּיר אויפן טיש און אַ קעסטל ציגאַרן דערביי. ס'איז ליכטיק און וואַרעם. אין דער לופט זיך הערט דער גערויש פון ים. און נישט ווייט פון דער וועראַנדע שפּילן זיך די קינדער. איך ריר אָן דאָס

פּאַפּיר מיט דער פּען און ווערטער הייבן זיך אָן קייטלען. געשטאַלטן וואַקסן אויס; די העלדן הייבן אָן צו שמועסן, און אין די מיילער ביי זיי ייִדישע ווערטער, וואָס איך האָב לאַנג פאַרגעסן. און נישט נאָר ווערטער, בילדער טויכן אויף פון ערגעץ אַ וועלט, וואָס איך ווייס נישט ווי לאַנג צוריק איך בין דאָרט געווען. ניין, ס׳איז אַ וועלט פון פריִערדיקע דורות, וואָס איז שטום איבערגעגעבן געוואָרן פון דור צו דור, פאַרהתמעט אין געדעכעניש און איצט האָט זיך פאַר מיר געעפנט דער קאָלעקטיווער זכרון.

עס קומט צו מיר אָן אַ וואָך שפּעטער דער טיפּירטער כתב־יד, אויסגעשטעלט אין גלייכע שורות. נישטאָ קיין אויסגעמעקטע, אָדער צוגעשטעלטע ווערטער. ס׳איז עפּעס גאָר ניי צו מיר. שפּעטער, ווען די מעשה ווערט אָפּגעדרוקט אויף דעם גלאַנציקן פּאַפּיר אין זשורנאַל, לייען איך זי און איך בין זיכער, אַז עמעצער אַנדערש האָט עס געשריבן. איך האָב אָפּט געדאַרפט איבערקערן די בלעטלעך אויף צוריק, אַ קוק טאָן אויף מיין אייגענעם נאָמען, כדי צו פאַרזיכערן זיך, אַז איך האָב עס געשריבן.

גליקלעכע יאָרן, אָנגעפּילט מיט פרייד, צופרידנקייט און פולקאָמענקייט! די ערד איז געווען הימל; ווייב, קינדער, אַרבעט און שרייבן זענען געווען דער תכלית און זינען פון לעבן, די אַבסאָלוטע רעאַליטעט, וואָס איז די טרייבקראַפט פון דער וועלט, דער כוח, וואָס האָט גורם געווען דעם אויפקום פון לעבן. מין, קינדער און שעפערישקייט — ס׳איז גענוג פאַר ילוד אישה. קיין אַנדער תכלית און ציל איז נישטאָ אין דער יצירה און מען דאַרף עס נישט. גליקלעכע פופצן יאָר!

ער: — אַ וועלט האָט זיך אויפגעטרייסלט אין די צוואַנציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט און אין די אָנהייב דרייסיקער האָט דאָך זיך גערודערט מיט קאָמוניזם, פאַשיזם און דערנאָך — דער עקאָנאָמישער קריזיס אין אַמעריקע און איבער דער וועלט. און דו? האָסט זיך צופרידנגעשטעלט מיט שרייבן מעשיות?

איך: — די וועלט האָט מיך ווייניק אָנגערירט. איינגאַנצן צו דערקלערן די גרויסע פלאָנטערניש קאָן איך נישט. אָבער איך וויל, דו זאָלסט געדענקען, אַז איך האָב אַפילו אין מיין יוגנט קיינמאָל נישט איבערגעלעבט קיין פּאָגראָם און קיינמאָל דירעקט נישט געליטן פון גויִשער רשעות. איך בין געקומען אין אַמעריקע פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָב איך אויסגעמיטן די פאַרוויסטונג פון מלחמה. איך האָב דאָ, אין אַמעריקע, נישט געליטן פון דיסקרימינאַציעס. די קינדער אויפגעהאָדעוועט אָן שום ספּעציעלער אָנשטרענגונג. איך האָב נישט געליטן פון מיין ייִדישקייט, נישט געליטן פון עקאָנאָמישע קריזיסן. אַלע פּורעניות און אומגליקן פון דער נישט־ייִדישער וועלט און פון דער ייִדישער וועלט, האָבן מיך בעצם אויסגעמיטן. איך בין נישט געווען קיין יוצא מן הכלל. צוויי, דריי דורות אַמעריקאַנער ייִדן האָבן אַזוי אָפּגעלעבט זייער לעבן. אין יענע יאָרן בין איך געווען זי-

כער, אַז איך ווייס די ענטפּערס אויף אַלע פראַגעס. מיר איז געווען קלאָר, וואָס איך וויל פון מיין אייגן לעבן. איך בין אַן אויסדערוויילטער. דאַרף איך איצט ווערן דער אמתער יידישער שרייבער — אַ שרייבער איז די קרוין פון דור. טאָר איך זיך נישט יאָגן נאָך עשירות, נאָך רום און באַרימטקייט. איך טאָר נישט וועלן אויס־נעמען מיט דעם, וואָס דעם עולם געפעלט. איך מוז דינען דעם פאָלק ערלעך, שרייבן ערלעך, אמתדיק און עכט. נישט וואָס איז אמתדיק און עכט ביים עולם, אָדער ביי די אָנגענומענע אויטאָריטעטן, נאָר וואָס איז ביי מיר אמת.

און אַזוי האָב איך געטאָן.

איך בין נישט געוואָרן באַרימט, אָבער איך האָב געהאַט קרוב צוואַנציק יאָר אַ זאַט לעבן, נישט קיין לוקסוס־חומריש־לעבן, אָבער אַ פול, גייסטיק לעבן. אמת־דיקער — דאָס חומרישע לעבן האָט געהאַט אַ גרויסע מאָס גייסטיקייט, און דאָס גייסטיקע איז געווען איינגעטונקט אין חומרישקייט. ס'זענען געווען שיינע יאָרן, גליקלעכע יאָרן פון שעפערישקייט און וואַקסן.

דערנאָך איז געקומען דער איבערבראָך, אַ קריזיס און איבערבראָך, אַזוי שאַרף, ווי אין מיינע יוגנט־יאָרן אין דער ישיבה, אָבער — אַ סך פיינלעכער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ס'איז אומגלייבלעך, אָבער דער גאַנצער שמועס, וואָס איך האָב דאָ איבער־געגעבן, האָט נישט געדויערט מער ווי די מיטיק־שעה. צו דער מינוט האָב איך זיך אויפגעהויבן פון מיין אָרט און אַוועק אין קאַבינעט. איך געדענק נישט, צי איך האָב אים געלאָזן דאָרטן זיצן, אָדער ער איז נישט געווען. איך געדענק אָבער, אַז איך האָב קוים־קוים דערצויגן דעם טאָג אַרבעט. איך האָב ביז שפּעט אין אָוונט געהאַט אַ קאָפּווייטיק מיט אַ שווינדלעריי, און אין די שלייפן האָט געזעצט ווי מיט האַמערס.

קאַפּיטל פיר

# אַ שבת אין די פּאָקאָנאָ בערג

דריי וואָכן שפּעטער. אַ סוף־וואָך אין די פּאָקאָנאָ בערג. מיר, צוויי משפּחות זענען אַרויסגעפאָרן אויף אַ קורצן אָפּרו. מיר האָבן געדונגען אַ גאַר־פּיינעם קאַטעדזש מיט אַ בשותּפותדיקער קיך און אַן עס־צימער פאַר ביידע פאַמיליעס.

דער קאַטעדזש איז געשטאַנען אויף אַ באַרג, האַרט ביי אַ ברעג פון אַ וואַלד, אַ געדיכטן וואַלד. אַראָפּ באַרג, אַ היפּשן מהלך פון די קאַטעדזשער, האָט זיך געשלענגלט דער הויפּט־טראַקט פון דעם שטאַט ניו־יאָרק.

ס׳איז שוין אַ קימאַ־לן פון איבער פופציק יאָר, וואָס איך בין נישט געווען נאָענט צו אַ וואַלד, אַן אמתן וואַלד. פרייטיק ביינאַכט בין איך געשלאָפן מיט אַ טיף־קינדערשן שלאָף, אָן חלומות. פאַרטאָג, ווען עס איז נאָך געווען פינצטערלעך, בין איך אויפגעשטאַנען, זיך אַרויסגעשלייכט פון שטוב, כדי קיינעם נישט אויפצוּוועקן און איך בין אַרו״ס אויף דער קליינער וועראַנדע, הינטער דעם קאַטעדזש און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שאָקל־שטול. דער טערפּקער ריח פון די סאָסנעביימער און די שירעם־געוויקסן האָבן מיך באַרוישט. אָבער באמת פאַרשיכורט האָט מיך די טומלעניש פון וואַלד, וואָס איך האָב שוין אַזוי לאַנג נישט געהערט. די קאָכעניש און דער גערודער פונעם וואַלד־געווימל און די רוישעניש פון די ביימער האָבן געשטילט מיין געמיט און איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ האַלבן דרעמל, נים ולא נים, תיר ולא תיר — געדרעמלט און נישט געדרעמלט, וואַך און נישט וואַך. מיטאַמאָל האָב איך דערפילט, ווי אויגן זענען אָנגעשטעלט אויף מיר. איך האָב אויפגעוואַכט. אַ הירשין און אַ הירשעלע זענען געשטאַנען צווישן די הויכע שירעם־גראָזן אונטער די ביימער און אָנגעשטעלט אויף מיר צוויי פּאָר אויפגעריסענע ברוינע אויגן. נישט ווילנדיק האָב איך זיך ראַשיק אויפגעשטעלט. דער שאָר פון דער שאָקלשטול האָט זיי אַפּנים איבערגעשראָקן. זיי האָבן זיך אויסגעדרייט און אַוועקגאַלאָפּירט אין וואַלד.

די זון איז אויפגעגאַנגען. די שפּיץ־ביימער זענען באַלויכטן געוואָרן. דער דרויסן איז געוואָרן רוישיקער און טומלדיקער — די פייגל האָבן זיך אויפגעכאַפּט. די לופט איבער די ביימער איז געווען קלאָר און דורכזיכטיק־בלוי — אַן אָפּשפּיגלונג פונעם הימל. ווי אַלעמאָל, נאָך פון קינדווייז אָן, ווען איך ווער פון עפּעס איבעראַשט, אָדער באַרוישט, פאַלט מיר אַריין אַ פסוק אָדער אַ מימרא אין מויל.

איצט זענען מיר אויך אַריינגעפאַלן פּסוקים אין מויל: „און אונטער זיינע פיס איז געווען אויסגעפלאַסטערט ווי מיט סאַפּירשטיין און לויטער ווי דער הימל אַליין".

„איך וועל רויִק קוקן אויף מיין ווינאַרט, ווי די שימערדיקע היץ אין זונליכט, ווי דער פוכיקער וואָלקן אין דער וואַרעמקייט פון שניט".

און פּלוצלינג, צום ערשטן מאָל אין פינף און פופציק יאָר, האָב איך דערפילט, אַז ס'איז שבת אויף דער וועלט. די לופט איז אַ שבתדיקע. אַ שטיק קינדערוועלט האָט זיך אומגעקערט צו מיר.

ס'זענען פאַרשוואונדן די פּאַקאַנע־בערג און מיין גרויער עלטער — און איך בין צוריק אַ יונגליק. ס'איז פרייטיק פאַרנאַכט און איך זיץ אויף די טרעפּ פון דעם לאַנגן קאָרידאָר אין דער מאַמעס שטוב און וואַרט אויף שבת. דער שבת קומט אָן פון „זאַמד", פון די שיינע הייזער, וואָס שטייען דאָרט האַרט ביים וואַלד. פאַרוואָס ווייס איך, אַז דער שבת קומט אָן פון דאָרטן? ווייל פון צוויי זייטן איז דאָס שטעטל אַרומגערינגלט מיט בלאָטעס, די באַוווּסטע פינסקער בלאָטעס, ווו עס זענען געוואַקסן פּלושניק און נידעריקע, פאַרצווייגטע, ווייַנענדיקע ווערבעס און שטעכיקע פאַרסמטע קוסטעס. שוואַרצע, זאַפטיקע יאַגדעס זענען געוואַקסן אויף זיי. די יאַגדעס זענען אַ חיות צו קוקן אויף זיי, אָבער דער וואָס האָט זיי פאַרזוכט, איז משוגע געוואָרן. אין די בלאָטעס האָט אויך געווימלט מיט זשאַבעס, יעוויונעס, שלאַנגען, יאַשטשערקעס, רויבפייגל און אַלערליי שרצים. דער שבת וועט זיך דאָך נישט אויפהאַלטן אין אַזאַ אומריין אָרט.

צו דער דריטער זייט פון שטעטל איז געשטאַנען דער וואָקזאַל. אַלעמאָל אַ גוייִשער, אַ גרויער, אַ וואָכעדיקער און אַ טומלדיקער. רק עס האָט געפייפט, רק עס האָט געהודיעט, רק עס האָבן געקלאַפּט די לאָקאָמאָטיוון און די וואַגאָנעס. אַפילו אין זייערער אַ חגא, אָדער אַ זונטיק, זענען באַנען אָנגעקומען און אָפּגעפאָרן. ווי קאָן זיך אויפהאַלטן אין אַזאַ קאַלאָקאָטקע, פול מיט גוייִם דער רויִקער און זיידענער שבת?

קומט אָן דער שבת פון אויפן זאַמד, ווו עס איז רויִק, ציכטיק און שטיל אַפילו אין דער וואָכן. האַרט ביים זאַמד שטייט דער שמעקעדיקער וואַלד. קומט ער אָן פון דאָרטן, פון די באַגלידטע ביימער און הייבט אָן אַרויסשטופּן דעם וואָכעדיקן אַוויר.

וווּהין שטופּט ער אַריין די וואָכעדיקייט? צו די גוייִם אין דאָרף, וואָס שטייט אַ גאַס ווייט פון שטעטל, גלייך אונטער דאָבעס פּלויט. די וואָכעדיקייט בלייבט פאַרשטעקט צווישן די גוייִשע כאַטעס, וואָס זענען באַדעקט מיט שטרויענע דעכער, צווישן די סטאָדאָלעס און די פינצטערע שייערן און אין די גערטנער אויף די פעלדער, ווו די גוייִם אַרבעטן.

איצט, פאַר מיינע אויגן, האָט דער שבת אַראָפּגענידערט פון די שפּיץ־באַגילדטע

ביימער און אַרויסגעשטופּט די וואָכעדיקייט פון באַרג און זי אַראָפּגעשטופּט אַראָפּ באַרג, אויפן שלענגלדיקן טראַקט, ווו עס האָבן זיך געיאָגט אויטאָמאָבילן און וויי־טער צו, גלייך אין רעסטאָראַן, וואָס שטייט טומלדיק־אָפן און ער איז אָנגעפּראָפּט מיט פאַרבייפאָרער און אויך ווייטער־צו, צו דער ווייטער אָזערע, וואָס מע זעט זי נישט פון דאַנען, אָבער איך ווייס, אַז די ברעגעס אירע זענען פול מיט טוריסטן, וואָס בראָטן פלייש אויף אָפענע אייוועלעך, עסן, טרינקען, רויכערן און טומלען וואָכעדיק.

נאָך מיטיק. מיין פרוי און מיין חבר און זיין פרוי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָמאָביל און אַוועק באַקוקן די אַרומיקע בערג. איך בין געבליבן אַליין אויפן באַרג, וואָס איז געווען איינגעוויקלט מיט שבת. איך בין געזעסן אויף אַן אָנלען־שטול און מיטאַמאָל האָב איך געוואָלט דאַווענען און טאַקע אָנגעהויבן דאַווענען. ס'איז געשען אַ מאָדנער וווּנדער. איך האָב אָנגעהויבן זאָגן אויף אויסנווייניק דאָס שבתדיקע דאַווענען. מיר איז גאָרנישט געווען קשה, וואָס איך האָב געדענקט אַזוי קלאָר גאַנץ נשמת, די שחריתדיקע שמונה־עשרה און דעם גאַנצן מוסף. איך האָב דאָך שוין נישט געדאַוונט אַריבער פופציק יאָר. צום סוף פון „אנעים זמירות" האָט ער זיך באַוויזן צו מיר. ער איז געזעסן אויף אַ שטול אַקעגן מיר און אויסגעלאָזן דעם „שיר הכבוד".

ער: — לך ד' הגדולה והגבורה, והתפארת והנצח וההוד... ווילסטו, איך זאָל עס דיר פאַרטייטשן אויף יידיש? ניין, נישט ניטיק. דו פאַרשטייסט פירוש המילות. נו, פרעג איך דיך: וואָס פאַר אַ טעם האָט עס צו לויבן אַן אַבסטראַקציע? היפּאָקריט! דו מיט דיינע שבתים. אַרבעטסט נישט און רויכערסט נישט, אָבער ווען דו לערנסט מאַכסטו באַמערקונגען אויף די שולי הגוילים, אויף די ראַנדן פון די בלעטער אין די ביכער און די ספרים, וואָס דו לייענסט און לערנסט. און אַז מען דאַרף זיין אויף אַ וויכטיקער זיצונג אין עק שטאָט, פאָרסטו אַהין. האָסט זיך געמאַכט אייגענע היתּ־רים. האָסט אָנגענומען דעם פּרינציפּ, אַז דו טוסט נישט שבת קיין זאַך, וואָס ברענגט ריווחים. אַ נייער אָב בית־דין!... איצט ביסטו פּלוצים געוואָרן סענטימענטאַל און זיך צעדאַוונט. האַלטסט דאָך, אַז דער נוסח אין סידור איז ראשית אַן אַנאַכראָניזם: אומעטום שטייט דער מענטש פאַר אים ווי אַ קנעכט פאַר אַ האַר און דו האַלטסט, אַז דער דאָזיקער באַגריף איז אַ פאַרעלטערטער. און שנית, טענהסטו אַלעמאָל, אַז עס איז אַן אומזין צו בעטן ביי אַ הפשטה, אָדער צו דאַנקען און לויבן אַן אַבס־טראַקציע.

איך: — דו ביסט אַ רשע מרושע. דו פאַרגליווערסט מיר ממש די בלוטן מיט דיין סאַרקאַסטיש שמייכעלע און אָפּלאַכערישן שטילן געלעכטערל, דו פאַרגינסט מיר נישט, טאָמער האָב איך אים אויך עמאָציאָנעל דערקענט און דערפילט, אַז איך האָב געקאָנט דאַווענען, בעטן ביי אים, דאַנקען אים און לויבן אים. ווען דו האָסט

זיך באַוויזן צו מיר אין „פּנים אל פּנים מיטן טויט", האָב איך דיר געזאָגט. אַז אַפילו אויפן ראַנד פון טויט האָב איך אים נישט געזען און נישט דערפילט זיין נאָענטקייט. „איך האָב אים ווי פריער, ווי אַלעמאָל באַנומען מיטן שכל בלויז. איך האָב זיך דערטראַכט צו אים. ער איז ביי מיר געוואָרן אַ שכלדיקער מוז". אָט אַזוי איז אויך ביי מיר אַלעמאָל געווען דער שבת. דו ווייסט דאָך די צרות, וואָס איך האָב מיט אָפּהיטן אים. און אָט האָב איך איצט ממש דערזען, אַז עס איז דאָ שבת אויף דער וועלט און דערפילט ווי זיין קדושה האָט אַראָפּגענידערט אויף מיר. לאָכסטו פון מיר אָפּ. דו פאַרגינסט מיר נישט דעם תענוג. איך חזר איבער: ביסט אַ רשע מרושע.

ער: — איך וואָלט דיר פאַרגינען מיטן גאַנצן האַרצן דיין תענוג. אויב אַזוי ווי נאָך יאָרן מאַטערניש און ראַנגלעניש האָסטו באַנומען דעם כביכול מיטן גע־דאַנק און זיך דערטראַכט צו אים און ער איז געוואָרן ביי דיר אַ שכלדיקער מוז, אַזוי האָסטו איצט נאָך יאָרן גאַרעניש צו אים דערפילט עמאָציאָנעל זיין נאָענט־קייט און דו קאָנסט שוין אויספאָלגן מצוות: דו קאָנסט צוריק דאַווענען, לייגן תפי־לין, טראָגן ציצית און זיין אָפּגעהיט פון אַ חשש נישט־כשרות; דעמאָלט וואָלט איך זיך געפרייט מיט דיר. אָבער עס איז נישט געשען אַזוי. ס'איז דיך פּיטשקע דערי־נען באַפאַלן אַ בענקעניש נאָך דיינע קינדער־יאָרן. די לאַנדשאַפט דאָ האָט דיר דערמאָנט אָן דיין שטעטלדיקן וואַלד, האָסטו זיך צעדאַוונט שבתדיק. ס'איז נישט קיין תשובה דורך אינטעלעקטועלער דערקענונג און נישט דורך עמאָציאָנעלער איבערלעבונג. ס'איז נישט מער ווי סענטימענטאַלע צעקראַכנקייט, אַ נאָסטאַלגיע, וואָס באַפאַלט אַלטע לייט און זיי פאַרגלאָצן די אויגן מיט עקסטאַז ווען אַלץ, וואָס איז געווען אַמאָל־אַמאָל, ממש טרערן ווייזן זיך ביי זיי אין די אויגן.

איך: — דו זאָגסט מיר מוסר, ווי איך וואָלט געווען איינער פון יענע בעלי־תשובות, וואָס האָט זיך אומגעקערט צו דער גוטער, אַלטער, פונדאַמענטאַליסטי־שער אמונה און פרומקייט פון זיין טאַטן, אָן קיין שום אָפּנייגונגען. אַזאַ ווערט אַ בעל־תשובה, ווייל צוליב עלטער זוכט ער אַ שוצאָרט, אַ מקום־מנוחה, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט בלינדע ווענט פון דעם אַרומיקן לעבן. גאָר אָפט בלייבט אַזאַ בעל־תשובה טיף אין האַרצן אַפילו ביי דער אַלטער כפירה, אָבער פון שרעק פאַר דער עלטער, אָדער פון הילפלאָזער פאַרלאָרנקייט אויף די עלטערע יאָרן, אַנטלויפט ער פון דער וועלט. אָבער איך, אין מיין זוכעניש, בין איך נישט אַנטלאָפן פון דער וועלט און זיך נישט אָפּגעזאָגט פון מיין גאַנצן עבר. איך ווייס, אַז די וועגן פון גאָט זענען טאַקע אויסער און איבער דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד, באַגריף און לאָגיק. אָבער איך פאַראַכט נישט קיין „פאַרנונפט", קיין שכל און קיין לאָגיק. איך פאַרלייקן נישט קיינע פון די דערגרייכונגען פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע. איך האַלט נאָך אַלץ, אַז אַ מאָדערנער מענטש דאַרף צוגיין מיט אַ קולטור־היס־

טאָרישן קוק צום אויפקום פון אמונות. אָבער דאָך, דאָס פאַרמינערט נישט אמונה און עס פאַרקלענערט נישט די גרויסקייט פון דעם ייִדישן וועלט־באַנעם.

יאָ, איך בין זיך מודה, אַז היינט איז מיך באַפאַלן אַ בענקשאַפט, אַ מאָדנע סענטימענטאַליטעט און מיר האָט זיך פאַרוואָלט דאַוונען, אָבער די דאָזיקע נאָס־טאַלגיע איז ביי מיר קיינמאָל נישט געווען און איצט נישט געוואָרן דער יסוד, אויף וועלכן איך בוי מיין ייִדישקייט־באַגריף. דאָך טאָר מען נישט פאַרלייקענען די ראָלע, וואָס זכרונות, בענקעניש און נאָסטאַלגיע שפּילן אין אַ מענטשלעך לעבען. איך רייס נישט אויס מיינע וואָרצלען. מיין גאַרן און גלוסטן צו דער גייסטיקער ירושה פון מיינע אָבות זענען געווען אַ גרויסער סטימול פאַר מיין איצטיקער פאַרשטענדעניש פון ייִדישקייט. אָבער נאָך מער צוליב זיי האָב איך געהאַט אויף וואָס צו שטעלן אַ בנין. אָן מיין גייסטיקער ירושה, אָן מיינע וואָרצלען אין אַלטן לעבן, וואָלט איך קיינמאָל נישט געקאָנט קומען צום רעיון, אַז די אידעע פון ייִדיש־קייט איז אַ וועלט־אידעע. פשוט, שטעל זיך פאָר, אַז איך בין געבאָרן געוואָרן ערגעץ־ווו אין וועלכן עס איז טייל פון אַזיע אָדער אַפריקע און אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין אַ בודיסטישער, אָדער טאַאיסטישער שטוב, וואָלט איך אויך דערזען דאָס גרויסע העלע ליכט, וואָס האָט געשיינט פאַר די לעצטע פיר הונדערט יאָר אין מזרח־אייראָפּעישער ייִדישקייט? איך וואָלט עס פסיכאָלאָגיש נישט באַנומען, און אויב איך וואָלט זיך יאָ סוף־כל־סוף דערטראַכט צו דעם, וואָלט איך געדאַרפט לעבן מתושלחס יאָרן.

ער: — הייסט עס, אַז אָדער די גאַנצע נישט־ייִדישע וועלט לעבט אין טעות, זיי דינען צו האָלץ און שטיין, און נאָר די ייִדן האָבן דעם ריינעם אמת, וואָס איז אַ היפּש ביסל פריקרע. אַ־נישט זענען דאָ אַ סך געטער און אמתן. היתכן?

איך: — ס׳איז אַן אַלטע טעאָלאָגישע פראַגע, אָבער פאַר זיך האָב איך אויף דער האַרבער קשיא אפשר אַ צו־איינפאַכן ענטפער. גאָט איז איינער, אָבער עס זענען דאָ פאַרשידענע וועגן, פאַרשידענע אופנים צו דערגרייכן צו אים. דער מענטש איז פיזיש און גייסטיק באַגרענעצט. ער איז אַ מצומצם, איינגעשלאָסן אין אַ באַשטימטן שטח און ווערט באַאיינפלוסט פון געאָגראַפישע, עקאָנאָמישע און גייסטיקע צושטאַנדן, אויך פון דער אינטעלעקטועלער ניווא פון זיין צייט און סביבה און ירושה. ער קאָן זיך דערטראַכטן און דערגרייכן צו דער אַבסאָלוטער רעאַליטעט נאָר אויף זיין אייגענעם, ספּעציפישן אופן. ווען עמעצער וויל אויף אים אַרויפצווינגען אַ דרך, וואָס איז נישט קיין טייל פון אים, דעמאָלט וואַרפט מען אַרויף אויף אים אַ פרעמדן יאָך, וואָס שטערט אים צו דערנעענטערן זיך צו דער אַבסאָלוטער רעאַליטעט. דערצו דאַרף מען צוגעבן, אַז אויך דער פיזישער מצב פון אַ מענטשן באַאיינפלוסט זיין אופן פון אויפנעמען גייסטיקע ווערטן.

ער: — וויבאַלד אַזוי, קאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז דיין ערשטער איבערבראָך אין

דער ישיבה איז פאַרגעקומען, ווייל דו ביסט מענלעך רייף געוואָרן און דיין גלוס־טעניש האָט געמאָנט צו געזעטיקט ווערן, ביסטו געוואָרן אַ פרייער. אין די שפּע־טערדיקע יאָרן, ווען די אַפּעטיטן און די פאָדערונגען פון דיין גוף זענען געוואָרן שוואַכער, איז ווידער געקומען אַ קריזיס אין דיין וועלט־באַנעם.

איך: — מסכים, מסתמא האָט עס געשפּילט אַ ראָלע, אָבער די צרה איז מיט אַלע איין־סיבהדיקע פאַקטאָרן, וואָס זיי קאָנען אויך גרינג אָפּגעפרעגט ווערן. זע־נען אַלע פרומע יונגעלייט אין זייער מענלעכער רייפקייט געוואָרן אפיקורסים? האָט יעדער איינער אויף זיינע עלטערע יאָרן געמאַכט אַ חשבון־הנפש און איבער־געשאַצט ייִדישקייט? אָבער לאָמיר אויסלאָזן די אַלע גריבלעניש. לאָמיך דיר דערציילן פון דער צייט, ווען איך האָב דערזען, אַז מיין וועלט־באַנעם גיט מיר נישט קיין זינען צום לעבן און מיין ייִדישקייט איז אומזין.

ער: — איז עס געקומען צו דיר פּלוצים?

איך: — ניין, נישט פּלוצים. אַ מענטש שטאַרבט נישט פּלוצים, אַפילו פון אַ האַרץ־שלאָג. ס'איז אַ פּאַמעלעכע אַקומולאַציע פון יאָרן אומבאַמערקטער קראַנקייט. די נביאים און אויך משה רבנו, וואָס דערציילן, אַז זיי האָבן פּלוצים געהאַט התג־לות, איז באמת צו זיי נישט געקומען די אַנטפּלעקונג בהסח־הדעת, נישט דערוואַרט. עס זענען ביי זיי געווען יאָרן פון ספיקות, גייסטיקער יוירונג, ראַנגלעניש, זוכע־ניש און אויך בטחון, אַז סוף־כל־סוף וועט זיך צו זיי אַנטפּלעקן דאָס ליכט, דער־נאָך ערשט איז געקומען די „פּלוצימדיקע" התגלות. לפנים איז מיין לעבן געפלאָסן רויק, אָן דרויסן־קענטיקע אויפרודערונגען. פון די כפירה־טעג אין דער ישיבה ביז די שפּעטיקע פערציק יאָרן מיינע, האָב איך אָנגעפילט די גייסטיקע ליידיקייט, וואָס איז געבליבן אין מיר נאָכן פאַרלייקענען גאָט, מיט ווייב, קינדער, אַרבעט און, דער עיקר, מיט איבערזעטיקן זיך מיט קונסט: לייענען ליטעראַטור, גיין אין טעאַטער, אין מוזעומס, בילדער־אויסשטעלונגען, ועל כולם — מיט שרייבן מעשיות. איך האָב געזעטיקט די נייגעריקייט אין זיך, אָבער נישט באַרירט דעם עיקר פון לעבן. ס'איז געווען אַ מין גייסטיקע שיכרות. אָבער אין דער זעלבער צייט איז אָנ־געגאַנגען אין מיר אַ ראַנגלעניש, אַ יוירן און אַ זוכן. אַ סימן האָב איך, וואָס איך האָב קיינמאָל אינגאַנצן נישט אויפגעגעבן דאָס לערנען פון תורה, און אויך זיך נישט צופרידנגעשטעלט בלויז מיט קונסט, איך האָב געזוכט אַבסטראַקט וויסן. און פּלוצים...

ער: — ווידער „פּלוצים"? פלאָנטערסט זיך ביז קאָמיזם. ס'איז ביי דיר יאָ פּלוצים און נישט פּלוצים. ס'איז דאָך תרתי־דסתרי — איינס פרעגט אָפּ דאָס אַנ־דערע. דערצייל די בהדרגהדיקע צעפאַלונג פון דיין אַלטן, אַלטן וועלט־באַנעם.

איך: — יאָ, איך פּלאָנטער זיך, ווייל דאָס לשון פון מענטשן איז נישט גענוג פּרעציז, אַז עס זאָל קענען איבערגעבן די פאַרנעפּלטקייט פון דער זעל. איך ווייס,

אַז עס איז געווען אַ פּאַמעלעכער פּראָצעס. דאָך דאַכט זיך מיר, אַז עס איז געקו־מען פּלוצים. לאָמיר זיך באַנוצן מיט אַ פּסוק צו אילוסטרירן וואָס איך מיין. אַ פּסוק קען זיין נישט נאָר אַ קלישע, נאָר אויך אַ מעטאַפאָר, אַ פאַרגלייך צו פאַר־איינפאַכן אַן אַבסטראַקציע, אָדער קלאָר מאַכן אַן אומקלאָרקייט; זאָגט ישעיה: „דערפאַר וועט ווערן די דאָזיקע זינד פאַר אייך ווי אַ שפּאַלט, וואָס באַוויזט זיך אין אַ הויכער מויער־וואַנט; דער שפּאַלט נידערט אַראָפּ און צעשפּרייט זיך. און פּלוצים, פּלוצים קומט איר צוזאַמענברוך. און זי ווערט איינגעבראָכן, ווי עס צעברעכט זיך אַ ליימענע כלי, צעברעקלט זיך — — — און מען קען נישט געפינען צווישן די פּיצלעך קיין שערבל אויף אַרויסצושאַרן פייער פון אַ קאַמין, אָדער אָנשעפּן וואַ־סער פון אַ גרוב". נעם אָן דעם דאָזיקן פאַרגלייך: פּריער אַ שפּאַלט, שפּאַלטן־ספּי־קות. מיט אַמאָל האָב איך דערזען מיין לעבן אויסגעהוילט־פּוסט, אַ רוישיק לעבן אָן אַ זין און אָן אַ תכלית. מיין ייִדישקייט אָן אַן אידעע און אָן אַ וועלט־באַנעם. קיינע פון מיינע מעשים האָבן נישט געהאַט קיין פאַרוואָס. די גאַנצע וועלט, די גאַנצע יצירה — אַן אומגעלומפּערטער צופאַל.

ער: — עס האָט אָבער געדאַרפט קומען דאָס ריר פון ציגגל, וואָס האָט אַרויס־געקלאַפּט דעם פונק, וואָס האָט אָנגעצונדן דעם פּולווער, וואָס האָט אַרויסגעשאָסן די קויל.

איך: — דער דריקער, דאָס ציגגל, וואָס האָט אָנגעצונדן דעם פּולווער, איז, ערשטנס, געווען די קינדער און דערנאָך — דאָס שטייגן פון דער וועלט־רשעות.

צוערשט די קינדער. איך האָב זיי געגעבן, וואָס מיר האָבן דעמאָלט געהאַלטן, אַ גוטע ייִדישע דערציִונג. מיינע אַלע דריי קינדער זענען געגאַנגען צוערשט אין פאָלקשול, דערנאָך — אין מיטלשול. צוויי פון זיי האָבן אַפילו זיך געלערנט כמעט צוויי יאָר אין סעמינאַר נאָכן גראַדויִרן מיטלשול. אָבער ווי נאָר זיי זענען אויס־געוואַקסן פון זייער יוגנטלעכקייט, זענען זיי געוואָרן, ס׳איז שווער צו באַצייכענען עס פּינקטלעך מיט אַ ריכטיק וואָרט, דאָס פּאַסיקסטע וואָרט איז מסתמא — דרוי־סנדיקע. אפשר קען איך עס מאַכן קלאָר מיט אַ ביישפּיל:

אונדזער גאַנצער דור האָט נישט אָפּגעהיט קיין שבת און נישט געהאַלטן אַפילו פון יום־כיפור. און אונדזערע קינדער האַלטן אויך נישט פון ייִדישע יום־טובים. דאָך זענען מיר, די טאַטעס, געווען אינעווייניקסטע, און די קינדער — דרויסנדיקע. מיר האָבן געאַרבעט שבת, געררויכערט, געפאָרן און געטאָן אַלע אַר־בעטן, וואָס מיר האָבן געטאָן אין דער וואָכן. דאָך איז דער שבת געווען אַ טייל פון אונדז. ראשית, איז געווען עפּעס אַ שטיקל זכר פון שבת אין אַ שטוב: לייכטער, וואָס מען האָט אין זיי זעלטן אַריינגעשטעלט אַ בענטש־ליכט, אַ סערוועטקע מיט אַן אויסגענייטן קידוש אויף דעם, אויף דער מאַלצייט פרייטיק־צו־נאַכט איז, גע־ווינטלעך, געווען אַ שבתדיקער מיט צימעס. דערצו נאָך האָבן מיר עטלעכע מאָל

דורכן ווינטער געהאַט אַן עונג־שבת. אמת, דער עונג־שבת איז געווען קאָנצערט־מעסיק מיט אַ ליטעראַרישער פּראָגראַם און ביים טרינקען די פּריש־פּאַרבריטע טיי, האָט מען גערויכערט. אָבער דאָך איז געווען אין דעם עצם־וועלטלעכן קאָנצערט עפּעס שבתדיקס: מען האָט געלייענט פון דער יידישער ליטעראַטור וועגן שבת, גערעדט וועגן שבת און אין דעם רעדן איז געווען אַ בענקשאַפט; אונדזערע עלטערן האָבן טאַקע אָפּגעהיט שבת, הלוואי וואָלטן מיר געווען ווי זיי. האָבן מיר זיי באַזונגען אין ליד און דערציילונג. און שנית, איז ביי אונדז געווען דער באַוווסטזיין, מיר זענען געווען וויסעוודיק, אַז מיר אַרבעטן שבת. עס מיינט, שבת איז טאַקע שבת אויך ביי אונדז, אָבער מיר האַלטן נישט, אַז מע דאַרף אים אָפּהיטן, ווי די טאַטעס האָבן אים אָפּגעהיט. מען מעג אַרבעטן אום שבת.

איך געדענק אַ טשיקאַווען יום־כיפּור ביינאַכט — די נאַכט פון כל־נדרי. פאַר מיר איז דאָס געווען אַ פרייער אָוונט, בין איך געגאַנגען אין טעאַטער — געגאַנגען זען די „זיגפעלד פאַליס", אַ מוזיקאַלישע שפּיל פון דעם לעבן אין דער סאַוט. ביי דער פאָרשטעלונג האָב איך אָנגעטראָפן צוויי גרויסע יידישע ליטעראַטן. איינער פון זיי, אַ באַרימטער פּאָעט אין יענער צייט. אַ פּאָעט, אַ הומאָריסט, אַ פעליעטאָניסט און אַ גאָר שאַרפער פּובליציסט. דער אַנדערער — אַ גרויסער פּובליציסט און אַ גרעסערער ליטעראַטור־היסטאָריקער, אַ טריבון, אַן עסקן, באמת דער פּיידער פון אונדזער סעקולאַרן דור. מיר האָבן זיך באַגריסט און קיינער פון אונדז האָט זיך נישט געפילט אין אַ פאַרלעגנהייט, וואָס יום־כיפּור ביינאַכט צו כל־נדרי זענען מיר אין טעאַטער און דערצו נאָך אין אַ „זיגפעלד פאַליס", ווו עס ווערט אַזוי שטאַרק באַטאָנט די עראָטיק. צווישן די אַקטן, אין לאָבי, האָבן מיר צווישן זיך, נאַטירלעך, גערעדט יידיש. ניין, נישט דעמאָנסטראַטיוו, נאָר נאַטירלעך. נאָך דער פאָרשטעלונג זענען מיר אַריין אין אַ רעסטאָראַן טרינקען קאַווע. דער פּאָעט האָט אָנגעהויבן רעדן מיט באַגייסטערונג:

„דאָס וואָס מיר האָבן געזען היינט אין טעאַטער, איז אמתע קולטור, אמתע אַמעריקאַנער קונסט. דער מחבר האָט גענומען דעם גאַנצן נעגערישן אָבערגלויבערישן פאָלקלאָר און אין ליד און טאַנץ געשאַפן אַ קונסטווערק. ער האָט אויסגעבוצט פאַר זיין שפּיל דעם נעגערישן רעליגיעזן לעבנס־שטייגער, די רעליגיעזע לידער, דעם ווייסן מענטשנס רעליגיעזע אָבערגלויבנס און מנהגים און געשאַפן פון דעם אַ האַרמאָנישן ספּעקטאַקל, וואָס גיט אַ זין צו אַלץ. ער האָט דערהויבן דעם טויטן, פאַרגאַנגענעם לעבנס־שטייגער צו קונסט און מיט דעם צוריק עס אויפגעלעבט און אים געמאַכט דינאַמיש. די לידער קען מען איצט ווידער זינגען און די טענץ היינט טאַנצן. אַט אַזוי דאַרפן מיר טאָן מיט אונדזער לעבנס־שטייגער. אַט איז יום־כיפּור. עס דאַרף נישט בלייבן קיין טאָג פון פאַרכט, פון טיפער שרעק פאַר אַ פיקטיוון כוח, וואָס מיינט פאַר אונדז גאָרנישט. מיר דאַרפן עס איבערשאַפן. מיר

דאַרפן נעמען דעם קיטל און טלית, די ווייבערישע קאָסינקעס און שאַלן, הויבן, טשיפּיקעס און שייטלען און מאַכן פון זיי דעקאָראַטיווע קאָסטיומען. די ברענענ־דיקע ליכט, אַריינגעשטעקט אין די קאַסטנס מיט זאַמד, דאַרפן מיר איבערמאַכן אין ליכט־עפעקטן. די תּפילות און געזאַנגען, די יעלות אין עקסטאַטישע טענץ מיט געזאַנג. וואָס פאַר אַ הערלעכן ספּעקטאַקל קענען מיר שאַפן פון דעם יום־כּיפּור־צערעמאָניאַל — אָנהויבן פון דער סעודה המפסקת ביז נעילה. איך וואָלט געוועז גליקלעך, ווען איך בין איינער פון די שאַפערס פון אַזאַ ליבערטאָ. עס איז אונדזער חוב דאָס צו טאָן. מיר דאַרפן אַראָפּנעמען די מורא, שרעק און ציטער פון יום־הדין און פאַר דעם אויסגעטראַכטן הערשער, אָט ווי זיי האָבן געטאָן דאָ, אין דעם ספּעקטאַקל, און מאַכן דערפון אַן אָפּערעטע, פול מיט געזאַנג, טענץ און פרייד. וואָס פאַר אַ הערלעכן ספּעקטאַקל מיר קענען מאַכן פון דער עבודה, וואָס זאָל זיך ענדיקן מיט שאַלן פון טראָמפּייטן, אַ זכר צו שופר. די אַלע אָפּגעלעבטע מנהגים וואָלטן צוריק אַריין אין פאָלק און באַנייט געוואָרן. צוריק געוואָרן דינאַמיש״.

דער גרויסער יידישער פילאָסאָף און טאָן־געבער האָט צוגעגעבן: „אַוודאי און אַוודאי דאַרפן מיר שעפּן פון אַלטן קוואַל. דאָס איז מיין שטענדיקע טענה. און עס וואָלט נישט געווען קיין אָפּנייג. עפּעס דרומלט זיך מיר אין קאָפּ, אַז אין ווייטן אַמאָל איז יום־כּיפּור געווען גאָר־גאָר אַ פריילעכער יום־טוב, מיט טענץ און פרייד צווישן בחור און מיידל. סיימאָן ווייסט עס זיכער״.

כ׳האָב זיך געפילט שטאָלץ, וואָס זיי נעמען מיך אַריין אין דער מיט, ווי אַ גלייכן, און איך האָב געענטפערט:

„אַוודאי און אַוודאי. ס׳איז אַ משנה און אויך אַ גמרא אין מסכתא תּענית. די משנה זאָגט: „עס זענען נישט געווען קיין פריילעכערע יום־טובים ביי יידן, ווי דער פופצנטער טאָג אין אָב און יום־כּיפּור. אין די יום־טובים זענען אַרויסגעגאַנגען די יידישע טעכטער פון ירושלים, אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער, געבאָרגטע, כּדי נישט צו פאַרשעמען די וואָס האָבן נישט; און די טעכטער פון ירושלים, אָנגעטאָן אין ווייסן, זענען אַרויסגעגאַנגען אין די גערטנער און דאָרט געטאַנצט. בחורים זענען דאָרט אויך געווען און די מיידלעך פלעגן זינגען: „בחור, בחור, הויב אויף דיינע אויגן און זע, וועלכע מיידל דו קלייבסט זיך אויס. קוק נישט אויף שיינקייט, נאָר קוק אויף משפּחה, קוק אויף גאָטספאָרכטיקע פרויען״. די מיידלעך האָבן גע־זונגען אַ סך פּסוקים. די גמרא דערקלערט״ — — —

„ס׳איז געניאַל! אמת געניאַל! — האָט דער גרויסער פּאָעט אויסגערופן און מיך נישט געלאָזט פאַרענדיקן דאָס גאַנצע שטיקל גמרא. — אָט האָט איר אַ שליסל צו אַ ספּעקטאַקל. פּסוקים האָבן זיי געזונגען מיט אַ פינטל פון אַן אויג, אַ שאַר מיט אַ קליידל און אַ טאַנץ מיט אַ פיסל. אויף דעם דעק פון אונדזער געשיכטע ליגט פרייד און גרויסע ליבע צום לעבן, אָן שרעק פאַר אַ מיסטישער געשטאַלט, וואָס

איז נישטאָ. מיר דאַרפן אַראָפּראַמען די שיכטן בלאָטע, צעפּוילטע בלעטער און צעשטויסענע שערבעלעך, וואָס האָבן זיך אָנגעהויפט אויף דעם לעבנסלוסטיקן און פריידיקן פאָלקס־גייסט, וואָס רופט צו דער זון, וואָס גיט לעבן, צום בוים וואָס גיט פרוכט. מיר דאַרפן צוריק אויפלעבן — — — אַט האָב איך שוין אַ טייל פון דער ליברעטאָ".

וויפל חילול יום־כיפור עס איז געווען אין יענעם שמועס איז דאָך קלאָר, אַז דער גרויסער, הייליקער, פאַרכטיקער טאָג איז דאָך געווען אַ טייל פון אונדז. מיר קענען זאָגן, אַז ביי אונדז זענען געווען שבת, יום־טוב און יום־כיפור — הייליקע טעג, וואָס מען מעג אין זיי טאָן אַרבעט, רויכערן און אָנגיין מיט אַלע מלאָכות. ביי אונדזערע קינדער אָבער זענען דאָס וואָכעדיקע טעג, וואָס געוויסע יידן האַלטן זיי פאַר הייליק. מיר האָבן געוווּסט, אַז תפילין זענען אַ דבר שבקדושה און אַז תפי־לין האָבן רצועות. אַ טלית־קטן, האָבן מיר געוווּסט, איז אַ הייליק בגד, ווייל עס האָט פיר אַריינגעמאַכטע ציצית. ביי אונדזערע קינדער זענען תפילין נישט מער ווי לעדערנע קעסטעלעך, וואָס לאַנגע רימענס הענגען אַראָפּ פון זיי. און אַ טלית־קטן איז אַ שטיקל ציץ מיט לעכלעך, וואָס לאַנגע וואָלענע פעדים זענען אַריינגע־פלאָכטן אין זיי. אין באַוווּסטזיין זייערן האָבן זיי אַזאַ בילד פון די דערמאָנטע דברי קדושה. אַפילו ווען זיי ווייסן, אַז יידן לייגן תפילין ביים דאַווענען און טראָגן אַ טלית־קטן.

און נישט נאָר פון דברי קדושה האַלטן נישט אונדזערע קינדער. זיי זענען דרויסנדיקע און גלייכגילטיקע צום יידישן לשון, וואָס זיי קענען גאָרנישט שלעכט, אויך צו דער יידישער ליטעראַטור וואָס זיי זענען אין איר היפש באַהאַוונט. זיי זענען אינדיפערענט צו יידישער פּראָבלעמאַטיק און זיי זענען אַפילו נישט קיין נישט־אָנגעזעענעביישטייערער צו דברי־צדקה בכלל און צו יידישע קולטור־הצ־טרכותן בפרט.

דאָס ערגסטע איז, אַז עס איז כמעט נישטאָ קיין יוצא מן הכלל אין אונדזער קרייז. אַלע קינדער פון די מענטשן, פון סעקולאַרן סעקטאָר, ווייזן אַרויס די זעל־ביקע גלייכגילטיקייט צו יידישע ווערטן, סיידן, זיי שליסן זיך איין אין אַן אַנדער סעקטאָר. פאַר אַ לאַנגער צייט האָב איך בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין, פאַר־וואָס מיר זענען דורכגעפאַלן. איך האָב געטענהט: „די קינדער פון אונדזערע טוער אַרום די וועלטלעכע שולן און די קינדער פון גאָר אַ גרויסער צאָל יידישיסטן, זענען אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין היימען, ווו מען האָט גערעדט יידיש, גע־טראַכט יידיש און מען איז געווען פאַראינטערעסירט, נייך, פאַרקניפט, מיט אַלע יידישע פּראָבלעמען. די הענט אונדזערע זענען געווען אָפענע פאַר אַלע יידישע הצטרכותן בכלל און פאַר דער יידישער קולטור — בפרט. אונדזערע הייזער זע־נען פול מיט יידישע ביכער, מיט יידישע חפצים און די יידישקייט־פראַגע איז

נישט אַראָפּ ביי אונדז פון די ליפּן. ס׳איז נישט אמת, וואָס מען האָט אויסגעטראַכט אויף דעם וועלטלעכן ייִדישן סעקטאָר, אַז אירע מענטשן דרשהנען שיין, אָבער זיי זענען נישט מקיים, וואָס זיי דרשהנען. אין אונדזער סעקטאָר איז דאָ פּונקט אַזאַ גרויסע צאָל נאה־דורשים ונאה־מקיימים, ווי אין וועלכער עס איז אַנדערער גרופּע. דאָך האָבן אונדזערע אַלעמענס קינדער אונדז ביטער אַנטוישט. האָב איך געפרעגט מיטן מויל פון דיכטער לייוויק:

„אָט דאָס איז ער מיין מענטש, מיין אויסגעחלומטער
מיין גבור? מיין שליח? ער? אַזוינע הענט?
אַזוינע אַקסלען, פיס, אַזוי פיל גוף?
— — — — — — — — — — — — — — — —
נאָר וווּ איז אָבער דאָס גרויסע ליכט
אויף דיין געזיכט, די גרויסע שיין
פון אונדזער אַלעמענס בטחון?

געפרעגט און געפרעגט, און מיט אַמאָל, פיגוראַטיוו גערעדט, איז מיר קלאָר געוואָרן די סיבה פון דעם דורכפאַל. דער מקור איז געווען, וואָס ייִדישקייט האָט שוין לאַנג פאַרלוירן דעם אמתן באַטייט ביי אונדז. ביי מיין דור איז „ייִדישקייט געווען אַ פאַרעלטערטע אמונה, געבויט אויף זינלאָזע ריטואַלן און קינדערשן וועלט־באַנעם, אַ וועלט־באַנעם, וואָס האָט געאַרבעט נאָר אויף איין ציל — אונטערצו־דריקן און גייסטיק איינצופּענטען דעם ייִדישן אינדיווידואום צוליב איין ציל: צו דער־האַלטן די ייִדישע נאַציע. אָבער דער פאַקט איז, אַז דאָס ייִדישע פאָלק האָט אָפּ־געהיט יענע דינים, און זיי, די דינים, האָבן טאַקע אויפגעהיט און זיכער אָפּגעהיט דאָס ייִדישע פאָלק פון פאַרשווינדן צווישן אַנדערע פעלקער... צוליב וואָס אָפּגע־היט? אויף דער שאלה קען נישט געבן קיין ענטפער דער ייִדישער היסטאָריקער, ווייל די ייִדישע געשיכטע גיט נישט קיין ענטפער אויף איר״. (ד״ר חיים זשיט־לאָווסקי, „ייִדן און ייִדישקייט״, ז״ז 188—189).

נישט נאָר האָט מיין דור געהאַלטן, אַז ייִדישקייט איז אומבאַטייטיק פאַר אים. נאָר ער איז אויך געווען איבערצייגט, אַז אַלע, וואָס זענען צוגעבונדן צו די אַלטע מנהגים און דרכים, זענען נאַראָנים, היפּאָקריטן, צוריקגעשטאַנענע מענטשן, וואָס לעבן נאָך אין מיטלאַלטער. מיין דור האָט געהאַלטן, אַז דאָס אָנהאַלטן פון ייִדישע ריטואַלן און מנהגים האָט נישט קיין שום באַטייט פאַרן מאָדערנעם מענטשן און דאָס גלייבן אין אַ גאָט איז אַ בלינדער גלויבן, אָדער אילוזיע. אין קיין שום רע־ליגיע זענען נישטאָ קיין ווערטן פאַר דעם מענטשן פון אונדזער צייט. ייִדישע אמונה איז נישט קיין יוצא מן הכלל. רעליגיע איז בלויז שרעק פאַר אַן אויסגע־טראַכטן טאַטן, וואָס איז נישטאָ, וואָס עקזיסטירט נישט.

אונדזערע קינדער האָבן דערפֿילט, ניין, זיי האָבן טאַקע דערזען, אַז מיר, די טאַטעס, וואָס גלייבן נישט, אַז ייִדישקייט איז אַן אידעע פֿון וועלט־דערלייזונג, גיבן זיי, די קינדער, די שיריים פֿון אַ קולטור, וואָס באמת האַלטן אויך די טאַטעס, אַז זי איז טויט. מיר האָבן פֿאַרוואָרפֿן אַלע ספּעציפֿיש־ייִדישע ווערטן, מיר האָבן זיי געגעבן אַ ייִדישקייט אין אַ פֿאָרעם פֿון אייראָפּעיִשן נאַציאָנאַליזם. אָבער דער אייראָפּעיִשער נאַציאָנאַליזם באַרעכטיקט נישט די עקסיסטענץ פֿון אַ פֿאָלק אין אַ פֿאָלק. איך האָב זיך דערזען אָדם־נאַקעט. אַ פֿאַרלוירענער און פֿאַרשטאָנען אונדזער דורכפֿאַל.

ער: — נו, האָסטו דאָך געקענט צוריק פֿרום ווערן, זיך אומקערן צום גאָט פֿון דיין טאַטן.

איך: — ניין, איך האָב זיך נישט געקענט אומקערן צום נאַיִוון גלויבן פֿון טאַטן. איך האַלט נאָך איצט אויך, אַז גאָט, ווי מיין טאַטע האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, איז אַרכאַיִש; אָננעמען דעם גאַנצן שולחן־ערוך, אָן קיין קריטישן צוגאַנג און פֿאַרגעסן, אָדער מאַכן זיך צו פֿאַרגעסן, דעם קולטור־היסטאָרישן צוגאַנג צו אמונה, ווי צום לעבן בכלל, איז אַן אַנאַכראָניזם. אויב ייִדישקייט מיינט פֿאַרלייקענען אַלץ, וואָס דעם מענטשנס געדאַנק האָט דערגרייכט אין די לעצטע דריי הונדערט יאָר, קען ייִדישקייט נישט זיין שעפֿעריש און דינאַמיש. איך זאָל אָננעמען בלינדן גלויבן, מיינט אַליין־אָפּנאַרעריי. איך האָב דערפֿילט, אַז קודם־כל דאַרף איך קומען צו דער פֿאַרשטענדעניש, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט פֿאַר מיר, דעמאָלט וועל איך קענען באַנעמען, אַז עס איז דאָ אַ זין אָנצונעמען די תורה.

ער: — האָסטו זיך געשאַפֿן אַן אייגענעם גאָט, און אַ נייע תורה?

איך: — דו האָסט אַ צונג פֿול מיט סם. ווען דו וואָלסט זיך איינגעביסן, וואָלסטו געשטאָרבן פֿון פֿאַרגיפֿטונג. איך האָב זיך נישט געשאַפֿן קיין נייעם גאָט און איך האָב נישט אויסגעטראַכט קיין נייע תורה. מיין גאָט איז דער גאָט פֿון די אָבות און מיין תורה, איז תורת משה. איך וועל עס דיר קלאָר מאַכן שפּעטער, איצט וועגן דעם שטייגן פֿון דער וועלט־רשעות, וואָס איך האָב דיר פֿריִער דערמאָנט.

ער: — ביסט אַ מאריך. איך האָב פֿאַרלוירן די פֿעדים פֿון דיין געוועב.

איך: — באמת בין איך מקצר. די געשעענישן אין מיין איבערברוך האָבן זיך נישט אויסגעלייגט אַזוי סיסטעמאַטיש, ווי איך האָב זיי פֿאַר דיר אויסגעשטעלט. איז הער: מיין הילפֿלאָזיקייט און פֿאַרלוירנקייט וואָלטן נישט געווען אַזוי טיף און גרויס, ווען עס וואָלט נישט פֿאַרשטאַרקט געוואָרן די רשעות אויף דער וועלט, ווען די אַכזריות וואָלט נישט אָנגעהויבן געוועלטיקן ביד רמה, אָפֿן און אומפֿאַרשעמט. איך האָב דאָך פֿאַרביטן גאָט אויף מענטש. איך האָב יאָרן און יאָרן טיף געגלייבט, אַז דער מאָדערנער מענטש, וואָס האָט זיך באַפֿרייט פֿון אַלע אָבערגלויבנס, וועט שאַפֿן אַ שיינע, ליכטיקע וועלט, טאָלעראַנט צו אַלע ראַסן און אַלע לשונות. אָבער

אין יענע יאָרן איז אויפגעקומען דער נאַציזם מיט חיהשער שנאה צו ייִדן, וואָס קיינער האָט נישט פאָרויסגעזען דעם גרויסן אומגליק, וואָס די דייטשן וועלן ברענגען אויף דער וועלט בכלל און אויף ייִדן בפרט. דאָך איז דער נאַציזם אַפילו אין זיין אָנהייב געווען אַזוי גרויזאַם, אַז עס האָט צוגענומען מיין גלויבן, אַז דער מענטש אָן אַן אַחיזה אין גאָט, קען זיך דערהויבן פון זיין חיהשער נייגונג אין אים.

אין יענער צייט האָבן די קאָמוניסטן אָנגעהויבן עסן איינער דעם אַנדערן. זייער טאָטאַליטעט איז געווען גרויזאַמער פון דער רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ. קאָמוניזם, אַ ראַציאָנעלע אמונה, האָט פאַרפאָלגט אַפּיקורסישקייט נאָך גרויזאַמער ווי וועלכע עס איז רעליגיע. עס איז געוואָרן פינצטער אויף דער וועלט. דער מענטשלעכער ראַציאָנאַליזם איז נאָך געווען ערגער פון בלינדער נאַיווער אמונה. ביז איך געבליבן אָן אַ גאָט, אָן אַ גלויבן אין דער וועלט. די וועלט פירט זיך אָן אַ חשבון. ס׳איז נישטאָ קיין תכלית, קיין ציל אין לעבן. קיין גאָט פירט נישט די וועלט. אויף דעם מענטשן קען מען זיך נישט פאַרלאָזן, אַלץ איז נישט מער ווי אַ צופאַל. אַלץ, פון דער עצם בריאה, באַשאַף, ביז דער לעצטער מלחמה און רעוואָלוציע. עס איז אַ שפּיל, אַ מיאוס שפּיל. די מענטשן שפּילן אַ ספּעקטאַקל. נישט קיין פאָרויס־אויסגעבויטע דראַמע, וואָס האָט אַ סוזשעט, אַ לאָגישן געוועב, וואָס קען זיך ענדיקן אַפילו טראַגיש, אָבער דאָך לאָגיש־טראַגיש; נאָר עס איז גלאָט אַ בלוטיקער זינלאָזער ספּעקטאַקל: אָט איז אַ פריילעכער דיאַלאָג. אין מיטן פון רעדן רייסן זיך אַריין אינטריגאַנטן, נישט קיין צוגעטראַכטע, נאָר אמתע, לעבעדיקע, מיט מעסערס און פּיסטאָלעטן און שטעכן, שיסן און קוילען פאַר אַלעמען אין די אויגן. אומזיניקער געלעכטער, זינלאָזער טויט און איבער אַלץ אומשולדיק־פאַרגאָסן בלוט, אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרווען. נישט קיין אָנהייב, נישט קיין סוף, נישט קיין ציל און נישט קיין תכלית. אַ כאַאָטישער קאָשמאַר, פול מיט אַנגסטן און יללות און קיין איין געשעעניש קלעפּט זיך נישט צו דער אַנדערער.

אָן ייִדישקייט, אָן אַ גאָט, אין אַ וועלט פון כאַאָס — כ׳האָב אין אַזאַ מצב נישט געקענט לעבן מער.

ער: — דעמאָלט איז געקומען דער איבערברוך און איבערגעביטן דיין טאָג־טעגלעך לעבן?

איך: — יאָ, עס איז געקומען דער איבערברוך און געביטן מיך אינגאַנצן אידעיִש. אָבער דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן האָב איך אינגאַנצן נישט געקענט בייטן.

ער: — עס איז גרינג צו ווערן אַזאַ בעל־תשובה.

איך: — עס איז גאָרנישט געווען אַזוי גרינג ווי דו מיינסט. אָננעמען אַפילו אַ מינימום פון מצוות, איז פאַר אונדזערן אַ מענטשן, וואָס האָט געלעבט צענדליקער און צענדליקער יאָרן פריי, אַ היפּשער יאָך. אָבער דאָס איז אַן ענין אויף שפּעטער. איצט לאָמיר ממשיך זיין, ווו מיר האָבן אויסגעלאָזט.

ער: — מיר האָבן אויסגעלאָזט, אָדער בעסער, מיר האַלטן, ווי דו זוכסט אַ גאָט פאַר זיך. עפּעס אַ קליינקייט, שלמה בר׳ ירוחם בן־ציון דאַרף האָבן אַן אייגענעם גאָט, אַנגעמאָסטן און צוגעפּאַסט צו זיינע אייגענע ספּעציפיקאַציעס.

איך: — ניין, איך האָב נישט געזאָגט, אַז איך זוך אַ גאָט; איך האָב געזאָגט, אָדער געמיינט צו זאָגן, אַז איך זוך גאָט. נישט נאָר איז דאָס נישט קיין בושה, איך מיין, ס׳איז אַ זכיה. יעדער מענטש דאַרף זוכן גאָט. און ווייל איז צו דעם, וואָס געפינט אים פאַר זיך. דער תהילים איז פול מיטן אויסדרוק „דורשי אלוהים״, זו־כערס פון גאָט. ס׳איז ביי מיר שטענדיק אַ ווונדער, וואָס די מענטשן פון אונדזער קרייז, אויך די פרומע קרייזן, רעדן מיט גרינגשאַצונג און אַפילו מיט שפּאָט וועגן אונדז, גאָט־זוכערס. די זעלביקע מענטשן האָבן גאַנץ פאַרשטענדלעך געזוכט אַ פּאַ־סיקן זיווג; איידער זיי האָבן חתונה געהאַט, האָבן זיי געזוכט ליבשאַפט און צוגע־בונדנקייט. חתונה איז אַלט ווי די ציוויליזאַציע, דאָך איז עס ביי דער גרעסטער צאָל מענטשן אַ פּערזענלעכע איבערלעבונג און אַ טיף־עמאָציאָנעלע דערפאַרונג. אָבער ווען עס קומט צו גאָט־דערקענונג, פאַרלויבט מען דווקא די יעניקע, וואָס נעמען אָן פאַרטיקע קלישעס, וואָס זענען ביי די טאַטעס און זיידעס געווען פריש־איבערגעלעבטע עמאָציעס און אָריגינעלע געשטאַלטן־שאַפונגען. מען באַשולדיקט אין אָפּנייג און אַליין־אָפּנאַרעריי אַלע די וואָס גייען דורך די פּיין פון זוכן אים און די פרייד פון געפינען אים פאַר זיך אַליין. ס׳איז אומזין, מיר דאַרפן געלויבט ווערן.

ער: — האָסט דאָך געלערנט אין דער יוגנט, געווען באַקאַנט מיט די גאָט־זוכענישן פון רבי סעדיה גאון, רבינו בח״יי, רמב״ם — פאַרוואָס האָסטו זיך נישט אומגעקערט צו זיי? אָדער אָנגעהויבן מיט זיי?

איך: — ס׳איז גאָרנישט קיין זעלטנקייט, וואָס מע דערזעט נישט דאָס געוויינ־לעכסטע, דאָס איינפאַכסטע, איבערהויפּט, ווען עס איז אַ טייל פון זיך אַליין. איך בין געווען אַ מענטש פון מיין דור. נאָכן פאַרלאָזן די ישיבה האָב איך ווי פאַרגעסן אַלץ, וואָס איך האָב ווען עס איז געלערנט וועגן דער העכערער יידישער אמונה. איך האָב אָנגענומען די פאָלקס־רעליגיע פאַר דער גאַנצער יידישער אמונה. מיין דור, וואָס האָט רעוואָלטירט קעגן אמונה, דאַכט זיך מיר, אַז צוליב פּאָלעמיק, האָט אָנגענומען, אַז אמונה בכלל איז נישט מער ווי אַ „קרעמערישע וואַגשאָל״ (מרדכי שטריגלערס אַן אויסדרוק). די יידישע צאָם־ברעכער זענען געווען אונטער דעם איינפלוס פון די סעקולאַרע, נישט־יידישע קעמפער קעגן רעליגיע, ווי דזשאָרזש, א. דאַרסי, דער מחבר פון „מענ׳ס אָאון שאָ, סיווילייזעישאָן״, דעם מענטשנס איי־גענע דראַמע, ציוויליזאַציע; און עדוואַרד גיבבאָן, דער מחבר פון „דהי דיקליין ענד פאַלל אָוו די ראָמען עמפּייר״, די ירידה און צעפאַלונג פון דער רוימישער

אימפּעריע. צו סימפּליפיצירן זייער שטאַנדפּונקט וועגן אמונה, קען מען אָנגעבן דעם אַלטן רעליגיעזן ענגלישן הימן:

פאַר אַלץ וואָס מיר גיבן דיר
צוריקגעצאָלט ווערט דאָך טויזנט מאָל אַזוי פיל.
דערפאַר מיט פרייד גיבן מיר צו דיר,
וואָס גיט אַלץ.

(דער הימן איז ציטירט פון „דהי יוזעס אָוו דהי פעסט" פון דזשעי מוללער, ז' 18).

דער כביכול איז אַ בייזער טאַטע, וואָס וועגט און מעסט יעדע אַקטיוויטעט פון מענטשן און באַשטראָפט דעם קלענסטן אָפּנויג. דאָס איז געווען פאַר אונדז דאָס לעצטע וואָרט פון וויסנשאַפט. זאָגט זיגמונד פרויד: „דער מענטש שטעלט זיך נישט נאָר פאַר די כוחות פון דער נאַטור אין מענטשלעכן געשטאַלט און גלייכע־ניש, מיט וועמען ער קען זיך חברן ווי אַ גלייכער, נאָר ער גיט זיי צו די אייגנ־שאַפטן פון אַ טאַטן און מאַכט זיי געטלעך. דאָס איז אַ נאָכמאַכן נישט נאָר זיינע קינדערשע נייגונגען, נאָר אויך דעם פילאָגענישן פּראָטאָטיפּ". עס מיינט די אַנט־וויקלונג פון דעם גאַנצן מענטשלעכן מין („דהי פיוטשור אָוו אַן אילוזשאָן", ז' 30). „גאָט איז אַן עקזאַלטירטער, דערהויבענער טאַטע און די בענקעניש נאָך אַ טאַטן, איז דער וואָרצל, דער מקור פאַרן נויטיקן זיך אין אַ רעליגיע" (דאָרט, ז' 36).

איך בין אויך געווען איינער פון מיין דור און אָנגענומען דעם דאָזיקן בליק אויף גאָט, ווייל נישט נאָר האָבן די קעגנער פון אמונה אַזוי אים פאָרגעשטעלט, נאָר אויך די פרומע סביבה פון אַרום מיר האָט זיך אַנדערש נישט פאָרגעשטעלט גאָט, ווי אַנטראָפּאָמאָרפיש. די הלכה, ווי מיר האָבן זי אויפגענומען, איז געווען לע־גאַליסטיש פאָרמעל. אַזוי האָט עס אויבנאויפיק אויסגעזען. און איך האָב געזען דאָס שטעטל און יידיש־גייסטיק לעבן מיט די אויגן פון מיינע צייט־מענטשן. אין מיין פאַרלאָרנקייט האָט איך זיך נישט געקענט צוריקקערן צו מיין אַמאָל, צוריק צום אַלטן, צו ווערן אַ בעל־תשובה, ווייל די פונדאַמענטאַליסטישע יידישע אמונה איז געווען און איז פאַר מיר אַ טויטע וועלט. קיין אַנדער פאָרעם פון יידישקייט, אין דער צייט פון מיין פאַרצווייפלונג, האָב איך נישט באַנומען, ווייל איך האָב דע־מאָלט בשום אופן נישט געקענט אָפּטיילן דאָס גאָט־געשטאַלט פון אַנטראָפּאָמאָרפיזם, עס מיינט, פון גאָט אין אַ מענטשלעך געשטאַלט. ס'איז כמעט קאָמיש, וואָס עד־היום האַלט אונדזער סעקולאַרער, אַפּיקורסישער סעקטאָר, אַז די איינציקע אמתע יידישקייט איז די פונדאַמענטאַליסטישע, וואָס איז רעגאָריסטיש און טאָלערירט נישט קיין שום אָפּנויג. זעלטן ווען מע געפינט אַ גוט וואָרט אין דער יידישער און העברעישער פּובליציסטיק און אויך אין דער בעלעטריסטיק פאַר וועלכער עס איז אַנדער יידישער רעליגיעזער באַוועגונג.

איך האָב געקענט אָנהייבן זוכן גאָט ערשט, ווען איך האָב אים אָפּגעטיילט פון דעם הגשמה־באַגריף פון מיין דור. איך האָב ערשט דעמאָלט געקענט אָנהייבן גלייבן אין גאָט, ווייל איך האָב באַנומען, „אַז די דערקענונג פון דער עקסיסטענץ פון גאָט, ס׳מיינט פון אַ טראַנסצענדענטאַלן כוח, איז אַן אייביקער אמת. די פאָרעם און די אַטריבוטן זענען אַלע מאָל צייטמעסיקע און בייטן זיך״.

אָבער לאַך נישט. איך בין געקומען צו דעם דאָזיקן געדאַנק נישט דורך צו־ריק פאַרטיפן זיך אין די אַלטע יִדישע מקורות, וואָס איך האָב זיי אינטענסיוו גע־לערנט אין מיין יוגנט און קיינמאָל אינגאַנצן נישט אויפגעהערט לערנען. זיי זע־נען דאָך דאָרט געלעגן אויבן־אויף. איך האָב אויך אין מיינע דערוואַקסענע יאָרן און אין דער צייט פון מיין גאָט־פאַרלייקענונג געלערנט ספרים און געלייענט בי־כער, וואָס האָבן מיר באַוויזן דאָס פאַרקערטע פון דעם מגושמדיקן גאָטס באַגריף פון מיין דור. אָבער דאָס האָט זיך צו מיר נישט צוגעקלעפּט. פאַרוואָס? ס׳איז פאַר מיר אַליין אַ צו־קאָמפּליצירטער ענין צו דערקלערן. אָבער דורך אַ רייִן־פּערזענ־לעכער איבערלעבונג בין איך געקומען צום לאַנג קלאָרן געדאַנק, אַז די פאָרעם און אַטריבוטן פון גאָט, זענען צייטמעסיקע און בייטן זיך. שפּעטער האָב איך אָנגע־ווענדט דעם זעלביקן געדאַנק אויף הלכה. הלכה, מצווה איז אַן אייביקער אמת, ווי די דערקענונג פון דער עקסיסטענץ פון גאָט. אָבער מצוות, אַ סך פון זיי זענען ווי די אַטריבוטן פון גאָט, צייטמעסיקע און בייטן זיך.

דער דאָזיקער געדאַנק האָט אין מיר אויפגעבליצט און איך בעט דיך, זיי מוחל דאָס מליצהדיקע וואָרט, ווייל אַזוי איז טאַקע געווען — אין אַ בילדלעכער פאָרעם. אַ פּנים, עס איז געשען אַזוי, ווייל בטבע בין איך אַ דערציילער און איך בין גע־וווינט צו קאָנקרעטיזירן אַבסטראַקציעס, עס מיינט פּשוט, טראַכטן מיט זען ביל־דער, אָדער נאָך בעסער טראַכטן אין אימאַזשן.

איך בין געשטאַנען אויף אַ פלי־פעלד צו באַגלייטן אַ פריינט. עראָפּלאַנען זע־נען אָנגעקומען און אָפּגעפלויגן. דער רויש פון די פּראָפּעלערס האָט מיך פאַרכאַפּט און דאָס פלינקע דרייען זיך פון די פּראָפּעלערס האָט געשאַפן פאַר מיינע אויגן לעבעדיקע קרייזן און כ׳האָב אָנגעהויבן זען רעדער, רעדער און רעדלעך אין די עראָפּלאַנען, רעדער און רעדלעך אויף די אויטאָמאָבילן דערביי, רעדלעך אויף דער לאַנדונג־שאָסיי פון וועגעלעך און דער הויפּט־ראָד איז דער פּראָפּעלער. איך האָב ממש דערזען, ווי די לופט איז אָנגעפילט געוואָרן מיט רעדער — רעאַלע און פאַנ־טאַסטישע און אויך די רעדער פון דער מרכבה, וואָס דער נביא יחזקאל האָט גע־זען אַ ראָד אין אַ ראָד, רעדער אין רעדער.

מיט אַמאָל איז אַלץ פאַרשוווּנדן און ס׳איז מיר געוואָרן הייס. איך בין ערגעץ־ווו אין אַ דערפל, אין דער וויסטעניש פון אַפריקע. אַ פּרימיטיווער מענטש, כמעט האַלב־נאַקעט, זיצט אויף דער ערד און האַלט אַ קיילעכדיק פלאַך שטיק האָלץ, אַ

דיסק מיט אַ לאָך אין מיטן און באַטראַכט עס פּאַרזיכטיק. ער באַקוקט עס. דערנאָך נעמט ער אַ שטעקן און שטעקט אַריין אין לאָך און ראָלט דאָס פּרימיטיווע רעדל. זיין שטערן פאַרקנייטשט זיך און ער זעצט זיך און שניצט אויס מיט אַ שטיינערנעם מעסער נאָך אַ דיסק; טוט אָן ביידע דיסקעס אויף דעם לאַנגן שטעקן און ראָלט מיט דעם אויף דער האַרטער ערד. די דיסקעס פאַלן אַראָפּ. ער פאַרקנייטשט ווייטער דעם שטערן און נעמט ווייכע, לאַנגע ריטלעך און בינדט זיי אַרום די עקן פונעם שטעקן, צו פאַרהאַלטן די דיסקעס, אַ פּרוּוו צו מאַכן אַקסן־פּלעקלעך.

איך זעץ זיך אַוועק לעבן אים און הייב אים אָן דערציילן, אַז דאָס האָט ער איצט אויסגעפונען די וויכטיקסטע אַנטדעקונג פאַר דער מענטשהייט, אַן אַנטדעקונג, וואָס וועט ענדערן דאָס גאַנצע לעבן פון די קומענדיקע דורות. איך רעד און רעד, און ער שאָקלט צו מיטן קאָפּ. ער פאַרשטייט מיך. ווי אַזוי איך רעד זיך צונויף מיט אים, ווייס איך נישט. ער שוויַיגט, און איך רעד ווייטער: „אָט וועל איך דיר באַווייזן וואָס דיין ענדערונג מיינט. נאַ, זע!“ איך הייב אָן וואַרפן פאַר אים רעדער — פון דעם מלחמה־רייטוואָגן, ביז די רעדער פון אַ טאַנק, פון די רעדער פון אַ וואָגן ביז די רעדער פון אַן אויטאָמאָביל און דעם פּראָפּעלער פון אַן עראָפּלאַן. ער קוקט מיט אויפגעריסענע אויגן און זיין פּנים פאַרקרימט זיך פון שרעק. און איך נעם אַרויס פון קעשענע אַ מצה־רעדלער און הייב עס אָן דרייען מיט מיין פינגער. ער ווערט ווילד און צעשרייט זיך: „כּישוף! שדים!“ און אַנטלויפט אין נאָענטן וואַלד.

מיין פרוי, וואָס איז געשטאַנען לעבן מיר אויפן פלי־פעלד, האָט מיך אַ צי געטאָן ביים אַרבל: „דו האָסט שוין פאַרשטאַרט די אויגן און געוואָרן צעמישט? וווּ ביסטו איצט געווען?“

איך האָב זיך אַ טרייסל געטאָן און אין דער זעלביקער רגע האָט מיר אַ בליץ געטאָן אין מוח: „און דער גאָט־באַגריף?“

איך האָב הפּנים אַרויסגעזאָגט די ווערטער הויך אויפן קול, ווייל מיין פרוי האָט מיך אָנגעקוקט צעשראָקן און זיך אָנגערופן: „וואָס? דו רעדסט שוין מיט גאָט?“

איך האָב אַ שמייכל געטאָן:

„ס'האַלט נישט דערביי. אָבער עפּעס אַ געדאַנק האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ“.

זי האָט מיר געענטפערט:

„קום, מיר וועלן פאָרן אַהיים. אַ פּנים, אַז דער געדאַנק האָט דיר געגעבן דעם אמתן טראַסק. האָסט אויסגעקוקט אינגאַנצן צעחושט. קום!“

אויפן וועג אַהיים בין איך געזעסן מיטן קאָפּ איינגעטוליעט אין קאָלנער פונעם מאַנטל און איבערגעחזרט צו זיך: „און דער גאָט־באַגריף“? עס איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן אַן עיקר־געדאַנק: דער ראָד, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין די הענט פון

דעם פרימיטיוון מענטשן, איז געווען אַ גרונט־אידעע. די פאָרמעס פון די רעדער און זייער אָנווענדונג אין די שפּעטערדיקע דורות, האָט ער נישט געקענט פאָרויסזען און זיך פאָרשטעלן. אָבער וואָס די וואַריאַציע פונעם ראָד איז געוואָרן, איז דאָס אַלץ אַ ראָד. אויך מיט דער אַנטפּלעקונג פון גאָט איז אַזוי געשען. די גרונט־אידייע פון גאָט איז אַן אייביקע. דער מענטש האָט עס דערזען אַפילו אין זיין פּרימיטיוון מצב, אָבער די פאָרעם, די אַטריבוטן מוזן זיך בייטן מיט דער קולטורעלער ניווא פון יעדן דור. אַט דער דאָזיקער געדאַנק, וואָס איז אָנגעטייט געוואָרן און איז אויך קלאָר אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין ספרים און אין ביכער, איז צו מיר געקומען ווי אַ פּערזענלעכע איבערלעבעניש, און דערפאַר איז דאָס פאַר מיר געוואָרן אַ שעפערישער פאַקטאָר. פון יענעם מאָמענט אָן איז די גאָט־אַבסטראַקציע געוואָרן פאַר מיר אַ רעאַליטעט. איך האָב זיך געקאָנט מיט אים אויסטענהן און ברענגען פאַר אים אַלע מיינע ספיקות און תרעומות.

ער: — גלייך פון אָנהייב איז עס ביי דיר פאָרמולירט געוואָרן אַזוי קלאָר?

איך: — ניין, עס האָט גענומען איבער צען יאָר, ביז איך האָב עס געקאָנט אויסלייגן לאָגיש אויף פּאַפּיר אין אַן אַרבעט „אילוזיע און ווונטש". אָבער שוין פון יענעם מאָמענט אויפן פלי־פעלד האָב איך באַנומען, אַז דער אַנטראָפּאָמאָרפיסטישער באַגריף פון גאָט און די „קרעמערישע וואָגשאָל" זענען ניט מער ווי די באַגריפן און אַטריבוטן פון דער פאָלקס־רעליגיע. דאָס איז נישט די גאַנצע יידישע אמונה.

איך האָב געפונען גאָט פאַר זיך.

ער: — אַ גוטער אָנהייב.

איך: — יאָ, אַן אָנהייב, בלויז אַן אָנהייב: דערקענט זיין מציאות. נישט דעם וועג צו אים, ווייל איך האָב ווייטער נישט געקענט זוכן, ביז איך האָב פאַר זיך נישט פאַרענטפערט, ראַציאָנאַליזירט, דעם גרויסן חורבן, וואָס איז געשען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה מיט מיין פאָלק. איך האָב אויך פאַר זיך געדאַרפט מאַכן אַ טאָלק מיט ארץ־ישראל, וואָס האָט דעמאָלט געהאַלטן ביי ווערן מדינת ישראל: קאָן אפשר נאַציאָנאַליזם, אַ פאָלק אויף דער אייגענער ערד, געבן מיר אַן ענטפער? איך האָב נאָך אַ סך ראַנגלענישן געקראָגן אַן ענטפער פאַר זיך.

ער: — מיינסט צו זאָגן, אַז דו האָסט געפונען אַ באַרעכטיקונג פאַרן אומקום פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק? דאָס איז דאָך ערגער פון חוצפה.

איך: — הער, איך בין מיד און דערשעפּט. אָבער פאַרדריי נישט מיינע רייד. הער זיך צו גוט. איך האָב נישט געזאָגט, אַז איך האָב געפונען אַ באַרעכטיקונג פאַרן אומקום פון אַ דריטל פון מיין פאָלק. קען מען באַרעכטיקן אַ פאַרפלייצונג, וואָס ברענגט אום טויזנטער מענטשן? איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב פאַר זיך ראַציאָנאַליזירט דעם גרויסן חורבן. אויב דו ווילסט, רוף עס אָן אַ טעאָדיציע, די פאַר־

אויס־באַרעכטיקונג פון גאָטס אַלע מעשים. אין יענער צייט האָב איך געהאַט אַ קאָמפּליצירטע און פאַרפּלאָנטערטע וויזיע, וואָס האָט זיך דערנאָך איבערגעחזרט פאַר מיר יאָרן און יאָרן, ביז מיר איז קלאָר געוואָרן אַ באַשטימטער גאָט־באַגריף. איצט לאָז מיך צורו. די אויגן קלעפּן זיך מיר.

**
*

עס איז שוין געווען כמעט פאַרנאַכט, ווען דער טומל פון מיין פּרויס אויטאָ־מאָביל האָט מיך אויפגעוועקט. מיין פרוי האָט מיך געמוסרט: „אַן איינפאַל פון אַ מענטשן, אָפּגעשלאָפן אַ גאַנצן זומערדיקן טאָג... וואָס וועסטו טאָן ביינאַכט?”. מיין פריינט האָט געלאַכט. „ער וועט לייענען און איך נישט לאָזן שלאָפן”.

„צייט צו גרייטן עסן. מיין אויסדערוויילטער האָט אַ גאַנצן טאָג גאָרנישט געהאַט אין מויל” — האָט מיין פרוי אויסגערופן. זי איז אַוועק צוצוגרייטן דעם אָוונט־מאָלצייט.

קאַפּיטל פינף

# שרעק פאַר אַ התחייבות

די ראַנגלעניש מיט אים איז געפאַלן אויף מיר שווער, זייער שווער. יעדער שמועס האָט מיך אויסגעשעפּט פיזיש און גייסטיק פאַר לאַנגע טעג. דאָס אָנשרייבן פון דעם דיאַלאָג איז אויך געווען אַ פּסיכישער צוואַנג, וואָס פלעגט מיך צערודערן און איבערלאָזן איבערמידט. עס איז געווען גאַנץ פאַרשטענדלעך, וואָס איך האָב געוואָלט אים אויסמיידן. אַ גוטער וועג אים נישט צו באַגעגענען און נישט טרעפן זיך מיט אים, איז אָנצושרייבן די ווייטערדיקע קאַפּיטלען פון מיין חשבון הנפש, איידער ער וועט זיך ווייזן צו מיר.

איך האָב אים צוגעזאָגט צו דערציילן וועגן דער וויזיע פון דעם אומגעבראַכטן פאַלק. האָב איך זיך אָנגעהויבן צו קליבן אָנצושרייבן די וויזיע.

די דאָזיקע קאָמפּליצירטע און פאַרפלאָנטערטע וויזיע האָב איך געהאַט קרוב צוויי יאָר נאָכדעם ווי די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך געענדיקט אין אייראָפּע. באַלד נאָך דער מלחמה איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן דער גרויסער חורבן וואָס איז באַפאַלן אונדזער פאָלק. מיך האָט עס אַזוי אויפגעטרייסלט, אַז איך האָב פאַרלאָרן מיין פּסיכיש גלייכגעוויכט. די וויזיע האָט מיך איינגעשטילט. זי האָט ביז אַ מאָס אַרויסגענומען פאַר מיר דעם כאַאָס פונעם גרויסן חורבן.

די וויזיע איז געווען פאַקטיש אַן איינמאָליקע, אינעם זין פון ברעכן מיין גייס־טיקן קריזיס. איך האָב איבערגעלעבט די וויזיע שאַרף, שניידנדיק און ווייטיקדיק ביז דער גרענעץ פון דערשעפּונג. דער גאַנצער פּערסאָנאַזש פון מיינע ביכער, אָנ־געשריבענע און ערשט־פאַרטראַכטע, האָט „שמערל נאַר״, דער העלד פון מיין ערשט בוך, צונויפגעבראַכט אין איין צימער, און זיי האָבן פאַר מיר ראַציאָנאַליזירט דעם גרויסן חורבן.

אָבער נאָך דער ערשטער וויזיע זענען געקומען אַ סך קליינע זעאונגען, נישט קיין איבערחזרונג פון דער ערשטער וויזיע, נאָר צוגאָבן. אַ נייע געשטאַלט פלעגט זיך ווייזן, אַ געשטאַלט, וואָס האָט אויפגעטויכט פון דער לאַנגער פאַרגעסענער געדעכעניש, פלעגט קומען מיט אַ נייער טענה, וואָס האָט אַמאָל אָפּגעפרעגט מיינע הנחות וואָס האָבן מיך איינגעשטילט. און פאַרקערט, אַמאָל פלעגט די געשטאַלט ברענגען אַ ראיה, אָדער ראיות צו פאַרשטאַרקן מיינע הנחות. אין די שפּעטערדיקע וויזיעס זענען שוין נישט געווען די אויפברויזנדיקע, שטורעמדיקע גערעדערייען,

וואָס אין דער ערשטער ווערזיע. עס איז געוויינטלעך געווען נישט מער ווי אַ דיאַ־לאָג צווישן מיר און דער נייער געשטאַלט, אָפטער נאָר אַ מאָנאָלאָג פון דעם ניי־געקומענעם פּאַרשוין. אַלעמאָל, דורך דער גאַנצער צייט פון די קלענערע ווערזיעס, איז דער פּערסאָנאַזש פון דער ערשטער ווערזיע, און אויך איך בתוכם, געשטאַנען אין הינ־טערגרונט. געשטאַנען סטאַטיש, פאַרגליווערט, אין איין דימענסיע, ווי אין אַ פאָ־טאָגראַפיע. נאָכדעם ווי דער נייער פּאַרשוין האָט געענדיקט זיין ראָלע, איז ער אויך צוגעשטעלט געוואָרן צום בילד.

די קליינע ווערזיעס זענען געווען צוגאָבן צו דער ערשטער ווערזיע, אָט ווי די קאָרגע זעקס קאַפּיטלעך מיט אליהוס טענות אין איוב זענען אַ צוגאָב צו די דיאַ־לאָגן פון איובן מיט זיינע פריינט אליפז, בלדד און צופר. די דריי האָבן טאַקע אויסגעשעפּט דעם וויכוח, אָבער אליהוא איז געקומען און צוגעגעבן אַ קנייטש, אַ באַשטעטיקונג, אַ וואַריאַציע און אויך אַן אָפּפרעג צו דעם פריערדיקן היציקן שקלא וטריא.

איך האָב זיך געקליבן אָנצושרייבן די ווערזיע פונעם אומגעבראַכטן פאָלק, איי־דער ער ווייזט זיך צו מיר און אויסמיידן אַ טייל פון דער פּייניקונג.

אָבער עס האָט זיך נישט געשריבן.

איך האָב געוווּסט, אַז עס וועט מיר נישט אָנקומען גרינג אָנצושרייבן די ווערזיע. פאַר איבער פערצן יאָר האָב איך געמאַכט צענדליקער פּרוון זי אָנצושרייבן, און — נישט געקאָנט. איך פלעג אָנהייבן און איבערלאָזן. אָנגעהויבן און מער ווי אַ האַלב בלעטל, אָדער אַ בלעטל, נישט געקאָנט אָנשרייבן. אַלע מאָל, ווען איך האָב אָנגעהויבן שרייבן, איז מיך באַפאַלן יענע שאַרפע צערודערטקייט, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן ערשטן יאָר פון נאָכן חורבן, מיך אַרומגענומען און דער־שיטערט און איך האָב ווייטער נישט געקאָנט שרייבן. חוץ דעם פלעג איך נאָך יעדן פּרווו צו באַשרייבן די ווערזיע, ווידער אָנהייבן צו באַקומען זעונגען און פּייניקונגען.

איצט אָבער האָב איך שוין די ווערזיע נישט געהאַט איבער אַ יאָר. ווען איך האָב געטראַכט וועגן איר, איז מיך מער נישט באַפאַלן יענע שרעקעוודיקע אומרו. אַפילו דער פּערסאָנאַזש איז נאָך אַלץ געשטאַנען פאַר מיר אַ לעבעדיקער און די וויכוחים האָב איך געקאָנט אויף אויסנווייניק. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַלץ וואָס איך דאַרף טאָן, איז זיך זעצן און אַראָפּשרייבן עס אויף פּאַפּיר.

אָבער עס האָט זיך נישט געשריבן. די אַלע וויכוחים, טענות און קעגן־טענות, וואָס איך האָב געקאָנט אויף אויסנווייניק, האָב איך נישט געקאָנט אַראָפּשרייבן אויף פּאַפּיר. איך האָב אָנגעהויבן אַ צען שורות און זיך פאַרהאַקט, אָט ווי אַ טויטע וואַנט וואָלט זיך געשטעלט צווישן מיר און די דיאַלאָגן.

איך האָב זיך נישט אונטערגעגעבן. איך האָב זיך געפּייניקט מיט דעם, וואָס קיין אַנדער זאַך האָב איך נישט אָנגעהויבן שרייבן. איך האָב זיך אַפילו נישט פאַר־

גונען ענטפערן אויף בריוו. ווען איך האָב זיך געזעצט לייענען, אָדער לערנען, האָט אַ פֿאַרדראָס מיך געגריזשעט: „דו טוסט עס אויפֿן חשבון פֿון אַראָפּשרייבן די וויזיע". איך האָב זיך אַזוי אָפּגעמאַטערט איבער זעקס וואָכן. דערנאָך האָב איך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „איך שרייב אינגאַנצן נישט מער! בין איך דען מחויב צו באַשרייבן די יזיע? בין איך דען בכלל מחויב צו שרייבן? וועט ווערן אַ פּגם אין דער וועלט, ווען איך וועל אויפֿהערן שרייבן?".

מיין אָפּמאַך ביי זיך נישט צו שרייבן האָט מיך ביז אַ געוויסן גראַד באַרויִקט. נישט אינגאַנצן, אָבער איך האָב געקראָגן גענוג מנוחת־הנפש צו ענטפֿערן אויף בריוו, זיצן רויִק, לייענען און לערנען. אין הינטערגרונט איז אָבער אַלץ געשטאַנען אַ שאָטן און געמאָנט, נישט מיט בייזע רייד אָדער מיט רוגזה, נישט צודרינגלעך אַפילו, נאָר געמאָנט שטיל מיט אַ שמייכל פֿון זיכערקייט: „נישקשה, דו ווייסט דאָך, אַז דו ביסט אַ בעל־חוב, און דו סילוקסט נישט. אָבער דו ביסט אַ בעל־בטוח. סוף־כל־סוף וועסטו באַצאָלן דאָס וואָס עס קומט פֿון דיר".

דריי חדשים זענען אַריבער פֿון נישט שרייבן. איך מוז צוגעבן, אַז דאָס איז געווען גאָר אַן אָנגענעמע צייט, אַ רויִקער אָפּשניט פֿון פֿולע צוועלף וואָכן. איך האָב געלייענט, געלערנט און געבלעטערט ספֿרים און ביכער צוליב הנאה בלויז. איך האָב זיך נישט געיאָגט, נישט געאיילט, נישט געלייענט קיין באַשטימטן זשאַנער, נישט געלערנט קיין באַשטימטע מסכתאָ אָדער מדרש. איך האָב שוין לאַנג נישט געהאַט אַזאַ געפֿיל פֿון פֿולקאָמען באַפֿרייען זיך פֿון אַ יאָך. איך האָב זיך אינגאַנצן באַפֿרייט, אַזוי האָב איך געמיינט, פֿון צוואַנג צו שרייבן. ס'איז מיר געווען אַזוי גוט! הינטער מיינע פּלייצעס זענען מיר נישט געשטאַנען קיין סילועטן און געמאָנט „פֿאַרגעס אונדז נישט!". אַלע מאָנונגען צו שרייבן האָבן אָנגעהויבן צו פֿאַרשווינדן.

איך האָב געגאַרט, אַז דער דאָזיקער יום־טוב זאָל לאַנג געדויערן. אָבער אַפֿילו דער לענגסטער יידישער יום־טוב, לאָזט זיך אויס. סוף־כל־סוף האָט ער זיך באַוויזן צו מיר און אָנגעהויבן מאָנען.

זיין גאַסטקומען צו מיר איז נישט געווען אינגאַנצן אומגעריכט. איידער ער האָט זיך צו מיר באַוויזן, האָב איך געהאַט עטלעכע אומזיניקע קאָשמאַר־חלומות, וואָס איך האָב, נאָכן אויסכאַפּן זיך פֿון שלאָף, זייער ווייניק געדענקט די פּרטים. מיט די חלומות האָט זיך אומגעקערט די אומרויִקייט. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז דער יום־טוב איז אַריבער. באַלד וועט ער זיך ווייזן צו מיר און אָנהייבן מאָנען.

און כך הווה.

ס'איז געווען אַ וואַרעמע נאַכט, ווען איך האָב זיך געלייגט שלאָפֿן. איך האָב זיך צוגעדעקט מיט אַ דיגעם ליילעך און ס'איז מיר געווען אַלץ צו הייס. איך האָב זיך אָפּגעדעקט און נאָך אַ היפּשער צייט וואָרפֿן זיך, בין איך איינגעשלאָפֿן. די

פריִערדיקע פּאָר נעכט האָב איך זיך נישט אויסגעשלאָפן, בין איך איצט איינגע־שלאָפן מיט אַ טיפן שלאָף.

שפּעט נאָך חצות חלומט זיך מיר, אַז איך בין אַוועקגעפאָרן מיט מיין פרוי אויף אַ סוף־וואָך, אויף אַ קורצער וואַקאַציע קיין אַטלאַנטיק־סיטי. מיר זענען אָנ־געקומען אַהין פרייטיק און פאַרפאָרן אין אַ האָטעל, וואָס איז געשטאַנען האַרט ביים ים־ברעג. ס'איז מיר געווען ביטער קאַלט. אַ ווינט האָט געבלאָזן פון אָפענעם וואַסער און זיך אַריינגעשניטן אין אַלע אברים. דער האָטעל־באַלעבאָס האָט אונדז געגעבן אַ צימער אויפן דריטן שטאָק. אַלע טאַפּליעס פון די פענצטער זענען געווען אַרויסגעקלאַפּט און דער ווינט האָט געוואָיעט ווי אין מיטן אַ פעלד. ס'האָט מיר געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. איך האָב זיך אָנגעהויבן אויסטאָן און געזאָגט צו מיין פרוי: „זע, צי עס זענען פאַראַן גענוג קאָלדרעס אין וואַנט־אַלמער. איך וועל זיך דערוואַרעמען אין בעט. מיין פרוי האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן צו מיר און איז נישט געוואָרן. איך בין געבליבן שטיין אַ האַלב־נאַקעטער, אַליין אין צימער, ווי צוגע־שמידט צום דיל. מיטאַמאָל פאַלט אַראָפּ אַ וואַנט פון צימער און איך דערזע אונטן די לאָבי מיט דעם עולם שטיין מיט די קעפּ פאַרריסן צו מיין צימער. און איך שטיי פאַר אַלעמען אין די אויגן, אָנגעטאָן בלויז אין קורצע הויזן אָן קנעפּלעך. איך דריי זיך אויס צום עולם און איך וויל געפינען מיט עפּעס צודעקן מיין באַ־קעטקייט, דערפיל איך, אַז דער הינטערשטער טייל פון מיינע קורצע אונטערהויזן האָט אַ הונט אַראָפּגעריסן. איך וויל אַראָפּכאַפּן דעם ליילעך פון בעט צו אַרומ־וויקלען זיך, אָבער דער ליילעך איז צוגעקלעפּט צום מאַטראַץ. איך שטיי פאַרן עולם נאַקעט און באָרוועס, מיט אַן אָפּגעדעקטער שאַנד. עס קלאַפּט מיר אַ צאָן אין אַ צאָן און אַ פּסוק פון ישעיה פּלאָנטערט זיך מיר אין מויל: „ערום ויחף וחשופי שת, ערות מצרים" (נאַקעט און באָרוועס און אָפּגעדעקט פון הינטן די שאַנד פון מצרים).

איך האָב געעפנט די אויגן. דורך דעם אָפענעם פענצטער פון מיין שלאָפצימער האָט געבלאָזן אַ שאַרפער ווינט. די נאַכט איז געוואָרן קאַלט. איך האָב בלינד גע־פונען דעם דינעם ליילעך און דערנאָך — די דיקע קאָלדרע, וואָס איז געלעגן צו־נויפגעלייגט צופוסנס פון בעט. איך האָב זיך איינגעדעקט און האָב זיך באַלד דער־וואַרעמט און זיך צעגענעצט פון תענוג. איך האָב אים דערזען, ווי ער זיצט אויף דעם נידעריקן ברעטל פון דעם בעט צופוסנס. ער זיצט אָנגעטאָן אין מיינע שבת־דיקע קליידער און רויכערט מיט הנאה אַ לאַנגן ציגאַר.

כ'האָב זיך אָנגערופן בייז: „קיין פריינטלעכער פאַרשווין ביסטו נישט. קומסט מיט קעלט און אומבאַקוועמלעכקייט. טוסט מיר אָן בושות, שטעלסט מיך אַרויס צו שפּאָט און אָפּלאַכעניש, אָדם־נאַקעט פאַרן עולם. האָסט מיך פאַרשעמט און דער־נידעריקט".

ער: — דאַרפסט כאַפּן גרינג דעם באַטייט פונעם חלום. איך וויל דיך אָוועקשטעלן מוטער־נאַקעט פאַר דיין עולם, וואָס דו ווילסט אים לערנען, אָדם־הויל, אָן מצוות און אָן מעשׂים־טובים, ווייל איך בין נישט געקומען רעדן צו דיר גלאַטע און זיסע רייד. ניין, איך וויל צו דיר רעדן סורעווע ווערטער. שטרענג! שוין אַ קימאַ־לן פון פופצן יאָר, אַז דו מיידסט אויס אַראָפּצושרייבן אויף פּאַפּיר דיין וויזיע און איצט איז שוין פולע פיר חדשים, אַז דו האָסט זיך איינגאַנצן נישט צוגערירט צו פּען און טינט. ווילסט זיך אויסדרייען פון התחייבותן. מיינסט דאָס, אַז דו האָסט אַ לעבן געפּטרט.

איך: — וואָס מיינסטו „אַ לעבן געפּטרט?" ווי באַלד, אַז איך קען נישט אויפשרייבן די וויזיע אויף פּאַפּיר, האָב איך אַ לעבן געפּטרט?

ער: — עס איז נישט נאָר דאָס נישט אַראָפּשרייבן פון דער וויזיע אויף פּאַפּיר, עס איז דאָס נישט קענען דערפירן דיין אַרבעט צום ציל. די נישט־אָנגעשריבענע וויזיע שטערט דיר אָנצושרייבן דיין עיקר־אַרבעט „דער מהות פון ייִדישקייט" און דעם דריטן טייל פון „וואָרצלען", וואָס דאַרף זיין אין דער בעלעטריסטישער פאָרעם די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דיין ייִדישן וועלט־באַנעם. די מוזסט פריִער אָנשרייבן די וויזיע, כדי דו זאָלסט ווייטער קענען שרייבן פריי. דו פּלאָנטערסט זיך שוין אין דעם איבער אַ יאָר. האָסט פּאַקטיש אויפגעהערט צו שרייבן.

איך: — עס שרעקט מיך אָנצושרייבן די וויזיע. איך האָב מורא, אַז דער גאַנצער קאָשמאַר פון דער טיפער איבערלעבעניש, וואָס האָט געדויערט יאָרן, זאָל ווערן נישט מער ווי אַ שטיקל שיינע ליטעראַטור. מען וועט עס לייענען ליגנדיק בהרחבה אויסגעצויגן אויף אַן אָנלען־שטול, אין איין האַנט אַ קאָקאָ־קאָלאַ און אין דער אַנדערער — די אָנגעשריבענע וויזיע. איך וואָלט עס געוואָלט אָנשרייבן, אַז ס'זאָל אויפּרודערן דעם לייענער אַזוי, אַז ער זאָל נישט וועלן בלייבן ביי זיין אַלטן לעבן. ער זאָל עס נעמען ווי אַ וועגווייזער און — נישט איבערלייענען עס איין מאָל, נאָר לערנען ווידער און ווידער, כדי...

ער: — אַפילו ווען עס זאָל דיר געלינגען אַריינצוגעבן דיין גאַנצע אומרו און דיין גאַנצן קאָשמאַר און דיין אייגענעם איבערבראָך אין דער באַשרייבונג, — קען עס נישט ווערן קיין וועגווייזער, קיין ספר צום לערנען. היינטיקער דור איז נישט מסוגל צו דעם. ס'איז שווער פאַרן מאָדערנעם מענטשן צו באַפרייען זיך פונעם געדאַנק, אַז דאָס געשריבענע איז בלויז ליטעראַטור לשם הנאה. אויך פאַרן שרייבער אַליין. טו טאָקע אַ טראַכט וועגן זיך. עס האָט דיר גענומען יאָרן און יאָרן עפּעס וואָס צו ענדערן אין דיין טאָג־טעגלעך לעבן און וויפל האָסטו געענדערט? דו לעבסט ווייניק לויט דיינע אָנווייזונגען. איז — ווי אַזוי קאָן ווערן דאָס וואָס דו שרייבסט, אַ ספר, וואָס זאָל מדריך זיין אַנדערע?

דאָך פאַרשטיי איך דיין צוריקגעהאַלטנקייט, דיין קווענקלען זיך אַראָפּצו־

שרייבן דיין וויזיע אויף פּאַפּיר. דו האָסט מורא, אַז נאָכדעם ווי דו וועסט עס אָנ־שרייבן, וועסטו זיך באַפרייען פון איר ווירקונג, ווייל דאָס אָנגעשריבענע וועט דאָך ביי דיר אויך ווערן אַ שטיק שיינשרייבעריי. נו, איך מיין, אַז מסתמא וועט עס טאַקע אַזוי זיין. אָבער דאָס וועט זיין אַ טובה פאַר דיר. וועסט קענען אָנגיין מיט דיין לעבן, מיט דיין ווייטערדיק שרייבן. נאָר איך זאָג דיר צו, אַז איך וועל שטיין איבער דיר און דיך היטן, דו זאָלסט נישט אַריינפאַלן אין קיין צופיל רעטאָריק און שיין־שריי־בעריי. אָבער אינגאַנצן עס אויסמיידן וועסטו נישט קענען. ס׳איז אוממעגלעך און אפשר נישט נייטיק. איז — הייב אָן, און איך וועל וואַכן איבער דיר.

קאַפּיטל זעקס

# שרעק און צעטומלעניש

די ליידן און די פאַרפאָלגונגען פון די ייִדן אין פּוילן אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן פונעם היינטיקן יאָרהונדערט, האָבן מיך צו שטאַרק נישט באַאומרויִקט און גאָר ווייניק באַווירקט און נאָך ווינציקער געשראָקן. דאָס זעלביקע איז געווען, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשטאַרקן דער אַנטיסעמיטיזם אין דייטשלאַנד. נישט איך האָב זיך דערשראָקן, נישט איך האָב פאָרויסגעזען עפּעס קאַטאַסטראָפאַלעס. פאַר מיר איז דער עמק־הבכא (פון יוסף הכהן) אָדער דער ספר הדמעות (פון ד״ר שמעון בערנפעלד) נישט געווען גלאַט צוויי היסטאָרישע ספרים פאַר אַ לימוד, נאָר — טאָג־טעגלעכע פּאַראַלעלן צום היינטיקן לעבן. אַנטיסעמיטיזם איז געווען פאַר מיר די נאָרמע אין ייִדישן לעבן און אַ רויִקע צייט נישט מער ווי אַן איבעררייס־אַפּשניט. דערצו איז ממש געווען איינגראַווירט אין מיין עצם־מהות, אַז די וועלט פּראָגרעסירט. די מענטשן ווערן בעסער און בעסער און אויך די געזעלשאַפט — הומאַנער. היינטיקע צייטן, ווי שלעכט זיי זאָלן נישט ווערן, קאָנען קיינמאָל נישט זיין אַזוי גרויזאַם, רשעותדיק, ווי אַמאָליקע צייטן. דאָס איז געווען אַ טיף־איינגעוואָרצלטע אמונה אין מיין דור. איך געדענק, ווי מיר האָבן געלייענט בחברותא, איידער איך בין אַפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, ס׳מיינט, פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַ מאמר פון נחום סאָקאָלאָוו:

„וואָס קען די צוקונפט ברענגען? זי קען נישט ברענגען קיין גרעסערע און שטאַרקערע רדיפות און אויך קיין רויִקערע צייטן און מער פּריווילעגיעס, וואָס מיר האָבן געהאַט אין דער פאַרגאַנגענהייט. דער איצטיקער בלוט־בלבול (ביילים) מיט אַלע זיינע אומווירדיקייטן און מיאוסקייטן, קען נישט זיין אַזוי שעדלעך און רציחותדיק, ווי דער עלילת־דם פון טריאַנט. און דער עלילת־דם, וואָס וועט זיין אַ יובל, אָדער צוויי יובלות שפּעטער, וועט לויט אַלע געזעצן פון דער הומאַנישער אַנטוויקלונג, נישט קענען זיין אַזוי מנוולדיק ווי דער איצטיקער. דער טאָרקוועמאַדאָ פונעם פופצנטן יאָרהונדערט קאָן איצט זיין בלויז אַ שטעקער (אַ דייטשער טעאָרעטישער אַנטיסעמיט) אָדער פּאָבעדאָנאָסצעוו, (אַ רוסישער אַנטיסעמיט) עס מיינט, אין אַ שוואַכערער און פאַרקירצטער אויפלאַגע, אָדער פאָרם. דער גירוש פון פיליפּ דעם שיינעם (אינעם דרייצנטן יאָרהונדערט), אָדער פון די צייטן פון פערדינאַנד און איזאַבעלאַ (גירוש שפּאַניע) מוז געטאָן ווערן אין היינטיקע צייטן

צוביסלעך און פאַרשטעלט. אָבער לאָמיר אָננעמען, נישט אַרויסרעדן פון מויל, אַז די אַלע אומגליקן קאָנען ווידער אויפקומען אין זייער גאַנצער פולקייט, האָבן זיך די אַלע פורעניותן שוין אויסגעלאָזן צו אונדזערע קעפּ און נישט געבראַכט אונדזער אומקום". (העתיד, ספר רביעי, הוצאה שניה, תרפ"ג, ז"ז 140־141).

נאָך אַ פאַקטאָר איז געווען אין דעם, וואָס איך האָב זיך נישט געשראָקן פאַרן בייעם אַנטיסעמיטיזם איז, וואָס איך אַליין האָב קיינמאָל נישט דורכגעלעבט קיין פּאָגראָם און איך האָב בכלל נישט געליטן, אָדער כמעט נישט געליטן פאַר מיין ייִדישקייט און פון מיין ייִדישקייט. צוליב דעם האָב איך געהאַלטן, אַז ס'איז היפּש איבערגעטריבן, וואָס די פּרעסע שרייבט וועגן דער חיהשער שנאה צו ייִדן אין פּוילן און דייטשלאַנד. אָט האָט מען פאַרגעשטעלט די צייט, וואָס איך האָב געלעבט אין רוסלאַנד, ווי אַ פינצטערע צייט פון פאַרפאַלגונגען, גרויזאַמקייטן, דלות און נויט, שרעק און מורא פאַרן גוי. אָבער איך האָב געדענקט דאָס רויִקע לעבן פון שטעטל, אַן אָרעם לעבן, אָבער נישט קיין מנוולדיקער דלות און היפּש העכער פונעם סטאַנדאַרט פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג. מיר האָבן געשפּאַצירט רויִק אין די אַרומיקע וועלדער, געבאָדן זיך אין טייך אָן שרעק, געפאָרן איבער די נישט־ייִדישע ישובים אָן מורא. בקיצור, דאָס שטעטל האָט בדרך־כלל געפירט אַ רויִק, שיין ליכטיק לעבן.

איך האָב געהאַלטן, אַז בדרך־כלל טרייבט איבער דאָס פאַרשריבענע וואָרט די געשעענישן פון דער צייט. אָט ווען מען לייענט די נביאים ראשונים, מיינט מען, אַז די גאַנצע תקופה פונעם ערשטן בית־המקדש איז געווען אַ צייט פון אומרוען און מלחמות, און שרעק. אויב מען לייגט נאָך צו צו דעם די נביאים אַחרונים, קומט אויס, אַז עס איז אויך געווען אַ צייט פון גנבה און גזלה און אונטערדריקונג בכלל. עפּעס ווי אַ שווערער וואָלקן ליגט אויף דער גאַנצער תקופה. צו פאַראַפראַזירן דעם נביא צפניה, איז עס געווען:

„אַ צייט פון צאָרן, אַ צייט פון נויט און אומגליק, אַ צייט פון צעשטערונג און פאַרוויסטונג, פון חושך, פון וואָלקן און נעפּל, פון שופר־שאַלונג און פון אַנגסט. זיי זענען אומגעגאַנגען ווי בלינדע, ווייל זיי האָבן געזינדיקט צו גאָט. דערפאַר וועט זיך זייער בלוט גיסן ווי זאַמד און זייער פלייש וועט זיך וואַלגערן ווי מיסט".

אָבער ס'איז דאָך באמת נישט געווען אַזוי. אין דער תורה, אין די נביאים און אין די כתובים געפינען זיך נישט נאָר רעליגיעזע געזאַנגען און שטראָף־רייד, נאָר אויך וויין־לידער, אַרבעטס־לידער, חתונה־לידער, שפּאַט־לידער, מלחמה־לידער און נקמה־לידער (זע התקופה, ספר שלישי, התנ"ך לפי השערת מבקריו, מאת י. ח. טביוב).

דערצו זענען דאָך דאָ אין תנ"ך צוויי ספרים, וואָס ווייזן אָן אויף אַ נאָרמאַל טאָג־טעגלעך לעבן — שיר השירים און רות. ס'האָבן דאָך געמוזט זיין לאַנגע

צווישנצייטן מיט אַ נאָרמאַל לעבן, כדי עס זאָלן קענען אויפקומען אַזעלכע וווּנדער־לעכע ליבע־לידער ווי אין שיר השירים. נישט נאָר זענען דאָ אין די לידער זודיקע עמאָציאָנעלע גלוסטעניש, נאָר אין זיי איז דאָ אויך אַן אידיליש לעבן, אַ רויִק, שטיל, זאַט לעבן. און אין רות פליסט דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן אָן שרעק און אָן מורא, אָן אויסגעשריי פונעם אונטערדריקטן און אָן נצחון־ברום פונעם אונטער־דריקער. פעלד־אַרבעטער ווילצלען זיך ביי דער אַרבעט, מען טרייבט רכילות אין שטאָט. עס זענען דאָ איינגעשטעלטע מנהגים, וואָס קומען אויף נאָר, ווו עס איז דאָ פאַר אַ לענגערער צייט אַ רויִק, איינגעוואָרצלט לעבן, נישט געשטערט פון צו אָפטע קאַטאַסטראָפעס.

אַט אַזוי האָב איך דאָ אין אַמעריקע אויפגענומען די אומגליקן אין פוילן. איך האָב געטענהט צו זיך: „אַט נישט געקוקט אויף דער שנאה און רעכט־באַגרע־נעצונגען פון די ייִדן, זענען דאָ ייִדישע שולן מכל האידעאָלאָגיעס, ייִדישע פּאָלי־טישע פּאַרטייען, וואָס שטורעמען און שרייבן און האָבן די קאָאָפּעראַציע, אמת, אַ באַגרענעצטע, פון די נישט־ייִדישע פּאַרטייען און אינטעלעקטואַלן. איצט, מיט דעם אויפקום פונעם חיהשן אַנטיסעמיטיזם אין דייטשלאַנד, וועלן ייִדן זיך אויך אַן עצה געבן”.

שווידערלעכע סימנים האָבן פאַר אונדז זיך באַוויזן: שיפן, אָנגעפּראָפּטע מיט אַרויסגעטריבענע ייִדן, זענען געשוווּמען איבער די ימים, און קיינער האָט זיי נישט אַריינגעלאָזט, אויך נישט אַמעריקע. עס האָבן זיך געוואַלגערט צווישן גרענעצן אַרויסגעטריבענע ייִדן; פרויען, מענער און קינדער האָבן געוווינט איןביידלעך, קנאַפּ באַשיצט פון רעגן און קעלט, אָן קיין שום האָפענונג אויף אַ זיכערן, אָדער אומזיכערן, דערוויילקן מקום־מקלט. אָבער מאָדנע! נישט נאָר בין איך נישט אַרויס פון די כלים, נאָר אויך דער רוב מנין ובנין פון די ייִדן אין אַמעריקע איז אָנגע־גאַנגען מיט זיין פּערזענלעך טאָג־טעגלעך לעבן און זיין געוויינטלעכן קהלישן לעבן, אָן קיין שום אמתן באַגריף און פאַרשטענדעניש פאַרן גרויסן שטורעם־אומגליק, וואָס קלייבט זיך אויף אונדז.

דורך דער צייט פון מלחמה האָבן זיך דורכגעזייט צו אונדז „ווילדע” ידיעות. פשוט — מע פאַרגאַזט, מע פאַרברענט אַלע ייִדן פון אייראָפּע. איך האָב נישט גע־גלייבט די ידיעות. נאָך דער מלחמה, ווען איך האָב אויסגעפונען, אַז די אַלע ווילדע ידיעות זענען געווען דער גרויזאַמער אמת, בין איך אויפגעטרייסלט געוואָרן ביז דער גרענעץ פון צוזאַמענברעכן גייסטיק.

די אויפטרייסלונג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פיזישער שרעק, אין אַן אמתער פּאַביע.

איך כאַפּ זיך אויף אין דער טויבקייט פון אין מיטן דער נאַכט. אין דרויסן וואָיעט אַ ווינט. איך ווייס, אַז מיך און מיין פרוי האָט די געסטאַפּאָ שוין צוגעגר־

מען. מיינע צוויי טעכטער, יהודית, פופצן יאָר און מרים זיבן יאָר אַלט, זענען אַנטלאָפן און זיי באַהאַלטן זיך אויס אויף דעם גרויסן קאַטוילישן צווינטער, וואָס איז אַ האַלבע גאַס פון אונדז און ציט זיך אויף גאַסן לאַנג. איצט, אינמיטן דער נאַכט, האָבן זיי זיך שטיל אַרויסגעשאַרט פון צווינטער. זיי זענען הונגעריק און האַלב־פאַרפרוירן. די עלטערע, יהודית, האַלט צוגעטוליעט די קליינע מרים צו זיך און זיי קלאַפן אָן אין אַ טיר פון אונדזער גויִישן שכן.

איך רעכן איבער: ווער פון די שכנים וועט זיי אַרויסטראָגן ברויט און מילך, און אַ בגד? ווער פון די שכנים וועט אפשר איינשטעלן און זיי אויסבאַהאַלטן בײַ זיך אין קעלער? ווער פון די שכנים וועט זיי אַרויסגעבן צו דער געסטאַפּאָ?

עס באַפאַלט מיך אַן אַנגסט. איך ווייס, אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט. היטלער האָט זיך אָנגעטאָן אַ מיתה־משונה; עס איז נישטאָ קיין געסטאַפּאָ. מײַן זון איז אין קאָרעאַ, אַן אָפיצער דאָרט. יהודית שלאָפט רויִק אין איר בעט אין איין צימער. מרים שלאָפט אין אַן אַנדער צימער, אָבער איך ווייס אויך, אַז זיי בלאָנקען אום אין גאַס, באַהאַלטן זיך אויס פון דער געסטאַפּאָ, און די שכנים, די גויִישע שכנים — וועלן זיי העלפן די קינדער? אָדער וועלן זיי ביידן, יהודיתן און מרימען אַרויסגעבן צו די מלאכי־חבלה?

איך גיי אַראָפּ פון בעט און לויף אַרײַן אין די שלאָפצימערן פון די קינדער, זיך אַליין איבערצייגן, אַז מײַן שרעק איז אַן אומזיסטע.

אַזוי נאַכט איין, נאַכט אויס.

די טעג זענען נישט געווען בעסער. איך האָב זיך געמאַכט אַ טבע, אַז ווען איך האָב נאָר געהאַט צייט, פלעג איך פאַמעלעך אָנהייבן גיין פון דעם עק גאַס. ביים צווינטער, ווו די גאַס האָט זיך אָנגעהויבן, און געשפּאַצירט ביז אַרויפצו, צו דער עוועניו, באַקוקט יעדע שטוב, ווו אַ נישט־ייִדישער שכן האָט געוווינט, און אים געשאַצט: איז ער אַ גוטער גוי? וועט ער אַרויסטראָגן אַ שטיקל ברויט אין דער בלינדקייט פון דער נאַכט צו מיינע צוויי קינדער, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אין צווינטער? און אָט דער גוי?... דאַכט זיך, אַז ער איז באמת אַ גוטער מענטש. ער וועט אפשר זיי אויסבאַהאַלטן אין קעלער. ווען ער פאַרשטעלט מיט ברעטער דעם ווינקל הינטער דעם אויל־טאַנק, וואָלט עס געווען אַן אמת־גוטע באַהעלטע־ניש. קיינמאָל וואָלט קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז דאָרט זענען פאַרשטעקט צוויי ייִדישע קינדער. אין דעם הויז? אָ, ער איז אַ רשע־מרושע. איך געדענק אים נאָך, ווען מײַן דוד האָט זיך געשפּילט מיט זײַן ייִנגל. וויפל צרות איך האָב געהאַט מיטן דאָזיקן בייזן גוי. ער וועט מסתמאָ פאַרקויפן מיינע ביידע קינדער צו דער געס־טאַפּאָ פאַר אַ האַלב פונט צוקער.

איך גיי פאַרביי אַלע הייזער פאַמעלעך. איך באַקוק זיי נישט געאײַלט. גאָר אָפט באַגריסט מיך אַ נישט־ייִדישער שכן מיט אַ שיינעם „גוט־מאָרגן, דאָק", אָדער

„האַו דו יו דו" (וואָס מאַכט איר). ער פרעגט זיך נאָך אויף מיין זון, וואָס איז אין דער אַרמיי און אויף מיין יהודיתן און מרימען. איך ענטפער אים פריינטלעך, ווי עס פּאַסט פאַרן עלטסטן איינוווינער אין „בלאָק". אָבער אין דער זעלביקער צייט, וואָס איך פיר מיט אים דעם פריינטלעכן שמועס, באַקוק איך אים מיט חשד און וויל ביי זיך זיין זיכער מיט זיין האַנדלונג אין דער צייט, ווען דער אומגליק וועט קומען.

איך האָב ביי זיך אויך געמאַכט אַ מידה פאַרבייצוגיין אָפּט דעם קאַטוילישן קלויסטער, וואָס איז נאָר דריי גאַסן פון מיין הויז. איך שטעל זיך אַוועק נישט זוייט פון אים און באַקוק דורך די אָפענע פענצטער די גלחים און די מאַנאַשקעס, וואָס פירן אָן מיט דער „פּאַראָקיעל שולע". איך קוק און קוק אויף זיי, און די רעאַליטעט מיט דער פאַנטאַזיע מישן זיך אויס. איך בין איצט זיכער, אַז דער אומגליק איז שוין דאָ און איך בין געקומען אַהער צו בעטן שוץ פאַר יהודיתן און מרימען. איך שטיי פאַרשטאַרט. ס'איז צוועלף אַזייגער. די קלאַסן ווערן צעלאָזן. די גלחים און די מאַנאַשקעס גייען אַריבער פון שול־בנין צום עס־צימער. זיי באַ־מערקן מיך. אַ סך פון זיי זענען מיינע פּאַציענטן פון לאַנגע יאָרן. זיי שטעלן זיך אָפּ לעבן מיר, באַגריסן מיך, פרעגן זיך נאָך אויף דודן, וואָס טוט ער אין דער אַרמיי? ער, מיט זיין קאָפּ, איז מסתמא נישט פאַרפאַלן געוואָרן. יאָ, זיי האָבן גע־לייענט אין צייטונג אַ באַריכט, ווי ער האָט דערציילט וועגן דער משונהדיקער האַנדלונג פון די רוסן אין קאָרעאַ. און — וואָס מאַכן יהודית און מרים? איך שמועס מיט זיי פריינטלעך און איך ווייס, אַז די מלחמה אין איראָפּע איז געענדיקט. היט־לער האָט זיך אָנגעטאָן אַ מעשה. ס'איז דאָ, אין אַמעריקע, נישטאָ קיין נאַציזם. מע כאַפּט נישט קיין ייִדישע קינדער אין די גאַסן. ביידע, יהודית און מרים, זענען אין דער פּאַבליק־סקול. קיינער טשעפּעט זיי נישט. קיינער באַלעסטיקט זיי נישט. מיט מיינע ייִדישע שכנים לעב איך רויק. אָבער דאָך ווייס איך אויך, אַז דער אומ־גליק איז דאָ. מע דאַרף באַהאַלטן די קינדער. „ניין, ביסט משוגע געוואָרן?" — טענה איך צו זיך, אָבער איך האַלט זיך איין מיט אַלע כוחות נישט צו פרעגן:

„ס'איז דאָך אַן אומגליק איצט אין לאַנד. איר, ווי די שכנים און גוטע קריסטן, וועט איר אויסבאַהאַלטן מיינע צוויי יונגע קינדער? ביי אייך אין קלויסטער וועלן די שונאים נישט וואַגן זוכן".

ס'איז מיר צוגעקומען נאָך אַ צעטומלעניש און שרעק. איך קאָן שוין מער נישט גיין צו קיין שום פאַרזאַמלונג, אָדער צו וועלכער עס איז פייערונג, וווּ עס קומט זיך צונויף אַ גרויסער קהל ייִדן. אָט גיי איך אַריין אין אַ שיינעם באַלויכ־טענעם זאַל, ס'איז דאָ אַ גרויסער עולם ייִדן. מע לאַכט, מע רויכערט, מע וויצלט זיך, מע טומלט זיך און מע וואַרפט זיך דורך מיט אויסרופן. איך בלייב זיצן אין אַ ווינקל און איך זע נישט דעם זאַטן און צופרידענעם עולם. פאַר מיר איז דער קהל

ייִדן אַ צונויפגעטריבענער. עס באַוואַכן אים דייטשע שטורעם־טרופּערס. זיי שרייען, שטופּן ווילד אַכזריותדיק דעם עולם. אָט זענען מיר איינגעפּאַקט אין פּראַכט־וואַגאָנעס. אַזוי פיל מענטשן זענען אַריינגעשטופּט געוואָרן אין די וואַגאָנעס, אַז מען קאָן נאָר שטיין צונויפגעפּרעסט. מענער, פרויען, קינדער, יונג און אַלט זענען צונויפגעקוועטשט. אַ קינד שטאַרבט, בלייבט עס שטיין. אַ מאַן שטאַרבט, בלייבט ער שטיין; אַ פרוי שטאַרבט, בלייבט זי שטיין, אָט ווי פריִער, צונויפגעקוועטשט, זיי שטייען גלייך און קוקן אויפן עולם. ס'איז אַ שווידערלעכער גערוך אין דעם פאַרשטיקטן וואַגאָן, געשטאַנק פון שווייס, פון אָפּפאַל, פון פאַרגליווערטער לופט און פון טויט. קרעכצן, אויקען, ווילדער געלעכטער און פאַרשטיקטע אויסגעשרייען.

דאָ, אויף דער בינע שטייט אַ זינגער און זינגט. דער עולם אַפּלאָדירט און פייפט צווישן־אויסרופן. און איך בין מיט דעם טראַנספּאָרט אין פאַרשפּאַרטן וואַגאָן. איך הער דאָס קלאַפּן פון רעדער און אָטעם איין פאַרשטיקטע לופט.

איך קען מער נישט אויסהאַלטן. איך אַנטלויף פון זאַל.

עס ווערט מיר ערגער און ערגער. ס'ווערט מיר אַזוי שווער אָנצוגיין מיט מיין טאָג־טעגלעכער אַרבעט. איך מאַך ביי זיך אָפּ, אַז איך דאַרף צוגיין צו אַ דאָקטער. איך בין אַוועק צו אַן אַלטן באַקאַנטן מיינעם. ער איז אַ גוטער פּסיכיאַטאָר, דער הויפּט פון אַ שטאַט־אינסטיטוציע פאַר גייסטיק־קראַנקע.

איך בין געקומען צו אים און ביי אים אָפּגעזעסן שעהנלאַנג. ער האָט מיך אויסגעהערט און דערנאָך מיך איבערגעפּרעגט וועגן דעטאַלן און מיר געענטפערט:

„ס'קיין נייעס נישט פאַר אונדזערן אַ ייִדן, אין היינטיקע צייטן, נישט זיין עפּעס וואָס צערודערט. איך אַליין קען זיך נישט באַפרייען פון אַ געוויסער גראַד פון שרעק. ניין, בעסער וואָלט איך געזאָגט, פון אומרויִקייט. מסתמא טראָגן זיך אַרום ייִדן, אַזוינע ווי איר אין די טויזנטער, מיט אַנגסטן און אַפילו מיט האַלוצי־נאַציעס און קאָשמאַר־חלומות. איר זייט דאָך באַקאַנט מיט דער ייִדישער און העב־רעיִשער ליטעראַטור אַ סך מער פון מיר — ווייסט איר דאָך וויפל לידער און דער־ציילונגען און פאַנטאַזיעס עס האָבן געשריבן וועגן אונדזער אומגליק שרייבער, וואָס זענען דאָרט נישט געווען. מיר איז לכתחילה געווען פריקרע צו לייענען די דאָזיקע שאַפונגען, ווייל זיי האָבן אויסגעזען אין מיינע אויגן פאַלש און געקינצלט. ביז איך האָב זיך געכאַפּט ווי אַ פּסיכיאַטאָר, אַז די אַלע שאַפונגען זענען געווען נישט וועגן די ייִדן, וואָס זענען דאָרט געווען, נאָר יעדער שרייבער האָט געשריבן וועגן זיך און געפּרוווט זיך פאַרשטעלן, ווי וואָלט געווען, ווען ער וואָלט דאָרט געווען. וואָלט ער אויסגעהאַלטן דעם נסיון? וואָלט ער געבליבן מיטן צלם אלהים, צי נישט? די אַלע דערציילונגען און לידער און נאָוועלן זענען געווען אַ מין זעלבסט־באַפרייונג.

„נו, דאַרפט איר אויך אַזוי טאָן: באַשרייבט אייערע האַלוצינאַציעס. בעסער

וואָלט געווען, ווען איר מאַכט פון זיי דערציילונגען און נאָוועלן. ביי אייך וואָלטן זיי געווען די אמתע עכטע שאַפונגען, ווייל איר פאַרשטעלט זיך נישט פאַר אַ ייִדן, וואָס איז געווען אין טרעבלינקע, אָדער אוישוויץ, און באַשרייבט יענע דאָרטן, נאָר איר באַשרייבט אייערע אייגענע ייִדישעליידן, אָט־דאָ, אין אַמעריקע. איך מיין, אַז ווי נאָר איר וואָלט אַראָפּגעשריבן אייערע האַלוציניאַציעס אויף פּאַפּיר, וואָלט איר זיך פון זיי באַפרייט. ניין, איר וואָלט זיך באַפרייט פון אַלע אייערע פּסיכאָזן. קיין אַנדער רפואה האָב איך נישט פאַר אייך.

איך האָב געפּרוּווט פּאָלגן, און נישט געקענט. ס׳האָט זיך נישט געשריבן.

אין אַ מאָמענט פון דערשלאָגנקייט האָט זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט אַ נדר נישט צו עסן קיין פלייש און נישט צו פאַרזוכן קיין באַרוישנדיקע געטראַנקען אַ פולן יאָר. קיין לאָגישע דערקלערונג פאַר דער פאַרבינדונג פונעם נדר מיט מיין אומרויִקייט האָב איך נישט געהאַט און נישט געקאָנט צוטראַכטן. מיין פריינט, דער פּסיכיאַטאָר, האָט מיר געזאָגט, אַז עס איז אַ מין אַטאַוויזם, עס הייסט, אַז אין אַן עת־צרה כאַפּט זיך אַ מענטש אָן אין אַ געוויסן מנהג, אָדער — טאַבו, וואָס דער טאַטע זיינער, אָדער דער זיידע האָט געהאַלטן פאַר אַ סגולה קעגן אומגליקן. גאָר נישט זעלטן ווירקט עס.

מסתמא איז ער געווען גערעכט: טאַקע, דאָס נישט עסן קיין פלייש אין ערגעץ נישט און קיינמאָל נישט, אַפילו אויף באַנקעטן, אָדער אויף וואַקאַציע אין האָטעלן און קעמפּס, וואָס האָט מיר פאַרשאַפט גאָר אַ סך אומבאַקוועמלעכקייטן, האָט מיך אָנגעהויבן צו באַרויִקן. מיינע קאָשמאַרן זענען געוואָרן זעלטענער און זעלטענער. איך האָב ביסלעכווייז אָנגעהויבן גיין אויף פאַרזאַמלונגען און צונויפקומענישן, און מער נישט געהאַט קיין האַלוציניאַציעס. טאָמער יאָ אַמאָל, האָב איך באַלד ביי זיך דערפילט, אַז עס איז נישט מער ווי אַן אילוזיע, אַ האַלוציניאַציע, און — זי ביי־געקומען.

ס׳זענען אַוועק פיר חדשים, און איך האָב געמיינט, אַז איך בין פּטור געוואָרן פון מיין חולאַת. אָבער איך האָב אַ טעות געהאַט.

ס׳איז געווען אינמיטן זומער. איך בין אַרויסגעפאָרן קיין בוּיבעריק אויף אַ פּאָר וואָכן אָפּרו. דאָרט איז געווען איינגעשטעלט, אַז דאָנערשטיק אָוונט ווערט דורכגעפירט אַ קעמפּ־פייער. צו דעם קעמפּ־פייער קומען אַלע געסט. דער סטעף פאַרווייַלערס פירט דורך אַ לייכטע פּראָגראַם פון שאַרזש, געזאַנג, דעקלאַמאַציעס, פאַרלייענונגען און געזאַנג בציבור. צום סוף גיט מען אַ לייכטן צוביים. איך האָב שוין אינגאַנצן פאַרגעסן מיינע האַלוציניאַציעס און איך בין אַוועק צום קעמפּ־פייער אַן אויסגערוטער, אַ זאָרגלאָזער, ווי געווינטלעך, ווי איינער וואָס איז אויף וואַ־קאַציע.

אינמיטן פון אַן אַקטיאָרס זינגען אַ פריילעך לידל איז מיר באַפאַלן די האַלו־

צינאַציע. זי איז געווען אַזוי ממשותדיק־רעאַל, אַז ס'האָט מיך באַשלאָגן אַ קלע־פּיקער, דיקער שוויס. איך האָב מיט ציטערדיקע, טרוקענע ליפּן געהאַלטן אין איין איבערחזרן צו זיך: „דו מוזט זיך ראַטעווען! דו מוזט זיך ראַטעווען!".

אָבער ווי אַזוי קאָן איך זיך ראַטעווען, ווען דער גאַנצער עולם ייִדן איז אַרומ־גערינגלט מיט עס־עס־טרופּן?

איך האָב זיך דערטראַכט צו אַ מיטל. איך בין געזעסן אויפן גראָז אונטער אַ בוים. האָב איך זיך פּאַמעלעך אויסגעצויגן אויף דער ערד און אָנגעהויבן זיך קייק־לען ווייטער און ווייטער פונעם עולם, ביז איך האָב זיך אַריינגעקייקלט אין אַ טיפן שאָטן. נישט באַמערקט פון קיינעם, האָב איך זיך אויפגעשטעלט און אַנטלאָפן צו זיך אין צימער. איך האָב אויפגעפּראַלט די טיר און אַ וואָרף־געטאָן זיך אין בעט און איינגעגראָבן דאָס פּנים אין קישן.

ווי נאָר איך האָב זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט, האָב איך דערשפּירט, אַז דער פּחד איז געווען נאָר אַ האַלוצינאַציע. אָבער אַזוי רעאַל איז געווען די איבערלע־בונג, אַז איך האָב זיך נאָך אַלץ געטרייסלט פון שרעק. דערצו האָב איך איצט דער־פילט, אַז איך בין קראַנק, פּסיכיש טיף צערודערט, און ווער ווייסט וווהין מיין צע־רודערונג קען מיך דערפירן. איך האָב איינגעגראָבן דעם קאָפּ טיף אין קישן, גע־וואָלט דערשטיקן מיין געוויין, אָבער איך האָב עס נישט געקאָנט אָפּשטעלן.

איך האָב געהעשעט, ווייל דער פּחד פאַר דער האַלוצינאַציע האָט זיך נאָך נישט אויסגעוועפּט, ווייל איך האָב געוווסט, אַז עס איז געווען נישט מער ווי אַ האַלוצינאַציע און איך האָב זיך דערשראָקן, אַז איך ווער פּסיכיש קראַנק. נאָך מער האָב איך געוויינט, ווייל דער גאַנצער אומגליק איז דאָך איין גרויסער אומזין. קידוש־השם אָן ברירה, אָן אַרויפגעצוווּנגענע בשותפותדיקייט אויף ייִדן, וואָס האָבן לאַנג־לאַנג אויפגעהערט צו פילן וועלכע עס איז בשותפותדיקייט מיט אַנ־דערע ייִדן. און ווי קאָן גאָט זיין אַזאַ אכזר צו דערלאָזן אַזאַ אכזריותדיקייט? איז דאָס נישט פון גאָט, איז דאָך לית דין ולית דיין? ווו איז בכלל דער זין — צונויפ־צוטרייבן מענטשן אָן אַ בשותפותדיקער אמונה, אָן אַ בשותפותדיק לשון, אָן אַ געפיל פון אָנגעהעריקייט צו אַן איינהייטלעכער עדה און זיי דערקלערן ווי ייִדן, כדי זיי אויסצוקוילען?

שרעק און אומזין, גרויל און אומדערטרעגלעכקייט, אַ שרעק, וואָס ווערט פּחדנות, ווייל דער איינציקער אויסוועג איז אומקום. זינלאָזער אומקום איז כאַאָס, קלעפּט זיך נישט מיט האָפענונג און לעבן.

איך בין איינגעשלאָפן פון אויסגעשעפּטקייט. ווי לאַנג איך בין געשלאָפן, האָב איך נישט געהאַט קיין באַנעם. אָבער עס איז מסתמא געווען אַ היפּשע צייט, ווייל ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז דער קעמפּ געווען אינגאַנצן פינצטער און די

דרויסנדיקע עלעקטריק ווערט אויסגעלאָשן ערשט נאָך האַלבער נאַכט, און דער קעמפ־פייער הייבט זיך אָן האַלב נאָך אַכט.

איך בין געלעגן אין דער פינצטער און געפילט, אַז עמיצער דרייט זיך אַרום אין צימער. מיטאַמאָל איז ליכטיק געוואָרן אַרום מיר. איך האָב זיך אויפגעזעצט אין בעט. אין מיטן צימער איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש. אַן עלטערער ייִד מיט אַן איינגעבויגענער פלייצע און אַ געדיכטער באָרד האָט אויסגעשטעלט שטולן אַרום טיש. איך האָב אים באַלד דערקענט! עס איז דאָך שמערל נאַר, דער העלד פון מיין ערשט בוך.

איך האָב זיך נישט געוווּנדערט, ווי אַזוי עס האָט אַהער אָנגעשפּאַרט שמערל נאַר. איך האָב זיך אויך נישט געוווּנדערט, פון וואַנען עס האָבן זיך גענומען אין מיין צימער, אין בויבעריק, אַ לאַנגער טיש מיט אַ פּאָר צענדליק שטולן. איך בין געזעסן אויפן ברעג פונעם בעט און געוואַרט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם צו זען, וואָס דאָ וועט געשען.

קאַפּיטל זיבן

# די וויזיע

איידער איך דערצייל וועגן דער וויזיע, מוז איך קלאָר מאַכן דעם איינשטעל פון צייט. די וויזיע איז טאַקע נישט געווען קיין איינמאַליקע, אָבער אין גדעכעניש האָט זי זיך ביי מיר אָפּגעשטעלט ווי אַן איינמאַליקער פּאָרטרעט. צוליב דעם זע־נען דאָ, אין מיין איבערגעבן די זעונג, סתירות סיי אין צייט, סיי אין געשעענישן. אָבער מע דאַרף אויפנעמען מיין וויזיע ווי אַ פאַנטאַסטישע זעונג, וואָס מיט איר וויזיאָנערישקייט האָט זי פאַר מיר קלאָר געמאַכט די ווירקלעכקייט. איך דערצייל וועגן איר פופצן יאָר נאָכן חורבן, און נישטאָ אין איר קיין מוקדם ומאוחר.

***

שמערל נאַר האָט זיי אַלעמען אויסגעזעצט אַרום טיש. נאָכדעם ווי ער האָט זיי אַרומגעזעצט, איז נישט געבליבן קיין שטול פאַר אים. איז ער אַוועק צו דער טיר, געבליבן שטיין מיט דער פּלייצע אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט און געקוקט מיט פאַרשטאַרטע אויגן אויף דעם צונויפגעקליבענעם עולם. אויף דער צונג זע־נען מיר געקומען די פיר שורות, וואָס דער קרומער בעטלער מיט דער רויטער באָרד האָט געזונגען צו שמערל נאַר:

שמערל נאַר דאַרף פאַלגן,
גיין, זען און שווייגן.
ער מוז האָבן אויגן פון גלאָז
און אַ האַרץ פון אייזן.

אַרום טיש זענען געזעסן אַלע מיינע אויסגעחלומטע געשטאַלטן, די וואָס איך האָב באַשריבן אין מיינע ביכער און די וואָס זענען אָפּגעהיט געוואָרן אין מיין גע־דעכעניש צו באַשרייבן זיי שפּעטער. אַלע שוין לאַנג נישט צווישן די לעבעדיקע, אָבער פאַר מיר — ווירקלעכע.

איך האָב זיך דערפרייט מיט זיי. איך האָב געוווסט, אַז זיי זענען זיך צונויפ־געקומען צוליב מיר. זיי ווילן מיר העלפן אין מיין פאַרלוירנקייט; זיי ווילן מיר געבן אַ פּתרון אויף מיין צעטומלטקייט און זיי ווילן מיך צוריק אַרויספירן אויפן ברייטן טראַקט, ווו דאָס נאָרמאַלע לעבן פליסט.

זיי זענען געזעסן שווייגנדיקע אַרום טיש און איך בין אויך געזעסן אַ שווייגנ־דיקער אויפֿן ראַנד פֿון בעט, ווייל איך האָב געוווּסט, אַז דאָס אַלץ איז אַן אויס־דוכטעניש און די אויסדוכטעניש איז רעאַל. די רעאַליטעט האָט פֿאַרלייקנט די פֿאַנ־טאַזיע און די פֿאַנטאַזיע איז זיך צעגאַנגען און איז געוואָרן אַ טייל פֿון רעאַליטעט. אין דער פֿאַרווירונג האָב איך נישט געקענט רעדן.

איך שרייב און איך פֿיל, ווי עמיצער האַלט אָפּ מיין פּען. איך האָב באַלד גע־ווּסט, אַז דאָס איז ער, מיין טאָפּלטער איך. מיט עפּעס איז ער נישט צופֿרידן. יאָ, איך האָב געטראָפֿן. ער רעדט צו מיר:

ער: — דו ווייסט די גאַנצע צייט, וואָס דו האָסט דערציילט וועגן דעם אומגליק, האָב איך זיך צו דיר נישט געוויזן און זיך נישט געמישט. דיין צער איז געווען גרויס, און עפּעס אַן אָפּשפּיגלונג פֿון יענעם גרויסן צער איז גענוג צו מאַכן ווירק־זאַם דאָס, וואָס דו האָסט דערציילט, אָבער איצט הייבסטו זיך אָן צו פֿאַרפּלאָנטערן אין מיסטיציזם. וואָס מער דו וועסט ראַציאָנאַליזירן, אויפֿקלערן די וויזיע, אַלץ אומפֿאַרשטענדלעכער וועט זי ווערן. איז הער אויף אויסצוטייטשן און געבן צו פֿאַרשטיין, ווי אַזוי עס איז געווען מעגלעך, אַז דו זאָלסט געווען האָבן אַ וויזיע דערצייל בלויז, וואָס איז דעמאָלט געשען.

איך: — אַן אויפֿקלערן, אַן איינשטעלן אַ לאָגישקייט אין דער וויזיע, וועט זי זיין אינגאַנצן פּלא, אַ נישט־פֿאַרשטענדלעכער וווּנדער.

ער: — ס׳מאַכט נישט אויס, אַז זי וועט אַזוי בלייבן. גיב איבער דאָס פּאַק־טישע פֿון יענער נאַכט. דערצייל וועגן די געשטאַלטן און דיאַלאָגן און ווי אַזוי זיי האָבן דיך איבערגעוועלטיקט. גיב איבער דעם גאַנצן גראַטעסק פֿון יענער נאַכט. שילדער די אומלאָגישקייט. אַזוי ווי עס האָט דיך איבערגעוועלטיקט, אַזוי וועט עס אַנדערע אויך באַווירקן. ס׳איז דאָ אַלעמאָל לאָגיק אין אַ דערפֿאַרונג.

„יאָ, דערצייל אַלץ, וואָס דו האָסט געזען און געהערט אין יענע שעהען. די פֿאַנטאַסטישע געשעענישן, ווען זיי טרעפֿן, ווערן זיי רעאַליסטיש און לאָגיש. הייב אָן״.

איך: — גוט. אַן דערקלערונגען. איך בין געזעסן אויף דעם ראַנד פֿון בעט און געוואָלט זיך צונויפֿרעדן מיט מיינע מענטשן, און — נישט געקענט. זיי האָבן געשוויגן. זיי האָבן נישט גערעדט און נישט געקענט רעדן, ווייל איך האָב געוווּסט, אַז זיי זענען געקומען פֿון מיין געדעכעניש. זענען זיי דאָך טויט. ס׳איז גע־וואָרן פֿאַר מיר אַ מין שווערע סוגיה — אָט זענען ווערטער, זיי זענען קלאָר ווי זיי וואָלטן געווען פֿאַרטייטשט פֿון רש״י, און איך קען זיי נישט צונויפֿנעמען, אַז זיי זאָלן עפּעס מיינען פֿאַר מיר. האָב איך זיך אָנגעהויבן שאָקלען און אונטערברו־מען אַ ניגון. לייוויקס ליד „צוויי מאָל צוויי, איז פֿיר״ איז מיר געקומען אויף דער צונג. איך האָב אָנגעהויבן ברומען:

שלמה סיימאָן

די ערדישע פעל
פון גוף אָפּגעשיילט;
וואָס טוט מיין ריינע זעל?
זי ציילט און זי ציילט.
צוויי מאָל צוויי, איז פיר.
איך מאָל איך, איז — דו.
דו מאָל דו, איז — איך
טויט מאָל טויט, איז — רו״.

**איך האָב אין די אַכט שורות, נישט ווּיסנדיק, געענדערט צוויי ווערטער. און דערנאָך האָב איך איבערגעהיפּערט פיר שורות און ווייטער געזאָגט:**

„שאַרך ביי דער טיר — סטוק, סטוק.
ס׳איז אָפן. קום אַריין.
לויכט אויף אין לעצטן קוק.
טויט מאָל טויט, איז — זיין.

**איך האָב זיך געשאָקלט און איבערגעחזרט ווי אַ שפּרוך:**

„דו מאָל דו איז — איך
— — — — — — — — — — — — — —
טויט מאָל טויט איז — זיין״.

**און נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל: „טויט מאָל טויט איז — זיין״. און עס איז געשען: ס׳איז פאַרשוואונדן די טויט־פאַרגליווערטקייט פון די פּנימער פון די גע־שטאַלטן, וואָס זענען געזעסן אַרום טיש און זיי האָבן אָנגעהויבן רעדן, יעדער איי־נער מיט זיין לשון און יעדער איינער מיט זיין ניגון. און דעמאָלט האָסטו, מיין טאָפּלטער איך, זיך אָפּגעטיילט פון מיר. דו ביסט אימפּעטיק צוגעגאַנגען צו די מסובים ביים טיש, האָסט אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די פויסטן אין טיש און זיך פאַר־גאַנגען אין יללה־רייד, וואָס דער דיכטער ז. סעגאַלאָוויטש האָט פאַרפיקסירט אין זיינע קלאָג־לידער פון די ביכער „דאָרטן״ און „איצטער״. און דער דיכטער־קדוש יצחק קצנלסון האָט אויסגעיאָמערט אין זיין „איכה־ספר״ „דאָס ליד פון אויסגע־הרגעטן פאָלק״. איך בין געזעסן אויפן ראַנד פון בעט און זיך געקאָכט אין דער זו־דיקייט פון דיינע רייד:**

דו־איך: — **„איך פאָדער גערעכטיקייט, אָדער באַרעכטיקונג. עס איז געווען אַ לעבן פון פּשוטע מענטשן. צוויי פעלקער האָבן געוווינט זייט ביי זייט — יי׳דן און גויים. כדי די וועלט זאָל קיין טענות נישט האָבן, וועל איך באַהויפּטן, אַז ביי־דע פעלקער זענען געווען גלייך: מענטשן מיט אַלע שוואַכקייטן און מיט אַלע דער־**

הויבנקייטן פון מצוות און זינד, מיט זוכן גאָטס וואָרט און פאַרשפּרייטן גאָטס געבאָט. אָבער פאַרוואָס זענען איצט די קלויסטערס גאַנץ און פול מיט זייער פאָלק, און די שולן — חרוב? און פון די וואָס זענען געבליבן די פיר ווענט, זענען ליידיק? דייטשן, ליטווינער, לאַטישן, אוקראַינער און פּאָליאַקן שלאָפן געשמאַק אויף ייִדישע קישנס און בעטן. זיי קאָכן אין טריף־געמאַכטע ייִדישע טעפּ. פעלקער לעבן, און מיין ייִדיש פאָלק אין איראָפּע — אויסגעקוילעט. אויב ס׳איז דאָ אַ גאָט, ווער דאַרף אַ גאָט, וואָס האָט דערלאָזן צו אַזעלכע אַכזריות? און אויב ס׳איז נישטאָ קיין גאָט, איז דאָך לית דין ולית דיין. איז — ווי אַזוי קען איך לעבן אין אַ הפקרדיקער וועלט?

„ווי און ווינד איז מיר! דער געדיכטער וואַלד איז אויסגעהאַקט געוואָרן, און געבליבן איז אַ שיטער וועלדל. אַוודאי וועט ערגעץ־ווו זיין אַביסל ייִדישקייט; זיכער וועט בלייבן אַביסל שיריים. אָבער איך קען אַפילו קיין קדיש נישט זאָגן נאָך די קדושים. פאַר וועמען? די פאַרברענטע אויף קויל וועלן נישט הערן דעם קדיש, און די וואָס זענען געבליבן, לעבן אַזוי גוט, אַז זיי ווילן קיין קדיש נישט הערן. זאָל איך זאָגן קדיש פאַר אים, אויבן? איז ער ווערט, מען זאָל הייליקן זיין נאָמען? ניין, איך האָב פאַרלוירן דעם וועג צו דיר און איך פאַרשטיי בכלל נישט דיין הנהגה. מע זאָגט, אַז דו ביסט פאַרברענט געוואָרן מיט זיי. איז גוט וואָס דו ביסט מער נישטאָ. אַוודאי איז שלעכט און שווער צו לעבן אָן דיר, זייער שלעכט. אָבער נאָך ערגער וואָלט געווען, ווען דו בלייבסט, ווען דו וואָלסט נאָך אַלץ דאָ געווען, דו, אינאיינעם מיט זיי, מיט די דייטשן! דו און די גאַזקאַמערן! דו און די קאָנצענטראַציע־לאַגערן!

„הימלען און וועלט, זאָגט פאַרוואָס און פאַר ווען? פאַרוואָס קומט אונדז אַזוי מיאוס פאַרשעמט צו ווערן? די אַלע צום טויט געפירטע ייִדן, די מיליאָנען מייַנע מיטאָמאָל־אויסגעהרגעטע ייִדן, די פּשוטע, דורכשניטלעכע ייִדן, זענען דאָך בעסער פון דעם אויסגעליטענעם איוב, גרעסער פון דעם בעל־בכי ירמיהו און שענער פונעם עקסטאַטישן ישעיהו.

„אַ וועלט, אַ וועלט מיט בלויע פּרילינגס, ווייסע ווינטערס און מיליאָנען אויסגעהרגעטע קינדער. פריי זיך, דו, גאָט, מיט דיינע דייטשן און זאָלן זיך די דייטשן פרייען מיט דיר! ווינד און ווי איז צו מיר פון אייך ביידן!"

איך בין געזעסן אויפן ראַנד פון בעט און געקוקט אויף דיין צעוויייטיקט פּנים און זיך צוגעהערט צו דיין יללה און איך האָב טיף באַנומען, אַז „דו מאָל דו איז — איך". איך האָב געוווּסט, אַז דו שרייסט און יאָמערסט אַזוי, ווייל מיין ווייטיק איז גרויס. אָבער איך האָב זיך אינגאַנצן נישט געקענט אידענטיפיצירן מיט דיר, ווייל אַ טייל פון מיר האָט זיך געשטעלט קעגן דיין לעסטערן גאָט. איך האָב שטום געזאָגט: „אויב מע גלויבט, איז ער דאָ, קען מען אים נישט לעסטערן. ווייל ווער איז דער מענטש, וואָס זאָל זיך פאַרמעסטן מיט אים? אויב מע גלויבט נישט, איז ער

דאָך נישטאָ. דעמאָלט איז נישטאָ וועמען צו לעסטערן. ס׳איז גרינג צו קילן דאָס האַרץ מיט אָוועקשטעלן זיך און פאַררייסן דאָס פּנים צום הימל און מחרף און מגדף זיין גאָטס נאָמען. ס׳איז דער אַלטער אָנגענומענער שאַבלאָן פון „מטיח דברים כלפי מעלה״ — רעדן חוצפּהדיק קעגן גאָט, קעגן אַן אַנטראָפּאָמאָרפישן גאָט. אָבער איך קען נישט לעסטערן און וויל נישט זיין חוצפּהדיק כלפי שמיא. איך בין הילפלאָז און פאַרלאָרן. איך בין זעליש קראַנק, ווייל איך קען נישט באַנעמען די מעגלעכ־קייט, אַז די שוידערלעכע אַכזריותדיקייט איז געקומען פון אים. און אָפּזאָגן זיך פון אים, פאַרלירט די געשיכטע איר זין. אין אַמאָליקע יאָרן וואָלט איך אויפגעפּאָדערט אַ בת־קול פון הימל. אָבער היינט איז דאָך נישט שייך צו הערן אַ בת־קול, האָב איך אייך צונויפגעבראַכט אַהער. איר אַלע זייט דאָס האַרץ פון מיין דור. ענטפערט מיר, איך בעט אייך! טרייסט מיך נישט. דער חורבן איז צו גרויס פון צו באַגנוגע־נען זיך מיט טרייסט. איך וויל קריגן אַ זין, אַ פאַרוואָס פאַר די אַלע געשעענישן!״

פון דער גרופּע, וואָס איז געזעסן אַרום טיש, האָט זיך אויסגעטיילט דאָס פּנים פון מיין גמרא־מלמד ר׳ מענדל, דער פייערדיקער ליובאַוויטשער חסיד. ער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן מיט אַן עקסטאַטישן ברום־געשריי:

„וואָס פרעגסטו קשיות און פאַרוואָס רייסטו שטיקער פון זיך? ווייסט דאָך, אַז אין צייט פון ערשטן חורבן, ווען ירמיהו האָט אַרויסגערופן די אָבות און משה רבנו, זיי זאָלן זיך אויסטענהן מיטן רבונו־של־עולם, האָט ירמיהו געבראַכט משה רבנון צו די טייכן פון בבל, ער זאָל אַליין זען דעם צער פון די גולים. ווען משה רבנו האָט אָנגעהויבן טענהן צום כביכול מיט טענות וואָס לייגן זיך אויפן שכל, האָט אַ בת־קול אויסגערופן: „גזירה היא מלפני״ — דאָס איז אַ גזירה פון פאַר מיר. איצט אויך: „גזירה היא״, אַזוי איז נגזר געוואָרן פון אים, און נישט אומצוקערן!״

איך האָב אַריינגענומען דעם קאָפּ אין מיינע הענט און אָנגעהויבן רעדן גיך־גיך מיט אַ היסטערישן אונטערטאָן:

איך־דו: — רבי, רבי! איר קענט מיך נישט טרייסטן. לא ראי זה כראי זה. דער ערשטער חורבן בית־המקדש איז נישט גלייך צום איצטיקן חורבן. דאָרט איז געווען אַ מלחמה. די יידן האָבן געהאַט אַ ברירה נישט צו ווידערשפּעניקן קעגן נבוכדנאצרן. חוץ דעם איז געבליבן לעבן דער גרעסטער טייל פון פאָלק. נישט געקוקט וואָס עס שטייט אין מדרש, אַז דער וועג איז געווען פול מיט הרוגים, טרייסט משה רבנו דאָס פאָלק: „קינדער מיינע, אומקערן אייך איצט קען מען נישט, ווייל די גזירה איז שוין נגזר געוואָרן, אָבער דער אויבערשטער וועט אייך אין גיכן אומקערן״. דאָרט איז געווען לאָגיק, רבי, אין דעם סדר פון חורבן. אָבער ווו איז דאָ דער זין? אין די עשרה הרוגי מלכות ווערט דערציילט, אַז ווען די חכמים האָבן דערהערט, אַז די רשעותדיקע מלוכה האָט גוזר געווען צו הרגענען די צען תלמידי־חכמים, האָבן די חברים געזאָגט צו רבי ישמעאלן, דעם כוהן־גדול: „גיי אַרויף אין הימל

און פּאָרש אויס, צי עס איז אַזוי נגזר געוואָרן דאָרט?" און ווען רבי ישמעאל איז אַרויף אין הימל און האָט דערהערט, אַז די גזירה איז געחתמעט געוואָרן, האָט ער באַלד געפרעגט „פאַרוואָס?" ער האָט אויך נישט געקענט אָננעמען, אַז עס איז גלאַט אַ גזירה, אַ קאַפּריז פון אַ מושל עליון, ווי, חלילה, ביי די פּאַגאַניסטן. מע האָט אים אויפגעקלערט אין הימל, אַז די צען תנאים מוזן אומקומען דורך דער האַנט פון רשע צוליב מכירת־יוסף. עס שטייט אין דער תורה: „אַז איינער גנבעט אַ מענטשן און פאַרקויפט אים, טויטן, זאָל ער געטויט ווערן". די צען שבטים האָבן פאַרקויפט זייער ברודער יוסף, און קיינער ביז איצט איז נישט באַשטראָפט געוואָרן פאַר דער דאָזיקער זינד. פאַרוואָס אָבער איז נגזר געוואָרן אויף די צען תנאים, אַז זיי זאָלן שטאַרבן פאַר יענער זינד? ווייל זינט די עשרת השבטים האָבן פאַרקויפט יוספן, האָט נאָך נישט געטראָפן, אַז אין איין דור זאָלן זיך געפינען צען צדיקים ווי די עשרת השבטים זענען געווען. אינעם איצטיקן דור געפינען זיך אַזעלכע צען צדיקים. דערפאַר מוזן אומקומען ר׳ ישמעאל און זיינע ניין חברים".

„זעט איר, רבי, אַז אויך זיי האָבן געזוכט אַ פאַרוואָס פאַר דעם אומגליק וואָס האָט זיי געטראָפן. זיי האָבן געפונען אַ לאָגישע דערקלערונג לויט די באַגריפן פון זייער דור. ווייל איך וויסן און פאַרשטיין, לויט די השגות פון אונדזער דור, וואָס איז דער זין פון אונדזער אומגליק? מיט וואָס האָט זיך אונדזער דור אַזוי פאַרזינ־דיקט, וואָס אויף אים איז נגזר געוואָרן פאַרלענדונג? איך וויל וויסן וואָס פאַר אַ זכיה איז געווען צו האָבן טרעבלינקע, מיידאַנעק, אוישוויץ, די מילאַ־גאַס, דעם פּאָנאַר און אַלע אַנדערע אומשלאַג־ערטער? אָט ווי ר׳ ישמעאל כוהן־גדול, זוך איך אַ פאַרוואָס".

פון דער מסיבה אַרום טיש האָט זיך אויסגעשיילט נאָך אַ געשטאַלט און זיך אויפגעשטעלט. אַ יונגער שגץ אין די שפּעטע צוואַנציקער, אָנגעטאָן ווי אַ פּויער. ער האָט מיך אָנגעקוקט שאַרף, מיט פאָרוואורף און טאַדל און אָנגעהויבן רעדן. אַ רגע נאָר האָב איך אים אָנגעקוקט און נישט דערקענט. באַלד האָב איך זיך דער־מאָנט: פּיאָטער! אַכט און פערציק יאָר האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פון מיינע אַלטע פּלייצעס. איך בין אַן אַכצן־יעריק יינגל, אַ מלמד אין דאָרף קראָטאָוו. ס׳איז זומער, אין מיטן חודש סיון. איך לערן מיט מיינע תלמידים די סדרה בחוקותי. דער טעקסט איז אַן עקזאַלטירטער, און ווי אַלע מאָל, ווען איך ריר זיך צו צום תנ"ך, פאַרגעס איך מיין אומגלויבן און נעם אָן די רייד אמתדיק־ווערטערלעך. געדענק איך נאָך דעם פּסוק, וואָס איך האָב געלערנט מיט די יינגלעך:

„אָבער אַפילו דעמאָלט, ווען זיי וועלן זיין אין דעם לאַנד פון זייערע שונאים, וועל איך זיי נישט פאַראַכטן און זיי נישט פאַרמיאוסן אום אומצוברעננגען און צו פאַרשטערן מיין בונד מיט זיי. ווייל איך בין גאָט, זייער גאָט".

אַ קאָפּ מיט אַ צעקנייטשטער גרינער שליאַפּע האָט זיך אַריינגעשטעקט דורכן

אָפּענעם פּענצטער. איך האָב דערזען אַ יונג אָפּגעצערט לענגלעך פּנים. קליינע בלויע אויגן, זאַמד־קאָליר האָר, לענגלעכע, אָבער פּויעריש־אַרומגעשוירן. דאָס פּנים האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט אויף יידיש, ווייניק געמישט מיט רוסישע ווערטער:

„שטערט אייך נישט. איך בין פּיאָטער, דעם גלחס זון. ערשט צוויי טעג אין דאָרף. איך האָב דערהערט אייער ניגון, האָב איך אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין פּענצטער. איך האָב גאָרנישט געוווסט, אַז מע לערנט נאָך מיט יינגלעך די ביבל ביי אונדז אין דאָרף, און אויפן אַלטן העברעישן לשון".

דאָס איז געווען די ערשטע באַגעגעניש מיט פּיאָטערן. מיר האָבן זיך גאָר גיך שטאַרק באַפריינדעט. ער איז געווען עלנט אין דאָרף, נישט געהאַט מיט וועמען אויסצורעדן קיין וואָרט, אַחוץ מיט דעם יידישן „באַקאַליאַר" (לערער) און פאַר מיר איז ער געווען אַ גאַנצער אוצר, אַ מענטש פון אַ פרעמדער וועלט און מיט אַזוי פיל וויסן.

פּיאָטער איז אָנגעקומען, אָדער איז צוריקגעשיקט געוואָרן אין דאָרף פון סיביר. מען האָט אים פאַרשיקט אַהין פאַר רעוואָלוציאָנערער אַרבעט אין אַ גלחישן סעמינאַר. אין תפיסה האָט ער געקראָגן די דער. דער טאַטע זיינער, דער גלח אין דעם פאַרוואָרפענעם העק דאָרף קראַטאָוו, איז געווען פון גאָר־גאָר גרויסן יחוס, אַן אַדעלמאַן און דערצו אַ גרויסער טעאָלאָג. זיינע ביכער האָט געדרוקט „דער הייליקער סינאָד". אָבער ער האָט דווקא געוואָלט זיין אַ גלח אין דעם פאַרלייגטן וויסרוסישן דאָרף, איבער אַכציק ווערסט ווייט פון אַ באַן. צוליב זכות־אָבות האָט מען דעם קראַנקן פּיאָטערן באַפרייט פון קאַטאָרגע און אים צוריקגעשיקט אַהיים, צום טאַטן. ער האָט פונעם דאָרף נישט געטאָרט אַרויספאָרן. ער האָט געדאַרפט זיין אונטער דער שטרענגער השגחה פון דער פּאָליציי — דעם סטאַראָסטע פון דאָרף.

ער איז געקומען פון סיביר, אַן אַנטוישטער אין סאָציאַליזם. ער איז געוואָרן אַ טאָלסטאָיאַנער. ער איז געווען עלנט אין דאָרף און האָט זיך שטאַרק צוגעבונדן צו מיר, צום איינציקן מענטשן אין דאָרף, וואָס האָט געלייענט אַ בוך. ער איז צו מיר געוואָרן נאָך נענטער, ווען ער האָט אויסגעפונען, אַז אויך איך עס נישט קיין פליייש. איך בין דעמאָלט געווען אַ וועגעטאַריאַנער. ער האָט גערעדט גאָרנישט קיין שלעכטן יידיש, אַ סך אַ בעסערן יידיש, ווי איך — וויסרוסיש. איך האָב צו אים שטענדיק גערעדט יידיש. ער האָט מיר נישט זעלטן געענטפערט אויף יידיש, אָבער אָפטער אויף וויסרוסיש, וואָס איך האָב אַ סך בעסער פאַרשטאַנען ווי גערעדט. ער האָט זיך אויסגעלערנט יידיש. ווען ער איז געזעסן איבער צוויי יאָר צייט אין מינסקער טורמע, געוואַרט אויף דעם געריכט־פּראָצעס. ער איז געזעסן אין איין קאַמער מיט יידישע רעוואָלוציאָנערן און ציוניסטן. ווען ער איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר, איז אים אויך אויסגעקומען צו זיין מיט יידישע פּאָליטישע פאַרשיקטע. ער האָט מיר דערציילט, אַז איינמאָל איז ער צוליב עפּעס אַ חטא איזאָלירט גע־

וואָרן אויף דריי חדשים. אין דער איינצל־קאַמער האָט ער געפונען פאַרשטעקט שמעון דובנאָווס בראָשור „בריוו וועגן דער אַלטער און נייער ייִדישקייט". ער האָט זיך ממש אויסגעלערנט די גאַנצע זאַמלונג אויף אויסנווייניק.

איבער פולע צוויי חדשים האָבן מיר זיך געחברט. ער האָט אויף מיר געהאַט אַ גאָר שטאַרקע השפעה, וואָס האָט געהאָלפן אויסקריסטאַליזירן מיין וועלט־באַנעם יאָרן שפּעטער. טשיקאַווע איז, וואָס איך האָב אים קיין מאָל נישט באַשריבן. אין „צווייגן" האָב איך געמאַכט אַ פּרווו צו באַשרייבן מיינע שמועסן מיט אים. און ווי ער איז פּלוצים געשטאָרבן, צוויי טעג איידער איך האָב פאַרלאָזן דאָס דאָרף. איך האָב אָנגעשריבן צענדליקער זייטן, און זיי צעריסן. ס'איז מיר נישט געלונגען איבערצוגעבן נישט דעם מענטשן און נישט די סביבה. צוליב דעם האָב איך אויסגעלאָזן דאָס גאַנצע יאָר, וואָס איך בין געווען אַ לערער אין דאָרף.

איצט איז ער געשטאַנען אַקעגן מיר מיט טאַדל אין די אויגן: „האָסט מורא געהאַט צו דערציילן וועגן מיר, ווייל דו קענסט נאָך אַלץ נישט איינבייסן מיינע אמתע רייד וועגן ייִדן. איצט וועל איך אָבער רעדן און דו וועסט מיך מוזן אויסהערן: דער אומגליק מיט דיר און מיט דיין גלייכן איז, וואָס איר האַלט זיך אַלע מאָל ווי אַ יוצא מן הכלל. עס איז נישט אמת, אַז אייער איצטיקער גרויסער חורבן און הריגה איז געשען אין אַ וועלט פול מיט יושר און צדק, און נאָר אייך האָט מען אויסגעטיילט רשעות. אייער אומגליק איז געשען אין אַ וועלט פול מיט רציחה, גזילה, שנאָה און גאווה".

„איי, די גאווה פון פעלקער! אפשר איז עס איצט דער מקור פון אַלע צרות! די גאַנצע וועלט האָט זיך אומגעקערט צום דינסט פון אַלטן פּאַגאַניסטישן געץ — דעם שטאַט. די הויפּט־זינד פון דער מענטשהייט, נאָך גאָר פון אָנהייב, איז געווען דאָס פאַרגעטערן איר אייגענע קאָלעקטיווע מענטשלעכע מאַכט, אָרגאַניזירט און צעמענטירט אין אַ שטאַט. אין אָנהייב פון דער מענטשלעכער געשיכטע זענען געווען די שטאַט־מדינהלעך און שפּעטער — די אימפּעריעס. דער יחיד איז געווען אַ טפל צו דעם מאָנסטער מלוכה, מלך, מולך. דער היינטיקער נאַציאָנאַליזם איז די חוצפּה און די גאווה פון דער אייגענער אָרגאַניזירטער מענטשלעכער מאַכט. ס'איז דער מאָדערנער געץ מולך, וואָס פאָדערט נישט נאָר די קינדער פאַר קרבנות, נאָר אויך די טאַטעס און די מאַמעס. ס'איז אַ רעגרעסיע. עס איז געווען אַ צייט, ווען דער זון האָט פאַרנומען דאָס אָרט פונעם טאַטן, דעם מושל, ווי אַ קרבן צום מולך. דערנאָך איז געווען דער שעפּס, דער במקום פונעם זון. איצט — צוריק צום טאַטן, צוריק צו דער גאַנצער משפּחה".

„די איצטיקע מלחמה און די מלחמה פאַר איר זענען אויסגעבראָכן ווי אַ מגפה און אומגעבראַכט יונג און אַלט, אָן עפּידעמיעס. ס'איז געשען אַזוי, ווייל מדינה־

שאָוויניזם האָט פאַרסמט די וועלט, זענען די לעצטע צוויי מלחמות געווען מער אויסראַט־מלחמות, ווי קריג פאַר מאַכט״.

„אין דער איצטיקער מלחמה־עפּידעמיע זענען אומגעקומען איבער דרייסיק מיליאָן רוסן. מער ווי אַ זעקסטל פון רוסישן פאָלק. אמת, ייִדן האָבן געליטן מער. איבער אַ דריטל פון אייער פאָלק איז אומגעקומען. אָבער לאַנדאָן און גאַנץ ענג־לאַנד האָבן אויך געליטן שרעקלעכע פאַרלוסטן. דאָך ווילט איר בלייבן ביי אייער ייִדישן אַתּה־בחרתנו, אַפילו אין אַ וועלט־אומגליק. אייער זינד אין דער איצטיקער קאַטאַסטראָפע איז אַ פאָלקס־גאווה, איר ווילט נישט זיין קיין קרבנות פון אַ וועלט־משוגעת, נאָר דווקא מאַרטירער, קידוש־השמניקעס״.

„דו רעדסט פון פּיין און צער. די גאַנצע וועלט־געשיכטע איז איין בלוטיקע ווונד. און די רוסישע געשיכטע איז אַ בלוטיקער טייך פול איבער זיינע ברעגעס״.

„ליידן. וואָס פאַר אַ פאָלק האָט נאָך אַזוי פיל געליטן ווי דאָס רוסישע פאָלק? עס האָט געליטן פון אייגענע הערשער און פון פרעמדע מושלים; פון אייגענע פּריצים און פון פרעמדן אַדל. אַנפאַל־מלחמות, אינוואַזיעס און פאַרוויסטונגען פון מאַמע־רוסלאַנד. זאָג מיר: איז פאַראַן נאָך אַ פאָלק, וואָס האָט געהאַט אַזאַ אַנגסט־תקופה ווי די תקופה פון דער ממשלה פון די טאַטאַרן איבער רוסלאַנד? פולע הונדערט און פופציק יאָר זענען מיר געטרעטן געוואָרן, ווי דער קויט אין די גאַסן. דאָך האָבן מיר נישט פאַרשריען די וועלט און מיר האָבן נישט אויפגעריסן די הימלען, און מיר האָבן נישט אַרויסגעשטעלט אונדזער מאַרטירערטום פאַר דער מענטשהייט און געפאָדערט יושר. און איר? רק איר שרייט צו דער וועלט, רק איר באַשולדיקט די פעלקער אין רשעות, רק איר האָט טענות צום וועלט־יושר. איר באַנעמט נישט, אַז ליידן, יסורים, פּיין דאַרף מען אַננעמען באַהבה, ווי אַ זכיה, ווייל זיי זענען מיטלען אַרויסצוברענגען גוטס פון רשעות. מען דאַרף אַקצעפּטירן, אָננעמען יסורים און ליידן, ווי אַ רעאַליטעט פאַר זיך און מע דאַרף פּרובירן דורך זיי דערפירן דאָס אייגענע לעבן צו שלימות. יסורים דאַרפן ווערן אַן אָנצייג, ווי אַזוי אויפצופירן זיך מיט מענטשן. דורך אייגענע ליידן קען מען און מע דאַרף אַנט־וויקלען ביי זיך די געפילן פון רחמנות, ליבע און איינזעעניש פאַר מיטמענטשן. דורך אונדזערע יסורים קענען מיר קריגן אַן אַריינבליק אין דער אַבסאָלוטער רעאַ־ליטעט, ס׳מיינט גאָט, וואָס איז ריינע ליבע און מאַכט. ער איז די מאַכט וואָס נעמט אַוועק פונעם מענטשן די אַליין־פאַרגעטערונג, אויך די נאַטור־פאַרגעטערונג, ווייל ער איז דער דערלייזער פונעם גאַנצן באַשאַף. ער דערלייזט זיינע קינדער פון אַליין־שטאָלץ, אַליין־קאָנצענטראַציע, עגאָטיזם, איכיקייט און אַליין־באַוווּנדערונג, אַ זינד, פון וואָס יעדער יחיד און יעדע אומה ליידן. איר, ייִדן, ליידט מער פון דער גאַנ־צער וועלט, פון דער גרויסער זינד — אַליין־פאַרגעטערונג. איר זייט אַלע מאָל אין

אייערע אייגענע אויגן אַתה־בחרתנוקעס, גאַווצאָנים, אויסדערוויילטע פאַר זיך, און נישט קיין טייל פון דעם וועלט־פּלאַן״.

די גאַנצע צייט, וואָס פּיאָטער האָט גערעדט, ביסטו, דו־איך, געשטאַנען און זיך געטרייסלט פון אויפרעגונג, אויפגערייצטקייט און אומגעדולד. ווי נאָר ער האָט פאַרענדיקט זיינע רייד, האָסטו, דו־איך, אָנגעהויבן ברויזן:

דו־איך: — „פּיאָטער, פּיאָטער! ווייסטו וויפל רשעות עס שטעקט אין דיינע רייד? דו ביסט געווען אַן איבערגעגעבענער טאָלסטאָיאַנער. דו האָסט אַרומגעשפּאַצירט איבערן דאָרף אין האַרטע לייוונטענע הויזן, מיט אַ ווייסער לייוונטענער העמד איבער זיי, ווייל דו האָסט געוואָלט זיין געקליידט ווי אַ פּויער, נישט זיין אָפּגעטיילט פון פאָלק. דו ביסט געווען אַזאַ אָפּגעהיטענער וועגעטעריאַנער, אַז דו האָסט נישט געטראָגן קיין שטיוול אין די גרעסטע בלאָטעס, ווייל לעדער קומט דאָך פון אַ בעל־חי. האָסטו געטראָגן לאַפּטשעס. איך וועל דיך עפּעס דערמאָנען: דו האָסט שעהן־לאַנג געשפּאַצירט מיט מיר און געפירט אַ דיספּוט מיט זיך אַליין, צי דו מעגסט עסן אַן איי, ווייל פון איי קאָן זיך אויסבריִען אַ הינדעלע, וועסטו דאָך עסן אַ פּאָטענציעלן בעל־חי. דו האָסט רחמנות געהאַט אויף אַ שעפּסעלע, אַ פּישעלע, אויף אַ נישט־געבוירן הינדעלע. אָבער דו, דער גרויסער בעל־רחמנות אויף אַלע בעלי־חיים, האָסט אַ שטיינערן האַרץ צו די ליידן פון מענטשן בכלל און צו יידן בפרט. דו זאָגסט „מען דאַרף אַקצעפּטירן, אָננעמען יסורים און ליידן ווי אַ רעאַליטעט פאַר זיך״. ס׳איז נישט וויכטיק, וואָס דו זאָגסט שפּעטער. דאָס איז אכזריות. די דאָזיקע אכזריות נעמט זיך ביי דיר פון דיין קריסטלעכן, איבערגעטריבענעם, טעאָרעטישן, אַבסטראַקטן רחמנות, וואָס האָט נישט וואָס צו טאָן מיטן טאָג־טעגלעכן לעבן און קען נישט אָנגעווענדט ווערן אויף אַ געזעלשאַפט, אָנגעפירט פון מענטשן. די וועלט קען קיין קיום נישט האָבן מיט עקסטרעמען מידת הרחמים. זאָגט דער מדרש מיט רעכט: „דער וואָס איז אַ בעל־רחמים אויף אַן אכזר, וועט סוף־כל־סוף ווערן אַן אכזר אויף דעם וואָס מע דאַרף רחמנות האָבן״.

„עקסטרעמער מידת הרחמים פירט צו אכזריות. איך געדענק דאָס ערשטע מאָל, ווען איך בין געווען אין אַ פּויערס אַ שטוב. איך בין דעמאָלט געגאַנגען מיט מיין טאַטן אויפן דאָרף צו נייען שטיוול פאַר די פּויערים. איך האָב דערזען די איקאָנעס הענגען אויף די ווענט און איך בין פאַרציטערט געוואָרן. אָט הענגט אַ ישוע מיט אַ בלוטיק האַרץ און אַ קרויץ פון דערנער אָנגעטאָן אויף זיין קאָפּ. פון האַרץ רינט אַראָפּ בלוט אויפן גאַנצן גוף און פון דעם דורכגעשטאָכענעם קאָפּ טריפט בלוט אויפן גאַנצן פּנים. אין אַן אַנדער ווינקל הענגט אַן אַנדער איקאָנע פון דעם געמאַטערטן גאָט. אויף דעם דאָזיקן בילד איז ער צוגעקלאַפּט מיט טשוועקעס אויף אַ צלם. עס רינט פון אים רויטלעך־שוואַרץ בלוט אויפן גאַנצן צלם״.

„איך האָב אויפגעשוידערט: ווי קען מען אַלעמאָל האַלטן פאַר די אויגן אַזעלכע אכזריותדיקע בילדער?".

„אַ דריי יאָר שפּעטער האָט ביינוש דער יאַדישליוועד, וואָס איך באַשרייב אים אין „צווייגן", מיר דערקלערט אין אַ שמועס, אַז די אַלע בילדער זענען דאָס איקאָנעס פון אַ גאָט, וואָס האָט אויף זיך גענומען יסורים, אַלערליי ווייטיקן, כּדי אויסלייזן די וועלט פון ליידן. ער איז דאָס „דער לאַם פון גאָט, וואָס נעמט אַוועק די זינד פון דער וועלט". מע דאַרף קוקן אויף זיינע ליידן און ווערן פול מיט רחמנות צו דער גאַנצער וועלט און אירע ברואים. דער עוואַנגעליום איז באמת די תורה פון העכסטער און ריינסטער מאָראַל. הלוואי וואָלט די וועלט אויסגעפאָלגט אַ צענטל פון דעם, וואָס דאָרט שטייט געשריבן.

געדענק איך, פּיאָטער, ווי איך האָב געזאָגט צו ביינושן: „ביי מיר איז קיין וווּנדער נישט, וואָס זיי פאָלגן נישט אויס דאָס, וואָס איז פאַרשריבן אין זייער תורה. דער דמיון וואָס זיי האָבן פון זייער גאָט, פלאַנצט אין זיי איין רשעות. קודם כּל געוווינען זיי זיך צו צו באַטראַכטן אָן שוידער און אָן עקל אָפענע ווונדן, וואָס טריפן מיט בלוט. דאָס ברוטאַליזירט זיי. אַלע מאָל שטייט פאַר זיי אַ גאָט מיט בלוטיקע ווונדן. די דינער צו אים הייבן אָן צו גלאָריפיצירן בלוט, יסורים און ליידן. ממילא קאָנען זיי נישט האַלטן פאַר קיין אומגליק, אויב דער בעל־מחלוקת, דער קעגנער ליידט. ווען מען פאַרגעטערט אכזריות, שטעקט מען זיך אָן מיט אכזריות, און נישט מיט רחמנות".

„דו האָסט אַ זאָג געטאָן": „די גאַנצע וועלט־געשיכטע איז איין בלוטיקע ווונד" און די רוסישע געשיכטע איז „אַ בלוטיקער טייך, פול איבער זיינע ברעגעס". זאָלסט וויסן, אַז דו פאַרגלייכסט נישט גלייך מיט גלייך. דאָס רוסישע פאָלק איז אַ מיטגליד פון דער געזעלשאַפט פון פעלקער, וואָס אָריענטירט זיך אויף מאַכט. איר, רוסן, זענט באַפאַלן פעלקער, און פעלקער זענען אייך באַפאַלן. איר האָט באַזיגט פעלקער, נאָענטע און ווייטע, פאַרנומען זייערע לענדער און אונטערגעיאָכט די באַ־פעלקערונג. און פעלקער האָבן אייך באַזיגט, פאַרנומען אייער לאַנד און אונטער־געיאָכט די באַפעלקערונג. די אַלע ליידן און רשעותן זענען אין דער ראַם פון דער ניוואָ פון דער אָנגענומענער וועלט־מאָראַל. אַ מיזעראַבלע, נידעריקע ניוואָ, אָבער — פאַר אַלעמען גלייך".

„דו רעדסט וועגן דער רוסישער „אַנגסט־פעריאָדע" אונטער די טאַטאַרן. ראשית טרייבסטו איבער. מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז געווען מער אַ קאַמף צווישן די רוסישע הערשער און די פרעמדע זיגער. דער רוסישער מענטש איז לפי ערך ווייניק באַרירט געוואָרן. אָבער אויך די דאָזיקע חרפה האָט דאָס רוסישע פאָלק נישט פאַרגעסן און סוף־כּל־סוף זיך אָפּגערעכנט מיט די טאַטאַרן כפל־כּפלים און אונטערגעצויגן דעם לעצטן סך־הכּל פון נקמה אָט ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק,

צאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין דער נאַר־וואָס געהאַלטענער מלחמה צווישן אייך און די דייטשן האָבן די טאַטאַרן, צוליב אַלטע חשבונות, אָדער איצטיקע חשבו־נות, געהאַלטן מיט די דייטשן. נאָך אייער זיג איבער די דייטשן האָט איר אָפּגע־ווישט די טאַטאַרישע רעפּובליק און צעשפּרייט אירע איינוווינער איבער די פיר עקן פון דער גרויסער רוסלאַנד. איר האָט פאַרענדיקט אַ היסטאָרישן חשבון".

„דו זאָגסט, פּיאָטער, אַז אין דער לעצטער מלחמה זענען אומגעקומען איבער דרייסיק מיליאָן רוסן און מיליאָנען, מיליאָנען פון די איבעריקע פעלקער, און לאָנדאָן, און גאַנץ ענגלאַנד האָבן געליטן גרויסע יסורים, און דאָרט זענען אומ־געקומען נישט נאָר זעלנער, נאָר אויך מענער, פרויען, אַלטע־לייט און קינדער, וואָס האָבן נישט געפירט קיין מלחמה. אמת, אָבער צווישן דער רוסישער באַפעל־קערונג, וואָס איז אומגעקומען אין דער מלחמה, זענען אויך געווען ייִדן. פאַר זיי מאָן איך נישט קיין דין־וחשבון. זיי גייען אַריין אין דעם סכום קרבנות, וואָס זענען געפאַלן צוליב דער נידעריקער מאָראַלישער וועלט־ניוואָ. איך באַקלאָג זיך נישט, ווען די רעגלען פון דער דאָזיקער נידעריקער ניוואָ ווערן אָנגעווענדט אויך אויף אונדז, ייִדן".

„ס'איז דאָ אַ זינען און אַ פאַרוואָס פאַר דעם טויט פון די צענדליקער און צענ־דליקער מיליאָנען מענטשן פון אַלע פעלקער און אויך ייִדן בתוכם, וואָס זענען אומגעקומען צוליב דער לעצטער וועלט־מלחמה־מגפה. דאָס איז די נידעריקע מאָראַלישע מדרגה פון דער וועלט, וואָס האַלט מלחמה פאַר אַ נאַטירלעכער דער־שיינונג. אָבער מיר, ייִדן, זענען אַפילו אין דער נידעריקער מאָראַלישער ניוואָ געווען אַ יוצא מן הכלל. די דייטשן האָבן געמאַכט אונדזער לעבן הפקר. אונדזער פאַרלענדונג איז נישט געווען טויט דורך מלחמה, אָדער צוליב מלחמה, נאָר פּשוט־טער מאָרד. דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק איז געשטעלט געוואָרן אויסערן געזעץ און אומגעבראַכט געוואָרן, נישט ווייל עס האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן אין קאַמף, אָדער נישט נאָכגעגעבן דעם שונאס תנאים. ניין, קיינע תנאים האָט דער שונא אונדז נישט געשטעלט. פּשוט — ער האָט באַפוילן: „להשמיד, להרוג ולאבד".

„אַלץ וואָס איך פאָדער פון דער וועלט פאַר מיין פאָלק איז דאָס רעכט צו שטאַרבן, צו אומקומען ווי די אַנדערע אומות פון דער וועלט, צוליב דער טפשות פון דער מענטשהייט, אָבער נישט פון קיין אויסנאַם־געזעצן".

„איך האָב זיך צעיאָמערט פאַר דיר, פּיאָטער, און דיר דערציילט פון אונדזער דריטן חורבן, און דו, דער וועגעטאַריאַנער, דער גרויסער בעל־רחמים, אויף אַ לעמעלע, אַ פייגעלע און אַ פישעלע, — האָסט נישט קיין וואָרט טרייסט פאַר מיר אין מיין אבלות אויף זעקס מיליאָן קדושים, נאָר דו האָסט מיך און מיינע קדושים געשטראָפט, אַז מיר זענען בעלי־גאווה!".

„ניין, פּיאָטער, ביסט אומגערעכט. איך וויל אויסשרייען צו דער וועלט, אַז

איך וויל אַ פּאַרוואָס פאַר אונדזער אומקום. און צום כביכול: „דו שעפער פון דער וועלט, איינשטעלער פון די גרענעצן פון די פעלקער, וואָס גיט אַ זינען צום לעבן און אַ באַטייט צום טויט, — ווו ביסטו געווען אין דער צייט פונעם גרויסן אומגליק אונדזערן, אין די טעג פון אונדזער דריטן חורבן?".

פיאָטער האָט מיר געוואָלט ענטפערן, אָבער דאָ איז ממש אויפגעשפּרונגען יודע דער צדיק, אַנגעטאָן אין טלית און תפילין, ווי איך געדענק אים אין „וואָרצ־לען" און אָנגעהויבן ברומען און שוימען מיט כעס:

— דו לעסטערסט, שלמה, דו לעסטערסט! דו פרעגסט, ווו איז דעמאָלט געווען דער שעפער פון דער וועלט. מיט די יידן איז ער געווען! ער איז געגאַנגען מיט יעדער יידישער קהילה אויף קידוש־השם. עס שטייט געשריבן אין תהילים: „שמעה, עמי, ואדברה, ישראל ואָעידה בך, אלוהים אלוהיך אָנכי". (הער מיין פאָלק, און איך וועל רעדן, ישראל און איך וועל עדות זאָגן פאַר דיר, אַז גאָט, דיין גאָט בין איך). זאָגט דער מדרש: „עס האָט געלערנט רבי שמעון בן יוחאי. אַ גאָט בין איך טאַקע פאַר אַלע מענטשן פון דער וועלט, אָבער מיין נאָמען האָב איך באַשטימט נאָר אויף יידן. איך רוף זיך נישט דער גאָט פון אַלע פעלקער, נאָר דער גאָט פון ישראל".

„פאַרשטייסטו וואָס דאָס מיינט? אַן יידן איז דאָ טאַקע אַ גאָט, אָבער נישט קיין יידישער גאָט. ווי באַלד אַזוי, איז דאָך פאַרשטענדלעך, אַז מיט יעדער יידישער עדה וואָס איז פאַרגאַזט געוואָרן, איז אויך דער גאָט פון ישראל מיט זיי פאַרגאַזט געוואָרן. מיט יעדער יידישער קהילה, וואָס איז אויסגעשאָסן געוואָרן, איז אויך דער גאָט פון ישראל דערשאָסן געוואָרן. דער גאָט פון ישראל איז אומגעקומען אויף קידוש־השם מיט יעדן יידן באַזונדער. קענסטו זיך פאַרשטעלן דעם צער פון דער שכינה צו גיין טויזנטער מאָל, מיליאָנען מאָל אויף קידוש־השם?

דו־איך: — ר' יודע, ר' יודע, ס'איז קיין טרייסט נישט. אויב אַפילו גאָט איז פאַרברענט געוואָרן הונדערטער מאָל, טויזנטער מאָל, מיליאָנען מאָל, האָט ער דאָך נאָך יעדן מאָל ווערן אַש ווידער געקענט פאַרברענט ווערן לעבעדיקערהייט. ווי־באַלד אַזוי, האָט ער, דער כביכול, אַלעמאָל געהאַט אַ האָפענונג: ערגעץ־ווו וועלן בלייבן יידן, וועט ער בלייבן לעבן מיט זיי און כל־הווה — עס זענען געבליבן יידן מעבר לים, אין ארץ־ישראל, און גאָט, דער גאָט פון יידן לעבט ווייטער צווישן זיי. די גרויסע יסורים קען מען אַריבערטראָגן, ווען עס איז דאָ אַ האָפענונג. פאַרגייט דער אומגליק, פאַרגעסט מען די יסורים. אָבער וואָס פאַר אַ האָפענונג האָבן געהאַט די קדושים וטהורים, וואָס האָבן נאָר איין מאָל געקענט פאַרברענט ווערן? נאָר איין מאָל ווערן אַש, און מער גאָרנישט? וואָס פאַר אַ באַרעכטיקונג קאָנסטו מיר געבן פאַר זייער איינמאָליקן טאָטאַלן טויט?".

„און נישט נאָר אַ פאַרוואָס פאַר זייער טויט זוך איך. איך פאָדער און מאָן אַ

באַרעכטיקונג פאַר זייערע בזיונות, בושות און דערנידעריקונגען. פאַרן טויט אין די גאַזקאַמערן האָט מען זיי באַפוילן זיך אויסצוטאָן נאַקעט, כלומרשט צו גיין אין באָד, באַטאַפּט די באַהאַלטנסטע ערטער אין גוף, געהייסן זיך איינבייגן ווי בהמות אויף אַלע פיר — מענער און פרויען — כדי צו זוכן אין די עפענונגען פון גוף באַהאַלטענע אוצרות; אָפּגאָלן, פאַרן פאַרגאַזן, דעם גאַנצן גוף און מיט סאַדיסטי־שער הנאה אָפּקראַצן מיט אַ שטומפיק גאָלמעסער די ערוה ביי מענער און פרויען, אַ מאַמע אַנטקעגן אַ טאָכטער, אַ פרוי אַנטקעגן אַ מאַן. באַפוילן צו גראָבן די איי־גענע קברים, באַפוילן אַ גאַנצע עדה ייִדן: יונגע מענער און פרויען, קינדער און אַלטע לייט — זיך אויסטאָן נאַקעט. דערנאָך זיי אויסשטעלן אין רייען נאַקעט אויפן ראַנד פון די קברים, מיט די הענט אויף די קעפּ און זיי אויסשיסן. אַ גאַנצע שטאָט ייִדן, דורך הונגער און פּיין דערנידעריקן צו דער מדרגה פון חיות, וואָס רייסן זיך איבער אַ שטיקל ברויט״.

„פאַר אַלץ מאָן איך דין וחשבון״!.

„פאַר די קרעמאַטאָריעס, פאַר די אויסשיסונגען, פאַר די טויטע פון הונגער און פאַרן פּיין פון די געמאַטערטע״.

„איך וויל אויך אַ באַשייד פאַר די חרפּות, פאַר די בזיונות, פאַר דערנידעריקן אונדז אין אונדזערע אייגענע אויגן און אין די אויגן פון אונדזערע שכנים. איז גע־ווען נייטיק פאַר עמעצן און פאַר עפּעס־וואָס אונדזער טויט? האָט עמעצן געבראַכט נוצן אונדזער בזיון?״.

יודע דער צדיק: — בזיון? וואָס פאַר אַ בזיון איז דאָרט געווען פאַר אונדז? הכל לפי המביש והמתבייש. עס ווענדט זיך ווער עס פאַרשעמט און וועמען מען פאַרשעמט. זיי, די רשעים, האָבן אונדז פאַרשעמט מיט זייער רשעות און הלומען זיך איבער אונדז? טפּשות! עלעהיי אַ הונט טוט אַ ביס, אַ שלאַנג גיסט אַריין איר גיפט, אַ חיה־רעה פאַרצוקט. וואָס פאַר אַ חרפּות, בושות זענען דאָ שייך?

דו־איך: „ביין, ר׳ יודע, איך וועל נישט אַראָפּנעמען אַזוי גרינג פון דעם כביכול זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די דייטשן, ימח־שמם. זיי, די „כף־הקלניקעס״ זענען אויך זיינע קינדער, וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן אין זיין גלייכן און איז זיין געשטאַלט, דערפאַר איז דער בזיון, וואָס זיי האָבן אונדז פאַרשאַפט, אַן אמתער בזיון און זייער רשעות איז אַ רשעות, וואָס דער מענטש, געשאַפן אין גאָטס געשטאַלט און גלייכעניש, פאַרשאַפט אַן אַנדער מענטשן, וואָס איז אויך דער בחיר היצירה. איך נעם נישט אַרויס די דייטשע סאַדיסטן פון דעם רשות פון גאָט. עס זענען נישטאָ קיין צוויי רשויות.

„ביין, ר׳ יודע. וויפל איר וועט צעטיילן דעם כביכול אויף באַזונדערע ספירות, איז דאָ נאָר איין בעל הבירה. ער איז דער בעל־אחריות פון דער וועלט און ער איז נישט טויט. ער איז לעבן געבליבן און איך קען עס אים נישט פאַרגעבן, ווייל אַ

מיליאָן ייִדישע קינדער זענען אומגעקומען. איך נעם נישט אָן זײַן צער װי שכר פֿאַר אונדזערע לײדן. װער האָט אים געהײסן לײדן מיט אונדז? פֿאַרװאָס האָט ער בעסער נישט פֿאַרמיטן דעם גאַנצן אומגליק? ער האָט בעסער געדאַרפֿט פֿאַרהיטן, אַז דאָס דריטל פֿון זײַן פֿאָלק ישׂראל זאָל נישט פֿאַרברענט װערן און אױך ער אַלײן זאָל נישט לײדן. רשעות קעגן זיך אַלײן איז אױך אכזריות.

קאַפּיטל אַכט

# ר׳ אליקום גנעצל דער רמב״מיסט

פון די שאָטנס האָט זיך אַרויסגעשיילט רבי געצלס געשטאַלט. נישט די געשטאַלט, ווי איך האָב זי געדענקט אין מיין שפּעטערדיקער יוגנט, קרוב צו זיין פּטירה: אַלט, איינגעבויגן, מיט אַ מויל פול מיט צעריבענע ווערטער. איך האָב דערזען רבי געצלען, מיין גמרא־מלמד, דעם דיין, חכם און גרויסן למדן, ווי איך האָב איך געדענקט, ווען איך בין געווען אַ קינד — אַ הויכער, גרויער מאַן, גלייך ווי אַ סטרונע. דאָס גאַנצע שטעטל האָט צו אים אַרויפגעקוקט. אַ ייִד, אַ לאַנדס־הכם, אַ חריף, אַ בקי, אַ רמב״מיסט, מיט אויגן וואָס זען אַלץ. ער האָט זיך כמעט שפּאָטיש אַ קער־געטאָן צו מיר:

„לאָמיר נאָר פאַרשטיין דיינע רייד, שלמה. מיינסט מיר צו זאָגן, אַז דיין גאָט־באַגריף איז אַזאַ פּראָסטער און האַמעטנער, אַז דו האָסט דערוואַרט שטראָף אויפן אָרט פאַר די רשעים? אין אורי צבי גרינבערגס „רחובות הנהר״ טענהט שמואל־טשע צו זיין זיידן:

„זיידע, פאַרוואָס ביסטו פריִער נישט געקומען צו אונדז
מיט מחנות מלאכים און שׂרפים?
זיידע, זיידע! ווו איז דער גאָט פון די ייִדן?״.

ס׳מיינט, אַז אַפילו דער דיכטער אורי צבי גרינבערג, וואָס האָט אין זיין גאַנצן בוך געריידט צו גאָט אין די באַגריפן פון אַ פּראָסטן ייִדן, האָט ער דאָך שכל געהאַט אַריינצולייגן די דאָזיקע רייד אין מויל פון אַ קינד. און דו, אַ דערוואַקסענער ייִד, וואָס האַלט זיך פאַר אַ מנהיג ביי ייִדן, רעדסט קינדערשע רייד. אַ שיינער גאָט וואָלט עס געווען, ווען ער פירט די וועלט לויט דיינע השגות. שיין וואָלט אויס־געזען דער מין מענטש, ווען ער וואָלט געקראָגן די שטראָף גלייך אויפן אָרט פאַר יעדער עוולה וואָס ער באַגייט. אַלע וואָלטן געוואָרן צדיקים. און אַז אַך און וויי וואָלט געווען צו אַזאַ צדקות! דער רשע מיט זיין מרידה קעגן באַלדיקן שכר וואָלט געטראָגן די קרוין פון מענטשן, אין גאָטס געשטאַלט״.

דו־איך: — „ענטפערן יודען האָב איך געענטפערט לויט זיין השגה פון גאָט. אַניט וואָלטן מיר זיך נישט געקאָנט צונויפרעדן ווי מענטשן, וואָס רעדן אויף באַ־זונדערע לשונות. אָבער, רבי מיינער, רבי אליקום געצל דער רמב״מיסט, אויב

עס איז נאַריש אָנצונעמען דעם כביכול אינגאַנצן ווי אַ הגשמה, אַ גאָט אין אַ מענטשן־געשטאַלט, וואָס וועגט און מעסט מצוות און עבירות, ווי אַ קרעמער מעסט און וועגט בעבלעך און מעל, — קען איך אָבער נישט אָננעמען גאָט, ווי אַ ריינע, אַבסאָלוטע אַבסטראַקציע. אַ גאָט פון אַן אַבסאָלוטער אַבסטראַקציע קען נישט דער־הערן דאָס געשריי פון דעם עלנטן און קען נישט דערשפירן די ברויזנדיקע זודיקייט פון די טרערן פון די געדריקטע און באַעוולהטע. גאָט פון אַבסאָלוטער אַבסטראַק־ציע קען נישט זיין די פאַרקערפּערונג פון יושר און גערעכטיקייט דאָ, ביי אונדז אויף דער ערד. אַ גאָט פון אַן אַבסאָלוטער אַבסטראַקציע, אים קאָן נישט נוגע זיין דער גורל פון מענטש און פאָלק. אַזאַ גאָט, הגם ער האָט נישט קיין געשטאַלט, איז דאָך נישט קיין יידישער גאָט, ווייל דער יידישער גאָט האָט טאַקע נישט קיין שום גע־שטאַלט, אָבער „קרוב ה׳ לכל קוראיו״, ער איז נאָענט צו אַלע וואָס רופן צו אים״.

„דער יידישער גאָט איז אַ געזעלשאַפטלעכער גאָט. דאָס איז דער יידישער דרך פון באַנעמען גאָט. ירמיהו, וואָס האָט געוואָרנט קעגן געצנדינעריי־הגשמה און אָפּגעלאַכט פון פאַרשטאַלטיקן גאָט, רעדט צו אים, ווי מע רעדט צו אַ בעל־הבירה, צום געוועלטיקער פון דער וועלט: „צדיק אתה, ה׳ כי אָריב אליך, אך משפטים אדבר אותך״. מען קען פאַרטייטשן ירמיהוס פּסוק אָט אַזוי: גערעכט וועסטו טאַקע בלייבן, גאָט, ווען איך וועל פאַרפירן אַ וויכוח מיט דיר, אָבער איך וועל זיך אויסטענהן מיט דיר: „פאַרוואָס באַגליקט דער וועג פון די רשעים? פאַרוואָס לעבן רויק אַלע פאַררעטער?״. און חבקוק טענהט: „דיינע אויגן זענען צו ריין פון צו זען רשעות און צוקוקן אומרעכט קענסטו דאָך נישט. איז פאַרוואָס פאַרקוקסטו די וואָס פעלשן, שווייגסט, ווען דער רשע שלינגט איין דעם, וואָס איז גערעכטער פון אים?״.

״זיי האָבן געזוכט אַן ענטפער אויף די זעלביקע פראַגעס, וואָס מיר זוכן. און מיר, פון אונדזער דור, מעגן מער אָפּפרעגן גאָטס וועגן, ווייל ביז איצט זענען די יידישע צרות געווען אין דער ראַם און אין דעם גאַנג פון דער וועלט־רשעות. חורבן בית־ראשון און חורבן בית־שני זענען געקומען צוליב מלחמות־מרידה, וואָס יידן זענען אין דעם פּרט נישט געווען אַנדערש פון אַלע אַנדערע פעלקער. אַפילו ווען יידן זענען געגאַנגען אויף קידוש־השם און געהאַט אַ ברירה צו ווערן אויס יידן און געראַטעוועט ווערן, זענען זיי געווען אין דער בחינה פון קריגער בעלי־מלחמה. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו ווערן שותפים צו דער נידעריקער מאָראַלישער ניוואָ פון דער וועלט. אָבער איצט? קידוש־השם אָן בחירה און אָן ברירה, אַ מיליאָן קינ־דער אויסגעמאָרדעט! ווי איז עס מעגלעך, אַז ווער עס איז, וואָס האָט אַ דעה אי־בער דער וועלט, זאָל דערלאָזן צו אַזאַ זינלאָזער רשעות? איז נישטאָ, רבי, וועמען צו אַרויספאָדערן אויף אַ דין־תורה? איז נישטאָ קיין חשבון אין דער פירונג פון דער וועלט? האָט נישט געשיכטע קיין זינען?״.

ר׳ געצל: — דאָס זענען שאַרפע רייד וואָס גרענעצן זיך מיט לעסטערונג. נאָר

„אין אָדם נתפס בשעת צערו", מען שטראָפט נישט אַ מענטש פֿאַר שאַרפֿע רייד, וואָס ער רעדט אַרויס אין צייט פֿון אומגליק. ביסט גערעכט, וואָס דו זאָגסט, אַז די צרות און פֿורעניותן פֿון חורבן בית־ראשון און בית־שני זענען געווען גרינגער צו פֿאַרטראָגן ווי דעם איצטיקן אומגליק, ווייל אין ביידע חורבנות זענען יידן געווען אַנטיילנעמער אין דעם רשעותדיקן וועלט־סדר. ס'איז ווי דער פּסוק זאָגט: „תיס־רך רעתך ומשבתיך תוכיחך" — דיין אייגענע שלעכטסקייט וועט דיך אָנלערנען און דיין אייגענע ווילדקייט וועט דיך באַשטראָפֿן. ס'מיינט, אַ פֿאָלק ווי אַ יחיד, ווערט באַשטראָפֿט פֿאַר זיין אייגענער שלעכטער בחירה. ס'איז ווי „הכל בידי שמים חוץ מצינים פּחים", אַלץ איז אין גאָטס הענט, חוץ פֿון אַ פֿאַרקילונג וואָס קומט דאָך פֿון נאַכלעסיקייט, פֿון שלעכטער בחירה. דערפֿאַר זענען אין יענע אומ־גליקן געווען פֿיזישעליידן, אָבער נישט קיין גייסטיקע. אַפֿילו ווען יידן זענען פֿרייוויליק געגאַנגען אויף קידוש־השם, זענען עס געווען פֿיזישע יסורים, נישט קיין גייסטיקע. גייסטיק האָבן זיי זיך געפֿילט דערהויבן, ווייל זיי האָבן זיך נישט געוואָלט אַראָפּלאָזן צו דער נידעריקער מדרגה פֿון דער אָנגענומענער וועלט־מאָ־ראַל פֿון זייער צייט. אין איצטיקן אומגליק האָבן יידן נישט געהאַט קיין ברירה, אַן אַ ברירה אויסצוקלייבן טויט, אָדער לעבן, איז דער טויט זינלאָז. ס'איז אַן אַרויפֿגעצוווּנגענע שטראָף, אָן אַ באַרעכטיקונג און אָן אַ זכות. אָבער איך בין אַ ייד אַ מאמין, וואָס גלייבט אין שכר ועונש. נישט אין קיין באַלד אויפֿן אָרטיקן שכר ועונש, אויך נישט אין קיין מגושמדיקער פֿיזישער באַלוינונג נאָכן טויט. דאָ גייט נישט אין חומרישן וועגן און מעסטן. אָבער איך גלייב אין אַ שכר ועונש. ס'איז נישטאָ קיין אומזיסט פֿאַרלאָרן לעבן. צו אייך קען מען רעדן נאָר אין דעם זינען, וואָס ס'איז דאָ אַ געטלעכער פּלאַן אין דער וועלט, וואָס פֿירט דעם מענטשן צו שלימות, צו פּערפֿעקציע, וואָס קען זיין במציאות נאָר אין דער סוף־כל־סופֿיקער הערשאַפֿט פֿון אַבסאָלוטער גערעכטיקייט, לחלוטינדיקער האַרמאָניע אין דער נאַ־טור און פֿולשטענדיקן יושרדיקן איינשטעל צווישן מענטש און מענטש; נאָך מער — די איבערגעוועלטיקונג פֿונעם גייסטיקן אין מענטשן איבער אַלע זיינע חומרישע נטיות, וואָס דערנענטערן דעם מענטשן צו דער חיה".

„אַזאַ גלייביקייט איז מחייב אָנצונעמען, אַז נישט געקוקט וואָס אַלע געשעע־נישן אין געשיכטע און אויך ביים יחיד, בדרך־כלל, זענען נישט קיין פֿאָרויס־באַ־שטימטע, דאָך זענען זיי נישט קיין צופֿעליקע און זיי האָבן אַ זין און אַ באַטייט, אַפֿילו ווען זיי קוקן אויס צו אונדז אומשייכותדיק צום גרויסן ציל. אויך אין זייער אויסנאַמיקייט און אין זייער, אין פֿלוג, אָפּנייג פֿון שכלדיקן איינשטעל, זענען זיי אַ טייל פֿון פּלאַן פֿון דעם מענטשלעכן געראַנגל צום ענדציל, פּערפֿעקציע און אַב־סאָלוטע גערעכטיקייט און האַרמאָניע.

„איך האַלט מיטן רמב"ם, אַז דער דאָזיקער ענדצילקער תכלית איז דער רצון

פון גאָט, ווייל אויב איך וועל באַהויפּטן, אַז האַרמאָניע, שלימות, אַבסאָלוטע גע־רעכטיקייט זענען דער תכלית פון דער וועלט און פון דער מענטשהייט, אָן אַ רצון פון גאָט, קען מען דאָך פרעגן: „און וואָס איז דער תכלית פון דעם דאָזיקן תכלית?״. פאַר די וואָס שרעקן זיך פאַרן אויסדרוק: „דאָס איז דער רצון פון גאָט״ קען מען איבערשטעלן אויף „דאָס איז דער לחלוטינדיקער זינען פון לעבן״. אָן דעם דאָזיקן באַגריף איז סיי דאָס לעבן פונעם יחיד, סיי די גאַנצע יצירה, אַרייַנגערעכנט אַלץ וואָס מיר ווייסן און ווייסן נישט פון קאָסמאָס, אָן אומזיניקייט וואָס איז אוממעגלעך אָנצונעמען און צו דערקלערן. אויב אַזוי נעם איך אָן, אַז עס איז אויך דאָ אַ זינען אין איצטיקן חורבן. איך קאָן עס אָבער נישט באַגרייפן, ס׳איז זיין סוד.

דר־איך: — רבי, דערווייל איז דאָס, וואָס איך האָב געהערט פון אייך, נישט מער ווי אַ פּיינער אויסטייטש פון אַ פּרק אין „מורה נבוכים״, ווו דער רמב״ם רעדט דאָרט וועגן דעם תכלית פון דער וועלט. איר האָט עס באַווירצט מיט אַ פּסוק און אַ מאמר חז״ל. איר האָט עס אויך איבערגעגעבן אַ היפּש ביסל אויף אונדזער היינטיקן לשון, אָבער קיין טרייסט פאַר אונדז איז עס נישט און אייער אויס־טייטש פון רמב״ם גיט נישט קיין זינען צו אונדזער אומגליק״.

ר׳ געצל: — „בדרך כלל ביסטו גערעכט: איך חקירה זיך על פּי רמב״ם און אַוודאי באַטעם און באַווירץ איך מיינע רייד מיט אַ פּסוק און אַ מאמר חז״ל. וואָס וואָלסטו געוואָלט, איך זאָל זיך סומך זיין אויף די חכמי אומות העולם? און דאָס וואָס איך רעד צו דיר אַ היפּש ביסל אויפן לשון פון דיין צייט, איז נישט ווייל איך רעד טאַקע אַזוי, נאָר דו האָסט שוין פאַרגעסן, ווי ייִדן בעלי גמרא האָבן גערעדט און געפירט אַ שמועס. דאָס איז אַלץ דרך־אגב. איך האָב אָבער נאָך נישט פאַרעג־דיקט מיין געדאַנק וועגן רצון אין דער יצירה און וועגן דעם מענטשנס חלק אין דער הנהגה פון דער וועלט. ווען איך וועל פאַרענדיקן מיין שמועס, האָף איך, וועט ער דיר געבן, על פּי שיטתי, אַ זינען פאַר אונדזער דריטן חורבן. צי דו וועסט עס אָננעמען, ווייס איך נישט״.

„איך האַלט, אַז דער לעצטער חורבן מיט אַלע זיינע אַכזריותן מוז זיין אַ טייל פונעם געטלעכן פּלאַן פון פירן די וועלט צו שלימות. אמת, איך באַנעם נישט, ווי אַזוי דער גאַנצער בראָך פּאַסט זיך אַריין אינעם געטלעכן סדר העולם, אָבער ספר איוב ילמדנו, עפּעס קענען מיר לערנען פון דעם דאָזיקן מערקווירדיקן ספר און געפינען אין אים אַ טרייסט.

„די גמרא זאָגט: „איוב לא היה ולא נברא, אלא משל היה״ — איוב איז קיין מאָל נישט געבוירן געוואָרן און איז קיין מאָל נישט געווען, ס׳איז נישט מער ווי אַ משל. טייטשט רש״י: „פון ספר איוב קען מען אָפּלערנען, וואָס פאַר אַן ענטפער צו געבן צו די, וואָס האָבן טענות קעגן שטרענגען געטלעכן אויפפיר — קעגן מידת־הדין פון דער וועלט״. אויך קען מען אָפּלערנען פונעם ספר, אַז מען דאַרף נישט

און מען טאָר נישט באַשטראָפן קיין מענטשן, וואָס רעדט אַרויס שאַרפע רייד קעגן כביכול, ווען ער, דער מענטש, איז אין צער".

„איך וויל צוגעבן, אַז דער ספר איוב קען אויך געבן אַ טרייסט און אַ זין פאַר די ליידן פונעם יחיד און צרות פונעם כלל. נישט אומזיסט איז מען מעיין אין איוב אין צייט פון אַבילות".

„איך וועל זיך דאָ נישט אַריינלאָזן אין אויסטייטשן דעם גאַנצן ספר איוב, ווייל ווי דער אבן־עזרא זאָגט: „לבאר סוד אלה הדברים לא יכילם ספר" — אויס־טייטשן די מיסטעריע פון די דאָזיקע רייד וועט אַ גאַנץ בוך זיין ווייניק". לאָמיר נאָר אַרויסברענגען דעם הויפּט־געדאַנק פונעם ספר, וואָס, לפי שיטתי, גיט אַ טרייסט און אַ זין צו מענטשלעכע יסורים און אומגליקן, וואָס קומען אויף פעלקער. „לאָמיר עפענען דעם תנ"ך.

„דער ספר איוב הייבט זיך אָן מיט אַ מעשה: „איש היה בארץ עוץ, איוב שמו". — עס איז געווען אַ מאַן אין לאַנד עוץ, איוב איז געווען זיין נאָמען. דער מאַן איז געווען רייך און גליקלעך און זייער ערלעך און פרום. ער איז, לויטן תנ"ך נאָך גע־ווען דער אָדם השלם, אין רייכקייט האָט ער געדינט גאָט מיטן גאַנצן הארצן. אין רייכקייט, ווייסטו דאָך, איז אַזוי שווער צו דינען גאָט, ווי אין אָרעמקייט. זאָגט שלמה המלך: „ראש ועושר אל תתן לי" — גיב מיר נישט קיין אָרעמקייט און גיב מיר נישט קיין עשירות, שפּייז מיך נאָר מיט מיין טאָג־טעגלעך ברויט, ווייל טאָ־מער וועל איך ווערן צו־זאַט, וועל איך זאָגן: „ווער איז גאָט?" און טאָמער וועל איך ווערן צו־אָרעם, וועל איך גנבענען און פאַרשוועכן דיין נאָמען". און דער רייכער איוב איז נישט געווען גלאַט פרום. ער איז טאַקע געווען דער אָדם השלם, ווייל זיין צדקות איז נישט געווען בלויז פרומקייט צו גאָט, נאָר אַ פרומקייט, באַהעפט און פאַראייניקט מיט ערלעכקייט און גוטסקייט. יראת־שמים און אַהבת־האָדם — דער אמתער מהות פון יידישקייט.

„אַזוי זאָגט טאַקע דער פּסוק וועגן איובן: „כי אין כמוהו בארץ, איש תם וישר, וירא אלוהים וסר מרע". מערק די ווערטער „איש תם", עס מיינט אַ גאַנצער, אַן זינד. אָבער דער פּסוק זאָגט באַלד „וישר", אַן ערלעכער, אַ רעכטפערטיקער. נישט נאָר אַן זינד צו גאָט, נאָר אויך אַ צדיק בין אָדם לחברו. דער פּסוק באַוואָרנט זיך ווייטער: „וירא אלוהים" — ער פאַרכט גאָט, עס מיינט, ער איז מקריב קרבנות, טוט תפילה, היט אָפּ שבת און יום־טוב, אָבער ער איז אויך „סר מרע" — ער קערט זיך אָפּ פון שלעכטס, פון רשעות. ווידער — מצוות בין אָדם לחברו.

„אין די עולמות העליונים האָבן נישט אַלע געגלייבט אין איובס פרומקייט און גוטסקייט. וואָס מיינט עס אין דיין לשון? ביים מענטשן אַליין זענען געווען ספיקות, צי ער קען דערגרייכן שלימות, ווייל ער איז דאָך פון פלייש און בלוט. ווער ווייסט? ווען דעם מענטשן גייט גוט, ווען ער האָט חיונה, ווייב און קינד זענען

געזונט און ער איז אויך מיט אַלעמען, דעמאָלט קען ער האָבן הרחבת־הדעת צו פאַרנעמען זיך מיט הימל־זאַכן און אַפּילו דערגרייכן אַ מדרגה, אַז ער קען שפּאַצירן אין עולם האצילות מיט אַ נשמה יתירה, וואָס ער קען קריגן פון זיין אייגענער גייסטיקער אָנשטרענגונג. אָבער ווען עס באַפאַלט דעם מענטשן מנוולדיקע אָרעמקייט, ער פאַרלירט האָב־און־קינד און נאָך ווי אַ צוגאָב קומען אויף אים אַזעלכע ענויים, אַז דער גוף ווערט דער צענטער פון זיין וועלט, קען דעמאָלט דער מענטש אָנהאַלטן זיין צלם אלוהים? זיין געשטאַלט און גלייכעניש צו גאָט? מיט דעם דאָזיקן וויכוח הייבט זיך אָן דער ספר איוב".

„ס'איז אַ וויכוח צווישן גאָט און די מלאָכים, ס'איז געווען אַ טאָג, ווען די מלאָכים זענען געשטאַנען אַרום גאָט. האָט דער כביכול געזאָגט: „זעט ווי פרום און ווי גוט עס איז מיין קנעכט איוב". ס'מיינט, וויפל גייסטיקייט דער מענטש פאַרמאָגט. ענטפערט דער שטן: „איוב איז גוט און פרום, ווייל „אתה שכת בעדו ובעד ביתו ובעד כל אשר לו מסביב" — האָסט אַרומגעצאַמט אים און זיין הויזגעזינד און אַלץ אַרום אים. דער טייטש איז: ער לעבט אין אַ באַקוועם, רו:ק לעבן קען ער זיך אויך פאַרנעמען מיט רוחניות. אָבער ווען דו וועסט אַוועקנעמען פון אים אַלץ, וואָס בינדט אים צו צום נאַרמאַלן לעבן, ווען דו וועסט ביי אים צונעמען אַלע באַקוועמלעכקייטן און דערצו טאַקע אָנרירן זיין ביין און פלייש, ווען דו וועסט אויף אים אָנשיקן יסורים, וועט ווי פון זיך אַליין אָראָפּשיילן זיך זיין באַפּוצטע שאָלעכץ. ער וועט מער נישט חקירהן און ער וועט מער נישט טראַכטן וועגן עולמות עליונים און ער וועט נישט גאַרן נאָך אַ נשמה יתירה. ער וועט אין זיין מחלה ריטשען ווי אַ חיה און בעטן אויף זיך דעם טויט. ער וועט לעסטערן גאָט, ס'מיינט, ער וועט אינגאַנצן פאַרלירן דעם צלם אלוהים, ווייל נאָר דער גוף און זיינע יסורים וועלן אים ליגן אין זינען.

„די מחלוקת צווישן גאָט און שטן, אין ספר איוב, איז אַ המשך פון דער אַלטער מחלוקת צווישן גאָט און די מלאָכים גלייך, אין אָנהייב פון באַשאַף. נעם די פרשה חית אין בראשית רבה. לאָמיר אַרויסנעמען דעם עיקר: די מלאָכים האָבן געטענהט צום כביכול, ווען ער האָט זיך מיט זיי מישב געווען, צי עס איז כדאַי צו באַשאַפן דעם מענטשן: „הדא עקתא למה מבריו?" — צוליב וואָס ווילסטו באַשאַפן די דאָזיקע פּלאָג? עס איז אַ בריאה, וואָס האָט ליב צו קריגן זיך, שלאָגן זיך און דערציילן ליגן. דערצו איז עס אַ חיה, אַ פּשוטע חיה: עס מוז עסן און טרינקען ווי אַ חיה. עס מוז האָבן צוליב קיום המין,געשלעכטלעכן פאַרקער. אַז ער עסט, מוז ער דאָך גיין אויף זיינע באַדערפענישן. לאָזט ער אַרויס פון זיך שמוץ און אָפּפאַל. ער איז אויך אַ בן תמותה — שטאַרבט ווי אַ חיה. מה אנוש, כי תזכרנו ובן אָדם כי תפקדנו? — ווער איז דער מענטש, וואָס דו זאָלסט אים דערמאָנען און ווער איז דאָס מענטשן־קינד, דו זאָלסט דאַכטן וועגן אים?

„אָבער דער כביכול האָט געהאַט אַן אַנדער דעה. ער האָט געהאַלטן, אַז הגם דער מענטש האָט אין זיך אַזויפיל חיהשקייט, האָט ער אין זיך געגנוג רוחניות, אַז ער זאָל זיך קענען דערהויבן צו געטלעכקייט. דער מענטש איז אויך באַשאַנקען געוואָרן מיט אייגנשאַפטן פון די הימלשע וועזנס: ער גייט נישט אויף אַלע פיר, נאָר — שטייענדיק, מיטן קאָפּ אויפגעהויבן צום הימל. ער קען זען פון אַלע זייטן. ער קען רעדן, ער האָט שכל, פאַרשטאַנד. ועל כולם, ער פאַרמאָגט די גרויסע מעלה פון בחירה. דערפאַר איז „ותחסרהו מעט מאלוהים״, — ער איז עטוואָס געמינערט פון גאָט.

„צו באַווייזן, אַז דער כביכול איז גערעכט, ווערט דער פרומער איוב איבער־געגעבן אין די הענט פונעם שטן. זאָל ער מיט אים טאָן, וואָס ער וויל. ער קען ביי איובן צונעמען די עשירות און די קינדער, אויך דעם גוטן נאָמען. ער מעג ברענגען אויף אים די גרעסטע יסורים. „אך את נפשו שמור״ — היט זיין נפש, זע, ער זאָל נישט שטאַרבן.

„דער שטן איז זיכער, אַז איוב, דער מענטש, וועט נישט אויסהאַלטן דעם נסיון.

„און איוב פאַרלירט אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט. ער בלייבט עד ככר לחם — ביי אַ שטיקל ברויט, אָדער אָן אַ שטיקל ברויט. אַלע זיינע קינדער, זיבן זין און דריי טעכטער ווערן דערהרגעט און ער אַליין ווערט געפּלאָגט מיט אַ שווידערלעכער מחלה, אַן עסיקע הויט־קראַנקהייט, וואָס דערווייטערט אים פון מענטשן. דאָס ווייב זיינס לאַכט אָפּ פון אים, וואָס ער האַלט זיך ביי זיין פרומקייט, אָבער ער ענטפערט איר: „את הטוב נקבל מאת אלוהים, ואת הרע לא נקבל?״ — זאָלן מיר דאָס גוטע יאָ אָננעמען און דאָס שלעכטע — נישט אָננעמען? מע קען עס פאַרטייטשן אויף דיין לשון: „וואָס מיינסטו, דאָס לעבן האָט אַ זין נאָר אין פאַרגעניגנס און לוקסוסן? אין געזונט און הצלחה? ניין, לעבן האָט אויך אַ באַטייט אין פיין, פּלאָג און יסורים!

„ אין אָנהייב איז איוב געווען שטאַרק צעטומלט, ווי די יידישע מפרשים טייטשן אַזוי שיין דעם פסוק — „בכל זאת לא חטא איוב בשפתיו״ — פון דעסט־וועגן האָט איוב נישט געזינדיקט מיט זיינע ליפּן, אין האַרצן אָבער זענען ביי אים געווען פאַרשידענע מחשבותן, וואָס עס איז נישט אויסצומיידן. שפּעטער, וואָס מער ער האָט געליטן, אַלץ מער אמונה האָט ער געקראָגן, אַז עס איז דאָ אַ גערעכטער גאָט, וואָס קען אים געבן אַן ענטפער, אַ פאַרוואָס פאַר זיינע ליידן.

„זיינע דריי גוטע פריינד זענען געקומען אים צו טרייסטן. און עס הייבט זיך אָן אַ גרויסער וויכוח צווישן איובן און זיינע דריי חברים. זיי טענהן: דו טאָרסט נישט זיין פאַרביטערט קעגן גאָט, וויבאַלד אַז דו ליידסט, איז אַ סימן, אַז דו האָסט געזינדיקט. ווייל, דערמאָן זיך, האָסטו ווען עס איז געזען, אַז דער אומשולדיקער זאָל ליידן? איז וויבאַלד עס איז אַזוי, איז טו תשובה, וועסטו געהאָלפן ווערן. איוב

טענהט, אַז ניין, ער האָט נישט געזינדיקט און די צרות זענען נישט געקומען אויף אים צוליב זיין שלעכטער הנהגה. ער וויל זיך אויסטענהן מיט גאָט און וויסן, פאַר־וואָס עס קומט אים אַזעלכע יסורים.

„די חברים האַלטן זיך ביי זייערס — יסורים קומען, אָדער צוליב זינד, אָנישט צוליב לייטערן דעם צדיק, און די רשעים ווערן סוף־כל־סוף באַשטראָפט. איוב האַלט, אַז עס איז נישט אמת. געוויינט רשעים לעבן אויס זייערע יאָרן אין גליק, און געוויינט צדיקים, וואָס מע דאַרף זיי אַפילו נישט לייטערן, ליידן אַלע בייז. ווען ער וואָלט נאָר געקענט זען גאָט פנים־אל־פנים, וואָלט ער זיך שוין אויסגעטענהט מיט אים.

„איובס הויפּט־פּאַרדראָס איז נישט אַזוי זיינע ליידן, ווי דאָס וואָס ער ווייסט נישט פאַרוואָס ער ליידט. ער נעמט אָן, אַז גאָט איז אַ געוועלטיקער און פירט די וועלט מיט יושר. וויל ער אָן ענטפער פון גאָט. ער איז גרייט אַפילו אונטערחת־מנען זיך אויף אַ פאַרויס נישט־געלייענטן פסק־דין פון גאָט, ווייל פון אים קען דאָך נישט קומען קיין אומיושרדיקער פסק־דין.

„הלוואַי האָב איך, ווער עס זאָל מיך דערהערן! אָט איז אַ חתימה. זאָל מיר נאָר גאָט ענטפערן”. (איוב ל״א, ל״ה).

„גאָט האָט געזיגט איבערן שטן. דאָס גייסטיקע אינעם מענטשן האָט געקראָגן די אויבערהאַנט איבער דאָס חיהשע אין אים: איוב האָט נישט פאַרלאָרן דעם צלם אלוהים.

„און גאָט באַווייזט זיך צו איובן און רעדט צו אים פון שטורעם. גאָט פרעגט איובן, צי ער ווייסט, ווי די נאַטור אַרום אים איז איינגעשטעלט און ווי דער קאָס־מאָס איבער אים ווערט געפירט. ער רעדט צו אים אויף אַזאַ מין אופן: „קוק זיך צו, איוב, און זע: די וועלט ווערט געפירט מיט אַזוי פיל חכמה. מיינסטו, אַז איך האָב פאַרקוקט דיינע ליידן? און אַוודאי ווייס איך, אַז דו ביסט אַן אמתער צדיק. איי, פאַרוואָס ליידסטו און עס האָבן געליטן אַנדערע צדיקים? פשוט, אַזוי ווי דו פאַר־שטייסט נישט דעם איינשטעל פון דער וועלט און פון דעם קאָסמאָס, אַזוי קענסטו נישט באַנעמען דעם איינשטעל פון דער געזעלשאַפט. אַזעלכע ענינים זענען איבער דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד.

„מיר און אַלע וואָס האָבן געלערנט דעם ספר איוב, ווייסן דאָך פון די ערשטע קאַפּיטלעך די אמתע סיבה פון זיינע צרות. פרעגט זיך די קשיה: פאַרוואָס האָט עס גאָט אים נישט דערציילט? דער תירוץ איז: ווען גאָט וואָלט דערציילט איובן די אמתע סיבה פון זיינע ליידן, וואָלט יעדער מענטש געמיינט, אַז ווען ער ליידט, מוז ער וויסן, פאַרוואָס ער ליידט. אויב אָבער ער ווייסט נישט, איז די הנהגה פון דער וועלט אַ זינלאָזע און לית־דין ולית־דיין. לערנט אונדז דער ספר איוב, אַז עס איז נישט אַזוי. נעמט זיך אַראָפּ אַ מוסר־השכל פון דעם משל איוב. ער, איוב, האָט

אויך נישט געוווסט די סיבה פון זיינע ליידן און ער האָט געהאַט טענות צו גאָט, געריעדט שאַרפע רייד קעגן כביכול, הלמאי יסורים זענען אויף אים געקומען צו־פעליק. מיר אָבער ווייסן, אַז די יסורים אויף איובן זענען נישט געווען קיין צופע־ליקייט ביי גאָט. ס'איז אַלע מאָל דאָ אַ זין און אַ פאַרוואָס, ווען עס קומען אָן יסו־רים אויף אַ מענטשן, אָדער אויף אַ פאָלק. ס'איז אַ טייל פונעם געטלעכן פּלאַן, וואָס פירט צום סוף־כל־סוף, ווען דער מענטש וועט דערגרייכן אַבסאָלוטע שלימות.

„דער עפּילאָג איז נישט גלאָט קיין צוקערלעקעכל צו פאַרזיסן אַ ביטערע מע־שה. דער וואָס קען פאַרשטיין די טיפע רייד פון די וויכוחים אין איוב, דאַרף נישט האָבן קיין נחמה־מעשהלע. אינעם עפּילאָג איז אויך איינגעוויקלט אַ טיפער מוסר־השכל. עס דערוועקט זיך אַ טיפע קשיה: ווי אַזוי האָט איוב נאָך אַזאַ אומגליק גע־קענט פאַרגעסן דאָס פריִערדיקע לעבן און אויך די יסורים, און אָנהייבן פון דאָס ניי אַ לעבן? אָבער איוב קען פאַרגעסן, אָדער קען זיך צווינגען צו פאַרגעסן, וואָס מיט אים איז געשען. ווייל נאָך דעם ווי גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט צו אים, פאַר־שטייט זיך, אַלץ בדרך משל, האָט ער פאַרשטאַנען אַז ער, דער מענטש איוב, איז נישט גלאָט אַ ילוד אשה, אַ בעל־חי, וואָס איז צוגעבונדן צו דער ערד, פון וואָס ער איז גענומען געוואָרן. ניין, ער איז אַ טייל פון דער וועלט, פון דעם גאַנצן קאָס־מאָס און זיין לעבן, זיינע ליידן און זיינע פריידן זענען נישט קיין צופאַל. אַלץ איז אַ טייל פון גאָטס פּלאַן. דעם מענטשנס אויפפיר איז וויכטיק, ווייל עס לאָזט אי־בער אַ שפור אין קאָסמאָס.

„און איצט, מיין תלמיד שלמה, ווענד אָן דעם דאָזיקן געדאַנק אויף אונדזער דריטן חורבן. אַוודאי פאַרשטיי איך נישט, ווי אַזאַ אכזריות פּאַסט זיך אַריין אין גאָטס פּלאַן. אָסור מיר. אָבער לאָמיך דיר זאָגן, אַז אַ סך זאַכן אינעם איצטיקן דור זענען מיר קשה. מאָדנע דורות ייִדן זענען די לעצטע צוויי דורות. זיי האָבן נישט געהאַלטן פונעם אַלטן ייִדישן דרך. זיי האָבן עובר געווען אויף כל דבר אָסור; זיי האָבן זיך אויפגעפירט אין טאָג־טעגלעכן לעבן פונקט ווי די גוייִשע שכנים, און דאָך האָבן זיי זיך געהאַלטן פאַר ייִדן און נישט געוואָלט פאַרלאָזן זייער פאָלק. זיי זענען געבליבן ייִדן אָן אַן אויסקוק אויף שכר. ווייל זיי האָבן דאָך נישט געהאַלטן פון קיין שכר ועונש. זאָג איך דיר, אַז אַזעלכע ייִדן, וואָס לפנים זענען זיי גאָר קיין ייִדן נישט געווען — און דאָך געהאַלטן זיך פאַר ייִדן — האָבן נישט געדאַרפט קיין בחירה אויף זייער וועג פון קידוש־השם. זיי האָבן פריִער געהאַט די בחירה אַוועק־צוגיין פון כלל־ישראל און צו פאַרלייקענען זייער שטאַם. זיי האָבן נישט געהאַט פאַרוואָס צו שרעקן זיך, ווייל זיי האָבן דאָך נישט געגלייבט אין שכר ועונש. מיינט עס, אַז אין תוך האָבן זיי געהאַט אַ נסיון מיט אַ בחירה. ס'מיינט פאַר גזירת היט־לער, ימח שמו. זיי זענען אַ גאַנץ לעבן געשטאַנען אויף דער מדרגה פון קידוש־השמניקעס. איצט, ווען דער אומגליק איז געקומען, איז דער גזר געקומען אַן אַ

ברירה, שלא לביש, נישט צו פאַרשעמען די שוואַכע, זיי זאָלן נישט פאַלן אויף אַ נידעריקער מדרגה. איך וויל נישט מאַריך זיין וועגן דעם ענין. עס שמעקט מיט נסתר, מיט מיסטיציזם. און איך, אַן אַלטער רמב״ם־תלמיד, בין נישט שוה בשוה מיט סתרי־תורה. איך האַלט נאָר פון נגלה. אָבער עפּעס שטעקט דאָ אין דעם ענין.

„נאָך עפּעס מאָדנע איז געשען אין דיין דור. ייִדן האָבן זיך אומגעקערט קיין ציון און אַריינגעקראָגן, פּשוט איינגענומען דאָס לאַנד און געגרינדעט אַ ייִדישע מדינה. ניין, כאַפּ זיך נישט, קאָך זיך נישט. איך זאָג נישט, אַז דאָס איז געקומען ווי אַ שכר פאַר אונדזערע יסורים און פאַרלוסטן. אָבער אַ ייִדישע מדינה אין ארץ־ישראל, געגרינדעט פון מענטשן, וואָס האַלטן נישט פון גאָטס השגחה, איז פּונקט אַזאַ יוצא דופנדיקע געשעעניש, ווי קידוש־השם אָן ברירה.

„וועלכע ייִדן האָבן איינגענומען דאָס לאַנד? ס׳רוב ייִדן, וואָס האָבן נישט גע־האַלטן פון „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים״ — און זאָלן אונדזערע אויגן זען, ווי דו וועסט זיך אומקערן קיין ציון מיט באַרמהאַרציקייט — ס׳האָבן אויפגע־געבויט ארץ־ישראל ייִדן, וואָס האָבן נישט געדאַרפט גאָטס נחלה פאַר זייער ייִדיש־קייט. זיי האָבן נישט געהאַלטן, סיי פון די מצוות התלויות בארץ און סיי נישט פון מצוות בכלל. דאָך האָבן די דאָזיקע ייִדן, וואָס אין זייערע דרכים זענען זיי געווען גלייך צו די גויִשע שכנים אַרום זיי, געבראַכט צו גאולת־האָרץ. פאַרוואָס קומט אייך אַזאַ זכיה?

„אפשר קען איך עס דיר פאַרענטפערן מיט אַ מאָדנעם תירוץ, וואָס דו רופסט פּאַראַדאָקס. דווקא, ווייל זיי זענען נישט געווען איבעריק פרום, האָבן זיי געקענט ברענגען צו גאולת־האָרץ. ווי אַזוי? איך מיין, אַז מיט אַ הונדערט יאָר צוריק, ווען די אומות־העולם וואָלטן אַפילו אָפּגעגעבן ארץ־ישראל צו די ייִדן, וואָלטן זיי דאָרט נישט געקענט פונדעווען קיין מדינה. אין יענער צייט וואָלטן נישט געווען גענוג ייִדן, וואָס זאָלן וועלן זיין יוונים. ייִדן האָבן פּשוט פיינט געהאַט זעלנעריי. עס וואָלטן נישט געווען קיין גענוג ייִדן, וואָס וואָלטן געוואָלט זיין פּאָליציי, שומרים פון תפיסות און פאַר אַלע אַנדערע רשעותדיקע אַרבעטן. חוץ דעם וואָלטן נישט געווען גענוג ייִדן, וואָס וואָלטן גרייט געווען מחלל שבת זיין צוליב טובת הכלל, זיי היינט למשל, טאָן שבת די נויטיקע אַרבעטן צו באַזאָרגן דאָס לאַנד מיט עלעק־טריע, מיט וואַסער, טעלעפאָן וכדומה. נאָך עפּעס: אַמאָליקע דורות ייִדן וואָלטן נישט געוואָלט נאָכטאָן די מקולקלים פון די אומות־העולם — ווי די שלעכטע צווישן גויִים — צו איינגעמען אַ לאַנד מיט דער שווערד. ייִדן וואָלטן בכלל נישט געטאָן קיין שום יוצא מן הכלל־זאַך אָן אַ היתר פון רבנים. און די רבנים אין יענע צייטן וואָלטן זיך נישט געאיילט צו געבן היתרים, איבערהויפּט, צו גלוחים און מחללי־שבת.

„נאָך אַ שטער איז באַזייטיקט געוואָרן פון דער השגחה. אַמאָליקע יאָרן, ווען

ייִדן וואָלטן אַפּילו איינגענומען ארץ־ישראל ביד חזקה, וואָלטן די גויִשע שכנים סוף־כל־סוף עס צוריקגענומען ביד חזקה, מיט אַ מלחמה. היינט אָבער איז די סכנה אַ סך אַ קלענערע. די מאָדערנע כלי־מלחמה זענען געוואָרן אַזעלכע שרעקלעכע, אַז אַ גרויסע מלחמה מיינט וועלט־אונטערגאַנג. גרויסע מלוכות, וואָס האָבן די דעה איבער דער וועלט, קענען נישט דערלאָזן צו קיין מלחמה אין וועלכן־עס־איז ווינקל פון דער ערד, ווייל עס קען ווערן אַ שריפה, וואָס זאָל אומברענגען די וועלט. הערסט אַ סתירה? דווקא אין דער איצטיקער סכנותדיקער צייט פון וועלט־אומקום, איז מדינת־ישראל אַזוי פאַרזיכערט, ווי די שטאַרקסטע מלוכה. אַן אומזין ווערט דער גרעסטער זין. פרעג איך דיך: איז אַלץ גלאַט און פאַרשטענדלעך אָן צוטרוי צו דער השגחה?

דו־איך: — רבי מיינער, איר האָט מיך נישט געטרייסט. לא ראי זה כראי זה. אייער משל און נמשל מיט איובן איז נישט קיין פאַרגלייך מיט אונדזער דריטן חורבן. נאָך אַלע דרשות וועגן ספר איוב בלייבט איין גרויסע נישט קיין פאַרענטפערטע קשיה פאַר דעם מענטשן, וואָס זוכט גערעכטיקייט, נעמלעך: מילא, איוב האָט געליטן צוליב גאָטס רצון צו באַווייזן, אַז דער מענטש איז נישט גלאַט אַ חיה וואָס גייט אויף צוויי פיס, נאָר דער מענטש האָט אין זיך גענוג געטלעכקייט, וואָס וועט אים נישט דערלאָזן צו קיין לחלוטינדיקער ירידה אין די גרעסטע מאַטער־נישן. איוב איז בייגעשטאַנען דעם נסיון, און נאָך דעם גרויסן אומגליק זיינעם האָט ער אָנגעהויבן פון דאָס ניי. איר האָט זיכער שיין אויסגעטייטשט, אַז ער האָט גע־קענט אָנהייבן אַלץ פון דאָס ניי, ווייל גאָט האָט זיך צו אים אַנטפּלעקט. אין אונדזער לשון מיינט עס: ווייל איוב האָט דערפילט דאָס געטלעכע אין זיך, האָט ער נישט נאָר געקענט אָנהייבן פון דאָס ניי, נאָר ער האָט געקענט, נאָך דער געטלעכער אַנט־פּלעקונג, איינשטעלן אַ שענער לעבן, ווי פון אָנהייב, פון פריִער. וה׳ ברך את אח־רית איוב מראשיתו, נישט נאָר האָט גאָט אומגעקערט איובן זיין שאָדן, נאָר ער האָט געבענטשט איובס לעצטע יאָרן פון זיין לעבן מער ווי אין די אָנהייב־יאָרן. ער האָט איצט געהאָט מער שעפּסן און רינדער, מער קעמלען און אייזלען. אויך די קינדער פונעם צווייטן לעבן זיינעם זענען געווען גראַטענער ווי די ערשטע. אַלץ ווויל און גוט פאַר איובן, אָבער, רבי! איובס ערשטע זיבן זין און דריי טעכטער זענען געהרגעט געוואָרן... אומגעקומען... און ווער האָט אויפגעמאָנט זייערע פאַר־שניטענע לעבנס? פאַרוואָס און צוליב וואָס זענען זיי אומגעקומען? זיי זענען דאָך נישט געווען קיין טייל פון נסיון?

„איך פלעג, רבי, שטענדיק פאַרענטפערן די דאָזיקע האַרבע קשיה מיט דעם וואָס „איוב לא היה ולא נברא״ — איוב איז קיינמאָל נישט געווען און קיינמאָל נישט געבוירן געוואָרן, „אלא משל היה״ — דער ספר איוב איז נישט מער ווי אַ משל. אַז דער ספר איז אַ משל, האָט עס געשריבן אַ מענטש, אַ מענטש פון אַמאָלי־

קע צייטן, אפשר אין די צייטן פון אַברהם־אָבינו. נו, אַ מענטש פון יענער צייט האָט געשריבן לויט די השגות פון זיין דור. אין יענע דורות האָט מען געהאַלטן, אַז קינ־דער זענען נישט קיין יש פאַר זיך, נאָר זיי זענען דער קנין, די גיטער פונעם טאַטן, אַט ווי שאָף און רינדער. מען מעג באַשטראָפן און אַפילו טויטן אַ קינד, כדי מצער זיין דעם טאַטן. דעם קינדס יסורים רעכענען זיך נישט. „דברי תורה כלשון בני־אָדם״ — די תורה רעדט אַלע מאָל ווי אויף דעם לשון פון מענטשן, ס׳מיינט, אין די באַגריפן פון יעדן דור.

„דאָס איז אַלץ ווויל און גוט, ווען מיר ווייסן, אַז דער ספר איוב איז נישט מער ווי אַ משל. ווי־זשע אָבער, אַז איוב וואָלט געווען אַן אמתע מעשה? איך מיין, ווען די מעשה איוב וואָלט טאַקע דורכגעפירט געוואָרן פון גאָט? מיין איך, אַז דער רבונו־של־עולם אין זיין רחמנות וואָלט קיינמאָל נישט געטויט איובס זין און טעכ־טער. ער וואָלט זיי צוגענומען אויף אַ צייט, אין אַ פרעמד לאַנד. און איוב וואָלט געמיינט, אַז זיי זענען טויט. נאָכן נסיון וואָלט דער כביכול צוריקגעבראַכט די קינ־דער.

„אָבער איצט, רבי מיינער, דער דריטער חורבן איז נישט קיין מעשה, געשריבן פון אַ מענטשן און — נישט קיין משל, אויסגעשטעלט אין אַ ספר צוליב אַ מוסר־השכל. אַ מיליאָן יידישע קינדער, רבי, זענען אומגעקומען! דער ימח־שמוניק האָט זיך געיאָגט נאָך זיי, ווי מע יאָגט זיך נאָך ווילדע חיהלעך און זיי אומגעבראַכט. און פינף מיליאָן דערוואַקסענע האָט ער דאָך אויך אומגעבראַכט. איז אַזוי: אויב מיר, מענטשן, האָבן געקענט אויסמיידן דעם אומגליק און נישט אויסגעמיטן, איז עס אונדזער שולד, אַט ווי ציגים פּחים — אַ פאַרקילונג און אַריינפאַלן אין אַ גרוב, וואָס קומט צוליב אונדזער נישט־אָפּגעהיטקייט. אָבער וויבאַלד אַז איר, רבי, זאָגט, אַז דער אומגליק איז מעשה ידיו, אַ טייל פון גאָטס פּלאַן צו ברענגען דעם מענטשן צו שלימות, — איז עס פשוטע אַכזריות און עס איז נישטאָ קיין קאָסמישע גערעכ־טיקייט. ווען מיר, יידן, זאָגן אַז גאָט איז אַ גאָט פון גערעכטיקייט און משפּט, מיינט עס, לויט דעם רחמנות און דער גערעכטיקייט, וואָס דאַרף אָנגעווענדט ווערן אויף מענטשן פון בלוט און פלייש, אַ גערעכטיקייט פון אַ גערעכטן געזעמל דאָ, אויף דער ערד; אַ געטלעך רחמנות, לויט אונדזער געפיל פון רחמנות און יושר. פון מענטשלעכן קוקווינקל איז נישטאָ קיין באַרעכטיקונג פאַרן אומקום פון אַ מי־ליאָן קינדער.

„יאָ, רבי, איך וועל איבערחזרן: אויב דער חורבן איז אַ מעשה ידיו, איז דער כביכול שוין נישט מער דער גאָט פון אַבסאָלוטן יושר; ער איז נישט קיין גאָט פון לחלוטינדיקער גערעכטיקייט. ווער דאַרף אַזאַ?... ניין, רבי, איך וויל נישט לעס־טערן. אָבער איך וויל פאַרשטיין, ווי אַזוי פּאַסט אַריין דער דריטער חורבן אונדזע־רער צום באַגריף פונעם פּסוק: „אָנכי, אָנכי ה׳ ואין בלעדי מושיע״ — איך, איך

בין גאָט און חוץ מיר איז נישטאָ קיין העלפער. דאָס זוך איך, רבי. ענטפער מיר!״

קיין ענטפער האָב איך נישט געקראָגן. אַ טויט־פאַרגליווערטקייט האָט זיך צוריק אויסגעגאָסן אויף דער גאַנצער מסיבה. נאָר שמערל נאַר, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען מיט דער פּלייצע אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט, האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין לעטאַרגיע. זיין פּנים האָט זיך פאַרקרימט פון געוויין און ער האָט איילנדיק אָנגעהויבן רייבן מיט די קולאַקעס די אויגן, ווי איינעם וואָס ס׳איז געוואָרן ביטער פון רויך. ער האָט פאַרביסן די ליפּן מיט עקשנות איינצוהאַלטן דאָס געוויין און אָנגעהויבן רעדן:

„ווען איך בין געגאַנגען מיט דער באַנדע בלינדע בעטלער און געזען, ווי די קאָזאַקן פונעם אַטאַמאַן גאָנטע האָבן געהרגעט ייִדן — מענער, פרויען און קינדער, האָב איך נישט געוואָלט גיין קיין נעמיראָוו און צוזען מער הריגות אויף ייִדן. אָבער דער בעטלער מיט דער רויטער באָרד פון די קאַרפּאַטן־בערג האָט גערעדט שאַרף און באַפעלעריש צו מיר: „דו ביסט אַ שליח. אַ שליח דאַרף אויספירן זיין שליחות אין שטורעם און אין ווינט, אין פרייד און אויך אין צער. דו מוזסט גיין מיט זיי. דו וועסט אָפּשטעלן די בלוט־פאַרגיסונג״. איך בין ווייטער געגאַנגען מיט זיי און דער רויטער בעטלער פון די קאַרפּאַטן־בערג, וואָס מע האָט אים שפּעטער גערופן „באַלשעם״, איז געגאַנגען האַרט לעבן מיר. די גוייִשע בלינדע בעטלער האָבן געזונגען לידער מיט שנאה צו ייִדן און מיט פרייד, וואָס זיי האָבן אויסגעהרגעט ייִדן. איך האָב ווידער געוואָלט אַנטלויפן פון זיי. האָט דער בעטלער מיט דער רויטער באָרד געזונגען מיט זייער ניגון אַ ליד צו מיר:

שמערל נאַר דאַרף גיין,
גיין, זען און שווייגן,
מוז האָבן אויגן פון גלאָז
און אַ האַרץ פון אייזן.

„און איך האָב געפאָלגט. איך בין געגאַנגען און טאַקע געבראַכט ישועות אויף ייִדן. דעמאָלט, אין מיין צייט, איז געווען ווער עס זאָל פירן אַ שליח ביי דער האַנט; ס׳איז געווען, ווער עס זאָל אַכטונג געבן און שיקן הילף ווען מע באַדאַרף, און עס איז געווען, ווער עס זאָל שרייען צום הימל. און איצט? די גאַנצע וועלט האָט געשוויגן. איך האָב נעכטן געזען דעם בעטלער פון די קאַרפּאַטן און אים געפרעגט:

„— פאַרוואָס האָסטו געשוויגן אינעם איצטיקן אומגליק? ווען אַלע דיינע תּלמידים און חסידים זענען אויסגעקוילעט געוואָרן?

„און ער האָט געשוויגן. אַלע שווייגן. פאַרוואָס שווייגן אַלע?״

מיין האַרץ האָט זיך צעוויינט אין אָפּקלאַנג פון שמערל נאַרס טרערנרייד:

„האָט ער געשוויגן. אַלע שווייגן. פאַרוואָס שווייגן אַלע?" און איך האָב זיך אָנגע־הויבן בייזערן אויף זיך אַליין: „אַלע האָבן געשוויגן און אויך דו, שלמה!" יאָ, איך בין אָנגעגאַנגען מיט מיינע טאָג־טעגלעכע הנאות: געאַרבעט, געשפּילט זיך מיט די קינדער, געלייענט ביכער, געגאַנגען שפּאַצירן, געשריבן מעשיות און געהאַט פאַרגעניגן פון דער וואָרעמקייט פון דער זון און קילקייט פון אָוונט. וואָס פאַר אַ טענות קען איך האָבן צום הימל און צו דער וועלט, ווען מיין אייגן האַרץ איז געווען גלייכגילטיק צום גרויסן אומגליק וואָס איז געשען. אַ סימן, איך בין נישט גע־שטערט געוואָרן אין מיין טאָג־טעגלעך לעבן.

איך האַלט שטענדיק די נביאים אויף דער צונג. פאַרוואָס האָב איך זיך נישט אָפּגעלערנט פון ישעיה, ירמיהו, יחזקאל?

ישעיה, דער מקורב למלכות, איז געגאַנגען דריי יאָר נאַקעט און באָרוועס, ווי אַ סימן און אַ צייכן, אַ באַוויז פאַר אַנדערע, אַז זיי זאָלן ווערן אומרויק ווי ער אַליין וועגן דעם קומענדיקן אומגליק אויף מצרים און, צוליב דעם, אויף יהודה.

ירמיהו האָט אָנגעטאָן אויף זיך אַן אָקסניאָך און עס אַרומגעבונדן מיט רי־מענס אַרום האַלדז, ווי אַן אָקס אין סאָכע. ער איז אַזוי אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן צו ווייזן די ייִדן, אַז מע דאַרף אויף זיך נעמען דעם יאָך פון בבל. ער האָט זיך נישט געשעמט פאַר די אַמבאַסאַדאָרן פון אַרם, מואָב, בני־עמון און צור און צידון, וואָס זענען געקומען קיין ירושלים צו שליסן אַ בונד קעגן בבל. אים האָט נישט געאַרט, וואָס מע האָט אים צוליב דעם פאַרשעמט אין עזרה פונעם בית־המק־דש און אים גערופן „פאַלשער נביא".

יחזקאל איז געלעגן חדשים לאַנג, פּריִער אויף איין זייט און זיך נישט אי־בערגעדרייט. און דערנאָך — חדשים לאַנג אויף דער צווייטער זייט. ער האָט אי־בער אַ יאָר געגעסן ברויט אויף דער וואָג און געטרונקען וואַסער מיט אַ מאָס. ווי אַ צייכן און אַ סימן פאַר ייִדישע זינד און די ליידן וואָס וועלן קומען אויף זיי.

און וואָס האָב איך געטאָן? געאַרבעט און געשפּילט זיך מיט די קינדער און אָנגעגאַנגען מיט מיינע טאָג־טעגלעכע הנאות. און דאָרטן האָט מען געקוילעט ייִדן, אַלעמען אויסגעקוילעט.

ווי און ווינד איז מיר! פאַרוואָס בין איך נישט אַרויס אין די גאַסן, אָנגעטאָן אַזוי, אַז מע זאָל פון מיר אָפּשפּעטן, מיך מאַכן צו שאַנד, מיך פאַרהאַפּטן ווי אַ רו־שטערער, מיך פאַרנעמען אין אַן אַנשטאַלט, ווי איינעם, וואָס איז נישט אינגאַנצן ביים פולען זינען? זיכער און אַוודאי וואָלט איך גאָרנישט נישט אויסגעפירט און נישט געווירקט, אָבער „ווען דאָס פאָלק נעמט אַ מאַן פון צווישן זיך און מאַכט אים פאַר אַ וועכטער און ער וואָרנט דאָס פאָלק אין אַ געפאַר, ער בלאָזט אין שופר. און אַז די פירער הערן די וואָרענונג און היטן זיך נישט, און קומען אום, האָט דער וועכטער געראַטעוועט זיין זעל. ס'איז נישט זיין שולד: ער האָט געוואָרנט. אָבער

ווען דער וועכטער וואָרנט נישט, דעמאָלט וועל איך מאָנען דאָס בלוט פון פאָלק פונעם וועכטערס האַנט".

איך האַלט זיך פאַר אַ וועכטער ביי ייִדן, און איך האָב נישט געוואָרנט. איך בין דאָך אַפילו נישט געווען באַצערט, ווייל איך בין דאָך געווען איינגעטונקען אין צופרידנשטעלן מיינע אייגענע הצטרכותן און פאַרלאַנגען, — בין איך איינגעטונקט אין בלוט.

איך האָב גערעדט צו זיך אָן ווערטער און אין מיין רעדן צו זיך איז אויסגע־גאַנגען דאָס ליכט און די באַנגאַלאָ איז געוואָרן פינצטער. איך האָב זיך נישט גע־וווּנדערט, ווער ס'האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט, פונקט ווי איך האָב זיך פריִער נישט געוווּנדערט, ווער עס האָט ליכטיק געמאַכט דאָס פינצטערע צימער. איך האָב אין מיין פּיין זיך געוואַלגערט אין בעט. איך האָב געוואָלט אויסשרייען מיין ווייטיק, אָדער זיך פשוט צעוויינען אויפן קול. עס וואָלט מיר אַוודאי גרינגער געוואָרן. אָבער איך האָב זיך איינגעהאַלטן, ווייל איך האָב נישט געוואָלט פאַרגרינגערן מיין ווייטיק און באַזייטיקן מיין פאַרשפּעטיקטן חרטה־טרויער.

ווי לאַנג איך האָב געגעסן מיין אייגן ביטער האַרץ, ווייס איך נישט. מיט אַמאָל איז ווידער ליכטיק געוואָרן אין דער באַנגאַלאָ. איך האָב מיט דערוואַרטונג זיך אַרומגעקוקט. שמערל נאַר איז, ווי צום אָנהייב פון דער וויזיע, געשטאַנען פאַר־גליווערט ביי דער טיר ווי אַן אָפּגעמאָלטער. די מסיבה אַרום טיש האָט ווידער אויפגעלעבט און זלמן פון „בעל תשובה" האָט אָנגעהויבן רעדן.

קאַפּיטל נײַן

# זלמן, דער מענטש פון לײַדן און פּײַן

זלמן: אני הגבר, איך בין דאָס דער מאַן, וואָס אים זענען צוגעטײלט געוואָרן באַזונדערע לײַדן און פּײַן, ווי איך וואָלט געווען אַ יחיד במינו. ווען דער צווייטער אומגליק איז אויף מיר געקומען, האָט מיך צוערשט אַרומגענומען אַן אומרויִקע אומזיכערקייט און דערנאָך — אַ ספּיקותדיקע אומגלייביקייט און עס האָט מיך אָנגעפילט מיט אַנגסט און מיט אַ מרה שחורה. איך בין געוואָרן צערודערט און נישט געקאָנט אָנגיין מיט מײַן טאָג־טעגלעכן לעבן. ביז איך בין בײַגעקומען מײַן צעטומלעניש, צעמישטקייט און כּפירה, בין איך געווען אין אַ סך אַן ערגערן מצב, ווי איר, שלמה.

„אָבער מײַן איצטיקע אײַנגעשטעלטקייט דאַרפט איר נישט אָננעמען ווי אַ צדוק הדין, וואָס איז געקומען צו מיר פון צוריק אָקצעפּטירן בלינדע אמונה. פאַר־קערט, מײַן איצטיקע טיפע אמונה, אַז עס איז דאָ אַ מנהיג, אַ בעל הבירה שטאַמט פון מײַן פאַרשטײַן דעם ייִדישן באַנעם פון גאָטס דרך. מיר, ייִדן, האַלטן, אַז גאָט האָט געגעבן דעם מענטשן בחירה, פרייען ווילן, — און דאָך זענען נישטאָ קיין צופעליקייטן, צופאַלן, הן אין די געשעענישן פון דער וועלט און הן אינעם מענטשנס לעבן. אויב איר ווילט, וועל איך עס אײַך איבערגעבן ווי אַ כּלל: ס׳איז דאָ אַזאַ זאַך ווי בחירה אין דער גײַסטיקער ספערע. און דאָך זענען נישטאָ קיין צופאַלן אין דער מאַטעריעלער, אין דער פיזישער וועלט.

„דער געדאַנק איז אַן אַלטע, אָנגענומענע הנחה אינעם ייִדישן וועלט־באַנעם. צום קלאָרסטן ווערט דאָס אַרויסגעבראַכט אין פּרק: „הכל צפוי, והרשות נתונה״, — אַלץ איז פאָרויסגעזען, אָבער בחירה איז געגעבן געוואָרן. שטעלט איבער דעם זאָג, און דאָס זענען די פינקטלעכע ווערטער פון מײַן כּלל.

„די סתירה אינעם דאָזיקן מאמר איז אויגנשײַנלעך און יעדער מפרש האָט זײַן דערקלערונג. אַלע ייִדישע פילאָסאָפן פון מיטלאַלטער, פון ר׳ סעדיה גאון ביז ר׳ יוסף אַלבו האָבן זיך פאַרנומען מיט אויסגלײַכן די דאָזיקע סתירה. יעדער איי־נער האָט זי פאַרענטפערט לויט די באַגריפן פון זײַן דור.

„איך האָב קיין איינע פון זייערע אויסטײַטשונגען נישט געקאָנט אָננעמען, ווייל זיי האָבן געמוזט צופאַסן זייערע תירוצים צו אָנגענומענע דאָגמעס און באַ־שטימטע פסוקים. אַזאַ צוגאַנג איז קעגן די באַגריפן פון אונדזער דור, וואָס נעמט

אַן די קולטור־היסטאָרישע שיטה בנוגע אמונות, אַריינגערעכנט די ייִדישע אמונה.

„לויט דעם קולטור־היסטאָרישן קוק אויף רעליגיע, דאַרף מען נישט צופּאַסן אמונה צו וויסנשאַפט, אָדער — פאַרקערט. פסוקים און מאמרי חז״ל מעגן זיך סותר זיין, ניין, מוזן זיך אָפט סותר זיין, ווייל יעדער מאמר און יעדער פסוק טראָגט זיין צייט־גייסט. און אַלע מאמרים אין תלמוד און די פסוקים אין תנ״ך זענען נישט אויפגעקומען אין איין דור. איך דאַרף אויך נישט מורא האָבן פאַר דער אויטאָריטעט פון דאָגמעס. בדרך־כלל מעג מען זאָגן, אַז דאָגמעס באַרירן נישט דעם עצם פון אמונה. ס׳איז נישט וויכטיק, צי מעמד הר סיני איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אָדער אַ לעגענדע. עס מינערט נישט די וויכטיקייט און די הייליקייט פון דער תורה. איך שרעק זיך אויך נישט צו זאָגן: „איך ווייס נישט״. אָבער מיין „איך ווייס נישט״ נעמט זיך אויך נישט פון דעם, וואָס מען טאָר נישט אָפּפרעגן קיין פאַרהייליקטע טראַדיציעס, אָדער ווייל יעדער געדאַנק, אָדער אָנזאָג איז אַ באַפעל פון אַ טראַנסצענדענטאַלער מאַכט, וואָס דאַרף נישט קיין דערקלערונג, אַפילו ווען עס איז קעגן שכל הישר.

„ניין, מיין „איך ווייס נישט״ נעמט זיך פשוט פון דעם, וואָס מיר האָבן נאָך נישט דערוויל גענוג ידיעות וועגן דעם קאָסמאָס, וועגן דער וועלט, וועגן דעם מענטשן און וועגן אַ סך נאַטור־געזעצן און דערשיינונגען.

„איך בין אַ מענטש פון מיין דור און צו אמונה טרעט איך צו, ווי דער וויסנשאַפטלער — צו די פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן. איך בין נישט מחויב צו פאַרענטפערן אַלע קשיות און נישט איך קאָן ענטפערן אויף אַלע שאלות. לויט אונדזער איצטיקן מצב פון וויסן בלייבן אַ סך פראָבלעמען אָן אַ תשובה. מיר מעגן זיין שטאָלץ מיט דעם, וואָס מיר האָבן דערגרייכט ביז איצט. אָבער מיר דאַרפן נישט און טאָרן נישט זיין צופרידן מיט דעם דערגרייכטן. ס׳איז אַן אייביקע זוכעניש.

„מיין ראַציאָנעלער פאַרוואָס דאַרף זיין גילטיק סיי פאַרן אומגלייביקן, סיי פאַרן טיף־גלייביקן. אַפילו ווען מע גלייבט בלינד אין גאָטס גערעכטיקייט און השגחה, מוז מען פאַרשטיין, אַז גאָט, די אַבסאָלוטע פערפעקציע, די לחלוטינדיקע שלימות וועט נישט האַנדלען אין סתירה צום וועזן פון לאָגיק. ס׳וואָלט דאָך געווען אַ פגם אין דער פערפעקציע.

„זיכער איז, אַז איך האָב נישט דערגרייכט מיין ראַציאָנאַליזאַציע אויסשליסלעך דורך אינדוקטיווער לאָגיק, דאָס מיינט, אָנגענומען אַ כלל, וואָס איז באַגרינדעט אויף אַ ריי פרטים. אָדער — דורך דעדוקטיווער לאָגיק, ס׳מיינט אַרויסדרינגען אַ געוויסע מסקנה פון אַ באַקאַנטן, אָנגענומענעם פרינציפ. מיין ראַציאָנאַליזאַציע האָב איך דערגרייכט דורך אַ שווערער עמאָציאָנעלער איבערלעבונג. די דאָזיקע עמאָציאָנעלע אויפטרייסלונג האָט מיך געפירט צו אַ געוויסן געדאַנקען־

גאַנג. איך מיין, אַז אפשר איז עס דער אמתער און דער איינציקער דרך צו דער־טראַכטן זיך צו אַן ענטפער אויף עיקר־זאַכן.

„מיט זעקס און צוואַנציק יאָר צוריק, ווען איר האָט מיך געזען ביי ר׳ אברהמען אין שטוב, בין איך דעמאָלט געווען עטוואָס עלטער פון צוואַנציק יאָר. ס׳איז געווען אַ קורצע צייט נאָכדעם, ווי איך האָב זיך באַפרייט פונעם קאָשמאַר פון מיין ברודער דזשעקס טויט.

„פולע אַכט יאָר איז אַ פיקסירט בילד געווען אַ טייל פון מיר, אַט ווי די פינגער פון מיינע הענט. איך האָב געגעסן, געטרונקען, געלערנט, געלעדט, אין אוונט זיך אויסגעטאָן און געגומען אַ שפריץ. אין דער פרי זיך אָנגעטאָן, זיך אַרומגעוואַשן און זיך געשטעלט דאַווענען, געלייגט תפילין און געזאָגט די ברכות, אָבער מיט פאַרמאַכטע אויגן, אָדער אָפענע אויגן, האָב איך אַלעמאָל געזען איין בילד: אַ ריי גרינע באַבלעטערטעביימער רינגלען אַרום אַ געפלאַסטערטן שטיק הויף, ווו מע שטעלט אויס אויטאָמאָבילן. אַ רעסטאָראַנדל אויף דעם וועג, וואָס מע פאָרט אין די בערג. דאָס רעסטאָראַנדל איז געפאַקט און רייען אויטאָמאָבילן שטייען אויף דעם צושטעל־פּלאַץ אין דער היץ פון אַ זומערדיקן טאָג. דעם טאַטנס בלויער „ביויק״, אַ גלאַנציקער, אַ נייער, שטייט מיט אַן אָפענער טיר. דער טאַטע זיצט אויפן פאָדערשטן זיצפּלאַץ מיט אַן אָפּן מויל און אַ בלייך פּנים, אַ פאַרגליווערטער. לעבן אים זיצט מיין עלטערער ברודער מיט אויפגעריסענע אויגן און האַלט זיך אָן מיטביידע הענט אָנעם טאַטן. מיין יינגסטער ברודער, דזשעקי, ליגט לעבן הינטערשטן רעכטן ראָד פון דעם אויטאָמאָביל און פון מויל שטראָמט בלוט. איך שטיי איבער אים, יאָמער מיט אַ באַנומען קול: „טאַטע, טאַטע! איך האָב דערהרגעט דזשעקין!״.

„דאָס בילד איז אַ פיקסירטס. אַלעמאָל דאָס זעלביקע. קיינמאָל ווייזט עס מיר נישט, וואָס שפּעטער איז געווען. שטענדיק ליגט דזשעקי אויף דעם אויסגעפלאַסטערטן ברוק, לעבן ראָד און פון מויל שטראָמט בלוט. דער טאַטע און דער עלטערער ברודער אויפן פאָדערשטן זיץ־פּלאַץ, דערשראָקענע און צעטומלטע, און איך שטיי איבער מיין יינגערן ברודער און שריי מיט באַנומענע קולות: „טאַטע, טאַטע, איך האָב דערהרגעט דזשעקין!״.

„איך האָב געהאַלטן, אַז איך בין שולדיק אין דזשעקיס טויט, ווייל ווען דער טאַטע האָט אונדז אָנגעהויבן יאָגן, מיר זאָלן זיך אַריינזעצן אין אויטאָמאָביל, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט האַרט לעבן דער אָפענער טיר פונעם הינטערשטן זיץ־פּלאַץ און נישט אַריינגעלאָזט דזשעקין, מיין צעניעריק ברודערל. איך האָב אים געשיקט, ער זאָל אַריין דורך דער אַנדערער טיר. ער האָט נישט געוואָלט גיין אַרום און אַרום דעם אויטאָמאָביל און זיך געשטופּט דווקא דורך דער אָפענער טיר, ווו איך בין געזעסן. מיר האָבן זיך געשטויסן און געאַמפּערט. דער טאַטע האָט אומגע־

דולדיק זיך צעשריִען: „הערט אויף צו קאָמאַנדעווען. צייט צו פאָרן. מירן פאַר־שפעטיקן דעם אַוונטבערויט". איך האָב סוף־כל־סוף זיך אָפּגערוקט פון דער אָפּע־נער טיר און אויסגעשריִען צו דזשעקין: „אָלרייט, אָלרייט!" סע מיינט, גיי שוין אַריין. דער טאַטע האָט געמיינט, אַז איך האָב אים געזאָגט, אַז ער מעג שוין אָנהייבן פאָרן. ער האָט געלאָזט גיין דעם אויטאָמאָביל. די אָפענע טיר האָט אַ קנאַק געטאָן דזשעקין אין קאָפּ און אים אַוועקגעלייגט גלייך אויפן אָרט.

„ר' אברהם האָט אייך דערציילט, ווי איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה און בין געוואָרן פרום, אַזוי פרום, אַז איך האָב אויפגעהערט צו עסן ביים טאַטן אין שטוב. מיין זיידע האָט מיך אַריינגעגעבן אין ר' אברהמס ישיבה „תורה וחכמה" און איך בין דאָרט פאַרבליבן. צו צוואַנציק יאָר בין איך געוואָרן, כ'מיין, אַ שטיקל למדן. און זיך געגרייט צו סמיכה. איך האָב נישט זוכה געווען צו קריגן סמיכה פון ר' אברהמען, אָבער איך האָב געקראָגן סמיכה צוויי יאָר שפּעטער.

„איך וועל זיך נישט אַריינלאָזן אין לאַנגע מחזקות וועגן מיין לעבן אין יענע יאָרן. מע מעג זאָג בפה מלא, אַז איך בין געוואָרן פרום, אָן קשיות און אָן שאלות. אינגאַנצן זיך דערווייטערט פון דער וועלט. איך בין נישט געווען פאַראינטערעסירט אין אַלגעמיינע לימודים. איך האָב קוים מיט צרות דורכגעשטופּט „היי־סקול" און זיך אָפּגעגעבן בלב ונפש צו לערנען תורה. ווען איך האָב געקראָגן סמיכה, האָט מען געהאַלטן אין דער רבנישער וועלט, אַז איך בין אַ גרויסער למדן און נאָך אַ גרעסערער ירא־שמים. איך האָב דעמאָלט געגלייבט אין פרימיטיוון שכר ועונש און געהאַלטן, אַז יעדע מצווה, יעדער סיג, ניין, יעדער אָבערגלויבן איז אַ זייל פון יידישער אמונה. איך האָב געטראָגן אַ לאַנגע באָרד, אַ ברייטן וואָלענעם טלית קטן און געפאַסט בה"ב און שובבים ת"ת.

„אַ יאָר נאָך מיין קריגן סמיכה האָב איך געטאָן אַ שידוך. איך האָב מקבל קנין געווען, געשריבן תנאים און באַשטעלט דעם יום החתונה. ווען איך וואָלט אויסן געווען צו דערציילן אַ מעשה, וואָלט איך איבערגעגעבן אַלע הרפתקאות, איך מיין, די בחורישע ראָגנלעענישן מיינע און אַלע שווערע נסיונות, וואָס איך בין דורכגעגאַנגען צוליב מיינע יוגנטלעכע פלוצלינג־אויפגעוועקטע גלוסטעניִשן. ביז דעמאָלט האָב איך זיי נישט געהאַט. זיי זענען געקומען פלוצלינג צו מיר. גאָר שפּעטלעך. איך האָב באַשטימט חתונה צו האָבן, כדי איך זאָל ווייטער קאָנען רויִק לערנען און לעבן און נישט געשטערט ווערן פון מחשבות זרות, פשוט עראָטישע געדאַנקען.

„ס'איז געווען דריי וואָכן פאַר דער חתונה, אין אַ מוצאי־שבת. איך בין גע־קומען, ווי דער שטייגער מיינער איז געווען, אויף מלווה מלכה צום מחותן, כדי דערוויל פאַרברענגען מיט דער כלה. איך בין אַריין אין הויז, געזאָגט „אַ גוטע וואָך". דער ענטפער סיי פונעם מחותן, סיי פון דער מחותנתטע, איז געווען אַן

טעם און אָן ריח, ווי ברוגזע מענטשן נעמען אויף אַ גאַסט. די כלה, מיין חוה, האָב איך נישט געזען אין שטוב. געוויינלעך איז זי געזעסן ביים טיש און צניעותדיק־שעמעוודיק געוואַרט אויף מיר. די ערשטע זאַך, וואָס איז מיר איינגעפאַלן איז געוועזן, אַז איך האָב זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט און דער מחותן איז ברוגז גע־וואָרן אויף מיר. אָבער איך האָב נישט געזען קיין בייזקייט אויף זיין פּנים, נאָר אַ טיפן טרויער, אַ שרעק.

„אַ היפּשע ווײַלע זענען מיר אַלע געזעסן שווייגנדיקע און אויף אונדזערע פּנימער דער אומבאַהאָלפענער שמייכל, ווען מען איז אין אַ פאַרלעגנהייט. מיט־אַמאָל האָט זיך דער מחותנתטעס פּנים צעקרימט, ווי אַ גרויסער ווייטיק וואָלט זי אַרומגעכאַפּט. זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ יאָמערדיקן אויסגעשריי און איז אַרויס־געלאָפן אין אַן אַנדער חדר. דער מחותן, וואָס איז אַלעמאָל געווען אַ רויִקער, אַ מיושבדיקער ייִד, האָט געקראָגן פאַרלאָפענע אויגן און געווישט נערוועז די נאָז מיט אַ ריין באַטיסטן טיכעלע. איך בין געזעסן פאַרווירט, נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט מיינע פינגער. נאָך אַ היפּשער צייט פון שווייגן, האָט דער מחותן אַ זיפץ געטאָן און אָנגעהויבן רעדן מיט צוזאַמענגעקוועטשטע ליפּן, ווי איינער וואָס האַלט איין מיט כּוח טרערן:

„ „זלמן, מיין זון. דו דאַרפסט און מוזסט אָפּלאָזן דעם שידוך״.

„עס וואָלט דאָ געפּאַסט אָפּצושילדערן יענעם אָוונט און איבערגעבן באַריכות מיין שמועס מיטן מחותן. אָבער ראשית בין איך נישט קיין מעשה־דערציילער און שנית, ס׳וואָלט אונדז אַוועקגעפירט פונעם עיקר.

„כמעט שטאַמלענדיק האָט מיר דער מחותן דערציילט, אַז חוה האָט מיט אַ וואָך צוריק אָנגעהויבן פילן אַ ווייטיק אין דער פּאַכווע אַרום דעם רעכטן אָרעם. „מיר זענען אַוועק צום דאָקטער און ער האָט באַלד דערקענט, אַז חוה האָט אַ קאַנסער אין דער רעכטער ברוסט. זי מוז תיכף אָפּערירט ווערן. מאָרגן, זונטיק, וועט מען זי צונעמען אין שפּיטאָל. אַ בעט און אַ דאָקטער זענען באַשטעלט; נו, ס׳איז דאָך געווען ביי דיר, מיין זון, אַ מקח טעות. על־פּי דין מעגסטו אָפּלאָזן דעם שידוך״.

„ס׳איז באמת אַ שאָד, וואָס איך בין נישט קיין מעשה־דערציילער און מאָל פאַר אייך נישט אָפּ מיין עמאָציאָנעלע רעאַקציע צום מחותנס רייד און מיין אָפּ־פערן זיך מיט אים. בקיצור האָב איך אים געענטפערט: „וויבאַלד אַז נישט ער און נישט חוה, און נישט די מחותנתטע האָבן געוווּסט פון היזהס חולאת, איז עס נישט קיין אונאָה, אָפּנאַרעריי און עס איז נישט קיין מקח טעות. און בכלל, וואָס וואָלט געווען, ווען מיר געפינען אויס וועגן דער מחלה דריי וואָכן שפּעטער — אַ טאָג נאָך דער חתונה? ניין, זי איז מיין זיווג!״

„אַ חודש נאָכדעם, ווי זי איז אַרויס פונעם שפּיטאָל, האָבן מיר חתונה גע־

האַט, נישט אין קיין חתונה־זאַל און אָן קלעזמאָרים, אַ שטילע חתונה, ווי אַן אַלמן מיט פינף קינדער נעמט אַן אַלמנה מיט דריי קינדער. ניין חדשים שפּעטער בין אין געזעסן שבעה נאָך איר.

„ווידער איז געבליבן אין גדעדעכעניש אַ פּאַרפיקסירט בילד. ס׳איז טיף אין דער נאַכט. חוה זיצט אין בעט, אין אַ ראָזעווען נאַכטהעמד. זי האַלט דעם קאָפּ צווישן די הענט און וויינט. איך שטיי לעבן איר אין מיין שלאָפראָק, האַלט אין מיין האַנט אַ גלאָז וואַרעמע מילך און בעט זי טרינקען. זי וויינט און וויינט און רעדט צו מיר אַלץ די זעלביקע רייד:

„האָסט נישט געדאַרפט חתונה האָבן מיט מיר. איך האָב דיר נישט געגעבן די פריידן פון אַ כלה. ס׳איז אַ רחמנות אויף דיר. וואָס האָב איך זיך אָנגעזעצט אויף דיין יונג לעבן?״

„איך גלעט איר די האָר און די ווייסקייט פון איר נאַקן און זי צעיאָמערט זיך:

„זלמן, זלמן! איך וויל נישט שטאַרבן. דו ביסט דאָך אַ צדיק און אַ למדן. זאָג מיר: פאַרוואָס דאַרף איך שטאַרבן אַזוי יונג? פאַרוואָס איז מיר נישט באַשערט צו האָבן קינדער פון דיר?״

„סענטימענטאַל? די רעאַליטעט איז נישט נאָר סענטימענטאַל, נאָר אויך ברוטאַל און ברוטאַל. ס׳איז נישט אַראָפּצושרייבן אויפן פּאַפּיר די חדשים, וואָס איך האָב געוווינט מיט איר ווי מאַן און ווייב. איבערהויפּט די ערשטע חדשים נאָך דער חתונה, ווען זי איז נישט געווען אינגאַנצן קראַנק. זי האָט געמאַנט, געבעטן און געפאָדערט, תובע בפה געווען, גאַרנישט שעמעוודיק און צניעותדיק, ווייל זי האָט געוואָלט פאַרגיין אין טראָגן. קיינער וואָלט נישט געקענט לייענען אַפילו פאַר זיך, אָן בושה די באַשרייבונג פון די רייד צווישן אונדז, די גלוסטעניש פון אייגעם צום אַנדערן. מיין ראַנגלעניש בייצוקומען גאָר אָפּט דעם איבל צו קראַנק לייב, איבערהויפּט, ווען זי איז צוגעשטאַנען צו מיר און אָנגעהויבן וועקן אין מיר די גלוסט באַלד נאָכדעם ווי איך האָב אָנגעזעטיקט מיינע פאַרלאַנגען. היינט מיין אויפגעוואַכטע מענלעכקייט און שטענדיקע צערודערטקייט. ס׳איז קינסטלעריש נישט שיקלעך. סיידן מען זאָל דאָס אַלץ באַפּוצן מיט נישט קיין אמתע רייד, מיט צוגעטראַכטע מעשיות, וואָס זאָלן זיך לייגן אויפן שכל.

„צום צווייטן מאָל אין מיין לעבן האָט מיך דער טויט אָנגערירט מיט זיין אכזריות. ס׳איז ביי מיר ווידער פאַרבליבן אַ פאַרדראָס, וואָס האָט געמאַנט, געשריגן און האַרב געפאָדערט אַ ראַציאָנאַלן פאַרוואָס.

„איצט בין איך געווען אין אַ סך אַן ערגערן מצב, ווי אין מיינע יינגלשע יאָרן. דעמאָלט בין איך געווען זיכער אין דער סיבה פון מיין אומגליק: דעם טאַטנס נישט־פרומקייט האָט אויף אונדז געבראַכט דעם בראָך. דער זיידע האָט

געהאַט אַ טבע צו מוסרן דעם טאַטן פאַר זיין טריפהנער קיך, פאַר זיין מחלל שבת זיין און אַנדערע עבירות. „געדענק, בעני, — זענען געווען דעם זיידנס רייד, — גאָט וועט נישט פאַרשווייגן דיין הפקרות.״ אין מיין קינדערשן מוח האָט זיך אויסגעלייגט, אַז ווען דער טאַטע וואָלט געווען פרום, וואָלט דער אומגליק נישט געשען. פראָסט, מיר וואָלטן זיך דאַך נישט אָפּגעשטעלט אויפן וועג צו עסן אין אַ טריפהן רעסטאָראַן. וואָלטן מיר זיך דאָרט נישט אָפּגעשטעלט, וואָלט מיין ברודערל נישט געהרגעט געוואָרן. דזשעקיס טויט איז אַ שטראָף פאַרן טאַטן. פאַרשטייט זיך, מיר איז דעמאָלט נישט איינגעפאַלן צו פרעגן: וואָס האָט מיין ברודערל געזינדיקט, וואָס ער איז אומגעקומען אַזוי יונג?״

„ניין, איך האָב דעמאָלט נישט געפרעגט. אָבער איצט, נאָך הונדערט יאָר טויט האָב איך יאָ געפרעגט. איך האָב נישט מצדיק הדין געווען אויף איר טויט. איך בין צען מאָל דורכגעגאַנגען די מסכת ברכות און מסכת סנהדרין, ווו עס ווערט דערקלערט, פאַרוואָס עס קומען יסורים אויף מענטשן און איך האָב בשום אופן זיך נישט געקענט איינרעדן, אָדער זיך איבעררעדן, אַז איך האָב פאַרדינט די שטראָף און עס זענען מיר געקומען די יסורים. איך האָב נאָך ווייניקער, אָדער מער נישט געקענט געפינען קיין באַרעכטיקונג פאַר הונדס טויט, ניין חדשים נאָך דער חתונה. איך האָב געטראַכט, אַז עס איז רשעות, נישט קיין באַרעכטיקטע רשעות.

„ווידער דאָס זעלביקע וואָס איך האָב פריִער געזאָגט: ווען איך וואָלט דערציילט אַ מעשה, וואָלט איך באַדאַרפט איבערגעבן מיין גאַנצע ראַנגלעניש, ביז איך האָב דערגרייכט אַ ראַציאָנאַלן פאַרוואָס און געקענט אָנגיין נאָרמאַל מיטן לעבן און געוואָרן דאָס וואָס איך בין: אַ פּראָפעסאָר פון תלמוד אין אַ טעאָלאָגישן סעמינאַר און אַ פּראָפעסאָר פון רעליגיע אין איינעם פון די גאָר־גרויסע אוניווערסיטעטן אונדזערע. קיינער פרעגט נישט אָפּ, נישט מיין ייִדישע לומדות, נישט מיינע אַלגעמיינע ידיעות און נישט מיין פרומקייט. אָבער איך דערצייל נישט קיין מעשה. דאָך מוז איך דערציילן עטוואָס פון יענעם טאָג־טעגלעכן גאַנג, כדי צוצוקומען צום עיקר.

„איך קען נישט פאַרגעסן מיין טאַטנס פאַרוווּנדערטקייט, ווען איך בין געקומען צו אים נאָך שלושים און אים געבעטן, ער זאָל מיך שיקן אין קאָלעדזש. איך בין דעמאָלט געווען אָנגעטאָן אין מיין ייִדישן טראַכט, ווי מען גייט אָנגעטאָן אין וויליאַמסבורג: אַ לאַנגע קאַפּאָטע, געקרייזלטע פּיאות, אַ נישט־אָנגערירטע באָרד און אַ וואָלענער טלית קטן, וואָס האָט זיך גוט אָנגעזען. איך האָב אַ זאָג געטאָן צו אים:

„טאַטע, די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געגאַנגען אין דער ישיבה, האָסטו אויף מיר נישט אויסגעגעבן קיין פּעני. ברוך השם, דו ביסט אַ ייִד אַן עושר און דו קענסט גרינג באַווייזן מיך שיקן אין אַ גוטן קאָלעדזש.״

„אַלץ איז דיינס. איך זשאַלעווע דיר, חלילה? אַבי גיי. פאַרגעס און ווער אַ מענטש״, האָט דער טאַטע געענטפערט האַסטיק.

„איך האָב זיך אַריבערגעקליבן צום טאַטן אין שטוב.

„פינף יאָר בין איך אַנגעגאַנגען לפנים רו״ק און נאָרמאַל מיטן טאָג־טעג־לעכן לעבן: געפאָרן אַלע טאָג אין קאָלעדזש, אין אָוונט — אין סעמינאַר. א פּאָר יאָר שפּעטער געגאַנגען אין אוניווערסיטעט און געהאַלטן לעקציעס אין אַ טעאָ־לאָגישן סעמינאַר, געווען דאָרט אַן אינסטרוקטאָר פון תלמוד. געגעסן, געטרונ־קען, געקויפט נייע גאַרניטערס, שיך, אונטערוועש; פריי־טיק זיך איבערגעטאָן אויף שבת. באמת אָבער בין איך אַרומגעגאַנגען ווי אַן אַנגעשטעלטע כלי, אַלץ געטאָן אויטאָמאַטיש. איך האָב געהאַלטן, אַז איך דאַרף לערנען — לאַכט נישט — און אָפּגעבן צייט אויף טראַכטן בהדרגה, בלויז כדי אויסצוגעפינען דעם זין פון מיין אומגליק און דעם לאָגישן איינשטעל פון דער וועלט, וואָס די אַבסאָלוטע רעאַלי־טעט האָט איינגעשטעלט. וועל איך עס אויסגעפינען, וועט זיין גוט. איך וועל ווי־דער חתונה האָבן און ברענגען אַ משפּחה אויף דער וועלט און פּרובירן טאָן אין לעבן, וואָס איך, נאָך מיינע יכולתן, קען טאָן. אַנישט... וועל איך שטאַרבן. איך מיין נישט, חלילה, זיך אָנטאָן אַ מיתה. נײן, נאָר איך וועל אויפהערן צו לעבן, ווייל עס וועט נישט זיין כדאַי צו לעבן און עס וועט נישט זיין קיין פאַרוואָס צו לעבן.

„אין די פינף יאָר איז מיר נישט גרינג געוואָרן. די לעצטע חדשים פון די פינף יאָר זענען געווען איין לאַנגער קאָשמאַר. איך בין געווען אין אַ שטענדיקן מצב פון אומרו, צערודערונג און אַן אַנגסטיקער דערוואַרטעניש אויף עפּעס אַן אומגליק, וואָס מוז קומען. נאָך מער ווי איר, ר׳ שלמה, זענט איצט צערודערט.

„איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך האַלט ביי אַ נערוועיִשן איינבראָך. איך האָב עס געוווּסט און נישט געהאַט צוליב וואָס איבערצושטאַרקן מיין קראַנקייט. איך בין געקומען צו אַזאַ מדרגה, אַז איך האָב אויפגעהערט צו גיין אין אוניווערסי־טעט, אָפּגעשטעלט מיינע לעקציעס אין סעמינאַר. איך בין געלעגן פאַרשפּאַרט אין מיין צימער און אַ סך געשלאָפן. איך האָב געגעסן ווייניק. איך בין געוואָרן דאַר ווי אַ בלודנע קאַץ אין אַ הונגער־יאָר.

„טאַטע־מאַמע זענען אַרומגעגאַנגען פאַרדאגהטע און פאַרזאָרגטע און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט מיר, ווייל איך האָב לעצטנס כמעט ווי נישט גערעדט. די מאַמע האָט צוגעגרייט פאַר מיר די בעסטע פּאַטראַוועס און איך האָב זיך נישט צוגערירט צום עסן.

„עס איז געווען אַ הייסער אָוונט אין שפּעטן פרילינג. איך האָב דורכגעלעבט אַ שווידערלעכע נאַכט און נישט געהאַט נאָכדעם קיין גרינגערן טאָג. סיי אין חלום און סיי אויף דער וואָר האָב איך פאַר זיך געזען אַ מדבר. אין דער מדבר ליגט

חוה. עס איז אַ מאָדנער מדבר, נישט קיין מדבר מיט טרוקענעם זאַמד, וואָס איז ריין און וואַרעמט לכל־לפחות אין די פרימאָרגן־שעהן. ס׳איז געווען אַ וויסטע־ניש מיט ערד פון האַלב־אויסגעטרוקנטער בלאָטע. אַ שוואַרצלעך־גרויע לאַנד־שאַפט מיט מאָדנע שטעכיקע קוסטעס; קוסטעס מיט נאַקעטע צווייגן, וואָס שוואַר־צע, פאַרסמטע יאַגדעס וואַקסן אויף זיי. הוילע, נאַקעטע צווייגן, אָן אַ בלעטל, טראָגן אויף זיך גיפטיקע יאַגדעס. אונטער די קוסטעס אין דער גרוי־שוואַרצלע־כער בלאָטע ווידמען זיך יאַשטשערקעס, שלאַנגען, עקדישן און אַלערליי שרצים און רמשים, וואָס שיפּן, צישען און דרייען זיך. די גרינע אויגן זייערע זענען פול מיט שנאה און אין די אָפענע מיילער זייערע וויגט זיך, ווי דער אומרו פון אַ וואַנט־זייגער, אַ לאַנג, שאַרף, רויט צינגל. און אויף דעם שפּיץ פון דעם טרייסלענדיקן צינגל שימערט אַ טראָפּן גרינער גיפט.

„אונטער אַ קוסט ליגט חוה. איך זע איר לעבן איר. מאָדנע, אַלץ אויף איר איז ציכטיק ריין און שמעקט מיט אַלערליי פאַרפיומען און דער ראָזעווער, דורכזיכ־טיקער וואַל, וואָס וויקלט אַרום איר שמעקעדיקן גוף, איז ווייך און שמעקט מיט איר לייב. איך אָבער זיץ אין בלאָטע, כמעט ביזן גאַרטל בין איך איינגעשמירט אין געלער קלעפּיקער בלאָטע. איך גלעט צאַרט חוהס ווייכע האָר און די גלאַט־קייט פון איר נאַקן און מיינע נאַזלעכער ציטערן פון גלוסט. און זי יאָמערט:

„„זלמן, זלמן! איך וויל נישט שטאַרבן. זע ווי יונג און מיידלש־שמעקעדיק מיין לייב איז. איך וויל נישט, ווערים זאָלן עס צעפרעסן. איך וויל האָבן אַ קינד פון דיר. איך האָב געוואָלט האָבן אַ סך קינדער פון דיר. אָבער זאָל זיין כאָטש איין קינד. פאַרוואָס איז עס מיר נישט באַשערט? דו ביסט דאָך אַ למדן און אַ צדיק. באַשייד עס מיר!״

„איך ענטפער איר:

„„חוה, חוה! איך וויל מער נישט זיין קיין צדיק. איך קען אים מער נישט דינען. איך זע מער נישט קיין גאָט, וואָס באַהיט און באַשיצט. איך זע נאָר וויס־טעניש, גרויקייט און רשעות.״

„זי ווערט נישט אונטער מיינע אויגן. איך בלייב אַליין מיט אַ מאָדנער ברע־נענדיקער גלוסטעניש צו איר. ס׳איז שוין פינף יאָר נאָך איר טויט, און איך פיל נאָך אויף די שפּיץ פינגער מיינע די גלאַטקייט פון איר לייב. ס׳ווילט זיך מיר ווייגען. איך האַלט זיך איין. איך עפן די אויגן, טו אַ רייב דעם שטערן, גרינגער מאַכן די שטעכעניש אין די שלייפן.

„איך בין געזעסן ביי אַ טיש אָנגעלאָדן מיט כל־טוב איך האָב אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן, און איך בין הונגעריק, אָבער איך קען זיך נישט צורירן צום עסן. ווידער פאַרמאַך איך די אויגן, שאָקל זיך און טענה צו זיך מיט פסוקים: „ושבתי אני ואראה״ — און איך האָב ווידער געטראַכט און איך האָב געזען אַלע אומגע־

רעכטיקייטן וואָס ווערן אָפּגעטאָן אונטער דער זון. און אָט זענען די טרערן פון די אונטערדריקטע, און עס איז נישטאָ, ווער עס זאָל זיי טרייסטן. און די מאַכט איז אין דער האַנט פון די באַדריקער, און עס איז נישטאָ, ווער עס זאָל זיי טרייסטן. דערפאַר האַלט איך, אַז די טויטע, וואָס זענען שוין לאַנג געשטאָרבן, זענען גליקלעכער פון די וואָס לעבן נאָך.״

„ס׳האָט זיך געריסן פון מיר אַ יאָמער: „מיין ברודערל דזשעקי! ס׳איז שוין מסתמא לאַנג נישטאָ קיין זכר פון אים. און דו, חוה, חוה מיינע, דיין קלאָר לייב איז שוין שטויב און דיינע גרויסע גיריקע אויגן זענען צוויי לעכער אין שאַרבן און דיין גלוסטיק דיך — טרוקענע ביינער. אוי אוי אוי! ווער קען לעבן אין אַ וועלט אָן חסד און אָן רחמים? עס הערשט איבער איר אַ גאָט, וואָס שיקט אָן אַ זינלאָזן טויט אויף יונגע און ריינע קינדער, וואָס זענען אָן חטא.

„איך בין געזעסן אַזוי פאַרטרונקען אין מיין מרה־שחורה, אַז איך האָב נישט געהערט, וואָס די מאַמע האָט מיר געזאָגט. מיטאַמאָל האָב איך געזען, ווי זי שטייט לעבן מיר מיט פאַרוויינטע אויגן און בעט זיך ביי מיר:

„ „זלמן, זלמן! האָב רחמנות אויף זיך און אויף מיר און נעם עפּעס אין מויל! איך האָב פאַר דיר אָפּגעקאָכט אַ ווייך, פעט עוף און גאָר אַ פיין שטיקל קאַלבס־פלייש, וואָס צעגייט זיך אין מויל. פאַרזוך עס, און דו וועסט געקרעפטיקט ווערן. זעסטו? עס שטייט פאַר דיר אַ טיש אָנגעלאָדן מיט וואָס דיין האַרץ גלוסט. געפעלט דיר נישט, וואָס עס איז אָנגעשטעלט אויפן טיש, וועל איך דיר מאַכן אַ סטייק מיט פרענטש פרייד פּאָטייטעס (פראַנצויזישע געפּרעגלטע קאַרטאָפל). דער גאַנצער פרידזשידעיר (עלעקטרישער אייז־קאַסטן) איז אָן אָנגעפּאַקטער מיט וואָס אַן אויג קען זען. און דו זיצסט אַ פאַרחלשטער.

„מאָדנע זענען די וועגן פון אַסאָציאַציע אינעם מענטשלעכן געדאַנק. אַ לעבן לאַנג האָב איך געגעסן פלייש און אַלץ וואָס איך האָב מקפּיד געווען, איז געווען צי דאָס פלייש איז גלאַט כשר. אָבער איצט האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ:

„די מאַמע רעדט צו מיר מיט צאַרטקייט: „איך האָב אָפּגעקאָכט אַ ווייך פעט עוף און אַ פיין שטיקל קאַלבספלייש, עס צעגייט זיך אין מויל. פאַרזוך עס, וועסטו געקרעפטיקט ווערן״. מיט יענעמס פלייש און בלוט דאַרף איך זיך קרעפטיקן. איך האָב טענות, אַז ס׳איז דאָ אומעטום רשעות: רויבפייגל, פאַרצוק־חיות, שלאַנגען, עקדישן, שפּינען און פּאַראַזיטישע פלאַנצן. און איך? דער מענטש, וואָס איז דער בחיר־היצירה, ער לעבט דאָך אויך פונעם בלוט פון לעבעדיקע באַשעפענישן. וואָס פאַר אַ טענות קען מען האָבן צום בעל־הבירה? די מאַמע זאָגט מיר: „דער גאַנצער פרידזשידעיר שטייט אָן אָנגעפּראָפּטער, און דו זיצסט אַ פאַרחלשטער״. ווער ווייסט? אפשר האָט אַ מאַמע קאַנסער־מיקראָב געזען איר זון, אַ קאַנסער־מיקראָבל נעבעך אַ בלייכינקען און אָן אָפּגעצערטן. האָט געזאָגט די מאַמע־מיקראָב צום זון מי־

קראַבל: „קינד מיינס, דו ביסט פאַרחלשט נעבעך! אָט איז אַ יונג, שיין מיידל מיט אַ ברוסט זאַפטיק און ווייך. קום, קינד מיינס, מיר׳ן אַריינגיין אַהין. דו וועסט גע־נעזן ווערן״.

„עפּעס פון דער טיפעניש אין מיר האָט אַרויסגעפּראַלט אַ מחשבה, וואָס האָט געהאַט די ממשותדיקייט פון אַ האַרטער מאַטעריע און איך האָב מיט אַמאָל דער־זען דעם מקור פון רשעות. ניין, דער מקור פון רשעות איז נישט גאָט. די אַבסאָ־לוטע רעאַליטעט איז אַבסאָלוטע פּערפעקציע. ער איז דאָך פּערזאָניפיקאַציע פון גוטסקייט, ערלעכקייט און מעשים־טובים. נו, קען קומען רשעות פון אים? איז פון וואַנען קומט רשעות? פון דער מענטשלעכער עטישער שפלות און דער נידעריקער מדרגה פון אַלע אַנדערע ברואים אויף דער וועלט.

„וויבאַלד אַזוי, קען מען געטרייסט ווערן. די רשעות, סיי אין דער נאַטור און סיי אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, איז נישט מער ווי אַ צייטווייליקע. דער מענטש איז דער, צו וועמען די וועלט איז איבערגעגעבן געוואָרן צו הערשן איבער איר. דערפאַר איז ער באַשאַפן געוואָרן אין דעם כביכולס געשטאַלט און גלייכע־ניש. גלוסט ער אַלע מאָל צו גאָט. צוליב דעם איז עס זיכער, אַז ער וועט גובר זיין אַלע נייגונגען זיינע צו זינד און רשעות און ווערן ווי ער, דער כביכול. ווען דער מענטש וועט ווערן ווי דער כביכול, וועט די וועלט פול ווערן מיט וויסן פון גאָט, און רשעות און אומרעכט וועלן פאַרשווינדן ווי רויך.

„די דאָזיקע מחשבה אין איר גאַנצער פולקייט איז געקומען צו מיר איינמאָליק, ווי אַ התגלות. זי האָט אַ שפּאַר געטאָן פון מיר מיט אימפּעט, כוח און איבערגע־וועלטיקונג פון עמאָציע. די דעטאַלן זענען שפּעטער צוגעקומען.

„איך האָב זיך אין איין רגע באַרויִקט. אַ שאַבלאָנער משל — אָט ווי אַ מענטש בלאָנדזשעט אין אַ פינצטערער הייל, פאַרפּלאָנטערט אין וועגן און שטעגן. און פּלוצים דערזעט ער אַ ליכטיקייט. ער ווייסט, ס׳איז דאָ נישט ווייט אַן עפענונג און ער וועט קענען אַרויסגיין אויף דער פרייער וועלט. אַ סוף צו זיין בלאָנדזעניש.

„איך האָב זיך אַ קער געטאָן צו דער מאַמען:

„— מאַמע, גיב מיר אַ גלאָז מילך, פּרעגל מיר אָפּ אַ פּאָר אייער און גרייט מיר צו אַ מילכיקן מאָלצייט. איך גיי נעמען אַ שפּריץ. איך וועל אָפּוואַשן פון זיך די ברודיקייט. איך זאָג דיר צו, אַז דו וועסט מער נישט האָבן קיין צער פון מיר.

„יאָ, מיין מרה־שחורה איז ווי מיט די הענט אָפּגענומען געוואָרן. איך האָב איבערגעשטאַרקט מיין חולאת. אין אַ גאָר קורצער צייט האָב איך גובר געווען אַלע מיינע שוואַכקייטן, פיזישע און גייסטיקע, און איך בין געוואָרן אַ מענטש מיט מענטשן גלייך. איך האָב חתונה געהאַט מיט דבורהן און זי האָט מיר געבוירן דריי טעכטער און איין זון.

„לאָמיר אויסלאָזן מיינע ווייטערדיקע ראַנגלענישן און פּערזענלעכע געשעע־

נישן: מיין שטייגן און מאַכן אַ נאָמען פאַר זיך, מיינע ספרים און מיין פּריצייטי־קער טויט, פאַר אייך איז עס נישט וויכטיק. דאָס זענען אַלץ יחידישע איבערלע־בונגען. אָבער איך פאַרשטיי, אַז עס איז גאָר וויכטיק קלאָר צו מאַכן פאַר אייך אַלעמען מיין איינגעשטעלטקייט און מיין געדאַנקען־גאַנג. ר׳ שלמה האָט דאָך מיך צוליב דעם אַרויסגערופן פון געדעכעניש. ער וויל, אַז איך זאָל אייך דערציילן ווי אַזוי איך האָב צוריק געקראָגן אמונה, אַ טיפערע אמונה פון בלינדן־נאַיִוון גלויבן. איך בין געוואָרן אַ מאַמין, ראַציאָנאַל, אָן שרעק און אָן אַבערגלויבנס.

„ס׳וועט זיין אַ לאַנגער מאָנאָלאָג. האָט גע‌דולד אויסצוהערן. לאָמיר אָנהייבן:

„אַן עיקר אין אונדזער ייִדישן וועלט־באַנעם איז, וואָס מאָרד איז שלעכט און העלפן דעם שכן איז גוט, נישט ווייל גאָט האָט אַזוי באַפוילן, און וואָלט גאָט באַ־פוילן דאָס פאַרקערטע, וואָלט מאָרד געווען גוט, און העלפן דעם שכן וואָלט געווען רשעות. ניין, דער ייִדישער געדאַנקען־גאַנג האַלט, אַז גאָט האָט געגעבן דעם מענטשן עטישע געבאָטן, ווייל ער, דער כביכול, איז אין זיין עצם מהות, ס׳מיינט אין זיין אַקטואַלער עקסיסטענץ, די אַבסאָלוטע עטישקייט. גאָט איז די פּערזאָני־פיקאַציע פון שלימותדיקער גוטסקייט, ס׳מיינט פון אַבסאָלוטער מאָראַל. דערפאַר דאַרפן מיר זיין עטיש. עס איז ווי דער פּסוק זאָגט: „והייתם לי קדושים, כי קדוש אני ד׳״ (איר זאָלט מיר זיין הייליק, ווייל איך, גאָט, בין הייליק).

„וויבאַלד אַז עטישקייט איז איינע פון גאָטס אייגנשאַפטן, אַטריבוטן, קען אַב־רהם האָבן טענות צו אים: „דער שופט פון דער גאַנצער וועלט וועט נישט טאָן קיין גערעכטיקייט?״ אויך ירמיהו, חבקוק און אַנדערע נביאים און משוררים פון תהי־לים האָבן טענות צו גאָט, דעם מקור פון גוטסקייט, פאַר דער רשעות אין דער וועלט.

„רשעות ווי אַ יש, ווי אַ סוביעקטיווע ממשות, איז נישט בנמצא ביי גאָט. רשעות קען געמאָלט זיין נאָר אין שייכות פון מענטש צו מענטש, פון ברואים צו מענטש, פון מענטש צו ברואים און פון דער נאַטור צו אַלע אַנדערע לעבעדיקע באַשעפענישן.

„גוטס איז אָבער די סוביעקטיווע ממשות פון גאָט.

„די וועלט איז איינגעשטעלט געוואָרן לויט אייזערנע געזעצן. אַלץ פירט זיך לויט דער געזעצמעסיקייט, וואָס גאָט האָט איינגעאָרדנט לויטן סדר העולם. נישטאָ קיין שום יוצא מן הכלל. גזלט איינער פון זיין שכן תבואה און פאַרזייט זי אין אַ גוט באַמיסטיקט פעלד, וועט די תבואה אויפגיין, רייף ווערן און עס וועט זיין אַ גוטער שניט; איז אַ מאַן מזנה מיט אַן אשת־איש, וועט זי פאַרגיין אין טראָגן, ווי אַלע כשרע ייִדישע טעכטער. די אוממאָראַלישקייט איןביידע פאַלן וועלן נישט באַווירקן די נאַטור־געזעצן.

„אָבער אַ מתנה האָט גאָט געשענקט צו מענטשן. ער האָט אים געגעבן בחירה

חפשית, פרייען ווילן אין די גרענעצן פון דער נאַטור. ער האָט איבערגעגעבן די וועלט אין דעם רשות פון דעם מענטשן, אַז ער זאָל געוועלטיקן איבער איר. בדרך מליצה: גאָט האָט געזאָגט צום מענטשן: „אין די גרענעצן פון דער נאַטור האָסטו פולקאָמענע פרייהייט — בחירה חפשית. אָבער אַזוי פעסט זענען די נאַטור־געזעצן, איינגעשטעלט פון מיר, אַז אַפילו איך, דער באַשאַפער פון דער וועלט, בין מחויב אונטער געצוווּנגען זיי אויספאָלגן. דו וועסט זיי קיין מאָל נישט קענען איבערטרעטן. אָבער איך האָב דיר געגעבן רשות פון „ומלאו את הארץ וכבשוה" (פילט אָן די וועלט און באַהערשט זי), באַזיג זי, ס'מיינט, דו וועסט קענען צופּאַסן די נאַטירלעכע דער־שיינונג צו דיינע באַדערפעניש. דו וועסט קענען מאָדיפיצירן די נאַטור־געזעצן, וואָס זענען פאַר דיר שעדלעך, שטערן דיין באַוועגלעכקייט און בכלל די, וואָס ווילן דיר נישט געפעלן ווערן. קיין חיה איז נישט באַשאַנקען געוואָרן מיט דער דאָזיקער אייגנשאַפט. דערפון קענען קומען מיר צו דער הנחה וועגן זינד.

איך־דו: — איילט זיך נישט, ר' זלמן. עס מיינט דאָך, אַז איר נעמט אַרויס די וועלט אינגאַנצן פון גאָטס רשות, פון גאָטס השגחה. ווי קען געמאָלט זיין רש־עות ביי מענטשן, ווען אין זיין שעפער, אין זיין האַר, אין דעם כביכול איז נישטאָ קיין שמץ פון רשעות? פון וואַנען האָט זיך עס צום מענטשן גענומען? וועט איר זאָגן, אַז ער, דער אויבערשטער, האָט איינגעשטעלט די טבע ביים מענטשן אַזוי, אַז רשעות זאָל געמאָלט זיין. איז דאָך דער מענטש מעשה ידיו, די אַרבעט פון זיינע הענט — איז ער דאָך זיין שליח. לויטן יידישן דין, איז „שלוחו של אדם כמותו" (דער שליח פון אַ מענטשן איז ווי ער אַליין). וויבאַלד אַזוי, טראָגט דער כביכול די אחריות פאַר די זינד פון דער וועלט און מע מעג צו אים האָבן טענות.

זלמן: — איך חזר איבער, אין שייכות צו גאָט, איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי רשעות. עס זענען דאָ ביי אים בלויז נאַטור־געזעצן. ווען געוויסע באַצילן, אָדער כעמישע מאַטעריאַלן דרינגען אַריין אין אַ געוועב פון אַן אָרגאַנישן קערפּער, אַנטוויקלען זיך נייע אייגנאַרטיקע צעלן, אָדער די אַלטע צעלן פאַרמירן זיך און פאַרגרעסערן זיך אויף אַ ספּעציפישן אופן. געדענקט! די דאָזיקע צעלן אַליין פאַר זיך זענען אַזוי נאָרמאַל, ווי אַלע אַנדערע צעלן אינעם גוף. אָבער די נייע פאַרמירטע צעלן זענען שעדלעך פאַרן גוף. זיי צעשטערן אים. דער מענטש רופט די נייע צעלן „קאַנסער־געוויקס".

„מיר'ן נעמען אַן אַנדער ביישפּיל. ווען צוויי, אָדער מער ווי צוויי כעמישע עלעמענטן פאַרבינדן זיך, ווערט געשאַפן אַ באַשטימטער פּראָדוקט. למשל, ווען צוויי טיילן הידראָגען (וואַסער־שטאָף) פאַרבינדן זיך מיט איין טייל אָקסיגען (זויער־שטאָף), ווערט געשאַפן וואַסער. ווען דורך נאַטירלעכע געזעצן טרעפט, אַז דאָס קומט פאָר אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב, דעמאָלט קען טרעפן אַ קאַטאַסטראָפע, אַ פאַרפלייצונג, וואָס שווענקט אַראָפּ הייזער, חיות און מענטשן; דערנאָך — אַן עפּי־

דעמיע. דאָס פאַרמירן זיך פון וואַסער, אויך די טבע פון וואַסער — אַראָפּשווענ־קען, פאַרפלייצן, האָט נישט צו טאָן מיט עטישקייט און עס איז נישט שייך צו באַ־צייכענען דאָס — גוט, אָדער שלעכט. דער אוממאָראַלישער אַקט איז דער שאָדן, וואָס דאָס וואַסער טוט אָן צו מענטש, צו חיה און צו דער ערד.

„אָבער דער דאָזיקער אַקט פון פאַרפלייצונג, ווי אַלע אומגליקן, חולאתן, אָדער גזעלשאַפטלעכע עוולות און רשעות קענען פאַרמיטן ווערן. ס'איז נישט שייך צו זען אין זיי אַ שטראָף פון גאָט. אויב דער מענטש האַלט די זאַכן ווי אַ שטראָף פון גאָט, איז עס נאָר צוליב זיין אומוויסנקייט. אָט האָבן אַמאָל יידן געהאַלטן פאַר אַ גאָטס־שטראָף, ווען קינדער זענען געשטאָרבן אין גרעסערע צאָלן אין האַרבסט. די גאַנצע וועלט־רשעות זענען אין דער קאַטעגאָריע, וואָס די גמרא באַצייכנט „הכל בידי שמים, חוץ מצינים פחים" (אַלץ איז פון גאָט, אַחוץ קראַנקייטן, וואָס קומען פון קעלט און היץ). דאָס איז אַן אויסדרוק, פאַרבונדן מיט אַ באַשטימטער עפּאָכע, ווען מען האָט וויניק געוווּסט פון די סיבות פון חולאתן, אָדער נאַטור־קאַטאַסטראָפעס. דער פּרינציפּ פונעם אויסדרוק קען איצט אָנגעווענדט ווערן גאָר ברייט, אויף אַלץ.

„דער יידישער באַנעם, לויט מיין שיטה, האַלט איך, אַז דער מענטש איז דער איינציקער פאַראַנטוואָרטלעכער אויף דער וועלט און ער דאַרף פאַר אַלץ אָפּגעבן דין וחשבון. ער דאַרף נישט און טאָר נישט באַשולדיקן גאָט פאַר זיין אייגענער הילפלאָזיקייט.

„השמים, שמים לד' והאָרץ נתן לבני אָדם" (די הימלען זענען הימלען פאַר גאָט, און די ערד האָט ער אָפּגעגעבן דעם מענטשן). דער אבן־עזרא פאַרטייטשט עס טיף: דער מענטש איז ווי אַ פּקיד, אַן אָנגעשטעלטער, אַ פונקציאָנער פון גאָט דאָ, אויף דער ערד און אויף אַלץ, וואָס עס געפינט זיך אויף איר. איך וואָלט צו־געגעבן: און אויך אויף אַלץ וואָס געפינט זיך אין איר.

איך וועל פאַרברייטערן מיין שיטה און קלאָר מאַכן אַ סך זאַכן, וואָס וועלן אין פלוג אויסקוקן ווי דברים סתומים (פאַרהוילענע זאַכן) און וועלן ביי אייך אויס־זען נישט־יידישלעך. איך וועל אייך ברענגען ראיות פון יידן יראים און שלמים, וואָס אַפילו די פרומסטע פון די פרומע וועלן מסכים זיין, אַז מען קען זיך אויף זיי פאַרלאָזן. אָבער איך מוז קלאָר מאַכן פאַר די ראַציאָנאַליסטן און פאַר די, וואָס האַלטן פון קולטור־היסטאָרישן צוגאַנג צו אמונה, מיין אופן פון נוצן פסוקים און מאמרי חז"ל צו באַגרינדן מיינע הנחות און סברות, כדי אויך זיי זאָלן באַנעמען מיין גאָט־גלויבן.

געוויינטלעך ווערן גענוצט מאמרי חז"ל און פסוקים ווי דאָגמאַטישע און אַנט־פּלעקטע אמתן, וואָס קיינער טאָר זיי נישט אָפּפרעגן. דאָס איז דערווידער דעם מאָדערנעם מענטשן. אָבער איך וועל נוצן די אַלטע טעקסטן זעלבסטשטענדיק, אָפּ־

געטיילט פון זייער מעטאַפיזישן באַגריף. דאָס איז דער מאָדערנער מעטאָדישער צוגאַנג צו אַלע אַלטע, פאַרהייליקטע אָדער פילאָסאָפישע טעקסטן — אַרויסשיילן דאָס ראַציאָנאַלע און לאָגישע פון דעם מעטאַפיזישן לבוש. אַ גוטער ביישפיל איז בעטראַנד ראַסעלס אויסטייטש פון פּלאַטאָנס טעאָריע פון אידייען:

„די טעאָריע פון אידייען, זאָגט בעטראַנד ראַסעל, איז טיילווייז לאָגיש און טיילווייז מעטאַפיזיש. דער לאָגישער טייל האָט צו טאָן מיטן באַטייט פון כלל נע־מען. פאַראַן אַ סך אינדיווידועלע חיות, וואָס מען קען באַצייכענען מיט זיכערקייט אַז „דאָס איז אַ קאַץ". וואָס מיינט דער כלל־נאָמען „קאַץ"? עס איז קלאָר, עפּעס אַנדערש פון יעדער יחידישער קאַץ. אַ חיה איז קאַנטיק אַ קאַץ, ווייל עס פּאַסט זיך אַריין אין דער אַלגעמיינער טבע, וואָס איז בשותפות צו אַלע קעץ. אַ לשון קען נישט אויסקומען אָן כלל־נעמען, ווי למשל „קאַץ". אַזעלכע ווערטער זענען נישט זינלאָז. אָבער אויב דאָס וואָרט „קאַץ" מיינט עפּעס, מיינט עס נישט די דאָ־זיקע יחידישע קאַץ, אָדער יענע „קאַץ", נאָר עפּעס וואָס איז אַן אוניווערסאַלע קעציִשקייט. דער דאָזיקער באַגריף ווערט נישט באַשטימט, ווען אַ געוויסע קאַץ ווערט געבוירן, און שטאַרבט נישט, ווען וועלכע עס איז קאַץ שטאַרבט. פּאַקטיש האָט נישט דאָס וואָרט „קאַץ" קיין אָרט אין צייט, אָדער רוים. עס איז אייביק.

„דאָס איז דער לאָגישער טייל פון דער דאָקטרינע.

„דער מעטאַפיזישער טייל פון דער דאָקטרינע איז: דאָס וואָרט „קאַץ" מיינט אַ באַשטימטע אידעאַלע קאַץ, די קאַץ, וואָס גאָט האָט באַשאַפן, און זי איז איינ־ציק. באַשטימטע אינדיווידועלע קעץ נעמען אָן די טבע און די נאַרמע פון „דער קאַץ", אָבער נישט די פּערפעקטע פאָרעם פון „יענער קאַץ", וואָס איז איינציק. צוליב דער דאָזיקער אימפּערפעקציע קענען זיין אַ סך קעץ, אָבער נאָר די הימל־געשאַפענע קאַץ איז אמת־רעאַל. די יחידישע קעץ, וואָס זענען דאָ פאַר אונדזערע אויגן, זענען נאָר אויס, אַזוי ווי קעץ".

„דער מעטאַפיזישער טייל פון דער דאָקטרינע איז נישט מער ווי דער לבוש פון יענער צייט. מעג מען עס איגנאָרירן".

„אויף אַזאַ אופן וועל איך נוצן די פּסוקים און מאמרי חז"ל, וואָס איך וועל ברענגען. אויך אַן אומגלויביקער וועט זיי קענען אָננעמען ווי ראיות.

„רבנו בחיי האָט שוין גענוצט דעם דאָזיקן מעטאָד, אמת, פאַר אַן אַנדער צוועק. זאָגט דער רבנו בחיי אין חובת־הלבבות צום סוף פון שער היחוד:

„דער וואָס זיין שכל איז צו קורץ צו פאַרשטיין דעם געדאַנק פון אַבסטראַק־ציע, האַלט פון די אַטריבוטן פון גאָט, וואָס ווערן דערמאָנט אין די ספרים, וואָס זענען געגעבן געוואָרן פון גאָט; און ער פאַרשטייט נישט, אַז די מליצות אין תנ"ך, זענען נישט לויט דעם פאַרשטאַנד פון דעם, וואָס רעדט צום מענטשן, נאָר זיי זע־

נען ווי דאָס פייפן, וואָס מע פייפט צו, ווען אַ בהמה טרינקט וואַסער. דאָס פייפן מאַכט זי מער טרינקען, ווי מע וואָלט גערעדט צו איר שיינע און פּאַסיקע רייד".

„איצט צו אונדזער ענין:

„דער מקור פון רשעות איז דער מענטש, און נאָר ער אַליין קען עס אָפּשאַפן. רשעות איז נישט קיין באַשטאַנדטייל פון גאָט, אָבער דער כביכול, וואָס איז די פּערזאָניפיקאַציע פון אַבסאָלוטער גערעכטיקייט, איז נישט גלייכגילטיק צו די מענטשלעכעליידן און יסורים און צו דער אומבאַהאָלפנקייט פון מענטשן. נאָר גאָט „קען" נישט ברעכן די נאַטור־געזעצן, כדי צו לינדערן דעם מענטשנס ליידן, אָדער די יסורים פון וועלכע עס איז ברואים. גאָט קען נישט ברעכן די נאַטור־געזעצן, ווייל ער האָט זיי איינגעשטעלט אויף דעם תנאי, אַז זיי זאָלן זיין גילטיק אויף פאַר אים. ליידט גאָט מיט דעם געליטענעם. ער ליידט אויך צוליב דעם צער פון דער אומה. ס'מיינט, דאָס געטלעכע אינעם מענטשן, וואָס איז אַ טייל פון דעם גרויסן קאָסמאָס, ליידט פון וועלכן עס איז צער וואָס אַ בריאה האָט. דאָס ליידן סטימולירט דעם מענטשן, עס דערהייבט אים און ער שטרענגט זיך אָן צו פאַר־בעסערן די וועלט, פאַרשענערן זי און אָפּשאַפן די רשעות און עוולות פון נאַטיר־לעכע אומגליקן און געזעלשאַפטלעכע איבלען. דאָס איז דער זין פון די מאמרי חז"ל, וואָס דערציילן ווי גאָט וויינט און קלאָגט, ווען צרות קומען אויף יידן, דאָס איז אויך דער זין פונעם מאמר פון דער גמרא: „בא לטמא פותחין לו, בא לטהר מסייעין לו" (קומט איינער און וויל טאָן שלעכטס, לאָזט מען אים). ס'מיינט, דער מענטש דאַרף נישט האָבן קיין הילף צו טאָן רשעות, אָבער „הבא לטהר", אויב איינער קומט צו טאָן גוטס „מסייעין לו", העלפט מען אים אַרויס, עס קומט צו אים דערמוטיקונג פון זיין געטלעכקייט.

ס'איז כדאי צו ברענגען צוויי שטעלן פון גמרא, וואָס אילוסטרירן דעם גע־דאַנק פון גאָטס איינשטעל, אַז ער זאָל נישט קענען ברעכן די נאַטור־געזעצן און זיין אָנטיילנעמען אין מענטשלעכע ליידן:

„אַ גמרא אין מסכתא ברכות:

„אליהו האָט געפרעגט ר' יוסין: „זון מיינער, וואָס פאַר אַ קול האָסטו געהערט אין דער חורבה?" האָב איך געזאָגט צו אים: „איך האָב געהערט, ווי אַ בת־קול האָט געברומט ווי אַ טויב און געזאָגט: „ווי, איך האָב חרוב געמאַכט מיין הויז, איך האָב פאַרברענט מיין פּאַלאַץ און איך האָב פאַרטריבן מיינע קינדער צווישן די פעלקער". האָט ער געזאָגט צו מיר: „איך שווער דיר, אַז נישט נאָר איין מאָל האָט עס געזאָגט דער בת־קול, נאָר דריי מאָל אַ טאָג זאָגט ער דאָס. נאָך מער — ווען נאָר יידן גייען אַריין אין שולן און בתי־מדרשים און ענטפערן: אָמן יהא שמה רבא מברך (אָמן, זאָל זיין גרויסער נאָמען זיין געבענטשט), שאָקלט דער רבונו־של־עולם מיטן קאָפּ און זאָגט: „ווויל איז דעם קעניג, וואָס מע לויבט אים אַזוי אין

זיין הויז. וואָס איז דער מער מיט אַ טאַטן, וואָס האָט פאַרטריבן זיינע קינדער? און ווי איז צו די קינדער, וואָס זענען פאַטריבן געוואָרן פון דעם טאַטנס טיש?״

„גאָט ברומט ווי אַ טויב און זאָגט: „ווי, ווי איך האָב חרוב געמאַכט מיין הויז און פאַרטריבן מיינע קינדער צווישן די פעלקער״. פרעגט זיך, פאַרוואָס האָט ער עס דערלאָזט? דער תירוץ איז, ווייל לויטן דרך העולם, לויט די געזעצן פון דער נאַטור, האָבן זיי געדאַרפט פאַרטריבן ווערן און באַשטראָפט ווערן. און דער כביכול קען נישט ברעכן קיין געזעצן פון דער נאַטור. אַזוי האַלט אַ מאמר אין דער גמרא עבודה זרה:

„ריש לקיש האָט געזאָגט וועגן איינעם וואָס זינדיקט מיט אַן אשת־איש: „ס׳איז נאָך נישט גענוג, וואָס זיי מאַכן איין שטעמפל הפקר״. מאַכט רש״י: „זיי זינדיקן מיט איינער פון די ערוהס קעגן מיין ווילן און זיי האָבן קינדער״ נאָר „שמטריחין אותי ומחתימין אותי בעל כרחי״ (זיי באַמיִען מיך און מאַכן מיך חתמענען קעגן מיין אייגענעם ווילן). מאַכט רש״י: „איך מוז אויספורעמען דאָס קינד און זען, עס זאָל געבוירן ווערן״ „שהרי גזרה היא״ (עס איז אַ שטרענגער איינשטעל), אַז די וועלט מוז זיך פירן, ווי איר דרך איז, ווי זי דאַרף זיך פירן״.

„אין די צוויי מאמרים איז איינגעוויקלט אַ טרייסט פאַר דעם מענטשן און אַן אָנווייזונג.

„גאָט האָט השגחה אויף אַלץ, אָבער דער מענטש האָט פרייען ווילן און איז הערשער איבער דער וועלט און דער נאַטור. דערפאַר מיינט נישט גאָטס השגחה, אַז גאָט פירט דעם מענטשן, ווי דער מענטש טרייבט אַ פערד: ער לייגט אים אַריין אַ צוים אין מויל מיט צוויי לייצעס און קערעוועט דאָס פערד לינקס, רעכטס, אָדער ער טרייבט עס, עס זאָל גיין גלייך. גאָט האָט דעם מענטשן געגעבן שכל און פאַרשטאַנד, און זאָל ער אַליין אויסקלייבן, וואָס ס׳איז גוט און אויסמיידן, וואָס עס איז שלעכט.

„דער תכלית פון דער וועלט איז, אַז דער מענטש זאָל זיך און די וועלט ברענגען צו שלימות. אין אָנהייב איז די וועלט געשאַפן געוואָרן אַ פערפעקטע, זי איז אויפגעקומען נישט דורך קאָנפליקט, דורך צוזאַמענשטויס פון היפּוכדיקע כוחות, נאָר פאַרקערט, דורך האַרמאָניע, דורך שעפערישער קאָאָפּעראַציע. עס זענען אין אָנהייב נישט געווען קיין קאָנפליקטן און רשעות. דער מענטש האָט נישט געטאָרט עסן קיין לעבעדיקע וועזנס און אויך די חיות האָבן נישט געטאָרט פאַרצוקן. לויט דער יידישער לעגענדע, האָבן חיות אָנגעהויבן צו פאַרצוקן, ווען דער מענטש האָט אָנגעהויבן זינדיקן. דעם מענטשן האָט מען געגעבן רשות צו עסן פלייש, ערשט נאָכן מבול. באַחרית הימים וועט אַ לייב, ווי אַ רינד, עסן שטרוי. ס׳וועט צוריק איינגעשטעלט ווערן האַרמאָניע אין דער נאַטור. עס וועט מער נישט

זיין קיין רשעות, ווייל די ערד וועט זיין פול מיט וויסן פון גאָט, ווי די וואַסערן באַדעקן דעם ים.

„דאָס איז דער תכלית פון דער וועלט.

„קומען מיר אָבער צו דער אַלטער פראַגע: און וואָס איז דער תכלית פון דעם דאָזיקן תכלית? און בכלל פון וואַנען ווייסן מיר, אַז די וועלט האָט אַ ציל און אַ תכלית? פון וואַנען ווייסן מיר, אַז עס איז אַ טראַנסצענדענטאַלער כוח, וואָס האָט איינגעשטעלט די וועלט אַזוי, אַז זי זאָל זיך אַנטוויקלען בהדרגהדיק?

„מיר'ן עס נישט פאַרענטפערן דאָגמאַטיש: אַזוי איז געווען דער רצון פון גאָט. מיר'ן עס דערקלערן פשוט ראַציאָנעל: לויט אונדזערע איצטיקע ידיעות און לויט אונדזערע אָבסערוואַציעס פונעם קאָסמאָס בכלל און פון אייגן לעבן בפרט, זענען מיר זיך אַזוי משער. מיר'ן דאַרפן וואַרטן נאָך גאָר לאַנג און מיר'ן דאַרפן קריגן נאָך מער ידיעות וועגן קאָסמאָס, אַ סך מער ידיעות, איידער מיר זאָלן קענען רעדן וועגן די דאָזיקע זאַכן מיט זיכערקייט פון אַ מאַטעמאַטישער פאָרמולע. לויט אונדזער אָבסערוויר־פעיִקייט, אויפנעם־פעיִקייט און לאָגיק קוקט אויס, אַז דער גאַנצער גאַנג פון דער מענטשלעכער געשיכטע פירט צו אַ ציל און דער קאָסמאָס האָט אַ פּלאַן.

„זאָגט אַ מאָדערנער פילאָסאָף־היסטאָריקער:

„ווי ווייט דער מענטשלעכער שכל האָט געקענט אַריינדרינגען אין דער מיס־טעריע (פון דער וועלט), קענען מיר אַנטייטן אויף געשעענישן, וואָס זענען געווען אַנטשיידנדיקע און דערפאַר וויכטיקע: די כסדרדיקע שעפערישקייט פון אונדזער גאַלאַקטיק, דער אָנהייב פון לעבן אויף אונדזער פּלאַנעט, דאָס אויפקומען פון די רוקן־חיות, פון די זייג־חיות און פון דעם מענטשן. דאָס אַלץ זענען ביישפּילן, אַז באַשטימטע געשעענישן, אָדער באַשפּעפענישן זענען פאַקטיש געווען אַ סיבה, אָדער אַ מיטל פאַר אַן אַנטשיידנדיקער פּאַסירונג אין אַ באַשטימטן פונקט אין רוים־צייט".

„נו, אויב עס איז נישט אומגלויבלעך, אַז די ערד איז אויסגעוויילט געוואָרן מיט אַרום צוויי ביליאָן יאָר צוריק, זי זאָל ווערן די היים פון פיזישן לעבן, איז אפשר אויך וואַרשיינלעך, אַז מיט אַ דריי טויזנט און זעקס הונדערט יאָר צוריק, זענען ביים באַרג סיני אויסדערוויילט געוואָרן די ייִדן צו זיין דער אינסטרומענט פון גאָט — — —

„אָבער דאָס אָננעמען פון דער השערה אָדער פון גלויבן, אַז עס זענען גע־ווען אַזעלכע געשעענישן און דאָס דערוואַרטן, אַז עס וועלן ווייטער זיין אַזעלכע געשעענישן, מיינט נישט, אַז מע דאַרף גלייבן, אָדער מע קען גלייבן, אַז די וויכ־טיקע פּאַסירונגען, וואָס זענען געשעען און וואָס וועלן ווייטער פּאָרקומען, וועלן

זיין, אָדער זענען געווען אַנטגילטיק. אַזאַ באַגריף פאַרלייקנט גאָטס אומענדלעכ־קייט". (אַרנאָלד טוינבי, אַן היסטאָריען'ס אפּפּראָטש טו רילידזשאָן, זייט 143).

„צי עס איז דאָ השגחה פּרטית, אָדער כּללית, קענען מיר מיט זיכערקייט נישט וויסן און עס איז נישט וויכטיק. עס איז בלויז וויכטיק צו פאַרשטיין און באַ־נעמען, אַז עס איז דאָ אַ פּלאַן און אַ ציל אין באַשאַף, אויך אינעם איינשטעל פון לענדער, פעלקער און מענטשן. אַנצייכענען איצט די פּרטים פון אַזאַ השגחה קע־נען מיר נישט, אָבער די ריכטונג און דעם ציל קענען מיר יאָ באַמערקן. און דאָס איז אונדזער וועגווייזער.

„פאַר זיך האָב איך געפונען אַ ראַציאָנאַלע דערקלערלעכקייט פאַר אַלע אומ־גליקן, וואָס זענען געקומען אויף מיר און אויך די פּלאָגן, וואָס זענען געקומען אויף דער מענטשהייט, הן פון דער אומקאָנטראָלירטער נאַטור און הן פון דער אומיושרדיקייט אין דער געזעלשאַפט. די וויכטיקסטע טרייסט איז פאַר מיר גע־ווען, וואָס מע קען נישט און מע דאַרף נישט האָבן קיין טענות צום כּביכול, ווייל נאָר דער מענטש איז שולדיק און פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם שפּלדיקן עטישן מצב פון דער געזעלשאַפט און אַמאָראַלישקייט פון דער נאַטור, וואָס פאַר אונדז איז עס אוממאָראַליש.

„אמת, דער מענטש איז נישט די העכסטע אויטאָריטעט. איבער אים איז דאָ דער בעל־הבירה. דאָך איז דער מענטש די מאָס פון אַלץ, ווייל סיי אין דעם יחיד, סיי אין דעם געזעמל איז אַריינגעגעבן געוואָרן פונעם כּביכול געגוג געטלעכקייט, אַז מיר, מענטשן, זאָלן קענען דערפירן די געזעלשאַפט און די נאַטור צו שלימות. וועלן מיר דערגרייכן יענע שלימות, וואָס גאָט האָט פאַר אונדז אַנגעצייכנט, וועלן מיר דעמאָלט לעבן אין אַ וועלט אָן טרערן, אָן חולאתן. און אַפילו דער טויט וועט אָפּגעשאַפט ווערן. איך נעם עס פון יידישע מקורות.

„מענטשלעכע הילפלאָזיקייט, אומוויסנקייט און גייציקייט ווערן אין דער טער־מינאָלאָגיע פון די חז"ל פאַררעכנט פאַר זינד. זאָגט אַ מאמר אין דער גמרא: „ס'איז נישטאָ קיין טויט אָן זינד" (שבת, נ"ה, עמוד ב'). פּראָפעסאָר לויִס גינזבורג ברענגט פון אַלטע קוואַלן אַזאַ מין מאמר: „איך וועל באַשאַפן דעם מענטשן פון דער באַ־העפטונג פון צוויי. איז ווען ער וועט זינדיקן און אויפפירן זיך ווי אַ חיה, וועט אים איבערגעוועלטיקן דער טויט. אויב אָבער ער וועט נישט זינדיקן, וועט ער לעבן אייביק".

„ווען דאָס איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, האָב איך זיך באַפרייט פון פאַרדראָס, ביטערקייט און שיפלות וואָס קומען פון טענות האָבן פאַר אייגענע צרות; זאָל זיין אַפילו צו אַ העכערער מאַכט, צום כּביכול. ווייל ווען מען האָט טענות צו עמיצן, פילט מען זיך באַעוולהט און מען ווערט שפּל ביי זיך — מען האַלט זיך דאָך פאַר אַן אומזיסטן קרבן. דאָס פירט צו הילפלאָזיקייט. אָבער ווען מען קומט צום גע־

דאַנק, אַז בלויז איך אַליין בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ, איך בין דער בעל־אַחריות. דעמאָלט קריגט מען אַליין־זיכערקייט און מען ווערט חשוב ביי זיך אין די אויגן. דווקא איצט האָב איך זיך ביסלעכוויז אינגאַנצן באַפרייט פונעם שולד־געפיל פאַר דזשעקיס טויט און פון מיין געדעכעניש איז פאַרשווּנדן די געשטאַלט פון חוהן, וואָס האָט געמאָנט אַ דין־וחשבון פאַר איר פרי־פאַרשניטן לעבן און פאַר אירע נישט־געבוירענע קינדער.

„ניין, ס'מיינט נישט, אַז איך האָב זיך אינגאַנצן באַרויִקט. עס זענען געווען גענוג שלאָפלאָזע נעכט. אָבער אין יענע נעכט האָב איך געזען אַנדערע בילדער און מיין פאַנטאַזיע איז געווען פאַרנומען מיט אויסטייטשן און אפשר אַריינטייטשן מיין איצטיקן וועלט־באַנעם און דעם גאַנצן גאַנג פון דער וועלט־געשיכטע.

„פאַרשיידן און פאַרפּלאָנטערט זענען די וועגן פונעם מענטשלעכן זכרון און עמפּינדלעכקייט, ס'הייסט געדענקען פילעוודיק געוויסע ספּעציפישע פאַלן אין לעבן, אָפּט גאָרנישט קיין וויכטיקע; אָדער געדענקען געוויסע שטעלן פון אַ בוך, וואָס מע האָט געלייענט מיט יאָרן צוריק און ביים לייענען האָבן זיי קיין איבעריקן רושם נישט געמאַכט. איצט זענען פון מיין געדעכעניש אַרויפגעשווומען בילדער פון דזשעק לאָנדאָנס בוך „בעפאָר אַדאַם" (פאַר אָדמען). די וועלט איז דעמאָלט נאָך געווען יונג און עס זענען געווען צווייערליי שבטים פון מענטשן: די האַלבע מאַלפּעס וואָס האָבן געלעבט אין פעלדזן־היילן לעבן וואַלד. זיי זענען טאַקע שוין געגאַנגען אויף צוויי פיס, אָבער זיי האָבן נאָך געקענט גיין שנעלער אויף אַלע פיר און געקענט גרינג קלעטערן אויף ביימער און זיך איבערשווינגען פון איין בוים צום אַנדערן מיט דער פלינקייט פון מאַלפּעס. די אַנדערע שבטים זענען שוין געווען „ציוויליזירטע". זיי האָבן געקענט גיין נאָר אויף צוויי פיס און זיי האָבן שוין גענוצט פייער. זיי האָבן אויך באַנוצט די בולאַווע ווי געווער.

„דער הויפּט־העלד מאָלט די רשעות אין דער האַלב־מאַלפּישער געזעלשאַפט און דערנאָך — אַן אָנפאַל פון די „ציוויליזירטע" שבטים אויף די „פּרימיטיווע", אַן אויסראָטונגס־מלחמה כּדי צו פאַרכאַפּן די פעלדזן־היילן. די „ציוויליזירטע" שבטים זענען אָנגעפאַלן אויף די האַלבע מענטשן־מאַלפּעס, צעלייגט פייערן אונטער די פעלדזן־היילן, און ווען די מאַלפּע־מענטשן זענען אַרויסגעלאָפן פון די היילן איבערן שטיקעדיקן רויך, האָבן זיי די „ציוויליזירטע" דערשלאָגן צום טויט.

„דער גרעאַטעוועטער מענטש־מאַלפּע פון דזשעק לאָנדאָנס נאָוועלע דערציילט באַריכות און מיט אַלע פּרטים די אַלע רשעותן און אויך די ערשטע שפּורן פון קעגנזייטיקער הילף צווישן די פאַרפאָלגטע, אַ קלאָרער אָנטייט אויף דער קומענדיקער צווייגעשטאַלטיקייט פון דער מענטשהייט.

„איך בין געלעגן וואַך לאַנגע נעכט און פאַר מיינע אויגן איז דורכגעגאַנגען די גאַנצע וועלט־געשיכטע, אויף וויפל איך בין געווען באַקאַנט מיט איר און איך

האָב געזען אַלע הריגות, רציחות, אַכזריותן און שנאָה אין צייט פון מלחמה און אין פרידן: יורידישע אַכזריותן און יחידישע הפקרדיקע רשעותן. און אַלע מאָל איז געשטאַנען לעבן מיר יענער מאַלפּע־מענטש, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן צו מיר פון אַ בוים מיט אַ שווינג און מיך געוואָרנט: „משפּט אונדז, מענטשן, מיט רחמנות און איינזעעניש, ווייל — געדענק אונדזער אָפּשטאַם".

„איך האָב געקוקט אויף דעם האַלב־מענטש האַלב־מאַלפּע, און אַ מאמר איז מיר געקומען אויף די ליפּן: ר׳ תנחומא בשם ר׳ בנייה ור׳ ברכיה בשם ר׳ אלעזר אָמר „גולם בראו" (ר׳ תנחומא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ בנייה און ר׳ ברכיה אין נאָמען פון ר׳ אלעזרן, אַז גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן אַ גולם), טייטשן די מפרשים: „אָן אַ באַזונדער געשטאַלט", ווי אַ גולם איז דער מענטש אַמאָל געווען אָבער אַלע פּאָטענציעלע כוחות זענען געווען באַהאַלטן אין אים" (בראשית רבה, כ"ד, ב׳). אין נאָך אַ מאמר האָב איך זיך דערמאָנט, קוקנדיק אויפן מענטש־מאַל־פּע: ר׳ יהודה אומר: „מלמד שעשה לו עוקץ כחיה, וחזר ולקחו מפני כבודו" (ר׳ יהודה האָט געזאָגט: מיר קענען אָפּלערנען פונעם פּסוק, אַז דעם מענטשן האָט גאָט געגעבן אַן עק, ווי צו אַ חיה, אָבער דערנאָך האָט ער עס ביי אים צוגענומען צוליב זיין כבוד וועגן — בראשית רבה, י"ד, י"ב). קען מען דאָך גרינג דרינגען פון די מאמרים, אַז נישט דעם מענטשנס חיהשע נטיות, זיינע אַכזריותן, רשעותן, קנאָה־שנאָה, גלוסטעניש און גיריקייט — זענען אַן איבערראַשונג, נאָר זיין שטענ־דיקע ראַנגלעניש און זיין שטרעבן צו טאָן גוטס, איז אַ וווּנדער. ס׳איז דער פּלא פון גאָט, וואָס האָט אַריינגעטאָן אַ טייל פון זיין געטלעכקייט אין דעם גולם־מענטש, אין אָנהייב פון זיין באַשאַף אַזוי, אַז אינעם דאָזיקן גולם זאָלן זיין אַלע פּאָטענ־ציעלע כוחות באַהאַלטן און זיי זאָלן זיך אַרויסווייזן ביטלעכווייז, ביסלעכווייז. ביז די איצטיקע דורות האָט זיך נאָך נישט געוויזן אַפילו דער אָנהייב פון די גרויסע מעגלעכקייטן פון דעם מענטשן. אָבער סוף־כל־סוף וועט ער קריגן די כוחות צו פאַרמיידן אַלע געזעלשאַפטלעכע בייזקייטן און אויך ער וועט קאָנטראָלירן די גלייכגילטיקייט און די אַמאָראַלישקייט פון דער נאַטור.

„ס׳איז מיר נישט אָנגעקומען גרינג אָנצונעמען די דאָזיקע דערקלערלעכ־קייט. איך האָב געהאַלטן אין איין טענהן: „רבונו דעלמא כולא! (האַר פון אַלע וועלטן) פאַרוואָס האָסטו באַשאַפן און איינגעשטעלט דיין וועלט אַזוי, אַז די מענטשן און אַלע אַנדערע ברואים דאַרפן אַזוי פיל ליידן, ביז ער, דער בחיר היצירה, דער מענטש, די חלה פון דער וועלט, וועט דערגרייכן אַזאַ מדרגה, וואָס וועט פירן צו שלימות פון דער וועלט? אַזוי פיל ליידן, טרערן און מאַטערניש! ווו איז דיין רחמנות???"

„איר מעגט לאַכן פון מיר... איך האָב ממש געהערט אַ קול: „כך נגזר מלפני" (אַזוי האָב איך גוזר געווען, דאָס איז געווען מיין רצון). ס׳מיינט, לויט אייערע

איצטיקע באַגרענעצטע ידיעות קענט איר זיך נאָר אָנשטויסן, אַז איך האָב איינ־געשטעלט די וועלט לויט אַ ציל און דאָס לעבן פונעם מענטשן האָט אַ תכלית. פאַרוואָס דאַרף זיך דער מענטש ראַנגלען, כדי צו דערגרייכן שלימות? דאָס קענט איר נאָר אָפּלערנען ווי אַ גזירה שוה פון זיך: קיין געשענקטע זאַך ווערט נישט אייגנס. אָבער די אַליין־פאַרהאָרעוועטע, די אַליין־דערגרייכטע, ווערט אַ טייל פון זיך. דערווייל מוזט איר זיך באַגנוגענען מיט דעם דאָזיקן ענטפער. ווען אייערע ידיעות וועגן קאָסמאָס און אויך וועגן מענטשן וועלן זיך פאַרמערן, וועט איר גע־פינען אַ מער־ראַציאָנאַלע דערקלערונג און אפשר, אין וייטן אַמאָל, וועט איר אויסגעפינען דעם גאַנצן אמת.״

קאַפּיטל צען

# אַ בודאַ־סטאַטוע און שפּינאָזאַ

זלמן איז געבליבן שטיין שטיל דערשעפּט. ר׳ געצל האָט זיך אַרויסגערוקט פון די שאָטנס און מיט אַ רוגזה־קול, גאָרנישט ווי זיין שטייגער, האָט ער זיך אָנ־גערופן:

רבי געצל: אין פלוג, ר׳ זלמן, רעדט איר ווי אַ ייִד אַ ירא ושלם. אָבער, זייט מיר מוחל פאַר שאַרפע רייד. באמת קומט אַרויס פון אייערע רייד, אַז עס איז גאָר נישטאָ קיין השגחה אויף דער וועלט. אייער הנחה, אַז אַלץ איז איבערגעלאָזן גע־וואָרן צום מענטשן, דאָ אויף דער ערד, דערמאָנט, איך בעט איבער אייער כבוד, אָן די רייד פון די רשעים אין ספר יחזקאל: „אין ה׳ רואה אותנו, כי עזב ה׳ את הארץ״ (גאָט זעט אונדז נישט, ווייל ער האָט פאַרלאָזן די ערד, אָדער דאָס לאַנד).

„לויט אייער הנחה, געשעט אַלץ אויף אונדזער ערד לויט אייזערנע איינגע־שטעלטע געזעצן. דער כביכול אַליין איז איינגעהאָמעוועט געוואָרן אין אייזערנע רייפן פון די רעגולאַציעס פון דער נאַטור און ער איז הילפלאָז צו העלפן דעם מענטשן. ער זיצט ערגעץ אין די הימלען, אַ געפאַנגענער פון זיין אייגענער שאַ־פונג און איינשטעל און לאָזט דעם מענטשן זיך מאַטערן. דאָס איז נישט קיין ייִדי־שער גאָט. דער ייִדישער גאָט, אונדזער גאָט, איז נאָענט צו די וואָס רופן אים, אמת, ער איז הויך, דערהויבן, אָבער ער איז נישט ווייט פון דעם ליידנדיקן. זאָגט דער נביא ישעיה: „ווייל אַזוי זאָגט גאָט, דער הויך־דערהויבענער, דער וואָס רוט אין דער אייביקייט און הייליק איז זיין נאָמען: „אין הויכקייט און הייליקייט טו איך וווינען, אָבער איך בין מיט דעם דערשלאָגענעם און געפאַלענעם אין געמיט, אויפצולעבן דאָס געמיט פון די געפאַלענע און אויפצומונטערן דאָס האַרץ פון די דערשלאָגענע״.

„אייער גאָט אָבער איז אַ געץ, פאַרשטעקט ערגעץ אין הימל און באַהערשט פון זיינע אייגענע נאַטור־געזעצן. אייער גאָט איז נישט קיין לעבעדיקער גאָט מיט אַן אייגענעם רצון. ער איז נישט קיין געזעלשאַפטלעכער גאָט. ער לאָזט איבער דעם מענטשן אויף זיין אייגענעם באַראָט. ביי אייער איינשטעל קען נישט געמאָלט זיין קיין תפילה, קיין חרטה און קיין תשובה. אייער גאָט איז אַ הילפלאָזער, ווי עס וואָלט געווען אַ כוח, וואָס הערשט איבער אים — די נאַטור־געזעצן. ווו האָט איר עס גענומען?״

עס האָט זיך געהערט דאָס שווערע אָטעמען פון ביינושן. באַלד האָט ער זיך אַזוי פאַרהוסט, אַז דאָס פּנים איז אים רויט געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן רעדן מיט הומאָר און אַ היפּש ביסל איראָניש:

„איי איי, שלמה, שלמה מערע ירוחמס! דו זעסט? ס'איז שוין אַ קימאַ־לן פון אַ יאָר פּערציק, אַז איך בין טויט. דאָך, ווען איך בין געקומען אויף אַ ווײַלע צו־ריק אויפן עולם השקר, בין איך אין דעם זעלביקן צעבראָכענעם גוף, מיט די זעלביקע לונגען, וואָס סאָפּען, ווי אַ בלאָזזאַק. און איך דאַרף נאָך אַלץ האָבן אַ לאַנדרין אין מויל, איך זאָל קענען רעדן. יאָ, און רעדן האָב איך ליב עד כלות הנפש. דו האָסט געשטערט אונדזער אַלעמענס רו און אונדז אַרויפגעבראַכט פון דער פאַרגעסענער געדעכעניש. זענען מיר געקומען צו דיר אין דער געשטאַלט, וואָס דו האָסט אונדז אַלעמען געזען, ווי דו האָסט אונדז געדענקט, אין מראה, אין קליידונג פון שטעטל און מיט אַלע אונדזערע מיחושים אין דער זעלבער עלטער, ווי דו האָסט אונדז פאַרלאָזן. זעסט? איך הוסט ווי אַמאָל און איך האָב די זעלביקע תשוקה צו רעדן ווי אַמאָל. יאָ, און עס איז מיר גוט צו באַגעגענען זיך מיט ר' געצל און רעדן צו אים.

„יאָ, ר' געצל. איר פרעגט: פון וואַנען האָט זלמן גענומען זיין גאָט־געשטאַלט? פון אַ סך מקורות, אָבער, דער עיקר — פון שפּינאָזאַן. זלמן האַלט פון שפּינאָזאַס דעטערמיניזם.

„איר ווייסט, רבי, איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס צו גלייבן, אַז בריאת־העולם איז געווען אַ ניסימדיקער צופאַל און עס זענען דאָ אייזערנע געזעצן אין דער נאַטור, וואָס באַשטימען אַלץ פאַרויס, דאָס וואָס מיר רופן דעטערמיניזם, לייגט זיך בעסער אויפן שכל, ווי צו גלייבן, אַז אַ טראַנסצענ־דענטאַלער כוח האָט געשאַפן די וועלט בכוונה, מיט אַ ציל און אַ תכלית פאַר די מענטשן. איך האָב עס זיך אַליין עטלעכע מאָל געפרעגט און — — — געבליבן ביי דער אמונה פון ניסימדיקע צופאַלן. איצט איז אייער תלמיד, שלמה, איר מעגט אים שוין רופן ר' שלמה, געוואָרן גאָר אַ גרויסער מאמין. אָבער אָנגענומען בתמי־מות די אמונה אין יידישן גאָט און השגחה פּרטית, פּשוטו כמשמעו, קען ער נישט. רעדט פון אים אַרויס אָט דער ר' זלמן. און ר' זלמן איז דאָס שלמהס לעצטע אויסגעטרוימטע געשטאַלט. ער דערמאָנט אים אין „דער בעל תשובה" און אין „דער בוים" וועט זלמן פאַרגעשטעלט ווערן גאָר באריכות.

„נו, דער דאָזיקער זלמן־שלמה איז אויך אַ מאָדערנער מאמין, ס'מיינט, אַ מאמין על פּי לאָגיק און פילאָסאָפיע. אמונה מיטן קאָפּ, אָן דער נאַאיוויטעט און דער וואַרעמקייט פונעם האַרצן. אַזאַ מאמין איז אַלעמאָל אַ שטיקל דעטערמיניסט. השגחה פּרטית איז דאָך קעגן פּשוטן שכל. האָט ער געגנאַשט אַביסל ביים לב"ג, עטוואָס מער ביים קרקש חסדאי און נאָך מער ביי שפּינאָזאַן. אמת, ער איז נישט

מסכים אינגאַנצן מיט שפּינאָזאַן, אָבער למעשה איז ביי אים שפּינאָזאַ געדעכט. ווייל הגם אייער זלמן־שלמה איז אַ טיפער מאמין על פּי שכל, דאַווּנט ער נישט אַלע טאָג און איז נישט קיין שטאַרקער נזהר במצוות. ס׳איז באַקוועם צו זיין אַ מאמין על פּי שפּינאָזאַ: ס׳איז יאָ דאָ אַ גאָט, אָבער עס איז אַ גאָט, וואָס איז צו גאָרנישט מחייב. ס׳איז זייער אַ באַקוועמער גאָט פאַרן מאָדערנעם מענטשן. אי מע איז אַ מאמין, און אי עס איז מעגלעך דער ניסימדיקער צופאַל פון וועלט־באַשאַף. עס איז דאָ אַ יאָך, אָבער נישטאָ קיין עול מלכות שמים.

„אַ לאַנגע צייט בין איך געווען אַ פאַרברענטער שפּינאָזיסט, אָבער איך בין געוואָר אויס שפּינאָזיסט צוליב אַ מעשה שהיה. מיר האָט שטענדיק מאָדנע געפּיקט אין קאָפּ זיין באַרימטע פּראָפּאָזיציע, אָדער טעאָרעמע, ווי ער רופט עס אין־נעם פינפטן בוך פון „עטיק״: „דער וואָס האָט ליב גאָט, קאָן נישט שטרעבן, אַז גאָט זאָל אים דערפאַר ליב האָבן״, ווייל לויט שפּינאָזאָס פריערדיקער הנחה מיינט עס, אַז אויב דער מענטש באַגערט אַזוי, וויל ער דאָך, אַז גאָט זאָל נישט זיין גאָט, ווייל ווי עס האָט פריער דערקלערט שפּינאָזאַ אין פּראָפּאָזיציע זיבעצן: „גאָט איז פריי פון אַלע ליידנשאַפטן. ער ווערט קיינמאָל נישט באַווירקט פון וועלכע עס איז עמאָציעס: פאַרגעניגן, אָדער צער״. ליב האָבן אָדער זיך צוהערן צו תפילה מיינט דאָך אַ שינוי.

„מיך האָט די דאָזיקע פּראָפּאָזיציע באַאומרויקט. אַ גאָט, וואָס איז פריי פון אַלע ליידנשאַפטן, קען דאָך אויך נישט רחמנות האָבן אויף מענטשן. איז צו וואָס פאַר אַ נוצן איז אַזאַ אַבסטראַקטער גאָט? אָבער איך האָב זיך אויף זיך אַליין געבייזערט: דו ביסט נאָך אַלץ אַ בית־מדרש־ייִד, וואָס דאַרף האָבן אַ גאָט, וואָס פאָדערט און מאָנט און הייסט דיר אָנטאָן אַ טלית און תפילין. שפּינאָזאָס גאָט איז העכער פון די אַלע קליינינקייטן. בכלל איז דאָך די אַבסטראַקציע פון גאָט אַ ייִדישער באַגריף. אָט נעם דעם רמב״ם און משה קאָרדעבירו. איי, זיי לייקענען נישט אָפּ קיין מצוות מעשיות? שפּינאָזאַ איז אַ ווייטערע, אַ העכערע שטופע.

„יאָ, איך האָב זיך אַליין פאַרשריִען. טרעפט אָבער, איך בין אַריין אין אַ מוזיי און אָנגעטראָפן דאָרטן אויף אַ גיגאַנטישער אויסגעגאָסענער סטאַטוע פון אַ בודאַ. הויך, גראָב און מגושמדיק איז געשטאַנען דער געץ אין אַ ווינקל אָפּגעצאַמט פאַר זיך. יאָ, אַ מגושמדיקער קערפּער, אָבער דאָס פּנים איז געווען איידל, סענסיטיוו, מיט אַן אויסערגעוויינטלעכן פאַרשטענדיקן שמייכל. קיין אויגנאַפּלען האָט ער אָבער נישט געהאַט. ער איז געשטאַנען מיט אַ שמייכל און מיט צוויי ליידיקע אויגנבעכערס. ס׳איז געווען קלאָר, אַז דער מייסטער האָט אים בכיוון בלינד געמאַכט.

„ווען מען איז געשטאַנען נאָענט צום בודאַ, האָט מען זיך געפילט קליין, נישטיק, פאַרלאָרן און אין פּחד.

„איך געדענק, ווי איך בין געשטאַנען אַ היפּשע ווײַלע לעבן דער סטאַטוע, מאַקע מיט פּחד. און מיטאַמאָל האָב איך זיך דערמאָנט אָן שפּינאָזאַס פּראָפּאָזיציע, און איך האָב זיך צעלאַכט. איך בין צוגעגאַנגען צו דעם מאָוימדיקן געץ, אים אָנגערירט מיט דער האַנט, וואָס איז געווען קעגן די רעגלען פונעם מוזיי, און געזאָגט צו אים: „נישט איך האָב מורא פאַר דיר און נישט איך האָב דרך־ארץ פאַר דיר. דו ביסט טויט, טויט און בלינד, הגם דו האָסט אַזאַ קלוגן, אַלץ־וויסנדיקן שמייכל. ס'איז גאָרנישט שבגאָרנישט, ווײַל דו ביסט ווי שפּינאָזאַס גאָט, אָן ליידנשאַפט און דו ווערסט נישט באַווירקט פון קיין עמאָציעס. דו קענסט נישט האָבן קיין פאַרגעניגן פון אונדזערע מעשים טובים און קיין צער פון אונדזער רשעות. שטייסטו אַ מאָוימדיקער און מען קען דיך טאַקע באַוווּנדערן. אָבער אין תוך ביסטו אַ טויטער געץ, וואָס, ווי דער נביא זאָגט: „ביסט אַ געגאָסענער אָפּגאָט און קיין אָטעם איז אין דיר נישטאָ".

„דאָס איז דײַן גאָט, זלמן־שלמה. דו, שלמה, האַלטסט דאָך מיט זלמנען. ער איז דײַן לעצטע אויסגעטרוימטע געשטאַלט. זלמן פאַרענטפערט דיר דעם לעצטן חורבן און באַרעכטיקט, ניין — באַשולדיקט גאָר די קרבנות. ס'איז דאָך רשעות! אַזאַ גאָט פּאַסט פאַר דיר, שלמה. עס איז נישטאָ דאָ צו וועמען צו האָבן וועלכע עס איז טענות און מען דאַרף לאָזן אַלץ ווי עס איז, ווײַל די צוקונפט, ווי דעם עבר קאָן מען נישט ענדערן. עט! איך וועל בעסער שוין זײַן אַן אַלטער אפּיקורס, אַן אַטעיִסט.

זלמן: — ביידע, סיי איר, ר' געצל און סיי איר, ר' ביינוש, האָבן מיך גאָר אַרויסגענומען פונעם כלל ישראל, רחמנא־לצלן. איר באַשולדיקט מיך אין גאָר אַ סך זאַכן. לאָמיר צוערשט נעמען אייער פראַגע: ווו האָב איך גענומען אַזאַ גאָט? ניין, איך האָב נישט אויסגעטראַכט קיין נײַעם גאָט. מײַן גאָט איז דער ייִדישער גאָט, וואָס האָט נישט קיין גוף און קיין געשטאַלט, דאָך איז ער אַ לעבעדיקער גאָט, אַ געזעלשאַפטלעכער גאָט, וואָס אים איז נאָענט דער גורל פונעם יחיד און פונעם כלל; דער אַלטער ייִדישער גאָט־באַגריף. נישט מער, איך בין געקומען צו אים דורך מײַן אייגענער דערקענטעניש. די ראיות און די באַווײַזן פאַר זײַן אייגנציקייט און זײַן מציאות זענען מײַנע אייגענע, לויט דער השגה פון מײַן שכלדיקער דערגרייכונג און עמאָציאָנעלער איבערלעבונג. דאָס איז אַ ייִדישער דרך.

„גאָט איז אַ צו־ערנסטער ענין, וואָס מען זאָל אים אויפנעמען „מיט דער צונג אַליין". דערצו איז ער ביי מיר פאַרבונדן מיט פּערזענלעכע איבערלעבונגען און פּיין פון ראַנגלעניש. איך האָב אַפילו נישט געטרויט די אמתן פון טראַדיציע. איך מיין, אַז אַ פאַרשטענדיקער מענטש דאַרף אַזוי ערנסט אויפנעמען גאָטס באַגריף. זאָגט דער רבנו בחיי אין „חובת הלבבות", אין אָנהייב פונעם ערשטן פּרק פון „שער היחוד".

„האָט געזאָגט דער מחבר: דער ריכטיקער אופן אויפצונעמען דעם באַגריף פון יחוד אלוהים, פון גאָטס איינציקייט, איז — אַז דאָס האַרץ און די צונג זאָלן זיין גלייך, נאָכדעם ווי ער וועט באַנעמען מיטן שכל, דורך ראיות די וואַרהאַפטי־קייט פון זיין עקסיסטענץ און די אמתדיקייט פון זיין איינציקייט.

„דער באַגריף פון גאָטס איינציקייט ווערט פאַרשטאַנען אויף פאַרשיידענע אופנים פון פאַרשיידענע מענטשן. יעדער איינער באַנעמט עס לויט זיין קענטע־ניש און פאַרשטאַנד. עס זענען פאַראַן די, וואָס האַלטן פון זיין איינציקייט נאָר מיט דער צונג אַליין. זיי האָבן געהערט, וואָס מענטשן זאָגן און זיי האַלטן אויך אַזוי, אָן צו פאַרשטיין דעם גאַנצן ענין, וועגן וואָס מען רעדט. פאַראַן אויך די, וואָס נע־מען אים אויף מיטן האַרצן און מיט דער צונג, ווייל זיי גלייבן אין דער טראַדיציע, וואָס זיי האָבן איבערגענומען פון זייערע עלטערן, נאָר זיי פאַרשטייען נישט דעם אמת, וואָס זיי גלייבן — — — אָבער עס זענען פאַראַן די, וואָס נעמען אויף מיט האַרץ און צונג נאָכדעם ווי זיי פאַרשטייען דעם ענין, דעם חילוק צווישן אמתער איינציקייט און פאַרבייגייענדיקער איינציקייט און קאָנען ברענגען ראיות וועגן דער רעאַלקייט פון זיין עקסיסטענץ און דעם אמת פון זיין איינציקייט. דאָס איז די העכסטע מדרגה פון באַנעמען דעם ענין אחדות אלוהים״.

„זעט איר דאָך, אַז לויטן רבנו בחיי האָב איך נישט נאָר געמעגט פאָרשן און זוכן גאָט, נאָר איך בין געווען מחויב דאָס צו טאָן. אוודאי האָב איך געשעפּט מיינע ידיעות פון פאַרשיידענע מקורות. קיין מענטש לעבט נישט אין קיין חלל און קיין ילוד אשה שאַפט אַ יש מאין, עפּעס פון גאָרנישט. ס׳איז גענוג פאַר אים, אויב ער קען שאַפן עפּעס פונעם גרייטן חומר אַ צורה, אַ פאָרעם, לויט זיין באַנעם. איך האָב צו אים דערגרייכט לויט מיין באַגריף, לויט מיין מדרגה און הדרגה. און ערשט דעמאָלט האָב איך דערשפּירט די עקסיסטענץ פון דער אַבסאָלוטער רעאַליטעט, וואָס גיט אַ זין און אַ ציל צום לעבן.

„עד כאן מיין ענטפער אויף אייער פראַגע: „ווו האָסטו גענומען דיין גאָט־באַגריף?

„איצט צו אייער צווייטער טענה, רבי געצל און ביינוש. איר בייזערט זיך: „לויט אייער גאָט־באַנעם איז נישטאָ קיין השגחה פּרטית אויף דער וועלט. אויך איז תפילה נישט נוציק און ס׳איז נישט שייך קיין חרטה און תשובה״. איר באַ־שולדיקט מיך אויך, אַז מיין גאָט איז נישט קיין געזעלשאַפטלעכער גאָט. איך בין, רחמנא־לצלן, ווי די רשעים אין ספר יחזקאל: „גאָט זעט אונדז נישט, ווייל ער האָט פאַרלאָרן די ערד״. יאָ, דערצו מיינט איר, אַז נישט נאָר פאַרענטפער איך און באַ־רעכטיק דעם לעצטן חורבן, נאָר איך באַשולדיק נאָך די קדושים און טהורים אין זייער טויט.

„איר טייטשט אַריין אין מיינע רייד זאַכן, וואָס איך האָב נישט געדאַכט אַפילו.

איך רעד וועגן בחירה, דעם מענטשנס פרייען ווילן, און איר טייטשט עס אויס, אַז איך האַלט, אַז דער מענטש ווערט איבערגעלאָזן אויף הפקר, אויף זיין אייגענעם באַראַט: זאָל ער אַנגיין מיטן לעבן אָן אַ ציל און אָן אַ תכלית. איך זאָג אייך: לא מינה ולא מקצתה.

„איך האַלט נישט, אַז גאָט האָט איבערגעלאָזן דעם מענטשן אויף הפקר. איך האַלט נאָר, אַז דער מענטש טראָגט די גאַנצע אחריות פאַר דער פאַרגאַנגענהייט, פאַרן איצט און פאַר דער צוקונפט. יאָ, נאָר דער מענטש אַליין איז פאַראַנטוואָרט־לעך פאַר אַלע זיינע רשעותן, סיי אין דער געזעלשאַפט און סיי אין דער נאַטור. גאָט איז איבער דער נאַטור, אויסער איר און איבער דעם מענטשן און אויסער אים. ער איז די אַבסאָלוטע פערזאָניפיקאַציע פון שלימות, וואָס איז גערעכטיקייט. ער איז נישט קיין טייל פון דער נאַטור און ער איז נישט אונטערגעוואָרפן אונטער אירע געזעצן, ווייל ער האָט זיי געשאַפן. מיט כיוון ברעכט ער נישט די געזעצן; ער טוט עס צוליב דעם מענטשן, וואָס איז דער בחיר היצירה, די חלה פון דער וועלט. דער כביכול האָט אים געגעבן שכל און פאַרשטאַנד און אַן אָפּגלאַנץ פון זיין געטלעכקייט, איך וואָלט בעסער געזאָגט, געטלעכער גבורה, כדי ער זאָל קאָנען פירן די וועלט. ער האָט אים געגעבן פולע בחירה. פירט נישט דער מענטש די וועלט, ווי עס באַדאַרף צו זיין, — איז עס זיין שולד, נישט גאָטס שולד. ס'איז ווי איינער וואָס טרינקט סם און שטאַרבט. איז עס גאָטס שולד? אָט אַזוי איז דער איינשטעל פון דער וועלט.

„ניין, איך פאַרלייקן נישט, אַז איך האָב געזאָגט, אַז גאָט מוז אָפּהיטן די נאַ־טור־געזעצן. אָבער ער טוט עס נישט, ווייל ער איז אונטערגעוואָרפן אונטער זייער ממשלה, נאָר ווייל ער האָט מיט זיין רצון אַזוי איינגעשטעלט די וועלט. די וועלט איז אַ טייל פון אים, אָבער ער איז איבער איר. ווי זאָגט אַ מאמר חז״ל? מקומי טפילה לי ואין אני טפל למקומי (תנחומא, כי תשא, כ״ז). די דאָזיקע מימרא איז דער היפוך פון שפינאָזאָס גאָט־באַגריף.

„רשעות און שטראָף זענען אַ פועל־יוצא פונעם מענטשנס אויפפיר און נישט קיין גזר מן השמים. איך חזר איבער: דער מקור פון רשעות איז דער מענטש, נישט דער כביכול. שיין און קלאָר ברענגט עס אַרויס איינער פון אונדזערע לעצטע בעלי המוסר, ר׳ יוסף יוזל האָראָוויץ:

„ס'איז נישטאָ קיין שום חילוק צווישן דער שטראָף, וואָס גאָט ברענגט אויפן מענטש און דער שטראָף, וואָס איז אַ פועל־יוצא פונעם מענטשנס הנהגה, ווייל עס איז איינס און דאָס זעלבע (ווער עס טרינקט סם־המות און שטאַרבט, קריגט די שטראָף, ווייל ער האָט געטרונקען גיפט). די אומגליקן, וואָס קומען אויפן מענטשן, ווי דער פועל־יוצא פון זיינע שלעכטע מידות, איז מען אויך גוזר אויף אים אין הימל: „אַזוי זאָל עס געשען". אָבער דער מענטש, וואָס קען נישט זיינע אייגענע

מידות און זעט נישט דאָס קייטלען זיך פון די געשעענישן, און דאָס וואָס ער זעט אין דעם פּלאָנטער פון די געשעענישן, — איז טאַקע אַן אמתער פּלאָנטער פאַר אים. ער קען נישט געפינען אַלע סיבות, וואָס האָבן פאַראורזאַכט די געשעענישן, פון דער לעצטער סיבה ביז דער ערשטער.

„דער קלוגער זעט די גזירה (ס׳מיינט די שטראָף — ש. ס.), ווי זי וואָלט געווען אַ געשליפענער שפּיגל, וואָס ווייזט דעם מענטשן אַלע זיינע חסרונות, דאָס אָרט פון די טעותים און וואָס עס האָט געבראַכט צום אומגליק. ער שעפּט עס אַלץ פון זיך, פונעם הארצן. דער שוטה אָבער באַטראַכט די גזירה, ווי אַ שטיין, וואָס מע האָט אויף אים געוואָרפן פונעם הימל, און ער איז נעבעך גאָרנישט שולדיק". (מדרגות האדם, ז"ז שצו, שצז).

„ער זאָגט עס דאָרטן נאָך שאַרפער. „אַלע אומגליקן, וואָס קומען אויפן מענטשן, זענען אַ שטראָף, אַ פּועל־יוצא פון זיינע אייגענע מעשים, — נישט קיין שטראָף פון אויבן. אויב דו האָסט עפּעס אַ טענה, דאַרפסטו האָבן נאָר צו זיך: פאַר־וואָס האָסטו גורם געווען די דאָזיקע זאַך? נישט פון הימל האָט מען אויף דיר אַ וואָרף געטאָן, נאָר דו אַליין האָסט זיך נאָכגעיאָגט נאָך דער דאָזיקער שטראָף" (ואם כן, אם יש לך טענה, אין הטענה כי אם על עצמך. מפני מה גרמת הדבר הזה? ולא מן השמים זרקו עליך את העונש, אלא אתה בעצמך רדפת אחר העונש הזה". (איביד).

„איצט ווענדן מיר זיך אומקערן צו דער התחלה פון מיינע רייד און טיילווייז זיי איבערחזרן:

„די נאַטור, ווי גאָט האָט זי איינגעשטעלט, פירט זיך לויט אייזערנע געזעצן, וואָס קיינער קאָן אויף זיי נישט עובר זיין, אָבער דעם מענטשן האָט ער געגעבן בחירה חפשית, פרייען ווילן, אין די ראַמען פון די נאַטור־געזעצן.

„אַ גוטער ביישפּיל איז, דער אַלטער משל: ווען אַ מענטש וועט אַריינשטעקן אַ פינגער אין קאָכיק וואַסער, וועט דער פינגער אָפּגעבריט ווערן, אָבער דער מענטש האָט די ברירה נישט צו שטעקן דעם פינגער אין אָקראָפּ.

„נאָך אַ גרויסן געשאַנק האָט דער כביכול געגעבן דעם מענטשן: ער האָט אים געגעבן דעם כוח צו מאָדיפיצירן די נאַטור־געזעצן, וואָס זענען פאַר אים שעד־לעך, וואָס שטערן זיין באַקוועמלעכקייט, אָדער אַפילו וואָס זענען אים נישט גע־פעלן.

„דער מענטש האָט נישט אָפּגעשאַפט די קעלט אין ווינטער, אָבער ער האָט צוגעטראַכט, אָדער אויסגעטראַכט, וואַרעמע קליידער, וואָס באַשיצן אים פון די גרעסטע קעלטן אין דרויסן. ער האָט זיך אויסגעלערנט צו בויען הייזער, וואָס ווערן געוואַרעמט אויף פאַרשיידענע אופנים אַזוי גוט, אַז ער קאָן אַרומגיין אָדם־נאָקעט צווישן די פיר ווענט פון אַ שטוב, אין די גרעסטע פרעסט און זאַווערוכעס.

„ער האָט זיך לעצטנס, גאָר לעצטנס, אויסגעלערנט אָנקילן דאָס הויז אין די זומער־היצן.

„דער מענטש האָט אין די גרענעצן פון גראַוויטאַציע, זיך אויסגעלערנט צו פליען.

„אים איז אויך געלונגען צו באַפרייען זיך, ביז גאָר אַ גרויסן גראַד, פון זיין צוגעבונדנקייט צום שטח: ער האָט אויסגעטראַכט די אייזנבאַן און דעם אויטאָמאָ־ביל אויף דער יבשה, שיפן אויף וואַסער און עראָפּלאַנען אין דער לופט.

„אפשר קאָן קומען אַמאָל דערצו, אַז דעם מענטש זאָל זיך איינגעבן אָפּצורייסן זיך פון זיין אַבסאָלוטער צוגעבונדנקייט צו צייט.

„וואָס מער דער מענטש געפינט אויס די איינגעשטעלטע רעגלען פון דער נאַטור, אַלץ מער איז ער בכוח צו מאָדיפיצירן זיי פאַר זיין געברויך און פאַר זיין טובה וועגן. אָבער ווען ער האָט שוועריקייטן ביים צוקומען געוויסע נאַטור־כוחות און געזעצן, פאַלט אים נישט איין צו באַשולדיקן אַ טראַנסצענדענטאַלן כוח. אַזוי אויך איז דער מענטש מחויב צו מאָדיפיצירן, צו קאָנטראָלירן די שעדלעכע גע־זעלשאַפטלעכע כוחות און די אַמאָראַלישקייט פון דער נאַטור. אויב ער האָט זיי נישט קאָנטראָלירט ביז איצט און עס זענען דאָ עד היום מלחמות, שנאה, קנאה, רשעות צווישן יחידים און צווישן פעלקער, — טאָר ער נישט וואַרפן די שולד אויף גאָט, נאָר — אויף זיך אַליין. ער דאַרף אַרבעטן אויף זיך. און סוף־כל־סוף וועט ער קריגן די כוחות צו פאַרמיידן אַלע געזעלשאַפטלעכע בייזקייטן. און עס וועט קומען אַ צייט, אַז ער וועט קאָנען אויך קאָנטראָלירן די גלייכגילטיקייט און די אַמאָראַלישקייט פון דער נאַטור.

„מלחמות, הריגות, שנאה, קנאה, גלוסט צו הערשן זענען טאַקע אַ טייל פון דעם מענטשלעכן מהות, אָבער לויט דעם יידישן באַגריף, דאַרף דער מענטש זיי באַהערשן, ווי ער באַהערשט די נאַטור.ביידע זענען איבערגעגעבן געוואָרן אין זיינע הענט. אַוודאי איז עס אַ לאַנגדויערנדיקער פּראָצעס, אָבער דער מענטש קאָן בייקומען דעם יצר־הרע אין זיך, אָט ווי ער איז בייגעקומען די נאַטורגעזעצן דורך מאָדיפיצירן זיי, — אַזוי דאַרף ער אַרבעטן אויף זיך און בייקומען דעם יצר־הרע, וואָס ברענגט צו געזעלשאַפטלעכע רשעותן. זאָגט דער מדרש תנחומא:

„אויף דער וועלט זענען פאַראַן אַ סך האַרטערע זאַכן און ביטערערע זאַכן פון דעם יצר־הרע, און דאָך מאַכסטו זיי זיס און גוט צום עסן. עס איז נישטאָ קיין ביטערערע זאַך, ווי וואָלף־באָב. ווייקסטו אים, קאָכסטו אים זיבן מאָל, ביז ער ווערט זיס און גוט. אַזוי טוסטו אויך מיטן קאָפּער־פּלאַנץ און מיטן זענעפט און נאָך מיט אַ סך זאַכן. איז מה דאָך די ביטערע זאַכן, וואָס איך האָב באַשאַפן, מאַכ־סטו זיס פאַר דיינע באַדערפענישן, דעם יצר־הרע, וואָס איז אין דיין רשות (יצר הרע המסור בידך) קאָנסטו אַוודאי און אַוודאי בייקומען.

„אַט איז דער מקור, ר׳ געצל און ביינוש, וואָס איך האָב געזאָגט, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן דורך אַ טראַנסצענדענטאַלן כוח מיט אַ ציל און מיט אַ תכלית און ער האָט זי איבערגעגעבן אין די הענט פון די מענטשן. און נאָר ער אַליין, דער מענטש, איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע רשעותן און אכזריותן.

„און די אַמאָראַלישע און גלייכגילטיקע נאַטור איז אין די הענט פון דעם מענטשן. ער קען נישט אָפּשאַפן דאָס, וואָס איז נגזר געוואָרן, ס׳מיינט, ער קען נישט ברעכן די נאַטור־געזעצן. ווען עס קלייבן זיך אָן אַ סך וואַסערן, מוזן די טייכן אַריבער די ברעגן. אָבער דער מענטש מוז נישט זיין דערביי, — ער קאָן אַנטלויפן, אָדער ער קאָן אויפבויען אַ דאַמבע און זען, אַז די שטאָט זאָל נישט פאַרפלייצט ווערן. אונטער געוויסע תנאים מוז קומען אַ ווירבל־שטורעם, אָבער דער מענטש דאַרף פון פריִער וויסן, ווען דער ווירבל־שטורעם קומט און אים אויסמיידן. זאָגט דער אבן־עזרא וועגן דעם ענין:

„שטעלט זיך פאָר, אַז עס איז נגזר געוואָרן אַ פאַרפלייצונג אויף אַ שטאָט. איז געקומען אַ נביא צו די מענטשן און זיי געוואָרנט, אַז עס וועט קומען אַ קאַ־טאַסטראָפע. האָבן די מענטשן תשובה געטאָן. און ווייל זיי האָבן תשובה געטאָן, האָט דער כביכול זיי אַריינגעגעבן אַ געדאַנק אין האַרצן, אַז אַלע איינוווינער זאָלן אַרויס אויסער דער שטאָט תפילה־טאָן צו גאָט. ווען זיי זענען געשטאַנען אין פעלד און תפילה געטאָן, איז דער טייך, ווי זיין שטייגער איז, אַרויס פון די ברעגן און פאַרפלייצט די גאַנצע שטאָט. די גזירה איז נישט אָפּגעשאַפט געוואָרן, נאָר גאָט האָט זיי מציל געווען.

„אויב איר ווילט אָנטאָן אַ מאָדערנעם לבוש אויפן משל, קאָן מען צוגעבן צו אבן־עזראס רייד: האָט דער כביכול אַריינגעגעבן אין זיי אַ געדאַנק אָנלייגן אויף די ברעגן פונעם טייך זעק מיט זאַמד. דער טייך, ווי זיין שטייגער איז געווען, איז אַרויס פון די ברעגן און פאַרפלייצט אַלץ אַרום, אָבער די שטאָט און אירע מענטשן זענען ניצול געוואָרן. די גזירה, אַז די וואַסערן פונעם טייך וועלן זיך הייבן און פאַרפלייצן אַלץ אַרום, איז מקוים געוואָרן, אָבער די מענטשן, ווייל זיי האָבן תשובה געטאָן, זענען ניצול געוואָרן.

„אָבער דער אבן־עזרא ענדיקט יענעם משל מיט נאָך אַ טיפערן און געוואָג־טערן געדאַנק. ער זאָגט: והשוב, און באַרעכן זיך, אַז די באַדינער (די באַדינער פון גאָט צי נאַטור־געזעצן, לויט אונדזער טערמינאָלאָגיע — ש. ס.) לויפן ווי פערד אויף אַ טראַקט. זיי לויפן נישט צו טאָן גוטס, אָדער צו טאָן שלעכטס. לויפן איז זייער נאַטור, זייער שטייגער (רק ככה דרכם) און באַרעכן, אַז אויפן טראַקט איז אַ בלינדער, וואָס קען נישט וויסן, ווען די פערד טוען זיך אַ דריי רעכטס, אָדער לינקס. ער פאַרלאָזט זיך אויף אַ זעעוודיקן, וואָס ווייסט זייער שטייגער פון לויפן. און דער זעעוודיקער היט אויס דעם בלינדן, ווייל ווען די פערד לויפן

אַהער, טוט ער אים אַ קער אַהין. דער שטייגער פונעם לויפן פון די פערד ענדערט זיך נישט, און דער בלינדער ווערט גערֹאַטעוועט.

„דעם דאָזיקן משל איז נישט נייטיק אַפילו אָנצוטאָן אין אַ מאָדערנעם לבוש. ער איז נײַ, פריש און פּאַסט פאַרן מאָדערנעם שבמאָדערנעם.

„איך האָב זיך גענומען די טירחה און געבראַכט אײַך די אַלע מקורות, וואָס אײַך ביידן, רבי געצל און ביינוש, זענען זיי זיכער באַקאַנט, נאָר ווײַל עס איז אָנגענומען, אַז אמונה און פרומקייט איז נאַיווער גלויבן, אָן אַ שמץ שכל; און ווי נאָר מען ווענדט אָן אַביסל חקירה, מוז עס פירן צו כפירה. אַט ווי דער כביכול וואָלט געווען אַזוי הילפלאָז, אַז ער האָט מורא פאַרן מענטשלעכן פאַרשטאַנד.

„חוץ דעם אַפילו די בלינדע, נאַיווע, פרימיטיווע אמונה האָט אַלעמאָל איבער זיך אַ טיף־דורכגעטראַכטע שיטה. איך וויל נישט מאריך זיין וועגן דעם ענין, ווײַל אַפילו אַ בר בי רב דחד יומא, ייִנגלעך וואָס זענען געגאַנגען אין חדר איין טאָג, ווייסן עס".

זלמן האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער איז געשטאַנען אַ היפּשע ווײַלע פאַרגליווערט, שטום. דערנאָך האָט ער צוגעדעקט דאָס פּנים מיט ביידע הענט, עס אַ וויש געטאָן, אויפגעהויבן דעם קאָפּ מיט אַ מאָדנע אַנטשלאָסנקייט און האָט געזאָגט:

„וואָרהאַפטיק, איצט האָב איך זיך געקענט אָפּשטעלן און איר אַליין זאָלט קומען צו דער מסקנא, וועלכע גרויזאַמע כוחות האָבן געבראַכט צו דעם לעצטן גרויסן אומגליק, צו אונדזער דריטן חורבן. אָבער איך וויל זיך נישט אויס־דרייען פון מײַן אחריות און איך וויל אָנווייזן, לויט מײַנע יכולתן און באַנעם, אויף די געזעלשאַפטלעכע כוחות, וואָס האָבן גורם געווען דעם אומקום פון זעקס מיליאָן ייִדן".

איך־ער האָט נאָך אַ מאָל באַהאַלטן דאָס פּנים אין די הענט, זיך צעשאָקלט, מיטן פּנים פאַרשטעלט. ער האָט שטאַרק אַ זיפץ געטאָן, ווידער אַ וויש געטאָן מיט ביידע הענט דאָס פּנים, ווי ער וואָלט אָפּגעווישט די דערדריקנדיקע געדאַנקען, וואָס האָבן אים געשטיקט און אָנגעהויבן רעדן מיט טרערן אין קעל:

„ווי און ווינד איז מיר פאַר די מײַנונגען, וואָס מען וועט אַרײַנטײַטשן אין מײַנע רייד! מען וועט מסתמא אויסטײַטשן, אַז איך האָב געפונען אַ באַרעכטיקונג פאַר דעם טויט פון די קדושים. וואָס פאַר אַ הצטדקות קאָן איך געפינען פאַר דעם טויט פון מײַן שוועסטער גיטעס קינדער: ישראליק, יאַנקל, פייגעלע און זיסעלע? איך האָב זיי געטראָגן אויף די הענט, געניאַנטשעט זיך מיט זיי, געוואַשן זיי די הענטעלעך און די פּנימער, ווען זיי זענען געווען אײַנגעריכט; געלאָפן אין אַפּטייק נאָך רפואות, ווען זיי זענען קראַנק געווען, פאַרוויגט זיי מיטן אַלטן לידל „אונטער ייִנגעלעס וויגעלע" און זיי פאַרהערט די פּרשה פון דער וואָך.

„זאָל מײַן צונג געליימט ווערן און מײַנע פינגער זאָלן מער נישט קענען פירן

מיט דער פּען, אויב איך וועל געפינען אַ הצטדקות פאַר דעם אכזריותדיקן טויט פון די קינדער פון מיינע שוועסטער גיטע, ברײַנע און עלקע און מיין ברודער שמחה, די קינדער וואָס איך האָב געקענט פון שרייבן בריוו צו מיר אויף אַ רוסיפיצירטן יידיש.

„אָבער מיר מוזן אונטערדריקן דעם שוידער, וואָס דערוועקט אונדז, ווי נאָר מיר דערמאָנען דעם חורבן. מיר מוזן זיך אָנטאָן אַ כוח און אָפּשאַצן קליניש די סיבות, וואָס האָבן געבראַכט צום אומגליק. מיר מוזן אויפזוכן די דעסטרוקטיווע געזעלשאַפטלעכע כוחות, וואָס האָבן גורם געווען דעם חורבן. אַניט וועלן מיר, די לעבן־געבליבענע, נישט קאָנען אָנגיין מיט אונדזער טאָג־טעגלעך לעבן און מיר וועלן ווייטער נישט קענען לעבן בשכנות מיט די נישט־יידן אין די תפוצות. און אין אַ טאָטאַלער רשעותדיקער וועלט וועלן מיר נישט קאָנען טראַכטן פון אויפהאַלטן מדינת־ישראל.

„איך האָב אַמאָל בייגעוווינט אַ לוויה פון אַ יונגן בחור, אַ בן־יחיד, וואָס איז פּלוצלינג געשטאָרבן. דער טאַטע, אַ טיף־פרומער ייד, האָט געיאָמערט און געקלאָגט, ממש זיך געריסן די האָר פונעם קאָפּ. ביים פריש־פאַרשאָטענעם קבר האָט ער געזאָגט קדיש קלאָר און הויך אויפן קול און דערנאָך זיך ווידער פאַרגאַנגען אין אַ ביטערער יללה.

„צום יאָרצייט האָב איך אים געפרעגט:

„אַדרבא, ילמדנו רבנו. ממה נפשך. זייט איר אַן אמתער מאמין און איר זייט ביי זיך בטוח אין דער יושרדיקער הנהגה פון דער וועלט, — איז פאַרוואָס האָט איר אַזוי ביטער געוויינט און געקלאָגט? אלאָ וואָס, איר זייט נישט אינגאַנצן זיכער אין דער יושרדיקער הנהגה פון דער וועלט און איר האַלט, אַז אייער בן־יחידס טויט קאָן זיין גאָר אַ צופעליקער אומגליק, איז וואָס האָט איר געזאָגט אַזוי קלאָר און האָפערדיק און מיט כוונה דעם קדיש?

„מיין פרומער פריינט האָט מיר געענטפערט:

„איך בין אַ ילוד אשה. האָב איך געוויינט אויף מיין גרויסן בראָך, ווייטיק און אומגליק. מיין לעבן איז מיר געוואָרן פינצטער און פוסט נאָך מיין בן־יחידס טויט. מיינע חושים קענען נישט באַנעמען דעם זין פון מיין זונס טויט. אָבער קדיש איז געווען מיין טרייסט. איך האָב געזאָגט: „זאָל געגרויסט און געהייליקט ווערן זיין גרויסער נאָמען אין דער וועלט, וואָס ער האָט געשאַפן לויט זיין ווילן. זאָל ער גרונטפעסטיקן זיין מלוכה אין אייער צייט און אין דער צייט פונעם לעבן פון אַלע יידן, אין גיכן און אין דער נאָענטער צייט. און לאָמיר אַלע זאָגן: „אָמן!״.

„ווען איך האָב דאָס געזאָגט, האָב איך דערפילט, אַז חוץ מיר און מיין בראָך איז דאָ אַ גרויסע וועלט און אַ גרויסער גאָט, וואָס האָט געשאַפן די וועלט לויט אַ פּלאַן, מיט אַ ציל און אַ תכלית. אויב אַזוי, ווייס איך, אַז מסתמא איז דאָ אַ געדאַנק

אין דעם פלוצימדיקן טויט פון מיין בן־יחיד. די וועלט פון אַזאַ גרויסן שעפער קאָן דאָך נישט זיין הפקר. דאָס איז די גרויסע טרייסט. אָבער דאָס מענטשלעכע האַרץ וויינט און טרויערט, האָט ביטערע טענות און וויל נישט און קען זיך נישט טרייסטן״.

דאָס וואָס איך האָב אייך דערציילט איז נישט געווען צו פאַרענטפערן זיך פאַר וועמען עס איז. עס איז געווען אַ טרייסט פאַר זיך, צו אויסרייסן עטוואָס דעם צער, וואָס עסט ווי ראָסט, ווען נאָר מען זוכט אַ ראַציאָנאַל פאַר דעם אומקום פון די זעקס מיליאָן יידן. און איצט, אַז איך וועגד אָן מיין אויסטייטש פון „הכל צפוי והרשות נתונה״ — אַלץ איז פאָרויסגעזען אָבער בחירה איז געגעבן געוואָרן — אויף דעם לעצטן חורבן, ציטערט דאָס אייגענע האַרץ פאַר מיין אייגענעם אויסטייטש. אָבער דאָס איז מיין ראַציאָנאַל פאַרן אומגליק און איך קען אים נישט צוריקהאַלטן. זאָלן זיין געטרייסט די וואָס קענען געטרייסט ווערן.

קאַפּיטל עלף

# פאַרוואָס אַן אייביקע שנאה צו יידן?

„מיר באַטראַכטן די שנאה צו אונדז פון דער נישט־ייִדישער וועלט, ווי נוגע־בדברניקעס. מיר זענען דאָך די געליטענע, וואָס זענען געטריבן געוואָרן פון לאַנד צו לאַנד, געברענט געוואָרן, געקוילעט געוואָרן, פאַראַכט געוואָרן און געפּלאָגט געוואָרן פון גוייִשע רדיפות. אין פאַרגלייך מיט זיי זענען מיר באמת צדיקים גמו־רים. דערפאַר האַלטן מיר, אַז די שנאה צו אונדז איז דאָך פּשוטע משוגעת, אַן אומזיניקע פאָביע, וואָס גייט איבער פון דור צו דור, אַ שנאת־עולם לעם עולם, אַן אייביקע שנאה צום אייביקן פאָלק.

„אָבער זייטיקע צוקוקער, וואָס זענען עמאָציאָנעל נישט צעוויטיקט פון די יסורים פון זיין פאַרפאָלגט, מוזן צוגעבן, אַז די גרויסע שנאה, וואָס די גויִים האָבן צו ייִדן, איז נישט בלויז זינלאָזע אכזריות. דער לכתחילהדיקער אויפקום איז גע־ווען צוליב אונדזער נישט־קאָנפאָרמיזם; און עד־היום איז איינע פון די הויפּט־סיבות פון זייער שנאה צו אונדז — אונדזער קעגנערשאַפט צו דער נישט־ייִדישער וועלט, אונדזער גייסטיקע און פיזישע פרעמדקייט צו זייער וועלט. אָפט איז די פרעמדקייט אַ קוים־מערקבאַרע, אָבער זי איז דאָ.

„מעשי אָבות סימן לבנים", די געשעענישן פון די אָבות, פונעם ייִדישן פאָלק, זענען סימבאָליש פאַר די שפּעטערדיקע דורות. ניין, מער ווי סימבאָלן — זיי זע־נען היסטאָרישע מאָדעלן פאַר אַלע דורות, ייִדן זאָלן זיי געדענקען און נאָכמאַכן.

„דער ערשטער ייִד, אברהם. די גאַנצע וועלט איז געווען פּאַגאַניש, נאָר ער אַליין האָט געגלייבט אין איין גאָט. דער מדרש דערציילט, אַז אברהם האָט אָפּגע־לאַכט פון די געטער און זיי פאַרמיאוסט אין די אויגן פון די, וואָס זענען געקומען צו זיין טאַטן צו קויפן זיי. איינער קעגן אַ גאַנצער וועלט! זאָגט דער מדרש: „עס שטייט געשריבן אין פּסוק: „ויגד לאברם העברי — ר׳ יהודה אומר — כל העולם כולו מעבר אחד, והוא מעבר אחד". און עס איז אָנגעזאָגט געוואָרן צו אברמען דעם עברי. זאָגט ר׳ יהודה — די גאַנצע וועלט אויף איין זייט (עבר, זייט) און אַברהם אויף דער אַנדערער זייט" (בראשית רבה, מ"ב, ג׳).

„קיין וווּנדער נישט, וואָס אברהם האָט געדאַרפט אַנטלויפן פון זיין געבוירנ־לאַנד.

„דער ערשטער גלות, מצרים. יוסף ווערט טאַקע געבראַכט אַהין מיט געוואַלד,

אָבער די גאַנצע משפּחה פון יעקבן קומט אַהין פרייוויליק. זיי קומען אויף אַ ווײַלע און בלייבן דאָרט פולע צוויי הונדערט מיט צען יאָר. זיי לעבן בשכנות מיטן הערשנדיקן פאָלק, און בלייבן אַ באַזונדערער יש, וואָס איז גאַרנישט על פּי דרך הטבע. זאָגט דן יצחק אברבנאל:

„ויהי שם לגוי גדול, און ער איז דאָרט געוואָרן אַ גרויס פאָלק, עס מיינט, אַז אַלעמאָל זענען יידן געווען אָפּגעטיילט און אָפּגעשיידט פון די מצריים און זיי האָבן זיך נישט אויסגעמישט מיט זיי אין די צוויי הונדערט מיט צען יאָר, וואָס זיי זענען דאָרט געווען, ווי עס פּאַסירט מיט אַלע פעלקער. ווען אַ פאָלק באַזעצט זיך צווישן אַן אַנדער פאָלק, מישן זיי זיך ביידע אויס און עס ווערט פון זיי איין פאָלק. אָבער מיט די יידן אין מצרים איז אַזוי נישט געשען, ווייל זיי האָבן נישט געביטן זייערע נעמען, זייער לשון און זייערע מלבושים, און די אַלע יאָרן, וואָס זיי זענען דאָרט געזעסן, זענען זיי געבליבן אַ פאָלק, אָפּגעטיילט פון די מצריים. דאָס איז, וואָס משה, אונדזער האַר, האָט געזאָגט: „הנסה אלוהים!” — האָט וועלכער עס איז גאָט געפּרובירט אַרויסנעמען פאַר זיך אַ פאָלק פון די אינגעווייידן פון אַן אַנדער פאָלק? (דברים, ד׳, ל״ד) די יידן און די מצריים זענען געווען פעלקער פאַרשיידן און אָפּגעטיילט איינס פון אַנדערן (זבח פּסח, פון יצחק אברבנאל).

„אַרום זעקס הונדערט יאָר נאָך יציאת מצרים, זענען יידן ווידער אין גלות, איצט אין בבל — גלות יהויכין — אַ נישט־פרייוויליקער גלות. די גאַנצע וועלט איז נאָך אַלץ געצנדינעריש, און דאָס קליין פאָלקעלע, יהודה, איז אַן אויסנאַם. ווי דער טאַטע פון דער אומה, אברהם, קוקן זיי מיט פאַראַכטונג אויף דער גאַנ־צער געצנדינערישער וועלט. אַ קליין פאָלק, אָבער מיט אַ נאַקן האַרט ווי אייזן און — אַ שטערן פון קופּער”.

„בבל, דעמאָלט די גרעסטע און מעכטיקסטע אימפּעריע. בבל פאַרמאָגט אַ הויכע ציוויליזאַציע און אַ רייכע קולטור. די אַסטראָנאָמיע־וויסנשאַפט איז געווען דאָרט שטאַרק אַנטוויקלט. מיט אַסטראָנאָמיע איז פאַרבונדן מאַטעמאַטיק; מיט מאַטעמאַטיק — אינזשיניריע. אין בבל זענען געווען די באַרימטע הענגענדיקע גערטנער. די בבלישע אינדוסטריע איז געווען גוט אַנטוויקלט. זי האָט געקאָנט פאַרזאָרגן גרויסע אַרמייען. בבל האָט פאַרמאָגט אַ רייכע מיטאָלאָגיע, אַ שיינעם ריטואַל אַרום דעם אָפּגאָט מאַרדוך. די גאַנצע וועלט האָט צוגעגעבן, אַז מאַרדוך איז דער גרעסטער און דער מעכטיקסטער גאָט: מען קען עס באַשיינפּערלעך זען ווי ער האָט באַגליקט זיין פאָלק. יאָ, די גאַנצע וועלט האָט עס צוגעגעבן, אָבער נישט די יידן. שרייבט ירמיהו צו די גולים:

„ווערט נישט נתפּעל פון בבלס רייכקייט, מאַכט, וויסנשאַפט און שיינקייט פון די געטער. לערנט זיך נישט אָפּ פון די וועגן פון די פעלקער, ווייל דאָס אַלץ איז נאַרישקייט און נישטיקייט. זייערע געטער, וואָס זיי האַלטן אַז זיי זענען גרויס

און מעכטיק, קאָנען אַליין אַפילו קיין טראָט נישט מאַכן. מען מוז זיי גאָר טראָגן. נישטאָ וואָס צו שרעקן זיך פאַר זיי. נישט זיי קאָנען טאָן גוטס און נישט זיי קאָנען טאָן שלעכטס. זיי זענען נישט מער ווי די אַרבעט פון גאָלדגיסערס און האָלץ־שניצערס. זייער אַסטראָנאָמיע, אַסטראָלאָגיע? שרעקט זיך נישט פאַר די צייכנס פון הימל, ווייל די גויִים שרעקן זיך פאַר זיי. די אַלע קולטן זענען נישטיקייטן. און גייט איבער בבל און זאָגט צו זיי אין זייער לשון, אין אַראַמעיִש: כדנה תאמרון להום (אַזוי זאָלט איר צו זיי זאָגן): „די געטער, וואָס האָבן נישט געשאַפן הימל און ערד, וועלן פאַרלאָרן גיין פון דער וועלט און פון אונטער די דאָזיקע הימלען". (זע ירמיהו, קאַפּיטל י', פון א' ביז י"א און זע תרגום יונתן).

„אשור, בבל און פּערסיע, אַלע גרויסע און מעכטיקע פעלקער, גרויסע אימ־פּעריעס. אומות מיט רייכע ציוויליזאַציעס און פּרעכטיקע קולטורן. יעדע איינע פון די דריי האָט געהערשט איבער די ייִדן. צוויי פון זיי האָבן פאַרטריבן די ייִדן אין גלות, אָבער דער „תולעת יעקב", דאָס ווערעמל יעקב, האָט זיך נישט גע־בויגן פאַר זייערע אַרמייען, נישט נתפּעל געוואָרן פון זייערע ציוויליזאַציעס און קולטורן און אָפּגעלאַכט פון זייערע געטער. די סאַטירעס פון ישעיה וועגן צוויי פון די דאָזיקע פעלקער שניידן ווי מיט מעסערס: ביטול, סאַרקאַזם, פאַראַכטונג און גרינגשעצונג צו דער גאַנצער דעמאָלטיקער ציוויליזירטער וועלט. מיר זענען נישט געווען קיין צו ליבלעכע שכנים.

„אָט איז פאַרצייכנט אין ספר נחמיה, אפשר גאָר אַ כלאַחרידיקע באַמערקונג, וואָס באַטאָנט דעם עקל און פאַראַכטונג וואָס דער ייִד האָט געהאַט צום פּאַגאַ־ניסטישן מאַכטהאָבער, וואָס איז געזעסן אויפן טראָן מיט זיין גאַנצער פּראַכט און גלאַנץ.

„נחמיה איז געווען אַ טראַנקמייסטער ביים קעניג ארתחשסתא, דעם מלך פון פּרס. אַ ייִד, וואָס איז געווען אַזאַ געהויבענער שררה ביים מלך אין הויף, איז זי־כער געווען אַ היפּש ביסל אַסימילירט. דאָך רופט ער די מלכה, וואָס איז געזעסן לעבן דעם מלך אויפן טראָן — און אפשר איז זי געווען אַ קעבסווייב — שגל (שייגאָל) ס'איז אַ טערמין, וואָס מיינט בעצם: „די וואָס פאַרוואָרפט די פיס". דער אבן עזרא טייטשט: „מן תשגלנה ונקראת כן המזומנת למצוות המלך" (שגל נעמט זיך פון תשגלנה — געשענדעט ווערן. מען רופט זי אַזוי, ווייל זי איז שטענדיק גרייט, ווען נאָר דער מלך רופט זי).

„די ייִדן האָבן נישט באַהאַלטן זייער פאַראַכטונג און ביטול צו דער געצנ־דינערישער וועלט. דעם תנ"ך האָט מען אָנגעהויבן איבערזעצן אַזוי פרי, ווי אַרום דריי הונדערט יאָר פאַר דער אָנגענומענער צייטרעכענונג און פאַרענדיקט אַרום צוויי הונדערט יאָר שפּעטער. פּאַגאַניזם איז דעמאָלט געווען אין רעכטן בלי. דאָס געראַנגל צווישן ייִדישקייט און געצנדינעריי איז געווען אַ קאַמף אויף לעבן און

טויט. פּאַגאַניזם איז סוף־כל־סוף באַזיגט געוואָרן. אָבער די יידישע עקשנות און חוצפּה צו שטעלן זיך אַקעגן דער וועלט, האָט פאַרפלאַנצט אַ שנאה צו זיך, וואָס האָט נישט געקענט אַזוי גרינג אָפּגעמעקט ווערן. זי איז עד־היום נישט אָפּגע־מעקט געוואָרן, ווייל די יידן זענען געבליבן אין קעגנערשאַפט צו דער וועלט, ביז גאָר נישט לאַנג צוריק.

„די אַליינזיכערקייט און פאַראַכטונג צו דער גאַנצער געצנדינערישער וועלט און דער טיפער גלויבן, אַז זייער אמת איז דער איינציקער אמת, האָט זיך טייל־ווייז גענומען ביי יידן פון דעם, וואָס זייער גאָט־באַנעם, זייער אמונה אין איין גאָט, דער מאָנאָטעיִסטישער גאָט־באַגריף, איז נישט געקומען צו זיי פון דרויסנ־דיקע השפעות. ס'איז אויך צו זיי נישט געקומען בהדרגהדיק דורך אַ סינטעז פון פאַרשידענע אידעען, גענומען ביי אַנדערע פעלקער און אָקצעפּטירט נאָך אַ לאַנגן געראַנגל. אינעם גאַנצן תנ"ך איז נישטאָ קיין זכר פון דעם אָנהייב פון דער מאָ־נאָטעיִסטישער אידעע, ס'מיינט, ווען דער יידישער גאָט האָט געפירט אַ קאַמף מיט די אַנדערע געטער און זיי באַזיגט, ווי עס ווערט באריכות דערציילט וועגן אַנדערע געטער אין די מיטאָלאָגיעס פון די פעלקער. גלייך אין די ערשטע פּסו־קים פון ספר בראשית איז שוין דאָ דער פולער אויסגערונדיקטער אין איין גאָט־גלויבן. גאָט אַליין שאַפט די וועלט אַ יש מאין. ער איז דער איינציקער גאָט פון קאָסמאָס. דאָס איז ביי יידן געווען פון אָנהייב אָן אַן אַקסיאָמע. דער שפּעטער־דיקער געראַנגל איז געווען נאָר ווי אַזוי צו פאַרקערפּערן די אידייע. זאָגט יחזקאל קויפמאַן:

„די געשיכטע פון דער יידישער אמונה איז נישט די געשיכטע פון איר אויפקום, נאָר די געשיכטע פון איר פאַרקערפּערונג און איר ווירקונג. די פאַר־קערפּערונג — דאָס איז די אַנטוויקלונג. דער מאָנאָטעיִזם ביי יידן איז נישט קיין מיינונג, אָדער אַ טעאָלאָגישע פילאָסאָפיע, נאָר אַ גרונט־אידעע פון אַ פאָלקס־קול־טור, אַ גאַנצער וועלט־געפיל פון אַן אומה. די אידייע איז געגעבן געוואָרן איינ־מאָליק (תולדות האמונה הישראלית, כרך ראשון, ז' 11).

„ס'איז אַן אַליין־פאַרהאָרעוועטע און אַליין־דערגרייכטע אידייע, וואָס איז גע־וואָרן, אפשר לכתחילה געווען, דער כוח החיים פונעם פאָלק. דערפאַר אָבער איז דאָס יידישע פאָלק געווען דאָס איינציקע אין דער פּאַגאַניסטישער וועלט, וואָס איז געווען קנאיש און קריגעריש וועגן איר גאָט־אידעע.

„און נישט קיין פאָלק־העלד, נישט קיין מלך און נישט די צוגעבונדנקייט צו אַ באַשטימט שטיקל ערד, האָט פאַראייניקט די יידישע שבטים און זיי געמאַכט פאַר אַ פאָלק, נאָך לאַנגע מלחמות„ ווי עס איז דער שטייגער פון אַנטוויקלונג ביי אַלע פעלקער. ניין, די אמונה, די גאָט־אידעע האָט זיי געמאַכט פאַר אַ פאָלק. זיי זענען געוואָרן אַ פאָלק, איידער זיי זענען אַריין אינעם צוגעזאָגטן לאַנד. גאָט אַנט־

פלעקט זיך צו די ייִדן אין דער מדבר און דאָרט, אין קיינעמס לאַנד, גיט ער גע־זעצן און געבאָטן. און צוליב דער דאָזיקער אידייע ווערן זיי אַ פאָלק, מאַכט ער זיי פאַר אַ פאָלק. זאָגט דער פסוק:

„הסכת ושמע — פאַרנעם און הער: היינט ביסטו געוואָרן אַ פאָלק ביי גאָט, דיין גאָט. דערפאַר דאַרפסטו זיך צוהערן צום קול פון גאָט, דיין גאָט. און דו זאָלסט אויספאָלגן זיינע מצוות און זיינע געבאָטן, וואָס איך זאָג דיר אָן היינט" (דברים, כ"ז, ט' און י').

„אין דער גאַנצער ייִדישער געשיכטע איז די אידייע, די אמונה, דער ייִדי־שער גאָט־באַגריף געווען די הויפּט טרייבקראַפט, און אפשר די איינאונאיינציקע טרייבקראַפט. זאָגט יחזקאל קויפמאַן:

„די ייִדישע אמונה איז נישט געווען קיין מיטל פאַרן ייִדישן דראַנג אויפצו־האַלטן זיין נאַציאָנאַלן קיום; זי איז אויך נישט געווען קיין געציַיג, וואָס דער ייִדי־שער רצון צו לעבן האָט זיך מיט איר באַנוצט אין גלות כדי אָנצוהאַלטן אַ נאַציאָ־נאַל לעבן. די ייִדישע רעליגיע איז געווען דער הויפּט טרייב־כוח אין דער ייִדי־שער געשיכטע; די ייִדישע אמונה האָט געטריבן דאָס ייִדישע פאָלק אָפּצוטיילן זיך פון דער אַרומיקער סביבה און עקסיסטירן אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן. דער ייִדישער דת האָט געטריבן די אומה זיך צוצופּאַסן צו די אומשטענדן פון גלות, צו זוכן אַ וועג צו פאַראייניקן זיך צווישן זיך און זיין אָפּגעזונדערט אין זיין צעשפּריי־טונג אין פרעמדע לענדער" (גולה ונכר).

„די ייִדן האָבן קיינמאָל נישט געשטרעבט צו נאַציאָנאַלן קיום, בלויז צוליב קיום. זיי האָבן געוואָלט עקסיסטירן כדי צו פאַרקערפּערן און קאָנקרעטיזירן גאָטס געבאָטן דאָ, אויף דער וועלט, צו שאַפן אַ הייליק לעבן, אַז זיי זאָלן ווערט זיין גערופן צו ווערן גאָטס קינדער און זיין ראוי צו טראָגן דעם יאָך פון דעם כביכול. צי דאָס איז זיי אינגאַנצן געלונגען, איז נישט וויכטיק. דער באַטייט איז זייער באַגער און ווונטש, זייער כוונה און ציל.

„צוליב קאָנקרעטיזירן ייִדישקייט אויף דער וועלט און שטרעבן צו שאַפן אַ הייליק לעבן, אַז זיי זאָלן ווערט זיין גערופן צו ווערן גאָטס קינדער, האָבן ייִדן אויסגעקליבן זייער אייגנאַרטיקן וועג צו קאָלאָניזירן זיך אין פרעמדע לענדער. דער דאָזיקער אויסוואַל האָט ווידער פאַרגרעסערט די שנאה צו זיי.

„די ייִדן האָבן כמעט אַלעמאָל, מיט געציילטע אויסנאַמען, אויסגעקליבן צו באַזעצן זיך אין פרעמדע לענדער, ווי שכנים. זיי זענען בעצם געווען קאָלאָניזאַ־טאָרס, ווי די גריכן און די רוימער, אָבער גאָר אויף אַן אַנדער אופן. זיי האָבן נישט געגרינדעט קיין „פּאָליסן" צו ווערן די פולע באַלעבאַטים און אָנצופירן מיט דעם פּאָליטישן לעבן און פאַרנעמען דאָס לאַנד אויף צו באַזיצן עס אויף אייביק, — מיט חזקה־רעכט פון אַן עטנישן ישוב. ניין, די ייִדן האָבן אויסגעקליבן גלות —

צו לעבן אין שכנות מיטן הערשנדיקן פאָלק און, ווי פרעמדע, געפאָדערט דאָס רעכט פון אַזיל און דאָס רעכט צו וווינען צוליב די נוציקייטן וואָס זיי ברענגען.

„די גריכן און די רוימער, און שפּעטער די ענגלענדער און די רוסן, און טייל־ווייז די פראַנצויזן און די שפּאַניער, זענען געוואָרן אַ טייל פון דער לאַנדשאַפט פון די לענדער, וואָס זיי האָבן פאַרנומען, אָדער פאַרכאַפּט. די ייִדן — נישט. זיי זענען געבליבן שכנים אויף טויזנטער יאָרן, ווייל זיי האָבן געהאַט אַ הבטחה פון אומקערן זיך צוריק אַהיים, „צום לאַנד פון געבוירן", צום צוגעזאָגטן לאַנד.

„ווען די ייִדן האָבן זיך באַזעצט אין שכנות ערגעץ אין אַ לאַנד, האָבן זיי אַנגענומען די ציוויליזאַציע פון דער סביבה און ביז גאָר אַ גרויסער מאָס די קול־טור פונעם הערשנדיקן פאָלק. אָבער אַפילו ווען זיי האָבן זיך שפּראַכלעך טאָטאַל אַסימילירט, און קולטורעל אין פלוג געוואָרן אַ טייל פונעם הערשנדיקן פאָלק, איז שטענדיק ביי זיי געבליבן אַ חשובער שיריים פון ייִדישקייט, וואָס האָט פאַראייי־ניקט אַלע ייִדישע ישובים פון דער וועלט.

„ייִדן האָבן געלעבט ווי אַ פרעמד פאָלק אין די גרענעצן פון אַן אַנדער פאָלק. דאָס האָט געמוזט פאַרגרעסערן און פאַרשטאַרקן די שנאה צו ייִדן.

„דער גלות מצרים, דער ערשטער גלות, האָט געדינט פאַר ייִדן ווי דער פּראָטאָטיפּ, דער מוסטער פאַר ווייטערדיקע גלותן.

„היסטאָריש זענען די ייִדן אפשר אַנגעקומען קיין מצרים מיט די היקסאָסן, ווי לאַנד־פאַרכאַפּער, ווי זיגער וואָס האָבן באַהערשט מצרים. אין חומש איז אָבער קיין זכר דערפון נישטאָ. ייִדן קומען פרייוויליק קיין מצרים אויף אַ „ווײַלע" און באַזעצן זיך אין אַ געטאָ — אין גושן. ס'איז דאָ אַ מדרש, אַז די ייִדן זענען גע־בליבן אינגאַנצן אָפּגעזונדערט פון די מצריים. די ייִדן האָבן נישט געביטן זייערע נעמען, זייערע מלבושים און נישט אַנטפּלעקט צו די מצריים זייערע מיסטעריעס, זייער תורה, גאָט־באַנעם, אָדער קולטור אויפן מאָדערנעם לשון. אָבער באמת זע־נען דאָ בולטע אָנדייטן, אַז עס איז נישט געווען אַזוי. ייִדן האָבן זיך אין מצרים שטאַרק אַסימילירט, ווי שפּעטער אין די גלות־לענדער, און אַנגענומען די אַרו־מיקע ציוויליזאַציעס און גאָר אַ סך פון דער פרעמדער קולטור. זיי האָבן אַנטייל־גענומען אין מצרישן לעבן. יוסף איז געווען אַ שני־למלך און געהאַט אַן עגיפּטישן נאָמען. און דער מדרש דערציילט אַז עס זענען געווען רייכע הויף־ייִדן. למשל, קורח איז געווען אַ שררה ביי פרעהן — דער אוצר־היטער.

„ס'איז דאָ אַ מערקווירדיקער מדרש רבה וועגן דעם ענין:

„פאַרוואָס האָט גאָט געבראַכט די מכת חושך (פינצטערניש)? ווייל עס זענען געווען ייִדישע פּושעים, וואָס זענען געווען שררות ביי די מצרים (פּטרונן, מן המצריים, שררות ושלטנות, מחנות כהונה) זיי האָבן געהאַט אי עשירות, אי כבוד. האָבן זיי נישט געוואָלט אַרויסגיין פון מצרים. האָט גאָט געזאָגט: „אויב איך וועל

זיי טויטן בפרהסיה, וועלן די מצריים זאָגן: „אַזוי ווי מיר ווערן געפּלאָגט, אַזוי אויך זיי ווערן געפּלאָגט". דערפאַר האָט גאָט געבראַכט פינצטערניש אויף די מצריים דריי טעג, כדי די ייִדן זאָלן מקבר זיין זייערע טויטע, און די שונאים זאָלן עס נישט זען (מדרש רבה, שמות, פרשה י"ד, א').

„ייִדן האָבן געביטן זייערע נעמען אין מצרים: משה פנחס, חור, — זענען עגיפּטישע נעמען. ייִדן האָבן אין יענע צייטן אַפילו נישט געקאָנט שרייבן קיין קאָרעקטן לשון־קודש. פּראָפעסאָר אברהם שלום יהודה זאָגט, אַז די מעשה פון משהן (שמות ב') איז געשריבן געוואָרן אין אַ געמיש פון מיצריש און לשון־קודש, ווי אַן אַמעריקאַנער ייִד, וואָס איז נישט קיין כתבא רבא, וואָלט עס דערציילט אויף אַ ייִדיש געמישט מיט ענגליש, למשל:

„און ער האָט געמאַכט אַ „באַקס" פון „טימבער" און האָט אַריינגעלייגט אַ מאַנוסקריפּט און פאַרשלאָסן מיט אַ „לאַק" און אָפּגעשיקט „ספּעשל דעליווערי", „פּאַרסעל פּאָסט" צו דער „פּאַבליק לייברערי" (אברהם שלום יהודה, עבר וערב, זייט 7).

„זאָל דאָס נישט קלינגען ווי אַ גוזמא. ס'איז דאָ אַ מדרש, אַז גאָט האָט אָנ־געהויבן די עשרת־הדברות מיט אָנכי, וואָס איז עגיפּטיש, און נישט לשון־קודש.

„האָט געזאָגט רבי נחמיה: „וואָס איז דאָס, וואָס אָנכי איז גאָר אויף מצרישן לשון? ס'איז אַ משל אויף אַ מלך אַ בשר ודם, וואָס זיין זון איז געפאַנגען געוואָרן און ער איז אָפּגעווען אַ לאַנגע צייט ביי די שבאין. דער מלך איז סוף־כל־סוף אַוועק און אים צוריקגעבראַכט. ווען ער האָט געוואָלט רעדן מיט אים, האָט ער דאָס געטאָן אויפן לשון פון די שבאין. אַזוי האָט אויך געטאָן דער רבונו־של־עולם: די ייִדן האָבן געוווינט אַזאַ לאַנגע צייט אין מצרים, אַז זיי האָבן זיך צוגעוווינט צו רעדן מיצריש. ווען גאָט האָט זיי אויסגעלייזט און ער איז געקומען זיי געבן די תורה, האָט ער געזאָגט: „איך וועל רעדן צו זיי מיצריש, אָנכי — אַנוך" (ילקוט שמעוני, יתרו, רפו).

„פאַראַן נאָך אַ מדרש, אַז ייִדן האָבן זיך שטאַרק אַסימילירט אין מצרים.

„ר' יהושוע בשם ר' חנן אמר, ר' יהושוע אין נאָמען פון ר' חנן האָט געזאָגט: „עס שטייט אין פסוק: צי האָט וועלכער עס איז גאָט געפּרובירט אַרויסנעמען פאַר זיך גוי מקרב גוי, אַ פאָלק פון צווישן אַ פאָלק? עס שטייט נישט „גוי מקרב עם" אָדער „עם מקרב גוי", נאָר „גוי מקרב גוי", צוויי זעלביקע ווערטער (אין תנ"ך ווערן אַלע מאָל גענוצט סינאָנימען, ס'מיינט פאַרשידענע ווערטער פון זעלביקן באַטייט — ש. ס.), ווייל די דאָזיקע זענען געווען נישט קיין געמלטע און די אַנדערע זענען געווען נישט קיין געמלטע; ווייל די דאָזיקע האָבן געטראָגן טשובן (בלוריות, אַ ספּעציעלער געצנדינערישער וועג צו שערן די האָר) און די אַנדערע האָבן גע־

טראָגן טשובן; די האָבן געטראָגן שעטנז און די אַנדערע האָבן געטראָגן שעטנז (שיר השירים. רבה ב׳, ו׳).

„ס׳איז אַ גרויסע פראַגע, צי דאָס איז אַ פּינקטלעכע אָפּשאַצונג פון גלות מצרים, אָבער עס איז אַ גענויע באַשרייבונג פון אַ יידישן גלות.

„אַן אַנדער מדרש דערציילט, אַז די יידן אין גלות מצרים האָבן נישט געביטן זייערע נעמען, זייער לשון, נישט אַנטפּלעקט זייערע סודות צו די מצריים און אָפּ־געהיט מילה; אַ סתירה צו יענע מדרשים, וואָס זאָגן, אַז יידן האָבן גערעדט עגיפּ־טיש און זיך אויפגעפירט ווי עגיפּטער און בכלל זיך אויסגעמישט, אַסימילירט מיט די עגיפּטער, — ביידערעליי מדרשים זענען אַן אָפּשפּיגלונג פון יידישע גלותן. עס זענען געווען גלותן, ווו יידן האָבן געלעבט ווי אַן אַבסאָלוט אָפּגעזונדערט פאָלק, מיט אַן אייגן לשון, אייגן קליידונג און אייגענע נעמען און עס זענען געווען גלותן, ווו יידן האָבן זיך אַסימילירט אויסערלעך מיט דער הערשנדיקער באַפעלקערונג. אָבער אַפילו אין דעם גלות, ווו יידן האָבן נישט געהאַט קיין קאָנטיקע סימנים פון אָפּגעזונדערטקייט, זענען זיי דאָך מיט עפּעס געבליבן אָפּגעטיילט פון דעם אַרו־מיקן הערשנדיקן פאָלק. יידן זענען געבליבן אַן אומה באַזונדער, אַ פאָלק אין אַ פאָלק.

„אַזוי האָבן זיך יידן געהאַלטן און אַזוי האָט זיי אָנגענומען די הערשנדיקע אומה: צוויי באַזונדערע פעלקער.

„וויסן מיר אָבער, אַז זינט וועלט איז וועלט, האָבן פעלקער נישט געלעבט צווישן זיך אין פרידן. קנאה און שנאה, קאָנקורענץ און פאַרמעסט אין כוחות; אָנפאַלן אויף פעלקער צוליב רויב און מלחמות צוליב עקספּאַנסיע און באַרויבונג. גאָרנישט זעלטן מלחמות צוליב לוסט פאַר מאַכט, פּרעסטיזש און אמונה־קנאות. אַ סך זעלטענער צוליב עקאָנאָמישער נויטווענדיקייט. איבערהויפּט זענען געפירט געוואָרן ביטערע מלחמות צווישן שכנישע פעלקער. אין דער גאַנצער וועלט־גע־שיכטע זענען געווען זעלטענע פאַלן פון שכנישע פעלקער, וואָס האָבן צווישן זיך געלעבט אין פרידן אַ לאַנגע צייט. אין דער מאָדערנער צייט זענען די אויסנאַמען: די סקאַנדינאַווישע פעלקער און דערהויפּט דאָס פרידלעכע צונויפלעבן צווישן אַמעריקע און קאַנאַדע.

„די שנאה צו די יידן איז טאַקע געווען גאָר אַ סך צוליב רעליגיעזע טעמים. די רעליגיעזע שנאה איז געווען איינע פון די הויפּט־עלעמענטן פון דעם גרויסן פעלקער־האַס צו יידן. אָבער דער מקור, מיין איך, איז געווען דער נאַטירלעכער אַנטאַגאָניזם, וואָס איז דאָ אומעטום און אַלעמאָל פון פאָלק צו פאָלק. די דאָזיקע געוויינטלעכע שנאה פון פאָלק צו פאָלק איז בנוגע יידן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אינטענסיוון האַס, ווייל דאָס פרעמדע פאָלק, דאָס יידישע פאָלק, האָט אַלעמאָל

געלעבט אין מיטן פון אַנדערע פעלקער, אומעטום און אַלעמאָל אין דעם אײנגעװייד פון אַן אַנדער פאָלק — „גוי בקרב גוי״.

„צו דעם אינטענסיװן האַס פון די הערשנדיקע פעלקער צום אײגנאַרטיקן פאָלק, װאָס האָט געלעבט צװישן זיי, איז צוגעקומען די זעלביקע קנאה און שנאה, קאָנקורענץ און פאַרמעסט אין כוחות, װאָס איז דאָ צװישן אַנדערע פעלקער. דער־צו איז נאָך געװען אַ גרויסער עודף — די רעליגיעזע אַנדערשקייט און פאַראַכ־טונג צו אַ פאָלק, װאָס שטעלט זיך נישט אַקעגן, װאָס שלאָגט נישט צוריק.

„אין דער פאַראַכטונג איז געװען אַריינגעמישט אַ היפּש ביסל שרעק, שרעק פאַרן מאָדנעם פרעמדן פאָלק, װאָס װױנט אין נאָענטער שכנות אַזוי לאַנג, איז אַ טייל פונעם לאַנד, און דאָך בלייבט עס ביי זיין עקשנותדיקער פרעמדקייט. ס׳איז אויך געװען אַ היפּשע מאָס קנאה, קנאה צו אַ געזעמל, װאָס איגנאָרירט אַלע אַטרי־בוטן װאָס באַצייכענען אַ פאָלק: לאַנד, פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט, אייגן לשון, אַרמיי און פאָן. כמעט אָן באַשטימטע באַצייכענונגען, װאָס מאַכט אַ פאָלק, — דאָך איז דאָס געזעמל געבליבן איינהייטלעך, װי אַלע עטנישע פעלקער; און די װייטסטע שבטים פון איר שטאָם האָבן צװישן זיך געמיינשאַפטלעכס, װאָס פאַראייניקט זיי. אַזאַ קנאה קען גרינג ברענגען צו אַ ברענענדיקן האַס, און עס איז טאַקע אַזוי געװען.״

„די רוימער, די גריכן, די טעװטאָנישע שבטים; שפּעטער — די ענגלענדער, פראַנצויזן, שפּאַניער און טיילװייז אַנדערע פעלקער, האָבן קאָלאָניזירט לענדער, זיך באַזעצט אין זיי און געגרינדעט „פּאָליסן״ — זעלבשטענדיקע ישובים, אָפּגע־זונדערט פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג. װען זיי האָבן פאַרכאַפּט אַ לאַנד מיט אַ באַדייטנדיקער באַפעלקערונג, װאָס זיי האָבן נישט געקאָנט אויסראָטן, האָבן זיי זיך סוף־כל־סוף אויסגעמישט מיט דעם אָרטיקן פאָלק און געװאָרן איינס מיט זיי, און דאָס מוטער־פאָלק האָט זיי פאַרלוירן; האָבן זיי פאַרנומען אַ נישט צופיל באַפעלקערט לאַנד, האָבן זיי טיילװייז אויסגעראָטן די אָרטיקע איינװױנער. אָבער עס האָט גאָר לאַנג נישט גענומען, און די זיגער, אָדער די קאָלאָניזאַטאָרן זענען געװאָרן אַ באַזונדער פאָלק און זיך אָפּגעריסן פונעם מוטער־פאָלק. גוטע ביישפּילן זענען דער אויפקום פון די מערסטע אייראָפּעיִשע פעלקער און די נישט־לאַנג געגרינדעטע מלוכות פון די פעלקער אין די אַמעריקעס.

„די יידישע מעטאָדע פון קאָלאָניזאַציע איז געװען די געטאָ, דאָס לעבן אין שכנות ביי אַ הערשנדיק פאָלק. דער ערשטער גלות, גלות מצרים, איז געװען דער פּראָטאָטיפּ, דער מוסטער. ס׳איז שװער צו זאָגן, צי יידן האָבן עס לכתחילה גע־טאָן אויסגערעכנט, אָבער עס קוקט אויס, אַז אין דעם דאָזיקן אינסטינקטיװן פּראָ־צעס איז געװען אַ באַשטימטע מאָס פון אַ באַװוסטזיניקן געדאַנקען־גאַנג. װען זיי האָבן דערװאָרבן פאַר זיך אַ לאַנד אויף אַזאַ אופן, אויף דעם גאַנג צו לעבן אין אַ

געטאָ, אין שכנות ביי אַ הערשנדיק פאָלק, האָבן זיי זיך ראשית באַפרייט פון אַ סך געזעצלעכע רשעות: אַרמיי, פּאָליציי, טורמע־וועכטער, תּלינים און אַמאָליקע ציינזן־מאַנער; קטיגורים, פּראָקוראָרן, און געהיים־פּאָליציי. שנית, און דאָס איז דער עיקר, זיי האָבן זיך באַפרייט פון אַ טאָטאַלער צוגעבונדנקייט צו אַ באַשטימט שטיקל ערד. זייער עקסיסטענץ איז נישט געווען אָפּהענגיק פון דער פּאָליטישער עקסיסטענץ פונעם באַשטימטן „פּאָליס". דאָס לעבן בשכנות האָט זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט איינצופירן אַן אַבסטראַקט־פאָלקיש לעבן, וואָס האָט געצויגן די יניקה פון דער גאָט־אידעע. די צוגעבונדנקייט צו אַן אידעע, וואָס איז איבער לאַנד און מלוכה, האָט דערמעגלעכט צו געבן אַ ספּעציפישן געמיינשאַפטלעכן קאָ־לאָריט צו די צעשפּרייטע שבטים פונעם פאָלק און זיי געהאַלטן פאַראייניקט, נישט געקוקט אויף זייער פאַרשידנאַרטיקייט, ווייל זיי האָבן דאָך געלעבט אין פאַרשידענע ציוויליזאַציעס און אין פאַרשידענע קולטורן. יידן, מעג מען זאָגן, האָבן לכתחילה אויפגעגעבן דאָס רעכט פון אַ פאָלק, וואָס „פאַרנעמט" אַ לאַנד און בכוונה אויפגעגעבן די יסוד־עלעמענטן, וואָס כאַראַקטעריזירן אַ פאָלק ווי אַן איינהייט, כדי צו בלייבן אויף אייביק אַן אייגנאַרטיק באַזונדער פאָלק.

„די נישט־יידישע פעלקער האָבן אָנערקענט דאָס רעכט פון די יידישע שכנים צו פאַררעכנט ווערן ווי אַ באַזונדער פאָלק, אַ פאָלק אין אַ פאָלק.

„אָבער מיט אַ פרעמד פאָלק, איבער־הויפּט מיט אַ שכנותדיק פאָלק, פירט מען ביטערע מלחמות. אַ באַזיגט פאָלק באַהאַנדלט מען נישט ווי קיין גלייכן. די פעל־קער אַרום האָבן געהאַלטן די יידן ווי אַ פרעמד, שכניש, באַזיגט פאָלק. האָבן די זיגרייכע פעלקער צוגענומען, אָדער באַגרענעצט זייערע ציווילע און פּאָליטישע רעכט, געמאַכט שווערע עקאָנאָמישע אויסנאַם־געזעצן פאַר זיי. אין אומרויקע צייטן זענען געווען הריגות און גאָר אָפט גירוש. אָבער ביז אונדזער תקופה האָט מען יידן קיינמאָל נישט געשטעלט אויסערן געזעץ און זיי קיינמאָל נישט פאַרמשפּט צו טאָטאַלער אויסראָטונג. מיט אייגענע אָפּנייגער זענען די אייראָפּעיִשע פעלקער זיך באַגאַנגען אַ סך גרויזאַמער, למשל: די אַלביגאַנצעס האָט מען אַזוי גרינטלעך אויסגעראָט, אַז מיר וויסן אַפילו נישט די גרונט־יסודות פון זייער אַפּיקורסיש־קייט. מיט יידן אָבער איז דער קאַמף אָנגעפירט געוואָרן ווי אַ מלחמה מיט אַ באַזונדער פאָלק. ווי אַ באַזיגט פאָלק, האָט מען עס אַוועקגעשטעלט אין אַ ספּעצ־יעלער אויסנאַם־קאַטעגאָריע אָבער נישט מער.

„נישט אַלע יידישע דענקער האָבן געזען דעם גלות ווי בלויז אַ קללה. זאָגט דער רבינו בחיי:

„אויב מען זאָל קוקן מיט אמתע אויגן אויף אונדזער לאַגע צווישן די פעל־קער אין דער צייט פון גלות און דאָס איינשטעלן פון אונדזערע באַשעפטיקונגען, קאָן מען זען, אַז הגם מיר זענען נישט מסכים מיט זיי, סיי עפנטלעך און סיי באַ־

האַלטענערהייט (בסתר ובגלוי) און זיי ווייסן עס. דאָך איז אונדזער לאַגע, אין שייכות צו פּרנסה און שפּייז, אַ בעסערע ווי זייערע. אפשר איז אויך אונדז אַ סך בעסער אין צייטן פון מלחמות און אומרוען. מען קאָן אויך באַמערקן אַז זייערע מיטלמעסיקע (מיטלקלאַס, בינונים) און דאַרפסלייט האָרעווען אַ סך שווערער ווי אונדזערע מיטלמעסיקע און אָרעמעלייט (חובת הלבבות, שער הבחינה, פּרק ה׳, כמעט צום סוף).

„ס׳איז אַ גאַנץ ריכטיקע אָפּשאַצונג פון אַ סך תקופות אין גלות. נישט אַלעמאָל ווערט אַ באַזיגט פאָלק געטרעטן און פאַרפאָלגט, און נישט אַלעמאָל איז דאָס באַזיגטע פאָלק אין אַן ערגערער לאַגע ווי דער זיגער.

„אָבער אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דאָס דייטשע פאָלק גוזר געווען אויף אונדז טאָטאַלע אויסראָטונג. זיי האָבן אינגאַנצן נישט דורכגעפירט זייער פּלאַן, ווייל זיי זענען צעשלאָגן געוואָרן, אָבער זיי איז געלונגען אויסצושיסן, פאַרגאַזן און אומברענגען דורך אַנדערע מיטלען אַ דריטל פון אונדזער פאָלק. דאָס שוידערלעכסטע איז, וואָס די שכנים־פעלקער: די פּאָליאַקן, די ליטווינער, מיט די אוקראַינער בראש, האָבן זיי היפּש צוגעהאָלפן. די אַנדערע שכנים־פעלקער זענען אויך נישט אינגאַנצן ריין פון זינד. פרעגט זיך: וואָס זענען די געזעלשאַפטלעכע כוחות, וואָס האָבן געקאָנט ברענגען צו אַזאַ אומגליק? וואָס איז געשען, וואָס דווקא איצט, ווען רעליגיע האָט אויפגעהערט צו שפּילן די הויפּט־ראָלע אין לעבן, האָט זיך די שנאה צו יידן פאַרשטאַרקט אַזוי, אַז עס האָט דערפירט צו אויסראָטונג? די פּאָליאַקן, די ליטווינער, די אוקראַינער האָבן געהאָלפן זייער שונא, דעם דייטש, אויסצוראָטן יידן, וואָס האָבן זיי געהאָלפן צו קעמפן קעגן דעם דייטש. פאַרוואָס?

„די הויפּט־סיבה איז געווען די נייע אייראָפּעיִשע אמונה — נאַציאָנאַליזם.

„ביז דער מאָדערנער צייט איז דער איינשטעל אין אייראָפּע געווען נישט קיין נאַציאָנאַליסטישער. די מענטשן פון ימי הבינים, פון מיטלעלטער, זענען געווען נאַיִווע, גלייביקע און זייער גלויבן האָט פאַרמאָגט אַ פרישקייט און אַן ערנסטקייט, וואָס פאַר אונדז איז זיך דאָס שווער פאַרצושטעלן. די אייניקייט פון דער מענטשהייט, דער אוניווערסאַליזם פון יענער צייט, איז נישט געווען אינגאַנצן קיין אויסגעטראַכטער, ווי אַ סך היסטאָריקער האַלטן.

„ס׳איז געווען כמעט אַן אוניווערסאַלע איינשטימונג וועגן די יסודות פון דעם מענטשנס געדאַנק און גלויבן, וואָס פאַרמירן דעם יחידס טאָג־טעגלעך לעבן אינעם געזעלשאַפטלעכן איינשטעל. קאַטאָליציזם איז נישט נאָר געווען די איינציקע קירך פון יענער צייט, נאָר עס איז אויך געווען די הויפּט־אינספּיראַציע פאַר קונסט, דער עיקר־קוואַל פאַר דערציִונג און דער איינציקער יסוד פאַר אַלע פילאָסאָפיעס, וויסנשאַפטן, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע טעאָריעס. אַלע מענטשן האָבן

געוווסט דעם איינצאונאיינציקן אמת וועגן דער מענטשלעכער דראַמע, פון דער יצירה ביז דעם אָנקומענדיקן לעצטן יום־הדין. ס'איז פאַר זיי געווען אויסגעלייגט אין תנ״ך און אין ברית חדשה (נייעם טעסטאַמענט).

„אין יענע צייטן איז אויך געווען אַן ענלעכקייט צווישן אַלע סאָציאַלע אינ־סטיטוציעס. דער קולט פון ריטערשאַפט איז געווען אָנגענומען אומעטום און דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער געבוי איז געווען אָפּהענגיק פון דער שווערער פראַצע פון דעם לייבקנעכט און פויער, צוגעבונדן צום שטיקל ערד פונעם דאָרף. אין גאַנץ אייראָפּע זענען געווען איינגעשטעלט די זעלביקע ליטעראַרישע און קונסט־פאָרמעס. אַפילו די זעלביקע לעגענדעס זענען אומעטום איבערדערציילט געוואָרן. לאַטיין איז געווען דאָס אוניווערסאַלע לשון פון די געבילדעטע מענטשן. עס זענען נישט געווען קיין שטרענג־אָנגעצייכנטע נאַציאָנאַליטעטן, קיין איינגעשטעלטע גע־מאַרק־ליניעס פון לענדער, קיין באַוואָפנטע גרענעצן און קיין פּאַספּאָרטן. סוחרים, סטודענטן, וואַנדערנדיקע אַקטיאָרן, קונצנמאַכערס, פּעדלערס, זינגערס, בריוו־שרייבער, מאָנאַכן, וואָס האָבן מוחל געווען עבירות, האָבן געוואַנדערט פון געגנט צו געגנט. דאָס האָט געגעבן דעם זעלביקן ספּעציפישן כאַראַקטער און קאָלאָריט צו גאַנץ אייראָפּע.

„דער מענטש פון מיטלעלטער איז געווען אַ קנאַפּער לאָקאַלער פּאַטריאָט. צום אַלעם ערשטן האָט ער זיך געהאַלטן פאַר אַ קריסט און דערנאָך ערשט האָט ער זיך פאַררעכנט ווי אַ מיטגליד פון אַ ספּעציפיש פאָלק, אָדער — אַן איינוווי־נער פון אַ ספּעציעלן לאַנד, אָדער פון אַ באַשטימטער געגנט. אַוודאי האָט ער פאַר־מאָגט אַ מאָס שטאָלץ און קנאות פאַר זיין פאָלק און געגנט, אָבער ער האָט גע־האַט ווייניק פונעם היינטיקן ליידנשאַפטלעכן, גרויזאַמען נאַציאָנאַלן פאָראורטייל. אין יענע צייטן האָט מען פאַרפאָלגט מענטשן צוליב זייערע גלויבנס, צוליב אַפּי־קורסישקייט, אָבער נישט צוליב זייער ראַסע, אָדער נאַציע. דער מענטש פון מיטל־עלטער איז געווען אַן אוניווערסאַליסט. אמת, ס'איז געווען אַ באַגרענעצטער או־ניווערסאַליזם, נאָר פאַר די אייגענע, פאַר די אמת־גלייביקע. דאָך איז דער דאָזי־קער באַגרענעצטער אוניווערסאַליזם געווען אַ סך ווייניקער פּראָווינציעל פונעם היינטיקן פּאַטריאָטיזם, וואָס האָט פאַרנומען זיין אָרט. (זע באריכות וועגן דעם ענין אין מעדיוול פּאַנאָראַמאַ פון ג. ג. קאָלטאָן).

„אין דער דאָזיקער רעליגיעזער וועלט זענען יידן מיט זייער אמונה געווען גלייכע צווישן גלייכע. אמת, מען האָט זיי פאַרפאָלגט ווי אַ פרעמד, באַזיגט פאָלק, אָבער אין אַ מלחמה מיט אַן אַנדער פאָלק, אַפילו ווען מען איז דער זיגער, לייגט מען בלויז אַרויף צינזן אויפן באַזיגטן פאָלק, אָדער מען שאַפט פאַר אים אויס־נאַם־געזעצן. אַנישט מאַכט מען די באַזיגטע פאַר האָלצהעקער און וואַסער־שעפּער,

אָבער אויסראָטן ראָט מען עס נישט אויס. אמת, אין דער וועלט־געשיכטע זענען געווען אויסנאָמען.

„ס׳איז געווען נאָך אַ פּאַקטאָר, וואָס האָט צוריקגעהאַלטן סיי די מאַכמעדאַנער און סיי די קריסטן פון אומברענגען די ייִדן — דער רעליגיעזער עלעמענט: ביידע אמונות זענען געבויט אויפן תנ״ך. קריסטנטום האָט לויטן באַנעם פון ברית החדשה, דעם נייעם טעסטאַמענט, אָפּגעירשנט דעם ייִדישן אתה בחרתנו, די גייסטיקע העגעמאָניע. דעם זיגער איז געגאַנגען אין לעבן, אַז דער באַזיגטער זאָל עס צוגעבן און דעמאָלט וועט קומען פאַר דעם זיגער די וועלט־דערלייזונג.

„אין די גרויסע קירכעס איז די פאַרהייליקטע אומטאָלעראַנץ צו די ייִדן פאַרפּיקסירט געוואָרן אין סטאַטועס. אין דעם אַריינגאַנג פון דער קירך איז אין אַ ווינקל געשטאַנען אַ סטאַטוע פון דער זיגרייכער קירך, אין דער האַנט אַ פאָן פון טריומף, און אָקעגן איר, אין אַ נישע, איז געשטאַנען אַ סטאַטוע פון דער באַזיגטער סינאַגאָגע, אַ פרוי מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, די אויגן פאַרבונדן און אין דער האַנט אַ צעפּטער־שטעקן, וואָס ברעכט זיך.

„אין דעם קריסטלעכן און מאַכמעדאַנישן רעליגיעזן איינשטעל, אין זייער קאַמף מיט די ייִדן, זענען דווקא די ייִדן געווען ביי זיך אין די אויגן די מיוחסים: זייער אמונה איז די עלטערע און דערצו האַלטן דאָך ביידע ייִנגערע אמונות, אַז די ייִדן זענען געווען די ערשטע, צו וועמען עס איז אַנטפּלעקט געוואָרן דער געטלעכער אמת. די נייע אמונות האָבן טאַקע די מלוכה־מאַכט און דעם כוח פון דער מדינה הינטער זיך, צו פאַרשעמען און צו דערנידעריקן דאָס ייִדישע גלויבן, אָבער באמת זענען זיי גאָרנישט אַזוי זיכער ביי זיך. אַ סימן, זיי האַלטן זיך איז איין יאָגן, אַז די ייִדן זאָלן מסכים זיין צום נייעם גלויבן און צוגעבן, אַז זיי זענען באַזיגטע. רק זיי ווילן אָפּשמדן די קינדער פון אַברהם.

„מיט דעם כוח פון גלויבן, אַז זיי זענען נישט קיין באַזיגטע, נאָר אַ באַזונדער פאָלק, וואָס וויל זיך נישט פאַררעכענען צווישן אַנדערע פעלקער, האָבן ייִדן אַפילו אויפגעבויט מלוכה־געטאָס — שטעטלעך, וואָס זענען געווען ממש אַ מלוכה אין אַ מלוכה. עס לעבן נאָך אַ סך ייִדן, וואָס האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט אין די דאָזיקע אויטאָנאָמישע מלוכות, וואָס זענען נישט געווען סאַנקציאָנירט פון דער נישט־ייִדישער רעגירונג. נישט די ייִדן האָבן געפאָדערט פון דער גויִשער מלוכה, אַז זי זאָל אויסהאַלטן זייערע אינסטיטוציעס און די מלוכה האָט אַפילו נישט געטראַכט וועגן דעם: ייִדן האָבן אָרגאַניזירט זייער אייגענע דערציִונג פון קינדער, הילף פאַר אָרעמע און קראַנקע, אויסגעהאַלטן זייערע פונקציאָנערן, די רבנים און שוחטים און אַנדערע כלי־קודש און קיינמאָל זיך נישט געמשפּט ביי די גויִשע ריכטער. דער רב האָט נישט געהאַט קיין שום געזעצלעכע סאַנקציע און מאַכט, און דאָך האָט מען אויסגעפאָלגט זיין פּסק־דין.

„מיר, ייִדן, האָבן געלעבט אין שכנות מיטן הערשנדיקן פאָלק, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, ממש אין שכנות, דאָך האָבן ייִדישע קינדער נישט געהאַט קיין שום אַנונג פון דער הערשנדיקער קולטור און פון דער הערשנדיקער אמונה. ייִדן האָבן זיך געקליידט אַנדערש פונעם הערשנדיקן פאָלק, געגעסן אַנדערע מאַכלים, געהאַט אַנדערע מנהגים און מאַניערן. עס זענען געווען גרויסע טיילן פונעם ייִדישן פאָלק, וואָס האָבן קיין אַנדער לשון, חוץ ייִדיש, נישט געקענט. די קינדער אין די שטעט־לעך, כמעט אַלע אָן אויסנאַם, האָבן גערעדט צווישן זיך אַ ייִדיש לשון. ייִדן, אין שכנות מיטן הערשנדיקן פאָלק, און דאָך אַ פאָלק, וואָס האָט געלעבט באַזונדער. דער ייִדישער גלויבן האָט דאָס אַלץ געשאַפן.

„אַזוי איז אָנגעגאַנגען ביז דער אויפקלערונג־עפּאָכע אין אייראָפּע. פּאַקטיש האָט זיך עס נאָך אָנגעהויבן אין דער רענעסאַנס־עפּאָכע, און ווען די אויפקלע־רונג, די השכלה האָט דערגרייכט די געדיכטע ייִדישע באַפעלקערונג, האָט זיך ייִדיש לעבן אינגאַנצן געבראָכן.

„פריִער דער רענעסאַנס און דערנאָך די אויפקלערונג־עפּאָכע, האָבן אונטער־געגראָבן אין אייראָפּע די יסודות פון דער אמונה בכלל און בפרט דעם נאַיִוון פאָלקס־גלויבן. און דער עיקר, סעקולאַריזם האָט איבערגענומען די אויטאָריטעט פון דער אמונה אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן.

„די השכלה־מענטשן האָבן אַרויסגעבראַכט און באַטאָנט דעם געדאַנק פון דעם אידעאַל פון טאָלעראַנץ, פרייען געדאַנק און ראַציאָנעלע צושטימונג. אָבער די מענטשן פון אויפקלערונג האָבן איבערגעשאַצט די ווירקונג און מאַכט פון ראַציאָ און וויסן, און אונטערגעשאַצט די מאַכט פון שבטים־סענטימענט און המונישע אַבערגלויבנס, דעם טיף נישט־ראַציאָנעלן אימפּולס, דעם מקור פון איראַציאָ־נעלער אויפפירונג און באַנעמיקייט.

„אַ נייער גלויבן איז אויפגעקומען, אַ נייער גאָט, דער שטאַט, די אמתע רע־ליגיע ביים הייַנטיקן מענטשן איז דער נאַציאָנאַליזם. אינעם מאָדערנעם אייגגע־שטעלטן פּאַטריאָטיזם איז די ערשטע לאָיאַליטעט נישט צו גאָט און נישט צו דער מענטשהייט, אָדער צום מענטשן, — נאָר צו דער נאַציע.

„דער שטאַט איז דער אייַנציקער זעלבסטשטענדיקער ווערט פון אונדזער דור; „דער שטאַט איז אַ זעלבסט־תכלית, אַן ענדציל פאַר זיך אַליין, נישט אָפּהענגיק פון קיין געזעץ, אַ חוץ זיינע אייגענע אינטערעסן", אַזוי האָט דעפינירט אַ סופּער־פּאַטריאָט שטאַטיסט די וויכטיקייט פון מדינה. ס'איז אפשר אַן איבערגעטריבענע מיינונג. אָבער גאָר אַ גרויסער טייל פון הייַנטיקן דור איבער גאָר דער וועלט האָט אָנגענומען די דאָזיקע דעפיניציע פאַר זיין קרעדאָ.

„די השכלה, וואָס איז געקומען צו ייִדן שפּעטער, ווי צו די אייַנוווינער פון מערב־אייראָפּע, האָט אויך ביי ייִדן אונטערגעגראָבן די רעליגיעזע יסודות בכלל

און די פאָלקס־אמונה — בפרט. די ייִדן האָבן דעמאָלט אָנגענומען דעם אייראָפּעיִשן נאַציאָנאַליזם, וואָס האַלט, אַז אַ פאָלק איז בלויז יענע עטנישע גרופּע, וואָס איז צוגעבונדן צו אַ שטיקל ערד. חוץ נאַציאָנאַליזם האָט דער נישט־גלייביקער ייִד נישט געהאַט קיין אַחיזה און באַרעכטיקונג פאַר זיין ייִדישקייט. דער נישט־גלייביקער ייִד איז געוואָרן די מערהייט פונעם פאָלק, און ער האָט מיט זיין נאַציאָנאַליזם, זיך שוין מער נישט געפילט ווי אַ גלייכער צווישן גלייכע. דאָס ייִדישע פאָלק האָט דאָך נישט געהאַט קיין לאַנד. איז עס דעריבער אַ שפּל־פאָלק. ייִדישקייט איז אין זיינע אויגן נישט געווען קיין אידייע, וואָס איז איבער לאַנד, נאָר — ייִדן זענען אַ פאָלק, ווי אַלע פעלקער. וויבאַלד אַזוי, איז די גאַנצע ייִדישע אמונה מיט איר צערעמאָניאַל, ריטואַל און עטיק, געוואָרן נישט מער ווי אַ מיטל, אַ נאַציאָנאַל מיטל, וואָס ייִדן האָבן באַוווסטזיניק געשאַפן פאַר זייער קיום. ייִדישע אמונה ביים ייִדישן ספּעקולאַריסט איז מער נישט געווען די טרייב־קראַפט פאַר ייִדישער אַנדערשקייט, נאָר דער רצון פונעם פאָלק צו בלייבן לעבן אונטער אַלע אומשטענדן. דאָס איז געווען די טרייב־קראַפט, וואָס האָט געשאַפן די רעליגיע ווי אַ במקום פון לאַנד. איצט, אַז די ייִדן האָבן אויסגעפונען „דעם אמת", נעמלעך, אַז אמונה איז נישט מער ווי בלינדער אַבערגלויבן און דאָס פאָלק קען זיך שוין מער נישט האַלטן ביים אַלטן צערעמאָניאַל און גלויבן, מוז מען דעריבער איינקריגן אַ לאַנד. מיר מוזן ווערן אויס וואַנדער־פאָלק.

„ביי די פעלקער אַרום איז פאַרשטאַרקט געוואָרן די שנאה צו ייִדן. „אַ שטאָטלאָז פאָלק האָט נישט קיין באַרעכטיקונג צו לעבן ווי אַ באַזונדער פאָלק. חוץ שטאָטלאָז, זענען נאָך די ייִדן גאָטס מערדער, — זענען זיי צווייפאַכיק פאַרמשפּט צום טויט".

„ייִדן האָבן אויך מסכים געווען, אַז אַ שטאָטלאָז פאָלק האָט נישט קיין באַרעכטיקונג צו לעבן ווי אַ באַזונדער פאָלק. ייִדן דאַרפן זיך נישט פּלאָנטערן צווישן די פיס פון די פעלקער.

„דערצו האָבן אַ סך נישט־ייִדן געהאַלטן, אַז „זינט דעם סוף פון דער שפּאַניש־אַראַבישער תקופה, האָבן ייִדן, ווי אַ פאָלק, אויפגעהערט צו זיין אַ קולטורעלער כוח אין אייראָפּע". אויב ווירקן, האָבן זיי געווירקט ווי יחידים. אַ סך ייִדן זענען מסכים געווען מיט דעם דאָזיקן געדאַנק. ייִדן זענען געוואָרן איבעריקע אין אייראָפּע אין זייערע אייגענע אויגן און אין די אויגן פון די נישט־ייִדישע פעלקער.

„מיר האָבן נישט געקענט פאַרויסזען דאָס קומענדיקע אומגליק, וואָס גרייט זיך אויף ייִדן אין אייראָפּע, ווייל עס איז נישט געווען נאָך אַזאַ אַנאַלאָגיע אין דער ייִדישער געשיכטע. מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען די גרויזאַמקייט, וואָס די נייע אמונה, נאַציאָנאַליזם, איז בכוח דורכצופירן. אַנטייטן זענען געווען — דאָס אומ־

ברענגען קרוב אַ מיליאָן אַרמענער פון די טערקן, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה; די גרויזאַמע שחיטות אויף ייִדן אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד אין דער צייט פון בירגער־קריג. די שחיטות זענען דורכגעפירט געוואָרן פון מדינה־פּאַטריאָטן, אוק־ראַינער, אָדער רוסן. ס׳איז נישט געווען צוליב רעליגיעזע טעמים. די אַלטע רע־ליגיעזע שנאה האָט זיך נאָר פאַרטאָפּלט דורך דער נייער אמונה פון נאַציאָנאַליזם.

„די נייע אמונה פון נאַציאָנאַליזם איז געוואָרן שטאַרקער און שטאַרקער אי־בער גאָר דער וועלט. די פאָן פון אַ מדינה איז געוואָרן דער סימבאָל פון דעם נייעם גאָט. מע האָט באַשטראָפט פאַר גרינגשעצונג צו דער פאָן, ווי אַמאָל פאַר גאָט־לעסטערונג. אין סופּער־פּאַטריאָטישע לענדער — טאַקע מיט דער זעלביקער שטרענגקייט.

„ווען דער זאָאָלאָגישער נאַציאָנאַליזם האָט אויסגעבראָכן אין דייטשלאַנד און דער ימח־שמוניק האָט פאַרטראַכט צו גרינדן אַן איינהייטלעכן דריטן רייך, וואָס וועט באַהערשן גאַנץ אייראָפּע, האָט ער זיך אָריענטירט אויף ריינער ראַסע; קאָמ־בינירט שטאָט מיט ראַסע. אין אַזאַ איינשטעל איז נישט געווען קיין אָרט פאַר ייִדן. זיי וואָלטן געווען אַ פּגם אין דער גאַנצקייט פון דער מדינה. האָט דער ימח־שמור־ניק אָפּן גוזר געווען פאַרלענדונג אויף ייִדן. אין האַרצן האָבן די פעלקער אַרום שטיל מסכים געווען. די טעאָלאָגישע קעגנערשאַפט צום ייִדישן אומקום איז מער נישט געשטאַנען אין וועג. ייִדן האָט מען איצט געוואָלט אומברענגען נישט אין נאָמען פון אמונה, נאָר צוליב די אינטערעסן פון שטאָט. די אָקומולירטע טויזנט־יעריקע שנאה און פאַראַכטונג צו ייִדן, וואָס קריסטנטום האָט איינגעפלאַנצט ביי זיינע פאַרפאָלגער, האָט צוגעגרייט די אייראָפּעיִשע פעלקער צו אַכזריות און אומ־מענטשלעכקייט. דער נאַציאָנאַלער האַס צו ייִדן פאַר זייער עקשנות און זעלבס־שטענדיקייט פון אַ פאָלק אין אַ פאָלק איז אויסגעבראָכן מיט אַ ווולקאַנישער טעמפּאָ.

„אַ נייע אמונה מיט אַ נייעם געץ און אַ נייע טיפע קנאות.

„און איצט זאָג איך דיר, שלמה בר׳ ירוחים, וואָס האָסטו געוואָלט? האָט דער כביכול געזאָלט ענדערן דעם גאַנצן גאַנג פון דער געשיכטע צו פאַרמיידן דעם אומגליק? דער גאַנצער גאַנג פון דער אייראָפּעיִשער געשיכטע פון דעם רענעסאַנס אָן האָט געפירט צו דעם דאָזיקן אומגליק. „עולם כמנהגו נוהג״, די וועלט מוז זיך פירן לויט איינגעשטעלטע געזעצן. אָבער לויט אונדזער ייִדישן גלויבן וועט דער רשע מוזן אָפּגעבן דין־וחשבון. נאָר געדענק! מיר ייִדן זענען אַ טייל פון דער וועלט און אויך אויף אונדז איז חל דער איינשטעל פון די געזעלשאַפטלעכע גע־זעצן ווי די נאַטור־געזעצן. האָב נישט קיין טענות צו גאָט. ער איז נישט דער מקור פון רשעות. די מענטשן זענען דער מקור. ייִדן, חזר איך איבער, זענען אַ טייל פון דער וועלט.

איך־דו: — מיר האָבן דיר, זלמן, די גאַנצע צייט נישט איבערגעשלאָגן די

רייד. אָבער דו וואָרפסט פּאַרט אָן אַ פּחד מיט דיינע אויספירן. לגבי דיר קומט אויס, אַז אויך די ייִדן טראָגן אַ טייל פון דער שולד פאַרן אומגליק.

זלמן: — ניין, נישט דאָס האָב איך געמיינט. איך האָב דיר נאָר געוואָלט דער־וויזן די סיבות פונעם אומגליק, די נאַטור־געזעצן, וואָס האָבן געבראַכט דאָס גע־ווייטער. משל למה הדבר דומה? צו אַ פאַרפלייצונג, וואָס איז געקומען אויף אַ שטאָט און אַ סך מענטשן זענען דערטרונקען געוואָרן. ביטער איז דעם טאַטן, וואָס זיין זון איז אומגעקומען און ער קען נישט באַרעכטיקן זיין טויט, און קיינער טאָר עס נישט באַרעכטיקן. אָבער דאָך קומען מענטשן און טענהן: „קוקט זיך אַרום און זעט, די פאַרפלייצונג איז געקומען, ווייל מיר האָבן נישט אויפגעשטעלט קיין גו־טע דאַמבע, אָדער — ווייל אַ טייל פון דער שטאָט איז געבויט נאָענט צום טייך״, פאַרשטיין די סיבה פונעם אומגליק, איז נישט קיין באַרעכטיקונג. און דערמאָן זיך דעם משל פון אבן עזרא, וואָס איך האָב פריִער געבראַכט.

„צי די ייִדן האָבן געקענט געוועזן העלפן מיט תשובה צו פאַרמיידן דאָס אומ־גליק, אויך וואָס זאָלן די ייִדן טאָן איצט, סיי אין מדינת־ישראל און סיי אין די תפוצות, דאָס בין איך דיר נישט מחויב צו פאַרענטפערן. געפין דו אַליין אַן ענט־פער.

* * *

די וויזיע, וואָס האָט זיך געצויגן יאָרן, האָט זיך נאָך דעם לעצטן שמועס מער נישט איבערגעחזרט. אינגאַנצן באַרויִקן האָב איך זיך דאָך נישט געקענט, אָבער די שאַרפקייט איז פון מיר אָפּגעפאַלן. איך האָב ווידער געקענט אָנהויבן טראַכטן וועגן אַ ווייטערדיקן איינשטעל אין מיין לעבן. איך האָב זיך דערטראַכט צו אַ דרך. ניין, נישט אינגאַנצן צופרידנשטעליק, אָבער לכל הפחות האָב איך פאַר זיך געפו־נען אַ דרך, וואָס מאַכט מעגלעך, איך זאָל קענען לעבן מיט זיך. ס׳איז גאָרנישט אָנגעקומען גרינג אָפּצובינדן דעם קנופּ. איך האָב געמוזט געפינען ענטפערס אויף אַ סך זאַכן, וואָס זלמן האָט נישט קלאָר געמאַכט.

קאַפּיטל צוועלף

# אַ פּוסטע שול מיט אַן אויסגעמאָלטן אָרון־קודש

ס'איז שבת נחמו, מוצאי־שבת. איך בין היינט אַלט געוואָרן פינף און זעכציק יאָר. דער פּרק זאָגט: „צו זעכציק איז די עלטער". און איך בין שוין פינף און זעכציק. אמת, „מיין אויג איז נאָך נישט טונקל געוואָרן און מיין פרישקייט איז נישט אַוועק", אָבער עס איז נישט שייך צו זיך נאַרן. אַ פאַרשטאַנדיקער מענטש ווייסט, אַז צו פינף און זעכציק יאָר איז מען אין אַ בכבודיקער עלטער. נאָך דעם דאָזיקן געבוירנטאָג דאַרף מען וויסן, אַז די יאָרן זענען געציילטע. אַ פּאָר יאָר פריִער, אַ פּאָר יאָר שפּעטער, „און די ווייסקייט וועט זיך צעבליִען, ס'וועט ווערן שווער צו טראָגן אַפילו אַ פליג; די גלוסטעניש וועט אויפהערן און די זילבערנע שנור וועט צעריסן ווערן; דאָס קייטעלע פון דער גאָלדענער מנורה וועט זיך אָפּרייסן, דער קרוג וועט צעבראָכן ווערן ביים קוואַל און דער ראָד וועט בלייבן ליגן אַ צעהאַקטער ביים ברונעם. דער מענטש וועט אַוועק צו זיין אייביקער היים און די קלאָגעריגס וועלן זיך אומדרייען אין די גאַסן. און שטויב וועט זיך אומקערן צו דער ערד, ווי עס איז געווען".

אַן אומעטיקער טאָג. קיינער האָט נישט אַנגעקלאַפּט אין טיר. אָבער דער טרויער, וואָס איז מיך באַפאַלן און געגעסן דאָס האַרץ, ווי פייער עסט האָלץ, איז גאָר געווען צוליב אַן אַנדער פאַרדראָס. צו מיין עלנטקייט און איינזאַמקייט האָב איך זיך שוין צוגעוווינט. מיין עגמת־נפש איז געווען — פון טענות צו זיך אַליין.

אַ גאַנצן טאָג האָב איך געלייענט דעם עלפטן קאַפּיטל פון „אויף אייגענע דרכים". אין אָוונט האָב איך מגיה געווען דעם כתב־יד און מיין אומרויקייט האָט זיך געשטאַרקט און איז גרעסער געוואָרן. און מיין פאַרדראָס קעגן זיך אַליין איז געשטיגן. איך האָב זיך געגעסן: „האָסט זיך שפּעט אַרומגעקוקט, שלמה, דיין חשבון־הנפש האָסטו געדאַרפט געווען מאַכן יאָרן פריִער, אפשר מיט צוויי צענדליק יאָר צוריק. וואָלסטו עס דעמאָלט געווען געטאָן, וואָלסטו געהאַט גענוג כוח איבערצופורעמען זיך, און איבערברעכן די סביבה. אָבער ערשט אין די שפּעטיקע פופציקער יאָרן דיינע האָסטו זיך דערמאָנט, אַז אַ מענטש דאַרף זאָגן צו זיך: „געדענק דיין באַשעפער". צו שפּעט, גאָר צו שפּעט! דו ווייסט דאָך, אַז עס געדויערט לענגער פאַר אַ מכה אָפּצוגיין, ווי אויפרייסן. קרוב פערציק יאָר האָסטו גע־

לעבט אַ פאַרטומלטער מיט טאָג־טעגלעכקייט. ווען דו האָסט זיך דערמאָנט אָן דיין באַשאַפער, איז דיר נישט געבליבן קיין צייט און קיין כוח זיך איבערצופורעמען.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָב איך קאָרעגירט זלמנס רייד, וואָס איך האָב אַרויסגערעדט דורך זיין מויל, געלייענט די טיפירטע בלעטלעך און זיך אַליין גע־געבערט: „שיינע רייד, קיילעכדיקע רייד און אויסגעפוצטע ווערטער, וואָס קלערן אויף דעם זין און די וויכטיקייט פונעם ייִדישן דרך. אָבער וויפל דו זאָלסט נישט רעדן און שרייבן וועגן דעם דרך פון ייִדישקייט אין לעבן, וועט עס נישט ווערן קיין וועג פאַר קיינעם, סיידן פון דיינע רייד זאָלן קענען ווערן מעשים, און דו און די מענטשן אַרום דיר זאָלן וויסן, ווי אַזוי צו ענדערן זייער טאָג־טעגלעך לעבן. אַ טראַקט ווערט געשאַפן נאָר, ווען מענטשן גייען און פאָרן אויף אַ באַשטימטן פּאַס ערד. דער ריכטיקער סדר: פריִער דאַרף זיין מינדלעכע אויפרודערונג. דאָס מינדלעכע דאַרף אַראָפּגעשריבן ווערן, דאָס געשריבענע דאַרף ווידער ווערן רייד אינעם מויל פון אַן עקזאַלטירטן. דעמאָלט ברענגט עס צו מעשים.

ס'איז שוין געווען העט־העט נאָך חצות. איך האָב צונויפגעלייגט די בלעט־לעך פונעם כתב־יד, טיף אַ זיפץ געטאָן און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט מיט יאוש: „אומזיסטע אַרבעט. עס וועלן נאָר בלייבן פלעקן־ווערטער אויפן פּאַפּיר, אַרויסגערעדטע ווערטער אין אַ פאַרשלאָסן צימער, אָן אויערן אויפצוכאַפּן די רייד".

איך האָב זיך געלייגט שלאָפן, אָבער ס'האָט זיך נישט געשלאָפן. דער זייגער האָט געשלאָגן דריי, און איך בין אַלץ געלעגן מיט אויפגעריסענע אויגן און אַ בער־ווזע שטייפקייט האָט פאַרקראַמפּט אַלע מיינע אברים.

אָן אַן איבערבראָך אין מיין אומרו, בין איך איינגעשלאָפן און עס האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך בין אין אַ שול.

איך שטיי אין פּאָליש. דער פּאָליש איז, ווי איך געדענק אים פונעם שטעטל — אַ פינצטערער קעמערל מיט אַ טיר רעכטס צום שניידערישן שטיבל און די לינ־קע וואַנט איז אַ טויטע, אָן אַ פענצטער, אָדער אַ טיר און איז פאַרלייגט מיט אַ קלאַפּטער האָלץ. די טיר אַקעגן מיר פירט אַריין אין שול. איך גיי אַראָפּ דריי טרעפּ און טרעט אַריין אין שול. מאָדנע, פון די שול־פענצטער זע איך דעם ער־שטן שטאָק פון דעם דערבייאיקן הויז און — די גאַנצע גאַס אונטן. די שול איז נישט אין דער נידער. איך קוק זיך אַרום. אַ גרויס צימער, מיטן אויג נישט אָפּ־צומעסטן, אָבער אַ פוסטער. עס שטייען רייען פּאָלירטע, גלאַנציקע, לאַנגע בענק מיט נומערן, וואָס באַצייכענען שול־שטעט. אין די הינטערשטע קעסטלעך פון די בענק, וואָס געווינטלעך ליגן דאָרט סידורים און חומשים, זענען ליידיק. קיין זכר פון אַ ספר. די לאַנגע באַנק ביי דער מערב־וואַנט, וואָס אין אַלע שולן ליגן אויף איר אָנגעהויפט טליתים און דערביי אויסגעלייגט תפילין, איז אויך ליידיק. חוץ די ליידיקע בענק — אַ פוסטער צימער אָן אַ בימה און אָן אַן אָרון־קודש. אויף

דער מזרח־וואַנט איז דאָ אַ געמאָלעכטס פון אַן אָרון־קודש און איבער אים דער אויפשריפט: „זה השער לה׳׳.

איך שטיי און קוק, און קוק און איך טראַכט: אַן איינפאַל פון מענטשן צו בויען אַזאַ שול: דער פּאַליש, אַ רעפּליק פון שטעטלשן פּאַליש, אָבער די עצם שול אַ פּוסטע, אַז אַפילו מע זאָל וועלן דאַווענען אין איר, קען מען נישט. אָבער דאָס שענסטע איז דאָס געמאָלעכטס אויף דער מזרח־וואַנט פון אַן אָרון־קודש, און אויבן — דער פּסוק „זה השער לה׳׳. אַ פּנים, זיי האָבן עס אויסגעמאָלט כדי דער בנין זאָל זיך פאַררעכענען פאַר אַ שול און זיין פריי פון צאָלן צינזן.

„אָבער דאָך, האָב איך געטראַכט, ווי קען געמאָלט זיין ביי ייִדן אַ שול אָן אַ ספר־תורה און אָן אַן אָרון־קודש און אָן?...׳.

עס איז אויסגעוואַקסן לעבן מיר אַ מענטש אין אַ משונהדיקן אַנטועכטס. ער האָט געטראָגן העל־געלע שיך פאַרשפּיליעט אויף שוואַרצע קנעפּלעך; ווייסע הויזן און אַ רעקל פון אַלע רעגנבויגן־קאָלירן און אונטערן רעקל, נאָך אַ מער־שרייענדיקן זשיליעט. אַ בלום די גרויס ווי אַ סאָנעטשניק איז געווען ביי אים אַריינגעשטעקט אין לאַץ און דער אויסבינדער אויפן האַלדז האָט געהאַט אַוודאי צוויי מעטער בונטן זייד. אָבער אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַן אַלטמאָדישן סאַמעטענעם קאַשקעט, ווי דער שמש פון דער אַלטער שול אין קאַלינקאָוויטש.

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיטן שטעקל אין האַנט און אַ זאָג געטאָן צו מיר דייטשמעריש:

„וואָס זוכן זיי דאָ, מיינע הערשאַפטן? איך בין היער דער שמש. קוקן זיי אויף מיין הוטע, ווערט אינען עס זען׳׳.

„איך בין אַריין אין שול. כ׳האָב געזוכט אַ מנין, — האָב איך צו אים געזאָגט, — ס׳איז אָבער עפּעס אַ מאָדנע שול אָן סידורים, אָן טליתים, אָן חומשים, אָן אַ בימה און מיט אַן אויסגעמאָלטן אָרון־קודש אויף דער מזרח־וואַנט. היתכן?׳׳ — האָב איך געפרעגט.

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיטן שטעקל אין האַנט און אַ זאָג געטאָן צו מיר

„דאָס וואָס איר זוכט, איז אַלטמאָדיש. קיין געבילדעטער מענטש גלאַובט ניכט אין דיזן. וויר גלאַובן ניכט אין ריטואַלן. גענוג פאַר אונדז דער סימבאָל פון „זה השער לה׳׳ און אַן אויסגעמאָלטן אָרון־קודש. אינעם אַריינגאַנג האָבן וויר אַ וואַרן פּאַליש. איז עס פאַר אונדז גענוג. זוכן זיי אַ וואַרע שול, מוזן זיי אַרויף אויבן, אַרויף צום הימל. נעמען זיי דעם ליפט. ווען זיי וועלן אַרויפצוקאָממען, ווערדן זיי אַ וואַרע סינאַגאָגע אַנטרעפן, מיט אַ ספר־תורה, מיט אַן אָרון־קודש און יודען, וואָס דאַווענען, די וואַרע אַלטמאָדישע יודען, מיט בערד און פיאות׳׳.

איך בין אַריין אינעם עלעוואַטער און אַ קוועטש געטאָן דאָס קנעפּל. דער ליפט האָט אַ שאָס געטאָן מיט אימפּעט אַרויפצו, אָפּגעלאָפן אַ פּאָר שטאָקן און זיך

פּאַרהאַקט. איך בין געבליבן שטעקן צווישן גאַרנס. איך האָב אָנגעהויבן זוכן אַן אַלאַרעם־קנעפּל. נישטאָ. מיט אַמאָל איז אויסגעגאַנגען דאָס עלעקטרישע לעמפּל. אין דער חשכות האָב איך געהערט קולות פון קאָלעגן און חברים:

„מיר זענען געפאָרן און געפאָרן, און נישט דערפאָרן".

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ. איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן האַנט־זייגערל, וואָס איז געלעגן אויף מיין נאַכט־טישל. ס'איז געווען אינגאַנצן צען מינוט נאָך דריי. געשלאָפן, הייסט עס, געציילטע מינוטן, אָבער איך האָב נישט געפילט קיין ברעקל שלאָף אויף די ברעמען. דורך דעם אָפענעם פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַ ווייכע, וואַרעמע און ליכטיקע לבנה־נאַכט. איך האָב שטיל, נישט אויפצוועקן מיין פרוי, אָנגעטאָן מיין שלאַפראָק. מיט די פיס האָב איך בלינד געפונען די שטעקשיך און איך בין אַרויס אין דרויסן. איך האָב זיך געזעצט אויף דער גרין־געפאַרבטער באַנק, וואָס שטייט לעבן דעם פינף־טרעפּיקן גאַנעק פון מיין איינשטאָקיק הויז.

די מיטן־אָביקע נאַכט האָט מיך איבערגעוועלטיקט. מענטש, פויגל, אויטאָמאָביל און די דעכער איבער די הייזער זענען געשלאָפן. קיין בילן פון אַ הונט און קיין מיאַוקען פון אַ קאַץ. אָבער די נישט־זעעוודיקע וועלט איז געווען וואַך. די לופט האָט וויברירט און געציטערט פון דער שפע, וואָס האָט זיך געשפּאַרט פון דער ערד און פון די בונטן שטראַלן, וואָס די לבנה האָט אַראָפּגעגאָסן אויף דער וועלט. די גראָזן, די קוסטעס און די בלומען אין די גערטנדלעך אַרום די הייזער, און דיביימער ביי די זייטן פון דער גאַס זענען געשטאַנען און געאָטעמט פּאַרסאָפּעט פון דער שווערער אָנשטרענגונג אַרויסצונאָגן די פעטע פליסיקייט פון דער צעוואַרעמטער ערד און אַרויפּצופּאָמפּען זיי צו די ווייטסטע ברעגן פון די בלעטער און צו די סוף־שפּיצן פון די גראָזן און צו די דינסטע, העכסטע צווייגלעך פון די ביימער. איך האָב ממש געהערט דאָס רוישיקע ריזלען פון די זאַפטן אין די וואָרצלען, שטענגעלעך און שטאַמען אין דער פלאַנצן־וועלט.

איך האָב אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, און נישט נאָר האָב איך געהערט, ווי „אַ שטערן רעדט צו אַ שטערן", נאָר איך האָב געזען, ווי די לופט אַרום די שטערן ציטערט און כוואַליעט זיך פון דעם רויש פון זייערע אימפּעטדיקע שמועסן.

די נישט־זעעוודיקע וועלט, וואָס איז געווען ביי מיר יאָרן־לאַנג פוסט, וויסט און פאַרוואָרלאָזט אָן אַ סימן פון לעבן, האָט צוריק אויפגעלעבט פאַר מיר. איך האָב דערשפּירט, אַז ס'איז דאָ, ווער עס האַלט אַן אויג און זעט וואָס עס טוט זיך סיי אין דעם אומבאַטייטנסטן שפּאַלט ערגעץ אונטער אַ בוים, אונטער אַ פעלדז, וווּ אַ וואָרעם ליגט צונויפגעקנוילט, און סיי וואָס עס קומט פאָר דאָרט, אויף די ווייטסטע שטערן, אויף די סאַטעליטן און אויף די נישט־זעעוודיקע פאַר אונדזער

אויג קאָנסטעלאַציעס. ס׳איז אין ערגעץ נישטאָ קיין פאַרלוירנס, קיין איבעריקס און קיין צופעליקס.

אין דער ווייכקייט און דער שטילקייט פון דער נאַכט האָב איך דערזען מיין שומר. ער איז געזעסן האַרט לעבן מיר אויף דער באַנק, מיט אַ לאַנגן ציגאַר אין מויל און געקוקט סאַרקאַסטיש אויף מיר.

ער: — האָסט זיך פאַרבענקט נאָכן אַמאָל?... אַ קלייניקייט — אַמאָל־ אַמאָל! יאָ, אַמאָל איז די לופט אַרום דעם מענטשן, ס׳מיינט, די נישט־זעעוודיקע וועלט, געווען געדיכט באַפעלקערט מיט גייסטער: שדים, רוחות, מזיקים און משחיתים. די גמרא זאָגט: „ווען עס וואָלט דערלויבט געוואָרן, אַז דאָס אויג זאָל קענען זען, וואָס עס טוט זיך אַרום דעם מענטשן, וואָלט קיין באַשעפעניש נישט געקענט אויס־האַלטן פון זיי, ס׳מיינט, פון די שדים, רוחות און מזיקים, וואָס געפינען זיך אַרום דעם מענטשן". די מחברים פון „מנורת המאור", „קב הישר", „ספר חסידים" און נאָך אַזעלכע ספרים, האָבן שוין געקענט די שדים פנים־אל־פנים און דערציילט מיט אַלע פּרטים זייערע רגילותן און מאַניערן. זיי האָבן געוווּסט אויך די נעמען פון די שדים, וואָס ווערן געשאַפן פון פאַרשידענע עבירות. יידן, נאָך פון אונדזער דור, זענען געווען אָנגעשראָקן אויף טויט פון די רוחות און מזיקים. נו, זענען גע־קומען די משכילים און פאַרטריבן זיי פון אונדזער וועלט. פאַרשטייט זיך, זיי האָבן עס געקענט דורכפירן מיט דער הילף פון עדיסאָנען. שדים האָבן ליב פינצ־טערניש, און עדיסאָן האָט באַלויכטן די וועלט. איצט קומסטו און דו ווילסט צו־ריק באַפעלקערן די וועלט מיט רוחות און גייסטער. דו הערסט ממש, ווי די שטערן רעדן און די זאַפטן ריזלען אין די וואָרצלען, אין די שטאַמען און אין די צווייגן פון די פלאַנצן אוןביימער. יאָ, עס וואָלט דיר געפּאַסט נאָך צו דערציילן, ווי אַ מלאך שטייט איבער יעדן גרעזעלע און באַפעלט: „וואַקס!".

„שלאָג נישט איבער! מיך וואָלט נישט געאַרט, ווען ביי דיר וואָלט עס געווען שיין־שרייבעריי, מליצה, פּאָעזיע. מילא, נאָך אַ גוט בלעטל, אָדער אַ שלעכט בלעטל פּאָעזיע אין פּראָזע. אָבער דו שרייבסט נישט, בעסער געזאָגט, דו ווילסט נישט שרייבן צו פאַרוויילן זיך, אָדער — דיינע לייענער, נייך, דו צילסט צו עפּעס „הע־כערס". דו דערפירסט טאַקע אָפן, נישט פאַרשטעלט דיין היפּערבאַליזם, גוזמא, צו אַ רעאַליטעט. דו שרייבסט: „עס איז דאָ, ווער עס האָלט אַן אויג און זעט, וואָס עס טוט זיך אין דעם אומבאַטייטנסטן שפּעלטל, ערגעץ־ווו אונטער אַ בוים, אָדער אין אַ פעלדז, ווו אַ וואָרעם ליגט צונויפגעקנוילט". דאָס, מיין שלמה, גייט אַרויס פון גדר ליטעראַטור און רעכנט זיך אַריין אין דער ספערע פון אמונה, וואָס איז מחייב צו גיין אויף אַ באַשטימטן דרך און האָבן אַן אייגענע הנהגה. אין אַזאַ פאַל מוז דער שרייבער ווערן דער ערשטער גייער אויף דעם וועג. אַן מליצה. דער שרייבער דאַרף מקיים זיין, וואָס ער פּרעדיקט. אַן אַלטמאָדישע פירונג, אָבער אַן אמתע און

אַן ערלעכע. און דו? דו ביסט פאַרשפּאַרט אין אַ ליפט, וואָס האָט זיך פאַרהאַקט צווישן שטאָקן.

„יאָ, וואַרט, עס ברענט דיר אונטער דער צונג? שלאָג נישט איבער. דו דער־גייסט מיט דיין פּאָעטישן היפּערבאַליזם, ס'מיינט, מיט דיין פּאָעטישער איבער־טרייבונג און גוזמא צום אַנטראָפּאָרמאָפיזם, צו פאַרגשמיותן גאָט. דו שטעלסט שוין פאַר גאָט ווי אַ טאַטע־מענטש, וואָס גיט אַכטונג אויף אַן עופהלע אין וויגע־לע. היתכן? עס איז דאָך פּשוט געצנדינערײַ.

איך: — ענטפערן וועל איך דיר בקיצור: ראשית, רעדסטו צו מיר, ווי איך וואָלט גאָרנישט געענדערט מיין טאָג־טעגלעך לעבן אין די לעצטע פופצן יאָר. אָבער עס איז נישט אמת. איך האָב יאָ געביטן מיין טאָג־טעגלעכע הנהגה. נאָר איך בין מסכים מיט דיר: ס'איז וויניק. אָבער ווילסט דאָך נישט, אַז איך זאָל אָנהייבן אָפּ־היטן יענע מצוות, וואָס מיינען גאָרנישט פאַר מיר. עס וואָלט געווען גענאַרעריי פאַר זיך און פאַלשער אָנשטעל פאַר אַנדערע. איך קען דערווייל אָפּהיטן נאָר יענע מצוות, וואָס איך האָב אַן עמאָציאָנעלע און ראַציאָנאַלע באַדערפעניש פאַר זיי. אַ גוטער אָנהייב.

„יאָ, אַן אמת, די משכילים האָבן אָפּגעטאָן אַ גוטע זאַך, וואָס זיי האָבן פאַר־טריבן די שדים פון דער וועלט. אָבער אינאיינעם מיט די שדים, וועל איך זאָגן, אַז זיי האָבן אויך פאַר אונדזער דור פאַרטריבן גאָט. די וועלט און דער גאַנצער באַשאַף זענען געוואָרן אַ מעכאַנישער, אויטאָמאַטישער גולם. מיר האָבן מער נישט געזען, אַז „די גאַנצע וועלט איז פול מיט זיין באַשאַף און אַלץ וואָס ער האָט גע־מאַכט מיט חכמה". איך און מיין גאַנצער דור מיט מיר האָבן אויפגעהערט אַרויפ־צוקוקן צום הימל און געהאַלטן די אויגן שטענדיק אַראָפּ, צו דער ערד. איצט האָב איך צוריק דערפילט, אַז „גרויס ביז גאָר ביסטו גאָט, אין גלאַנץ און שיינקייט ביס־טו אָנגעקליידט" און די גאַנצע ערד איז פול מיט זיין פראַכט.

„שנית, וועגן אַנטראָפּאָמאָרפיזם, וועגן פאַרשטעלן פאַר זיך גאָט אויף אַ גש־מיותדיקן אופן. איז וואָס? ווײַבאַלד אַז מיר האַלטן, אַז גאָט איז אַלמעכטיק, ער איז אַ כל־יכול, פאַרוואָס איז עס אַ זינד זיך פאַרצושטעלן, אַז ער קען אויך באַגריפן ווערן אין אַ מענטשלעך געשטאַלט? עס איז אַ פאַרפלאָנטערטער און קאָמפּליציר־טער ענין און מיר'ן נאָך שמועסן וועגן דעם. איצט וויל איך נאָר באַטאָנען, אַז איך בין נישט מסכים מיטן רמב"ם, וואָס האַלט, אַז אַ ייד איז אַן אַפּיקורס, וואָס זאָגט, אַז „עס איז טאַקע דאָ נאָר איין גאָט, אָבער ער האָט אַ גוף און אַ געשטאַלט". גע־רעכט איר דער ראב"ד („השגת הראב"ד"), וואָס זאָגט: „פאַרוואָס רופט ער אים אַפּיקורס? אַ סך וויכטיקערע און בעסערע פון אים האָבן אַזוי געהאַלטן". לאָמיר עס איבערלאָזן אויף שפּעטער צו שמועסן וועגן דעם באַריכות. אָבער איצט — איך האָב אויף דיר גרויס פאַרדראָס — דו שרעקסט מיך שטענדיק מיט קאָשמאַר־

חלומות. היינט ביינאַכט האָסטו פאַר מיר אויסגעוועבט אַ חלום מיט אַ פּוסטער שול.
און דערנאָך האָסטו מיך פאַרשפּאַרט אין אַ קאַליע־געוואָרענעם עלעוואַטאָר.

ער: — נישט איך האָב אויסגעוועבט פאַר דיר וועלכן עס איז חלום, נאָר דו אַליין האָסט דאָס געטאָן. דער קאָשמאַר איז דיינער, דער אַנגסט איז דיינער און די מחשבותן זענען דיינע. די בעסטע פּסיכאָלאָגישע מאָטיווירונג פאַר אַ חלום, גלייב איך, איז נאָך אַלץ דער מאמר פון דער גמרא: „אין מראין לו לאדם, אלא מהרהורי לבו" (מען וויזט נישט אין חלום צו אַ מענטשן, נאָר פון די רעיונות אין זיין האַרץ). אָבער איך האָב זיך איצט צו דיר נישט געוויזן צו שטראָפן און האָבן טענות. עס איז געווען אַן אַנגסטיקע צייט פאַר דיר די חדשים, ווען דו האָסט אַראָפּגעשריבן אויף פּאַפּיר די וויזיע מיט דעם גאַנצן שקלא־וטריא, וואָס איז אַנגעגאַנגען צווישן די פאַרשוינען פון דיינע ביכער, ווי זיי זענען אויסקריסטאַליזירט געוואָרן ביי דיר אין די לעצטע פופצן יאָר. איך בין אויך פאַרמאַטערט געוואָרן, ווייל איך קען נישט אָפּטרעטן פון דיר די גאַנצע צייט פון דיין שרייבן. בין איך איצט נישט געקומען צו דיר מאָנען, אָדער שטראָפן. איך בין געקומען, ווייל דו האָסט מיך גערופן.

איך: — אמת, שומר מיינער. עס איז מיר געוואָרן טרויעריק ביז צום וויינען אין מיין פינף און זעכציקסטן געבוירנטאָג. די עלנטקייט מיינע האָט אויף מיר אַנגעוואָרפן אַ מרה־שחורה. איך האָב געוואָלט עמיצן האָבן לעבן זיך. און קיינער האָט נישט אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר, און קיינער האָט נישט אָנגעקלונגען אין טע־לעפאָן. האָב איך געטראַכט: זאָל שוין זיין די חברשאַפט פון אַ שאָטן.

„דער פאַרדראָס אויף זיך אַליין וואַקסט און ווערט גרעסער. אינעם שרייבן מיין „חשבון־הנפש" האָב איך אָפּט דערפילט דעם ציטער און די אימה פון דער־נענטערן זיך צום בורא־עולם. איך האָב נישט זעלטן דערפילט אַן אמתע רעליגיע־זע איבערגעוועלטיקונג. דאָך בין איך נישט געווען לאַנג און שטאַרק באַווירקט גע־וואָרן אַזוי, אַז איך זאָל געווען קריגן כוח צו שטעלן זיך קעגן מיין סביבה און קע־גען בייקומען די כפירה אַרום מיר. און אפשר איז עס נישט מער ווי אַ תירוץ פאַר דער שוואַכקייט פון נישט קענען בייקומען די אַלטע רגילותן? איך האָב זיך דער־טראַכט צום אמת פון זיין עקסיסטענץ און זיין השגחה, אָבער דאָך בין איך גע־בליבן וויט פון אים און איך קען אים נישט דינען. עס איז אַ שוידערלעכער וית־רוצצו — חלומען זיך מיר חלומות. איך בלייב פאַרשטעקט אין אַ פאַרמאַכטן ליפט צווישן גאָרנס. איך בין איינגעהאַמעוועט אין אַן אונטערערדישן טונעל און איך בין אויסגעשמירט פון קאָפּ ביז די פיס אין געלער בלאָטע. פאַרנעמסטו מיין צער?

ער: — וואָס רייסטו שטיקער פון זיך? מוזסטו האָבן אַן אויסגערונדיקטן וועלט־באַנעם כדי אָנצוגיין מיט דיין טאָג־טעגלעך לעבן?

איך: — יעדער מענטש האָט זיינע גלוסטענישן און זיינע ליידנשאַפטן. מיין גרויסע תשוקה איז אַ גאַנץ לעבן געווען גאָט־זוכעניש און אַ באַשייד אויף די יסוד־

פראַגעס: גוט און שלעכט, תכלית און זין פון לעבן; וואָס איז שלימות? וואָס איז עטיק? אַלץ גרונדפראַגעס, וואָס דער מאָדערנער מענטש פאַרנעמט זיך נישט מיט זיי. און אָט ווי איינער, וואָס האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָכן אַנדערן מין און ער קען באַשרייבן און דערציילן זיינע ליבע־אַוואַנטורעס — אַזוי קען איך גאָר אַ סך דער־ציילן און באַשרייבן דעם טיפן אויפציטער, שווערע צערודערונג און אויסערגע־וויינטלעכע גייסטיקע הנאות, וואָס האָבן זיך געגרענעצט מיט פיזישן תענוג, ווען איך האָב זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גאָט־באַגעם, וואָס איז פאַר מיר נאָך געווען ניי; אויף אַן עטישן באַגריף, וואָס איך האָב פון אים פריִער נישט געהערט, אָדער גע־טראָפן אַן אויסטייטש פון אַ גאָט־אַטריבוט.

„עס קוקט אויס, ווי איך פאַרגלייך גלייכס מיט נישט־גלייכס, פיזישע פאַר־געניגנס מיט גייסטיקע צופרידנקייטן. אָבער פאַר מיר זענען די מימראס וועגן די ענינים נישט געווען קיין אַבסטראַקציעס. נאָ דיר למשל גוט באַקאַנטע פילאָסאָ־פישע זאָגעכצן, וואָס האָבן מיך אָנגערעגט און אויפגערעגט ווי שאַרפע געטראַנ־קען אַ שיכור.

„רשעות איז נישט קיין יש פאַר זיך, נאָר עס איז דאָס פעלן פון גוטס, אָט ווי פינצטערניש איז דאָס פעלן פון ליכט.

„עס איז עטיש צו טאָן גוטס און אַלץ וואָס איז רעכטפאַרטיק, ווייל גאָט האָט אַזוי באַפוילן. וואָלט גאָט באַפוילן דאָס פאַרקערטע, וואָלטן מאָרד און זנות, גניבה און גזילה געווען עטישע געבאָטן.

„גוטסקייט און יושר, ליב האָבן מענטשן און העלפן זיי, איז עטיש, ווייל דער מקור פון גוטסקייט איז גאָט. דער כביכול איז די פערזאָניפיקאַציע, דער עצם פון גוטסקייט און עטישקייט. גאָט מיינט שלימות, און דערפאַר באַפעלט ער צו טאָן גוטס. דאָס איז דער באַטייט פונעם פסוק: „און איר זאָלט זיין הייליקע, ווייל איך, גאָט, אייער גאָט, בין הייליק".

„גאָט, ווי אַ גלייכגילטיקער צוקוקער, טויג נישט. ווי אַן אָנטיילנעמער מיינט עס צו פאַרשטעלן גאָט אין דער געשטאַלט פון אַ מענטשן, דאָס טויג אויך נישט".

„די דאָזיקע מימראס און צענדליקער אַנדערע זענען נישט געווען פאַר מיר גלאַט שיינע און קלוגע רייד, נאָר זיי האָבן מיך פאַרשיכורט, געשטערט מיין רו און אָפט געהינדערט מיין רוטינערע איינגעשטעלטקייט.

„מיין גאָט־זוכעניש און ראַנגלעניש האָבן אַוועקגעלייגט אַ חותם אויף מיין טאָג־טעגלעך לעבן און עס איינגעשטעלט אַנדערש ווי מיין שטאַנד און פּראָפעסיע האָבן עס געפאָדערט.

„נאָך אין קרעמענטשוג, ווען איך בין געווען אַ פופצן־יעריק יִינגל, האָב איך געענטפערט זאַנוולען, אַ ייִדישן רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט מיך געוואָלט מאַכן פאַר אַ בונדאָוועץ:

„איך בין נאָך אַלץ מסופק, צי דער רבנו בחיי איז נישט גערעכט, אַז די וועלט האָט זיך אַליין נישט געקענט שאַפֿן. יאָ, עס גייט מיר אין לעבן דאָס צו וויסן. איך וויל לערנען און לערנען, ביז איך וועל אויסגעפֿינען דעם תכלית פֿון דער וועלט".

אַ גאַנץ לעבן אַזוי, אַפֿילו אין דעם פּעריאָד, ווען איך בין געווען דערוויטערט פֿונעם כביכול, האָב איך זיך פֿאַרנומען מיט די דאָזיקע פֿראַגעס, לשם פּאַרוויי־לונג, אַט ווי מען לייענט נאָוועלן און פּאָעזיע. איך האָב אָבער געלייגט צו זיך אַליין, נישט געוואָלט זיך מודה זיין אין גאָט־זוכעניש.

„איצט, שוין אין מיין טיפֿער עלטער, פּופֿצן יאָר נאָך אונדזער חורבן, האָב איך געפֿונען אַ ראַציאָנאַל פֿאַר אַן אויסגערונדיקטן וועלט־באַנעם: עס איז דאָ אַ גאָט, אַ טראַנסצענדענטאַלער כוח, ס'מיינט, אַ כוח איבער דעם מענטשן, אויסער דער וועלט און אויסער צייט און אָרט. ער האָט געשאַפֿן די וועלט מיט אַ זין און מיט אַ תכלית. ס'איז דאָ אַ דערקלערונג פֿאַר דער רשעות פֿון דער וועלט און עס איז דאָ אַ זין פֿאַר די מענטשלעכע ליידן. דאָס אַלץ קען מען אַרויסדרינגען פֿון זלמנס רייד. נו, דאַרף איך דאָך זיין צופֿרידן און רויק אויף מיינע עלטערע יאָרן. אָבער נישט נאָר האָט מיך נישט פֿאַרלאָזן מיין אַמאָליקע אומרויִקייט, נאָר איך בין איצט נאָך ווייניקער צופֿרידן פֿון זיך, ווייל איך האָב נישט געענדערט מיין לעבן אַזוי גרינטלעך טיף, לויט דער ענדערונג פֿון מיין וועלט־באַנעם. מיר דאַכט זיך, אַז צו שפּעט אין מיין לעבן האָב איך דערזען די אַבסאָלוטע רעאַליטעט און זיך דערנענטערט צו איר. איך שרעק זיך, אַז פֿון מיין גאַנצער ראַנגלעניש איז גע־וואָרן אַ מעשה, אַ ליטעראַרישער מאַניער. עס פּיקט מיר אַ מאמר אין קאָפּ: „מפּני שהתורה חוגרת שק ועומדת לפני הקדוש ברוך הוא ואומרת לפניו: רבונו של עו־לם, עשוני בניך ככנור שמנגנין בו לצים" — ווייל די תורה גורט זיך אָן מיט אַ זאַק און שטעלט זיך פֿאַר גאָט און זאָגט: „האַר פֿון דער וועלט, דיינע קינדער האָבן געמאַכט פֿון מיר אַ מין פֿידל וואָס לצים שפּילן אויף איר". יאָ, ליטעראַטור אויף אַ רעליגיעזער טעמאַטיק. וועט דאָס טאַקע זיין דער אַרויסקום, דער פּועל־יוצא פֿון מיין גאַנצער מאַטערניש און פּיין?

ער: — ווערסט זיך דאַרפֿן באַגנוגענען מיט ליטעראַטור. הלוואי זאָל עס זיין לכל הפּחות גוטע ליטעראַטור. יעדער בוים מיט זיין פּרוכט. עפּל קענען נישט וואַקסן אויף באַרנביימער. יעדע תקופה האָט אירע פֿאַרמעס פֿון שאַפֿונג. אַ היינטיקער שרייבער קען נישט האָבן די זכיה צו שרייבן אַ זאַך לדורות. און היינטיקער דור איז נישט ראוי, עס זאָל אין אים געשאַפֿן ווערן אַ ספר לדורות. און אויב עס וועט געשאַפֿן ווערן אַזאַ ספר אין אונדזער דור, וועט נישט דער מחבר און נישט דער היינטיקער דור עס וויסן. איז זע: טו דיין אַרבעט בשלימות און לאָז צורו די איי־ביקייט, אַפֿילו דיינע מיטצייטלער. ווייסט? דיינע פּאַרשפּיצטע רייד זענען אָפּט

דערווידער פאַר אַ סך מענטשן. לאָמיר אויסלאָזן די איבערגעטריבענע עגאָצענט־רישקייט און רעדן וועגן עיקר־זאַכן.

„דו זאָגסט, אַז זלמן האָט דיר געגעבן אַ ראַציאָנאַל פאַר רשעות, אַ באַרעכ־טיקונג פאַר יִדישער אויסדערוויילטקייט, אַ באַווייז פאַר דער עקסיסטענץ פון גאָט, אַ תכלית אין לעבן און אַ זין פאַר דער וועלט. ביי מיר איז עס גאָרנישט אַזוי קלאָר. איך האָב זיך מיט דיר אינאיינעם צוגעהערט צו זלמנען, און איך קען עס נישט אַרויסדרינגען פון זיינע רייד. אָט, למשל, וואָלט איך ביי דיר געפרעגט אַ קלייניקייט, (עס רעדט זיך אַזוי, אַ קלייניקייט), נאָך זלמנס רייד קומט אויס, אַז דער איצטיקער יִדישער חורבן איז געקומען, ווייל יִדן האָבן געזינדיקט מיט נאַציאָנאַליזם. היתכן? ראשית, זענען דאָס די זעלביקע רייד ווי פּיאָטערס, וואָס דו האָסט מיט אַזוי פיל רוגזה אָפּגעוואָרפן; שנית, זענען דאָס די זעלביקע רייד ווי רב געצל און רב מענדל, וואָס טענהן, אַז יִדן האָבן מסתמא געזינדיקט. דו האָסט גע־האַלטן, און מיט רעכט, אַז יִדן האָבן נישט געזינדיקט מער ווי אַלע אַנדערע פעל־קער. נאָך עפּעס: ווי פּאַסט זיך אַריין אין דער דאָזיקער ראַם, ס׳מיינט, אינעם גע־דאַנק פון השגחה, דאָס אויפקומען פון מדינת־ישראל. האָט די השגחה אונדז באַ־לוינט מיט מדינת־ישראל פאַר דעם מיליאָן אויסגעקוילעטע קינדער און פינף מי־ליאָן אומגעבראַכטע דערוואַקסענע? ס׳איז זייער נישט קיין עטישער אויסבייט, פראַגעס און פראַגעס. דו האָסט זיך פריִער באַוואָרנט און געזאָגט, אַז דו ביסט נישט מחויב אַלץ צו פאַרענטפערן. פאַרוואָס נישט? אויב דו האָסט דעם ענטפער, — זאָלן אַלע וויסן.

„דו זאָגסט, אַז דו האָסט געפונען אַ ראַציאָנאַל פאַר אַן אויסגערונדיקטן וועלט־באַנעם. באַהאַלט עס נישט.

איך: — איך מיין, אַז עס איז אַלץ קלאָר פון זלמנס רייד. מע קען גרינג פון זיי אַרויסדרינגען די אַלע הנחות, וואָס איך האָב פריִער דערמאָנט.

ער: — אפשר איז עס פאַר דיר קלאָר. פאַר מיר און מיין גלייכן איז עס נישט אַזוי קלאָר. זיינע געדאַנקען זענען געווען פאַרוויקלט אין עמאָציעס און פאַרבונדן מיט זיינע אייגענע לעבנס־געשעענישן, וואָס איז נישט קיין חסרון. אָבער עס האָט צוליב דעם געפעלט המשך און קאָמפּאַקטקייט. איז — גיב עס איבער אויף דיין אייגענעם אופן, אָן זייטיקע צוגאָבן.

„ס׳איז וויכטיק, דו זאָלסט איבערגעבן דיין ראַציאָנאַל, נישט ווייל דו וועסט אויפדעקן גאָט ווייסט וואָס פאַראַ חידושים. וויכטיק איז, וואָס דו האָסט עס נישט אַרויסגענומען גלייך פון אַ בוך אַרויס, נאָר דאָס וואָס דו האָסט געלערנט, האָסטו געמאַכט אַ טייל פון זיך צוליב פערזענלעכע איבערלעבונגען. אַליין־איבערגעלעב־טע עמאָציעס, וואָס קאָנקרעטיזירן זיך אין רעיונות און אין אַ לעבנס־באַנעם, זע־נען וויכטיקער ווי גרויס לומדות און ערודיציע. נו, הייב אָן.״

איך: אָט איצט, אין פֿאַרטאָג־שעהן?

ער: פֿאַרוואָס נישט? ס'איז שטיל און רויק. קיינער וועט אונדז נישט שטערן. רעד אַלץ אַרויס אָן איבערקלייבן, טפל מיט עיקר. דערנאָך, שפּעטער, ווען דו וועסט אַראָפּשרייבן אויף פּאַפּיר, וועסטו שוין אויסקלייבן און וויסן וואָס איבער־צולאָזן.

קאַפּיטל דרייצן

# יידישקייט – אַ חתונה מיט אַ חתן און מיט אַ כּלה
## (אַ קאַפּיטל חקירה, וואָס דער לייענער מעג איבערהיפּערן)

איך: האַלטן האַלט איך, אַז זלמן איז גערעכט. אין דער גאַנצער ייִדישער געשיכטע איז די אידייע, די אמונה, דער ייִדישער גאָט־באַגריף געווען די הויפּט־טרייב־קראַפט, נייַן, די איינציקע טרייבט־קראַפט. זלמן האָט געבראַכט גאָר אַ פיינעם ציטאַט פון יחזקאל קויפמאַנס בוך „גולה ונכר", וואָס האָט באַרעכטיקט זיין הנחה. איך וויל צוגעבן נאָך עפּעס וויכטיקס צו דעם טרויזם: „דער מקור פון דער אייגנאַרטיקייט פון דער ייִדישער אמונה, הן אין עטיק און הן אין ריטואַל און צערעמאָניאַל, איז גאָט און זיין התגלות. דערפאַר איז די ייִדישע אמונה אויך גילטיק פאַר אונדז הייַנט." מיר רעדן וועגן דעם באַריכות שפּעטער.

„איך ווייס, אַז אַ מאָדערנער מענטש איז נישט סובל אַזעלכע רייד. אין אונדזער סביבה האַלט מען עס פאַר אומוויסנדיקייט און אָפּגעשטאַנענקייט. אַפילו די סעקולאַריסטן נאַציאָנאַליסטן מכל המינים, וואָס האַלטן, אַז ייִדישע אמונה איז יאָ אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דער ייִדישער געשיכטע, מיינען זיי אָבער, אַז דער מקור פון ייִדישער רעליגיעזער גאונות איז זיכער נישט קיין געטלעכער. זיי באַטראַכטן עס ווי אַ פאַקט, וואָס איז נישט שייך צו דיסקוטירן וועגן דעם, ווייל קיין מאָדערנער מענטש וועט דאָך נישט אָננעמען די איבערנאַטירלעכקייט פון דער ייִדישער אמונה.

„ייִדישע גאונות אויפן רעליגיעזן געביט, האַלטן זיי, האָט זיך אַנטוויקלט נאַטירלעך פון דעם ספּעציפישן ייִדישן טאַלאַנט פאַר אמונה. די גריכן האָבן אַ נייגונג פאַר עסטעטיק און פאַר אַ לאָגיש טראַכטן, האָבן זיי אַנטוויקלט קונסט און פילאָסאָפיע. די ייִדן האָבן פאַרמאָגט אַ רעליגיעזע עטישע נייגונג, האָבן זיי בהדרגהדיק אַנטוויקלט אַ מאָנאָטעיִסטישע עטישע רעליגיע.

„זיי זאָגן אויך אַז דאָס ייִדישע פאָלק איז געבליבן אַ פאָלק עד היום, הגם עס איז אויסגעשטאַנען שוידערלעכע רדיפות, ווייל ביים ייִדישן פאָלק, ווי ביי יעדן לעבעדיקן וועזן אין דער נאַטור איז דאָ אַ שטאַרקער, איינגעבוירענער רצון צו עקסיסטירן, צו בלייבן לעבן, נישט אומצוקומען. שוין אין דעם אָנהייב פון זייער געשיכטע זענען ייִדן געווען סיטויִרט אין נישט קיין גינסטיקער לאַגע. כּדי צו בלייבן לעבן, האָט דאָס ייִדישע פאָלק אָנגענומען פאַרשיידענע מיטלען דורך זיין לאַנגער

פּיינלעכער עקסיסטענץ. די באַזונדערע גייסטיקע שטרעבונגען און געשטאַלטן זיי־נע, זענען געווען נישט מער ווי אַ פאָרעם פון קאַמופלאַזש, פאַרשטעלן זיך, וואָס אין זיי איז געווען פאַרקערפּערט דער דראַנג צו עקסיסטירן, צו בלייבן לעבן. אמונה איז געווען איינער פון די מיטלען. דער אמתער יש, דער הויפּט פון די ווערטן איז געווען דער קיום פון דער אומה. די עובדא, דער ציל, דער צוועק פון דער ייִדי־שער אמונה איז געווען אויפצוהאַלטן דאָס פאָלק, סיי ווען עס איז געווען אין זיין אייגן לאַנד, אונטער אַ פרעמדן יאָך, סיי אין גלות — אויפצוהאַלטן דאָס פאָלק ביז עס וועט קענען אויפקומען אַ נאָרמאַלע אומה אויף אַן אייגן לאַנד, מיט אַן איי־גענער זעלבשטענדיקער מלוכה. דעמאָלט וועט דאָס פאָלק נישט דאַרפן אָנקומען צו געקינצלטע מיטלען אָנצוהאַלטן זיך ביים לעבן.

„עס זענען דאָ נאַציאָנאַליסטן מכל המינים: עס זענען דאָ אַפילו די וואָס האַלטן, אַז די ייִדישע אמונה און איר עטיק זענען אַ וויכטיקער טייל פונעם פאָלקס פאַרמעגן; עס זענען פאַראַן אַנדערע וואָס האַלטן, אַז די ייִדישע אמונה און איר עטיק זענען פון אַ קנאַפּן ווערט, ווייל די ביידע באַגריפן האָבן אויפגעהאָדעוועט אַ פאָלק פון פּחדנים און אַן אומה, וואָס האָט שוין פאַרגעסן די פרייד פון גבורה. זיי אַלע אָבער זענען מסכים, אַז נישט די אייגנאַרטיקע ייִדישע אמונה איז געווען די טרייבקראַפט און די הויפּט־סיבה פאַר דער עקסיסטענץ פון דעם ייִדישן פאָלק. נאָר דער רצון צו עקסיסטירן, צו בלייבן לעבן, ביים ייִדישן פאָלק, האָט גורם גע־ווען די אייגנאַרטיקייט פון דער ייִדישער אמונה.

„די קיומיסטן פונעם היינטיקן דור, וואָס פּרעדיקן אויפצוהאַלטן דעם ייִדישן ריטואַל און צערעמאָניאַל און אויך ייִדישע עטישע ווערטן האַלטן נישט, אַז די ייִדישע אמונה איז וויכטיק פאַר זיך אַליין, ווי אַ גייסטיקע באַוועגונג. זיי מיינען אויך, אַז דאָס גלייבן אין אַ לעבעדיקן גאָט איז לכתחילה געווען די פּרימיטיווע פאַרקערפּערונג פון דעם לעבנס־דראַנג ביים ייִדישן פאָלק. שפּעטער איז אויפגע־קומען אין גלות בבל די הלכה, וואָס איז בכלל נישט מער ווי אַ מעכאַנישער מיטל פאַרן ייִדישן קיום. הלכה האָט באַצוועקט צוליב קיום אָפּצושיידן, אָפּצוזונדערן דאָס ייִדישע פאָלק פון דער נישט־ייִדישער באַפעלקערונג. דער ייִדישער ריטואַל און צערעמאָניאַל האָבן נישט קיין תוך־ווערטן און ייִדישע עטיק האָט נישט די געטלעכע סאַנקציע; ווייל נישט גאָט האָט געשאַפן די ייִדישע אומה און איר גע־געבן אַ תורה, נאָר דאָס ייִדישע פאָלק האָט געשאַפן אַן אייגנאַרטיקן גאָט מיט אַ באַזונדערער תורה צוליב קיום האומה.

„באמת, די גאַנצע אמונה, מיינען די קיומיסטן, איז נישט מער ווי שיריים פון אַ שבטים־קולטור. אָבער עס האָט געאַרבעט: דער ייִדישער גאָט און די ייִדי־שע תורה האָבן אויפגעהיט דאָס ייִדישע פאָלק פון אונטערגאַנג. וויבאַלד אַז עס האָט זיך אַרויסגעוויזן דורך דורות, אַז עס האָט געאַרבעט, דאַרפן מיר, נאַציאָנאַ־

ליסטן, וואָס דער ייִדישער קיום איז אונדז טייער, אָפּהיטן ייִדישע טראַדיציע. עס מאַכט נישט אויס וואָס דאָס גלייבן אין אַ לעבעדיקן גאָט איז פּרימיטיוו פאַר אַ ייִדן פון אונדזער דור; עס איז נישט וויכטיק, וואָס דער ריטואַל און צערעמאָניאַל זענען בעצם טאַבוס און דאָס אויספאָלגן פון די געבאָטן איז נישט מער ווי פּרי־מיטיווע שרעק. מיר היטן דאָס אַלץ אָפּ, נישט ווייל מיר גלייבן אין די אַלע זאַכן, נאָר מיר היטן אָפּ עפּעס פון שבת, פון יום־טוב, מיר דאַווענען אַמאָל און פירן זיך אויף טראַדיציאָנעל, ווייל דאָס אַלץ איז דער בעסטער מיטל פאַר קיום האומה.

„אין די תּפוצות, ביי די קיומיסטן נאַציאָנאַליסטן, איז אמונה נאָך ווייניקער ווי אַ דעקאָראַציע אַפילו. עס איז געוואָרן אַ גלויבן, אויסגעהוילט פון וועלכער עס איז אינערלעכער אמונה, עמאַציעס און אייגענע ווערטן. זיי היטן אָפּ ייִדישקייט, כדי אויפצוהאַלטן אַ פאָלק אין דער פרעמד, אַ פאָלק, וואָס האָט נישט קיין זין און נישט קיין פאַרוואָס פאַר קיין עקסיסטענץ, צו זיין אַ פאָלק אין אַ פאָלק (גוי בקרב גוי).

„איך מיין אַז די אַלע מינים נאַציאָנאַליסטן און קיומיסטן, וואָס ווילן אָפּ־היטן, אָדער אויפהיטן ייִדישע אמונה מיט איר ריטואַל און צערעמאָניאַל, ווייל עס איז פאָלקס־פאַרמעגן, אָדער צוליב קיום — אָבער אָן גאָט — קאָן מען פאַר־גלייכן צו אַ חתונה אָן אַ חתן, אָדער — אָן אַ כלה.

„עס לעבט אַ פאַרזעסן מיידל און זי איז אומגליקלעך. קומט אַ קלוגער און אַ רייכער פעטער און טענהט לאַגיש: „מיין פּלימעניצע איז אומגליקלעך, ווייל זי האָט נישט חתונה געהאַט. וואָס איז דאָ דער אָפּהאַלט צי מניעה? אַ חתונה? איך וועל פראַווען פאַר איר אַ חתונה.

„און דער רייכער פעטער האָט זיך געאיילט און געדונגען אַ שיינעם זאַל, און באַשטעלט קלעזמער, זיך באַדונגען מיט אַ רעסטאָראַטאָר צוצוגרייטן אַ חופּה־וועטשערע, מיט אַ גאָלדענער יויך, איבערגעקליבענע געבראָטענע עופות, די פיינ־סטע שנאַפּסן און ליקערן. ער האָט אויסגעזוכט גאָר אַ געהויבענעם חזן מיט משוררים און איבערגערעדט אַ באַרימטן רבֿ, ער זאָל זיין דער מסדר־קידושין און מיט אים אויסגענומען, ער זאָל האַלטן די אמתע געהויבענע דרשה אונטער דער חופּה.

„ער האָט דורכגעפירט אַ חתונה כיד המלך. די כלה האָט געטראָגן אַ ווייס זיידן קלייד און גילדערנע טופליעס; דער שלייער — פון פיינסטן זייד. אַלע געסט, קרובים, לאַנדסלייט און באַקאַנטע האָבן צוגעגעבן, אַז זיי האָבן קיינמאָל ווען עס איז נישט בייגעווויִנט אַזאַ חתונה, געפּראַוועט מיט דער פולער האַנט.

„אָבער דאָס מיידל איז נאָך דער גראַנדיעזער חתונה געבליבן נישט קיין חתונה געהאַטע.

ער: לאָמיך דיך פאַרשטיין קלאָר. ווען דו זאָגסט ייִדישע אמונה אָן אַ גאָט איז ווי אַ חתונה אָן אַ חתן: מיינסטו טאַקע פּשוט: אַ גלויבן אין דער עקסיסטענץ

פון גאָט, ס׳מיינט, אין אַ טראַנסצענדענטאַלן כוח, אויסער דער וועלט און איבער דעם מענטשן, אַ גאָט, וואָס פירט די וועלט און גיט אַכטונג אויף איר, ווי אַ טאַטע אויף קינדער און ווי אַ פּאַסטעך אויף די שאָף?

איך: — צוערשט לאָמיר רעדן נאָר וועגן דער עקזיסטענץ פון גאָט. וואָס פאַר אַ גאָט און ווי אַזוי ער פירט די וועלט, איז גאָר אַן אַנדער ענין. וועגן דעם זענען דאָ פאַרשידענע באַגריפן ביי פאַרשידענע מענטשן לויט זייער קולטור־מצב. און אַפילו צווישן די געלערנטסטע און צווישן די וואָס טראַכטן טיף וועגן דעם ענין, ווענדט זיך עס, אין וועלכן דור. מיר האָבן דאָך פריִער גערעדט וועגן דעם באריכות.

„איצט ווילן מיר רעדן פשוט וועגן דעם געדאַנק, צי עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. דאָס איז דער עיקר פון אַלע עיקרים.

עס איז אַן אָנגענומענע נאמנה ביים מאָדערנעם מענטשן, אַז גלייבן אין גאָט, איז אַ סימן פון אָפּגעשטאַנענקייט און הינטערשטעליקייט. דער היינטיקער מענטש טראַכט אַזוי, אָדער איך וואָלט אַפילו געזאָגט, גלייבט אַזוי, נישט ווייל ער האָט זיך פאַרטיפט אין מעטאַפיזישע פראַגעס און זיך פאַרנומען מיט די פילאָסאָפיעס פון גאָט־זוכענישן, און ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז עס איז נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט. ניין, די היינטיקע אינטעליגענץ פאַרנעמט זיך אַ סך מיט סאָציאַלע פראַגעס און „איך״־פּראָבלעמען, און איז זיך נישט מתעסק מיט דער גאָט־פראַגע. פון דער אינטעליגענץ האָט ער אַראָפּגענידערט צום ברייטן עולם און עס הערשט איצט, איבער גאָר דער וועלט, און איבערהויפּט אין אונדזערע יידישע סעקולאַרע קרייזן, אַ גייסטיקע לופט פון נישט גלייבן. נישט קיין באַוווסט־זיניקע כפירה, נאָר נאָך עפּעס ערגערס דערפון, אַ גלייכגילטיקייט צום ענין פון אמתער אמונה. ס׳איז אונדזער דור פרעמד דער רצון צו זיין נאָענט צו גאָט. נישטאָ קיין ווילן צו זוכן אַ וועג צו אים. אויף אונדזער לשון: נישטאָ ווער עס זאָל גאָרן צו באַהעפטן זיך מיט דער אַבסאָלוטער רעאַליטעט, צו וועלן זיין אַ טייל פון קאָס־מאָס. מיר אָריענטירן זיך אויפן גוף און אויף דער חומרישקייט פון דער וועלט.

„די אָפּגעפרעמדקייט פון גאָט ביים היינטיקן מענטשן, איז נישט נאָר דער פּועל־יוצא פונעם אויפשטייג פון דער פּאָזיטיווער וויסנשאַפט, ווייל בעצם קען די וויסנשאַפט נישט אָפּלייקענען די עקזיסטענץ פון אַ טראַנסצענדענטאַלן כוח, וואָס האָט געשאַפן די וועלט. דאָס פאַרלייקענען פון גאָט נעמט זיך מער דערפון, וואָס די אינטעלעקטועלע וועלט האָט געפירט אַ קאַמף מיט דער אינסטיטוציאָ־נעלער רעליגיע, וואָס האָט באַהערשט די וועלט און געהאַט די דעה איבערן טאָג־טעגלעכן לעבן פון דעם מענטשן. ווי אַלע הערשער, האָט די אינסטיטוציאָנעלע רעליגיע מיסברויכט, גענוצט לרעה איר מאַכט. סוף־כל־סוף האָט די סעקולאַרע וועלט געוווּנען דעם קאַמף און אַראָפּגעוואָרפן די הערשאַפט פון דער אינסטיטו־

ציאָנעלער רעליגיע. אָבער דערוויל האָט מען פּאַרמישט גאָט מיט דער רעליגיע־הערשאַפט, מען האָט פאַרגעסן אַן גאָט און פאַרלאָרן די אמונה.

ער: דו כאַפּסט צופיל. דו נוצסט פּאַרטיקע ווערטער, קלישעס, ווי זיי וואָלטן געווען פול מיט אינהאַלט און באַטייט. אמונה, גאָט, אַבסאָלוטע רעאַליטעט — דאָס זענען ווערטער, וואָס מען האָט זיי אַזוי לאַנג גענוצט, אַז זיי זענען איצט נישט מער ווי בלעכלעך, וואָס האָבן אַמאָל געהאַט אויף זיך נומערן און זענען געווען דערקען־צייכנס פאַר אוצר־קעסטלעך, אָנגעפּראַפּט מיט עשירות. איצט זענען די נומערן אינגאַנצן אָפּגעריבן געוואָרן און עס זענען נישטאָ מער קיין דערקען־צייכנס. עס זענען דאָ פּשוטע בלעכלעך, וואָס אַפילו קינדער וועלן זיך נישט שפּילן מיט זיי.

„כ'מיין, אַז אמונה, גאָט, אַבסאָלוטע רעאַליטעט האָבן אַן אינערלעכן ווערט בלויז פאַר נאַיוו־גלייביקע. ס'איז אַן עמאָציאָנעלער ענין, נישט קיין ראַציאָנעלער געדאַנקען־גאַנג, וואָס מען קאָן עס דערווייזן. עמאָציאָנעלע אמונה איז פאַרבונדן אַ היפּש ביסל מיט שרעק און דערוואַרטונג פון באַלוינונג און שטראָף. דו רעדסט פון אמונה, ווי עס וואָלט געווען אַ ראַציאָנאַלער ענין. אמונה און ראַציאָ־שכל — צוויי באַזונדערע וועלטן און באַגריפן. איז, ילמדנו רבינו, דערקלער מיר, ווי אַזוי האָסטו זיך אַליין איבערגערעדט, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט? גלויבן איז ווי ליבע: אָדער מען גלייבט יאָ, מען האָט ליב, אָדער מען גלייבט נישט, מען האָט נישט ליב.

איך: דיינע רייד זענען מיר גוט באַקאַנט. מיין גאַנצער דור רעדט אַזוי. עס איז אַ טעות. גאָט, דער קעניג, איז נישט נאָר קיין עמאָציאָנעלע איבערלעבונג. באמת איז עס אַ גרויסע אינטעלעקטועלע איבערלעבונג. אונדזער דור מיינט, אַז גאָט, דער קעניג, איז נאָר אַ בלינדער גלויבן, ווייל מיר האָבן שוין פאַרגעסן אויפצוהייבן די אויגן צום הימל, אָנצוקוקן דעם באַשאַף און אויפגעהערט זיך צו וווּנדערן: פון וואַנען שטאַמט עס אַלץ? מיר האַלטן די אויגן אַלעמאָל אַראָפּגעלאָזן צום אַספאַלט, וואָס מיר ווייסן, אַז אַ קעסל אָנגעלאָדן אויף אַ טראַק, האָט אויסגעגאָסן פליסיקן צעמענט און פעך אויף דער ערד. און דערנאָך איז געקומען אַ מאַשין און עס איינגעפּרעסט — אַ מעכאַנישער פּראָצעס.

איך וויל, זאָלסט קלאָר פאַרשטיין. איך רעד דאָ וועגן זיך אַליין, און נישט וועגן די דערפאַרונגען פון אַנדערע מאמינים. ביי מיר איז די עקסיסטענץ פון גאָט אַ ראַציאָנעלע דערקענונג, און נישט קיין עמאָציאָנעלע צערודערטע איבערלעבונג. דעם רבינו בחייס אויפקלער פון גאָטס עקסיסטענץ איז פאַר מיר אַ קלאָרע דערווייזונג, ווי די לייזונג פון אַ מאַטעמאַטישער פאָרמולע. איך חזר איבער: ביי מיר איז גאָט־עקסיסטענץ אַ שכלדיקער מוז, אַ ראַציאָנאַלע זיכערקייט דווקא. געוויינטלעך האַלטן אַלע, איבערהויפּט אין אונדזערע קרייזן, אַז גלויבן איז אַן

עמאַציאַנעלע איבערלעבונג, און אַ בעל־שכל לעבט נישט אויף עמאָציע. איך בין אַ מאמין, אָבער עמאַציאָנעל האָב איך נאָך דערוויַיל נישט דערפילט זיין מציאות. באַנעמען גאָט אויף ביידע אופנים: על פי שכל און מיט די חושים, איז אַ גרויסע זכיה. נישט יעדער קען עס דערגרייכן.

„איך האַלט, אַז דעם רבנו בחייס שיטה, אַז מען קאָן אָפּלערנען פון באַשאַף די עקסיסטענץ פון אַ באַשאַפער, איז גילטיק אויף פאַר אונדז היינט. אָבער כדי צו באַנעמען דעם דאָזיקן געדאַנק, מוז דער מענטש צוריקקריגן די נייגיר צוצו־קוקן זיך צו זיין אַרום. וועט ער אָנהייבן זיך אַרומקוקן, וועט ער דערזען דעם וווּנ־דערלעכן סדרדיקן איינשטעל פון דער וועלט און די גרויסע ווונדערלעכע האַר־מאָניע אין דעם מעכאַניזם פון די ברואים. ווען ער וועט זיך איינגעוווינען נישט אויפנעמען זאַכן ווי זעלבסטפאַרשטענדלעך, וועט ער דערזען, אַז נישט נאָר די ערד און איר פולקייט, נאָר אַפילו דאָס קלענסטע בריאהלע האָט נישט געקענט אויפקומען צופעליק. וויבאַלד אַז די וועלט און אַלץ וואָס אין איר זענען געשאַ־פענע, מוז זיין אַ בורא־עולם, אַ באַשאַפער, אַ בעל־הבירה — אָן אָנפירער מיטן פּאַלאַץ, ס׳מיינט, ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. דער רבינו בחיי ברענגט דעריבער שיינע משלים״.

ער: איך וועל דיך ווידער אַמאָל אָפּשטעלן מיט דער זעלביקער פראַגע: וואָס פאַר אַ גאָט? וואָס איז זיין כאַראַקטער־אייגנשאַפט, זיין קוואַליטעט און דער תכלית. דער צוועק פון זיין עקסיסטענץ? ס׳מיינט, איז ער בלויז אַן אַב־סטראַקציע, אַ טראַנסצענדענטאַלער כוח, אָן אַ שייכות צו אונדז, אָדער ער איז אַ נאַענטער גאָט און ער האָט אַ צוועק פאַר דעם מענטשן.

איך: אויף דערוויַיל לאָמיך דיר געבן דעם תירוץ פון רבנו בחיי: עס זע־נען פאַראַן פיר פאָדערונגען אין דער דערקענונג פון יעדער זאַך וואָס עקסיס־טירט: זיין עקסיסטענץ, זיין כאַראַקטער־אייגנשאַפט, זיין קוואַליטעט און זיין צוועק. (מציאותו, מהותו, איכתו ותכליתו) אין שייכות צו גאָט דאַרף מען זיך באַ־נוגענען נאָר מיט איין פאָדערונג — די באַשטעטיקונג פון זיין עקסיסטענץ. מען טאָר נישט, און מען קען נישט נאָכפאָרשן, ספעקולירן וועגן די איבעריקע דריי זאַכן. אין אונדזער לשון וואָלטן מיר געזאָגט, אַז זיין עקסיסטענץ קענען מיר באַ־נעמען מיט אונדזער מענטשלעכן שכל, אָבער זיין אייגנשאַפט, קוואַליטעט און צוועק איז למעלה מן השכל — איבערן מענטשלעכן פאַרשטאַנד. שפּעטער וועלן מיר באַטראַכטן דעם ענין און זיך נישט באַגנוגענען בלויז מיט דער דאָזיקער אָנ־געגעבענער רעליגיעז־פילאָסאָפישער הנחה.

„לאָמיר זיך דערוויַיל אומקערן צו די צוויי שיינע און לאָגישע משלים פון רבנו בחיי, וואָס איך מיין, זענען פאַר אונדז גילטיק אויף היינט.

„דער ערשטער משל איז מיט אַ רעדל פון אַ הייב־שטאַנג, דאָס וואָס מען רופט

אויף ענגליש „פולי", וואָס איז קאָנטיק געווען אין רבנו בחיים צייט אַ פּאָפּולערע מאַשין. אָט איז רבנו בחיים לשון:

„און עס זענען פאַראַן מענטשן, וואָס האַלטן, אַז די וועלט איז אויפגעקומען דורך אַ צופאַל, אָן אַ שעפער, וואָס האָט איר געגעבן אַן אָנהייב און אַן אַן אויס־פורעמער, וואָס האָט זי אויסגעפורעמט. און ס'איז אַ וווּנדער אין מיינע אויגן ווי אַזוי עס קאָן אַרויפקומען אַזאַ מחשבה אויפן געדאַנק פון אַ מענטשן, וואָס איז ביים געזונטן פאַרשטאַנד. ווען דער דאָזיקער וואָס זאָגט עס, וואָלט געהערט, אַז עמעצער זאָגט אַזוי אויף אַ וואַסער־רעדל, וואָס דרייט זיך אָנצוטרינקען אַ שטיק פעלד, אָדער אַ גערטנדל, נעמלעך, אַז דאָס רעדל איז איינגעשטעלט געוואָרן אָן דער אויסרעכענונג פון אַ בעל־מלאכה, וואָס האָט זיך באַמיט צו מאַכן דאָס רעדל מיט געצייג פאַרן נוצן פונעם מענטשן, וואָלט ער דאָך מיט גרויס אייפער און מי אים אָפּגעפרעגט. און אויב יענער וואָלט זיך צו אים נישט צוגעהערט, וואָלט ער אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן נאַר און וואָלט זיך געאיילט אָפּצולייקענען און אָפּ־פרעגן זיינע רייד.

„און וויבאַלד ער וואָלט אָפּגעפרעגט אָט דעם געדאַנק פון צופעליקייט פון אַ קליין רעדעלע, וואָס איז נישטיק און נישט וויכטיק, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט אַ קליינעם איינפאַל כדי אויפצוריכטן אַ פּיצעלע, אַ שטיקעלע פון דער ערד, איז ווי דערלויבט ער זיך אַזוי צו טראַכטן וועגן דעם גרויסן רוים, וואָס רינגלט אַרום די גאַנצע ערד און אַלץ וואָס איז אויף איר?

„און דער רבינו בחיי וועבט ווייטער אַ צווייטן משל: „עס איז גאַנץ גוט באַוווּסט, אַז זאַכן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אָן אַ פּלאַן און אָן אויסרעכע־נונג, האָבן אין זיך נישט קיין סימן, וואָס ווייזט אָן אויף קלוגשאַפט און מעגלעכ־קייט פון אַ שעפער. אָט ווען טינט גיסט זיך אויס צופעליק אויף ליידיק פּאַפּיר, איז אַן אוממעגלעכקייט, אַז פון דעם דאָזיקן אויסגעגאָסענעם טינט זאָל אַרויסקו־מען אויפן פּאַפּיר אַ סיסטעמאַטיש־אָנגעשריבענע זאַך פון ווערטער און שורות, ווי זיי וואָלטן געשריבן געוואָרן מיט אַ פּען אין אַ מענטשלעכער האַנט. און אויב אַ מענטש וואָלט געבראַכט פאַר אונדז אַזאַ סיסטעמאַטיש־אויסגעשטעלטן כתב, וואָס קען נישט אָנגעשריבן ווערן אָן די מיטלען פון אַ פּען אין דער האַנט, און וואָלט אונדז געזאָגט, אַז דאָס אָנגעשריבענע איז דער פועל־יוצא פון דעם אויסגע־גאָסענעם טינט, וואָלטן מיר עס אָפּגעלייקנט און געזאָגט, אַז עס איז אוממעגלעך, אַז די שורות און די ווערטער זענען אָנגעשריבן געוואָרן אָן אַ פּלאַן און אָן אויסרעכענונג. היינט, אויב אין אונדזערע אויגן איז אוממעגלעך, אַז שורות און אותיות, וואָס מיר צווישן זיך האָבן בלויז אָפּגעמאַכט, אַז זיי זאָלן געשריבן ווערן אויף אַ באַשטימטן אופן, קענען נישט זיין קיין צופעליקע, — ווי איז עס מעגלעך וועגן אַן אַרבעט, ווי די יצירה, וואָס איז אַ סך דינער, פיינער און טיפער, זאָל

קאָנען אויפקומען אָן אַ לכתחילהדיקער איינשטעלונג און אָן דער חכמה פון איי־נעם, וואָס קאָן עס טאָן, אַ בעל־יכולת?

„איך מיין, אַזביידע משלים זענען עד־היום נישט פאַרעלטערט און ס'איז פאַר מיר קלאָר, אַז די וועלט האָט אַ שעפער און זי איז נישט אויפגעקומען צופעליק.

ער: דו ווייסט? מען וועט אויף דיר זאָגן, אַז דו ביסט אַ היפּש ביסל האַ־מעטנע. דו נעמסט אָן אַ וואַריאַנט פון דעם אַנטאָלאָגישן באַוויז פון גאָט־עקסיס־טענץ, ס'מיינט, אַז ווי באַלד עס איז דאָ אַ גאָט־געדאַנק, איז עס אַ סימן פון זיין עקסיסטענץ. אָדער ווי באַלד עס איז דאָ אַן איינגעבוירענע און אוניווערסאַלע קאָנצעפּציע פון אַן אַבסאָלוטן און פערפעקטן וועזן, איז עס אַ באַוויז פון דער רעאַלער עקסיסטענץ פון אַזאַ וועזן. דו ווייסט דאָך, אַז עס איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז די קאָנצעפּציע פון אַ פּערפעקטן וועזן איז לאָגיש נישט מחייב, אַז ער עקסיס־טירט.

„אפשר נאָך ערגער איז דאָס, וואָס דו באַנוצסט זיך מיט די משלים פון רבנו בחיי. זיי אילוסטרירן דעם טעלעאָלאָגישן געדאַנק, ס'מיינט, ווי באַלד אַז עס איז דאָ אַ באַשטימטע אָרדענונג, געזעצלעכקייט אין דעם קאָסמאָס און יעדער איינער קאָן עס זען דאָ, אויף אונדזער ערד, איז עס אַ באַוויז אויף אַ ציל און אַ תכלית אין דעם באַשאַף. ווי באַלד אַז עס איז דאָ אַ ציל און אַ תכלית, מוז דאָך זיין אַ שעפער, אַ בעל־הבירה. אָבער מען פרעגט אָפּ די עיקר־הנחה. מען זאָגט, אַז אָרדענונג און געזעצמעסיקייט אינעם באַשאַף, קענען זיין אַן אָנצייג בלויז אויף אַן אַרכיטעקטאָנישן פּלאַן אין דער וועלט, אָבער — נישט אויף קיין תכלית און נישט אויף קיין שעפער. און דו, נישט נאָר נעמסטו אָן דעם טעלעאָלאָגישן אָנוויז, נאָר דו באַנוצסט זיך מיט משלים צו באַקרעפטיקן דיין געדאַנק. אָבער, וועט מען ווידער טענהן צו דיר: אַנאַ־לאָגיעס זענען קיינמאָל נישט קיין באַוויז אויף דער אמתדיקייט פון אַ געדאַנק.

„מען קען אויך זיך קרימען אויף דעם, וואָס דו נוצסט דאָס וואָרט „עקסיס־טענץ” בנוגע גאָט. עקסיסטענץ איז חל נאָר אויף אַ וועזן, וואָס האָט פאָרעם און געשטאַלט. דאָס וואָרט „זיין”, „מציאות”, אָדער די קאָמבינאַציע פון „זיין במצי־אות” איז פאַסיקער בנוגע דער גאָט־אַבסטראַקציע.

איך: עס וואָלט געווען גוט, ווען דו זאָלסט באַנעמען, אַז איך בין נישט אויסן געווען אויפצובויען אַ פילאָסאָפישע סיסטעם, וואָס זאָל שטימען מיט די לעצטע שבלעצטע שיטות און דערפינדונגען. נישט איך בין דאָס אויסן געווען צו טאָן און נישט איך בין בכוח דאָס צו טאָן. דערפאַר כאַפּ מיך נישט אין קיין טעותים. מיין עובדא איז אַ חשבון־הנפש — פּערזענלעכע, אינטעלעקטועלע און עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען, וואָס דערקלערן מיין וועלט־באַנעם.

„אחוץ מיין התנצלות, איז סטראַשע מיך בכלל נישט מיט פילאָסאָפיע. עס

זענען דאָ אַזעלכע שאַרפע חילוקי־דעות וועגן דעם ווערט פון די גרעסטע פילאָ־סאָפן בכלל, וועגן פילאָסאָפיע בפרט, אַז עס איז אין לדבר סוף.

„למשל, מי לנו גדול, ווער קאָן זיין גרעסער פון קאַנטן, אָדער שפּינאָזאָן? אָט וואָס עס זאָגט וועגן זיי בערטראַנד ראַסעל:

„עמנואל קאַנט ווערט, ווי אַ כלל, געהאַלטן ווי דער גרעסטער פון די מאָ־דערנע פילאָסאָפן. איך בין נישט מסכים מיט דער דאָזיקער אָפּשאַצונג. אָבער עס וואָלט געווען נאַריש נישט צוגעבן זיין גרויסע וויכטיקייט. נו, וויכטיקייט איז נישט גרויסקייט.

„אים, ברוך שפּינאָזאָן, האָבן אַנדערע אַריבערגעשטיגן אינטעלעקטועל, אָבער עטיש איז ער געווען דער גרעסטער, דער העכסטער". נו, אויפפירן זיך עטיש, און דאָס איז וואָס בערטראַנד ראַסעל האָט געמיינט, האָבן אַ סך קליינשטעטלדיקע רבנים זיך אויפגעפירט שענער פון שפּינאָזאָן. אָבער דער עיקר איז דאָך שפּינאָ־זאָס מעטאַפיזיק. זאָגט בערטראַנד ראַסעל: „די דאָזיקע גאַנצע מעטאַפיזיק איז אוממעגלעך אָנצונעמען. זי איז אין סתירה (אינקאָמפּעטיבל) מיט דער מאָדערנער לאָגיק און מיט דעם וויסנשאַפטלעכן מעטאָד". נישט מער און נישט ווייניקער! (בערטראַנד ראַסעל, איי היסטאָרי אָוו וועסטערן פילאָזאָפי. זעט די פּרקים וועגן שפּינאָזאָן און קאַנטן).

„האַנס רייכנבאַך מאַכט נאָך אַ שענערן תכלית פון שפּינאָזאָן און פון קאַנטן. און וואָס נאָר פון די דאָזיקע צוויי ריזן? ער מאַכט אַ תל פון פילאָסאָפיע בכלל. ער זאָגט, אַז די מאָדערנע וויסנשאַפטלעכע דענקער האַלטן די גאַנצע פילאָסאָפיע איז נישט מער ווי ספּעקולאַטיווע בטלנות. מילא, פאַר די אַלע פילאָסאָפן ביז קאַנטן געפינט ער נאָך אַ שטיקל זכות, אָבער די שפּעטערדיקע פילאָסאָפן?

„די פריִערדיקע פילאָסאָפן האָבן געגעבן, זאָגט האַנס רייכנבאַך, פּסעוודאָ־ענטפערס, ווייל קיין בעסערע ענטפערס זענען נישט געווען בנמצא אין זייער צייט. אָבער די פילאָסאָפישע סיסטעמען פונעם ניינצנטן יאָרהונדערט (פיכטע, שעלינג, העגעל, שאָפּענהאַוער, ספּענסער און בערגסאָן) האָבן אויפגעבליט אין אַ תקופה, ווען עס האָט אָנגעהויבן אויפצוקומען אַ בעסערע פילאָסאָפיע. די פילאָסאָפן פו־נעם ניינצנטן יאָרהונדערט האָבן נישט באַמערקט די פילאָסאָפישע ענדערונגען, וואָס זענען געלעגן אינעם תוך פון דער וויסנשאַפט פון זייער צייט. די דאָזיקע מענטשן האָבן אינעם ניינצנטן יאָרהונדערט אַנטוויקלט אונטערן נאָמען פילאָסאָ־פישע סיסטעמען פון נאַיווע גענעראַליזאַציעס און אַנאַלאָגיעס — משלים, פאַר־גלייכונגען. אָפט האָבן זיי געווירקט מיט זייער איבערצייגנדיקן אופן פון פּרעזענ־טאַציע, פון איבערגעבן זאַכן. אַמאָל האָט געווירקט זייער פּסעוודאָ־וויסנשאַפטלע־כע טרוקנקייט פון סטיל, וואָס האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויפן לייענער און גע־האָלפן די פילאָסאָפן צו ווערן באַרימט. אָבער ווען מען באַטראַכט זיי היסטאָריש,

קענען די אַלע פּילאָסאָפישע סיסטעמען פאַרגליכן ווערן צו אַ שטראָם פון אַ טייך, וואָס איז געפלאָסן דורך פּרוכפּערדיקע לענדער און סוף־כל־סוף דערגרייכט אַ מדבר, און אויסגעטריקנט געוואָרן. (האַנס רייכנבאַך, „רייז אָוו סייענטיפיק פּי־לאָסאָפי", זייט 125).

„אָט האָסטו אַ תכלית פון דער גאַנצער אַלטער און מאָדערנער פּילאָסאָפיע. ווילסטו מיך אַריינשטופּן צווישן די ריזיקע און שווערע באַלקנס און איך זאָל אָנ־נעמען דעם גרעבסטן און שווערן טייל, זיי צעשטופּן און מאַכן דאָרט אַ וועג פאַר זיך?

„איך בין בלויז אויסן אַ חשבון־הנפש. איז זע, צי דער חשבון־הנפש דער־פירט ערגעץ. ווי זלמן, קען איך זאָגן: „אני הגבר", איך בין דער, וואָס איך האָב זיך דערזען אין אַ וועלט אָן אַ גאָט, אין אַ וועלט פון כאָאָס, אָן אחיזה אָן עפּעס, אָן קיין שום צוגעבונדנקייט צו אַ רעאַליטעט. אָן ייִדישקייט איז דאָס לעבן גע־וואָרן אָן אַ תכלית, אָן אַ ציל און אָן אַ זין, אין אַ וועלט פון רשעות. איך האָב גע־מוזט אויסגעפינען פאַר זיך, צי עס איז דאָ אַ זין אין דער משוגענער לאָגיק פון דער וועלט. פּראָסט, איך האָב געמוזט אויסגעפינען פאַר זיך, צי עס איז דאָ אַ ממשות אין אַלץ, וואָס איך האָב געוווסט וועגן אים, דעם כביכול, די אַבסאָלוטע רעאַליטעט. אויב יאָ, וועט דאָס לעבן ווידער האָבן אַ זינען און איך וועל ווייטער קענען אָנגיין מיטן לעבן. אַנישט — — — — — וועל איך שטאַרבן. איך וויל זיך, חלילה, נישט אָנטאָן קיין מיתה. עס וואָלט נישט געווען נייטיק, ווייל עס וואָלט נישט געווען כדאי צו לעבן און עס וואָלט נישט געווען קיין פאַרוואָס צו לעבן. איך וואָלט פּשוט אויפגעהערט צו לעבן.

„דו זעסט? איך חזר איבער כמעט וואָרט אין וואָרט זלמנס רייד, ווייל דאָס איז די סיבה פון די קרוב זעכצן יאָר פון מיין ראַנגלעניש.

„אין מיין „חשבון הנפש" רעד איך מיט דעם לשון, אָדער בעסער געזאָגט, מיטן גייסט פון דער אינטעלעקטועלער אַטמאָספערע פון מיין דור. יעדער דור האָט זיינע אָנגענומענע אמתן, בעסער געזאָגט, זיין וויסנשאַפטלעכע ניוואָ און וועלט־באַנעם, זיין גייסטיקע אַטמאָספער, וואָס קיינער פון דעם דור קען זיך נישט באַפרייען פון דעם. דאָס איז דער זין פונעם פּסוק „כי מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים" (די וועלט וועט זיין פול מיט דער דערקענונג פון גאָט, ווי דער ים איז צוגעדעקט מיט וואַסערן. ישעיה, יא, ט). גאָטס דערקענונג וועט זיין אַן אָנגענומענע נאָרמע. עס וועט זיין נישט קיין ענין פון איבערטראַכטן, פון פאַרשן. די גאַנצע גייסטיקע אַטמאָספערע וועט זיין אָנגעזאַפּט מיט גאָטס דערקענונג

„זיי מיר מוחל, וואָס איך וועל זיך ווידער באַנוצן מיט אַן אַנאַלאָגיע. אין דרייצנטן יאָרהונדערט, אין אייראָפּע און אויך אין די אַנדערע קאָנטינענטן, האָבן מענטשן, געלערנטע און נישט־געלערנטע געגלייבט, נייק, געוווסט, אַז עס זענען דאָ

מלאכים אין הימל און זיי האָבן אַפילו געװוּסט זייערע נעמען. וויפל געבילדעטע און נישט געבילדעטע מענטשן האַלטן היינט, אַז עס זענען דאָ מלאכים?

„איך, ווי איינער פון מיין דור, בין אָנגעזאַפּט מיט די אמונות און באַגריפן אין אמתן פון מיין דור. ווען איך האָב צוריק געדאַרפט געפינען אים, דעם כביכול, האָב איך טאַקע אַלץ, וואָס איך בין געווען בכוח איבערצושאַצן, איבער־געשאַצט. די אַלע אַלטע ווערטן, מיט וואָס איך בין געווען באַקאַנט פון מיין יוגנט אָן, האָבן געקראָגן וויכטיקייט אין מיינע אויגן, אָבער נאָר אין דעם גייסט פון מיין דור. איך האָב נישט אָפּגעוואָרפן איצט דאָס אַלטע, דאָס טראַדיציאָנעלע, אָבער עס האָט געקראָגן אַ נייעם לבוש און אַ טיפערן זין.

„קומען מיר איצט צום אויסדרוק „עקסיסטענץ”, וואָס איך האָב גענוצט בנוגע גאָטס זיין, מציאות. איך האָב פריִער דערמאָנט דעם רבנו בחיי וועגן אַלע זאַכן, וואָס עקסיסטירן, קען מען אָנווענדן: מציאותו, מהותו, איכתו ותכליתו — עקסיס־טענץ, כאַראַקטער, אייגנשאַפט, קוואַליטעט און צוועק. אָבער וועגן גאָט נאָר מצי־אותו — דאָס זיין. וועגן די קוואַליפיקאַציעס טאָרן מיר נישט טראַכטן, זאָגט דער רבנו בחיי. איך וואָלט געזאָגט: מיר קענען נישט טראַכטן וועגן די ענינים, ווייל ס׳איז למעלה מן השכל, ס׳איז איבער דעם מענטשלעכן באַנעם. מען קען נישט האָבן קיין אַנונג וועגן זיין מהות, כאַראַקטער־אייגנשאַפט. כ׳מיין דערווייל.

„איך האָב זיך נישט געקענט צופרידנשטעלן צו בלייבן מיט בלויז אַן אַב־סטראַקציע. נו, איז וואָס, אַז עס איז יאָ דאָ אין דער מציאות אַזאַ אַבסטראַקציע? בכלל איז נאָכן מענטשלעכן פאַרשטאַנד אוממעגלעך פאַרצושטעלן זיך אַן אמתע אַבסטראַקציע. ווי נאָר מען טראַכט וועגן מציאות הבורא, איז עס שוין אַ הגשמה. ר׳ משה קורדובירו באַוואָרנט זיך וועגן דעם. ער זאָגט: „דו דאַרפסט פאַרשטעלן בלויז די מוזיקייט פון זיין מציאות, און באַלד לויפן צוריק, ווייל אויב דו וועסט זיך פאַרשטעלן מער פון דעם, וועט דאָך אויסקומען, אַז דו באַטראַכטסט אים ווי אַ זעלביקייט, און דעם מענטשנס דמיון איז באַגרענעצט און פאַרפיקסירט. דערפאַר דאַרפסטו אויפשטעלן אַ צאַם פאַר דיין געדאַנק, כדי דו זאָלסט צופיל נישט אַנ־טייטן, נאָר דו זאָלסט מחייב זיין די מציאות זיינע, אָבער דו זאָלסט נישט דערלאָזן דיין געדאַנק אים צו באַגרייפן”. דאָס איז אַ פיינער סאָפיזם, אָבער באמת איז אומ־מעגלעך אַזוי צו טראַכטן.

„האָב איך גענוצט בכיוון פאַר „בנימצא” „עקסיסטענץ”. איך האָב אָנגענומען דעם ייִדישן דרך. די תורה זאָגט אָן: „לא תעשה לך כל פסל וכל תמונה ממעל ואשר בארץ מתחת, ואשר במים מתחת לארץ” — דו זאָלסט זיך נישט מאַכן קיין געשניץ־אָפּגאָט, אָדער קיין שום געשטאַלט פון וואָס איז אויבן, אין הימל אָדער וואָס אויף דער ערד, אונטן, אָדער וואָס אין וואַסער אונטער דער ערד. גאָט איז טראַנסצענדענטאַל איבער דעם מענטשן און אויסער דער וועלט, דער בעל הבירה.

אָבער ער איז אויך אַ לעבעדיקער גאָט. בצר, ווען מען איז אין נויט, קען מען צו אים רופן. אָט אַזוי שטייט געשריבן אין דער תורה, אין די נביאים ראשונים, נביי־אים אחרונים און כתובים.

„דערפאַר האָב איך באַנוצט דאָס וואָרט עקסיסטענץ בנוגע גאָט נישט „זיין" אָדער „מציאות". „דער גאָט־געדאַנק, זאָגט איינער פון די מאָדערנע פאָרשער, איז אויפגענומען געוואָרן פון יידן ווי אַ לעבעדיקע רעאַליטעט, און נישט נאָר ווי אַן אינטעלעקטועלע ספעקולאַציע". אויך „די געטלעכע גוטסקייט האָבן יידן אויפ־גענומען ווי פונקציאָנעל, אַן אַקטיוון כוח אין דער וועלט".

„יאָ, ער איז טאַקע אַן אַבסטראַקציע, אָבער ער איז דער בעל הבירה.

„דאָס איז דער יידישער דרך. דער רבנו בחיי און דער רמב"ם — און אַלע יידישע דענקער — האָבן טאַקע געהאַלטן, אַז דער כביכול איז אַן אַבסטראַקציע און מען טאָר אים נישט מגשם זיין, אים אָנקליידן אין אַ גוף. ער איז הויך־דער־הויבן. אָבער ער איז אויך נאָענט צום מענטשן. דער שליסל איז אינעם פסוק פון ישעיה: „כי כה אָמר רם ונשא, שוכן עד וקדוש שמו. מרום וקדוש אשכון ואת דכא ושפל רוח להחיות רוח שפלים ולהחיות לב נדכאים". (אַזוי האָט געזאָגט דער הויך־דערהויבענער, דער וואָס רוט אין אייביקייט און הייליק איז זיין נאָמען: אין הויכקייט און הייליקייט טו איך רוען, אָבער איך בין מיט דעם דערשלאָגענעם און געפאַלענעם אין געמיט, אויפצולעבן דעם מוט פון די געפאַלענע און אויפצו־לעבן דאָס האַרץ פון די דערשלאָגענע (ישעיה, נז, טו).

„ווען איך האָב נאָך יאָרן קוקן נאָר אויף דער ערד, אויפגעהויבן מיינע אויגן צום הימל, האָב איך ממש שכלדיק דערזען: „ווער האָט באַשאַפן די אַלע? ער, וואָס פירט אַרויס מיט אַ צאָל זיינע חיילות; אַלעמען רופט ער אָן מיט אַ נאָמען, מיט זיין גרויסער מאַכט און מיט זיין שטאַרקן כוח, קיין איינער פעלט נישט". (ישעיה, מ, כו).

„איצט איז דער ברכי נפשי, וואָס איך האָב געזאָגט אין מיין יוגנט אַלע ווינטער־דיקע שבתים, געוואָרן צוריק אַ לעבנס־דערפאַרונג. די משלים פון רבנו בחיי צו אילוסטרירן דעם טעאָלאָגישן געדאַנק, זענען פאַר מיר געוואָרן לעבעדיקע אמתן.

„איז זוך נישט און געפין ביי מיר קיין סתירות. אָפט, ניין, אַלעמאָל, נוץ איך דעם מאָדערנעם וויסנשאַפטלעכן לבוש, ווען איך נעם אָן די טראַדיציאָ־נעלע אמתן."

ער: אויב דו ביסט שוין טאַקע אַזאַ מאמין, דעמאָלט זענען ערשט דאָ די אמתע קשיות: דער אויפקום פון מדינת ישראל און — ועל כולם, דיין הנהגה. אָבער עס טאָגט שוין. גיי צוריק שלאָפן. באַלד וועלן די שכנים אויפשטיין צו דער אַרבעט. אַ שיין פנים וועסטו ביי זיי האָבן, ווען זיי וועלן דיך דערזען זיצן אין דיין שלאָפראָק, אין די שטעקשיך, אין דרויסן אויף דער באַנק לעבן דיין הויז. נאָך

אַ שענער פּנים ווערסטו ביי זיי האָבן, ווען זיי וועלן הערן ווי דו רעדסט צו זיך אַליין. גיי שלאָפן! די שפּיץ־דעכער ווערן שוין באַגילדעט...

איך האָב אַראָפּגעשריבן דעם שמועס, וואָס איך האָב געהאַט מיט מיין שאָטן־שומר, מוצאי שבת נחמו. איך האָב געמיינט, אַז ער וועט זיך באַלד ווידער באַווייזן צו מיר. ער האָט דאָך מיר געשטעלט אַזעלכע האַרבע קשיות וועגן יסוד־זאַכן. איך וועל סוף־כל־סוף פאַרענדיקן „אויף מיינע אייגענע דרכים". מיר איז שווער אויסצוהאַלטן אַזוי לאַנג די צערודערונג. אָבער ער האָט זיך צו מיר נישט באַוויזן און איך האָב נישט געקענט ווייטער שרייבן.

מילא, איך בין אַזוי דערשעפּט, אַז איך וואָלט שוין איבערגעלאָזט די אַרבעט נישט קיין פאַרענדיקטע. איך ווער אָבער אומרויִקער. עס ווערט מיר ערגער און ערגער. איך האָב אָנגעהויבן רעדן צו זיך אַליין און צו קריגן האַלוצינאַציעס און צו זען וויזיעס אין מיטן טאָג. דיווירקלעכקייט אַרום מיר ווערט וואָס אַמאָל מער איינגעשרומפּן. זי ווערט נישטיק און אוממממשותדיק. דאָס, וואָס איז אונטער די חושים און איז נישט בנמצא פאַר יעדן מענטשן, ווערט ביי מיר רעאַליטעט. די אומווירקלעכקייט לאַכט אָפּ פון ווירקלעכער טאָג־טעגלעכקייט און באַצייכנט זי: „נאַרישע אילוזיע" אָדער „נאַרישע פאַנטאַזיע". אָבער די אוממממשותדיקייט האַלט די ממשות פאַר אַן אויסדוכטעניש.

לפנים פיר איך זיך אויף וואַכעדיק, נאָרמאַל. איך פונקציאָניר קאָנפאָרמיסטיש, ווייל אין זיך האָב איך שוין אינגאַנצן נעגירט דאָס טעגלעכע. איך לעב נישט אין איצט און נישט אין דאָ. אַרט מיך נישט נאָכצוקומען אַלע פאָרשריפטן פון אַ בעל־הבתישן, סטאַטעטשנעם עלטערן יידן. ס'איז גרינג פאַר מיר נאָכצוגעבן אַזעלכע אומוויכטיקע קלייניקייטן צוליב שלום הבריות און שלום־בית.

קאַפּיטל פֿערצן

# די אימה אין לאַבירינט

ס'איז שוין ערב סוכות, איבער דריי חדשים נאָך דעם לעצטן שמועס, און דער פּלוס פֿון מיין שרייבן האָט זיך פֿאַרהאַקט. איך קען בשום אופן נישט פֿאַרענדיקן מיין חשבון־הנפש.

איך האָב פֿריִער דערציילט, אַז זינט חדשים האָב איך אָנגעהויבן רעדן צו זיך אַליין און האָב אָנגעהויבן צו קריגן האַלוצינאַציעס און זען וויזיעס אין מיטן טאָג. ביז די לעצטע פּאָר וואָכן בין איך געווען אַזוי צעטראָגן, נאָר ווען איך בין געווען מיט זיך אַליין: ווען איך בין געגאַנגען צו דער אַרבעט און פֿון דער אַרבעט, ווען איך האָב שפּאַצירט אָדער בין געזעסן אויף דער באַנק לעבן מיין שטוב, אונטער דעם שאָטן פֿון בוים, אין דער בייטאָגיקער היץ, אָדער אין דער קילקייט פֿון אָוונט. איבערהויפּט פֿלעג איך באַצווונגען ווערן, איידער איך בין איינגעשלאָפֿן.

אַזאַ אָנגאַנג איז געווען אַ היפּש ביסל פּיינלעך, אָבער עס איז געוואָרן נאָך ערגער. אין די לעצטע צוויי וואָכן איז מיין גאַנצע טאָג־טעגלעכע פֿאַרנומענקייט געוואָרן עפּעס דרויסנדיקס. דער אינערלעכער „איך" איז געווען פֿאַרטייעט אין אַן אַנדער וועלט.

עס לאָזט מיך נישט אָפּ. צוערשט קומט צו מיר אַ וויזיע, דערנאָך ווערט די וויזיע פֿאַרוואַנדלט אין אַ האַלוצינאַציע און די האַלוצינאַציע חזרט זיך איבער אָן אַן אָפּשטעל. איך זע אַ לאַבירינט. אַ הויכער באַרג, נישט קיין ערדענער, נאָר פֿון אַ שוואַרצן שטיין, אַ באַרג פֿון קיזלשטיין, וואָס איז האַרטער פֿון שטאָל. אַפֿילו מיט קיין שפּיצהאַק קען מען נישט מאַכן קיין קאַרב אין אים. אונטערן באַרג האָט אַמאָל־אַמאָל אַ גריכישער קעניג, וואָס מען האָט אים געהאַלטן פֿאַר אַ האַלבן גאָט און פֿאַר אַ האַלבן מענטשן, באַשטעלט ביי אַ באַרימטן אַרכיטעקט אויסצובויען אַ לאַבירינט. דער אַרכיטעקט האָט אויסגעבויט דעם לאַבירינט אונטערן באַרג, אין מיטן פֿון לאַבירינט — אַ קאַמער און אין מיטן קאַמער האָט ער אַריינגעזעצט אַ גען, אַ מאָנסטער. די צוגאַנגען צום קאַמער האָט דער אַרכיטעקט געמאַכט פֿון אַלע זייטן. די צוגאַנגען זענען געווען אַ פּלאָנטער פֿון וועגן, סטעזשקעס, בייוועגן, הינטערוועגן, זייטיקע וועגלעך, אַלץ כדי צו צעטומלען די מענטשן, וואָס מען האָט אַהין אַריינגעטריבן, אַזוי אַז יעדער איינער האָט געמוזט פֿאַרבלאָנדזשען.

אין דעם זעלביקן לאַבירינט איז אָבער געווען איין סטעזשקע, וואָס האָט

אַרויסגעפירט פון דעם פּלאָנטער גלייך צו אַן עפענונג אויף דער אַנדערער זייט פון דעם באַרג, אויף אַ פרייען פעלד.

דער קעניג האָט צוגענומען ביים אַרכיטעקט דעם פּלאַן פון לאַבירינט און האָט אומגעבראַכט דעם אַרכיטעקט. קיינער האָט מער נישט געוווסט דעם אַרויס־גאַנג פון די אונטערשטע היילן.

שטיי איך לעבן דעם הויכן, שטיינערנעם, שוואַרצן באַרג. איך זע די עפע־נונג צום לאַבירינט און ווי מענטשן ווערן אַהין אַריינגעטריבן. איך זע אויך די טיר פון דער אַנדערער זייט באַרג ביים פרייען פעלד, אָבער קיינער, קיינער גייט פון דאָרט נישט אַרויס.

איך שטיי און קוק און זע ווי דער באַרג הייבט זיך אויף פון זיין גרונט און דער לאַבירינט ווערט אַנטפּלעקט פאַר מיר און פאַר די אַלע, וואָס שטייען דערביי. ס׳איז אַ ליגן: דער לאַבירינט האָט נישט קיין אַרויסגאַנג צום פרייען פעלד. אַלע פאַרפּלאָנטערטע סטעזשקעס און גלייכע וועגן פירן נאָר צום הויפּט־קאַמער, ווו עס זיצט דער געץ, דער מאָנסטער, אַ משונהדיקע בריאה, כמעט איינגאַנצן מויל און בויך. דער דאָזיקער מאָנסטער־געץ שלינגט איין יעדן איינעם, וואָס קומט אַריין אין קאַמער און אַלע מוזן אַריינקומען אין קאַמער. די טיר, וואָס איך האָב געזען לעבן פרייען פעלד, איז אַ פאַלשע, אַן אָפּגעמאָלטע. קיין אמתער אַרויסגאַנג איז נישט פאַראַן.

פאַר מיינע אויגן און פאַר די אויגן פון אַלע, וואָס שטייען אַרום מיר, הייבט דער לאַבירינט זיך אָן צו צעשפּרייטן. פאַמעלעך, פאַמעלעך צעשפּרייט ער זיך, פריער קוים צו באַמערקן, דערנאָך שנעלער און שנעלער, און איך זע, אַז די גאַנ־צע וועלט איז דער לאַבירינט. מע קען אַהין אַריין, אָבער נישט אַרויס אויף דער פריי.

אַ וועלט פול מיט מענטשן. מע גייט, מע לויפט, מען יאָגט זיך, מע פאָרט, מע פליט. יעדער איינער מיינט, אַז ער ווייסט וווהין ער צילט, אָבער עס איז באמת נאָר אַ וועג צום מאָנסטער. איך שטיי און קוק: ס׳איז נישטאָ קיין ציל און קיין תכלית. עס איז אַ זינלאָזער פּלאָנטער פון וועגן און סטעזשקעס, וואָס יעדער איינער מיינט, אַז זיי פירן ערגעץ וווהין, אָבער אַלע וועגן פירן צו אַ תהום, און איבערן תהום איז דער מאָנסטער פון לאַבירינט. ווי נאָר עמיצער אָדער עפּעס קומט צו נאָענט צו אים, ווערט עס פאַרשלונגען. קיינער אַנטרינט נישט פון אים, ווייל אַלע וועגן, ווי אין לאַבירינט אונטערן באַרג, פירן צום מאָנסטערס מויל און בויך, וואָס ווערן נישט זאַט און ווערן נישט פול. דער מאָנסטער שלינגט איין אַלץ אָן אַ צאָל און אָן אַ חשבון. ער רוט נישט קיין רגע און שלינגט, און שלינגט, אָבער קיין זאַך ווערט נישט געמינערט אין דער וועלט. אויך נישט קיין מענטשן. איי־

דער איינער ווערט פאַרשלונגען, ווערט אַן אַנדערער געבוירן. איבער גאַר דער ערד ווערן זאַמען באַפרוכפּערט און מוטערטראַכטס שפּייען אויס: פּלאַנצן, ברו־אים, אַלץ, וואָס עקסיסטירט און לעבט.

פרייד ביים געבורט, טרויער ביים טויט, צער און טרערן, ווייניק פרייד און אַ סך, גאָר אַ סך פּיין און ליידן. אַ קרייז. געבורט און טויט, טויט און געבורט, אַן איבערהחזרונג אָן אַ סוף און אָן אַן ענד, קיין זינען, קיין באַטייט, קיין ציל און קיין תכלית.

אין מיטן פון דער האַלוצינאַציע הער איך אַ שטים, אַן ערנסט, שווער־געמיט־לעך, מאַראַליש פרום קול:

„דער וועג פון די רשעים איז אין דער פינצטערניש און זיי וויסן נישט, פון וואָס זיי קענען געשטרויכלט ווערן. די גרעסטע צרה איז, וואָס זיי וויסן נישט צו אונטערשיידן צווישן גוטס און שלעכטס און זיי זעען דאָס שלעכטס ממש ווי עס וואָלט געווען גוטס און דאָס גוטע ווי עס וואָלט געווען רשעות. דאָס איז זייער גרעסטער אומגליק, וואָס טרייבט זיי אין גרוב אַריין. דאָס איז דערפאַר, וואָס זייע־רע אויגן זענען אין דער פינצטערניש און די דאָזיקע מענטשן זענען אונטער דעם דרוק פון יצר־הרע. אָבער די, וואָס זענען אַרויס פון דער דאָזיקער תפיסה, זעען דעם אמת און זיי קענען געבן אַן עצה די אַנדערע מענטשן ווי צו ראַטעווען זיך פון דער פינצטערניש".

„און צו וואָס קענען מיר עס פאַרגלייכן? צו דעם צעטומלעניש־גאָרטן, וואָס די שררות פלאַנצן צוליב פאַרווײלונג. דיביימער זענען פאַרפלאַנצט האַרט איינער לעבן אַנדערן אַזוי, אַז זיי זענען ווי אַ וואַנט. צווישן די ביימער זענען געמאַכט וועגן און וועגלעך, סטעזשקעס און בייוועגן אַזוי, אַז עס איז נישט צו דערקענען און נישט צו וויסן וואָס פאַר אַ סטעזשקע עס פירט צום מיטן גאָרטן, וווּ עס שטייט אַ שיינער פּאַלאַץ. די גאַנצע קונץ באַשטייט אין צוקומען צו דעם דאָזיקן פּאַלאַץ. קיינער קען צו אים נישט צוקומען, סיידן ער ווייסט, אָדער מען ווייזט אים אָן, אויף וואָס פאַר אַ וועג ער דאַרף גיין. אָבער דער, וואָס שטייט אויף דער פּלאַט־פאָרמע לעבן פּאַלאַץ, קען זען אַלע שטעגן און ווייסט אַלע אמתע און פאַלשע וועגן און קען אָנווייזן דעם מענטשן אויף וואָס פאַר אַ וועג צו גיין: אויפן דרך, וואָס פירט צום תכלית".

דאָס קול האָט זיך אָפּגעשטעלט און איך האָב דערהערט אַן אַנדער שטים, אויך אַן ערנסטע און אַ שווער־געמיטלעכע:

„קיינער ווייסט נישט, וואָס זיין אַרבעט וועט אים ברענגען, אָבער אַלץ, וואָס דו ביסט ביכולת צו טאָן, זאָלסטו טאָן, ווייל עס איז נישט פאַראַן קיין שום אַרבעט,

קיין אויסרעכענונג, קיין קענטשאַפט, קיין חכמה אין גרוב, וווהין דו גייסט. קיי־נער ווייסט נישט, ווען זיין צייט וועט קומען. אַזוי ווי פיש, וואָס ווערן געכאַפּט אין אַ בייזער נעץ, און אַזוי ווי פייגל, וואָס ווערן געכאַפּט אין אַ פּאַסטקע, אַזוי ווערן מענטשן געכאַפּט אין אַ בייזער צייט, ווען זי פאַלט פּלוצים אָן אויף זיי״.

איך געפין זיך אין אַ מאָדנעם געמיט־צושטאַנד, ווען איך נעם אויף די ווי־זיעס און האַלוצינאַציעס. איך בין טאַקע פאַרווירט און פאַרשטאַרט אָבער איך זע זאַכן אין ריכטיקן פאַרשטעל. איך ווייס דעם מקור פון די גרונט אימאַזשן און רייד. אַט, למשל, ווייס איך, אַז דער לאַבירינט און דער מאָנסטער זענען פון דער גרי־כישער מיטאָלאָגיע. איך קען אָנווייזן דאָס בלעטל און דעם פּאַראַגראַף אין בוך „בולפינטשס מיטאָלאָדזשי״, וו די לעגענדע ווערט דערציילט. איך ווייס אויך, אַז דער משל מיטן „לוסט־גאַרטן״ און די פייערדיקע רייד זענען פון „מסילת ישרים״, און אַוודאי ווייס איך, אַז איך האָב זיך באַנוצט מיט פסוקים פון „קהלת״.

דאָס איז די נאָרמאַלקייט פון דער וויזיע. עס איז אַ געדאַנקען־גאַנג ביי מיר, אפשר אַ מין ליטעראַרישער מאַניער און וועג. איך טו עס אומבאַוווּסטזיניק ווי אַ שוץ פאַר מיר קעגן דעם פּחד, וואָס באַפאַלט מיך, ווייל די האַלוצינאַציע, ווי די גאַנצע וועלט בלאַנדזשעט און דער מענטש איז פאַרפּלאָנטערט אין די וועגן און ביייועגן און די גאַנצע ערד און איר פולקייט מוז קומען צום אָפענעם מויל פון דעם מאָנסטער, איז ביי מיר אַ רעאַליטעט, וואָס ווירקט אויף מיר ווי דאָס ברויט, וואָס איך עס, ווי דאָס וואַסער, וואָס איך טרינק און ווי מיין טאָג־טעגלעכע באַ־שעפטיקונג. עס שטערט מיר אָנצוגיין מיט מיין טאָג־טעגלעכער רוטינע, און אַוו־דאי און אַוודאי איז זינלאָז זיך צו פאַרנעמען מיט אַן אַרבעט ווי חשבון־הנפש. פּרוביר איך עס פאַרבינדן מיט פסוקים און שטעלן אין מוסר־ספרים.

אָבער עס העלפט נישט. די האַלוצינאַציע איז די איינציקע רעאַליטעט. אויס תכלית, אויס ציל אין לעבן. ס׳איז דאָ נישט מער ווי געזעצלעכקייט, און עפּעס אַן אָפּנייג פון דער געזעצלעכקייט ווערט אַ געזעצלעכער צופאַל. עס איז אַ שגעון און קיין אָנטרינונג פון דעם שגעון איז נישטאָ, ווייל ציוויליזאַציע, קולטור, עטיק און עסטעטיק זענען נישט קיין „חלק אלה ממעל״ — נישט קיין געטלעכער טייל פון אויבן, וואָס האָט אַ ציל און אַ תכלית אין דער מענטשלעכער געשיכטע. די אַלע ווערטן זענען נישט מער ווי אַ פּועל־יוצא פון מענטשנס עקסיסטענץ. דעם מענ־טשנס זיין, זיין עקסיסטענץ האָט אַרויסגעבראַכט ווערטן, אָבער אויך אין די ווערטן איז נישטאָ קיין שכל, קיין מיין און קיין ציל, אָט ווי דאָס מענטשלעכע לעבן. דער מענטש האָט נישט קיין אַנדער ברירה ווי צו זיין צופרידן מיט זיין עקסיסטענץ, מיט דעם זיין אויף דער וועלט און אַוודאי דאַרף ער זיך באַגנוגענען מיט דעם, וואָס זיין עקסיסטענץ ברענגט אַרויס ווערטן. ס׳האָט געקענט זיין ערגער — עק־

סיסטעמען אָן ווערטן; ווייל געדענקען דאַרף מען געדענקען, אַז דער איינציקער יש איז דאָס זיין, דאָס עקסיסטירן. חוץ דעם איז גאָרנישט נישטאָ.

איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ גרוב פון פינצטערע געדאַנקען. דער מענטש איז אַרויסגעקומען אַ נעבעכל, וואָס איז אַפילו נישט ווערט, מע זאָל זיך פאָרען מיט אים. צו וואָס זוכן אַ מיין, אַ ציל און אַ תכלית פאַר אַזאַ אומוויכטיקן וועזן?

קאפּיטל פופצן

# ר׳ אברהם בעל תשובה און זיין אייניקל טייבעלע

אַליין, אַליין! איך האָב געבענקט נאָך אים. פאַרוואָס ווייזט ער זיך נישט? ער האָט דאָך מיר צוגעזאָגט: „איך וועל דיך היטן און זיין מיט דיר און איך וועל דיך נישט פאַרלאָזן". פאַרוואָס קומט ער נישט, מיין טאַפּלטער „איך"? פאַרוואָס?

מוצאי יום־טוב פון די ערשטע טעג סוכות איז ער צו מיר געקומען. איך בין געזעסן אַליין אין הויז און האָב געלייענט, און ער האָט זיך באַוויזן צו מיר. אָנגעטאָן אין אַ שבתדיקן אָנצוג, אַן אויסגעפּוצטער, מיט אַ שמייכל אויפן פּנים. ער האָט רויק אַ זאָג געטאָן:

ער: — איך האָב דיר געבראַכט אַן אושפּיז. דיין ביטערע אויפגעלייגטקייט איז נישט פאַר מיינע כוחות. אַברהם בן יצחק, קומט אַריין!"

עס איז אַריין מיין אַלט־באַקאַנטער ר׳ אַברהם, פון „דער בעל תשובה". ער האָט זיך באַוויזן צו מיר, ווי איך האָב אים געדענקט: אַ ייִד אַ הדרת־פּנים, די אויגן טינט־שוואַרץ, אַ לענגלעכע, שפּיציקע, נישט קיין אָנגעריכטע, שיין צעקעמטע באָרד, מער גרוי ווי שוואַרץ, אַ ווייס, גוט אויסגעפּרעסט העמד מיט אַ ברייטן רבנישן אָפּגעלייגטן קאָלנער, אַ שיינער סורדוט, אין דער רעכטער האַנט אַ פּיי־נער שפּאַציר־שטעקן און די לינקע האַנט אַריינגעלייגט צווישן די אויבערשטע צוויי קנעפּלעך פון סורדוט.

ער האָט באַקוקט דאָס הויז און געזאָגט שפּאַטיש:

„ נו, שלמה, האָסט דאָך אויבן אַ פיינע וועראַנדע, האָסטו דאָרטן אויפגע־שטעלט אַ סוכה? ס׳איז דאָך סוכות ביי ייִדן אויף גאָר דער וועלט".

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

„עט, איך רעד נאַרישקייטן. איך האָב פאַרגעסן, אַז ביי דיר זענען מצוות בלויז סימבאָלן. אָט שטייט ביי דיר אויפן שרייבטיש אַ סימבאָלישער אָרון־קודש מיט אַ סימבאָלישער ספר־תורה אין אים. פאַר דיר איז עס איבער גענוג".

ער האָט באַקוקט די פּאָליצעס מיט די ספרים און ביכער און אַ קוועטש גע־טאָן מיט די פּלייצעס:

„נו, רבונו דעלמא כולא! וואָס פאַר אַ תערובות, מישמאַש! אַ זוהר לעבן „די מיסטיק ראָז" פון ערנסט קראָולי, דער אַנטראָפּאָלאָג, וואָס האַלט דעם מענטשן פאַר נישט מער ווי אַ חיה מיט אַ ביסל ראַציע, שכל. לעבן ש״ס בבלי און ירושל־

מי — יוליוס גוטמאַנס „הפילוסופיה של יהדות", וואָס ביי אים איז ייִדישקייט נישט מער ווי נאָך אַ צווייג אין דער וועלט־פילאָסאָפיע. אָבער דאָס שענסטע און חנוודיקסטע פון אַלע קאָמבינאַציעס — „די מקראות גדולות" און גלייך לעבן זיי „פּאַלק מעילס אָוו דהי אלד טעסטאַמענט" פון פּרייזער, וואָס מאַכט פון די סיפּו־רים פון תנ"ך שיינע בייקעס".

ער האָט ווייטער באַקוקט די ספרים און שוין געזאָגט מיט פאַרדראָס:

„ס'איז שוין איין מאָל אַ תהו ובהו ביי דיר! אַ „יד חזקה" און הארט לעבן דעם בערטראַנד ראסלס „היסטאָרי אָוו פילאָסאָפי". זע נאָר וויפל תנ"כן דו האָסט מיט פירושים אויף גויִיש און לשון־קודש! שאַ, זאָג מיר נאָר, אַ פשוטן חומש מיט רש"י פאַרמאָגסטו, וואָרעמער ייִד מיינער?"

מיין טאָפּלטער „איך":

„ילמדנו, ר' אַברהם, עס זענען דאָ פאַראַן ביי אים אַזוי פיל תנ"כן מיט אַ שלל פירושים און איך פעלט אויס אַ חומש מיט רש"י?

רב אַברהם: (גלעט די באָרד)

„פאַרשטייסטו מיך, אַז מ'האָט אַזוי פיל תנ"כן מיט אַזוי פיל פירושים אויף לשון־קודש און ענגליש, מיינט עס, אַז דער תנ"ך איז אַ ליטעראַרישע זאַמלונג, אַ וויכטיקע ליטעראַרישע זאַמלונג, אָבער אַלץ נישט מער ווי ליטעראַטור. אַ ייִד אָבער האַלט אין שטוב אַ פשוטן חומש, ווייל ס'איז גאָטס תורה. ער דאַרף עס מעביר צו זיין די סדרה און צו לערנען אַ פסוק מיט רש"י".

מיין טאָפּלטער „איך":

„נו, ר' אַברהם, באַרויִקט זיך, ביי שלמהן געפינט זיך יאָ אַ חומש מיט רש"י. באַט, זעט! און די בלעטלעך זענען אָפּגענוצט פון מישן זיי. איר זייט אַ בייזער ייִדו"

ר' אַברהם האָט זיך צעשמייכלט:

„חלילה וחס! איך בין נישט בייז אויף מיין שלמהקען. מיר זענען ידידים נאָך פון גאָר אַמאָל. ס'האָט זיך מיר בלויז פאַרגלוסט אַביסל אַ שפּאַס צו טאָן פון זיין התנהגות. איך גיב צו, אַז דאָס איז נישט געווען נימוסדיק, טאַקטיש, צוליב זיינע מאַטערנישן, נאָר איך האָב עס געזאָגט בעידן רתחא — פון פאַרדראָס.

ר' אַברהם האָט אַ זיפץ געטאָן:

„איי, אָבער זיינע מאַטערנישן! איך האָב זיך אויך געמאַטערט, ביז איך האָב געפונען דעם וועג צו גאָט. אָבער נישט אַזוי לאַנג ווי ער. ביי מיר האָט עס גע־בומען איבער אַ יאָר און עס האָט זיך איבערגעריסן. ביי אים נעמט גאָר נישט קיין סוף און קיין עק. עס ווייזט אויס, אַז ער טראַגט אויף זיך נישט נאָר זיינע אייגע־נע עינויים, נאָר אויך די ליידן און אַגאָניעס פון זיין דור, וואָס זוכט אַ תיקון פאַר זיך און קען נישט געפינען. באמת, דאַכט זיך מיר, אַז אומבאַוווסטזיניק וויל ער נישט אויסגעלייזט ווערן און קומען צו אַ תכלית, ווייל ער וויל נישט אָפּגעטיילט

ווערן פון זיין ציבור, ער וואָלט זיך געהאַלטן פאַר אַן אַפּטריניקער. דער מדרש תנא דבי אליהו זאָגט: „בזמן שישראל שרוין בצער ופירש אחד מהם״ — ווען ייִדן זענען אין צער און איינער פון זיי טיילט זיך אָפּ, קומען צוויי מלאָכים און לייגן אַוועק זייערע הענט אויף זיין קאָפּ און זאָגן: „דער, וואָס האָט זיך אָפּגעשיידט פון כלל, וועט נישט זען די נחמה, ווען זי וועט קומען אויף דעם כלל״. וויל ער דאָס אוממעגלעכע! ער וויל, אַז דער דור זיינער זאָל צוגעבן זיינע טעותים ווי ער האָט עס געטאָן. ביז דעמאָלט קען ער נישט גיין אין זיינע אייגענע וועגן, וואָס ער האָט אויסגעטראָטן פאַר זיך.

„ס׳איז שוין איין מאָל אַ פּלאָנטער! און ער איז נישט דער איינציקער. אָט איז נאָך איינער פון זיינע חברים אין דער זעלביקער לוינע. ער האָט געמאַכט דערפון אַ ליד. ער דערציילט, ווי אַ פּאָר שבתדיקע לייכטער פאַרפאָלגן אים און ווייזן זיך צו אים אין פאַרשידענע געשטאַלטן. ער גייט זיי נאָך און זיי גייען אים נאָך. חיים גראַדע וויל זיך באַפרייען פון זיינע אַנגסטן מיט אַ ליד. עס, ס׳וועט אים נישט העלפן! ער האַלט אין איין שרייבן לידער וועגן זיינע ראַנגלענישן און אַפּטריניקייט. אַ סימן, אַז מען קען זיך נישט באַפרייען פון דעם דאָזיקן פּלאָנטער מיט מאַכן פון דעם ליטעראַטור, ווי שיין עס זאָל נישט זיין געשריבן. איך קען אָבער אויך אויף אים מלמד זכות זיין: עס איז ביי אים אויך נישט גלאַט קיין ליטעראַרישער מאַניער, אַפילו ווען ער איז זיך נישט מודה. ער ליידט און ער וועט נאָך יאָרן לאַנג ליידן. זיין צעוויטיקטער אויסגעשריי:

„איך ווייס, אַז פאַר מיין נאָכגיין זיי אין וואָגל שטענדיק
די לייכטער וועלן מיר דעם חסד פאַרגעדענקען,
און ווען מיין וועג פון דורכפּאַלן וועט זיין געענדיקט,
די וועלן קומען זייער ליכטיקייט מיר שענקען.
ביי מיין צוקאָפּנס וועלן זיי באַווייגען ביידע
מיין וועג פון בלינדן גרימצאָרן און בלינדן בלאָנקען.
„זיין לעבן און זיין טויט איז נישט אַזאַ אבידה
ווי זיין נישט אָפּהיטן, וואָס גאָט האָט אים געשאָנקען״.
און אַלץ צוליב זיין שטאָלץ! פאַרשלעפּט האָט אין אַ תהום אים
זיין ווען גרייכן וואָס דאַרף בלייבן בלויז אַ חלום.
נאָר ער האָט אויך געליטן ווי אַ צדיק־תמים,
אוי־ווי האָט ער געליטן!... קומט אים איצטער שלום״.

ס׳איז אַ גרויס רחמנות אויף איך, די זוכער, אָבער איך זאָג, אַז „אוי־ווי האָט ער געליטן״ איז אמת. קומט איך איצטער שלום. מע טאָר זיך מיט איך

נישט קריגן. לאָמיר זשע טאַקע, שלמהקע, זען פאַרוואָס מאַטערסטו זיך? ווי איך געדענק, ביסטו שוין געווען אויף אַ שטיקל דרך נאָך ווען איך האָב געלעבט״.

מיין טאָפּלטער „איך״:

איך האָב אויך געמיינט אַזוי, אָבער טוט אַ קוק אויף די לעצטע פּאָר זייטלעך, וואָס ער האָט אָנגעשריבן. חזר לסורו — ער האָט זיך אומגעקערט צוריק צום גע־פיל פון לית דין ולית דיין און געפינט נישט פאַר זיך קיין טרייסט און קיין אויס־וועג״.

ר׳ אַברהם האָט אַ פיר געטאָן מיט די אויגן איבער די בלעטלעך, ווו איך באַשרייב מיין האַלוצינאַציע מיט דעם לאַבירינט; ער האָט אַ בלעטער געטאָן דעם גאַנצן כתב־יד, געכאַפּט אַ שורה דאָ, אַ פּאַראַגראַף דאָרט און האָט אָפּט זיך אָפּ־געשטעלט אויף אַ גאַנצער זייט. ער האָט אַ שמייכל געטאָן:

„עט, ס׳איז נישט געפערלעך. ער איז אויף אַ וועג. די ספיקות און אָפטער צוריקפאַל אין תהום פון ספיקות און פאַרלייקענונג איז בדרך הטבע אָן סכנות. דער וועג צו דערקענונג פון כביכולס השגחה איז קיין מאָל נישט געווען קיין דרך־המלך — אַ הויפּט־טראַקט. מבשרי אחזה — איך האָב אויך געהאַט די דאָזיקע צו־ריקפאַלן. איך געדענק דעם שאַרפסטן פון זיי.

„ס׳איז געשען אַ זעקס חדשים נאָך דעם, ווי איך האָב אָנגעהויבן דאַווענען. איך בין געשטאַנען אין טלית און תפילין און האָב געשמאַק געדאַוונט. פּלוצים בין איך געבליבן שטיין און האָב אַ זאָג געטאָן אַ קיילעכדיקע פראַזע, ווי עמיצער וואָלט עס מיט מיר איינגעחזרט:

„גולם אײנער, צו וועמען דאַוונסטו?״

„דו הערסט? איך האָב אַרויסגערעדט די ווערטער און האָב באַלד געהאַט אַ האַלוצינאַציע. איך האָב געזען: די סטעליע האָט זיך פאַנאַנדערגענומען און איך האָב פאַרריסן דעם קאָפּ. איך האָב דערזען אַ קלאָרן, בלויען הימל. דער הימל האָט זיך צעריסן פאַר מיינע אויגן און איך האָב דערזען, אַז דאָרט איז קיינער נישטאָ. פּוסט! דו הערסט? קיינער נישטאָ, פּוסט! קיינער נישט! קיינער נישט!

„דאָס האָט נישט געדויערט אַפילו קיין אויגנבליק. אָבער דער מקרה האָט מיך אויפגעשווידערט און פאַרשטאַרט, און האָט מיך אַרויסגעריסן פון מיין שוואַך־פאַראַנקערטער אמונה. פאַרשטייסט? ס׳איז איין זאַך אַ זאָג צו טאָן אין אַ שמועס אָדער אין אַ וויכוח: „ס׳איז נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט״. עס האָט נישט קיין אמתן באַטייט, ווייל פר׳ער האָסטו נישט געפילט און האָסט זיך נישט געגעניטיקט אין זיין ווירקלעכער ישיקייט און איצט אָרט דיך נישט זיין ניטאָיקייט. אָבער גאָר עפּעס אַנדערש איז צו דערפילן ממש מיט אַלע דיינע רמ״ח אברים און שס״ה גידים, אַז ס׳איז נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט און אַז דער גאַנצער חלל פון אוניווערס איז פּוסט און ליידיק. איז וואָס שטייטסטו ווי אַ גלאָמפּ און דאַוונסט?

„איך האָב אַ ריס געטאָן פון זיך דעם טלית, אַראָפּגעכאַפּט די תפילין, אַ שמיץ געטאָן אַלץ אויפן טיש אין אַן אָנגעוואָרפענער קופּע און בין אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

„איך האָב דורכגעלעבט די זעלביקע אַגאָנישע ספיקות ווי דו, שלמה. איך האָב ערשט שפּעטער פאַרשטאַנען, אַז מיין כפירה האָט אָנגענומען אַזאַ מין שאַר־פע עמאָציאָנעלע פאָרעם, ווייל איך האָב אָנגעהויבן צו גלייבן, אָדער אפשר בע־סער, אָנגעהויבן ווען צו גלייבן אין דערפילן אַ טעם אין מצוות. פּסיכאָלאָגיש וואָלט איך געזאָגט, אַז דאָס פּלוצימדיקע געפיל פון דערזען אַ ליידיקן אוניווערס איז געווען אַ סימן פון אמונה. מאַמינים האָבן ספיקות און ראַנגלענישן. אמתע כופרים ווייסן אַלץ. בדרך מליצה, וואָלט געפּאַסט צו זאָגן אויף יענער צערודערונג: „דאָס איז געווען די לעצטע שלאַכט מיט דעם יצר־הרע, וואָס האָט מיך אַלץ נישט אָפּגעלאָזט".

„איך האָב זיך שנעל און גרינג באַפרייט פון מיין פּאַרהאַקטקייט. ווי אַזוי איז עס געשען? איך האָב זיך געכאַפּט, אַז מיין גאָט־באַגריף קען און מוז זיין נאָר אַ פּרימיטיווער: ס'איז אַ גאָט־טאַטע געשטאַלט. פאַר איינעם, וואָס האָט זיך אויפ־געהאָדעוועט אין דער אַטמאָספער פון דער פונדאַמענטאַליסטישער אמונה פון די קליינע שטעטלעך, איז אוממעגלעך זיך צו באַפרייען פון דעם אַנטראָפּאָמאָרפישן גאָט־באַגריף, אַז גאָט האָט אַ גוף. אַנדערש קען עס ביי אונדז נישט געמאָלט זיין. ווי נאָר מיר רעדן אַרויס דאָס וואָרט „גאָט", דערזעען מיר אַ מענטשן, אַ ריז, גע־וויינטלעך מיט אַ לאַנגער, שיינער באָרד. ער זיצט אויף אַ הויך, הויכן טראָן, און די ברעגעס פון זיין מאַנטל פילן אָן דעם גאַנצן היכל. מיין שפּעטערדיקע אויס־בילדונג און מאָדערנער וועלט־באַנעם האָבן ווידערגעשפּעניקט קעגן אַזאַ פּרימי־טיוון גאָט־באַגריף. דערפאַר האָב איך אין מיטן דאַווענען דערזען, אַז די הימלען זענען ליידיק. איך מיין, אַז איך האָב אָפּגעשפּאָט פון זיך אַליין מיט אַזאַ פּרימי־טיוון אָפּפרעג.

„איך האָב אָבער געוואָלט פרום ווערן. ניין, איך האָב געמוזט פרום ווערן. זאָל זיין, ווייל איך האָב נישט געוואָלט אָנווערן מיין שרהן. עס שטעקט אַ שטיק אמת אין דעם. עס זענען אָבער געווען נאָך סיבות, סיי עמאָציאָנעלע און סיי ראַ־ציאָנעלע, און איך האָב איינגעשלעפערט אָדער איינגעשטילט מיין שכל־הישר מיט אַזאַ מין תירוץ:

„וויבאַלד דער כביכול איז אַלמעכטיק, אומבאַגרענעצט, אין־סופיק, ער איז אַלץ און ועל כולם, ער איז די אַבסאָלוטע פּערפעקציע, — טאָ פאַרוואָס קען מען אויף אים אויך נישט אָנווענדן הגשמה? זיך פאַרשטעלן אין געדאַנק, אַז ער האָט אַ גוף? אויב מיר זאָלן אָננעמען דעם רמב"מס הנחה אַז „אינו גוף" — ער קען נישט האָבן קיין גוף, מע טאָר אים נישט פאַרקערפּערן, מיינט עס דאָך, אַז דער כביכול איז

נישט די אַבסאָלוטע פּערפעקציע, ער איז באַגרענעצט, ער קען נישט פאַרגע־שטעלט ווערן אויף אַלע אופנים פון מענטשלעכן פאַרשטאַנד: אַט קען ער נישט האָבן קיין גוף. דערפאַר האַלט איך, אַז מע מעג און מע מוז אויף אים אויך אָנ־ווענדן הגשמה. פאַרשטעלן זיך אין געדאַנק, אַז ער האָט אַ גוף, אָבער מע טאָר פון אים נישט מאַכן קיין ממשותדיק בילד. דער „לא תעשה לך פסל, כל תמונה" — זאָלסט זיך נישט מאַכן פון אים קיין געשניץ, קיין געשטאַלט מיינט, אַז מע טאָר אים נישט באַגרענעצן. דאָס איז חל סיי אויף זיין פיזישן אויפנעם, און סיי אויף נישט מאַכן פון אים קיין אַבסטראַקציע. ביידע זאַכן באַגרענעצן אים, פאַר־מענטשלעכן אים און עס ווערט אַ געצנדינעריי.

„איך האַלט, אַז אין דעם מאמר פון מדרש, וואָס איך וועל פאַר דיר באַלד ברענגען, איז באַהאַלטן אַ טיפע פילאָסאָפיע. ווי אַלע מאָל, איז דאָס לשון פון מדרש בילדלעך און דער סטיל איז נישט פּינקטלעך פילאָסאָפיש, אָבער זאָל די פאָרעם דיך נישט אָפּנאַרן:

„מי שאמר והיה העולם ברוך הוא" — ווער עס האָט געזאָגט און די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן... אַוודאי און אַוודאי, ווען ער וויל, זענען הימל און ערד פול מיט אים און ווען ער האָט געוואָלט, האָט ער גערעדט מיט משהן דורך די שפּאַלטן פון אָרון.

„נו, דו האָסט אָפּט אַזוי געטראַכט און ביי דיר איז עס נישט געגאַנגען ווייטער ווי כמדומה לי — ביי מיר קומט אויס טאַקע אַזוי, איך האָב עס אינגאַנצן אָנגענומען. איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז איך וועל צו אים דינען אויף דעם טראַדיציאָנעלן אופן פון מיינע אָבות — הגשמה. איי איך פיל אים נישט אין מיין וועזן? וועל איך זיך שטאַרקן און אים אויפנעמען ווי איך וואָלט אים שטענדיק גע־זען פאַר מיינע אויגן. איך וועל זיך מער שטאַרקן און אָוועקשאַרן פון מיין באַ־וווסטזיין די פראַגע פון זיין מציאות. איך וועל זיך אינגאַנצן איבערגעבן נאָר אויסצופילן זיינע געבאָטן, גלייך ווי ער וואָלט געשטאַנען איבער מיר און באַפוילן עס צו טאָן בפה ממש. פשוטער, איך וויל ווערן אַ טראַדיציאָנעלער ייִד אָן חכמות. מיר וועט עס געבן אַ זין אין לעבן. איך האָב איבערגעבראָכן מיין שכלדיקייט.

„איך האָב זיך היפּנאָטיזירט און עס האָט געאַרבעט. למעשה בין איך גע־וואָרן אַ תמים, ווי איינער, וואָס וואָלט געציטערט, אַז ער וועט באַשטראָפט ווערן קערפּערלעך, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, פאַר יעדער עבירהלע. איך בין געגאַנגען אויף דעם דרך איבער דרייסיק יאָר. איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן מיי־נע ראַנגלענישן און האָב זיך נישט געגוויטיקט אין זוכן אַ פאַרוואָס. דער „ווי אַזוי" האָט מיך צופרידן געשטעלט. ניין, איך האָב זיך נישט פאַרשטעלט. איך בין נישט געווען קיין צבויאַק אָדער אָפּנאַרער. עס איז געווען מיין דרך אין לעבן. איך האָב

אַנגענומען אַ געוויסע הנחה און דערנאָך מער נישט געטראַכט וועגן דער אומלאָ־גישקייט פון מיין אויפפיר.

„איך האָב זיך אַזוי איבערגערעדט און איינגערעדט, אַז אַפּילו בחדרי־חדרים האָב איך זיך אויפגעפירט ווי אַ טיף־גלויביקער ייִד, אָדער, ווי דו רופסט עס, פונדאַמענטאַליסט. דערפאַר, מסתמא, האָט קיינער פון די פרומע ייִדן נישט גע־פונען אין מיר קיין פּגם. טאַקע צוליב דעם בין איך איבערראַשט געוואָרן, אַז ווען איך האָב זיך מיט דיר באַגעגנט איין און דרייסיק יאָר שפּעטער, האָב איך פון דיר נישט געקענט אויסבאַהאַלטן, אַז איך האַלט נישט, אַז עס איז פאַראַן אַן אויטאָ־ריטעט און דער עיקר האָט געפעלט אין מיין פרומקייט.

„דו האָסט ביי מיר געהאַלטן שבת. איך בין מיט דיר געגאַנגען אין שול, געדאַוונט אויפן קול, געזאָגט „שאו ידיכם", געזונגען זמירות און געבענטשט. אַ גאַנצן שבת האָסטו מיך געהיט מיט זיבן פאַר אויגן און איך האָב זיך אויפגעפירט ווי אַלע מאָל, מדקדק במצוות געווען, נישט אויסגעלאָזט אַפילו דאָס שניידן די נעגל בסירוגין. נאָך הבדלה האָסטו געזונגען מיט מיר „המבדיל" און „אליהו הנ־ביא" און האָסט באַדאַנקט שרהן פאַרן עונג־שבת, וואָס דו האָסט געהאַט און האָסט צוגעגעבן:

„איך געדענק נישט אַזאַ שלש־סעודות, און אַברהמס תורה האָט איבערגע־שטיגן אַפילו אייערע שבתדיקע מאכלים".

„אָבער ווען דו ביסט געבליבן מיט מיר אויג אויף אויג, האָסטו אַ זאָג גע־טאָן צו מיר שטילערהייט:

„ווייסט, אַברהם, ביסט באמת געוואָרן פרום. אָבער פאַרוואָס גלייבסטו נישט אין גאָט?"

„איך בין נישט אין כעס געוואָרן אויף דיר. איך האָב זיך נאָר געוווּנדערט אויף דיין טביעות־עין. איך האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז דווקא מיין מדקדק במצוות זיין האָט מיך פאַרמסרט פאַר דיר. דו האָסט זיך געכאַפּט, אַז וויבאַלד איך האָב אַזוי שטאַרק מורא פאַר דעם פּרט פון דער קלענסטער מצווה, איז דער ריטואַל ביי מיר דער איינציקער יש. האָסט נאָר בעסער מיך געדאַרפט פרעגן:

„אַברהם, פאַרוואָס האָסטו אַזוי מורא פאַר אַן עבירה און האָסט נישט קיין מורא פאַר גאָט?"

„אָבער איך זאָג דיר, שלמה, אַז דאָס נישט טראַכטן פון מקור פון מצוות, פון אויטאָריטעט פאַר די מצוות, האָט נישט געשאַדט מיין פרומקייט. נישט נאָר האָט מיין הנהגה מיך אויסגעלייזט פון כאַאָס פון לעבן, נאָר איך האָב אויך אויסגעהאָ־דעוועט פרומע קינדער. מיינע אייניקלעך זענען פרימער פון טאַטן און זיידן, און נישט נאָר פרימער זענען זיי, נאָר טאַקע אמתע מאמינים תמימים, גלויביקע אָן שאלות. מיין דרך האָט געאַרבעט".

„איך: „אמת, אברהם, דיין וועג האָט געאַרבעט. איך מיין אָבער, אַז דאָס איז אַלץ אַ יוצא מן הכלל. עס קען זיין, אַז דאָס איז דער שכר פאַר דיין גבורה. דו האָסט אַ נדר געטאָן צו זיין פרום און דו האָסט אויסגעהאַלטן אָן אָפּנייגונגען ביז דעם לעצטן טאָג פון דיין לעבן. דו האָסט אויסגעהאָדעוועט קינדער, וואָס זענען פריי־מער פון דיר, און אייניקלעך גייסטיק ערלעכער פון דיר. אָבער איך מיין, אַז דאָס איז נאָך אַלץ נישט דער ריכטיקער וועג. יידישקייט וועט נישט פון דיר און נישט פון דיין גלייכן אויפגעריכט ווערן.

„עס איז כדאי דיר צו דערציילן וועגן דיין אייניקל, טייבל. זי איז נאָך געווען אַ קינד, ערשט צען יאָר אַלט, ווען דו ביסט געשטאָרבן. איצט האָט זי שוין חתונה געהאַט. איך זאָג דיר, אַז זי קען פאַרפירן מענטשן און זיי מאַכן גלייבן, אַז דיין שיטה איז געווען אַ ריכטיקע, ווייל סיי איר ערלעכקייט און סיי איר פרומקייט פאַרכאַפּן. הער נאָר אַ מעשה: אין אַ שיינעם טאָג, ווי עס זאָגט זיך, איז זי אַרייַ־בערגעקומען צו מיר אין קאַבינעט מיך צו פאַרבעטן אויף אירע תנאים. איך האָב זי אָנגעקוקט. דאַכט זיך נעכטן איז זי געווען אַ קליין, דאַר און קוואַר מיידעלע, מיט אַ פּנים פול מיט קלייען. איצט קוקט זי אָן! ס'איז אַריינגעקומען אַ ניינצן־יאָריק מיידל, אָנגעטאָן איינפאַך, אָבער מיט געשמאַק און אויסגעזען האָט זי — ביין, איך וועל דיר נישט באַשרייבן איר שלאַנקייט און פּרויען־רייץ. עס פּאַסט נישט. זי איז געשטאַנען פאַר מיר אָן אַ ברעקל פּוץ, אָן אַ זכר פון שמינקע, אַפילו די ליפּן אירע זענען נישט געווען קיין אָנגעפאַרבטע, אָבער זי האָט געלויכטן ווי זיבן זונען. זי האָט אַ זאָג געטאָן צו מיר אויף יידיש:

„ר' שלמה, מיין טאַטע האָט מיר געהייסן אייך פאַרבעטן אויף מיינע תנאים. דער קבלת־קנין איז געווען מיט צוויי וואָכן צוריק. די תנאים, אם ירצה השם, וועלן זיין איבעראַכטאָג, מוצאי שבת בהעלותך. איר וועט אונדז פאַרשאַפן אַ נחת־רוח מיט אייער קומען".

„איך האָב געעפנט מויל און אויערן. ס'איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב געהערט אַזאַ זאַפטיקן לומדישן יידיש פון מויל פון אַ יידיש קינד אין אַמעריקע. איך האָב איר געענטפערט:

„מזל־טוב, טייבל! נו, מיט וועמען האָט זיך דער טאַטע מתחתן געווען? איך מיין, וואָס טוט דיין חתן? מיט וואָס איז ער זיך מתעסק?"

זי האָט מיר געענטפערט אַ פאַרחידושטע:

„וואָס מיינט איר, וואָס טוט מיין חתן? ער איז אַ ישיבהניק".

„אַזוי? אַ ישיבהניק", — האָב איך געזאָגט. — „נו, טייבל, זאָג מיר נאָר. קיין קעסט קען דיין טאַטע אים נישט געבן. איז דעם חתנס טאַטע אַ פאַרמעגלעכער?"

„דער זעלביקער גביר ווי מיין טאַטע", — האָט זי געענטפערט זאַרגלאָז. — „ער איז אויך אַ גמרא־מלמד אין אַ ישיבה".

„זאָג זשע מיר, טייבל", — האָב איך אַלץ געשפּינט מיין שמועס מיט איר.
— „ווי אַזוי וועט איר אויסקומען נאָך דער חתונה?"

זי האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס:

„איר'ט מיר מוחל זיין, ס'איז אַ מאָדנע פראַגע. דער רבונו־של־עולם וועט העלפן".

„אַוודאי, אַוודאי, וועט דער רבונו־של־עולם העלפן", — האָב איך צוגעגעבן.
— „אָבער דאָך, ווי אַזוי וועט איר אויסקומען, אַז ער איז אַ ישיבה־בחור?"

„אָט דאָס?" — האָט זי געענטפערט מיט ביטול. — „מיר וועלן האָבן די והר־תר. ער לערנט אין טעלזער ישיבה. נאָך דער חתונה וועט ער קריגן פינף און דרייסיק טאָלער אַ וואָך תמיכה פון כולל. איך וועל אָננעמען אַ שטעלע אין אַ בית־יעקב־שול ווי אַ לערערין פון ענגליש. וועל איך אויך קריגן איבער פערציק טאָ־לער אַ וואָך. נו, איז דאָס ווייניק פאַר צוויי נפשות?"

איך האָב זי נישט אָפּגעלאָזט:

„טייבל, איך וויל צו דיר רעדן, ווי צו אַ דערוואַקסענעם בר־דעת. ביסט דאָך אַ כשרע יידישע טאָכטער. וועסטו דאָך מסתמא געלעגן ווערן צום יאָר מיט אַ קינד. נו, וויבאַלד דיין טאַטע און זיין טאַטע זענען צוויי מלמדים, וואָס זייער פאַר־מעגן איז תורה, איז היתכן?"

זי האָט מיך אָנגעקוקט, גלייך ווי איך וואָלט אינגאַנצן גערעדט עפּעס נאַריש־קייטן, און זי האָט מיר געענטפערט ווי אַן אַלטע:

„ראשית, ר' שלמה, דאַרף מען האָבן בטחון. שנית, רעכן איך, אַז אין אַ יאָר אַרום, אם ירצה השם, וועט ער קריגן סמיכה. עס פירט זיך אין דער ישיבה, אַז מע שטעלט אָן די מוסמכים פאַר גמרא־מלמדים מיט שכירות פון פינף און זיבע־ציק טאָלער אַ וואָך. מיט אַזעלכע שכירות קען מען נישט הונגערן, און איך זאָג אייך, אַז איך וועל אים נישט לאָזן האַלטן קיין צוויי מעמדים. (איך האָב שוין אי־בער פופציק יאָר נישט געהערט דאָס וואָרט „מעמד" פאַר אַ „שטעלע"). מיין טאַ־טע האַלט אָן צוויי דזשאָבס (איר אויסדרוק). אין דער פרי לערנט ער גמרא מיט אַ כיתה און נאָכמיטאָג לערנט ער ענגליש מיט אַ קלאַס. איך וועל נישט דערלאָזן מיין מאַן דאָס צו טאָן. זאָל ער האָבן צייט צו לערנען. צוויי מעמדים איז ביטול־תורה. איך וויל נישט קיין אויטאָמאָביל, איך דאַרף נישט קיין טעלעוויזיע, איך גלוסט נישט נאָך שיינע קליידער. איך וויל, אַז מיין מאַן זאָל זיצן און לערנען תורה".

„פאַרשטייסט, אַברהם, ווען מע הערט אַזעלכע רייד פון אַ יונג מיידל אין ניו־יאָרק, וווּ עס דאַכט זיך, אַז אַלע, יונג און אַלט, ווילן נאָר איין זאַך: שלינגען שטי־קער עולם־הזה, ווערט גרינג אויפן האַרצן. מע טראַכט, אַז אַן אמונה, וואָס קען אַרויסברענגען אַזעלכע קינדער, האָט גרויסע ווערטן פאַר דער וועלט. אונדזערע

ייִדן, וואָס זענען אַזוי אַנטוישט אין זייערע קינדער, מעגן דאָך אַוודאי דיך מקנא זיין, און איך בין דיר מודה, אַז איך האָב דיך מקנא געווען. דאָס איז אָבער געווען נאָר אַ מאָמענטאַלע קנאה. נישט דיין דרך און נישט דער וועלט־באַנעם פון דיין אייניקל מיט איר נאַיוון גלויבן קענען זיין אַ וועגווייזער פאַר דעם ייִדישן פאָלק און קענען ברענגען אַן אמתן אויפלעב אין דער ייִדישער אמונה.

„דו! אַ חכמה צו אַנטלויפן! דו ביסט אַנטלאָפן פון זיך, פון דיין דור און פון דער וועלט. דיר איז געלונגען זיך צו היפּנאָטיזירן מיט ריטואַל, וואָס האָט פאַר דיר נישט געהאַט קיין פאַרוואָס. דיר איז געווען גוט, ווייל דו האָסט זיך צוריק־געקערט צו אַ לעבנס־שטייגער, וואָס איז געווען פאַרקניפּט מיט דיין יוגנט און דערצו האָט עס צוריקגעבראַכט צו דיר דיין שרהן, וואָס דו ביסט אין איר געווען פאַרליבט.

„פאַר דיר איז דאָס געווען אַן עסקייפּיזם — אַן אַנטלויפן פון זיך אַליין. אַנ־דערע פאַרשיכורן זיך מיט קאָרטן, מיט וועטן אויף פערדלעך, אָדער מיט אַנדערע אַזאַרט־שפּילן. פאַראַן אַפילו מענטשן, וואָס שיכורן צו פאַרגעסן. דו האָסט זיך באַטרונקען מיט אָפּהיטן דעם ריטואַל און צערעמאָניאַל פון ייִדישקייט. אין אַנ־הייב איז עס פאַר דיר געווען שווערלעך, ווי דו אַליין האָסט מיר דערציילט. די באַרויִקונג אָבער, וואָס דו האָסט געפונען אין פאַרנעמען זיך מיט פרומקייט, די באַקוועמלעכקייט צו לעבן אין אַ סיסטעם, וואָס פאַרענטפערט דיר כלומרשט אַלץ, האָט דיך צופרידן געשטעלט, און נאָך אַ היפּשער צייט האָסטו פאַרגעסן דיין נישט־אמונה, גאָרנישט געטראַכט פון דעם און עס איז ביי דיר געוואָרן אַ הרגל. דו געדענקסט, וואָס דו האָסט מיר דערציילט?

„איך האָב געפונען די רויִקייט פון וואַנדערער, וואָס קומען אַהיים" — האָסטו מיר געזאָגט. — „אַוודאי וועט די היים מיך נישט אַלע מאָל באַפרידיקן, אָבער איך בין אין דער היים. אַ סוף צום בלאָנדזשען! איצט דאַרף איך זיך נאָר איינבערעכן. איך דאַרף זיך נאָר צופּאַסן צום לעבן, וואָס איך האָב אויסדערוויילט".

„דו האָסט זיך אומגעקערט אַהיים און האָסט זיך באַרויִקט. פאַרשטייסטו דאָך, אַז דיין עמאָציאָנעלער איבערבראָך קען נישט זיין קיין אַנוויז, קיין וועג פון דער־לייזונג פאַר די, וואָס האָבן נישט געהאַט דיין דערפאַרונג און דיין חינוך. דו האָסט זיך געקענט אומקערן צו דיין סביבה פון דיינע קינדער־יאָרן, אָבער דאָס איז נישט קיין ראַציאָנאַל, קיין פאַרוואָס פאַר די, וואָס זוכן אַ וועג צו גאָט. פאַר די אמתע זוכער איז דיין ייִדישקייט ווי אַ חתונה אָן אַ חתן, אָדער אָן אַ כלה. איך וויל דיר זאָגן שאַרף: דו האָסט געגלייבט אין אָן אמונה, וואָס דו האָסט געהאַלטן פאַר נישט אמת. דו ביסט געווען נישט בעסער פון די ספּעקולאַנטן, וואָס צווינגען זיך אויפצופירן טראַדיציאָנעל צוליב קיום האומה. ס'איז אַ גלויבן אָן אַ גלויבן, פרומ־קייט אָן אַ גאָט. ס'איז איינגעגלייבטקייט, נישט אָפּצונאַרן יענעם, נאָר זיך אַליין.

„דיין איניקל, טייבעלע, אַ געזונט אין אירע ביינדעלעך, האָט זיך שוין אויפ־געהאָדעוועט אין דער אַלטער טראַדיציאָנעלער אמונה. ביי איר איז עס שוין נישט געווען קיין איינגעגלייבטקייט, נאָר טאַקע גלויבן, תמימותדיקע אמונה, וואָס קען צערוקן בערג. תמימותדיקע אמונה איז גאָר אַ הויכער ענין. זי גיט אַ מאָטיוו, אַ זין פאַרן לעבן און אויך אַ וווּנדערבאַרן נימוק, אַ מאָטיוו פאַרן טויט, צו שטאַרבן אויף קידוש־השם. ווייל איז די, וואָס גלייבן באמת נאַיוו. הלוואַי וואָלט איך גע־ווען איינער פון זיי.

„אָבער אויך איר וועג, בלינדע אמונה, איר דרך צו דערנענטערן זיך צו דער אַבסאָלוטער רעאַליטעט קען נישט ווערן דער הויפט־טראַקט פאַר אונדזער דור. איר גלויבן מיינט נישט אַריינעמען די גאַנצע וועלט אין דער ראַם פון אמונה, נאָר נעמען די ראַם פון אמונה און זי אַרויפלייגן אויף דער וועלט, און אַריינגע־מען נאָר יענע טיילן, וואָס פאַסן זיך אַריין אין דעם זעלביקן אָפּגעצוימטן שטח.

„יאָ, תמימותדיקע אמונה, פרימיטיווער פונדאַמענטאַליסטישער גלויבן, באַ־פרייט דעם מענטשן פון גאָר אַ סך אַנגסטן פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע. אָבער עס באַפרייט אויך דעם מענטשן פון לאָגיק און איבערהויפּט באַפרייט עס דעם מענטשן פון פולער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס אַ דערוואַקסענער רייפער מענטש דאַרף האָבן.

„אַ פונדאַמענטאַליסטישע אמונה מיינט איזאָלאַציע פון דער וועלט און אויך פאַראַזיטיזם. זי, דיין טייבל, ווייל פאַרהיטן איר מאַן פון ביטול־תורה. תורה איז דער עיקר. זי ווייל דאָ, אין דער צייטווייליקער וווינונג, אָנקלייבן עשירות אויף יענער וועלט. זי זאָגט זיך אָבער חלילה נישט אָפּ פון די באַקוועמלעכקייטן פון אונדזער מאָדערנער ציוויליזאַציע: עלעקטרישע באַלייכטונג, צענטראַלע באַהיי־צונג, וואַסער צוגעשטעלט און מאָדערנע מעדיצין. דאָס אַלץ שטעלן צו ייִדישע אַפּיקורסים און גויִים. די דאָזיקע אַפּיקורסים און גויִים גייען אין קאַלעדזשעס און פטרן צייט אויף הבלי עולם הזה און, פאַרשטייט זיך, אַז זיי, וואָס באַזאָרגן די וועלט מיט אַלע נויטיקייטן און זענען זיך נישט עוסק בתורה, וועלן ירשהנען גי־הנום. שטעלט זיך פאַר, וואָס עס וואָלט געוואָרן פון דער וועלט, ווען די גאַנצע וועלט וואָלט אָנגענומען טייבלס קוק אויפן לעבן. טייבלס דרך מיינט דעריבער איזאָלאַציע פון דער וועלט און אויך פאַראַזיטיזם.

„נאָך ערגער איז דאָס, וואָס פונדאַמענטאַליסטישע אמונה מיינט גלויבן אָן שאלות און אָפּזאָגן זיך פון דעם גאַנצן מאָדערנעם דענקען. מיר טאָרן נישט טראַכטן זעלבסשטענדיק. מיר מוזן אָננעמען נאָר דאָס, וואָס איז אונדז געגעבן גע־וואָרן ווי געבאָטן און אָנזאָגונגען. דאָס פּראָבלעם איז נישט רעליגיע קעגן וויסנ־שאַפט, נישט רעליגיע קעגן פילאָסאָפיע און אויך נישט רעליגיע קעגן ראַציאָנאַ־ליזם, נאָר פשוט אַ רעליגיע, וואָס זאָל נישט עובר זיין אויף דעם שכל־הישר.

„עס איז אויך נישט קיין פראַגע, צי עס איז בעסער פאַרן מענטשן, ווען ער גלייבט, צי ער גלייבט נישט. אויב דאָס גלייבן פאַרלייקנט קלאָרע אמתן און דער מענטש שאַפט זיך נאָר אַן אילוזיע צו פאַרגרינגערן זיינעליידן, קען אַזאַ גלויבן נישט האָבן קיין האַפט.

„יאָ אמונה, צי נישט אמונה — מיר קענען נישט האָבן קיין צוויי באַזונדערע סטאַנדאַרטן פאַר דעם מאָדערנעם מענטשן: איין אופן פון צוגאַנג צו דער וויסנשאַפט און אַן אַנדער צוגאַנג צו רעליגיע. ווען מען איז זיך מתעסק מיט וויסנשאַפט, דאַרף מען זיין קריטיש, אַנאַליטיש און מען טאָר זיך קיינמאָל נישט רעכענען מיט אָנגענומענע אמתן און מיט געפונענע פאַקטן. ווען אָבער מען באַרירט רעליגיע, מוז מען אויפגעבן דאָס פרעגן און אָפּפרעגן, מען טאָר נישט זיין קריטיש, מען מוז אָננעמען אָן קיין שום ספקות אַלץ, וואָס איז פאַרשריבן, ווי אַ פיקסירטן אמת, וואָס מוז פאַרבלייבן אומבאַשטרייטלעך אויף אייביק.

„אָט וועל איך דיר געבן צווייביישפּילן וועגן מיין מסקנה. באמת, דער נאָרווער פרומער האַלט, אַז דער תנ״ך איז הייליק, ווייל דאָס איז גאָטס וואָרט, וואָס ער האָט געגעבן אויפן באַרג סיני. מיר האַלטן פאַרקערט: אין תנ״ך זענען פאַראַן גרויסע עטישע ווערטן און טיפע באַגריפן פון הייליקייט, און דערפאַר איז דער תנ״ך אַ געטלעך בוך. שנית, מאָדערנע היסטאָריקער נעמען נישט אָן די כראָניקער און אויך נישט דאָס עדות זאָגן פון די מענטשן, וואָס האָבן בייגעוווינט היסטאָרישע געשעענישן, ווי עס איז פאַרשריבן און באַשריבן אין אַלטע היסטאָרישע ביכער און פאַרהייליקטע ספרים און אויך נישט אין די מאָדערנע געשיכטע־ביכער. פאַר דעם מאָדערנעם היסטאָריקער זענען די טעקסטן, וואָס באַשרייבן היסטאָרישע געשעענישן, נישט קיין פאַקטן, נאָר מאַטעריאַלן, וואָס ווען מען פאַרגלייכט זיי מיט אַנדערע מאַטעריאַלן, דערמעגלעכן זיי דעם היסטאָריקער זיך משער צו זיין, וואָס עס איז באמת געשען.

„איך וויל נישט מאריך זיין וועגן אַזעלכע זאַכן, וואָס אַ חדר־יינגל פאַרשטייט. בקיצור, מען דאַרף צוגיין צו דער תורה שבכתב און צו דער תורה שבעל פה מיט אַ קולטור־היסטאָרישן צוגאַנג און נישט מורא האָבן פאַר היסטאָרישע אמתן.

„לגבי דיין אייניקלס וועלט־באַנעם, וואָס איז דער וועלט־באַנעם פון אַלע פונדאַמענטאַליסטישע אמונות, קומט אויס, אַז דער כביכול, וואָס איז אַלמעכטיק, אין־סופיק, אומבאַגרענעצט און איז כולל אַלץ, ציטערט פאַר אַ פּיצעלע אמת, וואָס דער מענטש מיט זיין קליינעם מוחלע האָט אויסגעפונען. גיי שוין, גיי, אברהם, דער רבונו של עולם האָט נישט קיין מורא נישט פאַר קיין לאָגיק און נישט פאַר קיין אמתן, אַפילו נישט פאַר קיין וויסנשאַפטלעכע אמתן און דערפינדונגען.

ר׳ אברהם: „דו מיינסט מיר צו זאָגן, אַז דו ווילסט אַ ראַציאָנאַלע אמונה? דו

ווילסט אַ רעליגיע, וואָס זאָל שטימען מיט די לעצטע וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס? וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס זענען פון די אומהאַפטיקסטע זאַכן אויף דער וועלט. אמונה אָבער איז אייביק, ווייל רעליגיע געוועלטיקט גאָר אין אַן אַנדערער ספערע ווי וויסנשאַפט. אמונה געוועלטיקט אין דער ספערע פון עמאָציע און דמיון, אין דעם שטח, וואָס איז איבער דעם מענטשלעכן באַנעם. אמונה פילט אויס יענע בלויזן, וואָס וויסנשאַפט קען נישט דערגרייכן. ווי אַזוי ווילסטו צונויפפּאָרן צוויי נישט־גלייכע זאַכן?"

איך: „בײַן, אברהם, איך בין נישט מסכּים, אַז רעליגיע שטייט אויסער דעם מענטשלעכן שכל און איז בלויז אַן עסק פון דמיון. עס גייט אויך נישט אין צופּאַסן אמונה צו פילאָסאָפיע, אָדער רעליגיע צו וויסנשאַפט. אָבער איך האַלט, אַז אמונה קען נישט און דאַרף נישט איגנאָרירן די וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען פון די לעצטע דריי הונדערט יאָר. אמונה קען אויך נישט און דאַרף נישט פאַרלייקענען דעם וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג צו היסטאָרישע פאַקטן.

„איר ווערט דערציטערט, ווען מען רירט אָן דעם קלענסטן אַרגאַמענט פון דער ראַם. איר זעט דעמאָלט ווי עס צעפאַלט זיך ממש דער גאַנצער בנין. איך זאָג, אַז ס'איז נישטאָ פאַר וואָס זיך צו שרעקן. ווי איך האָב דיר פריִער געזאָגט: „דער כביכול האָט קיין מורא נישט פאַר קיין אמתן". אָט ווייסן מיר, אַז די פּאָמע־לעכע עוואָלוציאָנערע פאָרמירונג פון דער ערד האָט אפשר געדויערט ביליאָנען יאָרן. מיר ווייסן אויך דורך אייזערנע באַווייזן די קולטור־היסטאָרישע אַנטוויק־לונג פון אַלע אמונות. מיר קענען אויך גרינג אָנווייזן די בשותּפותדיקע יסודות פון פאָלקלאָר און אַבערגלויבנס ביי פעלקער. ייִדן זענען נישט קיין אויסנאַם. מיר קענען ממש וויסנשאַפטלעך צעגלידערן אַלע אמונות, די ייִדישע אמונה אַריינגע־רעכנט, און באַווייזן די אמונות טפלות, אויך וואָס איז פאָלקס רעליגיע און וואָס איז העכערע רעליגיע. נו, איז וואָס?

„די גמרא זאָגט: „דברה תורה כלשון בני אָדם" — די תורה האָט גערעדט ווי אויף אַ מענטשלעכן לשון. מען קען און מען דאַרף זאָגן: „דברה תורה לפי השגת האדם בדורו" — די תורה האָט דערקלערט די אייביקע אמתן לויט דער השגה פון די מענטשן פון יענעם דור. און געדענק, אברהם, קיין דור קען נישט ויסן די דערגרייכונגען, מאַטעריעלע און גייסטיקע, פון די שפּעטערדיקע דורות. בקיצור, מיר דאַרפן אויפנעמען די גאָט־אידייע קולטור־היסטאָריש.

„בײַן, דאָ גייט אין ענין פון רעפאָרמירן ייִדישקייט. דאָ דאַרף באַטאָנט ווערן אַן עיקר־זאַך: אייער פאַרגליוורטקייט און צוגעבונדנקייט צו דאָגמע און אַלץ, וואָס איז פאַרשריבן, טאָר נישט אָפּגעפרעגט ווערן, אַפילו ווען עס איז גורם שרעק און איז קעגן שכל הישר און קעגן היסטאָרישע אמתן.

„אָבער מיר, די מאָדערנע מאמינים, אָדער גאָט־זוכער, זאָגן, אַז עס איז נישטאָ

וואָס זיך צו שרעקן פאַר דעם שכל הישר און עס איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן פאַר היסטאָרישע אמתן. למשל, מיר ווייסן, אַז אין דער תורה איז פאַראַן פאָל־קלאָר, וואָס איז בשותפות מיט אַלע פעלקער. מיר ווייסן אויך, אַז אין תנ״ך זענען פאַראַן אמונות, וואָס האָבן געפּאַסט נאָר פאַר יענער צייט, ווען די תורה איז פאַר־שריבן געוואָרן, אָדער געגעבן געוואָרן, אָדער אויפגעקומען. דאָך פאַרלייקנט עס נישט קיין התגלות און עס פרעגט נישט אָפּ, צי עס איז פאַראַן השגחה אין דער פירונג פון דער וועלט און קען נישט מכחיש זיין דעם אתה בחרתנו פון ייִדן.

„נאָך מער, נישט געקוקט אויף דעם אמת פון געאָלאָגיע, וואָס באַווייזט, אַז די ערד איז אפשר ביליאָנען יאָרן אַלט, בין איך בניגוד צו דער מיינונג פון אַ סך פילאָסאָפן און היסטאָריקער, וואָס האַלטן פון ניסימדיקן צופאַל סיי אין דער בריאה און סיי אין דער געשיכטע פון דער וועלט און ביחוד אין דער ייִדישער געשיכטע. איך ווייס, אַז עס איז נישטאָ גלאַט קיין צופאַל אין בריאת העולם, אויך נישט אין דער וועלט־געשיכטע. ועל כולם, די עקסיסטענץ פון ייִדן סיי אויף זייער אייגן לאַנד, און סיי אין גלות האָט אַ זינען און אַ באַטייט פאַר דער גאַנצער וועלט. דער־צו דאַרף נאָך זיין קלאָר, אַז די גאָט־אידייע איז געווען די טרייב־קראַפט פון ייִדי־שער געשיכטע. די ייִדישע גאָט־אידייע האָט זיך קאָנקרעטיזירט אין אַ לעבנס־שטייגער פון הלכה. אמת, אַ סך מצוות זענען געווען צוגעבונדן צו צייט און אָרט. דאָך איז עס נישט געווען קיין זינלאָזיקייט, וואָס ייִדן האָבן אַזוי פאַרזיכטיק אָפּ־געהיט די גרעסטע און קלענסטע מצווה. ס׳איז געווען אַ גרויסער באַטייט פאַר דער וועלט, ווען ייִדן זענען געגאַנגען אויף קידוש־השם פאַר אַזעלכע מצוות, וואָס קוקן אויס אין אונדזערע אויגן ווי קלייניקייטן. דאָס איז נישט געווען קיין עקשנות פון פרימיטיווע און אַבערגלויביקע מענטשן. ייִדישע געשיכטע און ייִדישע הנהגה האָט געהאַט אַ באַטייט פאַר דער וועלט און האָט אַ באַטייט איצט. דער ייִדישער גלות און ייִדישע עקשנות אין גלות איז נישט געווען קיין צופאַל. און איצטיקער אויפקום פון מדינת־ישראל איז אויך נישט קיין צופעליקייט. עס איז אַ טייל פון געטלעכן פּלאַן״.

אברהם: „לויט דיינע רייד ביסטו דאָך אַ טיפער מאמין. ווי באַלד אַזוי, האָט דיין הנהגה געדאַרפט זיין אַ גאַנץ אַנדערע. אָבער רעדן צו דיר וועגן דיין פירעכץ וועל איך ערשט שפּעטער. איצט אָבער וויל איך צו דיר רעדן וועגן דיין אַבסטראַקטן גלויבן. ווייסט? איז דיין געדאַנקען־גאַנג איז פאַראַן אַ היבש ביסל אמונה, בלינדע אמונה, און דערצו זענען דאָ ביי דיר אַ סך סתירות. און דיין ראציא קלעפּט זיך נישט צום שכל־הישר. איך קאָן בשום אופן נישט צונויפפּאָרן ראַציא מיט אמונה. עס איז תרתי דסתרי, און אוודאי קלעפּט זיך נישט ביי מיר פרייזער מיט התגלות, און געאָלאָגיע און אַנטראָפּאָלאָגיע — מיט „אתה בחרתנו״. אײדער איך וועל פון דיר שיידן די הויט, וואָלט איך געוואָלט הערן פון דיר, ווי אַזוי דאָס אַלץ האָט

זיך אויסגעלייגט ביי דיר אין מוח. ביי מיר אין קאָפּ פּאַטאַיפּעט עס זיך נישט. איך מיין, אַז דיין גלויבן איז אויך בלינדע אמונה״.

איך: רעד נישט וועגן מיין בלינדער אמונה און כאַפּ מיך נישט אין קיין סתירות. איידער איך וועל פּאַרטיק ווערן מיט מיין הנחה, וואָס אויף איר בוי איך מיינע מסקנות.

„די הנחה, ווי איך האָב עס פּריער דערמאָנט בקיצור, נעם איך פון „חובת הלבבות״ פון רבנו בחיי. איך וועל דיר עס פּריער ציטירן אויף לשון־קודש, ווייל איך וויל עס דערנאָך פאַרטייטשן אויף יידיש לויט דעם פּירוש פון הרב ר׳ שמחה־בונם אורבאַך, אין זיין ספר „עמודי המחשבה הישראלית״ — די זיילן פון יידישן געדאַנק.

„אין שער היחוד, פּרק ד׳ שטייט געשריבן: „כי כל דבר שמבקשים לדעת, כשמסתפקים במציאותו, צריך לשאל עליו תחילה אם הוא נמצא או לא, וכשתתברר אמיתת מציאותו צריך לחקר עליו מהו ואיך הוא ולמה הוא. אך הבורא יתעלה אין אדם רשאי לשאל עליו אלא באם הוא בלבד״.

„אויף יידיש מיינט עס: „יעדע זאַך, וואָס מען איז אין ספק, צי זי עקסיסטירט, צי נישט, דאַרף מען פריער אויספאָרשן, צי זי עקסיסטירט. דערנאָך, אַז מע גע־פינט אויס, אַז זי עקסיסטירט, דאַרף מען קלאָר מאַכן איר אייגנשאַפט, איר קוואַ־ליטעט און איר ציל. וועגן דעם כביכול אָבער טאָר קיין מענטש נישט מער ווי־פאָרשן און זוכן, צי ער עקסיסטירט״.

„מיר דאַכט זיך, אַז יעדער מאָדערנער מענטש קאָן אָננעמען דעם דאָזיקן גע־דאַנקען־גאַנג, ווען ער וואָלט נאָר פאַרביטן דאָס וואָרט „רשאי״ אויף „יכול״. דאָס וואָלט געמיינט, נישט ווי רבנו בחיי שרייבט, אַז אַ מענטש טאָר נישט מער ווי פאָרשן און זוכן צי גאָט עקסיסטירט, נאָר עס וואָלט געמיינט, אַז אַ מענטש קען נישט מער ווי פאָרשן און זוכן, צי ער עקסיסטירט. מעגן מעג ער, אָבער עס וועט גאָרנישט העלפן, ווייל אין אונדזער איצטיקער צייט, מיט אונדזערע באַגרענעצטע ידיעות קאָן קיין מענטש נישט פאַרשטיין און באַנעמען, דערגרונטעווען זיך און פאַרשטיין מיטן שכל די אייגנשאַפט, די קוואַליטעט און דעם ציל פון כביכול. אָבער עס קאָן געמאָלט זיין, אַז עפּאָכעס און עפּאָכעס שפּעטער וועלן מיר אָנקלייבן מער ידיעות וועגן אונדזער ערד, וועגן קאָסמאָס, וועגן אָנהייב פון לעבן און מיר וועלן אויך קאָנען אָנהייבן צו פאַרשטיין אַ סך זאַכן, וואָס זענען פאַר אונדז ביז איצט נישט מער ווי מיסטעריעס.

„וועגן זיין עקסיסטענץ וויסן מיר. דאָס קענען מיר פאַרשטיין און באַנעמען. ווי אַזוי? ראשית, ווייל מיר באַזיצן אין זיך דעם גאָט־באַגריף. פון וואַנען וואָלטן מיר געהאַט דעם דאָזיקן באַגריף, ווען עס וואָלט נישט עקסיסטירט קיין טראַנס־צענדענטאַלער כוח? שנית, דערקלערט רב סעדיה גאון און רבנו בחיי פאַרבריי־

טערט דעם זעלביקן געדאַנק אין שער היחוד: „דער באַשאַף, די בריאה, איז אַ באַווייז אויף גאָטס עקסיסטענץ. ווי אַזוי?

„מיר וייסן פון אָבסערווירן די נאַטור און אויך לאָגיש, קאָן אַנדערש נישט געמאָלט זיין, אַז קיין זאַך קאָן זיך אַליין נישט באַשאַפן, ווייל עס מוז דאָך געשען איינס פון די ביידע: ווען מיר באַטראַכטן אַ זאַך, וואָס האָט פריִער נישט עקסיסטירט און איצט איז זי פאַראַן, קאָן געמאָלט זיין, אַז זי האָט זיך אַליין באַשאַפן, איידער זי האָט אָנגעהויבן צו עקסיסטירן, אָדער זי האָט זיך באַשאַפן נאָך דעם, ווי זי האָט שוין עקסיסטירט. ביידע פאַלן זענען אַבסורד. לאָמיר זען, פאַרוואָס זיי זע־נען אַבסורד. ממה נפשך, אויב זי האָט זיך אַליין באַשאַפן נאָך דעם, ווי זי האָט שוין עקסיסטירט, צוליב וואָס האָט זי עס געדאַרפט טאָן? זי איז דאָך שוין גע־ווען און איז שוין דאָ. אלא וואָס דען, מיר וועלן זאָגן, אַז די זאַך האָט זיך אַליין באַשאַפן, איידער זי האָט עקסיסטירט, ווען זי איז נאָך געווען גאָרנישט. שטעלט זיך די פראַגע: ווי אַזוי קאָן אַ גאָרנישט עפּעס באַשאַפן? מוזן מיר דעריבער אָננעמען, אַז עס איז פאַראַן אַ בורא־עולם, אַ שעפער, וואָס האָט באַשאַפן אַ וועלט צוליב אַ ציל און אַ תכלית".

אַברהם: „אויב דו רעדסט פון לאָגיק, קען איך דאָך דיך פרעגן גאַנץ פשוט: „אויב די וועלט האָט אַ בורא, ווייל קיין זאַך קאָן זיך אַליין נישט באַשאַפן, ווער־זשע האָט באַשאַפן דעם בורא? דער רבי אין חדר האָט געענטפערט אויף דער דאָזיקער פראַגע מיט אַ פראַסק אין צורה. וועסטו אויך פּאַטשן?".

איך: „ניין, איך וועל נישט פּאַטשן. מען מעג פרעגן און פאָרשן. אָבער דער־ווייל האָבן מיר נישט קיין תירוצים אויף אַלע פראַגעס. דאָס איז דאָך דער הויפּט־חילוק צווישן דאָגמאַטיקער און פרייע מענטשן. דאָגמאַטיקער זאָגן, אַז ווי באַלד מיר וייסן נישט דעם ענטפער, אָדער מיר האָבן נישט דעם ענטפער, טאָר מען נישט פרעגן. פרייע מענטשן זאָגן: „ניין, מען מוז פרעגן, מען דאַרף פרעגן, ווייל דורך פרעגן און פאָרשן קאָנען מיר זיך נאָך אַמאָל דערגרונטעווען צום אמת". דער חילוק צווישן דיר און מיר איז, וואָס דו האָסט אָנגענומען דעם יאָך פון מצוות און דיך האָט נישט געאַרט, צי עס איז פאַראַן אַ מלכות־שמים, צי נישט. איך האַלט, אַז פריִער דאַרף קומען דער עול מלכות שמים, דערנאָך ערשט וועט קומען דער יאָך פון מצוות, ווי די משנה זאָגט:

„למה קדמה שמע, לוהיה אם שמוע? אלא כדי שיקבל עליו עול מלכות שמים תחילה ואחר כך יקבל עליו עול מצוות" (ברכות, דף י"ג, א') — פאַרוואָס זאָגט מען אין דאַוונען פריִער „שמע ישראל" און דערנאָך „והיה אם שמוע"? דאָס איז דערפאַר, ווייל דער מענטש דאַרף פריִער נעמען אויף זיך דעם עול פון מלכות־שמים און דערנאָך דעם עול פון מצוות. דער רבנו בחיי זאָגט:

„דערפאַר האָב איך אָװעקגעשטעלט צוערשט דעם שער היחוד״, (דאָס קאַ־פּיטל, װאָס דערקלערט די מציאות פון גאָט) „פאַר די אַנדערע פּרקים פון ספר״.

„דאָ איז געשען עפּעס מאָדנע. איך האָב דערהערט אַ געלעכטער און אַן אַנ־דערער אברהם איז געשטאַנען פאַר מיר. פריִער איז פאַר מיר געשטאַנען אברהם, דער ראש־ישיבה, אַ ייִד אַ זעכציקער, אַ הדרת־פּנים, אַנגעטאָן אין אַ סורדוט מיט אַ סאַמעטענעם קאָלנער. װען ער האָט פונאַנדער געשפּיליעט דעם סורדוט, האָט זיך געזען אַ גרױסער װאָלענער טלית־קטן. זיין פּנים איז געװען אַרומגעזױמט מיט אַ שיינער שפּיציקער באָרד, מער גרױ װי שװאַרץ. ער האָט געטראָגן אַן אױ־בערהעמד מיט אַן אַראָפּגעלייגטן קאָלנער, װי עס האָבן געטראָגן פרומע רבנים, און אױפן קאָפּ — אַ שװאַרץ־בלױלעכע יאַרמולקע. איצט איז דער דאָזיקער אברהם נישט געװאָרן און פאַר מיר איז געשטאַנען דער אַמאָליקער אברהם, נײן, דער אַמאָליקער איבי, דער פריִערדיקער אַפּיקורוס, דער פאַרקאָכטער סאָציאַליסט, װאָס איך האָב געקענט מיט פערציק יאָר צוריק.

„דער אברהם, װאָס איז איצט געשטאַנען פאַר מיר, איז געװען אַ יאָר דרייסיק אַלט, אַ דאַרער, אַ הױכער, מיט אַ ריין אָפּגעגאָלטן פּנים און מיט אַ קאָפּ געדיכטע, שװאַרצע האָר, פאַרקעמט אַהינטער. דאָס אױבערהעמד צעקנייטשט, קענטיק געװאַשן אין דער היים, אָבער אַ שניפּס האָט ער געטראָגן אַ בונטן, װי עס איז געװען די מאָדע ביי די באָהעמען אין יענער צייט. ער האָט גערעדט מיט אַ פּאַפּיראָס צוגעקלעפּט צו דער אונטערשטער ליפּ. ער האָט געהאַט אַן ענערגיש פּנים און אומרויִקע הענט מיט לאַנגע פינגער, די שפּיץ־פינגער פאַרגעלט פון האַלטן די עקלעך פון אָפּגערייכערטע פּאַפּיראָסן.

„די חנודיקסטע זאַך איז אָבער געװען זיין רעקל מיט די ברייטע קעשענעס, אָנגעשטאָפּטע מיט צייטונגען, זשורנאַלן און בראָשורן. װאָס האָט זיך אין די קע־שענעס נישט געפונען? אַלע פיר ייִדישע צייטונגען: „טאָג״, „פאָרװערטס״, „טאָגע־בלאַט״ און „מאָרגן זשורנאַל״, די ענגלישע „טיימס״, „פרייע אַרבעטער שטימע״, צװיי נומערן „פעדער״, װאָס אין איין נומער איז געװען אָפּגעדרוקט זיינס אַ בייזע, נאַקעטע און פול מיט נבול־פּה דערציילונג, און אין צװייטן נומער איז געװען גע־דרוקט אַ חוצפּהדיקע אַפּיקורסישע עסיי. טיפער אין קעשענע זענען געװען פאַר־שטעקט „די צוקונפט״, „אַטלענטיק מאָנטלעי״, טאָלסטאָיס „פאָלקסטימלעכע דער־ציילונגען״, מאַרקוס אורעליוס „מעדיטאַציעס״, דער זשורנאַל „מאַדהער אױירט״ און פּושקינס אַ בוך לידער.

„ער איז געװען מיט אַ קאָפּ העכער פון מיר. ער האָט מיך געטיקעט בייז מיט אַ פינגער און גערעדט מיט זיין אַמאָליקן בייזן לשון:

„ביסט געװאָרן אַ כניאָק, שלמה! איך װעל פון דיר מאַכן אַ גראַם:

„כניאַק, כניאַק בן כניאַק,
האָסט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ,
ס׳איז אַ ביינערנע גאַלקע,
אָדער אַ טשעהונענער טאָפּ״.

„קוקט אים נאָר אָן! שטיקער פון ספר „חובת הלבבות״ און ספר „האמנות והדעות״ גיסן זיך אים פון מויל. וועמען ווילסטו אָפּדאָצן? מיר? אַ מענטשן מיט שכל, אַ מענטשן, וואָס האָט נישט קיין פינצטערניש אין קאָפּ? דו רעדסט מיטן לשון פון מוסר ספרים. ס׳איז פאַרלעגענע סחורה. ווילסט מיר דערלאַנגען צוגע־פוילטע עפּל פאַר פרישע פירות?...

„דיין תכליתדיקייט פון דער נאַטור איז באַקאַנט אין דער פילאָסאָפיע אונ־טער דעם טערמין „טעלעאָלאָגיע״. דיין באַווייז פון מציאות פון גאָט הייסט „אָנ־טאָלאָגיע״. ביידע באַגריפן האַלט מען פאַר אַלט און אָפּגעלעבט, און זיי ווערן אָפּ־געפרעגט פון דער ספּעקולאַטיווער פילאָסאָפיע. היינטיקע וויסנשאַפטלעכע פילאָ־סאָפיע האַלט, אַז אַפילו די ספּעקולאַטיווע פילאָסאָפיע איז נישט מער, ווי פּוסטע סכאָלאַסטישע טעאָלאָגיע. ביים היינטיקן מענטשן איז דאָ נאָר איין מאָס: דאָס פיצעלע לעבן. מ׳האַלט איצט פאַרן גאַנצן אמת דאָס אַלטע לידל, וואָס מיר האָבן אַמאָל געזונגען:

„ס׳איז אַוועק דער נעכטן,
ס׳איז נאָך נישטאָ דער מאָרגן,
איז געבליבן אַ פיצעלע היינט,
איז וואָס איז דאָ צו זאָרגן?״.

„דו ווילסט זיך פאַרשיכורן מיט די אַלטע הנחות, ווייל דו ווילסט אַ זינען אין לעבן. ווער אָבער זאָגט דיר, אַז ס׳איז פאַראַן אַ זינען אין לעבן? בעסער נאָך, ווער זאָגט דיר, אַז עס קאָן זיין אַ זינען אין לעבן? איך זאָג דיר, אַז האַנס רייכענ־באַך איז גערעכט. ער זאָגט אין זיין בוך „דהי רייז אָוו סייענטיפיק פילאָסאָפי״:

„אַ וויסנשאַפטלעכע פילאָסאָפיע קאָן נישט צושטעלן קיין מאָראַלישע אָנ־ווייזונג אָדער לייטונג. דאָס איז דער פּועל־יוצא פון איר און מען קאָן צו איר נישט האָבן קיין טענות צוליב דעם. אויב מען זוכט דעם אמת און נישט עפּעס אַנדערש ווי דעם אמת, קאָן מען נישט פאָדערן ביים פילאָסאָף קיין מאָראַלישע דירעקטיוון. יענע פילאָסאָפן, וואָס זענען גרייט אַרויסצוברענגען מאָראַלישע די־רעקטיוון פון זייערע פילאָסאָפיעס, קאָנען אָנבאָטן נאָר געפעלשטע באַווייזן. עס איז נוצלאָז צו פאָדערן דאָס אוממעגלעכע״.

„ווייטער זאָגט ער:

„עס האָט נישט קיין זינען צו פרעגן, וואָס איז די סיבה אָדער ציל פון דעם אוניווערס".

אברהם האָט פאַרענדיקט און אין איין אויגנבליק איז דער יונגער אברהם נישט געוואָרן. פאַר מיר איז ווידער געשטאַנען אברהם, דער ראש־ישיבה און האָט גערעדט צו מיר בנעימות:

„איך ווייס, שלמה, דיין ענטפער אויף די טענות פון די וויסנשאַפטלעכע פּי־לאָסאָפן. בקיצור זאָגסטו: „די וויסנשאַפטלעכע פילאָסאָפן האַלטן, אַז די דירעק־טיוון פאַר עטיק און מאָראַל קומען נישט פון דרויסן, פון אַ טראַנסצענדענטאַלן כוח, ווייל אַזוינס איז נישטאָ. זיי קומען פון אינעווייניק, פון מענטשן. פרעגסטו און מיט רעכט: „פון וואַנען שטאַמט ביים מענטשן דער אינערלעכער דראַנג אויפ־צובויען אַ גערעכטע געזעלשאַפט? אַט איז ביי די מוראַשקעס איינגעשטעלט אַן אומיושרדיקע געזעלשאַפט און זי געדייעט. פון וואַנען קומט צו מענטשן דער דראַנג צו טאָן גערעכטיקייט אַפילו ווען עס ברענגט שאָדן דעם פּרעדיקער?"

„איך וויל נישט מאריך זיין וועגן דיין געדאַנקען־גאַנג. דו האָסט עס געגנוג באַטאָנט אין דיין איצטיקער שריפט. איך בין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דיין דמיון אין דעם אַלטן אברהם, ווייל דו ווייסט דעם געדאַנקען־גאַנג פון דיין דור און ווי־גרינג מען וועט דיך אָפּפרעגן.

„מיך האָט פאַרכאַפּט דיין חקירהן זיך און דיין גאָט־זוכעניש. איך קוק און קוק אויף דיר און איך טראַכט: ניין, דו ביסט נאָך אין אַן ערגערן מצב פון מיר. איך האָב זיך פאַרשיכורט מיט מצוות מעשיות און האָב נישט געטראַכט וועגן דעם כביכול. זאָגסטו אויף מיר, אַז מיין הנהגה איז געגליכן צו אַ חתונה אָן אַ חתן, אָדער אָן אַ כלה. און דו? יאָ, דו האָסט דורכגעפירט אַ חתונה מיט אַ חתן און מיט אַ כלה, אָבער נאָך דער חתונה ווילסטו נישט דערפילן דעם חוב פון אַ חתונה גע־האַט. איך וועל דיר עס אַביסל צעקייען. למה הדבר דומה? צו וואָס איז דיין הנהגה געגליכן? צו אַ פּרוי, וואָס האָט ליב אַ מאַן און האָט מיט אים חתונה, אָבער נאָך דער חתונה וויל זי נישט וווינען מיט אים און וויל נישט דערפילן דעם חוב פון אַ ווייב. טענהט צו איר דער מאַן:

„היתכן, געליבטע מיינע? מיר האָבן דאָך חתונה געהאַט. פאַרוואָס ווילסטו נישט זיין מיין ווייב?".

ענטפערט זי:

„ווייסטו נישט, מיין טייערער, אַז איך האָב דיך ליב? זעסט דאָך, אַז איך האָב מיט דיר חתונה געהאַט".

„איך ווייס, אַז דו האָסט מיך ליב", זאָגט דער מאַן, „און איך האָב אַ סימן, אַז דו האָסט מיט מיר חתונה געהאַט. אָבער ליב האָבן אַליין איז נאָך ווייניק. דו דאַרפסט זיין מיין ווייב. איך וויל האָבן קינדער מיט דיר און פירן אַ בעל־הבתיש־

קייט. צו וואָס טויג אַ חתונה און נאָך דער חתונה פירן אַ לעבן אָן אַ בעט, אָן מאַלצייטן און אָן קינדער? אַזאַ חתונה איז אַ ברכה לבטלה״.

„יאָ, דו גלייבסט אין כביכול, דו פילסט זיין נאָענטקייט, אָבער וואָס איז דיין שייכות צו אים? נוצן דיין אויסדרוק: ווי אַזוי קאָנקרעטיזירסטו דיין אמונה?

„איך מיין, אַז דיין מצב איז ערגער פון מיינעם. איך האָב אָפּגעהיט יידישקייט אָן אמונה, ווי עס טוען אַ סך יידן אין אונדזער צייט. אַ סך פון זיי טוען עס צוליב קיום האומה, אַנדערע טוען עס פון געוווינהייט, פון טראַדיציע, און גאָר אַ סך, ווי איך, פאַרשיכורן זיך מיט יידישקייט. איך מיין, אַז עס איז נישט קיין חתונה אָן אַ חתן. עס איז געגליכן ווי צו לעבן מיט אַ ווייב אָן ליבשאַפט. און אַז מען לעבט אָפּ יאָרן, זענען פאַראַן מאָמענטן פון ליבשאַפט, אַפילו ווען מ׳האָט זי נישט ליב. עס קאָן נישט זיין קיין התקרבות אָן קיין שום עמאָציע. איך האָב געלעבט ווי אַ ייד, האָט מיין הנהגה גאָר אָפּט געבראַכט צו אַ בענקעניש צו כביכול, און צו אַ דערנענטערונג צו אים. דאָס איז דער זינען פון מאמר אויפן פסוק אין ירמיהו: „ואותי עזבו ואת תורתי לא שמרו״ — און מיך האָבן זיי פאַרלאָזט און מיין תורה האָבן זיי נישט אָפּגעהיט — האָט געזאָגט ר׳ הונא: „בעסער וואָלטן זיי שוין מיך פאַרלאָזט און אָפּגעהיט מיין תורה, ווייל ווען זיי וואָלטן זי געלערנט, וואָלט איר ליכט זיי צוריקגעבראַכט צו מיר״ (דער נוסח פון ירושלמי). אָבער דו? אַבסטראַק־טע ליבשאַפט צינדט נאָר די פאַנטאַזיע און איז אָן האַפט פון לעבן. נישט מער ווי איך האָב דיר פריִער געזאָגט: „דיינע ליידן זענען אָן אויסלייז״. דיין נישט געזע־טיקטער הונגער נאָך אים איז אַ מדרגה. אח לצרה, ברודער, אַ שותף צו ליידן, לאָמיר זיך נישט קריגן.

„יאָ, מיך האָט פאַרכאַפּט דיין הקירהן זיך און איך בין נייגעריק צו וויסן, ווי אַזוי פאַרענטפערסטו, לויט דיין שיטה, דעם איינשטעל פון דער וועלט. לאָמיר אַ שמועס טאָן וועגן עיקר־זאַכן, וואָס בדרך־כלל באַאומרויִקן זיי נישט דעם מאַ־דערנעם מענטשן, ווייל ער מיינט, אַז מען האָט שוין גענוג זיך געחקירהט וועגן דעם. דאָס זענען טעאָלאָגישע פראַגעס, וואָס קיין ענטפערס אויף זיי זענען נאָך אַלץ נישטאָ, אָבער באמת קאָן קיין פאַרשטענדיקער מענטש נישט אָנגיין מיט זיין טאָג־טעגלעכן לעבן, סיידן ער האָט פאַר זיך אָן ענטפער אויף די דאָזיקע גרונט־פראַגעס. דו האָסט זיי פריִער באַרירט, איך וויל עפּעס מער קאָנקרעט.

„ראשית וויל איך וויסן ווי אַזוי דו פאַרענטפערסט פאַר זיך דאָס רשעות פון דער וועלט. גאָט, די אַבסאָלוטע פּערפעקציע, האָט באַשאַפן אַ שוידערלעכע, אומפּערפעקטע וועלט. היתכן? אין דעם זעלביקן גדר גייט שוין אַריין די פראַגע וועגן לעצטן חורבן. און בעיקר — באריכות וועגן דיין הנהגה, וואָס עס איז מיר קשה.

איך: „איך האָף נישט בלייבן קיין בעל־חוב״.

קאַפּיטל זעכצן

# פינף דערקלערונגען וועגן רשעות

דער שמועס מיט ר׳ אברהמען און דאָס אויפשרייבן האָט געדויערט כמעט אַ גאַנצן סוכות. איך האָב זיך באַרויִקט.

מוצאי סוכות. אין דרויסן איז געגאַנגען אַ קאַלטער, עסיקער, מאָנאָטאָנער, האַרבסטיקער רעגן. איך האָב אָנגעשטעלט די צענטראַלע באַהייצונג. אין שטוב איז געוואָרן וואַרעם, ליכטיק און שטיל. איך בין געווען אַליין אין שטוב. איך בין געזעסן ביים שרייב־טיש און האָב געלערנט. דער ספר איז זיך ווי צעגאַנגען אין דער לופטן און איך האָב געהאַט ווי אַן איבערבייט אַ שטילע וויזיע, אַ ליכטיקע וויזיע. וואָס פאַר אַ נחת־רוח נאָך די אַלע צערודערנדיקע האַלוצינאַציעס!

עס איז אַ ליכטיקער, מילדער זומער פרימאָרגן און איך בין אָנגעטאָן גרינג. אַ פּאָר הויזן און אַן אויבערהעמדל. איך טראָג מיינע שיך אין האַנט און בראָדזיע אין אַ פעלד מיט ווייכע גרין־בלויע גראָזן, באַשפּרענקלט מיט געלע בלימעלעך.

איך גיי און גיי און מיינע פיס ווערן געוואַשן פון וואַרעמען טוי. פון וואַלד בלאָזט אַ לינד ווינטל. מיינע פלייצעס ווערן געוואַרעמט פון דער העלער זומער זון, און מיין גאַנצער גוף איז אָנגעדראָלט מיט חיות, ווי אַ בוים מיט פרילינג מיט זאַפט.

אין דרויסן האָט זיך דער האַרבסטיקער רעגן פאַרשטאַרקט און דער ווינט האָט צעוויגט דעם בוים לעבן מיין פענצטער און די צווייגן פון דעם האַלב־נאַקעטן בוים האָבן געראַשט און געטרודערט, ווען זיי האָבן זיך געריבן איינס אין אַנדערן. און איך שפּריִיז איבער אַ פעלד מיט גרין־בלויען גראָז, באַשפּרענקלט מיט געלע בלימעלעך, און מיין האַרץ איז פול מיט זומערדיקער פרייד. איך שפּאַן און שפּאַן און ווערטער קומען מיר אין מויל אַריין, ווערטער פון אַ קאַפּיטל תהילים (כ״ג):

„ה׳ רועי לא אחסר — גאָט איז מיין פאַסטעך און מיר וועט גאָר נישט פעלן״. מיר איז דאָס קאַפּיטל קיין מאָל נישט געווען צום האַרצן. מיר האָט זיך שטענדיק געדאַכט, אַז דאָס זענען רייד פון אַ מענטשן, וואָס אַלץ וואָס ער וויל איז אַ פרישע בולקע מיט פּוטער יעדן אין דער פרי. איצט אָבער האָב איך דערפילט, אַז די פסו־קים האָבן פאַר מיר אַ באַזונדערן באַטייט. איך פאַרשטיי נישט פאַרוואָס. אָבער איך גיי און זאָג די פסוקים, ניין, איך גיי און גיי און זינג די פסוקים אויפן קול. איך

ענדיק דאָס קאַפּיטל און חזר עס איבער, און צום סוף זינג איך אַרויס נאָר די פּסוקים פיר און זעקס:

„אַפילו ווען איך גיי אין טאָל פון טויטשאָטן,
טו איך זיך נישט שרעקן פאַר קיין רשעות,
ווייל דו ביסט מיט מיר...
נאָר גוטס און גנאָד יאָגן מיר נאָך
מיין גאַנץ לעבן,
וועט מיין אומקערן זיך
צו גאָטס הויז זיין אויף אייביק"...

איך פאַרשטיי נישט, וואָס פאַר אַ שייכות עס האָבן די וויזיע פון דער לאַנדשאַפט און די שטיקלעך פּסוקים מיט מיין שמועס מיט אברהמען און דעם ענטפער, וואָס איך דאַרף אים געבן. אָבער פון דערפאַרונג ווייס איך, אַז ווען איך וויל זיך עפּעס דערמאָנען פון מיינע פריִערדיקע יאָרן, אָדער אײדער אַ נעפּלדיקער געדאַנק ווערט מיר קלאָר, פאַלט מיר איין צוערשט אַ וואָרט, אַ פּסוק, אַ מאמר, אָדער אַ פערז פון דער מאָדערנער ייִדישער פּאָעזיע. דערנאָך, אָפט דורך אַ מערקווירדיקער און אומגעווייִנטלעכער אַסאָסיאַציע, טויכן אויף אין זיכרון לאַנג־פאַרגעסענע בילדער, אָדער אַ קלאָרער געדאַנק שיילט זיך אַרויס פון דעם אומקלאָרן געוועב. און עס ווערט מיר בולט און באַנעמלעך, וואָס איך האָב געזוכט. ווייס איך, אַז אויך איצט וועט נעמלעכס געשען.

פאַרמאַך איך די אויגן, כדי קלאָרער צו זען. וויזיעס זעט מען בעסער, ווען די אויגן זענען פאַרמאַכט, ווייל דעמאָלט ווערט מען נישט געשטערט פון רעאַלן אַרום. זע איך, ווי אין אַ סינעמאַ אויפן לייוונט, ווי איך, דער יונגער שלמה, דערנענטער זיך צו אַ קאַנאַווע פול מיט שטראָמיק וואַסער. דער גראָבן ציט זיך גלייך, האַרט ביים וואַלד, דאָס וואַסער איז קלאָר און דורכזיכטיק און לויפט מיט אימפּעט. איך זעץ זיך אויפן הויכן ברעג פון דער קאַנאַווע און לאָז אַראָפּ מיינע באָרוועסע פיס אין דעם קוואַליקן פרישן וואַסער. דאָס קילע וואַסער וואַשט מיינע וואַרעמע פיס און אַ דערקוויקעניש שטראָמט דורך מיין לייב. איך הייב אָן זינגען העכער, און דער ניגון און די ווערטער פון די פּסוקים זענען האַרב אָבער געשמאַק און זיס, ווי דער האָניק פון גוט־איינגעפּרעגלטע אינגבערלעך — ביטערלעך זיס.

איך פאַרגיי זיך פון מתיקות ביז דערשעפּונג. איך בין נאָך אַלץ אין אַ האַלבן טראַנס, אָבער איך האָב זיך דערמאָנט, ווו איך האָב געזען די לאַנדשאַפט. אַזאַ לאַנקע מיט גרין־בלויע גראָז, באַשפּרענקלט מיט געלע און רויטע בלימעלעך, איז געווען אין מיין שטעטל, צווישן ערשטן און צווייטן וואַלד. האַרט לעבן סאָסנע־

וואַלד איז אויך געווען אַ טיפּע קאַנאַווע מיט אַ שטראָמיק וואַסער, וואָס האָט זיך געצויגן פון אַ לעבעדיקן קוואַל. דער קוואַל האָט אַרויסגעשלאָגן פון אונטער אַ הויכן פעלדז, וואָס איז געלעגן אין מיטן דובניק, אין וואַלד פון דעמבעס, וויאַרסטן ווייט פון דעם סאָסנע־וואַלד.

„גוט!״, מורמל איך צו זיך, און מיינע אויגן זענען נאָך אַלץ פאַרמאַכט. „וויס איך דעם מקור פון דער לאַנדשאַפט־וויזיע. אַפּט בין איך געגאַנגען איבער דער לאַנקע צום צווייטן וואַלד צו רייסן ניס. איך פלעג גיין מיט די שיך אין דער האַנט, כדי זיי זאָלן נישט פאַרנעצט ווערן אין פייכטן גראָז. אַנגעטאָן בין איך געווען גרינג, זומערדיק, אָט ווי איך זע זיך איצט אין דער וויזיע. אָבער וואָס באַטייטן די אָפּגעריסענע פסוקים? פאַרוואָס האָב איך זיך אַזוי צעזונגען? פאַרוואָס האָט דאָס קאַפּיטל גאָר פלוצים געקראָגן אַזאַ טייערן טעם?

ווי אַן ענטפער פאַלט מיר איין אַ מאמר פון בראשית רבה:

„אָמר ר׳ אבהו״ — האָט געזאָגט ר׳ אבהו: „מלמד״ — דאָס לערנט אונדז:

„אַז גאָט האָט באַשאַפן וועלטן און האָט זיי חרוב געמאַכט, ביז ער האָט באַשאַפן די דאָזיקע וועלט, ווייל דער כביכול האָט געזאָגט: „די דאָזיקע וועלט געפעלט מיר, אָבער יענע וועלטן זענען מיר נישט געפעלן געוואָרן״. האָט רבי פּנחס געפרעגט: „פון וואַנען נעמט עס רבי אבהו?״ און ער האָט דערקלערט: „ווייל עס שטייט געשריבן אין פסוק: „און גאָט האָט געזען, אַז אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן, איז גוט״. דאָס מיינט: „די דאָזיקע וועלט, וואָס איך האָב איצט באַשאַפן געפעלט מיר, אָבער יענע וועלטן, וואָס איך האָב פריִער באַשאַפן און צעשטערט, זענען מיר נישט געפעלן געווען.

אין איין אויגנבליק בין איך געוואָרן אין גאַנצן וואַך. איך בין צוריק ביים שרייבטיש. דער האַרבסטיקער רעגן האָט זיך פאַרשטאַרקט און די שויב פון דעם בויגן־פענצטער אין מיין שרייב־חדר איז פון אינעווייניק געווען פאַרצויגן מיט אַ הויך, און פון דרויסן האָבן איבער איר גערונען ריטשקעס וואַסער. אַ ווינט האָט געריסן די נאַקעטע צווייגן פון בוים און די צווייגן האָבן געטרוישט, זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם ווינט. פון די פאַרמאַכטע, פאַרהויכטע פענצטער אין שטוב האָבן זיך געיאָגט טרויער און זאָרג, וואָס האָבן זיך ביי מיר געפּאַרט פון מיין יוגנט אָן מיט די ווינטיקע, האַרבסטיקע רעגנס. איצט אָבער איז מיר געווען ליכטיק אויפן האַרצן, ווייל ס׳איז מיר קלאָר געוואָרן דער מיין פון די פסוקים און דער באַטייט פון דעם מאמר פון מדרש. עס איז געווען אַ קלאָרער אויסטייטש פון דעם ענטפער, וואָס איך בין געווען גרייט צו געבן אברהמען.

איך האָב געזאָגט:

„אברהם, אברהם, איך האָב שוין פון לאַנג פאַר זיך דעם ענטפער אויף דער פראַגע, ווי אַזוי עס איז מעגלעך, אַז גאָט, די פּערסאָניפיקאַציע פון פּערפעקציע,

דער עצם פון שלימות, יושר און צדק, זאָל האָבן געשאַפן אונדזער וועלט, אַ וועלט מיט אַן אַמאָראַלישער נאַטור, מיט אוממאָראַלישע ברואים? איצט קאָן איך דיר עס איבערגעבן אויף אַ בילדלעך לשון, וואָס איך מיין איז אָפּטער מער איבערצייגנדיק פון אַ מאַטעמאַטישער פאָרמולע. בעט איך דיך, פאַרלייד מיך, ביז איך וועל ציטירן נאָך אַ מדרש מיט אַ קליינעם שינוי:

„אַט אַזוי ווי אַ הויז זאָגט עדות, וואָס פאַר אַן אַרכיטעקט עס האָט עס געבויט, אַזוי ווי אַ שטיק סחורה צייגט אָן, וואָס פאַר אַ וועבער עס האָט עס אויסגעוועבט און אַזוי ווי אַ טיר מאַכט אונדז אויפמערקזאַם אויף דעם סטאָליער, וואָס האָט זי אַריינגעשטעלט, אַזוי זאָגט עדות די וועלט אויף איר באַשאַפער, פאַרוואָס ער האָט באַשאַפן אַזאַ וועלט, מיט רשעות, און נישט קיין אַנדערע".

איך האָב גערעדט צו אברהמען, גלייך ווי ער וואָלט געזעסן אַנטקעגן מיר. ער אָבער האָט זיך צו מיר נישט באַוויזן. איך האָב נאָר געהערט זיין שפּאָטישן קול:

„אַזוי? דו האָסט אַ תירוץ אויף דער גרויסער סתירה, וואָס אַלע טעאָלאָגן, איך מיין ראַציאָנעלע טעאָלאָגן, האָבן נישט געהאַט אויף איר קיין דערקלערונג. אַוודאי, עס זענען פאַראַן טויזנטער ענטפערס, אָבער אַלע ענטפערס זענען געמאַכט פון די פעדעם פון שפּינוועבס, צונויפגעקלעפּט מיט ניכטערן שפּייעכץ. ס'איז פאַראַן נאָר איין ענטפער: טיפע, בלינדע אמונה, וואָס פרעגט נישט קיין קשיות. „אַזוי איז זיין רצון געווען!". אָבער דו, שלמה בן ירוחם, האָסט אַן ענטפער פאַר אונדז. איז גיכער, שנעלער! דו האָסט אַזאַ וויכטיקע בשורה, פאַרוואָס האַלטסטו זי פאַר זיך? לאָמיר הערן".

איך: „ווייסן ווייס איך, אברהם, אַז דו ביסט געוואָרן פרום און ביסט נפטר געוואָרן אַ פרומער ייִד. אָבער דיין בייזקייט איז ביי דיר געבליבן. איך האָב נישט געזאָגט, אַז איך האָב אַן ענטפער פאַר דיר און דיין גלייכן, אָדער בכלל פאַר וועמען אַנדערש. איך האָב געזאָגט גאַנץ קלאָר, אַז איך האָב געפונען אַן ענטפער פאַר זיך און אַז איך קאָן דיר איצט איבערגעבן דעם ענטפער אויף אַ בילדלעכן לשון, וואָס איז אָפטער מער איבערצייגנדיק פון אַ מאַטעמאַטישן פּראָבלעם. אפשר וועסטו טאַקע מסכים זיין.

„אונדזער וועלט: אָרעמקייט, הונגער, מלחמה, מגפות, פאַרפלייצונגען קראַנקייט און טויט. די טאָג־טעגלעכע דערפאַרונג פון מענטשן איז רשעות: רשעות בין אדם לחברו — צווישן מענטש און מענטש און בין נאַטור לאדם. די נאַטור מיט איר גלייכגילטיקייט באַפאַלט אָפט דעם מענטשן מיט צרות און פּלאָג. עס איז זעלטן ווען עס איז און ווו עס איז געווען אַ מענטש, וואָס זאָל אָפּלעבן אַ לעבן אָן צער, ווייטיק און אומגליק.

„וואָס איז דער מקור פון רשעות סיי אין דער געזעלשאַפט און סיי אין דער נאַטור? איך מיין, אַז עס זענען דאָ פינף דערקלערונגען. קלייב אויס וואָס דו ווילסט.

„א) אין אַ פּרימיטיווער געזעלשאַפט, איבערהויפּט ביי געצנדינערס, האָלט מען, אַז רשעות שטאַמט פון דעם כעס, און אָפט פון בלויזן קאַפּריז, אַ שטיפעריי פון אַ געץ, אָדער געצן. די מלחמה פון טראָיאַ איז פאָרגעקומען, ווייל צעוס האָט ביי זיך באַשטימט, אַז די וועלט האָט צופיל מענטשן. אַן אַנדערש מאָל איז די וועלט שיר נישט פאַרברענט געוואָרן, ווייל דאָס געצל פייטאָן האָט זיך אַ שפּיל געטאָן מיט זיין טאַטנס רייטוואָגן. אין דעם עפּישן געזאַנג גילגאַמעש ווערט דער־ציילט, ווי די גרויסע געטער האָבן ביי זיך פּלוצים אָפּגעמאַכט צו ברענגען אַ מבול אויף דער שטאָט שורפּאַק. באַשטימט אָן שום טעם, גרונט אָדער סיבה — אָט אַזוי האָט זיך זיי פאַרוואָלט.

„אין דער העברעיִשער איבערזעצונג פון גילגאמעש גיט טשערניכאָווסקי אי־בער די גזרה פון די געצן אויף אַזאַ מין אופן:

„הלא ידעת את שורפק, את העיר הבנויה לחוף פרת?
עתיקה העיר, והאלים נטו לה חסד.
פתאום חרצו האלים הגדולים
להביא עליה סועת מבול״...

„דו קענסט דאָך די שטאָט שורפּאַק, וואָס איז געבויט אויף די ברעגן פון פּרת? אַלט איז די שטאָט און די געטער האָבן שטענדיק גענייגט צו איר גענאָד. פּלוצים האָבן די גרויסע געטער באַשטימט צו ברענגען אויף איר אַ מבול שטור־רעם״.

כדי זיך צו ראַטעווען פון דעם קאַפּריזנעם צאָרן פון די געטער, זענען אויפ־געקומען טאַבוס, ריטואַלן פון קרבנות, טענץ, תעניתים און צערעמאָניאַלן. אַלע ריטואַלן און צערעמאָניאַלן האָבן געמוזט דורכגעפירט ווערן פּינקטלעך, לויט די אָנגעגעבענע פּרטים. אויב נישט, האָבן זיי נישט געווירקט. אויב זיי ווערן אָבער יאָ דורכגעפירט, ווי עס באַדאַרף צו זיין, ווערט דער כעס און דער צאָרן פון די געטער איינגעשטילט און דער פּועל־יוצא פון זייער קאַפּריז ווערט בטל״.

ב) אַ העכערע מדרגה צו דערקלערן דעם מקור פון אומגליק, צרות און רשעות געפינען מיר אין דער העכערער רעליגיע. מענטשן ווערן באַשטראָפט פאַר נישט אויספאָלגן די געבאָטן פון אַ העכערער מאַכט, וואָס קאָנטראָלירט דעם גורל פון מענטשן. דער אָנגענומענער וועג אין דעם דאָזיקן באַגריף איז אָנצונעמען די שטראָף ווי באַטייטפול און נייטיק, און צו זען זי אויסמיידן דורך פאָלגן די גע־באָטן און אָנזאָגונגען. דער דאָזיקער באַגריף פון דער סיבה פון אומגליק און פּיין איז אַ ראַציאָנעלער און עטישער, אָבער נאָר אויף אַזוי פיל, וויפל די געטלעכע

מאַכט איז ראַציאָנעל און עטיש. ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז אין תנ״ך קומט די שטראָף געוויינטלעך כמעט אַלע מאָל פאַר עטישע, אָדער פאַר עטישע און ריטואַלע זינד. דאָס איינציקע מאָל, וואָס יידן זענען באַשטראָפט געוואָרן פאַר בלויז אַ ריטואַלער זינד, איז מעשה עגל, און אויך דאָרט איז פאַראַן אַן אָנטייט, אַז מיט דעם דינען צום עגל זענען די יידן אויך באַגאַנגען אַן עטישע זינד. אין פסוק שטייט געשריבן: „ויקומו לצחק״ — זיי זענען אויפגעשטאַנען צו מאַכן זיך לוס־טיק. דאָס וואָרט „צחק״ קאָן באַטייטן עבודה־זרה, און אויך זנות און רציחה (זע: רש״י, בראשית כ״א, פסוק ט׳ און שמות ל״ג, פסוק י׳).

ג) אַן אַנדער רעליגיעזער באַנעם איז, אַז רשעות, פאַרדאָרבנקייט ליגט איינ־געוואָרצלט אין דער מענטשלעכער נאַטור. רשעות, אומרעכט, פיין קאָנען נישט אָפּגעשאַפט ווערן סיידן דורך גאָטס חסד. דער מענטש אַליין אָן גאָטס חסד קאָן זיך גאָר נישט העלפן. דעם מענטשנס האַרעוואַניע צו דערגרייכן שלימות, זיין באַמיִונג צו טאָן גוטס און אַלע זיינע מעשים־טובים קאָנען אים נישט העלפן צו דערלייזן זיך און צו ענדערן די וועלט. נאָר גאָטס חסד, וואָס איז אין תוך נישט מער, ווי אַ געטלעכער קאַפּריז, קאָן דערלייזן די וועלט און דעם מענטשן. אַ סך קריסטלעכע סעקטעס האָבן אָנגענומען דעם דאָזיקן באַנעם ווי אַ יסוד פון זייער גלויבן.

ד) אַ סעקולאַרע פילאָסאָפישע קאָנצעפּציע וועגן רשעות און אומגליק איז, אַז די וועלט איז אַזוי איינגעשטעלט, אַז אומגליק, צרות, גזעלשאַפטלעכע אומ־רעכטן און נאַטירלעכע קאַטאַסטראָפעס זענען דער חלק פון מענטשן. דער מענטש קאָן פון זיי נישט אַנטרינען. דאָס איז כמעט דאָס זעלביקע, ווי דער פריִער דער־מאָנטער גלויבן, נאָר די סעקולאַרע פילאָסאָפיע האַלט נישט פון גאָטס חסד.

ה) דער מאָדערנער קוק איז, אַז רשעות און ליידן קומען אויפן מענטשן פון נאַטירלעכע כוחות און סיבות. דער מענטש איז נאָך נישט אין גאַנצן באַקאַנט מיט די נאַטור־כוחות און קאָן זיי דערווייל נישט קאָנטראָלירן. די לייזונג פאַר די אומ־גליקן פון דער וועלט איז מער און מער וויסן. אַ בעסערער קאָנטראָל פון דער נאַטור, אַריינגערעכנט דעם מענטשנס טבע, וועט פאַרקלענערן רשעות, ליידן און אומרעכט אויף דער וועלט און צווישן מענטשן, און סוף־כל־סוף וועט דער מענטש זיך באַפרייען פון אַלע פּלאָגן, אפשר אויך פון טויט. די דערלייזונג וועט קומען, ווען דער מענטש וועט קאָנען אויסנוצן אַלע מקורות פון דער צוקינפטיקער וויסנ־שאַפט.

דער מאָדערנער צוגאַנג צום מקור פון רשעות איז נישט קיין גלגול פון דער קאָנצעפּציע פון די אַלטע גריכישע פילאָסאָפן, אַז טוגנט, עטיק, מידות־טובות זענען וויסן, און ווען אַ מענטש זינדיקט, באַגייענדיק אַן אוממאָראַלישן אַקט, איז

ער אומוויסנדיק, ער איז אַן עם־הארץ. ער איז פּונקט אַזאַ עם־הארץ, ווי דער מענטש, וואָס מאַכט אַ טעות אין לייזן אַ מאַטעמאַטיש פּראָבלעם.

די גריכישע קאָנצעפּציע האַלט, אַז שוין איצט איז דער מענטש אַן אדם השלם. אַלץ, וואָס ער דאַרף טאָן, איז אַנווענדן זיין פאַרנונפט, זיין שכל. דער מאָ־דערנער דענקער האַלט, אַז דער מענטש איז נאָך ווייט פון פּערפעקציע. ער האַלט זיך אין איין אַנטוויקלען. עס איז אַ פאַמעלעכער פּראָצעס און דער מענטש האָט פאַר זיך אַ לאַנגן קאַמף, ביז ער וועט דערגרייכן די מדרגה צו קאָנען קאָנטראָלירן די נאַטור־כוחות, וואָס מיינט אויך זיינע אייגענע עמאָציעס און ליידנשאַפטן.

דער מאָדערנער קוק, אַז רשעות און ליידן קומען אויף דעם מענטשן, ווייל ער האָט נישט קיין גענוג קענטשאַפט צו קאָנטראָלירן די נאַטור־כוחות און אַז סוף־כל־סוף, אין ווייטן אַמאָל, ווען דער מענטש וועט קריגן מער וויסן, וועלן אַלע רשעותן אָפּגעשאַפט ווערען, איז באמת אַ ריין יידישע קאָנצעפּציע. אין תנ״ך זענען פאַראַן אַלע פּריער געבראַכטע סיבות פאַר רשעות, אָבער דער מאָדערנער קוק איז גאַנץ שטאַרק ניכר. עס וועט זיין גענוג צו באַמערקן דעם גרויסן חזיון פון ישעיה אין קאַפּיטל י״א, ווו ער זעט, אַז נישט נאָר וועלן אָפּגעשאַפט ווערן אַלע רשעותן בין אָדם לחברו, נאָר אַז אויך די נאַטור וועט מער נישט באַגיין קיין רשעות: „אַ וואָלף וועט נישט פאַרצוקן און קיין לייב וועט מער נישט באַפאַלן קיין בעל־חי״. „מ׳וועט נישט טאָן קיין שלעכטס און מ׳וועט נישט פאַרדאַרבן אויף דעם גאַנצן הייליקן באַרג מיינעם, ווייל די גאַנצע ערד וועט ווערן פול מיט דערקענונג, מיט וויסן פון גאָט, ווי דער ים איז צוגעדעקט מיט וואַסער״.

איצט וועלן מיר צוקומען צו מיין אויסטייטש, אַז רשעות האָט נישט קיין שייכות מיט גאָט. עס איז דעם מענטשנס חלק, זיין גערעַנגל מיט גאָט, און אַז די וועלט איז לכתחילה אַזוי איינגעשטעלט געוואָרן.

פאַרוואָס איז די וועלט אַזוי איינגעשטעלט געוואָרן ווי אַ וועלט פון רשעות און נישט אַנדערש? אויף דעם האָבן מיר דערווייל נאָך נישט קיין פולן ענטפער, אָבער עפּעס קאָנען מיר לערנען פון די מאמרים און פסוקים, וואָס מיר האָבן פריער געבראַכט.

„אָט אַזוי ווי אַ הויז זאָגט עדות, וואָס פאַר אַן אַרכיטעקט האָט עס געבויט, ווי אַ שטיק סחורה ציגט אָן, וואָס פאַר אַ וועבער האָט עס אויסגעוועבט און אַפילו אַ טיר מאַכט אונדז אויפמערקזאַם אויף דעם סטאָליער, וואָס האָט זי אַריינגע־שטעלט, אַזוי אויך זאָגט די וועלט עדות אויף איר באַשעפער״.

דאָס גיט טיילוויז אַ שליסל צו דעם פּראָבלעם. ווען מיר באַטראַכטן די פּרטים, ווי אַזוי די וועלט איז איינגעשטעלט, זעען מיר, אַז עס איז לכתחילה גע־מיינט געוואָרן איינצושטעלן אַזאַ וועלט. עס איז נישט געווען קיין צופאַל, דאָס איז באמת אַ וויסנשאַפטלעכער צוגאַנג. עס איז דער אינדוקטיווער מעטאָד. מיר זאָמ־

לען אַן אַ ריי פּרטים און פון זיי מאַכן מיר אַ כלל. דאָס איז אויך דער געדאַנק פון רבנו בחיי, וואָס זאָגט:

„פאַר די אַלע מידות, וואָס מיר טוען צושרייבן צו גאָט, ברענגען מיר באַ־וויזן פון דער אויפפירונג פון זיינע באַשאַפונגען... מיר קאָנען זיך דערוויסן גאָטס אמתן דורך אָנווייזן אויף זיינע אויפטואונגען, אָבער נישט פון זיין עצם זיין. ער איז נאָענט און פאַרשטענדלעך בלויז דורך זיינע אויפטואונגען. זיין מהות איז ווייט פון אונדזער פאַרשטאַנד און באַנעם, און מיר קאָנען קריגן אַ פאַרגלייך צו אים נאָר אין דער רעאַליטעט אַרום אונדז (חובת הלבבות, שער היחוד, און אין „עמודי המחשבה הישראלית" מאת שמחה בונם אורבאך, ז"ז 132, 135)".

לשיטתי, איז די כוונה לכתחילה געווען צו שאַפן אַ וועלט פון געראַנגל, כדי דער מענטש זאָל מיט זיינע אייגענע כוחות דערגרייכן צו שלימות דורך מעשים־טובים. דאָס איז דער געדאַנק פון פריִער דערמאָנטן מדרש רבה, אַז גאָט האָט פריִער געשאַפן אַנדערע וועלטן, אָבער ער האָט זיי חרוב געמאַכט. ער איז מיט זיי נישט צופרידן געווען. דווקא די איצטיקע וועלט מיט אירע ראַנגלענישן און קאַמף־שטרייטן צווישן אירע ברואים איז אים געפעלן געוואָרן, אַז ער זאָל זי לאָזן בלייבן.

מען דאַרף צוגיין צו דער דערקענונג פון גאָט מיט דער זעלביקער מאָס און מיט דעם זעלביקן מעטאָד, וואָס מיר נוצן פאַר דער עקספּערימענטאַלער וויסנ־שאַפט. אָפט, גאָר אָפט, באַנוצן מיר זיך מיט דעם, וואָס מיר זען, אַפילו ווען מיר ווייסן נישט דעם פאַרוואָס. אָבער וואָס מער מיר אָבסערווירן און וואָס מער מיר עקספּערימענטירן, אַלץ מער געפינען מיר אויס. מיר זאָגן נישט, אַז בעמיע איז גאָרנישט ווערט, ווייל פאַרצייטנס האָבן די אַלכעמיקער געהאַט נאַרישע טעאָריעס, אָדער אַז בעמיע האָט נישט די ווערט פון אַ שאָס פּולווער, ווייל אָפט קאָן מען אויסגעבען מיליאָנען דאָלאַרן אויף אַן עקספּערימענט און די רעזולטאַטן זענען נול, און דורך אַ צופאַל קאָן מען אויסגעפינען גאָר אַ וויכטיקן פּראָדוקט.

אָבער אין רעליגיע ברענגט יעדער איינער ביישפּילן אָפּצופרעגן אמונה, ווייל עס זענען פאַראַן אַזוי פיל אמונות טפלות — אַבערגלויבנס און קינדערשע קאָנצעפּציעס. עס איז ווי ר' נחמן קראָכמאַל זאָגט:

„וואָס איז ערגער פאַרן יחיד און פאַרן כלל? טאָטאַלע כפירה אָדער אַבער־גלויבן און פאַלשע אמונה? דער חילוק צווישן די ביידע איז דער חילוק צווישן איינעם, וואָס איז קראַנק אויף אַ ראַק (קענסער) און איינעם, וואָס האָט די דער (שווינדזוכט, טובערקולאָזיס). אַ מענטש, וואָס זוכט לעבן, וועט ווייכן פון ביידע".

פון אָבסערוואַציע ווייסן מיר און מיר דאַרפן באַטאָנען, אַז די נאַטור־געזעצן זענען איינגעשטעלטע. קיינער קאָן זיי נישט ענדערן. זיי געוועלטיקן אַבסאָלוט. זיי קאָנען אָבער מאָדיפיצירט ווערן פון מענטשן, נאָר נישט געענדערט ווערן. צום ביישפּיל: קעלט בלייבט אַלעמאָל קאַלט, אָבער דער מענטש קאָן זיך באַשיצן קעגן

קעלט. ער האָט זיך אויסגעלערנט אַנצוואָרעמען די לופט. ער מאָדיפיצירט אייך נאַטור־געזעץ מיט אַן אַנדער נאַטור־געזעץ.

גאָט האָט באַשאַפן די וועלט און האָט איינגעשטעלט די נאַטור און דעם קאָס־מאָס אַזוי, אַז ער אַליין זאָל נישט ברעכן די געזעצן. ווען אַ מענטש גזלט ווייץ און פאַרזייט עס, וועט וואַקסן תבואה. ווען אַ מענטש זינדיקט מיט אַן אשת־איש, וועט זי געבוירן פונקט ווי אַ כשרע ווייב. דאָס איז געדעדט געוואָרן, ווען דער מאַן וועט האָבן געשלעכטלעכן פאַרקער מיט דער פרוי אָן אָפּהיטן זיך. עס איז אָבער אייך רשות פון דעם מענטשן צו פאַרהיטן זיך און נישט האָבן קיין קינדער.

ווען אַן ערד־ציטערניש דאַרף קומען צוליב די איינגעשטעלטע געזעצן אין דער נאַטור, וועט די ערד־ציטערניש קומען און באַשעדיקן מענטשן. עס איז אָבער די עובדא פון מענטשן צו וויסן, ווען די ערד־ציטערניש דאַרף קומען, אָדער דעם מענטשן איז געגעבן געוואָרן חכמה זיך צו דערטראַכטן ווי זיך אויסצוהיטן פון דער ערד־ציטערניש. גאָט ענדערט נישט די נאַטור־געזעצן פאַר קיינעם נישט. אָבער דער מענטש איז דער געוועלטיקער איבער דער ערד.

דערלויב מיר צו ברענגען פסוקים, וואָס הגם זיי זענען געשריבן אין אַ בילדלעכן לשון, אין פּאָעטישן היפּערבאָליזם, האָבן זיי פון דעסטוועגן הינטער זיך אַ טיפע פילאָסאָפיע.

זינגט דער משורר פון תהילים:

„ווען איך זע דיינע הימלען, די אַרבעט פון דיינע פינגער, די לבנה, די שטערן, וואָס דו האָסט איינגעשטעלט, איז וואָס איז דער מענטש, אַז דו זאָלסט אים דער־מאָנען און וואָס איז דאָס מענטשן־קינד, אַז דו זאָלסט דאַכטן וועגן אים? דו אָבער האָסט אים געמאַכט עפּעס ווייניקער פון גאָט און מיט חשיבות און שיינקייט האָסטו אים באַקרוינט. דו האָסט אים איבערגעגעבן צו געוועלטיקן איבער די אויפטואונ־גען פון דיינע הענט. אַלץ האָסטו אַוועקגעלייגט פאַר זיינע פיס״ (תהילים ח׳ ה׳ ו׳ און ז׳).

דריי אידייען זענען פאַרהוילן אין די פסוקים:

א) אין פאַרגלייך מיט דעם קאָסמאָס איז דער מענטש נישטיק. עס איז אומ־לאָגיש, אַז דאָס פּינטעלע פּראָטאָפּלאַזם זאָל קאָנען אויפהייבן דעם קאָפּ צום הימל און וואָגן פרעגן פראַגעס דעם קאָסמאָס. ווען דער מענטש וואָלט געווען אַ צופע־ליק געוואָרענע חיה, וואָלט ער קיין מאָל נישט דערגרייכט אַזאַ חוצפהדיקע מדרגה. „וואָס איז דער מענטש אין פאַרגלייך מיט דעם קאָסמאָס, אַז דו זאָלסט דאַכטן וועגן אים?״.

ב) דער מענטש איז אָבער נישט אויפגעקומען צופעליק. גאָט האָט אים באַ־שאַפן. ווי באַלד אַזוי, איז אין דעם מענטשן פאַראַן געטלעכס, אַ טייל פון כביכול, פון דעם שעפער. ווען דער מענטש הייבט אויף דעם קאָפּ צום הימל, איז עס נישט

חוצפה. ער טוט עס, ווייל ער פילט אין זיך די חשיבות און די שיינקייט פון דעם בורא־עולם, אַמאָל באַוווסטזיניק און אַמאָל אומבאַוווסטזיניק. „דו האָסט אים גע־מאַכט עפּעס ווייניקער פון גאָט און מיט חשיבות און שיינקייט האָסטו אים באַ־קרוינט".

ווי שוואַך און קליין דער מענטש איז קעגן דעם גאַנצן באַשאַף, איז ער דאָך באַשאַנקען געוואָרן מיט דער אייגנשאַפט פון געטלעכקייט. דער קאָסמאָס מוז זיך רעכענען מיט אים. דער מענטש קאָן זיין די מאָס פון דעם גאַנצן באַשאַף. דער אוניווערס איז אומענדלעך, דאָך וואַגט דער מענטש אים צו באַנעמען, צו מעסטן, און צו פאָרשן דעם פּלאַן, וואָס אויף אים איז דער גאַנצער קאָסמאָס איינגעשטעלט. ווייל דער מענטש איז געשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט און גלייכן.

ג) ווי באַלד דער מענטש האָט עפּעס געטלעכס אין זיך, „עפּעס געמינערט פון גאָט", קאָן ער געוועלטיקן איבער דער ערד. „אַלץ האָסטו אַוועקגעלייגט פאַר זיינע פיס".

דאָס איז אויך דער זינען פון די פריִער געבראַכטע פסוקים פון קאַפּיטל כ"ג אין תהילים. דער משורר זאָגט:

„אַפילו ווען איך בין אויף דעם דעק פון אומגליק, פון רשעות, האָב איך נישט קיין מורא, אַז איך וועל פאַלן, אָדער אין גאַנצן אונטערגיין, ווייל דו ביסט מיט מיר. איך האָב אין זיך געטלעכקייט, וואָס וועט מיך נישט לאָזן פאַלן אין גאַנצן. דאָס געטלעכע אין מיר מוז מנצח זיין. אַוודאי איז דער מענטש פול מיט רשעות: זיין כעס, זיין ליידנשאַפט, זיין גיריקייט, זיין תאווה צו מאַכט, זיין אומבאַהאָלפנקייט זיך איבער צו שטאַרקן זענען אַ טייל פון אים און שטערן אים, ניין, זיי דערלאָזן אים נישט צו טאָן וואָס איז רעכט. אָבער „גוטס און גענאָד יאָגן מיר נאָך מיין גאַנצן לעבן". דאָס איז אויך אַ טייל פון דעם מענטשן און דער משורר איז זיכער, אַז דאָס גוטס און גענאָד וועלן אים אָניאָגן. דעמאָלט „וועל איך זיך אומקערן און זיך באַזעצן אין גאָטס הויז אויף אייביק". דאָס געטלעכע אין מענטשן וועט זיגן און ער וועט אָפּשאַפן רשעות.

איצט בין איך גרייט, אברהם, צו דערקלערן לויט מיין שיטה, דאָס מיינט, ווי איך פאַרשטיי דעם איינשטעל פון געשיכטע און די ראָל פון ייִדן אין איר. אָבער איך האָב אַלץ נישט געקאָנט דערפירן דאָס בוך צום סוף. אַ נייע געשטאַלט האָט געמאָנט.

קאַפּיטל זיבעצן

# שמואל ניגער, וואָס איך רוף ר' אריה לייב

עס איז שוין העט אין ווינטער. עס איז אַ ביטערער ווינטער: פרעסט, שנייען און אייזיקע רעגנס. דעם ווינטער האָב איך פיינט בתכלית השנאה. ביי מיר איז ער שטענדיק פאַרבונדן מיט דעם דחקות פון מיין יוגנט. דער שניי, די קאַלטע בלאָטיקע גאַסן מיינען פאַר מיר צעריסענע שיך, שטיוול, וואָס זענען צו־גרויס אויף מיר, אַן איבערגעניצעוועטער מאַנטל, אַן אויסגעריבענער, מיט לאַטעס אויף די עלנבויגנס. איך טראָג איצט גאַנצע שיך און אין אַ שלעכטן וועטער טו איך אָן איבער זיי פיינע וואַרעמע קאַלאָשן. אַ ווינטער־מאַנטל האָב איך אויך אַ וואַרעמען פון גאָר פיינער סחורה. די פיס אָבער, וואָלט איך געשוווירן, זענען מיר נאַס, די שפּיץ־פינגער אָפּגעפרוירענע און דער מאַנטל וואַרעמט מיך נישט. איך דאַרף שטענדיק טראָגן אַ דיקן סוועטער אונטער מיין רעקל. נאָך עפּעס — אַ גאַנצן ווינ־טער, ווי נאָר דער פאַרנאַכט פאַלט צו, צינד איך אָן אַלע עלעקטרישע לעמפּלעך, אַפילו אין די חדרים, וווּ איך זיץ נישט. איך וויל פאַרטרייבן די טונקעלע ווינטער־דיקע צימערן פון מיינע יונגע יאָרן, ווען אונדזער גרויסע סאַליע איז געווען באַ־לויכטן מיט אַ פאַררויכערט, אַכטער לעמפּל.

ווען איך זיץ ווינטער ביים שרייב־טיש, איז דאָך מיין שטוב העל באַלויכטן און גוט אָנגעוואַרעמט דורך צענטראַלער אויל־באַהייצונג, אָבער איך בין נאָך אַלץ אַ קליין ייִנגל, וואָס ציטערט פאַר קעלט און שניי און קאָן זיך נישט געווינען אַנוואַ־רעמען. אַזוי אַלע יאָרן מיינע.

אין איצטיקן ווינטער איז די שרעק פאַרשוווּנדן. דער דרויסן רירט מיך נישט אָן. עס איז מוצאי שבת, שפּעט אין דער נאַכט, מיין באַליבטסטע צייט פאַר שרייבן. שוין יאָרן אַזוי. שבת איז ביי מיר אַ טאָג פון רו, לערנען און לייענען. מוצאי־שבת בין איך אַן אויסגערוטער, אַ דערפרישטער און איך זיץ אַלעמאָל ביז שפּעט אין דער נאַכט און שרייב. איך האָב נאָר וואָס פאַרענדיקט שרייבן מיין לעצטן שמועס מיט אברהמען און האָב איבערגעלייענט די לעצטע האָפערדיקע שורות. איך פיל, אַז איך בין שוין אויפן הויפּט־טראַקט, מיין טעזיס ליגט פאַר מיר קלאָר און מיינע מחשבות זענען פאַר מיר אויסגעשטעלט אין אַ סדר און אָרדענונג, און אַלץ, וואָס איך דאַרף טאָן, איז זיי אַראָפּשרייבן אויף פּאַפּיר.

עס איז שוין אַ שעה נאָך חצות. אין שטוב איז וואַרעם ווי אין אַן אויער. מיין

לאה שלאָפט אויבן אין שלאָף־צימער, און איך קאָרעגיר די לעצטע זייטן, וואָס איך האָב אָנגעשריבן. מיין שמועס מיט אברהמען געפעלט מיר און איך פאַל אַריין אין אַ הרחבת־הדעת. איך פיל זיך אויסערגעוויינטלעך יום־טובדיק און דער ווינטער אונטער דעם פענצטער איז פאַרשוווּנדן. עס איז זומער. עס שמעקט מיט וואַלד און גראָז. איך הער אַפילו דאָס געזאַנג פון פויגל און דאָס טומלען פון די באַפלי־גלטע און קריכעדיקע ברואים אין וואַלד.

מיט אַ מאָל טויכט אויף פון מיין געדעכעניש אַ דערמאָנונג פון אַ מאָמענ־טאַלער, איינמאָליקער איבערלעבונג פון פאַר דריי און פערציק יאָר צוריק. איך האָב דעמאָלט געוווינט ביי מיין שוועסטער אין דזשאַמייקע, לאָנג־איילאַנד. שבת פאַרנאַכט, אָדער ווען איך האָב נאָר צייט געהאַט, האָב איך ליב געהאַט צו שפּאַצירן אַרום מעריק ראָוד, וואָס איז דעמאָלט געווען באַוואַלדט און באַגראָזט אויף מיילן ווייט. פאַרנאַכט. די פייגל אויף די ביימער און די באַפליגלטע און קריכעדיקע באַשעפענישן אונטער די ביימער האָבן אויפגעהויבן אַ ליאַרעם און רויש, וואָס האָט פאַרטויבט דעם גערויש פון די פאַרביילויפנדיקע אויטאָמאָבילן. קיין צופיל אויטאָמאָבילן זענען דעמאָלט נישט געלאָפן אויף די וועגן.

לעבן אַ וועג־אויסדריי איז געשטאַנען אַ געדיכט וועלדל, און אינמיטן וועלדל, זייטלעך פון וועג, איז געלעגן אַ גרויסער שטיין. (היינט שטייט אויף דעם אָרט אַ גרויסע פערצן־שטאָקיקע מויער). דער שטיין איז געווען מיין באַליבט אָרט צו זיצן אין די שבת־פאַרנאַכטן און איינזאַפּן אין זיך דעם גערויש פון וואַלד אַרום. איך בין דעמאָלט געווען אַ קורצע צייט אין לאַנד און האָב געבענקט נאָך דעם שטעטל, איין גאָט ווייסט פאַרוואָס. דאָס וועלדל האָט מיר צוריקגעבראַכט אַ שבת־פאַר־נאַכטיקע שטימונג פון שטעטל, ווען מיר יונגנטלעכע פלעגן שפּאַצירן אין וואַלד.

איך בין דעמאָלט געווען אין גאַנצן אויסגעטאָן פון ייִדישקייט. איך האָב גע־אַרבעט, גערייכערט און זיך אַפילו נישט איבערגעטאָן שבתדיק נאָכן האַלבן טאָג, ווען איך בין צוריקגעקומען פון דער אַרבעט. איך האָב זיך געפירט, אַז שבת נאָכ־מיטאָג נאָך דער אַרבעט האָב איך זיך צוגעלייגט שלאָפן, דערנאָך האָב איך גע־נומען אַ בוד אין האָנט און בין אַוועק צו מיין באַהעלטעניש.

עס איז געווען אַ מיטן־זומערדיקער פאַרנאַכט. איך בין שוין דאָרט געזעסן אַ פּאָר שעה און עס האָט זיך שוין אָנגערוקט דער בין־השמשות. עס איז געוואָרן צו טונקל צו לייענען. איך האָב אַריינגעשטעקט מיין פינגער צווישן די בלעטלעך, ווו איך האָב זיך אָפּגעשטעלט און בין געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך אין דער פאַר־נאַכטיקער טונקלקייט. איך האָב דערפילט אַ מאָדנעם מנוחת־הנפש. מיר איז דאָ, אין לאַנד, גוט. איך אַרבעט און איך עס צו זאַט, איך בין גוט אָנגעטאָן און די ביבליאָ־טעקן זענען פאַר מיר אָפן. וואָס פאַר אַ גייסטיקע עשירות! אין אָוונט גיי איך אין אַ צוגרייטונגס־שול. איך האָב איצט אָנגעהויבן לערנען אַלטע געשיכטע, ביאָ־

לאָגיע און פיזיק. יעדע לעקציע איז אַ נייע וועלט פאַר מיר. אַלץ, וואָס איך האָב געחלומט, איז געוואָרן וואָר. יאָ, און אין בראַנזוויל, נישט ווייט פון דער אָוונט־שול, איז דאָ אַ מיידל, אַ דינע, מיט אַ טאַליע, וואָס מען קאָן אַרומנעמען מיט די צען פינגער, אַ בייגעוודיק מיידל מיט ברוינע טויבן־אויגן, אַ שטילע, מיט אַ פּנים דורכזיכטיק ווייס, וואָס רויטלט זיך שטענדיק. אַ לאַנגער בלאָנדער צאָפּ, פאַר־וואָרפן פאָרנט. הענט ווי פון אַ טאָקער אויסגעטאָקט און פינגער לאַנגע, דינע, ווי די שטאָמען פון די שירעם־פלאַנצן, וואָס זענען געוואַקסן אויף די פעלדער אַרום שטעטל. ווען איך באַריר זיי, פיל איך אַלע מאָל אַ נייעם ציטער און אַ פרישע דערפאַרונג, וואָס חזרט זיך קיין מאָל נישט איבער. אַלע מאָל איינציק און מוס־טערדיק. ווען איך בין לעבן איר, פיל איך אַ מאָדנע וואַכזאַמקייט. אויך די נעגל פון אירע פינגער ווערן שפּירעוודיק, ווען איך ריר זיי אָן, אַפילו נאָר מיט דער הינטער־פלאַך פון מיין האַנט. איר אויסגעטאָקטער אָרעם פאַרשפּרייט איבער מיר אַ מאָדנע צופרידנקייט און גליקזעליקייט. און איבער אַלץ האָב איך דאָס געפיל פון באַשערט־קייט.

זיץ איך דאָרט אויפן שטיין אין דעם פאַרנאַכט. עס איז שוין גוט טונקל. פון צווישן די דינע און דיקע שטאָמען פון די ביימער מיניען די פאַרביילויפנדיקע אויטאָמאָבילן. דער טומל פון די פייגל האָט זיך היבש איינגעשטילט, נאָר די קריכעדיקע און באַפליגלטע ברואים אויף דער ערד און אונטער די צווייגן פון די ביימער ליאַרעמען נאָך. מיט אַ מאָל איז אַלץ פאַרשוווּנדן. איך האָב דערפילט, אַז עפּעס האָט מיך אויפגעהויבן איבער מיר אַליין. איך זיץ נישט אויפן שטיין, נאָר איך שטיי איבער זיך. איך האָב אויך דערפילט, אַז עמעצער איז דאָ אין וועלדל. אַ וועזן, יאָ קערפּערלעך און נישט קערפּערלעך, האָט אַרויסגערוקט אַלץ פון אונ־טער מיר, פון צווישן די ביימער און פון אויף דער ערד. נישט מען קאָן דאָס וועזן אָנטאַפּן און נישט מער קאָן עס זען, דאָך האָב איך געפילט קערפּערלעך, אַז עס רינגלט מיך אַרום. עס איז פול מיט גוטסקייט און גענאָד און פילט אָן די גאַנצע זומערדיקע ליכטיקייט. איך ווייס, אַז דאָס וועזן האָט אויסגעשפּרייט דעם הימל אויבן און האָט געפונדעוועט די ערד אונטן. איך בין אונטער זיין ספּעציעלער השגחה, וואָס איז די גוטסקייט אַליין. איך האָב דערפילט, אַז אין מיין גאַנצן גוף פולסירט אַ מאָדנער ציטערדיקער שטראָם, וואָס ברויזט מיך אויף, אָבער אין דער זעלביקער צייט באַרויִקט עס מיך. איך בין פול מיט פולסירנדיקער רויִקייט, אַ זענפטיקייט, וואָס איך האָב פריִער קיין מאָל נישט דורכגעלעבט. ועל כולם, זיין מציאות לעבן מיר און זיין השגחה אויף מיר. אין די דאָזיקע געציילטע רגעס, אָן דער ערד אונטער זיך, האָב איך דערפילט, אַז איך שטיי מיט אים אויג אויף אויג.

עס האָט געדויערט רגעס און איך בין באַלד געקומען צו זיך. ווי נאָר די וויזיע

האָט זיך אָפּגעטאָן פון מיר, בין איך געוואָרן פול מיט רוגזה אויף זיך און האָב אַרויסגעשאָסן מיט פאַרדראָס: „דער אַלטער אומזיניקער אָבערגלויבן האָט מיך ווידער איבערגעוועלטיקט!".

איך האָב זיך אויפגעהויבן און איך בין אַוועק אַהיים. איך האָב גערעדט צו זיך מיט ביטערקייט:

„גוט־שבת, ברײַנע, איך בין דאָ צוריק מיט מײַן פאַרשמאָלצענעם פאַרטעך. ס'איז דאָך די זעלביקע טרײַנע־דבורה, נאָר אַנדערש געשלייערט. עס איז דאָך די אויסדוכטעניש, וואָס איך האָב געהאַט אין מײַן קינדהייט מיטן אָרון־קודש. בײַ מיר איז דער אָרון־קודש געווען דער טויער צום הימל. איך פלעג עס ממש זען מיט די אייגענע אויגן. אָט שטייט די עדה ייִדן און דאַוונט. ווען דער חזן טוט אַ זאָג: „ברוך הוא וברוך שמו", ענטפערט אים די גאַנצע עדה ייִדן: „ברוך הוא וברוך שמו", און ווען ער ענדיקט אַ ברכה, ענטפערן אַלע אין איין קול: „אָמן", און פון די אַלע „ברוך הוא וברוך שמו'ת" און פון די אַלע „אָמנס" ווערט איין גרויס קיילעכדיק וואָרט, וואָס שפּאַרט זיך צום אָרון־קודש. די טויערן פון אָרון־קודש זענען טאָקע פאַרמאַכט און איבער זיי הענגט דער פּרוכת, אָבער דאָס קײַלעכדיקע וואָרט, וואָס האָט נישט קיין גוף לעבט, גייט אַהין אַרײַן, רירט אָן די ספר־תורהס און שפּאַרט זיך אַרויף צום הימל".

איך האָב אַלץ גערעדט מיט כעס צו זיך:

„מילא, ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד און האָב זיך געשראָקן פאַר נעכטי־קע טעג און פאַראַיאָריקע שנייען, האָבן אַזעלכע אידיאָטישקייטן מיר געקענט קריכן אין קאָפּ אַרײַן. אָבער איצט? איך ווייס דאָך, אַז ס'איז אַפילו נישטאָ קיין הימל, טאָ פאַרוואָס אַזעלכע פּוסטע רעיונות? מער פעלט מיר נישט, נאָר קומען אין אַנאַרכיסטישן קלוב „פּרענדס אָוו אַרט ענד עדיוקיישאַן", און דערציילן דער חברה, אַז איך האָב דערפילט זײַן מציאות, גאָטס געגנאָד און לייטזעליקייט און אַז איך האָב ממש געקענט אָנטאַפּן זײַן השגחה איבער מיר. עס וואָלט געווען גענוג שפּאָט און געלעכטער.

פולע פיר און פערציק יאָר האָב איך נישט געהאַט קיין איבערלעבונג פון דער זעלביקער וויזיע. איצט אין מײַן הרחבת הדעת האָב איך זיך נישט נאָר דער־מאָנט אין יענע רגעס, ווען איך בין געזעסן אויפן שטיין לעבן מעריק ראוד, נאָר איך האָב ווידער איבערגעלעבט די זעלביקע וויזיע. איך האָב ווידער דערפילט יענעם פולסירנדיקן, ציטערדיקן שטראָם, וואָס האָט אי אויפגעברויזט אין מיר, אי מיך באַרויִקט. איך האָב איצט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז די אימה פאַר זײַן התקרבות. איצט אָבער בין איך נישט געוואָרן אין כעס און פול מיט פאַרדראָס. פאַרקערט, איך בין אָנגעפילט געוואָרן מיט דאַנקבאַרקייט פאַר דער זכיה.

איך האָב צונויפגעלייגט די פּאַפּירן אויפן שרײַבטיש און האָב געוואָלט זיך

אויפהייבן און גיין שלאָפן. עס איז שוין געווען גענוג שפעט, אָבער מיטאַמאָל האָב איך דערזען לעבן זיך מיין טאָפּלטן „איך". ער האָט צו מיר אַ זאָג געטאָן מיט אַ מאַך מיט דער האַנט:

„אייל זיך נישט! איך האָב דיר געבראַכט אַ גאַסט."

איך: „אַזוי שפעט אין דער נאַכט?"

ער: „איז וואָס? דו אַרבעטסט דאָך נישט, וועסטו מאָרגן אַריינשלאָפן ביז נאָכמיטאָג."

איך: „ראשית, וואָס איז די איילעניש? איך וויל פאַרענדיקן דאָס בוך און דו ברענגסט מיר נאָך אַ בעל־טענה."

ער: „איך האָב נישט ליב קיין צופרידענע מענטשן. צופרידנקייט פאַרפלאַכט און פאַרטעמפּט אַפילו. און דו? איך הער אין דיינע רייד אַן אָפּקלאַנג פון דעם תלמודישן אויסדרוק: „שישו בני מעי" — פריי זיך, מיין אינגעווייד. אין ייִדיש האָט דאָס פאָלק געמאַכט דערפון כמעט אַ גראָבלעך ווערטל: „ער פאַטשט זיך אײַ־בערן בייכל" — מיינענדיק דערמיט, אַז פולע גייסטיקע צופרידנקייט איז ווי אײַ־בערגעפרעסנקייט. דו האָסט זיך שוין אויך אָנגעהויבן גלעטן. נו, האָב איך דיר געּבראַכט אַ גאַסט, וואָס וועט דיר אָביסל אַראָפּשלאָגן די פליגל."

איך: „וועמען האָסטו געבראַכט?"

ער: „רב אריה־לייבן."

איך: „אַזוי? ר' אריה־לייבן?" איך האָב זיך אויפגעשטעלט. „איך זאָג דיר, אַז מיט אים האָב איך אַ נישט־פאַרענדיקטן שמועס. ער איז געשטאָרבן אין מיטן פון זיין שקלא וטריא מיט מיר. ברענג אים אַריין."

ער: „פאַרוואָס האָסטו זיך אויפגעשטעלט? איך זע, אַז דו ווילסט זיך נישט זעצן, ביז ער וועט אַריינקומען. ילמדנו רבנו, פאַרוואָס אַזאַ כבוד דווקא אים?"

איך: „ווייל ער איז דאָך אריה־לייב. דערלויב מיר צו נוצן אַ מליצהדיק לשון. עס פּאַסט צום ענין. אריה־לייב — כשמו הוא. דער נאָמען פּאַסט אים. ער איז געווען אַ לייב. דער אַרי שבחבורה, דער לייב, דער מלך פון זיין קרייז. באמת, גברא רבה הוא — ער איז געווען אַ גרויסער מענטש. ער איז געווען דער גרעס־טער בקי אין דער אַלטער און נייער ייִדישער ליטעראַטור. דערצו איז ער געווען אַ חריף און זיין גרויסע פּערזענלעכקייט סימבאָליזירט די געשטאַלט פון זיין דור מער ווי וועלכער עס איז אַנדער שרייבער, דענקער און טוער פון זיין צייט. זיין האָרעפּאַשנעקייט, זיינע אומדערמידלעכע טאָג־טעגלעכע ליטעראַרישע אַרבעטן, זיין פאַרנעמען זיך מיט געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, וואָס האָט מייסטנס געהאַט צו טאָן מיט דער ייִדישער ליטעראַטור, האָבן דערהויבן די ייִדישע ליטעראַטור אין די אויגן פון זיין דור און האָבן געגעבן דעם דור אַ במקום רעליגיע. היינט זיינע מידות טובות! ועל כולם, האָט ער אויף זיך גענומען, מיט דער אויטאָריטעט

פון זיינע ידיעות, וואָס איז אַן אַלטער ייִדישער דרך, די התחייבות צו זיין דער משגיח איבער דער ייִדישער ליטעראַטור. און אַלע האָבן דערצו מסכים געווען. עס זענען געווען אַנדערע שרייבער, אין גאַר, גאַר גרויסע צאָלן, וואָס האָבן אַ סך געשריבן וועגן ליטעראַטור, אָבער קיינער האָט נישט זוכה געווען צו ווערן דער אויטאָריטעט, דער בר־סמכא, פון אונדזער דור. זיין מיינונג, אַפילו אַ נעגאַטיווע, האָט צוגעגעבן חשיבות צו אַ בוך. עס האָט געמיינט, אַז דאָס בוך איז געווען וויכטיק, אַז אַריה־לייב זאָל איבער דעם שרייבן. זיין לויב איז געווען סמיכה אין אַלעמענס אויגן. ער איז געווען דער „הקריטיקער" מיט אַ הא הידיעה. זיינע פובליציסטישע אַרבעטן זענען אויך געווען אייגנאַרטיק, פון גרויס וויכטיקייט און וואָגיקייט.

„פאַר מיר האָט ער גאַר אַ באַזונדערן באַטייט. ראשית האָט ער מיך אַריינגעפירט אין היכל פון ליטעראַטור. איך האָב זיך געדרוקט אין „קינדער זשורנאַל" אונטער זיין רעדאַקציע איבער צוואַנציק יאָר, חודש־איין, חודש־אויס. דאָס אַליין איז געווען סמיכה. שנית, מיין פריינדשאַפט מיט אים איז פאַרבונדן מיט דער האַפּערדיקסטער צייט פון מיין לעבן. איך בין געווען יונג, און בין געווען זיכער, אַז איך קען איינגעמען די וועלט. איך דאַרף נאָר צולייגן קאָפּ און הענט. ער האָט מיך דערמוטיקט אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן, נישט מיט קיין לויב־געזאַנג אָדער רייִמונג, נאָר מיט אָנטרויען אַרבעט און מיט איינשטעלן זיך פאַר מיר פאַר מיין נישט־קאָנווענציאָנעלן דרך פון מיין שרייבן קינדער־דערציילונגען און האַלטן מיך פאַר זיין גלייכן. עפּנטלעך, אין שריפט, איז ער געווען זייער איינגעהאַלטן פון לויבן נאָענטע, אינטימע פריינד. דאָס איז נישט געווען צוליב אומלאָיאַליטעט צו פריינד, נאָר צוליב דעם שטענדיקן חשד אין ליטעראַטור־קרייזן, אַז מע דאַרף אַלע מאָל האָבן אַ צד אין דער משפחה. איך בין געווען נאָענט באַפריינדט מיט אים קרוב צו ניין און צוואַנציק יאָר און מער פון צען יאָר זענען מיר געווען שכנים.

ס'איז כדאי איבערצוגעבן מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט אים. עס וועט דויערן אַביסל צייט און אַריה־לייב מעג וואַרטן. ער איז איצט אין אַ וועלט, וווּ ס'איז נישט פאַראַן קיין מידקייט און קיין מאַטערניש, וועט ער נישט ווערן אומגעדולדיק.

דאָס איז געווען מיט קרוב פיר און דרייסיק יאָר צוריק. ווען איך רעכן אויס דעם אָפּלויף פון דער צייט, באַנעם איך, אַז ר' אַריה־לייב איז דעמאָלט אַלט געווען נישט מער ווי אַ יאָר דריי און פערציק. אין די אויגן פון דער וועלט אָבער איז ער שוין יאָרן־לאַנג געווען דער קלאַסישער קריטיקער און דער טאָן־געבער אין דער פובליציסטיק.

אין מיינע אויגן האָט ער אויסגעזען עלטער פון מיין טאַטן. באמת, בין איך געווען ייִנגער פון אים אינגאַנצן מיט צוועלף יאָר און איך האָב קוים אַנגעטראָטן אויפן ערשטן שטאַפּל פון דער לייטער פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

ער איז געקומען צו מיר אין מיין דאַנטיסטישן קאַבינעט זיך צו האַלטן אַן עצה וועגן זיין יינגל, מאָטעלע. מען האָט אַריה־לייבן איבערגעשראָקן, אַז דאָס יינגל דאַרף האָבן אַן ערנסטע מויל־אָפּעראַציע און אַז ער דאַרף פאַרלירן עטלעכע פאָדערשטע ציין. איך בין דעמאָלט געווען אַ דענטיסט כמעט ערשט פון דער נאָדל אַרויס, אָבער אַ שם האָב איך געהאַט אַן איבערגעטריבענעם, און איך האָב גע־האַט אַמביציע און איינשטעלעניש. האָב איך איצט אויך איינגעשטעלט און מיין אַרבעט איז מיר געלונגען. איך האָב געקראָגן חן און חשיבות אין זיינע אויגן. ביים לעצטן וויזיט האָב איך צו אים געזאָגט:

„ווייסט איר, חבר אַריה־לייב, אַז איך האָב יאָרן־לאַנג געשריבן דערציילונגען אין „טאָג" און אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע" אונטערן פסעוודאָנים „שלמה"?"

ער האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן שטיל, וואָס איך האָב נישט אויפגעכאַפּט, צי ער האָט עס יאָ געוווּסט, צי נישט, און איך האָב ווייטער גערעדט:

„אין די לעצטע זעקס יאָר האָב איך ווייניק פאַרעפנטלעכט אין די צייטונגען און זשורנאַלן, אָבער איך האָב נישט אויפגעהערט צו שרייבן. איך האָב אָנגע־שריבן אַ צאָל קינדער־דערציילונגען, פאָלקלאָריסטישע דערציילונגען. אָט איז אַ העפט, איך וואָלט געוואָלט, אַז איר זאָלט עס איבערלייענען".

ער האָט אַ שמייכל געטאָן, צוגענומען ביי מיר מיין העפט, געהאַלטן אַ ווײַלע אויף דער פלאַך פון זיין האַנט, גלייך ווי ער וואָלט אָפּגעווויגן דעם דיקן העפט, און אַ זאָג געטאָן:

„אַ היפשער העפט".

איך האָב אַ לאַך געטאָן:

„איך ווייס, אַז הכל שוחטין — אַלע שרייבן, אָבער עס זענען פאַראַן שוחטים מוסמכים און עס זענען אויך פאַראַן שרייבער, וואָס זענען נישט באַקאַנט, וואָס נישט נאָר מיינען זיי, אַז זיי קענען שרייבן, נאָר זיי קענען טאַקע שרייבן. ס'איז דאָך נישטאָ קיין כלל אָן אַ יוצא מן הכלל. חוץ אַלעמען, זייט איר דער רע־דאַקטאָר פון „קינדער זשורנאַל" און איר זייט מחויב איבערצוקוקן צוגעשיקטע דערציילונגען".

מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער האָט אַ זיפץ געטאָן. ער האָט מיר געענט־פערט איידל:

„איך וועל אַריינקוקן און איך טעלעפאָנירן אין אַ פּאָר וואָכן אַרום".

ער האָט מיר טעלעפאָנירט אין דריי טעג אַרום און געזאָגט אויפגערוימט:

„יאָ, ס'איז אַלעמאָל פאַראַן אַ יוצא מן הכלל. איך בין צופרידן, וואָס איך דאַרף נישט צוטראַכטן קיין איידעלן אָפּזאָג".

פון דעמאָלט אָן האָט זיך צווישן אונדז איינגעשטעלט אַ גרויסע אינטימע פריינדשאַפט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן כמעט ביז זיין פטירה.

פאַר די, וואָס האָבן אים נישט צו גוט געקענט, איז שווער צו באַנעמען ר׳ אַריהס איבערגעגעבנקייט צו ליטעראַטור און יידישע שרייבער. ער איז ממש געווען דער דמות, די געשטאַלט, פון בעל תורה, וואָס האָט אויף זיך גענומען די מצווה פון „והגית בה יומם ולילה״ — דו זאָלסט טראַכטן דערפון טאָג און נאַכט. די יידישע שרייבער און אויך אַ טייל העברעיִשע שרייבער פון גאָר דער וועלט האָבן מיט אים קאָרעספּאָנדירט און ער האָט אַלעמען געענטפערט. גרויסע שרייבער און קליינע שרייבער, באַרימטע שרייבער און אָנהייבערס, אמתע שרייבער און גראַפאָמאַנען, אַלע האָבן געהאַט טענות צו אים און יעדער איינער האָט עפּעס געוואָלט פון אים. אַלע האָבן געחלשט, אַז ער זאָל וועגן זיי שרייבן. אַלע האָבן געוואָלט, אַז ער זאָל לכל־הפחות לייענען זייער בוך, זייערס אַ דערציילונג אָדער אַ כתב־יד. אַלע האָבן געוואָלט, אַז ער זאָל זיי כאָטש דערמאָנען אין זיין „געלייענט און געשריבן״. מען האָט אים געחנפעט, געזידלט, געוואָלט אונטערקויפן, געסטראַשעט, געקראַכן אונטער די נעגל און באַליידיקט. עס זענען געווען פאַלן, ווען באַרימטע שרייבער האָבן אים געסטראַשעט, אַז אויב ער וועט נישט ענדערן זיין מיינונג וועגן זיי, וועלן זיי באַגיין זעלבסטמאָרד. די אויפשריפטן אויף די ביכער, וואָס שרייבער האָבן אים צוגעשיקט, וואָלטן געווען אַ גוטער מאַטעריאַל פאַר אַן אַספּיראַנט אָנצושרייבן זיין דאָקטאָראַט־דיסערטאַציע. היינט די בריוו צו אים! עס זענען געווען בריוו פון צענדליקער זייטן און בריוו פון איין וואָרט: „היתכן?״, „סטייטש?״, „יושר״, אָדער גאָר איין טראַף: „נו?״.

יאָ, קלאָפּפערשט, האָט מען פון אים נישט געהאַלטן, די גרעסטע צאָל שרייבער האָט אַלעמאָל געפונען אויף אים אַן אַנדער חסרון. מע פלעגט אים, אונטער די אויגן, באַליידיקן, באַרעדן, זידלען און אָפּלאַכן פון אים. אָבער טאָמער האָט ר׳ אריה־לייב אָנגעשריבן עטלעכע גוטע ווערטער וועגן דעם באַרעדער, האָט דער שרייבער, וואָס האָט אים פריִער מבטל געווען כעפרא דארעא, זיך געגרויסט מיט די פּאָר ווערטער, ווי זיי וואָלטן אַרויסגערעדט געוואָרן פון אַ מלאך. נישט איין גרויסער שרייבער, און אַוודאי מיטלמעסיקע שרייבער, האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט ר׳ אַריה־לייבס אַ קריטיק אין בוזעם־קעשענע.

און אָט אין דעם דאָזיקן גאַנצן טומל און הו־האַ איז ער געווען מוראדיק עלנט. יעדער איינער, וואָס איז צו אים געקומען מיט אַ וויזיט, האָט עפּעס געוואָלט פאַר זיך. זעלטן ווען אַ קאָלעגע, אָדער אַ כלל־טוער איז געקומען צו אים גלאַט אַזוי צו פאַרברענגען, אָדער אויסהערן אים וועגן זיינע אייגענע אַרבעטן. מען האָט וועגן אים, וועגן זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן, ווייניק געשריבן, חוץ ווען מען האָט פּאָלעמיזירט מיט אים. מען האָט אויף אים געקוקט, ווי ער וואָלט געווען

אַ פונדאַציע, פון אַ פונדאַציע מאַנט מען שטענדיק און וויפל מע קריגט פון איר אַרויס איז אַלץ וויניק. זי איז דאָך אָנגעשטאָפּט מיט עשירות.

און ער איז דאָך געווען אַ מענטש ווי אַלע מענטשן. ער האָט געוואָלט וואַרעמקייט, פריינדשאַפט, אויפמערקזאַמקייט. ער האָט געהאַט זיינע אייגענע ראַנגלענישן, פּראָבלעמען און צרות. ער האָט געליטן פון זיין עלנטקייט, אָבער קיין וואַרעמקייט האָט ער פון קיינעם נישט געקראָגן. דרך־ארץ, יראת־הכבוד — יאָ, אָבער פריינדשאַפט — נישט. האָט ער זיך עפנטלעך אַלע מאָל אויפגעפירט קאַלטלעך, קאָרעקט, זיך אַלע מאָל געהאַלטן אויף אַ דיסטאַנץ פון מענטשן. ער איז אָבער געווען גאָר אַן אַנדערער אין דעם קרייז פון זיין משפחה: וויב, טאָכטער און זון, ברידער און שוועגערינס, פּלימעניקעס און פּלימעניצעס און געציילטע פריינד. דאָ איז ער געווען אַ פריילעכער און פול מיט הומאָר. אמת, מיט דעם טרוקענעם, שאַרפן הומאָר און איראָניע פון אַ תלמיד־חכם.

ועל כולם, האָט ער געפונען טרייסט און באַרוּיקונג אין דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט כמעט אַלע מאָל איגנאָרירט דעם ליטעראַרישן טומל און האָט גובר געווען די רכילות פון די שרייבער. זעלטן ווען ער האָט פאַרלוירן די גלייכגעוויכט אַפילו בנוגע די שרייבער, וואָס האָבן אים טיף ווי געטאָן און עפנטלעך באַליידיקט. ביי אים איז דעם שרייבערס ווערק געווען דער יש און נאָך מער האָט ער געפילט די אַחריות פאַר זיין אַרבעט. איך האָב בייגעוווינט צענדליקער געשעענישן, וואָס האָבן באַוויזן, אַז ער האָט גובר געווען די סביבה צוליב זיין ליטעראַרישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אָט איז אַ קלייניקייט, וואָס, לויט מיין מיינונג, כאַראַקטעריזירט דעם גרויסן מענטש, ר׳ אריה־לייב:

עס איז געשען, אַז מען האָט אויף אים געוואָרפן אַ חשד וועגן זיין ערלעכקייט. עס איז געווען אַן אמתער שקר־בילבול. איך קען עדות זאָגן, אַז נישט נאָר איז ער נישט געווען פאַרמישט אין דעם דאָזיקן ענין, נאָר אַז ער האָט אינגאַנצן נישט געוווּסט וועגן דעם, ביז מען האָט אים אָנגעהויבן זידלען עפנטלעך. די שמוץ־וואַרפעניש פון דער לינקער פרעסע און פון אַ קליינער צאָל ווינקל־זשורנאַלן איז געווען אַ שווידערלעכע. די טשיקאַווסטע זאַך אין דעם גאַנצן טומל איז געווען, וואָס קיינער האָט אים פערזענלעך נישט באַשולדיקט, אַז ער האָט זיך פאַרנומען מיט דעם פּלאָנטער. די גרעסטע אָנפאַלער האָבן אויסגענוצט זיין משפחה־באַקאַנטקייט מיטן הויפּט־שולדיקן. די באַליידיקונגען זענען געווען אַזעלכע שאַרפע, אַז אַפילו ער, דער געלאַסענער, דער געדולדיקער, וואָס האָט אַלע מאָל איגנאָרירט זידלערייען, האָט שוין מער נישט געקענט אויסהאַלטן. ער האָט שוין לאַנג געפּלאַנעוועט צו מאַכן אַ נסיעה קיין אויסלאַנד מיט זיינע צוויי קינדער. ער האָט געוואָלט, אַז די קינדער זאָלן כאָטש איין יאָר איינזאַפּן אין זיך די אַטמאָספער פון דעם אייראָפּעיִשן יידישן לעבנס־שטייגער. ער האָט באַשטימט צו מאַכן די נסיעה איצט.

איך בין געקומען אים אַפּצופירן צו דער שיף אין מיין אויטאָמאָביל. ער האָט דעמאָלט צייטווייליק געוווינט אין סי־געיט, אַ פאַרשטעטל ביים ים. איך בין געקומען אַ היפּשע צייט פאַר זיין אָפּפאָרן, טראַכטנדיק, אַז איך וועל אפשר קענען מיט עפּעס אַרויסהעלפן.

אין שטוב איז געווען אַ הו־האַ, אַ יאָגעניש, ווי געוויינטלעך, ווען מע קלייבט זיך אויף אַ ווייטער נסיעה. ער איז געזעסן אויף אַ האַרטער שטול לעבן אַן אויפגעשטעלטן טשעמאָדאַן און האָט קאָרעגירט אַ כתב־יד. איך האָב געטראַכט ביי זיך:

„אַן אייזערנע גבורה! אין מיטן פון דעם דאָזיקן טומל און רייזע־פיבער ליגט אים אין קאָפּ צוצוגרייטן אַ מאמר פאַר אַ צייטונג! זאָל זיין, אַז ער איז מחויב צו־צושטעלן דעם אַרטיקל אין צייט, האָט ער נישט געקענט מאַכן אַן אויסנאַם?"

ער האָט פאַרענדיקט קאָרעגירן די פאַרשריבענע זייטן, האָט צונויפגעלייגט זיי און אַריינגעלייגט אין אַ גרויסן קאָנווערט און אַ זאָג געטאָן צו מיר:

„איך בעט אייך, טוט מיר אַ טובה. איך האָב קיין צייט נישט געהאַט איבער־צושיקן דעם איבערגעקוקטן מאַטעריאַל צום „קינדער זשורנאַל". זייט אַזוי גוט און גיט איבער דעם קאָנווערט ליפּע לעהרערן. ער וועט דאָ געפינען גענוג פאַר צוויי נומערן. זומער דערשיינט נישט דער „קינדער זשורנאַל" און אין האַרבסט וועל איך שוין אפשר זיין צוריק אין ניו־יאָרק".

איך בין געבליבן שטיין אַ געפּלעפטער. ער האָט דאָך רעדאַקטירט דעם „קינ־דער זשורנאַל" אָן געצאָלט!

איך האָב אַ זיפץ געטאָן פון קנאה. איך האָב זיך אויפן אָרט דערמאָנט אַן ענ־לעכע געשעעניש פון מיין יוגנט. מיין רבי געצל איז געווען דער גרעסטער גמרא־מלמד אין שטעטל, חוץ דעם איז ער געווען דיין שלא על מנת לקבל פּרס — אָן געצאָלט. טרעפט זיך, אַז זיין זון האָט באַנקראָטירט. דער זון האָט געוווינט אין אַן אַנדער שטעטל, דאָך זענען געקומען די מאַנערס און באַפאַלן ר' געצלס הויז מיט געשרייען און תביעות: „סטייטש, ווי דערלאָזט עס רב געצל צו אַזאַ סקאַנדאַל?!"

רבי געצל האָט געוווסט וועגן זיין זונס מסחרים אַזוי פיל, וויפל ער האָט געוווסט וועגן די עסקים פון דער רעגירונגס־באַנק אין פּעטערבורג. אָבער די סוחרים, וואָס האָבן געהאַט עסקים מיט זיין זון, און די ווייבער, וואָס האָבן ביי אים געהאַלטן זייערע אָפּגעשפּאָרטע, שווער־פאַרהאָרעוועטע פאַר רובל, האָבן געמאָנט דין־וחשבון דווקא ביי רבי געצלען.

דער אַלטער רבי מיינער האָט זיי אַלעמען צוגעזאָגט, אַז ער וועט אַריבער־פאָרן צום זון און זען, וואָס ער קען אויפטאָן. איך בין דעמאָלט אויך געקומען צום רבין אים העלפן זיך צוגרייטן צו דער נסיעה. דער בעל־עגלה האָט זיך פאַרשפּע־טיקט. דער רבי, אָנגעטאָן אין זיין שטויב־מאַנטל, האָט גענומען אַ טיפּן שמעק טאַ־באַק און אַ זאָג געטאָן:

„נו, נו, שלמהקע, וואָס איז דאָ צו באַלעמוטשען? נעם אַרויס אַ גמרא און לאָמיר זיך זעצן לערנען".

איצט פאַרשטייסטו שוין, טאָפּלטער „איך" מיינער, פאַרוואָס איך האָב זיך אויפגעשטעלט, ווען איך האָב דערהערט, אַז דו האָסט מיר געבראַכט ר' אַריה־לייבן?"

ער: — נו, און דיינע טענות צו אים, דיין אָפּגעפרעמדקייט פון אים פולע צוויי יאָר פאַר זיין פטירה? דו האָסט דעמאָלט אָפילו אויפגעהערט צו קומען צו אים צו גאַסט אין די צוויי יום־טובים, פסח און ראש־השנה!"

איך: — דאָס איז געווען אַן אידעישע קעגנערשאַפט, אַ שאַרפער חילוקי־דעות, אָבער עס האָט נישט געמינערט מיין יראת־הכבוד צו אים. ברענג אים אַריין. וועסט הערן זיין בייזערן זיך אויף מיר, וועסט הערן מיין ענטפער און דו וועסט פאַרשטיין, ווי ווייט מיר זענען איינער פון אַנדערן, ווייל זיינע טענות זענען די טענות פון אונדזער גאַנצן סעקולאַרן דור".

קאַפּיטל אַכצן

# שאַרפע קשיות און נאָך שאַרפערע ענטפערס

ר׳ אַריה־לייב איז אַריינגעקומען, ווי זיין שטייגער איז געווען אויף עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען, מיט אַן ערנסט־פּאַרצויגענעם פּנים, מיט אויגן אַן אַ ברעקל פון אַ שמייכל און מיט אַ זיכערן טראָט. טשיקאַווע איז געווען, ווי ער פלעגט האַלטן דעם קאָפּ: נישט אויפגעהויבן אַראָגאַנט, אָדער אַראָפּגעלאָזט עקשנותדיק, ווי אַ מענטש וואָס איגנאָרירט די וועלט, נאָר גלייך, נישט אָנגעשטעלט, ווען עס איז ספּעציעל צו באַגריסן מיט אַ שמייכל. ער האָט געהאַלטן דעם קאָפּ ווי איינער, וואָס ווייסט, אַז ער דאַרף צו קיינעם נישט אָנקומען, ווייל ער וועט סוף־כל־סוף זיין דער „ויאמר״, דער הויפּט־רעדנער און טאָן־געבער.

ער האָט זיך רויק אָוועקגעזעצט אַנטקעגן מיין שרייבטיש אויף אַ ווייכער באַקוועמער שטול, האָט אַ קוק געטאָן אויפן כתב־יד, וואָס איז געלעגן פאַר מיר און האָט אַ זאָג געטאָן:

„איך זע, אַז עס ליגט שוין כמעט אַ פאַרטיקער אייער „אויף אייגענע דרכים״, — דער „חשבון־הנפש פון אַ מאָדערנעם ייִדן״. איר האָט זיך אַלץ נישט באַפרייט פון אייער ערשטן טעות. אַ שאָד!״

איך:

„וואָס מיינט איר „פון ערשטן טעות״? און וואָס איז „אַ שאָד״?״

אַריה־לייב:

„מסתמא געדענקט איר עס. נאָך דעם, ווי איר האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין „קינדער זשורנאַל״ אונטער מיין רעדאַקציע, האָט איר מיר געבראַכט מיט שטאָלץ אייערס אַן עסיי, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין זאַמלבוך „ייִדיש אַמעריקע״ אונטערן נאָמען „מיין ייִדישקייט״ מיט אַן אונטערקעפּל „דער ווידוי פון אַ ייִדישן אינטעליגענט״. איר זעט, אַז דער איצטיקער נאָמען פון אייער בוך איז נישט מער, ווי אַן איבערחזרונג פון יענעם נאָמען און אַז דער אינהאַלט איז אויך נישט בע־סער און נישט אָריגינעלער.

„איר האָט שוין דעמאָלט געמיינט, אַז איר קערט איבער וועלטן און דעקט אויף אמתן, וואָס קיינער האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט. אָבער איך האָב דע־מאָלט נישט געוואָלט זיך אַריינלאָזן מיט אייך אין וויכוחים. איר האָט מיך גע־פרעגט האָפערדיק: „געלייענט? נו, איז וואָס טוט מען איצט?״ איך האָב אייך גע־

ענטפערט גאַנץ קאַלט, ניין, טאָקע גלייכגילטיק: „געלייענט" און מער קיין וואָרט נישט.

„קיין פינגער אין מויל האָט מען איך קיין מאָל נישט געדאַרפט אַריינשטעקן. האָט איר מיך מער נישט געפרעגט אויף מיינע מבינות. מיר איז אַלע מאָל געווען דערווידער דאָס גריבלעניש אין מהות פון ייִדישקייט און אין דעם פאַרוואָס פון ייִדישקייט. אַ נאָרמאַלער מענטש שטעלט זיך נישט אַוועק אין מיטן העלן טאָג און הייבט אָן פרעגן: „צוליב וואָס לעב איך? פאַרוואָס לעב איך?" די טאָג־טעגלעכע אַרבעט, די גיריקייט פון די חושים, דער פאַרגעניגן זיי צו זעטיקן, די נייגעריקייט צו וויסן דעם אַרום, די קוריאָזיטעט פון זוכעניש און פאַרשעניש, דאָס שטעלן זיך קעגן אומרעכט, די קאַמפן מיט זיך און מיט דער סביבה — דאָס אַלץ איז אײַבערגענוג צו געבן אַ זין צום לעבן, כל־זמן אַ מענטש איז געזונט.

„דאָס זעלביקע איז מיטן לעבן פון אַ פאָלק. עס איז דאָ אַ לעבעדיק ייִדיש פאָלק — מיר האָבן גענוג וואָס צו טאָן, צו פאַרבעסערן, אָדער אויסבעסערן, דעם ייִדישן מצב, סיי אין דער וועלט און סיי ביי זיך, אין אונדזער סביבה. דאָס דאַרף זיין גענוג, איבערגענוג, אַפילו פאַר דעם סענסיטיווסטן ייִדן.

„אויף די עלטערע יאָרן בין איך געוואָרן נאָך זיכערער אין דעם. ביי אונדז איז געוואָרן ממש אַ פאַרפלייצעניש פון גאָט־זוכער און תכלית־זוכער. איך האַלט, אַז אַלע חקירות וועגן דעם, צי וועט עפּעס בלייבן פון דער מזרח־אייראָפּעיִשער ייִדישקייט אין די אַמעריקעס אָדער אין ארץ־ישראל, און וואָס וועט בלייבן, אין וואָס פאַר אַ מאָס און אין וואָס פאַר אַ פאָרעם, זענען נישט מער ווי אַ תירוץ אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די אַחריות פאַר די ייִדישע פאָרמען און אינהאַלטן, וואָס עקסיסטירן און ווירקן און וואָס וואַרטן אויף אונדזער גייסטיקער און מאַטעריעלער אויפמערקזאַמקייט. דערפאַר איז די גאַנצע חקירה אייערע אַ טעות און אַ שאָד. איר האָט בעסער געדאַרפט פאַרנוצן אייער צייט אויף אָנצושרייבן אַ פיינעם קינדער־בוך אָדער אַ גוטע נאָוועלע.

איך:

„מעיקרא דדינא פירכא — פון אייער עצם באַהויפּטונג פרעג איך אייך אָפּ. איר זאָגט: „די אַלע חקירות, צי עס וועט עפּעס בלייבן פון דער מזרח־אייראָפּעיִשער ייִדישקייט אין אַמעריקע אָדער אין ארץ־ישראל..." איך פרעג אָפּ דעם עיקר. ביי מיר האָט זיך געשטעלט אַ האַרבע פראַגע: „צו וואָס אויפהיטן און אויפהאַלטן אַ וועלט־באַנעם אָן ווערטן?". אונדזער דור גלייבט מער נישט אין דער פונדאַמענטאַליסטישער פאָלקס־רעליגיע. פון קיין אַנדער אמונה האָבן מיר נישט געוווּסט. די פרומע האָבן געהאַלטן, אַז מע טאָר נישט זוכן, און מיר האָבן געהאַלטן, אַז עס איז נישטאָ וואָס צו זוכן. זענען די פרומע געבליבן ביי זייער פונדאַמענטאַליסטי־

שער אמונה, און מיר — אָדם־נאַקעט. וואָס זשע איז דאָ פאַראַן אָפּצוקלייבן אָדער אויפצוהאַלטן?

„יאָ, פשוט, איך האַלט, אַז אויב מע נעמט אַוועק ביים יידישן פאָלק זיין אמונה, איז נישטאָ וואָס אויפצוהאַלטן אָדער אויפצוהיטן. יאָ, עס בלייבט אויפצוהאַלטן דעם יידישן גוף, אָבער דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט אויפהאַלטן יידישקייט. יאָ, איך געדענק, אַז איר האָט אַפילו נישט מבטל געווען מיין עסיי. וויסן זאָלט איר, אַז אייער מיינונג איז געווען איינער פון די גורמים, אַז איך זאָל דעמאָלט אויפגעבן מיין חקירה. איך האָב דערשטיקט אין זיך מיין גאָט־זוכעניש גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר. איר ווייסט, אַז ווען איך וואָלט דעמאָלט נישט אָפּגעשטעלט מיין זוכעניש און מיין חשבון־הנפש, וואָלט איך זיך אפשר טאַקע דערטראַכט צו אַ געוויסן איינשטעל אין יידישן לעבן. לכל הפחות, וואָלט איך געפונען פאַר זיך אַ שטיקל דרך. אָבער איצט? איך האָב זיך צו שפּעט אַרומגעזען, אויף דער עלטער. עס איז שוין נישט געבליבן קיין צייט זיך איבערצוברעכן. ס'איז שווער, זייער שווער אויף דער עלטער זיך צו באַפרייען פון אַלטע געוווינהייטן".

אויף אַריה־לייבס פּנים האָט זיך באַוויזן אַן איראָנישער שמייכל. נאָר דער, וואָס האָט אים גאָענט געקענט, האָט געוווּסט וויפל שפּאָט און ביטול ער האָט געקענט אַריינלייגן אין זיינעם אַ קרים מיט די ליפּן.

אַריה־לייב:

„איי, איי, איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז איין וואָרט מיינס, אָדער שווייגן, קען אַראָפּפירן אַ מענטשן פון דרך־הישר. אויב אַזוי, דאַרף איך זיך היטן נישט צו שטאַרק אַ טרייסל צו טאָן מיטן קאָפּ. די וועלט קען נאָך חרוב ווערן. איך וויס אָבער פון מיין דערפאַרונג, אַז קיין קריטיקער קען נישט באַאיינפלוסן נישט קיין טאַלאַנטלאָזיקייט און נישט קיין טאַלאַנט. איך האָב אַמאָל צונישט געמאַכט, אָדער אַראָפּגעריסן, ווי מיר האָבן עס גערופן אין די ליטעראַרישע קרייזן, אַ דראַמע פון אַ וויכטיקן יידישן פּאָעט. ער האָט מיך געסטראַשעט, אַז ער וועט באַגיין זעלבסט־מאָרד. אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט ער אָנגעשריבן אַ פּאָעמע אין צוויי בענד, וואָס וועט בלייבן איינע פון די שענסטע שאַפונגען אין דער יידישער ליטעראַטור. איך האָב געלויבט אַ שרייבער אין זיינע יונגע יאָרן פאַר זיינעם אַ ראָמאַן און ער איז געבליבן ביים ערשטן בוך — אַ חצי שרייבער. דעם אמתן טאַלאַנט האָט נישט גע־שאַדט קיין שלעכטע קריטיק און דעם האַלבן טאַלאַנט האָט נישט געהאָלפן קיין גוטע קריטיק. איר ווילט, זע איך, אַראָפּוואַרפן פון זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס איר האָט אָפּגעשטופּט אויף פינף און צוואַנציק יאָר אייער אומנוציקע, אָדער, ווי איר מיינט, אייער וויכטיקע גאָט־זוכעניש. אויף אייך האָב איך זיך נישט גע־ריכט. מסתמא איז עס אייער עלטער. אייער הנהגה בכלל קען מען דערקלערן מיט

דעם, וואָס איר זייט אויף דער שוועל פון זקנה. אויף דער עלטער ווערט מען אַ בעל־תשובה. מע דערשרעקט זיך פאַרן טויט״.

איך:

„ערשטנס, וועגן אייער באַהויפּטונג וועגן מיין עלטער. איך האָב גלייך אין אָנהייב געענטפערט אויף דעם זעלביקן חשד. אָבער די טענה ווערט פון אַלעמען איבערגעחזרט. ענטפער איך איך: „בין איך דען דער איינציקער אין אונדזער סביבה, וואָס איז אַלט געוואָרן?״ איך קען אייך פאַרזיכערן, אַז איך שרעק זיך נישט פאַרן טויט. ביי מיר איז טויט אַן אַנדער פאַזע פון לעבן. אָבער לאָמיר אָננעמען לשם פּאָלעמיק, אַז וואָס איר זאָגט איז אמת. נו, איז וואָס איז דאָס פאַר אַ חיסרון? עס איז פּונקט, ווי איר וואָלט געזאָגט אויף אַ יונגן דיכטער, וואָס שרייבט פלאַמענדי־קע ליבע־לידער: „עט, ער שרייבט וועגן ליבע, ווייל עס ברויזט אין אים די יוגנט־לעכע גבורה. דערפאַר כאַפּט ער אויף דעם רייץ פון מין אין זיין פּולקייט״. אָט קען איך אַ מעדיקער, וואָס האָט יאָרן־לאַנג געליטן פון האַרץ־קראַנקייט. ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ האַלבן לעבן מיט דער דאָזיקער חולאת און האָט אַ סך אויפגעטאָן וועגן דער מחלה. זענען דען צוליב זיין האַרץ־קראַנקייט זיינע פאָרשונגען און דער־פינדונגען ווערטלאָז?

„שנית, ביין, איך האָב גאָרנישט בדעה אַראָפּצוואַרפן פון זיך די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פאַר פאַרגאַכלעסיקן מיין גאָט־זוכעניש. ווען איך האָב געזאָגט, אַז אייער מיינונג איז געווען איינער פון די גורמים אויפצוגעבן מיין חקירה אויף יאָרן־לאַנג און אַז איך האָב דערשטיקט אין זיך מיין גאָט־זוכעניש, האָב איך נישט באַשולדיקט אייך פערזענלעך. אייער מיינונג האָט געהאַט אַזאַ השפּעה, ווייל דורך אייער מויל האָט גערעדט אונדזער גאַנצער דור.

„מיר אַלע האָבן געהאַלטן מיט אייך, אַז דער גאַנצער קאָמפּלעקס, וואָס מיר רופן ייִדישקייט, הלכה ייִדישקייט, איז פּרימיטיוו און אָפּגעלעבט און האָט נישט קיין שום שייכות צו אונדז אויפגעקלערטע. אמונה, האָבן מיר געזאָגט, מיינט נאָר בלינדער גלויבן אין אַ כוח איבער דער וועלט און איבער דעם מענטשן, וואָס באַ־פעלט און באַשטראָפט פאַר נישט־פאָלגן. אַזאַ גלויבן, האָבן מיר געטענהט, קען נישט זיין דינאַמיש שעפעריש. איבערהויפּט די ייִדישע אמונה, וואָס וואַרפט אַרויף אויף דעם מענטשן מצוות און חומרות אָן אַ זין און אָן אַ שכל. זי, די אמונה, דער־דריקט דעם פרייען גייסט.

„די ייִדישע ליטעראַטורן, סיי די ייִדישע און סיי די העברעיִשע, זענען בעצם אויסן געווען אונדז צו אַנטיייִדישן, אָפּצושאַפן אונדזער אייגנאַרטיקייט און ווערן מיט פעלקער גלייך. די העברעיִשע ליטעראַטור האָט מיינסטנס געוואָלט אונדז נאָרמאַליזירן דורך אַן אייגענער מדינה, מלוכה און קיבוץ־גליות. די ייִדישע לי־טעראַטור האָט געהאַלטן, אַז מיר וועלן ווערן מיט פעלקער גלייך, ווען עס וועט

קומען אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע און וועט באַפרייען די וועלט נישט נאָר פון אומ־רעכט און אונטערדריקונג, נאָר אויך פון אַבערגלויבנס און נאַציאָנאַליזם, דעמאָלט וועלן מיר קענען פירן אַ נאַציאָנאַלן לעבן אויף אונדזערע וווין־ערטער. דער צד השוה פוןביידן איז געווען, אַז מיר דאַרפן ווערן אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך.

„דער דאָזיקער געדאַנקענגאַנג האָט זיך אָנגעהויבן מיט די „חכמי היהדות" פון דייטשלאַנד. שמואל־דוד לוצאַטאָ האָט עס שוין דעמאָלט טיף אויפגעכאַפּט. אין אַ בריוו צו שלמה־יהודה ראַפּאַפּאָרט (שי"ר) אין 1860 האָט ער געשריבן:

„די חכמת־ישראל, וואָס אַ צאָל דייטשישע ייִדישע געלערנטע פאַרנעמען זיך איצט מיט איר, קען נישט לאַנג געדייען, מחמת זיי פאַרנעמען זיך מיט איר נישט, ווייל ייִדישקייט האָט אין זייערע אויגן טייערע ווערטן. סוף־כל־סוף זענען אין זייערע אויגן גרעסער און וויכטיקער פון אַלע נביאים, תנאים און אמוראים. זיי פאַרשן ייִדישע געשיכטע, ווי אַנדערע פאָרשן עגיפּטישע, פּער־סישע און אַשורישע געשיכטע, צוליב ליבשאַפט צו וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, אָדער צוליב קריגן כבוד". („התקופה", ספר שלשה עשר, זייט 245. אונטן אין באַ־מערקונג איינס. אין העברעיִש איז עס נאָך שאַרפער).

„די ייִדישע בעלעטריסטיק האָט אויך אַזוי געקוקט אויף ייִדישן לעבן. אָט האָט איר דאָס עדות־זאָגן פון מענדעלע מוכר ספרים:

„אַ מין מוזיי פון אַלטוואַרג פון אַמאָליקע לעבן, ווי אונדזערע עלטערן האָבן געלעבט, געהאַנדלט צווישן זיך און געפירט זיך אין דער היים. זייער בליק אויף מענטשן און מענטשלעכקייט, זייער יראת־שמים און זייער גאַנג אין צדקה־זאָכן".

„ד"ר זשיטלאָווסקי זאָגט, אַז דער גזר פון מיין דור איז געווען, אַז ייִדישקייט מיינט אָפּגעשטאַנענקייט און האָט נישט קיין אַליין־ווערטן". רעליגיעזע ייִדישקייט האָט איין גרויסן פאַרדינסט: זי האָט אויפגעהיט און אָפּגעהיט דאָס ייִדישע פאָלק פון פאַרשווינדן צווישן פעלקער. צוליב וואָס אָפּגעהיט? אויף דער שאלה קען דער ייִדישער היסטאָריקער נישט געבן קיין ענטפער, ווייל די געשיכטע גיט נישט קיין ענטפער אויף איר. (זע „ייִדן און ייִדישקייט" פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, זייטן 188 און 189).

„אחד־העם האָט בעצם אויך געהאַלטן, אַז ייִדישקייט האָט נישט קיין אַליין־ווערטן. דער גאַנצער קאָמפּלעקס פון ייִדישקייט איז נאָר איינגעשטעלט געוואָרן צוליב קיום האומה". (א. גריניץ: „משנתו הלאומית של אחד־העם", „הדואר", גליון היובל, תש"ז, ז' 797).

ביי אַ סך שרייבער איז דאָס ייִדישע לעבן געווען אַ זומפּ. אָט וווּנדערט זיך אַ העברעיִשער שרייבער, ווי אַזוי איז עס געקומען צו אַ רענעסאַנס גאָר פּלוצים אויף דער ייִדישער גאַס. הערט זיין לעסטערונג:

„ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט? פון וואַנען האָבן זיך צו אונדז פון דאָס ניי גע־

גומען יוגנטלעכע כוחות? ווער האָט געבוירן די מחנות יוגנטלעכע, וואָס עס געמט גאַרנישט קיין סוף צו זייער דאָרשט, צו זייערע שטרעבונגען, צו זייער בטחון און מוט, נאָך דעם, ווי דאָס פאָלק איז שוין לאַנג אַלט געוואָרן און זיין גאָט איז אַלט געוואָרן מיט אים. און מיר זיצן אין זומפּ פון אונדזערע גרענעצן און זענען איינגעזונקען ביזן האַלדז אין בלאָטע און אומריינקייטן? און אונדזערע הימלען זענען פאַרדעקט מיט אַלטע פּאַרמעטן, וואָס זענען שוין צעפוילט פון אַלטקייט?" (י. א. לפידות, חג השחרות, ליובלו של ש. טשרניחובסקי. התקופה, ספר שלישי, ז"ז 614 און 615).

„ווען מען איז מסכים מיט דער דאָזיקער באַהויפּטונג, קען מען שרייבן וועגן דעם יידישן לעבן אין שטעטל אויף דריי אופנים: א) מוזיי־יידישקייט, ב) אידיליזירן דאָס שטעטל, און ג) מיט ביטערקייט.

מענדעלע מוכר ספרים האָט געשריבן וועגן יידישן לעבן ווי וועגן מוזיי־יידישקייט און פּופּציק יאָר נאָך „שלמה ר׳ חיימס" שרייבן נאָך יידישע שרייבערס אַזוי וועגן יידישן רעליגיעזן לעבן בכלל און וועגן שטעטל בפרט.

דער מוסטער פון אידיליזירן דאָס שטעטל איז „דאָס שטעטל" פון שלום אַש. דער שרייבער פירט אַריין אַ פרעמדן אין שטעטל ערב שבת. דער פרעמדער האַלט שבת אין שטעטל און זונטיק פאַרלאָזט ער דעם ישוב. ער קוקט זיך צו און שווייגט, רעדט נישט אַרויס קיין וואָרט. שלום אַש האָט אים אַריינגעבראַכט אין צויבערלאַנד, אַן אָפּשפּיגלונג פון אַן אילוזיע. עס איז אָבער אַ פאַרגליווערט סטאַטיש בילד אויף אַ מאָלערס אַ לייוונט.

ש. בן־ציונס סיפּורים אין העברעיש וועגן שטעטל זענען דער אמתער מוסטער פון ביטערקייט און עקל. דעם לייענער באַפאַלט ממש אַ שוידער נאָכן איבערלייענען אַזאַ דערציילונג ווי „נפש רצוצה", וואָס איז נישט די שאַרפסטע דערציילונג אין דער סעריע.

„ביי מיר איז פאַרגעקומען אַ „ויתרוצצו" צווישן מסכים זיין מיטן גזר פון מיין דור וועגן יידישן לעבן און מיין אייגענער דערפאַרונג. פאַר מיר איז דאָס יידישע רעליגיעזע לעבן געווען דינאַמיש, פולבלוטיק און צאַפּלדיק. איך האָב מיט מיינע אייגענע אויגן געזען די הנהגה פון די יידן אין שטעטל און זייער גבורה בייצוקומען די סביבה. נישט נאָר די לומדים, די פּער פון שטעטל, זענען מושפּע געוואָרן, באַאיינפלוסט געוואָרן פון יידישקייט, נאָר די פּראָסטע יידן, די שוסטערס, די שניידערס, סטאָליאַרעס, לאָזע־דרייערס און קאַראַבייניקעס, האָבן איבערגעטראָגן די טאָג־טעגלעכע מיאוסקייטן, ווייל זיי האָבן געלעבט אַ גאַנצע וואָך אין זכות פון שבת. אָבער די טעאָריע האָט פאַרלייקנט מיין דערפאַרונג. יידיש לעבן איז נישט כדאי געווען צו קולטיווירן אינאַיינעם מיט די לאַנגע פּיאות, לאַנגע קאַפּאָטעס און מיט נישט טאָרן עסן קיין אַרבעס אום פּסח. האָט מען אַלץ געדאַרפט

אַוועקוואַרפֿן ווי עפּעס אַלטס, פֿאַרשימלט און אָפּגעלעבט. מיט אַזאַ צוגאַנג צו יידיש לעבן און יידישן שטייגער לעבן האָב איך נישט געקענט שרייבן וועגן שטעטל אָדער וועגן יידישן צאַפּלדיקן לעבן בכלל. האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן אַ פּשרה. פֿולע צוואַנציק יאָר האָב איך זיך אָפּגעגעבן מיט פֿאָלקלאָר. איך האָב אָנגעשריבן „שמערל נאַר", „דאָס קלוגע שניידערל", „די העלדן פֿון כעלם", „חכ־מים, עקשנים און נאַראָנים", „גילדערנע הענט" און צו לעצט „אַמאָליקע יידן" און „חומש פֿאַר קינדער". זאָל מיר דער כביכול מוחל זיין: דער חומש איז ביי מיר אויך געווען פֿאָלקלאָר.

„דאָס אויפֿשטעלן פֿון פֿאָלקלאָריסטישע העלדן איז פֿאַר מיר געווען אַ גרויסע באַפֿרידיקונג. מיין שייכות צו זיי איז געווען בלויז גענעאָלאָגיש, ווייטע ברודער־שאַפֿט. וועגן אַ ווייטן קרוב קען מען רעדן וואַרעם באַהאַרצט און אַפֿילו זיך גרייסן מיט אים, אָבער נישט נאָכמאַכן אים. יאָ, איך האָב אָנגעשריבן אַכט ביכער מיט „אַמאָל איז געווען". צו דעם אַמאָל, צום ווייטן אַמאָל, האָב איך געקענט און גע־מעגט אַרויסווייזן ליבשאַפֿט. צום נאָענטן עבר און צום איצטיקן דינאַמישן יידישן לעבן האָב איך זיך נישט צוגערירט.

„איר זעט, מיין טייערער אַריה־לייב, איך וואַרף נישט אַראָפּ פֿון זיך די פֿאַר־אַנטוואָרטלעכקייט".

אַריה־לייב:

„זאָג איך אָבער, אַז ס'איז אַ שאָד און אַ שאָד, וואָס איר פֿאַרטכלעוועט צייט אויף אומפּרודוקטיווע אַרבעט. איך האַלט זיך נאָך אַלץ ביי מיינעם: אמונה איז נישט קיין טעאָרעטישער ענין. אָדער איר גלייבט באמונה שלימה פּשוטו כמשמעו אין שכר ועונש אויף דער און אויף יענער וועלט, אָדער עס איז נישט מער ווי גייסטיקע גימנאַסטיק, אַן אַבסטראַקטע ספּעקולאַציע מיט „טיפֿע געדאַנקען", וואָס ווערן גיך פֿאַרעלטערט, אָט ווי איך האָב געשריבן וועגן מענדעלע מוכר ספרים „יודל" — „די אָפּטמאָל שיינע געדאַנקען און חקירות, וואָס באַוועגען זיך דאָ, קלינגען אונדז פֿרעמד". אָבער אַ גוט ליד, אַ קינסטלערישע דערציילונג בלייבן אַלע מאָל לעבעדיק, פֿריש און ניי.

„חוץ אַלעמען, ליגט אין אייער אַרבעט אַ גרונט־חסרון, וואָס מאַכט אייער שרייבן פֿרעמד און ווייט פֿון אונדז. איר באַגרינדט מייסטנס אייערע טעזיסן אויף פּסוקים און מאמרי חז"ל, וואָס האָבן אַ באַטייט און אַ זין נאָר פֿאַר גלויביקע. פֿאַר אונדז זענען די פּסוקים און מאמרי חז"ל נישט קיין בר־סמכאס, אָט ווי די היס־טאָרישע ראיות, וואָס ר' יהודה הלוי ברענגט אין „כוזרי" צו באַפֿעסטיקן די יידי־שע אמונה, ווייל ער איז זיך סומך אויף די פֿאַקטן, וואָס געפֿינען זיך אין די פּסו־קים. ביי אים זענען אַלע ניסים טרוקענע היסטאָרישע געשעענישן".

איך:

„די אַלע פראַגעס האָב איך פריִער אַרומגערעדט, אָבער די טענות שפּרינגען אַרויס פון זייער פאַרבאַרגעניש מיט דער רעגלמעסיקייט פון „דזשעק” אין דעם שאַכטל — אַ קינדערשע צאַצקע, וואָס ווי נאָר מען עפנט דאָס דעקל, שפּרינגט אַרויס אַ ליאַלקע און פאַרנייגט זיך.

„דער ענטפער אויף אייער פראַגע איז עלעמענטאַר: פון היסטאָרישע טעקסטן דאַרף מען אַראָפּנעמען דעם לבוש פון זייער צייט. דעם כוזריס ליטעראַרישע מיט־לען צו באַווייזן די היסטאָרישקייט פון דער יידישער אמונה דאַרף מען נישט אָנ־נעמען. אָבער דער עצם געדאַנק, אַז יידישע אמונה איז דער יידישער היסטאָרי־שער גאַנג אין דער וועלט, איז גילטיק אויך היינט. דאָס זעלביקע איז אויך וועגן פּסוקים: מע דאַרף אַראָפּנעמען פון זיי דעם מעטאַפיזישן לבוש און איבערלאָזן די לאָגישע אויספירן פון דעם געדאַנקענגאַנג אין די פּסוקים. איר מעגט זיי טייטשן אַלעגאָריש, סימבאָליש און אָפּטמאָל גאָר פשוט אַראָפּנעמען דעם היפּערבאָליזם, די איבערגעטריבענע בילדלעכקייט פון פּסוק, און דער געדאַנק ווערט קלאָר.

„אייער קעגנערשאַפט צו נוצן פּסוקים און מאמרי חז״ל ווי ראיות פאַר אַ וועלט־באַנעם איז ביי מיר בכלל מוקשה. אַט האָט איר אַליין אויסגעטייטשט י. ל. פּרצן אויף אַזאַ אופן. איר האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצן בוך וועגן אים, און פּרצעס מעשיות זענען פול מיט מלאָכים, שׂרפים; אַלע מאָל געשעט עס אין הימל, אויף יענער וועלט. פּרץ איז געווען אַ בן־בית אין גן־עדן, אין גיהנום, געחברט זיך מיט מלאָכים, טויטע צדיקים, מיט די אָבות און, להבדיל, מיט שדים און רוחות. פון דעסטוועגן, האָט איר איגנאָרירט, און מיט רעכט, דעם דרויסנדיקן לבוש. איר האָט געשריבן וועגן „די פאָלקסטימלעכע געשיכטן”:

„עס איז אַ בוך פאַר אַלעמען און פאַר יעדערן באַזונדער: פאַר דעם קונסט־געניסער, פאַר דעם בעל־מוסר, פאַר דעם נישט־גלויביקן מתנגד, פאַר דעם פאַר־שפּעטיקטן משכיל און אויך פאַר דער סעקולאַרער יוגנט”. אין פּרצעס מעשיות זעט איר די כוונה, וואָס איז איינגעוויקלט אין דעם רעליגיעזן לבוש, אָבער די פּסוקים פון תנ״ך און די מאמרי חז״ל, מיינט איר, דאַרפן אָנגענומען ווערן כצורתם, ווען נישט, זענען זיי ווערטלאָז. טשיקאַווע! צוויי מאָסן!...

„דאָס, וואָס איר טענהט, אַז געדאַנקען ווערן פאַרעלטערט, מיין איך, אַז באמת טיפע אָדער עכטע געדאַנקען ווערן נישט פאַרעלטערט, פונקט ווי עכטע פּאָעזיע. און אויב זיי ווערן יאָ פאַרעלטערט, איז וואָס? אין גייסטיקע ענינים דאַרף מען אויך נישט וועלן זיין קיין גיריקער עושר.

„איצט וועגן אייער שטענדיקער טענה, אַז אמונה איז נישט קיין טעאָרעטישער און לאָגישער ענין, נאָר ס׳איז אַן עמאָציאָנעלע איבערצייגונג מיט אַ חשבון פון שׂכר ועונש — שטראָף און באַלוינונג.

„דאָס, מיין חשובער ר׳ אַריה־לייב, איז איינער פון די גרונט־טעותים פון

אונדזער ראַדיקאַל־סעקולאַרער סביבה. די אמונה, פון וועלכער איר רעדט, איז אַ פאָלקס־אמונה. עס זענען פאַראַן צוויי מדרגות פון אמונה: די העכערע מדרגה איז דער אינטויִטיוו־פילאָסאָפיש באַגרינדעטער גלויבן פון דעם דענקענדיקן מיעוט. די אַנדערע מדרגה איז די פאָלקס־אמונה, וואָס ווערט איבערהויפּט געטריבן פון שרעק און קרעמערישער אויסרעכענונג, די אמונה פון די פאָלקס־מאַסן. ס'איז אַזוי נישט נאָר אין רעליגיע, נאָר אויך אין אַלע גייסטיקע באַוועגונגען. מע דאַרף אָבער געדענקען, אַז די פאָלקס־אמונה קען נישט האָבן קיין האַפט אָן דער גע־דאַנקלעכער באַגרינדונג פון דעם מיעוט. אָן אַ באַשטימטער שיטה איז די פאָלקס־אמונה נישט נאָר „מצות אנשים מלומדה", נאָר פּשוטער אַבערגלויבן, וואָס איז ביז אַ געוויסן גראַד איר מקור. אָבער יידישע אמונה איז קיין מאָל נישט געווען בלויז פאָלקס־גלויבן. אַלעמאָל איז ביי יידן געווען אַן אויבערשטער שיכט פון תלמידי־חכמים, וואָס האָבן באַגרינדעט זייער אינטויִטיוון גלויבן מיט אַ פילאָסאָפישער שיטה. די נביאים האָבן נישט באַנוצט דעם גריכישן מעטאָד פון עקספּאָזיציעס, מיט דערקלערן דעם אַבסטראַקטן געדאַנק מיט קאָנקרעטעביישפּילן. בדרך כלל האָבן זיי נישט אויפגעבויט קיין אויסגעאַרבעטע סיסטעם. די נביאים האָבן גע־נוצט די פּאָעטישע מעטאָדע. דורך בילדלעכקייט, אָפט דורך היפּערבאָליזם. מיט אַ גוזמאדיקן לשון האָבן זיי איבערגעגעבן טיפע פילאָסאָפיעס. מיינסטנס נישט אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן.

„די נביאים, די סופרים, די תנאים, די גאונים האָבן גאָר אָפט באַקעמפט די פאָלקס־רעליגיע מיט אירע אַבערגלויבנס. אין אונדזער תקופה פון ראַציאָנאַליזם ווילט איר איבערלאָזן די פאָלקס־רעליגיע אויף איר אייגענעם באַראָט, ווייל איר מיינט, אַז דער לבוש איז דער עיקר?

„לויט דעם יידישן וועלט־באַנעם (איך וויל אייך נישט שאָקירן און זאָגן על פּי תורה) איז דער עלעמענט פון שרעק גאָרנישט דער עיקר. מיר דאַרפן טאַקע מורא האָבן פאַר גאָט און אים ליב האָבן, אָבער מיר דאַרפן אים פאָרשן און זען צו האָבן אַ דערקענטעניש, אַ שכלדיקן באַגריף פון זיינע דרכים. דערלויבט מיר צו ברענגען אַ שטיקל רמב"ם וועגן דעם דאָזיקן ענין:

„דער, וואָס פאַרנעמט זיך מיט לערנען תורה כדי צו קריגן שכר, אָדער כדי עס זאָל נישט קומען אויף אים קיין אומגליק, מיינט עס, אַז ער לערנט תורה שלא לשמה. ער לערנט תורה מיט זייטיקע כוונות. אָבער דער, וואָס פאַרנעמט זיך מיט איר נישט צוליב שרעק און נישט כדי צו קריגן באַלוינט, נאָר מאַהבה, פון ליב־שאַפט צום האַר פון דער וועלט, וואָס האָט עס אָנגעזאָגט, איז עס לשמה, געלערנט אָן זייטיקע כוונות. אָבער אונדזערע חכמים האָבן אָנגעזאָגט, אַז אַ מענטש זאָל זיך מתעסק זיין אין תורה אַפילו מיט פניות, מיט זייטיקע כוונות, שלא לשמה, ווייל דורך דעם וועט ער קומען צו דער מדרגה צו פאַרנעמען זיך מיט דער תורה לשמה

אַן פניות, שמתוך שלא לשמה באָ לשמה. דערפאַר לערנט מען קינדער, פרויען און עמי־הארצים צו דינען גאָט פאַר מורא און מע זאָגט זיי, אַז זיי וועלן קריגן שכר, באַלוינונג, ביז עס וועט זיך פאַרגרעסערן זייער וויסן און זיי וועלן ווערן קליגער״.

„עס איז אַ באַוווּסטע און קלאָרע זאַך, אַז די ליבשאַפט צו גאָט ווערט נישט איינגעבונדן אין מענטשנס האַרצן, סיידן ער פאַרנעמט זיך שטענדיק מיט דעם און לאָזט אויס אַלץ, וואָס איז אין דער וועלט, ווי עס איז אָנגעזאָגט געוואָרן: „מיט דיין גאַנצן האַרצן און מיט דיין גאַנצער זעל״ (דברים ו׳, ה). מ׳קען באמת ליב האָבן גאָט נאָר מיטן וויסן, מיט דעם שכל, וואָס דערקענט אים. די ליבשאַפט איז לויטן וויסן, אַביסל וויסן — אַביסל ליבשאַפט, אַ סך וויסן — אַ סך ליבשאַפט. דערפאַר דאַרף אַ מענטש זיך אָפּגעבן צו פאַרשטיין און באַנעמען די חכמות און באַגריפן, וואָס קלערן אים אויף דעם באַשעפער, לויט דער מעגלעכקייט, וואָס אַ מענטש האָט צו פאַרשטיין און באַנעמען״. (רמב״ם, ספר המדע הלכות תשובה, הלכה ה׳ און הלכה ו׳).

„מיר דאַכט זיך, אַז מע דאַרף גאָרנישט צוגעבן צו די דאָזיקע רייד.

„דער חילוק צווישן דער העכערער רעליגיע און דער פאָלקס־רעליגיע איז אַזאַ דבר ידוע, אַז עס איז נישט כדאַי צו רעדן וועגן דעם צו לאַנג. איך האָב אָבער פריִער מאריך געווען וועגן דעם ענין און איצט באַטאָן איך עס ווידער, ווייל עס איז אַן איינגעוואָרצלטער טעות ביי אונדז ספּעקולאַריסטן״.

אַריה־לייב:

„הינטער אַלע אייערע שיינע רייד און געפּליגלטע געדאַנקען און די מראה מקומות, וואָס איר האָט אַזוי ליב אַלע מאָל צו ברענגען, באַהאַלט זיך דער פּשוטער רוף: „צוריק אין שול אַריין״. איך וועל אייך ציטירן נישט פון דעם רמב״ם, נאָר פון מיינער אַן אייגענער עסיי, וואָס אויך מיינע פריִערדיקע רייד האָב איך גענו־מען פון דאָרטן. אַז מען איז אַוועק פון עולם־השקר, איז מען פּטור סיי פון מצוות און סיי פון עבירות, און פון קנאה און פון גאווה. איך האָב געשריבן וועגן דער פרומקייט פון די בעלי־תשובה:

„מחמת דער שאַלעכץ (פון השכלה), וואָס איז אָפּגעבליאַקעוועט געוואָרן, וואַרפט מען אַרויס דעם תוך, דעם געזונטן יאָדער, וואָס איז געבליבן פון איר. ובכן „השיבנו נאַזאַד״, לאָמיר, רופט מען, זיך אומקערן צוריק צו דער אַלטער גע־טער אָרטאָדאָקסיע! אַנדערע גייען נאָך ווייטער. זיי רופן אונדז צוריק אין געטאָ אַריין. איז איצט, גראָד איצט, אַ צייט צו געדענקען, אַז פּונקט ווי מיר קענען נישט און ווילן נישט אומקערן זיך צום עקסטרעמיזם פון דער „עפּאָכע פון אַנטיטעזיס״, ווי דובנאָוו האָט אָנגערופן די תקופה פון עמאַנציפּאַציע און אַסימילאַציע, אַזוי קענען מיר נישט און טאָרן נישט וועלן צוריק אויפלעבן דעם איינזייטיקן טעזיס

פון איזאָלירטן און האַלב־פאַרגליווערטן, כאָטש טיף יידישן, געטאָ־לעבן ערב דער עפּאָכע פון עמאַנציפּאַציע".

„עד כאן מיינע רייד. איצט אַ פּאָר שורות פון יוסף אָפּאַטאָשוס פיינער עסיי „וואָס איז יידישקייט?" ער שרייבט נאָך שאַרפער וועגן אונדזערע השיבנו־נאָזאָד־ניקעס:

„די אַלע געטאָ־שטימונגען, די אַלע „צוריק אין שול אַריין"־שטימונגען באַווייזן, ווי דער דורכשניטלעכער מענטש איז הילפלאָז אין אַן עת־צרה, ווי ער איז פאַרלאָרן, ווי ער כאַפּט זיך אָן פאַר יעדער שטרוי, אַבי זיך צו ראַטעווען. און דאָ שפּילט אויך אַ סך צו די מאָדע. איבער דער וועלט טראָגט זיך אַ פינצטערע כמאַרע, ווערן אונדזערע הערצער פאַרכמורעט — — — דאָ קומען זיך צונויף די אַידעאָלאָגן פון דער אַגודה מיט אַ סך פאַרשטייער פון דער יידישער ליטעראַטור. די יידישע געטאָ ווערט דאָך היינט באַזונגען אין לידער. מע זעט אין איר שיינקייט, ווי אין שטריימל, ווי אין יידישן הילוך — — — אַזוינע שטימונגען גייען האַנט אין האַנט מיט אייגענער שוואַכקייט, מיט רעאַקציע. — — — נאָכן דורכפאַל פון דער רוסישער רעוואָלוציע (1906 — 1907) האָבן טייל יידישע פּאָעטן און עסייאיסטן געזען די ישועה אין לייגן תפילין און ווערן שול־יידן".

„עד כאן לשונו. ס'איז נישט נויטיק עפּעס צוצוגעבן".

איך:

„עס איז גוטע פּאָלעמיק, אָבער ווי אַלע מאָל אין אַ שאַרפן וויכוח רירט מען אָן די עקסטרעמען פון די הנחות און מע לאָזט אַרויס דעם עיקר פון עצם געדאַנק, כדי צו בלייבן גערעכט.

„אייער הויפּט־טענה, אַז די „השיבנו נאָזאָד"־שטימונג קומט אויף אין אַ תקופה פון ירידה און ברענגט יאוש, איז, ווי ווייט מיר איז באַקאַנט, צוערשט אָנגעוויזן געוואָרן פון שפּענגלערן אין זיין בוך „די ירידה פון מערב". ער האָט באַטאָנט, אַז ווען וועלכע ס'איז ציוויליזאַציע הייבט אָן גיין באַרג־אַראָפּ, קומט אָן אַ „צווייטע רעליגיאָזיטעט". אין זייער דיסאילוזיע און יאוש מאַכן די מענטשן אַ פּרווו צוריק צו כאַפּן דעם וויטאַלן גלויבן פון זייערע אָבות, אָדער צו שאַפן אַ סינטעטישן במקום" (זע שפּענגלער „דיקליין אָוו דהי וועסט", צווייטער באַנד, ז"ז 310, און הערבערט דזשיי מולער „דהי יוזעס אָוו דהי פּעסט", ז' 146).

„שפּענגלער דרשנט עס לגנאי, אָבער טאַיבבי האַלט עס דווקא פאַר אַ מעלה. דער אמת איז אַזאַ: אויב אין אַן עת־צרה קערט מען זיך אום בלינד צום קולט פון די אָבות, וואָס מע גלייבט נישט אין אים, און מע מאַכט נאָר אַן אָנשטעל פון גלייבן, אָט ווי אונדזערע קיומיסטן, דעמאָלט איז עס טאַקע נישט מער, ווי אָנכאַפּן זיך אין אַ שטרוי, וואָס מען טרינקט זיך, אַבי צו ראַטעווען זיך. דער אָנשטעל וועט נישט העלפן צו רעוויטאַליזירן, מאַכן עכט און לעבעדיק אָפּגעלעבטע באַגריפן.

אָבער אויב די אומרויִקע צייט ברויזט אויף דעם מענטשן און מאַכט אים עקסטאַטיש און שפּירעוודיק, דעמאָלט קען עס פירן און פירט טאַקע אָפט צו אַן איבערשאַצונג פון אַלטע ווערטן. ווען דאָס פּאַסירט, געשעט איינס פון די צוויי: אָדער מע פּאַרוואַרפט אינגאַנצן די אַלטע באַגריפן און מע שאַפט עפּעס ניי, אָדער מע דערפירט צו אַ סינטעז. דאָס איז נישט קיין נעגאַטיווע דערשיינונג. אַלע רעליגיעס זענען אויפגעקומען אין צייט פון אַ גייסטיקן איבערבראָך. ווען די אַלטע ציווילי־זאַציע און די אָנגענומענע קולטור האָבן פאַרלוירן זייערע ווערטן, האָט דער מענטש געמוזט געפינען אַ נייעם וועג צו גאָט, אָדער צו דער אַבסאָלוטער רעאַלי־טעט, ווי מיר רופן עס היינט. דאָס איז געשען אין וויטן מזרח מיט דעם אויפשטייג פון בודאַיזם, מיטן אויפקום פון קריסטנטום און איסלאַם. אין זעכצנטן יאָרהונ־דערט האָט עס געפירט צו דער רעפאָרמאַציע אין אייראָפּע. די סיבות זענען גע־ווען מאַטעריעלישע פאַרדאַרבנקייט, עקאָנאָמישער דרוק, אויפשטייג פון נאַציאָנאַ־ליזם און אַנדערע פאַקטאָרן.

„ביי אונדז, להבדיל, איז דער אויפקום, דער אויפשטייג און די פאַרשפּריי־טונג פון חסידות אויך געשען אין אַ צייט פון אומגליק און ירידה. אויך די מוסר־באַוועגונג איז פאָרגעקומען אין אַ צייט פון גרויסער צערודערונג. ועל כולם, די יידישע ליטעראַטור: די יידישע און העברעישע, דער יידישער נאַציאָנאַליזם אין אַלע זיינע שאַטירונגען זענען אויפגעקומען נאָך דער גרויסער צעטרייסלונג פון די פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן. דאָקטאָר הערצלס פּאָליטישער ציוניזם איז אויפגעקומען אין דער צייט פון דער ירידה פון אייראָפּעיִשן ליבעראַליזם.

„בעט איך אייך, געדענקט! מען טאָר נישט אַריינרעכענען צווישן אונזערע גאָט־זוכערס די בעלי־תשובה, די „צוריק אין געטאָ״־רופער, די פּריידיקער פון טאָטאַלער איזאָלאַציע. זיי האָבן זיך אומגעקערט צו דער אַלטער פונדאַמענטאַ־ליסטישער אמונה, וואָס איז פאַר אונדז אַ רעגרעסיע. זיי זענען בכלל מער נישט קיין זוכערס. זיי האָבן זיך איזאָלירט פון דער וועלט און האָבן שוין געפונען, וואָס זיי האָבן געזוכט. זיי זענען געוואָרן נכנע צו דער אַבסאָלוטער רעאַליטעט. מיר קענען זיי נישט נאָכלויפן. זיי זענען מן־הסתם צופרידן מיט זייער געפינס. זיי האָבן אָבער אויך אַ סך פאַרלאָרן, אָדער בעסער געזאָגט, זיי האָבן אַליין פרייוויליק אויפגעגעבן דעם שכלדיקן מוח צו דערקענען דעם כביכול מיט ראַציאָנעלער דערקענטעניש.

„די דאָזיקע בעלי־תשובה זענען מסתמא גליקלעך. זיי האָבן אַריינגעקראָגן אַן אילוזיע. אַן אילוזיע איז שיכרות. עס זענען פאַראַן מענטשן, וואָס זענען גאַנץ שעפעריש אונטערן איינפלוס פון באַרוישנדיקע געטראַנקען, אָבער בדרך־כלל איז עס אַן עסקייפּיזם, אַן אַנטלויפן פון אַ פּראָבלעם. דאָס מיינט נאַרן זיך אַליין. אַוודאי זענען פאַראַן בעלי־תשובה אויסנאַמען — נישט אַליין־אָפּנאַרערס. זיי האָבן

זיך איבערגעבראָכן און זענען אָן מליצה פון דאָס נײַ געבוירענע. אַזעלכע זענען אַ יוצא מן הכלל און אַלע זענען עמאָציאָנעל אַזוי איינגעשטעלט, אַז זיי האָבן געמוזט צוריקקומען. מיר רעדן נישט פון די לכתחילה פרומע. זיי זענען אַ באַזונדערע קאַטעגאָריע.

„איך וויל נאָכאַמאָל באַטאָנען: נעמט נישט אַריין אין חשבון די בעלי־תשובה, אָדער רעכנט זיי נישט אַריין צווישן די גאָט־זוכערס. די גאָט־זוכערס זענען טראַגישע נשמות, ווייל עס איז אַ ספק, צי זיי וועלן אים ווען עס איז געפינען. און אויב זיי וועלן געפינען די דערקענונג פון דעם כביכול, איז נאָך אַ גרעסערע פראַגע, צי זיי וועלן געפינען אַ וועג צו אים. זיי גרייטן אָבער צו אַ באָדן פאַר אַ געזונטער ענדערונג אין ייִדישן לעבן, אַ לעבן מיט אַ הלכה איינשטעל.״

אריה־לייב:

„מיינט איר מיר צו זאָגן, אַז גיין אין שול, אָפּהיטן פרום שבת, עסן כשרות און דאַווענען יעדן טאָג וועלן פאַרענטפערן אַלע ייִדישע פּראָבלעמען?״

איך:

„ניין, אָפּהיטן אַלע תרי״ג מצוות אָבער נישט זיין צוגעבונדן צו אַ וועלט־באַנעם איז אַ זינלאָזע טעטיקייט און מיר קענען ווערן ווי די שומרונים, אַ טויט־פאַרגליווערטע סעקטע. צוערשט דאַרף זיין אַ באַגרינדונג און אַן איבערצייגונג פון אַ שכלדיקן באַנעם, אַז עס איז פאַראַן אַ בעל־הבירה בכלל און אַז דער בעל־הבירה האָט אַ ספּעציפישן צוגאַנג און שייכות צום ייִדישן פאָלק. דערצו דאַרף מען באַגרינדן דעם ייִדישן דרך, נעמלעך, אַז כדי זיך צו דערנענטערן צום כביכול, צו רעאַליזירן זיין פּלאַן אויף דער וועלט, מוז זיין אַן אייגעשטעלטע הלכה. אָן דעם ייִדישן מיטאָס, אָן דער פאַרשטענדעניש פון דער ספּעציפישער ייִדישער ראָלע אין דער וועלט, פשוט גערעדט, אָן דעם „אתה בחרתנו״ דעם אַלטן באַגריף פון ישעיהס עבד ה׳, אָבער נישט אין אַבסטראַקט, נאָר ווי אַ טאָג־טעגלעכע פליכט האָט נישט קיין זינען דער ייִדישער ריטואַל און צערעמאָניאַל. תפילין, וואָס מען ווייסט, אַז אין זיי זענען אַריינגעלייגט הייליקע פרשות, זענען תפילין. אָן הייליקע פרשות זענען זיי בלויז פיר־קאַנטיקע שיידלעך אָדער שאַכטלעך. שבת מיטן באַגריף פון קדושה ציט זיין יחוס פון אַ קאָסמישן געזעץ, אָבער אַ זיבעטער טאָג פאַר רו איז נאָר אַ טאָג, ווען מען אַרבעט נישט און אָפּט פטרט מען גלאָט צייט.״

אריה־לייב:

„לאָמיר אייך פאַרשטיין קלאָר: איר מיינט צו זאָגן, אַז פאַר אונדז, וואָס מיר האַלטן נישט פון ייִדישן רעליגיעזן וועלט־באַנעם, האָט ייִדישקייט נישט קיין שום ווערטן?״

איך:

„לדידי בלייבט גאָרנישט. די איצטיקע ייִדישע וועלטלעכע קולטור, און איך

בין כולל אַלץ, איז אַ פּועל־יוצא פון דעם איינגאַרטיקן ייִדישן גאָט־באַגעם. מיר, וואָס היטן נישט אָפּ ייִדישקייט, האָבן געירשנט אַזאַ רייכע ירושה, אַז מיר קענען נאָך זיין שעפעריש יאָרן און יאָרן אַלץ אין זכות פון דער רעליגיעזער ייִדישקייט. אָבער סוף־כל־סוף וועט די ירושה אויסרינען, אויב מיר וועלן זי נישט מאַכן די־באַמיש. לויט דעם סעקולאַרן נאַציאָנאַליסטישן וועלט־באַנעם איז נישטאָ קיין פאַר־וואָס אַפילו פאַר אַ קליינער מאָס פון איזאָלאַציע אין די תפוצות, און פאַר דעם וועלטלעכן ייִדן איז נישטאָ קיין זינען אין ייִדישן קיום. יאָ, ער האָט נאָר איין אויסוועג: ער קען בלייבן אַ ייִד אַן המשך, אָט ווי די גריכן און עגיפּטער זענען געבליבן, כאָטש זיי האָבן קיינמאָל נישט פאַרלאָזט זייער וווינאָרט, באַזעצן זיך אין מדינת ישראל און ווערן אַ ייִד־גוי ווי אַלע פעלקער.

„איר אַליין, ר׳ אריה־לייב, האָט זיך אָנגעשטויסן אויף דער דאָזיקער תשובה. דערלויבט מיר אויך צו ברענגען אַ ציטאַטע פון אייער פראַכטפולן קונטרס „יש־ראל, פאָלק און לאַנד״. איר פרעגט:

„פרעגט זיך, ווי איז עס געקומען דערצו, אַז אָט דער היסטאָרישער וועג, וואָס האָט געפירט פון לאַנד צו וועלט און פון פּאָליטיק צו גייסטיקער קולטור, זאָל זיך מיטאַמאָל פאַרקירעווען צוריק און ווידעראַמאָל אונדז פירן צו לאַנד און מלוכה, צו „באָדן און בלוט״, שטעלנדיק אַזאַ אַלט פאָלק פאַר אַ נסיון צו ווערן אַ „ניי־געבוירן פאָלק״? ווי איז עס געקומען צו אַן איבערקערעניש, וואָס איז אַן אי־בערקערעניש אין אונדזער פאָלקס־געשיכטע, נישט בלויז אין געאָגראַפיע?״

„עד כאן אייערע רייד. לדידי איז דער תירוץ אויף אייער קשיה אַ פּשוטער. כל־זמן מיר האָבן געהאַלטן פון דער גאָט־אידייע, איז ייִדישקייט נישט געווען צו־געבונדן צו לאַנד, צו געאָגראַפיע. אָבער ווען מען פאַרלייקנט די אייגנאַרטיקע ייִדישע גאָט־אידייע, בלייבט נאָר אַ צוריקקער צו לאַנד, צו דעם אָנהייב פון ייִדי־שער געשיכטע. נישטאָ פאַר קיין סעקולאַריסטן נאַציאָנאַליסטן קיין אַנדער אויס־וועג. נישטאָ!

„איר זאָגט מיט פאַרדראָס און ביטערניש אין דעם זעלביקן קונטרס:

„אַזוינע ווי אַרטור קעסטלער אָדער פּראָפעסאָר סמאָנטענקא האָבן שוין דער־קלערט, אַז מען קען איצט יוצא זיין מיט לאַנד ישראל און — ברוך שפטרני. יש־ראל אַליין וועט שוין פון איצט אָן טראָגן דעם עול פון אונדזערע מצוות און עבי־רות. מיר דאָ, אין חוץ לארץ, מעגן זיך שוין פאַרגינען צו זיין ווי וויט מיר זענען ייִדן — מתים, וואָס זענען פּטור פון מצוות און האָבן שוין במילא נישט קיין עבי־רות. עס וועלן זיך זיכער געפינען ייִדן, וואָס וועלן זיך אָנכאַפּן אין אָט דעם מיטל צו ראַציאָנאַליזירן און צו באַרעכטיקן זייער ווונטש אָראָפּצוואַרפן פון זיך דעם עול פון ייִדישקייט.״

„איך מיין, אַז ס׳איז נישטאָ וואָס זיך צו ברוגזן אויף קעסטלערן און אויף

פּראָפעסאָר סמאָטענקאַ. דאָס איז דער לאָגישער פּועל־יוצא פון סעקולאַריזם. אָן דעם ייִדישן גאָט־באַנעם איז דער איינציקער אויסוועג אין די תפוצות טאָטאַלע אַסימילאַציע, און אין ארץ־ישראל — לאַנד און מלוכה. די גאַנצע ייִדישע קולטור מיט איר אייגנאַרטיקן שטייגער לעבן, אַריינגערעכנט די וווּנדערבאַרע שאַפונג ייִדיש, איז נאָר אַ פּועל־יוצא פון ייִדישן גאָט־באַנעם. אָן דעם איז אונדזער גורל אין די תפוצות ווי דער גורל פון אַלע מינאָריטעטן. דאָס מיינט, אַז עס וועלן בטל ווערן די תפוצות. אַלע פעלקער נעמען עס אָן ווי אַ פאַרשטענדלעכע זאַך. אָט איז אַ ביישפּיל:

„איר וועט דאָך צוגעבן, אַז די שוועדן זענען אַ הויך קולטורעל פאָלק. קאַרל סאַנדבורג איז אַ סענסיטיווער דיכטער, אַ גרויסער ביאָגראַפער און אַ שיינדל אין דער אַמעריקאַנער קולטור. ער האָט אָנגעשריבן זיין אויטאָביאָגראַפיע „אַלעמאַל דער יונגער פרעמדער" — „אַלוועיס דהי יאַנג סטרענדזשער". איידער איך האָב געלייענט דאָס בוך, האָב איך געמיינט, אַז ער ווייזט אָן ווי דער אימיגראַנט, אָדער זון פון אימיגראַנט, בלייבט אַלעמאָל אַ פרעמדער אין זיין אַדאָפּטירטן לאַנד, ווי גרינטלעך ער זאָל זיך נישט אַסימילירן. אָבער ער, קאַרל סאַנדבורג, האָט גאָר געמיינט, אַז אַ יונגער מענטש בלייבט אַלעמאָל אַ פרעמדער אין דער סביבה פון דערוואַקסענע, ביז ער אַליין ווערט אַ דערוואַקסענער. דאָס בוך האָט נישט וואָס צו טאָן מיט דער ראַנגלעניש פון אַסימילאַציע.

„די גאַנצע שוועדישע קאָלאָניע נעמט אויף גאַנץ נאַטירלעך, אַז דאָ, אין אַמעריקע, דאַרף מען זיך אַסימילירן. קאַרל סאַנדבורג פאַרלייקנט נישט זיין שוועדישקייט. פאַרקערט, ער דערציילט, אַז ביז היינטיקן טאָג האָבן געוויסע שוועדישע ווערטער מער באַטייט פאַר אים, ווי זייער עקוויוואַלענט אין ענגליש. למשל, „סטאַטטאַ" און „לעף". ביידע ווערטער האָבן דעם זעלביקן טייטש, אָבער „סטאַטטאַ", זאָגט סאַנדבורג, האָט עפּעס אַ סך מער קאָמישן קוויטש, ווי „לעף". דאָך שרייבט סאַנדבורג אָן אַ ברעקל פאַרדראָס און ווייטיק, וואָס די שוועדן האָבן דאָ אויפגעהערט רעדן זייער לשון. ער שרייבט:

„איך גלייב, אַז מיט מיר האָט פּאַסירט אין דער וועלט פון שפּראַך דאָס זעלביקע, וואָס מיט מיליאָנען אַנדערע אַמעריקאַנער גוטע בירגער. שוועדיש איז געוואָרן אַ לשון, וואָס מיר נוצן נישט מער. די ווערטער געהערן צו אַ שפּראַך פון אַ פרעמד לאַנד. אין אַ געוויסן זין קען מען זיי רופן „פאַרלוירענע ווערטער". מיר נוצן זיי אַמאָל צווישן זיך, מיט יענע מענטשן, וואָס זענען ווי מיר אַליין, מיט די מענטשן, וואָס דערפילן אַ וואַרעמקייט און אַ היימישקייט אין די דאָזיקע ווערטער, ווייל מיר האָבן זיי אַזוי גוט געקענט אין די יונגע יאָרן, אָבער נישט מער."

„אָט האָט איר אייך אַ סך־הכל פון דער קולטור פון די אימיגראַנטן, וואָס האָבן אַ גרויסן קולטור־צענטער אין אַן אייגן לאַנד. מיט אונדז וועט געשען דאָס זעל־

ביקע, אויב מיר וועלן זיך אָפּזאָגן פון דער אייגנאַרטיקער ייִדישער רעליגיע, פון ייִדישן גאָט. די ייִדישע קולטור וועט נישט געדייען אין די תפוצות, און אין מדינת ישראל וועלן ייִדן זיך אויך אַסימילירן און וועלן ווערן ווי אַלע פעלקער, וואָס זייער קיום און זייער „אייגנאַרט" זענען פאַרבונדן מיט באָדן און מדינה. מיר וועלן ווערן אַ „ניי־געבוירן פאָלק, נישט בלויז געאָגראַפיש". עס איז נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג.

„אָן ייִדישער אַנדערשקייט ווערט דער גלות אויס גלות. ער ווערט פּרזער אַ ניי וווינאָרט, דערנאָך אַ פּערמאַנענטע היים, ווי ביי אַלע פעלקער, וואָס עמיגרירן פון זייערע היימלענדער על מנת שלא לחזור — מיט דעם תנאי זיך נישט צוריקצו־קערן. דערלויבט מיר צו ברענגען אַ מדרש, וואָס טייטשט אויס אַ פּסוק, ווי דער שטייגער פון מדרש איז. אין דעם דאָזיקן מדרש איז פאַרוויקלט אַ וווּנדערבאַרער געדאַנק. זאָגט דער מדרש:

„עס שטייט געשריבן „גלתה יהודה" — יהודה איז פאַרטריבן געוואָרן אין גלות (איכה א׳, ג). ווערן דען אַנדערע פעלקער נישט פאַרטריבן אין גלות? איז דער ענטפער אויף דעם, אַז אַפילו ווען זיי ווערן פאַרטריבן אין גלות, איז זייער גלות קיין גלות נישט, ווייל זיי עסן פון דעם ברויט פון די אַרומיקע פעלקער און טרינקען זייער וויין. ביי ייִדן אָבער, וואָס עסן נישט דאָס ברויט און טרינקען נישט דעם וויין פון די אַרומיקע פעלקער, איז זייער גלות אַן אמתער גלות." (איכה רבתי, פרשה א׳, כח).

„מיר, די גאָט־זוכער, זענען מסכים מיט דעם דאָזיקן מדרש. מיר האַלטן, אַז די ייִדישע אייגנאַרטיקע גאָט־אידייע איז אויך גילטיק פאַר אונדז היינט, סיי אין די תפוצות און סיי אין מדינת ישראל, און אַז די דאָזיקע אידייע באַרעכטיקט אַ מאָס איזאָלאַציע און אַ קאַמף פאַר אַנדערשקייט. איז עס אַן „השיבנו נאַזאַד" אָדער אַ באַנייונג? איך האַלט, אַז עס איז אַ באַנייונג."

***

אָט דער דאָזיקער שמועס מיט אריה־לייבן איז פאַר מיר געווען אַ רעאַליטעט. אריה־לייב, פּונקט ווי מיין אָפּגעשפּאָלטענער איך, איז נישט געווען קיין גייסט, קיין געשפּענסט, נאָר אַ געשטאַלט פון בלוט און פלייש. מיר האָבן אָנגעפירט דעם וויכוח מיט קאָכעניש און הייס־בלוטיקער פאָלעמישקייט, כאָטש אַפילו עס האָט זיך קיין קול נישט געהערט.

עס האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן. זיין געשטאַלט איז צערונען געוואָרן, זיך צע־גאַנגען אין דער לופטן. די שטול אַנטקעגן מיר איז געוואָרן ליידיק און איך בין געבליבן זיצן אַ דערשעפּטער. איך האָב צונויפגעלייגט מיינע הענט אויפן שרייב־

טיש. איך האָב אָנגעשפּאַרט מיין קאָפּ אויף זיי און האָב האַלב־שלעפעריק געזאָגט צו מיין אָפּגעשפּאָלטענעם איך:

„ברענג מיר מער נישט קיין אושפּיזין. איך האָב מער נישט קיין כוח פאַר ווייטערדיקע וויכּוחים. שוין כּמעט גאַנצע צוויי יאָר, ווי איך בין ווי אונטער אַ היפּנאָז. איך בין פאַרכאַפּט אין אַ צויבער־רינג און קען נישט אַרויס. וויפל איז דער שיעור? איך וועל שוין באַלד אַריין אין אַ נעץ פון עמאָציאָנעלע איבערלע־בענישן, וואָס וועט ווערן אַזאַ פּלאָנטער, אַז איך וועל זיך קענען באַפרייען פון אים נאָר מיט אָפּנאַרעריי."

ער:

„איך וועל דיר ברענגען נאָר נאָך איין אושפּיז, איין געשטאַלט, אָבער נישט איצט, נאָר פאַרן עפּילאָג. איך וואָלט דיך איצט איבערגעלאָזט אויף דיין אייגענעם באַראָט, נאָר איך ווייס, אַז דו וועסט באַלד אַריינפאַלן אין אַ מיסטישער געדיכט־קייט, וואָס איז טאַקע באַהעפט מיט דיר, נאָר דו האָסט נישט די שליטה איבער איר. דערפאַר ווען איך וועל דיך האַלטן אין איין פרעגן, ווען מיר וועט עפּעס זיין קשה. דאָס וועט זיין, ווי עמעצער וואָלט דיר באַלויכטן דעם וועג. פאַרפּלאָנטער זיך נישט אין קיין צופיל חקירות. דערצייל אַלץ, ווי אַ מעשה. דערצייל, וואָס דו האָסט דערזען אין דער טונקלקייט פון דעם, וואָס איז ביי דיר פאַרבליבן אין זכרון פון די פאַרגאַנגענע דורות. האָב נישט קיין מורא פאַר דער אויסערגעוויינטלעכקייט און משונהדיקייט פון דיינע וויזיעס. זיי זענען דיין פאַרמעגן, דיין אייגנס, ביי קיי־נעם נישט געבאָרגט, זיי זענען דיין אייגענע ירושה, אַלע גילגולים זענען דיינע.

איך: „פאַר מיר איז איצט אַלץ קלאָר, טאָפּלטער איך מיינער. אָבער איידער דער וועג צו „אים" איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, בין איך דורכגעגאַנגען אַ מורא־דיקן פּלאָנטער פון וועגן. ווי אַזוי וועל איך קאָנען עמעצן דורכפירן דורך אַזעלכע פאַרפּלאָנטערטע וועגן? ווער וועט זיך וועלן אָנטרויען אין מיר און וועלן נאָכגיין נאָך מיר אין נעפּל און אין פינצטערניש אַזוי לאַנג, ביז ער וועט דערזען די קלאָרע ליכטיקייט פון דער אַבסאָלוטער רעאַליטעט, אָדער לכל־הפּחות דעם כּביכולס בלענדנדיקן אָפּגלאַנץ אויף דער וועלט און אויף דעם מענטשן"?

ער: „איך האָב דיר געזאָגט, אַז איך וועל האַלטן אַן אויג אויף דיר. איך ווייס, אַז דו וועסט אַרויס בשלום. לאָמיר עס נישט אָפּלייגן אויף לאַנג. עס איז באמת שוין צייט צו פאַרענדיקן. איצט, שלאָף איין, און איך זאָג דיר צו, אַז איך וועל דיך לאַנג נישט לאָזן וואַרטן, אפילו קיין וואָך נישט".

איך בין איינגעשלאָפן אָנגעשפּאַרט אויף מיינע צונויפגעלייגטע הענט אויפן שרייבט־טיש. שפּעט אין פרימאָרגן האָט מיין לאהקע מיך אָנגעהויבן וועקן מיט רוגזה:

„אַ בעלנות אָפּצוזיצן אַ גאַנצע נאַכט און איינשלאָפן אַן אָנגעטאָנענער מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויפן טיש! אַ פיינער קישן! און אוי, ווי איז צו מיר! טו אַ קוק אויף די פינגער פוןביידע הענט! דו דאַרפסט בייטן דעם דאָקטער. אָבער גיי אַרויף אין שלאָף־צימער. טו זיך אויס און לייג זיך אין בעט. דו קוילעסט זיך אָן אַ מעסער".

קאַפּיטל נײַנצן

# גלייך איז גלייך און קרום איז קרום

אין איר שרעק און זאָרג נבאה ולא ידעה מה נבאה — זי האָט פאַרויסגעזאָגט און נישט געוווּסט אַקוראַט, וואָס זי האָט פאַרויסגעזאָגט. איך בין טאַקע קראַנק געוואָרן. נאָך זעקס וואָכן אַרומלויפן פון דאָקטער צו דאָקטער בין איך אָפּערירט געוואָרן.

דריי טעג נאָך דער אָפּעראַציע. די לינקע האַנט, וואָס מען האָט ביי איר אָפּגעשניטן דעם מיטלסטן פינגער, האָט וויי־געטאָן, אָבער אָן סכנות. נאָך צוויי פינגער אָבער, וואָס זענען געווען היבש אָנגעגריפן פון ראַדיאַציע, זענען געווען ווי אָפּגענומענע: דער אגודל פון דער רעכטער האַנט און דער ווייז־פינגער פון דער לינקער האַנט.

ס'איז נאָך חצות און דאָך בין איך וואַך אָן אַ ברעקל שלאָף אויף די ברעמען. די נוירס האָט מיר געגעבן אַ שלאָף־פיל אַ זייגער ניין, בין איך אָפּגעשלאָפן ביז חצות און האָב זיך אויפגעכאַפּט. ליג איך אָן אויסגעשלאָפענער און אָן אויסגעטשוכעטער, ווי מען וואָלט מיר אויסגעוואַשן די אויגן מיט שניי.

ס'איז אַריבער אַרום אַ האַלבע שעה און די הענט האָבן זיך צעשפּילט. איך האָב געהאַט יסורים, אָבער מאָדנע: ס'איז קיין ברעקל פּאַרדראָס אין מיר נישט געווען און קיין זכר פון שרעק. איך בין געלעגן רויִק, עפּעס ווי מען האָט אַמפּוטירט אַ פינגער נישט ביי מיר, און איך ליג דאָ נישט אין שפּיטאָל מיט נאָך פינף פינגער באַרירט פון ראַדיאַציע. די רויִקייט האָט זיך פון מיר נישט אָפּגעטאָן אפילו, ווען דער ווייטיק איז געוואָרן שטאַרקער. איך בין געווען צופרידן מיט זיך, מיט מיין אמונה.

מיט אַ מאָל האָב איך דערפילט, אַז די לופט האָט אָנגעהויבן צו וויברירן. אַלץ אַרום מיר איז געוואָרן שפּירעוודיק און פול מיט דערוואַרטונג. איך האָב דערפילט, אַז „ער" קומט. איך האָב אומגעדולדיק דערוואַרט זיין קומען: די נאַכט איז לאַנג און איך קאָן נישט שלאָפן. מיר וועלן קאָנען שמועסן געמיטלעך. איך בין אַליין אין אַ פּריוואַטן שפּיטאָל־צימער און קיינער וועט אונדז נישט שטערן. די נוירס וויזט זיך נישט, סיידן מען רופט זי, און איך וועל זי נישט רופן.

„ער" איז אַריינגעקומען און האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן מיר אויף דעם אויסגערונדיקטן זיץ פון דער מעטאַלענער שטול, וואָס איז געשטאַנען לעבן מיין

בעט. אין דרויסן האָט געשנייט און עס האָט געשניטן אַ ווינטערדיקער ווינט, אָבער מיין טאָפּלטער „איך" איז געזעסן אַנטקעגן מיר, אָנגעטאָן זומערדיק און פאַר־פּוצט, מיט אַן איבערגעטריבענער פריילעכקייט אויפן פּנים, ווי אַן אָרעמער קרוב אויף אַ גבירס חתונה. עס ווייזט אויס, אַז ער האָט געוואָלט פאַרדעקן זיין אומ־רויִקייט.

ער: „איך וואָלט געפרעגט, וואָס דו מאַכסט, אָבער ס'וואָלט געווען אַ פראַגע פון אַ טיפּש. איך זע דאָך, אַז די אָפּערירטע האַנט אין פאַרבונדן און מיט אַ מייל מאָרלע דערצו איז פאַרבונדן דער פינגער אויף דער צווייטער האַנט. דו ביסט אין יסורים. דאָך ביסטו רויִק אָן אַ שמץ פאַרדראָס".

איך: „קיינער דאַרף נישט גלוסטן נאָך יסורים, אָבער ווען זיי קומען, טאָר קיין מענטש נישט ווערן שפּל ביי זיך, ווייל יסורים מאַכן דעם מענטשן באַוווּסט־זיניק, אַז ער איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט און גלייכעניש. דער מדרש זאָגט: „האָסטו ווען געזען אַן אייזל קרימען זיך און ווערן נערוועזיש, צעטראָגן פון אַ חולאת? ניין, ווייל נאָר אויף אַ מענטשן קאָן מען זאָגן, אַז ער ליידט יסורים און פילט זיך אין אַ שפלן מצב. די באַוווּסטזיניקייט, אַז מען ליידט, איז אַ מענטשלעכע מדרגה".

„פאַראַן נאָך אַ סיבה, פאַרוואָס איך בין ביי זיך נישט שפּל. איך האָב געהאַט גליקלעכע זעקס און דרייסיק יאָר, באמת יאָרן פון שלוה און רו, יאָרן פון גוטער מערכה. די גאַנצע צייט פון די גוטע יאָרן האָב איך געטראַכט: „וואָס וועט זיין, אַז יסורים וועלן קומען אויף מיר? וועל איך קריגן חולשת־הנפש און מיין צער וועט מיך איבערגעוועלטיקן און מיין טאָג־טעגלעך לעבן וועט ווערן פול מיט תרעו־מות?" פלעג איך אָפט ליגן אין דער פינצטערער שטילקייט פון נאַכט און איבער־טראַכטן אַלע פאַלן פון אומגליק. איצט, ווען חולאתן זענען מיך באַפאַלן אין די לעצטע דריי יאָר, בין איך געווען גרייט פאַר זיי. באמת, ס'איז אַ מין פאַרלייכטע־רונג: אַט זענען די יסורים שוין דאָ און איך וועל זיי בייקומען. לכל הפּחות, ווייס איך, וואָס דער אומגליק איז".

ער: „זעסטו, דאָס האָב איך נישט געאַנט. איך האָב זיך אָבער אויסגעפּוצט, ווייל איך וויל דיר אָפּגעבן אַ יישר־כּוח גאָר צוליב עפּעס אַנדערש. נישט נאָר ביסטו רויִק, מונטער, נאָר דו האָסט שוין מער נישט די האַלוציגאַציעס פון ווערן אַ פינטעלע פּראָטאָפּלאַזם. פאַר דריי יאָרן און פאַראַיאָרן, ווען דו ביסט געלעגן אין שפּיטאָל, האָסטו נאָך געהאַט די דאָזיקע האַלוצינאַציע".

איך: „פאַר דריי יאָרן און אַפילו פאַראַיאָרן איז פאַר מיר נאָך נישט געווען אַזוי קלאָר, אַז אין דעם סדר פון דער וועלט איז אַזוי איינגעשטעלט, אַז רשעות, אומגליק, חולאת זענען בלויז דעם מענטשנס שולד, און נישט דעם כּביכולס, ווי איך האָב פריִער וועגן דעם גערעדט באריכות. חוץ דעם איז מיין איצטיקע קראַנ־

קייט אַ גוטער באַווייז פאַר מיין הנחה. מיין איצטיקע שלאָפקייט איז קלאָר, בלי שום שמץ ספק, אין דעם גבול פון הכל בידי שמים חוץ מצינים פחים — אַלץ קומט פון גאָט מיט דער אויסנאַם פון אַ פאַרקילונג, אָדער אַריינפאַלן אין אַ פאַסטקע. (אַזוי טייטשן עס אַנדערע מפרשים). עס מיינט, אַז דער מענטש דאַרף זיך אָפּהיטן און נישט באַשולדיקן גאָט אין אַן אומגליק, ווען ער אַליין היט זיך נישט אָפּ. מיין איצטיקע מחלה איז דאָך זיכער אַ פּועל־יוצא פון נישט אָפּגעהיט־קייט. איך בין געווען איינער פון די ערשטע דענטיסטן, וואָס האָט געניצט גאָר אָפט אַ רענטגען־שטראַלן־מאַשין. אין יענע יאָרן האָט מען נאָך נישט באַנומען די שעדלעכקייט פון די דאָזיקע שטראַלן אויף דעם מענטשנס גוף. נו, בין איך באַשע־דיקט געוואָרן, האָב איך אָפּגעלערנט אַ גזרה־שוה אויף אַנדערע אומגליקן און חולאתן: פונקט אַזוי ווי מיין איצטיקע חולאת איז אויף מיר געקומען איבער מיין אייגענער אומוויסנקייט און נישט אָפּגעהיטקייט, אַזוי קומען אַלע אַנדערע שלעק און פורעניות אויף יחידים און פעלקער איבער מענטשלעכער אומוויסנקייט און נישט־אָפּגעהיטקייט. איצט האָב איך געקאָנט עמאַציאָנעל אויפנעמען און פאַר־שטיין דעם געדאַנק, וואָס איך האָב זיך פריִער צו אים דערטראַכט ראַציאָנעל״.

„בכלל, איז מיין וועג צום כביכול געוואָרן פאַר מיר קלאָרער און שאַרפער. איך האָב זיך באַפרייט פון אַ סך ספיקות און אויך פון דער שרעק און האַלוצי־נאַציע פון ווערן אַ פינטעלע פראַטאָפּלאַזם, וואָס איז געווען אַ סימן, אַז דער מענטש איז הילפלאָז און נישטיק אין דער נאַטור, ווייל ער איז אַן אַ גאָט״.

ער: געדענקסטו, ווען דו האָסט צום ערשטן מאָל געקראָגן די דאָזיקע בייזע, פּחדימדיקע האַלוצינאַציע?״.

איך: „אַזעלכע זאַכן פאַרגעסט מען נישט. עס איז שוין אַ קיימאַ־לן פון דרייסיק יאָר זינט יענער צייט און דער טאָג ליגט אין מיין זכרון קלאָר אין אַלע געשטאַל־טונגען. איך געדענק, אַז אין יענע יאָרן בין איך געווען אַן איבערצייגטער אַטעִיסט.

„עס איז געווען מיטוואָך, אַ ווונדערלעכער און לינדער זומער־טאָג אין אוי־גוסט, אַ זייגער צען אין דער פרי. אַ קאָלעגע שרייבער האָט מיר טעלעפאָנירט, אַז דער גרויסער דיכטער ל. איז פּלוצים געשטאָרבן און אַז זיין ווייב זיצט אויפן טראָטואַר לעבן אַריינגאַנג פון שפּיטאָל, אַ שווייגנדיקע, אַ פאַרשטאַרטע און רירט זיך נישט פון אָרט. זי זיצט אַזוי, זינט מען האָט אים געבראַכט אין שפּיטאָל, זעקס אַזייגער אינדערפרי. איצט איז שוין צען. זי האָט גאָר נישט געהאַט אין מויל פון נעכטן בייטאָג אָן, ווען דער דיכטער אין פּלוצים חרוב געוואָרן. מיין קאָלעגע, וואָס האָט מיר טעלעפאָנירט, האָט נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן. דער פאַרוואַלטער פון שפּיטאָל וויל, אַז מען זאָל די פרוי אַוועקנעמען פון אַריינגאַנג צום שפּיטאָל. אויב נישט, סטראַשעט ער זיך צו ווענדן צו דער פּאָליצײ נאָך אַ דערלויבעניש זי אַריינ־

צוגעמען אין דער פּסיכיאַטרישער אָפּטײלונג פון שפּיטאָל פאַר אָבסערוואַציע. „איר מוזט תּיכּף קומען און זי אַוועקנעמען”, האָט מײן קאָלעגע פאַרענדיקט.

„איך האָב זיך אַרײנגעזעצט אין אויטאָמאָביל און זיך אַוועקגעלאָזט צום שפּי־טאָל... יאָ, מײן קאָלעגע האָט נישט איבערגעטריבן. אַ קלײנינקע, אַ דאַרינקע, אָנ־געטאָן אין אַ ציצענעם קלײדל, איז זי געזעסן אויפן אַספאַלט, די הענט אַרום אירע קני, די פּלײצע אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט פון שפּיטאָל, און האָט געקוקט פאַר־שטאַרט פאָרויס. אָפענע אויגן האָבן געקוקט און גאָרנישט געזען.

„איך בין צו איר צוגעגאַנגען און נישט אַרויסרעדנדיק קײן וואָרט, האָב איך זי אויפגעהויבן, ווי מען הייבט אויף אַן עופהלע פון אַ וויגעלע. איך האָב זי אַרײנ־געטראָגן אין אויטאָמאָביל און האָב זי אַוועקגעפירט פון דעם שפּיטאָל. ווהיז גע־דענק איך נישט.

„בכלל, געדענק איך נישט קײן סך פון יענער געשעעניש. איך געדענק אַפילו נישט, צי איך בין געגאַנגען צו דער לוויה. אײן זאַך בלויז איז מיר געבליבן אין געדעכעניש: זי זיצט אויפן אַספאַלט מיט דער פּלײצע צו דער וואַנט פון שפּיטאָל. די וואַנט וואַרפט אַ לאַנגן שאָטן, אָבער אין דער אמתן איז די מויער־וואַנט נאָך העכער און גרעסער פון שאָטן, ווײל דער שפּיטאָל איז צוועלף שטאָק די הייך. איבער דער הויכער וואַנט איז אַ טיפער, ווײטער הימל, און איבערן הימל זע איך קאָנסטעלאַציעס, וואָס ציִען זיך אָן אַ סוף. וועלטן און וועלטן... און דאָס אַלץ איז אויפגעקומען צופעליק. אַזוי האַלטן מיר... און עס האָט נישט קײן טעם, און עס האָט נישט קײן גראַם, ווי אונדזער וועלט דאָ, און דאָ זיצט אַ פּינטעלע, אַ פלעק פון פּראָטאָפּלאַזם, וואָס באַקלאָגט און באַווײנט אַן אַנדער פּינטעלע פּראָטאָפּלאַזם, וואָס האָט זיך באַוועגט אויף אונדזער וועלט מיט עטלעכע רגעס ווײניקער, ווי דער שטײגער איז.

„אַ טראַגעדיע? נײן, אַ קאָמישע שפּיל, ווײל וואָס פאַר אַ טראַגעדיע איז עס, ווען אַ קינד שפּילט זיך מיט זײפן־בלאָזן און אײן בלעזל שווימט אַרום אין דער לופטן און מיניעט דרײ רגעס, אין דער צײט, וואָס אַ צווייט בלעזל מיניעט בלויז אַנדערהאַלבן רגעס?

„יענע געשעעניש האָט אויף מיר אַזוי שטאַרק געווירקט, אַז צו אַלע מײנע קאָשמאַרן איז צוגעקומען נאָך אַ קאָשמאַר. שוין אין דעם זעלביקן טאָג איז אויף מיר אָנגעפאַלן אַ מרה־שחורה. פּלוצעם, ווען איך בין געזעסן אויף אַ שטול, האָב איך דערפילט, אַז איך שרומפּ אײן, אַז אָט ווער איך, ווי אַ פליג, אָט נאָך קלענער, אַ פּינטעלע, אַ פלעק. איך ליג ווי אַ פּינטעלע און די רײד פון דעם פאַרשטאָר־בענעם דיכטער, משה לײב האַלפּערן, זענען מיר געקומען אויף די ליפּן:

„צופט ער אַזוי די שטרוי אין דער נאַכט,
טוט זיך אים נאָך אַ מאָל עפּעס אַ טראַכט.
טראַכט זיך אים, הערט ער זיך נאָך אַ מאָל איין,
שעפּטשעט אים עמעץ אין אויער אַריין:
אַז גאָרנישט איז גלייך און אַז גאָרנישט איז קרום
און ס׳דרייט זיך אַ וועלט אַרום גאָרנישט אַרום.
צופּט משה־לייב מיט נעגל די שטרוי
און שמייכלט. פאַרוואָס? גלאַט אַזוי!״

ס׳איז ביי מיר געוואָרן אַ מאַניע, אַז ווען איך פלעג ווערן מיד, אָדער ווען עס האָט מיך איבערגעוועלטיקט די יאָגעניש און האַרמידער פון מיין באַשעפטיקונג, פלעגט אויף מיר אָנפאַלן די האַלוצינאַציע און איך האָב געמוזט אַנטלויפן אין מיין פּריוואַטן צימער אין קאַבינעט. איך פלעג פאַרשליסן די טיר, זיך אוועקזעצן אויפן דיל, מיט דער פּלייצע אָנגעשפּאַרט אין וואַנט און עס פלעגט מיך באַפאַלן אַ גע־פיל, אַז איך ווער איינגעשרומפּן, אַז איך ווער אומוויכטיק און נישטיק. איך ווער אַ פּינטעלע, אַ פלעק פון פּראָטאָפּלאַזם אין אַ וועלט פון תוהו און זינלאָזיקייט.

עס פלעגן מיך אַרומנעמען אַנגסטן, פאַרלוירנקייט און אַ מאָדנער געפיל פון הענגען אין דער לופטן, אין גאַנצן אַרויסגעריסן פון דער רעאַליטעט. ס׳איז געווען אַ גליק, וואָס די גאַנצע האַלוצינאַציע האָט געדויערט נישט מער ווי גע־ציילטע רגעס. די געשעעניש פלעגט אָבער פון איין מאָל צום אַנדערן בלייבן אַזוי שאַרף, קלאָר און רעאַל אין מיין זכרון, אַז איך האָב עס ממש געפילט, ווי אַ פּי־זישן פּראָצעס, אָט ווי מען פילט דעם טעם פון אַ זויערן עפּל אויף דער צונג, אָדער ווי מען זעט דאָס גלי׳ען פון אַן אָנגעצונדן שוועבעלע אין דער חשכות פון דער נאַכט אין אַ צימער אָן פענצטער.

ערשט מיט אַ צוויי יאָר צוריק האָב איך זיך אָנגעהויבן צו באַפרייען פון דער דאָזיקער האַלוצינאַציע. עס איז געשען נאָך דעם, ווי איך האָב אָנגעהויבן אַראָפּ־שרייבן מיין גערעַנגל, און נאָך יאָרן ספיקות, ווען איך האָב זיך דערטראַכט צום כביכולס מציאות, צו זיין השגחה, און איבערהויפּט, ווען איך האָב זיך דערגרונ־טעוועט צום געדאַנק, אַז דער מקור פון רשעות איז אין דעם מענטשן; אַז עס קומט נישט פון גאָט און אַז עס איז פאַראַן אַ פּלאַן, אַ געטלעכער פּלאַן אין דער יצירה. ווען דאָס אַלץ איז מיר קלאָר געוואָרן, איז די האַלוצינאַציע פאַרשוווּנדן און האָט זיך מער נישט אומגעקערט״.

ער: ילמדנו רבנו, פאַרוואָס האָט זיך דיין שטאַרקע שיפלות אָנגעהויבן, ווען דו האָסט דערזען דעם דיכטערס פּרוי זיצנדיק אַזוי הילפלאָז אויפן טראָטואַר און האָסט זיך דערמאָנט אין משה־לייב האַלפּערנס לידז? און דיין פּרי׳ערדיקע רעלי־

גיעזע דערציִונג האָט נישט משפּיע געווען, אַז דו זאָלסט זיך פּילן שפּל אויף אונ־דזער וועלט? אָט, למשל, נעם די משנה פון פּרקי־אָבות, וואָס דו קאָנסט זי זיכער אויף אויסווייניק:

„עקביא בן מהללאל האָט געזאָגט: „באַטראַכט דריי זאַכן, וועסטו נישט קומען צו קיין עבירה: געדענק פון וואַנען דו קומסט אַרויס, וויס וווּהין דו גייסט און באַרעכן זיך פאַר וועמען דו וועסט אָפּגעבן דין־וחשבון. פון וואַנען קומסטו אַרויס? פון אַ מיגלדיקן טראָפּן; וווּהין גייסטו? אין אַן אָרט פון שטויב, ווערים און מאַיל; פאַר וועמען וועסטו אָפּגעבן דין וחשבון? פאַר דעם מלך פון אַלע מלכים, פאַר גאָט ברוך הוא אַליין". נו, ס'איז דאָך קלאָר, די דאָזיקע משנה מאַכט אויך צו גאָר־נישט די מענטשלעכע חשיבות".

איך: לאו דווקא, איך מיין, אַז די דאָזיקע משנה האָלט שטאַרק פון מענטש־לעכער חשיבות. דער מענטש איז קיין מאָל נישט געווען קיין שפּלע בריאה אין די אויגן פון אונדזערע חכמים. די דאָזיקע משנה לערנט נאָר דעם מענטשן, אַז ער זאָל זיין באַשיידן און זאָל זיך נישט אָפּגעבן אין גאַנצן, אויף אונדזער לשון, מיט מאַטעריאַליזם פון אונדזער וועלט. דער מענטש דאַרף געדענקען זיין נידעריקן אָפּשטאַם און זיין נישטיקן סוף. ער דאַרף אָבער אויך געדענקען, אַז ער איז וויכ־טיק געגוג, חשוב געגוג און אַז ער וועט דאַרפן אָפּגעבן דין וחשבון צום מלך פון אַלע מלכים, צום כביכול. דעם מענטשנס מעשים זענען אַזוי וויכטיק, אַז דער שע־פער פון דער גאַנצער וועלט, דער פורעמער פון דעם קאָסמאָס רעכנט זיך מיט זיי. משה לייב האַלפּערן זינגט:

„גאָרנישט איז גלייך און גאָרנישט איז קרום,
און ס'דרייט זיך די וועלט אַרום גאָרנישט אַרום.
צופּט משה־לייב מיט די נעגל די שטרוי
און שמייכלט. פאַרוואָס? גלאַט אַזוי!".

אָבער לויט דער משנה קומט אויס:

„גלייך איז גלייך און קרום איז קרום,
און ס'דרייט זיך די וועלט אַרום כביכול אַרום.
צופּ נישט פון גלייכגילט קיין שטרוי,
ס'איז פאַראַן אַ פאַרוואָס און פאַרווען,
ווייל אַלץ איז נישט גלאַט אַזוי"...

ס'איז גאָרנישט גלאַט אַזוי... „די קראָם איז אָפן און דער קרעמער גיט אויף באָרג. דאָס בוך איז אָפן און אַ האַנט פאַרשרייבט, און ווער עס וויל לייען, זאָל קו־מען און לייען. עס גייען אָבער אַרום איינמאָנערס טאָג־איין, טאָג־אויס און מאָנען

איין פון דעם מענטשן, מיט זיין וויסן אָדער אָן זיין וויסן, און מ׳האָט זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן, ווייל דער משפט איז אַלע מאָל אַ גערעכטער משפט, און אַלץ ווערט צוגעגרייט פאַר דער סעודה״... די, וואָס האָבן באַצאָלט דעם חוב, וועלן באַלוינט ווערן. דאָס מיינט, אַז דאָס לעבן איז נישט זינלאָז און דער טויט איז נישט קיין קאָשמאַר. נישט נאָר איז פאַראַן אַ משפט, נאָר ער איז אַלע מאָל אַ גערעכטער משפט!״.

ער האָט זיך צעשמייכלט פון הנאה.

„דו ווייסט״, האָט ער געזאָגט, „איך האָב אַ שטאַרקן עונג־רוחני, ווען איך הער אַ געשמאַק שטיקל פּלפּול אָדער דרוש. אַ יישר־כוח דיר. דו ווייסט דאָך אָבער, אַז ס׳איז נישט מער, ווי דרוש, פּאָעזיע, אָבער...״.

אַ גלעקל האָט זיך צעקלונגען און אַ נוירס איז ממש אַריינגעפאַלן אין צימער. איך האָב געהערט איר קול:

„איר קאָנט נישט שלאָפן? איר האָט ווייטיקן? מיינע אינסטרוקציעס זענען אייך צו מאַכן אַן איינשפּריצונג פון דעמעראָל אין פאַל פון ווייטיקן. פאַרוואָס האָט איר מיך פריִער נישט אַ רוף־געטאָן? איר וועט באַלד איינשלאָפן״.

אַ שטאָך אין אָרעם... איך האָב געהערט ווי דורך אַ טומאַן:

ער: „מיר האָבן היינט ביינאַכט איבערגעכאַפּט די מאָס. דו ביסט אַ חולה, אַפילו ווען דו ווילסט עס נישט צוגעבן. נו, איך וועל דיר זאָגן אַ גוטע נאַכט. איך וועל זיך וויזן צו דיר ווען דו וועסט זיך דערהאָלן. מיר האָלטן שוין ביים סוף פון אונדזערע שמועסן. אַז רשעות קומט נישט פון כביכול, האָסטו באַוויזן; וועגן זיין מציאות האָסטו גענוג גערעדט; די היסטאָרישע סיבות פון לעצטן חורבן האָסטו אויסגעלייגט. דו דאַרפסט נאָר מאַכן אַ קורצע איבערחזרונג פון די פריִערדיקע מחשבות און אַ מין סך־הכל. בעיקר דאַרפסטו באַטאָנען, ווי אַזוי דער איצטיקער שיבת־ציון פּאַסט זיך אַריין אין דעם געטלעכן פּלאַן: אַ סעקולאַרע מדינה און ייִדישקייט! דיין הנהגה איז אויך כולו מוקשה, גאָר נישט לויט דיין אמונה. יאָ, מיר דאַכט זיך, אַז איך וועל דיר ברענגען אַן אושפּיז פאַר דיין עפּילאָג״.

די אויגן האָבן זיך מיר אָנגעהויבן קלעפּן. איך האָב אַלץ געטראַכט: „ווער האָט עס אַ קוועטש געטאָן דאָס עלעקטרישע קנעפּל?״.

קאַפּיטל צוואַנציק

# דער דמיון איז דער מענטש

פאַרפאַלן... איך מוז אויפגעבן מיין פראָפעסיע. עס קאָן זיין, אַז מיין חולאת איז אַ סך ערנסטער, ווי איך מיין: ראַדיאַציע איז אַ פאַסקודנע מחלה. קיינער ווייסט נישט איצט, צי מען קאָן זי אַפילו אָפּשטעלן. פון אויסהיילן איז אָפּגערעדט. דערווייל אָבער דאַרף איך שוין מער נישט האַלטן מיין אָפּערירטע האַנט אין אַ הענגענדיקן שלייף, און אַז איך באַשמיר מיט אַ זאַלב די פינף אָנגערירטע, אָנגעבראַקנעטע פינגער און בינד זיי אַרום מיט מאַרלע, טוען זיי גאָר נישט ווי. פאַרן מאָרגן זאָל גאָט זאָרגן. ער איז גרויס געגוג...

באמת, איז מיר דערווייל גוט. נאָך זעקס און דרייסיק יאָר פון אַן איינגעשטעלטער רוטין אויפצושטיין יעדן אין דער פרי און גיין צו דער אַרבעט ביז אַ באַשטימטער שעה אין אָוונט און ציילן און אָפּהיטן די פרייע שעהן, ווי אַ קאַרגער ציילט און היט גאָלדענע מטבעות, האָב איך איצט גענוג צייט צו לערנען, צו לייענען, צו שרייבן און אַפילו בלויז האַלטן אַ ספר אין האַנט, אַריינקוקן אין אים, דערנאָך בלייבן זיצן, קוקן אין חלל פון דער וועלט און טראַכטן נישט געאיילטערהייט.

איך בין איצט אין ווירדזשיניע. ס'איז אָנהייב פרילינג. נעכטן פאַרנאַכט בין איך אַרויס אין דרויסן און האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף דער וועראַנדע. דער טאָג איז געווען אַ וואָלקנדיקער. פאַרנאַכט־צו האָט זיך דער הימל אויסגעלייטערט און ווען די זון האָט זיך גענומען זעצן, האָט דער הימל זיך אָנגעצונדן.

דער ברענענדיקער הימל און די רחבותדיקייט פון די אַרומיקע פעלדער האָבן מיך איבערגעוועלטיקט. איך האָב דערפילט „זיין" נאָענטקייט ממש פיזיש, אָט ווי מיט יאָרן, יאָרן צוריק אויף מעריק־ראָוד און ווי מיט צוויי חדשים צוריק אין דעם שטורעמדיקן, קאַלטן ווינטער־טאָג ביי מיין שרייב־טיש. איצט איז מיר נאָך עפּעס צוגעקומען; איך האָב זיך מער נישט דערשראָקן, ווען איך האָב אים דערפילט. איך האָב מיט אַ מאָל דערשפירט מיט אַלע מיינע רמ"ח אברים, אַז אַ מענטש קאָן אַנדערש ווי פיזיש נישט דערפילן זיין נאָענטקייט, ווייל דער מענטש איז דאָך אַ בריאה נאָר מיט פינף חושים.

איך האָב זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס איך האָב זיך אַלע מאָל אַזוי שטאַרק געשטעלט אַנטקעגן דעם באַגריף פון באַנעמען גאָט אין אַ געשטאַלט, וואָס אונ־

דזערע חושים קאָנען אים אויפנעמען? שוין מיט פופציק יאָר צוריק האָט עס מיר אַזוי שיין אויסגעלייגט דער קריניקער עילוי, דער אַפּיקורוס, וואָס איך האָב זיך מיט אים באַקאַנט אין דער ראַדינער ישיבה. ער איז נישט אויסן געווען מיר צו דערקלערן די מציאות פון כביכול, אָבער קעגן זיין אייגענעם רצון האָט ער מיר געגעבן אַ שליסל צו גאָט דערקענטעניש, און איך האָב עס פאַרגעסן, אָדער פאַרזען.

דריי חברים זענען מיר געווען אין ראַדין, אין דער ישיבה פון חפץ־חיים: משה־מרדכי, אַ חסידישער בחור פון פלאָצק, איצט אַ באַוווסטער זשורנאַליסט אין מדינת־ישראל; ברוך־דוד, אַ ליטווישער בחור, וואָס מען האָט אים גערופן „דער קריניקער עילוי" און איך, דער יינגסטער פון די דריי. מיר זענען אַלע געווען געכאַפּט אויף דער מעשה. מיר זענען געווען אַפּיקורסים, אָבער נישט קיין „פּורצי גדר", נישט קיין דורכברעכער פון צאַמען, מיר האָבן נישט איבערגעטראָטן וועלכע ס'איז מנהגים. אין ראַדין האָט מען זיך נישט געקאָנט אויפפירן נישט יידישלעך. משה־מרדכי, וואָס איז נאָך אַלץ געווען אַנגעטאָן אין חסידישן טראַכט, און ברוך־דוד זענען געווען שטאַרק אַנטי־רעליגיעז און האָבן אין געהיים געלייענט אַ סך ספרים חיצונים. איך, נישט געקוקט אויף מיין אומגלויבן, האָב אַפילו נישט אַריינגעקוקט אין אַ „טריף־פּסול". איך קאָן דאָ נישט אַריינגיין אין פּרטים, אָבער אין מיין אויטאָביאָגראַפישער נאָוועלע „צווייגן" האָב איך וועגן דעם דערציילט באַריכות. יאָ, איך דערצייל איצט פון אַ געשעעניש פון איבער פופציק יאָר צוריק.

אין יענער צייט איז אין מיינע הענט אַריינגעפאַלן אַ ספר. איך געדענק שוין נישט אַקוראַט, צי עס איז געווען דער „ספר הגילגולים" פון ר' חיים וויטאַל, אָדער דער „שבחי האר"י", צי אַן אַנדער ספר. איך געדענק אָבער, אַז דאָרט איז געווען באַשריבן, ווי דער מקובל האָט ליב געהאַט צו גיין דאַווענען אין פעלד, איבער־הויפּט צו מנחה, ווייל מנחה־צייט איז די אמתע שעת־רחמים, די צייט פון גאָטס גענאָד. דער עיקר אָבער, פאַרוואָס ער איז געגאַנגען דאַוונען אין פעלד, איז געווען, ווייל ער האָט געוואָלט מתקן־זיין די נשמות, וואָס האָבן אַרומגעשוועבט נע־ונד איבער דער וועלט. די דאָזיקע נשמות קומען אָן אין הייליקן לאַנד, ארץ־ישראל, און רוען דאָרט אויף די צווייגן פוןביימער. מען רופט זיי „נשמות ערטילאות" — נאַקעטע נשמות. זיי הענגען אויף די צווייגן פון די ביימער, זיי שטעלן זיך אָפּ אויף די שפּיצן פון די הויכע גראָזן, און זייער צער איז נישט צו באַשרייבן. ווען דער בעל־מקובל האָט געדאַוונט, האָט ער מכוון געווען ספּעציעלע כוונות און מצרף געווען צירופים, כדי אויסצולייזן די ליידנדיקע נשמות פון זייער צער.

געדענק איך דעם אָוונט, ווען ברוך־דוד איז געקומען צו אונדז אויף דער קוואַרטיר. משה־מרדכי און איך האָבן געוווינט אין דער זעלביקער דירה און ברוך־דוד פלעגט קומען צו אונדז גאַנץ אָפט, ווייל משה־מרדכי פלעגט אין געהיים דער־

האַלטן דורך פאַסט צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער, פאַרפאַקט אין שפּייז־פּעק־לעך, וואָס מען האָט אים געשיקט יעדע וואָך פון פּלאַצק. ברוך־דוד איז געקומען לייענען די ליטעראַטור.

יענעם אָוונט האָב איך געפרעגט ברוך־דודן:

„קריניקער עילוי, פאַרגעסט אייער אַפּלאַכן און אָפּשפּעטן פון מסורה און קבלה און דערקלערט מיר על פּי שׂכל, וואָס מיינט אַקוראַט „נשמות ערטילאות" און וואָס איז דאָס פאַר אַ שטראָף, וואָס מען לאָזט זיי אַראָפּ אויף אונדזער וועלט? איך האַלט גאָר פאַרקערט: אַ נשמה אָן אַ גוף אויף אונדזער וועלט איז פריי פון אַלע תאוות און ליידן פון גוף. זי איז אויך באַפרייט פון עול פּרנסה, צער גידול בנים און די נישטיקייט פון אונדזער האַוועניש און יאָגעניש. אַזאַ נשמה קאָן קוקן אויף דער וועלט און האָבן די זעלביקע הנאה, וואָס דערוואַקסענע מענטשן האָבן, ווען זיי קוקן זיך צו, ווי קינדער שפּילן זיך אין זאַמד, אָדער אין מיילישקעס, און אַמפּערן זיך, און שרייען און קריגן זיך, אָט ווי די אַלע קינדערשע נאַרישקייטן וואָלטן געווען חשובע און וויכטיקע זאַכן. בכלל, איז דער גוף טאַקע דער מקור פון הנאה, אָבער אויך אַ מקור פון צער. איצט, אָן אַ גוף איז יצא הפסדו בשכרו — דער שאָדן איז ווייניקער פון דעם שׂכר. איז וואָס איז עס פאַר אַן עונש?".

דער קריניקער עילוי האָט מיך אָנגעקוקט מיט זיינע קורצזיכטיקע, קלוגע אויגן, אַ שמייכל געטאָן, ווי אַ גוטער טאַטע, וואָס הערט פון אַ קינד אַ קלוגע נאַרישקייט. ער ווייסט, אַז דאָס קינד האָט טאַקע אַרויסגערעדט אַ נאַרישקייט, אָבער פאַר אַ קינד איז עס אַ חנדל. ער האָט מיר געענטפערט:

„איין וועג צו ענטפערן דיר, קאַלינקאָוויטשער, איז, אַז דו ביסט אַ כּוּיאַק, אַ פליאַסקעדריגע, און אפשר טאַקע דער אמתער אַפּיקורס און ניינציק. אָבער דאָס וואָלט געווען דוחה בקש זיין — גלאַט ענטפערן מיט גאַרנישט — אָפּלאַכן פון דיר. דאָס וועט נישט טויגן. דו וועסט דערפון נישט קליגער ווערן. איך פאַרשטיי, וואָס דיך קוועטשט אונטערן לעפעלע. דו וואָלסט געוואָלט פאַרשטיין די לאָגיק פון זייער אמונה, דעם שׂכל פון זייער דרך".

איך האָב זיך אַ קרים־געטאָן: „די לאָגיק פון זייער אמונה, דעם שׂכל פון זייער דרך". ער רעדט עפּעס, ווי וועגן פרעמדע, ווי נישט וועגן יידן, אָט ווי דער רשע פון דער הגדה. ער נעמט זיך אַרויס פון כּלל ישׂראל, איז מיר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק. זיין שאַרף אויג האָט עס באַמערקט און ער האָט געענטפערט געשליפן:

„בקהלם אל תחד כבודי — איך וויל נישט אַריינגערעכנט ווערן אין זייער געזעמל, וואָס גלייבט אין אַזעלכע זאַבאַבאָנעס. איך וועל אָבער פאַר דיר אַרויס־שיילן די ראַציאָנאַליזאַציע, דעם שׂכל, וואָס ליגט אין דער דאָזיקער נאַרישער אמונה. מען דאַרף פאַרשטיין, אַז אַפילו אין דער אומגעלומפּערטסטער קינדערשער הנהגה ליגט אַ שׂכלדיקער איינשטעל, פאַרשטייט זיך לויט דער קינדערשער השגה

נאָך. על אחת כמה וכמה איז דאָ אַ שכל אין דעם וועג און מחשבה פון אונדזערע ייִדן, וואָס האָבן הונדערטער יאָרן געשאַרפט זייערע קעפּ אויף דעם תלמוד. איצט הער:

„נאַקעטע נשמות, נשמות ערטילאות, וואָס הענגען אויף צווייגן פוןביימער און זוכן און גאַרן נאָך אַ תיקון, זענען טאַקע „טשעפּוכאַ״, אומזין, אָבער דאָס גע־פיל, דער באַנעם, דער פּאָעטישער אופן פון דעם באַגריף פון זייערע ליידן האָט יאָ אַ שכל.

„זאָל זיך דער לייענער נישט וווּנדערן אויף דעם לשון פון דעם קריניקער עילוי. נישט נאָר איז ער געווען אַ מלא וגדוש מיט ש״ס, פּוסקים, ראשונים און אחרונים. ער איז אויך געווען אַ גרויסער קענער פון פילאָסאָפיע, מאַרקסיזם און ליטעראַטור. ביי אַן אַנדער געלעגנהייט וועל איך דערציילן וועגן אים באַריכות, ווי ער איז געווען איינער פון די געציילטע טעאָרעטיקער פון קאָמוניזם אין פּוילן, ווי ער איז אויסגעליפערט געוואָרן קיין רוסלאַנד און ווי מען האָט אים דאָרט דער־שאָסן. אָבער איצט, צוריק צו יענעם אָוונט און אונדזער שמועס:

„גאָט האָט אַזוי איינגעשטעלט די וועלט, אַז אין איר געפינען זיך היפּוכים, קאָנטראַסטן, וואָס קאָנען זיך נישט צונויפמישן. פייער פאַרברענט האַלץ, וואַסער לעשט פייער, קעלט טרייבט אַרויס וואַרעמקייט און פאַרקערט, אַ דבר־מופשט — אַן אַבסטראַקציע ווערט אויס אוממשותדיק, ווען מען מאָלט זי אויס, אָדער ווען מען שניצט זי אויס אין אַ געשטאַלט. דער עצם מאָלן און שניצן באַגרענעצט די אַבסטראַקציע. זי הערט אויף צו זיין אַבסטראַקט און גייט איבער אין מהות פון אונדזערע חושים, וואָס זענען אויך באַגרענעצט. פאַרשטייסט, וואָס איך רעד, צי דאָס איז פאַר דיר סתרי תורה?״

איך האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז איך פאַרשטיי, און ער האָט ווייטער גערעדט:

„איך וועל דיר ברענגען וועגן דעם ענין אַ פּאָר שטעלן, ציטאַטן, עטלעכע געשמאַקע שטיקלעך זוהר. זאָגט דער זוהר אין פרשה וישלח:

„ס׳שטייט געשריבן אין תהילים: עושה מלאכיו רוחות, משרתיו אש לוהט — ער מאַכט זיינע מלאכים פאַר גייסטער, זיינע באַדינער — פאַר אַ פלאַמענדיק פייער (תהילים ק״ד, ד׳). ווען אָבער די מלאכים נידערן אַראָפּ אויף אונדזער ערד, ווערן זיי פאַרגופט — זיי באַקליידן זיך מיט אַ קערפּער, ווי עס איז די הנהגה אויף דער וועלט״.

„ווייטער שרייבט דער זוהר אין דער סדרה בראשית: „ווען גאָט האָט פאַר־טראַכט צו באַשאַפן דעם מענטשן, האָבן זיך די מלאכים געשטעלט אַנטקעגן און געטענהט: „ווער איז דער מענטש, וואָס דו זאָלסט וועגן אים דאַכטן? (תהילים ח׳, ד׳). ער וועט דאָך באַלד אָנהייבן זינדיקן און ווידערשפּעניקן קעגן דיר״. האָט

גאָט געזאָגט צו די מלאכים, וואָס האָבן מקטרג געווען אויף דעם מענטשן: „ווען איר וואָלט געווען דאָרט, אויף דער ערד, וואָלט איר מער געזינדיקט פון דעם מענטשן". און באַלד האָט ער טאַקע אַראָפּגעוואָרפן די דאָזיקע מלאכים אויף דער ערד. וואָס־זשע איז געשען? די נפילים — די אַראָפּגעפאַלענע מלאכים — זיי האָבן זיך דערנידעריקט און מזנה געווען מיט שיינע ווייבער".

„און נאָ דיר נאָך אַ זיס שטיקל זוהר פון הקדמת ספר הזוהר (איך האָב געטראַכט, אַז ער האָט אין גאַנצן פאַרגעסן זיי אַפּיקורסישקייט און אַז ער רעדט מיט התלהבות, ווי אַ ייִד דאַרף רעדן וועגן אַזעלכע ענינים). הער: „האָט געזאָגט ר' שמעון: „ווײ איז צו דעם מענטשן, וואָס זאָגט, אַז די תורה איז אויסן געווען צו דערציילן פּראָסטע מעשיות און די רייד פון געוויינלעכע מענטשן. ווען ס'וואָלט געווען אַזוי, וואָלטן מיר דאָך אויך הייַנט געקאָנט מאַכן אַ תורה פון מעשיות... נאָר די גאַנצע רייד פון דער תורה זענען הויכע ענינים און טיפע סודות. קום און זע די אייבערשטע וועלט און די אונטערשטע וועלט. ביידע זענען געשאַפן געוואָרן אויף גלייכע וואָגן; די ייִדן אונטן און די מלאכים אויבן. וועגן די מלאכים ווערט געזאָגט: „ער מאַכט זיינע מלאכים פאַר גייסטער". ווען אָבער זיי נידערן אַראָפּ אויף אונדזער וועלט, ווערן זיי אָנגעקליידט אין דעם לבוש, אין דעם קלייד פון אונדזער וועלט, אין אַ גוף. ווען זייער מהות וואָלט נישט אומגעביטן געוואָרן אויף דעם לבוש פון אונדזער וועלט, וואָלטן זיי נישט געקאָנט אויסהאַלטן און די וועלט וואָלט זיי נישט געקאָנט פאַרליידן. אויב עס איז אַזוי מיט מלאכים, על אחת כמה וכמה, אַוודאי און אַוודאי, מיט דער תורה. ווען גאָט וואָלט זי נישט אָנגעקליידט אין די לבושים פון אונדזער וועלט, אין ווערטער און מעשיות, און ווען ער וואָלט זי נישט איינגעטיילט אין לאָגישע זאַצן, פּאַראַגראַפן און פּרשיות, וואָלט די וועלט זי נישט געקאָנט אויפנעמען, דער מענטש וואָלט זי נישט געקאָנט פאַרליידן".

דער קריניקער עילוי האָט זיך שוין צעזונגען מיט אַ גמרא־ניגון:

„איצט, קאַלינקאָוויטשער, איז דאָך ביי דיר דער קאָפּ נישט אויסגעדאַרט געוואָרן און די געהירן דייַנע זענען אינגאַנצן נישט אויסגעטריקנט געוואָרן. דו קאָנסט פאַרשטיין, באַנעמען און ממש זען די ליידן און מאַטערנישן פון די נשמות ערטילאות. גאָט שיקט זיי אַראָפּ אין זייער גייסטיקער פאָרעם אויף דער חומרישער וועלט. נו, ווי קאָנען זיי אויסהאַלטן די לופט אונדזערע? ווי קאָנען זיי פאַרליידן אונדזער וועלט, וואָס איז בלויז מאַטעריע? נעם זיך אַראָפּ אַ משל פון דעם, וואָס דו זעסט אַרום זיך. מה דאָך אַ ייִד, אַ תלמיד־חכם, וואָס פאַרנעמט זיך מיט תורה און איז מבטל די וועלט; אָדער אַ שרייבער, אַ פּאָעט, אַ פילאָסאָף און אַ וויסנשאַפט־מאַן, וואָס טוען זיך אויס פון דער וועלט, פּאַסן זיך נישט אַריין אין אונדזער חברותא; זיי בלייבן דלפנים, קבצנים און מען רופט זיי בטלנים, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אין עצם זענען זיי דאָך אַ טייל פון אונדזער וועלט, ווייל אין זייער

גאַנצער פֿאַרטאָגנעקייט מוזן זיי דאָך באַזאָרגן די נייטיקע הצטרכותן פֿון זייער גוף, — על אחת כמה וכמה נשמות אָן אַ גוף, וואָס דאַרפֿן נישט עסן, דאַרפֿן נישט טרינקען, נייטיקן זיך נישט אין קיין מלבושים — ווי גרויס איז זייער צער אויף אונדזער חומרישער וועלט! אַפֿילו די לופֿט אונדזערע, ווען זי באַרירט זיי, שניידט זיי, ווי מיט אַ שאַרפֿן חלף".

ער האָט זיך ראַפּטאָם אויסגעלאָשן און אָפּגעשטעלט. ער האָט געקוקט אַ היבשע ווײַלע אויף מײַן עקזאַלטירט פּנים און געזאָגט מיט אַ טאָן פֿון רוגזה:

„כּניאַק, נעם נישט אָן די אַלע זאַכן, ווי תורת לאָקשן. אויב דו נעמסט זיי נישט אויף ווי פּאָעזיע, זענען זיי שטותים. הער אויף אַרײַנצוקוקן אין די קבלה־ספֿרימלעך. דאָס האָבן געשריבן מענטשן מיט קראַנקע פֿאַנטאַזיעס. מעגסט אויך אויפֿהערן שלינגען גמרא. דו קאָנסט דאָך שוין אָפּדראָפּען אַ בלעטל, געשריבן אויף רוסיש. נעם זיך צום לייענען תוך־זאַכן, ביכער מיט אַ יש, אַ ניט...".

איך האָב זיך אַ רייץ־געטאָן מיט אים:

„דערווײַל וויל איך אָנפֿילן מײַן בויך מיט גפ"ת — גמרא, פּוסקים, תּוספֿות, ראשונים און אחרונים, און פֿאַרוואָס טאַקע נישט קאָנען דעם זוהר, ווי איר קאָנט אים? פֿאַרוואָס נישט ווערן אַ בקי אין די חקירה־ספֿרים, ווי „חובת הלבבות", „כּוזרי", „מורה נבוכים", „אמונות ודעות" און „ספֿר העיקרים"? איך וויל פֿריִער ווערן, ווי איר, ר' ברוך־דוד, אַ מלא וגדוש, אַ חריף און אַ בקי אין אַלע קאַמערן פֿון דער תורה. ערשט דערנאָך וועל איך נתפּקר ווערן, ווערן אַ פֿרייער, ווי איר. אַניט וועל איך זײַן גלאַט אַ הפֿקרדיקער עם־הארץ, נישט קיין אפּיקורוס".

דער קריניקער עילוי האָט אויף מיר אַ קוק־געטאָן מיט ביטול:

„פֿאַר אַראָפּלייגן אַזוי פֿיל תבואה דאַרף מען האָבן אַ גרויסן שפּייכלער. ווי גרויס איז אָבער דײַן אַמבאַר (שפּייכלער אויף משנה־לשון). עס האָט מיר גע־דויערט פֿולע פֿינף און צוואַנציק יאָר זיך אָנצועסן מיט אַלע פּאַטראָוועס, און איך בין דער קריניקער עילוי! איך דאַרף נאָר אַ פֿיר־טאָן מיט די אויגן איבערן דף, כּדי אויפֿצוכאַפּן אַ בלאַט גמרא, אָבער דו, קאַלינקאָוויטשער, וועסט פֿריִער אַלט און גרוי ווערן, איידער דו וועסט ווערן דער מלא וגדוש, וואָס דו ווילסט. די סכּנה אָבער איז, וואָס ווי באַלד דו האָסט דמיון, וועסטו נאָך ווערן אַ בעל־מקובל. גו, אַ קבצן וועסטו דאָך בלײַבן, וועסטו זיך אַרײַנלאָזן אין קבלה־מעשׂיות, וועסט פּרובירן צאַפּן ווײַן פֿון דער וואַנט, די וואַנט וועט בלײַבן טרוקן און וועסט ווערן אַ צאַפּ. אַ שיינער תּכלית פֿאַר דיר... ווער שוין בעסער אויס כּניאַק".

איצט, פֿופֿציק יאָר שפּעטער, איז מיר אויפֿגעקומען אויפֿן געדאַנק דעם קרי־ניקער עילויס צוגאַנג צו התגשמות. דערפֿאַר טאַקע האָב איך זיך אויפֿגעהערט צו שרעקן פֿאַר פֿאַרצושטעלן פֿאַר זיך דעם כּביכול אין אַ מענטשלעכן געשטאַלט, ווי איך האָב אים געזען אין חזיון. איך האָב דאָך אים געזען דורך מײַנע מענטש־

לעבע אויגן. איז ווי אַנדערש קאָן איך אים זען, ווי אַנטראָפּאָמאָרפיש? דער מענטש־לעכער געדאַנק איז דאָך אַזאַ, אַז ווען מיר זאָלן זיך אים נישט פאָרשטעלן אין דעם לבוש פון אונדזער וועלט, וואָלטן מיר אים נישט געקאָנט אויפנעמען און נישט געקאָנט פאַרליידן. איך חזר איבער: עס מיינט נישט, אַז דער כביכול איז טאַקע אַזוי, ווי מיר שטעלן זיך אים פאָר. מיר טוען עס ראשית, כדי לשבר את האזן — צו מאַכן אים פאַרשטענדלעך פאַר זיך, און שנית, ווייל ער אין זיינע אומענדלעכע מאַניפעסטאַציעס קאָן ער זיך אויך באַווייזן צו אונדז אויך אויף אַ גופישן אופן. אָבער אים אויסמאָלן אָדער אויסשניצן וואָלט געמיינט אים באַגרענעצן, ממש מעכאַניש אים באַגרענעצן, און דאָס טאָר מען נישט. והמבין יבין...״.

ער איז די גאַנצע צייט געזעסן לעבן מיר און אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שפּאָטישער שמייכל:

ער: „מילא — האָט ער זיך אָנגערופן — מבין, יבין, ביי מיר איז עס מיס־טיק, אַבסטראַקציע... ווהין צילסטו? וואָס ביסטו אויסן?״.

איך: „צילן ציל איך זיך דיר איבערצוגעבן מיין וועלט־באַנעם, אָבער איך וויל, אַז דו זאָלסט פאַרשטיין, אַז איך נעם זיך נישט אונטער צו באַגרינדן מיין באַנעם לאָגיש און וויסנשאַפטלעך. מיין וועג איז נישט דער אינדוקטיווער. איך וועל נישט פעסטשטעלן אַ כלל פון באַקאַנטע אָדער אַנגענומענע פּרטים. מיין וועג איז אויך נישט דער דעדוקטיווער — פעסטצושטעלן פּרטים פון אַן אַלגע־מיינעם אָנגענומענעם כלל. ווען איך וואָלט אָנגעשריבן מיט דעם דאָזיקן מעטאָד דעם בעסטן טראַקטאַט, וואָלט עס געווען אַן אומזיסטיקע, אומוויכטיקע און אַרויס־געוואָרפענע אַרבעט. גרויסע, באַרימטע און וויכטיקע פילאָסאָפן, וואָס אַלע זענען מסכים, אַז זיי זענען וועלט־אויטאָריטעטן, האָבן גענוג געשריבן איבער די דאָ־זיקע ענינים. דאָך איז מען אַפילו אויף זיי מחולק. מען פרעגט זיי אָפּ. איך קאָן זיך זיכער נישט פאַרמעסטן מיט זיי.

„איך בין אויסן צו דערציילן מיין אייגענע דערפאַרונג. איך קאָן עס איבער־געבן נאָר אויף אַ מעטאַפאָרישן אופן, אויף אַ בילדלעכן וועג און אָפּט היפּער־באָליש — מיט פּאָעטישער און דערציילערישער גוזמא. אָבער מחמת זיי זענען מיינע אייגענע איבערלעבונגען, וועלן זיי אַרויס פון דעם גדר פון מעטאַפיזיק און טעאָלאָגיע. עס וועט זיין דער רעקאָרד פון אַ מענטשן מיט זיינע ראַנגלענישן און וויזיעס. איז האָרך:

„ווי ווייט מיר קאָנען מיט אונדזער מענטשלעכן שכל אַריינדרינגען אין דער גרויסער מיסטעריע פון באַשאַף און דעם איבערראַשטנס באַצוועקונג פון דער יצירה, שטעל איך זיך פאָר, אַז אונדזער וועלט איז נישט די ערשטע און נישט די איינ־ציקע, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן. מיט ביליאָנען, ביליאָנען יאָרן צוריק האָט דער כביכול (פאַר דיר — דער באַוווסטזיניקער, שאַפנדיקער כוח, וואָס איז פאַראַן

אין קאָסמאָס און וואָס פאַר אים איז קיין זאַך נישט אוממעגלעך) פאַרטראַכט צו שאַפן אַ וועלט. צו נוצן אַ מאָדערנעם טערמין פאַר אַ מאמר חז״ל: „דער כביכול האָט אָנגעהויבן צו עקספּערימענטירן. ער האָט געשאַפן וועלטן און זיי חרוב געמאַכט, ווידער געשאַפן און ווייטער חרוב געמאַכט, ווייל זיי זענען אים נישט געפעלן געוואָרן״.

„פאַרוואָס זענען זיי אים נישט געפעלן געוואָרן? טייטשט דער זוהר אויס אַ מדרש: „...ווייל יענע וועלטן, אָדער די ברואים אויף יענע וועלטן האָבן נישט אָנגענומען די תורה און זענען געבליבן אויף דער מדרגה פון געצנדינער. זענען די וועלטן געבליבן וויסט און טרוקן, אָן אמונה, אָן חכמה און אָן מענטשלעכקייט. (זע זוהר, בראשית ד׳ און די באַמערקונגען אונטן פון הרב ר׳ יהודה־יודל ראָזנ־בערג, „זיו הזוהר״, ס״ד, אין זיין העברעיִשער איבערזעצונג פון זוהר)״.

ער: „עט, דאָס זענען נישט קיין דברים של טעם, נישט קיין שכלדיקע רייד, וואָס אַ מאָדערנער מענטש זאָל פון זיי נתפעל ווערן. אַ חסרון געצנדינער! ס׳איז פאַראַן אַ סברה, אַז די איראָפּעיִשע וועלט און אויך דער אַזיאַטישער קאָנטינענט וואָלט געווען שענער און בעסער, ווען זיי וואָלטן געבליבן גריכיש־געצנדינעריש. די היסטאָריקער: עדוואַרד גיבבאָן, ה. ג. וועלס, געאָרג א. דאַרסי און טיילוויין העגדריק וואַן לון און אַ סך בעלעטריסטן און פּאָעטן, אַריינגערעכנט אונדזערע צוויי העברעיִשע פּאָעטן, ז. שניאור און ש. טשערניכאָווסקי, באַדויערן דעם אונ־טערגאַנג פון דער גריכישער געצנדינעריי, ווייל די גריכישע קולטור איז געווען טאָלעראַנט, האָט פאַרהערלעכט קונסט, איז געווען איבערגעגעבן צו פיזישער קולטור, האָט געהאַט אַ דורשט צום לעבן, און בעיקר, זי האָט סטימולירט פרייע פאָרשונג״.

איך: „געצנדינעריי ביי די חז״ל האָט נישט געמיינט דינען צו האָלץ און שטיין, נאָר אַ סטאַטישע וועלט, אַ מענטש אָן בחירה, אונטערגעוואָרפן דעם בלינדן גורל, דעם גריכישן פאַטום, וואָס האָלט, אַז אַ מענטש קאָן נישט אויסמיידן, וואָס אים איז באַשערט. קיין תשובה העלפט נישט. ביי אונדז יידן מיינט „תורה״ די דער־הייבונג פון מענטשן, ישוב העולם, דער דינאַמישער כוח אין דער געזעלשאַפט, ווי אויך אין דער יצירה. אָן תורה און אָן בחירה איז די וועלט אַ סטאַטישע. נישטאָ קיין זינד און קיין מעשים־טובים, נישטאָ קיין חרטה און קיין תשובה. הער, ווי איך שטעל זיך פאָר דעם מאמר חז״ל, וואָס דערציילט וועגן די געשאַפענע וועלטן אָן אַ תורה:

„די וועלטן, וואָס גאָט האָט געשאַפן, זענען געווען שיינע וועלטן, פאַרפלאַנצט מיט ביימער, פאַרפּוצט מיט בלומען, אָנגעפילט מיט טייכן און ימען. די וועלטן זענען געווען פול מיט פייגל, חיות, פיש און אַלערליי ברואים און מיט מענטשן. זיי זענען אָבער געווען וועלטן אָן ליבשאַפט און אָן האַס, אָן רחמנות און אָן שנאה,

אָן ליידנשאַפט און גלוסט און אָן ווידערגעפיל צו תאווה. דער מענטש האָט אַפילו נישט געהאַט קיין גלוסטעניש פון מין, ווייל ער האָט זיך אַליין אויטאָמאַטיש באַ־פרוכפערט. אַ צופרידענע וועלט, וואָס האָט צו גאָרנישט נישט געשטרעבט, ווייל ס׳איז נישט געווען נישט קיין גליק און נישט קיין אומגליק, קינדער האָבן זיך נישט געשפּילט און פרויען האָבן זיך נישט געקריגט און מענער האָבן זיך נישט געשלאָגן און נישט שלום געמאַכט. קיינער האָט נישט געוויינט, אָבער קיינער האָט אויך נישט געלאַכט. עס זענען נישט געווען קיין אַנטוישונגען, אָבער עס זענען אויך נישט געווען קיין האָפענונגען. עס איז נישט געווען קיין רשעות און עס איז נישט געווען קיין גוטסקייט. עס איז נישט געווען קיין „מען טאָר נישט״, אָבער עס זענען אויך נישט געווען קיין מצוות. אַ לעבעדיקע וועלט, דאַכט זיך, אבער באמת אַ טויטע, ווייל ס׳איז נישט געווען נישט קיין יצר־הרע און נישט קיין יצר־טוב. עפּעס אַן אָנונג פון יענער וועלט קאָן מען האָבן, ווען מען קוקט זיך צו צו אַ סטאַדע פון בהמות. עס ליגן אויסגעלייגט הונדערטער בהמות אויפן פעלד און מעלה־גרהן. ניין, ס׳איז געווען עפּעס נאָך ערגערס, ווייל בהמות צעלאָזן זיך אַמאָל מיט אַ געלויף אין פעלד און ס׳איז פאַראַן אַ צייט, ווען זיי פּאָרן זיך. דאָ אָבער אין אַלע מאָל געווען רו־ק און שטיל.

„שווער פאַר אַן אונדזעריקן, אַ ילוד אישה, צו באַנעמען אין גאַנצן אַ סטאַ־טישע וועלט, לפנים אַ לעבעדיקע, אָבער אין תוך אַ פאַרגליווערטע, אַ נישט שע־פערישע, אַן אומנוציקע. זאָגט טאַקע דער זעלביקער מקור:

„קאָנסט דאָך פרעגן, צוליב וואָס האָט גאָט באַשאַפן די דאָזיקע וועלטן, כדי זיי חרוב צו מאַכן? וואָלט דען נישט בעסער געווען, ווען ער באַשאַפט זיי אין גאַנצן נישט? דער ענטפער איז, אַז ער האָט זיי נישט חרוב געמאַכט, ער האָט זיי איבערגעלאָזט. זיי זענען דאָך געווען אָן תורה. תורה מיינט ישוב העולם, באַזיצן די וועלט, פאַרנעמען די וועלט, זי איינגעמען און זי באַהערשן. די אומות העולם פון יענע וועלטן האָבן נישט אָנגענומען די תורה, די דינאַמישקייט פון געזעץ. זיי האָבן נישט געהאַט דאָס געפיל, אַז זיי זענען אַ טייל פון אַ געטלעכן פּלאַן, זענען זיי געבליבן חרוב און טרוקן. זאָגט דער זוהר קורץ: „גאָט צעשטערט נישט די טואונגען פון זיינע הענט. ער האָט זיי נאָר איבערגעלאָזט, ווי זיי זענען געווען בשעת יצירה״. זיי האָבן זיך נישט אַנטוויקלט, זענען זיי געבליבן חרוב און טרוקן עד היום.

„אויב דיר גייט אין לעבן אַ ראַציאָנאַלע דערקלערונג, האָסטו דאָ אַ שכל־דיקע דערקלערונג פאַר די טויטע פּלאַנעטן. זעסטו? אויב דו ווילסט, גייט עס שוין נישט אַריין אין גדר פון מיסטיק. דאָס איז שוין אין גבול פון שכל און קאָן אויך דינען פאַר אַן אָנדייט אויף עוואָלוציע. איך פאַרזענלעך האַלט עס נישט אַפילו פאַר קיין וויסנשאַפטלעכער השערה. ביי מיר איז עס אַ טייל פון מיינע וויזיעס,

איבערלעבונגען און אויפנעם פון דער וועלט. איך באַנוגן זיך דערמיט. איצט הער ווייטער:

„נאָך דעם ווי גאָט, די אַבסאָלוטע רעאַליטעט, האָט איבערגעלאָזט יענע סטאַטישע וועלטן, האָט ער מיט אַן ערך צוויי ביליאָן יאָרן צוריק אויסגעטיילט אונדזער פּלאַנעט צו באַשאַפן אויף איר די וועלט, וואָס מיר זעען איצט, שרעק זיך נישט פאַר דער ציפער; צייט איז דאָך אַ מענטשלעכער באַגריף. ער האָט פאַרטראַכט צו באַשאַפן אונדזער וועלט, אַ דינאַמישע וועלט, אַ וועלט פון גרענגל, אַ וועלט וואָס האָט אַ יצר־הרע, אַ יצר־טוב און בחירה.

„איך בעט דיך, נעם אויף מיינע רייד, ווי דו ווילסט: ווי אַן אגדה, ווי אַן אַלעגאָריע, אָבער וויסן זאָלסטו, אַז ווי מאָדנע מיינע רייד זאָלן נישט קלינגען, זענען זיי אַלע גענומען פון יידישע מקורות.

„אונדזער וועלט האָט גאָט באַשאַפן נישט קיין פולקאָמענע, גולם בראה — ער האָט זי באַשאַפן ווי אַ שטיק נישט פאַרענדיקטן חומר. אָבער אין דעם חומר, אין דעם תוהו ובוהו, אין דער וויסטעניש און אין דער ליידיקייט האָט דער כביכול אַריינגעגעבן זיין שעפערישן גייסט און פון דעם גאָרנישט האָט זיך אַנטוויקלט אַ יש. די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן ווי אַ יש מאין. די וועלט האָט זיך אַליין געדאַרפט אַנטוויקלען צו פולקומקייט. זי האָט זיך געקאָנט אַנטוויקלען, ווייל אין איר איז געווען דער רצון פון גאָט. איבער דעם תוהו ובוהו האָט געשוועבט דער גייסט פון גאָט. „בראשית ברא" — איידער גאָט האָט באַשאַפן די וועלט (זע רש"י) איז די וועלט געווען וויסט און ליידיק און פינצטערניש איז געווען אויפן געזיכט פון תהום. אָבער דער גייסט פון גאָט האָט געשוועבט אויפן געזיכט פון די וואַסערן" — וואַסער — דער מקור פון לעבן.

„לויט אונדזער מענטשלעכער השגה קאָנען מיר זאָגן, אַז דער תוהו ובוהו האָט געהאַט אין זיך פּאָטענציעל דעם שכל אלקי — דעם געטלעכן פאַרשטאַנד זיך צו אַנטוויקלען פון נידעריקס צו העכערס. דורך שטייגן און פאַלן, ווידער שטייגן און פאַלן און שטייגן, אַלץ צו אַ העכערער און בעסערער וועלט. פון דומם — בויטע קריסטאַלן, צו גראָז, פון גראָזן צו שרצים, פון שרצים צו פייגל, צו פיש, דערנאָך צו זויג־חיות ביז דעם אויפקום פון מענטשן, די חלה, די קרוין פון דער יצירה. און דער בחיר היצירה, איז אַ סברה, איז נישט געשאַפן געוואָרן פולקום, גאָר גולם בראו (מדרש), אָבער שוין אין דעם זעלביקן טאָג פון זיין יצירה האָט ער מורד געווען קעגן גאָט. דער מענטש האָט נישט געקאָנט בלייבן סטאַטיש. דאָס פאַלן פון דעם מענטשן, זיין ירידה, וואָס ער האָט געזינדיקט מיטן עץ־הדעת, איז געווען זיין עליה, זיין שטייגן.

„אוודאי, האָט דער מענטש אין זיך רשעות, טפשות, גאווה און גיריקייט, אָבער ער פאַרמאָגט אויך אַ בענקעניש צו שלימות, אַ גלוסטונג צו טאָן גוטס, אַ מעגלעכ־

קייט פון חרטה, און ועל כולם אַן אומרויקייט און אַ נייגעריקייט צו וויסן, צו זוכן און בלייבן אומצופרידן.

דער מענטש איז צונויפגעשטעלט פון עלעמענטן, וואָס זענען נישט נאָר אומהאַרמאָניש, נאָר זענען בעצם היפוכדיק און סתירותדיק איינער צום אַנדערן. דאָס גייסטיקע און דאָס פיזישע, דאָס געטלעכע און דאָס חיהשע, דער באַוווסטזיין, און־טערבאַוווסטזיין און אומבאַוווסטזיין; אינטעלעקטועלע גבורה און מאָראַלישע און פיזישע שוואַכקייט, אָפּפערוויליקייט און עגאָטיזם, הייליקייט און זינדיקייט, אומבאַגרענעצטע פעיִקייט צו באַגרייפן זאַכן און באַגרענעצטער פיזישער כוח, און נאָך ערגער, אַ באַגרענעצטע צייט פון מענטשנס לעבן. בקיצור, גרויסקייט און שפלות, און די דאָזיקע כוחות געפינען זיך אין דעם מענטשלעכן קערפּער אַזוי, אַז זיי זענען פאַרקנופּט און פאַרבונדן און אַזוי צונויפגעגאָסן, אַז עס איז אוממעגלעך זיי פונאַנדערצוטיילן.

יאָ, ס'איז פאַראַן רשעות און אומגליק אין דער וועלט. בכלל, האָט אַפילו דער גליקלעכסטער מענטש וויניק גליק אין זיין לעבן. אין פאַרגלייך אָבער מיט אַלע אַנדערע ברואים האָט ער אַ שיין לעבן, אַ באַוווסטזיניק לעבן. ער איז דער איינציקער צווישן אַלע באַשעפענישן פון דער וועלט, וואָס ווייסט, ווען ער איז אומגליקלעך. נאָך אַ גרעסערע טרייסט האָט דער מענטש, וואָס ער ווייסט, אַז דער באַשעפער נעמט אַנטייל אין זיין צער. לויט דעם יידישן באַגריף, האָט גאָט אַזוי איינגעשטעלט די וועלט, אַז ער אַליין, דער כביכול, זאָל נישט איבערטרעטן אירע געזעצלעכע געזעצן. שאַפט דער כביכול נישט אָפּ דעם מענטשנס צער, אָבער ער איז ווי אַ טאַטע, וואָס זיצט לעבן זיין קינד, וואָס האָט זיך צעשעדיקט. דער טאַטע קאָן ביי אים נישט צונעמען זיין ווייטיק, אָבער וויינען מיט אים קאָן ער. ער וועט פון אים נישט אָפּטרעטן אַפילו, ווען ער ווייסט, אַז ער קאָן אים נישט העלפן. זאָגט די גמרא:

„בזמן שאדם מצטער, שכינה מה לשון אומרת? קלני מראשי, קלני מזרועי" (חגיגה ט"ו, עמוד ב', סנהדרין מ"ו, עמוד א') ווען אַ מענטש איז אין צער, וואָס זאָגט די שכינה? ס'איז מיר נישט ליב מיין קאָפּ (וואָס האָט פאַרטראַכט צו באַשאַפן דעם מענטשן) און ס'איז מיר נישט ליב מיין האַנט (וואָס האָט באַשאַפן דעם מענטשן). ווייטער זאָגט די גמרא:

„אם כך הקב"ה מצטער על דמן של רשעים, קל וחומר על דמן של צדיקים שנשפך „אויב גאָט איז זיך אַזוי פיל מצער אויף דעם בלוט פון רשעים, וויפל נאָך מער צער האָט ער אויף דעם בלוט פון צדיקים, וואָס ווערט פאַרגאָסן?".

„די דאָזיקע דערקענונג איז פאַראַן ביי אַלע שפּירעוודיקע און סענסיטיווע מענטשן. זאָגט דער אַפּיקורוס און באמת דער טיף־רעליגיעזער ענגלישער דיכטער, וויליאַם בלייק:

„מיין נישט, אַז דו קענסט אַ זיפץ טאָן און דיין באַשעפער זאָל נישט זיין דער־ביי. מיין נישט, אַז ווען דו לאָזסט אַראָפּ אַ טרער, איז ער נישטאָ לעבן דיר. אָ, ער גיט אונדז פריידן צו פאַרטרייבן אונדזער טרויער, און אַז אונדזער צער גייט נישט אַוועק פון אונדז, זיצט דער כביכול לעבן אונדז און זיפצט.״ (איבערגעזעצט אין פּראָזע).

אָבער דער מענטש דאַרף געדענקען איין זיכערע זאַך: אַז ער, דער מענטש, איז נישט דער גרעסטער באַשטאַנד אין קאָסמאָס. ער קען פאַרשטיין נאָר אַ ברעקל פון דעם, וואָס ס׳גייט אָן אין אוניווערס און קען נאָר אַ טראָפּעלע קאָנטראָלירן די נאַטור־כוחות. עס איז אויך קלאָר, אַז ער האָט נישט גורם געווען די עקסיס־טענץ פון דער וועלט. אין זיין אייגענעם זיין דאָ אויף דער וועלט האָט ער נישט געהאַט קיין דעה. שעל כרחך אתה נוצר ועל כרחך אתה נולד ועל כרחך אתה חי ועל כרחך אתה מת (אָבות ד׳) — נישט מיט דיין ווילן ווערסטו באַשאַפן און קעגן דיין ווילן ווערסטו געבוירן, נישט מיט דיין ווילן לעבסטו און קעגן דיין ווילן שטאַרבסטו, אַלץ אומגעבעטענערהייט.

„אָבער זע דעם מענטשן! אַ שוואַכע בריאה, זיין לעבן איז קורץ און זעלטן זענען זיינע יאָרן אָן ליידן און פּיין. אָבער מערק, וואָס ער האָט דאָ, אויף אונדזער וועלט, אויפגעטאָן און אָפּגעטאָן. און נאָך מער, זע און מערק, ווי ווייט זיין דמיון קען דערגרייכן. ער אַליין צווישן אַלע ברואים האָט דערפילט די אַבסאָלוטע רעאַ־ליטעט, דעם כביכול. מיר דאַרפן געדענקען, אַז דער דמיון איז דער מענטש.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

# גילגולים

## א) אתה בחרתנו

„איצט קומען מיר צו דער בחירה פון ייִדן, וואָס, לויט מיין מיינונג, איז נישט קיין צופאַל. איך וועל צוליב קלאָרקייט איבערחזרן אַ פריִערדיקן געדאַנק מער באריכות: „ווי ווייט דער מענטשלעכער געדאַנק קען איצט אַריינדרינגען אין דער מיסטעריע און אין די געטלעכע סודות פון דער וועלט”, קענען מיר זען און באַטאַנען באַשטימטע מאָמענטן אין דער געשיכטע פון דער ערד און אין דער מענטשהייט, וואָס זענען געווען אַנטשיידן און וויכטיק פאַר אונדז. אויב מיר האַלטן, אַז עס איז ווען געווען אַן אָנהייב אין אין־סוף, אָדער אויב עס איז שייך צו רעדן וועגן אַן אָנהייב אין אין־סוף, איז די ערשטע וויכטיקסטע געשעעניש געווען, אָדער איז, די נאָכאַנאַנדיקע, שטענדיקע שעפערישקייט אין, אָדער פון, אונדזער גאַלאַקטישן קרייז — אונדזער זון און פּלאַנעטן. דערנאָך קומט אַ צאָל געשעענישן: דער אָנהייב פון לעבן אויף אונדזער פּלאַנעט, דער אָנהייב פון רוקן־ביין ברואים, זויגחיות און צולעצט דער אויפקום פון מענטשן. דאָס זענען אַלץ פאַלן, אין וועלכע באַשטימטע עובדות און אויך וועזנס זענען געווען די מיטלען, די פּאָרטלען פאַר אַנטשיידנדיקע געשעענישן און באַשטימטע ספּעציפישע פּונקטן און צייט און שטח.”

„און אויב עס איז נישט אומגלייבלעך, אַז אונדזער ערד איז ספּעציעל אויסגעקליבן געוואָרן און באַשטימט געוואָרן מיט אַ צוויי ביליאָן יאָרן צוריק צו ווערן די היים פון אַ פיזישן לעבן, פאַרוואָס זאָל עס זיין ווייניקער גלייבלעך, אָדער ווייניקער וואַרשיינלעך, אַז מיט קרוב פיר טויזנט יאָר צוריק איז אין אור־כשדים אויסגעטיילט געוואָרן אברהם פון אַלע מענטשן אין דער וועלט צו ברענגען צו די מענטשן דעם געדאַנק פון אחדות־אלקים, דעם ייִדישן גאָט־באַגריף? און פאַרוואָס איז ווייטער אוממעגלעך צו גלייבן, אַז קרוב פינף הונדערט יאָר נאָך אברהמען זענען ביים באַרג סיני די ייִדן אויסגעטיילט געוואָרן פון אַלע פעלקער צו ברענגען גאָטס חסד צו אַלע באַשעפענישן?

„און דאָס מיינט נישט, אַז די פריִער דערמאָנטע געשעענישן זענען געווען גאָטס איינציקע מאַניפעסטאַציעס אין דער וועלט־געשיכטע און אין דער מענטשהייט. עס מיינט אויך נישט, אַז אין דער צוקונפט קענען מער נישט זיין קיין אַנ־

דערע אַנטשיידנדיקע מאַניפעסטאַציעס פאַר דער וועלט און פאַר די מענטשן, ווייל אויב מיר נעמען אָן, אַז גאָט מיט זיינע אומענדלעכע, פילפאַכיקע און פאַרשיידע־נע מעגלעכקייטן און אַספּעקטן איז אַ גייסט, וואָס מאַניפעסטירט זיך פאַר אונדז אויף אַן אינטעלעקטואַלן אופן און רצון, איז עס גאָרנישט פאַרפירעריש אים צו באַטראַכטן און באַנעמען אויך אויף אַן אַנטראָפּאָמאָרפישן אופן, אַז ער האָט אַ גוף, פאַרשטייט זיך, בלויז אין אונדזערע אויגן. דערפאַר קענען מיר האָפן, אָדער באַהויפּטן, אַז עס וועלן ווייטער זיין וויכטיקע געשעענישן אין קאָסמאָס און אין דער געשיכטע פון מענטשן, וואָס וועלן זיין אַנטשיידנדיק אין גאָטס פּלאַן פאַר דער וועלט.״ (אַרנאָלד טאָינבי. טיילוויז פאַראַפראַזירט).

## ב) „די וואונדערלעכסטע מעשה, וואָס איז נישט דערציילט געוואָרן

בין איך געזעסן יענעם פאַרנאַכט, פאַר זון־אונטערגאַנג, אויף אַ וועראַנדע, אין אַ האָטעל אין ווירדזשיניע, און האָב געקוקט אויף דעם אַנגעצונדענעם הימל, און די מאַיעסטעטישקייט האָט מיך נישט נאָר איבערגעוועלטיקט, נאָר האָט מיך אויך געמאַכט שפּירעוודיק און זעעוודיק. איך האָב דערפילט, אַז דער כביכול האָט זיך דורך זיין רצון אָפּט אַנטפּלעקט צו אונדז אויף דער פּלאַטאָ פון מענטשלעכן פאַרשטאַנד און חושים, כדי מיר זאָלן קענען באַנעמען און פאַרשטיין זיין פּלאַן פאַר דער וועלט און קריגן דעם רצון אים דורכצופירן.

איך האָב אין יענעם מאָמענט אויך דערפילט, ווי איך האָט אַמאָל דורכגעלעבט יידישע געשיכטע פון אָנהייב אָן ביז איצט. איך בין געווען איינער פון די חניכים ביי אַברהם אָבינו און איך האָב דערלעבט איצט צו זען, ווי יידן קערן זיך אום קיין ארץ־ישראל צום דריטן מאָל: איין מאָל פון מצרים, דאָס צווייטע מאָל פון בבל און איצט, דאָס דריטע מאָל. איך האָב נישט זוכה געווען זיך אומצוקערן מיט די גולים דאָס מאָל, אָבער איך האָב בייגעוווינט דעם נס, וואָס איז, לויט מיין מיינונג, גאָר קיין נס נישט, ווייל יעדער שיבת־ציון איז געווען אַ טייל פון גאָטס פּלאַן. ניין, נישט קיין באַשטימטער פּלאַן, ווייל ס'איז דאָך פאַראַן בחירה, אָבער דאָך אַ פּועל־יוצא פון דעם פּלאַן. און איך האָב בייגעוווינט אַלע וויכטיקע געשעענישן אין דער יידישער געשיכטע.

איצט איז עס טאַקע געווען אַ מאָמענטאַלער געפיל פון איבערלעבונג. איך האָב אָבער געוווּסט, אַז די דערפאַרונג איז אַן איבערחזרונג פון קלאָרע דמיונות, פאַנטאַזיעס, וואָס איך האָב געהאַט פון קינדוויז אָן. עס איז נאָר איצט אַ דערמאָ־נונג.

איך בין געווען אין דער בחינה פון דעם העלד פון קיפּלינגס דערציילונג „די וווּנדערלעכסטע מעשה, וואָס איז נישט דערציילט געוואָרן".

קיפּלינג דערציילט, אַז ער האָט באַגעגנט אין לאָנדאָן אַ פּראָסטן בחור, אַ בוכהאַלטערס געהילף, וואָס האָט געהאַט די מאָדנע אייגנשאַפט צו געדענקען, וואָס מיט אים איז געשען אין אַנדערע גילגולים מיט דורות, דורות צוריק. דער דאָזיקער בחור, וואָס האָט אין זיין לעבן נישט געליינט קיין געשיכטע־בוך, האָט פאַר קיפּלינגען דערציילט לעבעדיק און קלאָר, ווי אַן עד־ראיה, ווי די רוימער האָבן באַזיגט די בריטישע אינדזלען. ער האָט דערציילט מיט אַלע פּרטים נישט נאָר וועגן דעם מאַרשרוט פון די רוימישע חיילות, נאָר אויך געשילדערט דעם אויסזען פון דעם רוימישן קאָמאַנדיר און די הלבשה פון די זעלנער, זייערע מאכלים, זייער אופן פון שיכורן און אַפילו זייערע גראָבע וויצן. ער האָט דערציילט, ווי ער האָט געמאַכט נסיעות מיט די וויקינגס, די סקאַנדינאַווישע ים־רויבער, און האָט געשילדערט מיט אַלע פּרטים, ווי דער קאַפּיטאַן האָט אויסגעקוקט, ווי די שיפן זענען געווען געבויט, אַפילו זייער פאַרב. ער האָט דערציילט וועגן די שטורעמס אויפן ים און די סכנות אויף דער יבשה, וועגן די ווילדע מענטשן אויף די ווייטע אינדזלען, וווּהין די שיפן האָבן אָנגעשפּאַרט. ער האָט אויסגעמאָלט די טאָפּאָגראַפיע און די פאַונאַ פון יעדן אינדזל, ווי אַן אמתער געניטער רייזנדער.

קיפּלינג דערציילט ווייטער, אַז דער בחור האָט דאָס אַלץ דערציילט כלאחר־יד. זיינע באַליבטע טעמעס זענען געווען דווקא וועגן קלייניקייטן: ווי ער האָט אָפּגענאַרט דעם הויפּט־בוכהאַלטער, ווי ער האָט געפונען חן אין די אויגן פון באַלעבאָס, ווי ער האָט שפּאַצירט מיט אַ שיין מיידל ביי די ברעגעס פון דער טעמזע. אין מיטן פון די דאָזיקע פּלאַפּלערייען פלעגט ער מיט אַמאָל אָנהייבן צו דערציילן: „יאָ, דאָס דערמאָנט מיך, ווי איך בין געווען מיט אַטילאַן לעבן רוים, ווען זיינע זעלנער זענען געווען גרייט אַריינצוגיין אין שטאָט...". פאַרשטייט זיך, אַז קיפּלינג האָט זיך אָנגעשטרענגט אים אַרויפצופירן אויף די געגאַרטע שמועסן, אָבער דער בחור פלעגט אים קיין מאָל נישט פאָלגן. ער פלעגט נאָר צופעליק, אין מיטן פון אַ שמועס, אַריינפאַלן אַזוי ווי אין אַ טראַנס, פאַרגעסן זיין איצטיקן גרוי לעבן און אָנהייבן דערציילן וועגן זיינע פריִערדיקע גילגולים, און דערציילט האָט ער אַזוינס, וואָס נאָר אַ גרויסער היסטאָריקער האָט געקענט וויסן.

קיפּלינג האָט געהאָפט, אַז סוף־כל־סוף וועט דער בחור אים דערציילן וועגן יענע געשעענישן אין דער וועלט־געשיכטע, וואָס פון זיי איז קיין זאַך נישט געבליבן פאַרשריבן. ער איז אָבער געבליבן אַן אַנטוישטער. דער בחור האָט זיך פאַרליבט אין אַ דינסט־מיידל, וואָס האָט געדינט ביי אַ לאָרדיכע, און עפּעס אַנדערש איז אים נישט געלעגן אין זינען. ער האָט געהאַלטן אין איין פּלאַפּלען וועגן זיין געליבטערס שיינקייט און וועגן דער גדולה און עשירות פון דעם לאָרד. קיפּלינג האָט

געפּרוווט אים צוריק אַרויספירן אויף די שמועסן וועגן זיינע פריערדיקע גילגו־לים, אָבער עס איז אים נישט געלונגען. דער בחור האָט אַלץ פאַרגעסן. קיפּלינג פאַרענדיקט זיין דערציילונג, אַז עס האָט אים שפּאַצירט אַ נאַרישער טעמ־פּער בחור, וואָס האָט אין זיין לעבן נישט פאַרמאָגט די נייגעריקייט איבערצולייע־נען אַ בוך, און די „וווּנדערלעכסטע מעשה", וואָס האָט געקאָנט דערציילט ווערן, איז קיין מאָל נישט דערציילט געוואָרן.

איך אָבער בין עד־היום געבליבן מיטן דמיון פון די גילגולים. מיין דמיון דערגרייכט אין דער ווייטסטער, ווייטסטער פאַרגאַנגענהייט. איך געדענק אַפילו, וואָס מיט מיר איז געשען, איידער איך בין געוואָרן איינער פון אַברהמס חניכים. אַוודאי בין איך געווען ביים מעמד הר סיני. ניין, איך קען עס נישט איבערדער־ציילן, ווייל די געשעעניש איז אין אַזאַ וויטן עבר, אַז איך וואָלט עס געדאַרפט איבערגעבן מיטן מויל פון אַ פּרימיטיוון מענטשן, וואָס זעט אין אַלץ ווּנדער, און פאַר דעם מאָדערנעם מענטשן וואָלט עס געקלונגען, ווי אַ לעגענדע, ווי אַ שטיק פאָלקלאָר. באמת, איז דאָך ביים באַרג סיני געשען איינע פון די גרעסטע היסטאָ־רישע מאַניפעסטאַציעס: אַ פאָלק האָט געשלאָסן אַ בונד מיט גאָט! אָט די דאָזיקע פאַקטישע געשעעניש האָט באַווירקט אַ וועלט און איז געוואָרן דער דינאַמישער כוח אין דעם לעבן פון פאָלק ישראל, וואָס האָט געענדערט די גאַנצע וועלט־גע־שיכטע. דאָס איז נישט קיין לעגענדע.

איך וועל איבערהיפּערן אַלע ניסים, וואָס איך האָב בייגעוווינט. ס'וועט זיין צו שווער פאַר מיר צו דערקלערן זייער לאָגישקייט פאַרן מאָדערנעם מענטשן. איך וועל דעריבער דערציילן זאַכן, וואָס זענען געשען על פּי דרך הטבע. אָבער זיי וועלן קלאָר מאַכן אונדזערע גלותן און ביידע שיבת־ציון.

ער: — איך שטיי הינטער דיין פּלייצע און איך לייען, וואָס דו האָסטו אָנגע־שריבן און איך מוז דיר זאָגן, אַז דאָס זענען מיסטישע הנחות, וואָס יעדער וואָרט באַזונדער האָט אַ באַטייט, אָבער צונויפגעלייגט צוזאַמען און אויסגעשטעלט אין זאַצן, האָבן זיי נישט קיין זין און לייגן זיך נישט אויפן שכל. עס שמעקט מיט באַזווער און פּרימיטיווער מיסטיק.

איך: — האָב געדולד, לאָז ענדיקן, וועסט איבערקערן דאָס בלעטל, וועסטו וויסן דעם באַשייד. הער: איך וועל דיר איבערגעבן נאָר יענע דמיונות, וואָס גיבן אַ באַטייט צו יידישער געשיכטע, וואָס באַשטייט פון גלות און גאולה, און ווידער גלות און גאולה. זאָלסט וויסן, אַז נישט די גאולה איז געווען אַ צופאַל, און אויך נישט דער גלות. איך מיין, אַז סיי לאַנד, סיי גלות האָבן יידן אויסדערוויילט, באַ־וווסטזיניק אויסגעקליבן.

ער: — וואָס? יידן האָבן באַוווסטזיניק אויסגעקליבן גלות? ס'איז נישט גע־ווען קיין צופעליקער אומגליק?

איך: — ניין! ס'איז נישט געווען קיין צופעליקער אומגליק. ראשית, זענען די־ייִדן נישט די איינציקע, וואָס זענען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד. אָבער ווי־זאָגט דער מדרש: „ווען אַנדערע פעלקער ווערן פאַרטריבן, איז זייער גלות קיין גלות נישט, ווייל די אומות־העולם, וואָס עסן פון דעם ברויט פון אַנדערע פעלקער און טרינקען זייער ווייַן, איז זייער גלות קיין גלות נישט. אָבער ייִדן, וואָס עסן נישט פון דעם ברויט פון אַנדערע פעלקער און טרינקען נישט פון זייער ווייַן, איז זייער גלות יאָ אַ גלות". דאָס מיינט דאָך, אויסווײילן גלות צוליב אַן אידעע. שנית, אַ צופאַל חזרט זיך נישט איבער דריי מאָל. איך מיין, אַז ס'איז פאַראַן אַ זין און אַ מיין אין אַלע דריי גלותן און אין אַלע דריי שיבת־ציון. האָב געדולד און הער. איך וועל דיר דערציילן פון מיינע גילגולים. שאַ, גלאָץ נישט אויס קיין פּאָר אויגן. אויב דו ווילסט, נעם עס בדרך משל, אָדער ווי אַ שיינע מעשה. לאָמיר אָנהייבן נישט גאָר פון ערשטן גילגול.

## ג) אין די צייטן פון נביא הושע

„מיין טאַטנס נאָמען איז מישמע, מיין נאָמען איז שימעי. מיר וווינען אין דאָרף מולדה, נישט ווייט פון באר־שבע. מיר זענען פון שבט בנימין.

אין יענע צייטן איז געווען דער מנהג, אַז די מאַמע האָט אַ נאָמען געגעבן דעם ניי־געבוירענעם קינד. די מאַמעס פון אונדזער דאָרף האָבן נישט געהאַט קיין צופיל פאַנטאַזיע. איז אונדזער ישוב געווען פול מיט שימעיס, און כדי צו וויסן, וועמען מע מיינט, האָט יעדער שימעי געהאַט אַ צונאָמען. מיך האָט מען גערופן שימעי סיח (סייאָך — אַ לאַשעקל). מיין זיידע פון מיין מאַמעס צד האָט געוווינט אין חצר־סוסים און האָט געהאָדעוועט פערד פאַר די רייטוואָגנס פון מלך, האָט ער מיר געגעבן אַ לאַשעקל אַ מתנה צו מיין צוועלפטן געבוירנטאָג. איך האָב זיך שנעל אויסגעלערנט רייטן.

ווען איך האָב זיך אויסגעלערנט רייטן, האָט דער טאַטע מיך מיטגענומען אויף זיינע נסיעות. ער פלעגט רייטן אויף זיין אייזל און איך אויף מיין פערדל. סוכות האָט ער מיך מיטגענומען קיין בית־אל, וווּ עס איז געשטאַנען דאָס הויפּט־הייליקטום פון אונדזער לאַנד שומרון. מיין טאַטע פלעגט עולה־רגל זיין נאָר איין מאָל אַ יאָר צום הויפּט־הייליקטום, ווייל דריי מאָל אַ יאָר האָט ער זיך נישט געקענט פאַרגינען אויסצופירן די מצווה, ער איז געווען אַ פּויער פון מיטלשטאַנד, אַן קנעכט און אָן געדונגענע אַרבעטער.

דער טאַטע האָט געפירט מיט זיך אַ יונג עקסל פאַר אַ קרבן־שלמים, און אַ לאָגל ווייַן פאַר אַ גיס־אָפּפער צום קרבן. מיר זענען אַריין דורך דעם דרום־טויער

פון שטאָט און דער טאַטע איז געגאַנגען גלייך צום הייליקטום. ווי איך בין אַריבערגעטראָטן דעם טויער, בין איך געבליבן זיצן אויף מיין פערד מיט אַן אָפן מויל און אויפגעריסענע אויגן. ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך בין געווען אין אַזאַ גרויסער שטאָט, ווי בית־אל. אַלץ איז פאַר מיר געווען ניי און משונהדיק. ווען דער טאַטע וואָלט זיך אָפגעשטעלט נאָר אויף אַ רגע, אַז איך זאָל קענען באַקוקן, וואָס אַרום מיר טוט זיך! ער איז אָבער געריטן אויף זיין אייזל, האַלטנדיק דאָס שטריקל, וואָס איז געווען צוגעבונדן צום עקסל, און ער האָט זיך נישט אַרומגעקוקט רעכטס אָדער לינקס. איך בין געזעסן אויף מיין פערדל מיט אַ פאַרריסענעם קאָפ און האָב געוואָרפן אויגן אויף אַלע זייטן. הייזער! ווי הויך זיי זענען! געבויט פון ציגל און געהאַקטע שטיינער און אַרומגערינגלט מיט בלומענגערטנער! פאַרביי אונדז פליִען רייטוואָגנס מיט רייטער. די גאַס איז פול מיט אויסגעפוצטע הויפטן פון חיילות, קיווערס אויף די קעפ און שווערדן ביי דער זייט. אומעטום שטייען אָפענע געוועלבן, אָנגעפאַקט מיט אַלערליי סחורות... יאָ, איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען אַ גלעזערנעם קרוג און אַ חתיכה זיידנס, וואָס האָט געמיניעט מיט אַלערליי קאָלירן. ועל כולם איז די גאַס געווען אָנגעפילט מיט אויסגעפוצטע ווייבער, זייערע ברעמען אָנגעשמירט, די באַקן אָנגעפאַרבט, גאָלדענע קייטעלעך אויף די פיס, הענט און אָרעמס. פינגערלעך אויף די פינגער. זיי זענען געגאַנגען איינגעהילט אין טול און זיידנס, די קעפ באַפוצט מיט שטערנבענדער, די אויערן באַהאַנגען מיט אוירינגלעך ווי לבנהלעך און אויפן האַלדז שנירלעך פערל און קמיעות. איך האָב אַפילו געזען ווייבער מיט גאָלדענע נאָזרינגען.

איי, ווען מיין טאַטע וואָלט זיך אָפגעשטעלט, לכל הפחות, לעבן דעם געוועלב פון אַלערליי געבעקס, פאַרגלייזט מיט האָניק! דער טאַטע איז אָבער געווען עפעס בייז און איז געריטן אויפן אייזל שטום, אָן אַ וואָרט, און האָט געשלעפט דאָס עקסל נאָך זיך.

מיר זענען אָנגעקומען אין עזרה פון הייליקטום. איך בין שוין אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן פון דעם גערודער, גערויש און ליאַרעם. איך האָב נאָך קיין מאָל נישט געזען אַזוי פיל מענטשן אויף איין אָרט. ווען איך האָב דערזען די כוהנים אין זייערע הייליקע מלבושים און דעם פלאַקער אויפן מזבח, האָב איך זיך אַזוי דערשראָקן, אַז איך בין געבליבן שטיין לעבן מיין פערד, וואָס איז געווען צוגעבונדן צו אַ סלופ אויסער דער עזרה און איך האָב נישט געהאַט דעם מוט אַריינצוגיין אינעווייניק.

סוף־כל־סוף האָט דער טאַטע מיך אַריינגעשלעפט אין דער עזרה, ווען די צייט פון מאָלצייט איז אָנגעקומען און נאָך דעם, ווי דעם טאַטנס קרבן־חגיגה איז אויפגענומען געוואָרן. מיר זענען געזעסן אין אַ ווינקל און האָבן געגעסן און דער

טאַטע האָט געטרונקען פון דעם ווייַן, וואָס איז געבליבן נאָך דעם גיס־אָפּפער. מיט אַמאָל האָט זיך אין אַ ווינקל פון דער עזרה, נישט ווייט פון אונדז, אויף אַ שטיין, וואָס איז געלעגן אויף אַ בערגל, באַוויזן אַ דאַרער, הויכער מאַן, אַנגעטאָן אין אַ האַריקן מאַנטל, און האָט אָנגעהויבן רעדן. קיין צופיל מענטשן האָבן זיך אַרום אים נישט אַרומגעקליבן. מיך האָט ער צוגעשמידט מיט זיין מאָדנעם פּנים. זיינע ליפּן זענען געווען טרוקן, גלייך ווי פאַרברענט פון אַ שאַרפן, ביטערן גע־ווירץ. זיינע אויגן זענען געווען ברייט געעפנט, אָנגעשטעלט אויפן עולם, און דאָך, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער זעט קיינעם נישט אַרום זיך, ער איז גאָר ערגעץ אַנדערשוווּ. ער האָט גערעדט מיט אימפּעט, אָן אַן אָפּשטעל, ווי די ווערטער וואָלטן אים פון עמיצן אַרייַנגעוואָרפן געוואָרן אין מויל אַריין. זיינע רייד זענען געווען משונהדיקע:

„פרייען, טאָרסטו זיך נישט פרייען, ישראל, ווי די אַנדערע פעלקער אַרום דיר פרייען זיך אין זייערע יום־טובים. דו האָסט זיך אָפּגעקערט פון דיין גאָט. דו האָסט זיך געוואָלגערט אין אַלע שייערן מיט זונות. דו, אפרים, וועסט זיך אומ־קערן קיין מצרים, און ווען דו וועסט אין אַשור זיין, וועסטו עסן אומריינס, ווייל דו וועסט דאָך נישט גיסן קיין ווייַן צו גאָט, דו וועסט נישט קענען ברענגען קיין קרבנות און אַפילו דאָס ברויט, וואָס דו וועסט עסן, וועט זיין אומריין, ווי דאָס ברויט פון אַבלים. די, וואָס וועלן עסן דאָס ברויט, וועלן ווערן טמא, ווייל דאָס ברויט, מיט וועלכן זיי וועלן זיך שפּייזן, וועט נישט קומען אין גאָטס הויז".

איך, אַ יינגל פון פערצן יאָר, בין געווען דער בכור פון דעם בכור אין דער משפּחה. איך האָב געקענט לייענען און בין געווען גוט געניט אין די הייליקע מגי־לות. איך האָב פאַרשטאַנען, וואָס דער נביא רעדט: אין אַ פרעמד לאַנד טאָר מען נישט מקריב זיין קיין קרבנות, מע קען נישט ברענגען קיין ביכורים, מע טאָר נישט ברענגען קיין גיס־אָפּפער פון ווייַן און מע טאָר נישט באַקן דעם לחם־הפּנים. אַלץ וועט זיין טמא, ווייל מע וועט פון קיין זאַך נישט געבן קיין טייל צו גאָט. איך האָב זיך אָבער צופיל נישט געשראָקן פאַר טומאה. אין די דערפער האָט מען נישט צו שטאַרק אָפּגעהיט טומאה און טהרה. דער פויער האָט אָפט אויך אָפּגענאַרט און נישט געגעבן די פולע מאָס מעשר אָדער תרומה. מען האָט געמוזט אַביסל פאַרקוקן די דאָזיקע מצוות. אָבער אָט רעדט דער נביא ווייטער:

„וואָס וועט איר טאָן אין אַ יום־טוב, אין דעם גרויסן חג סוכות? מצרים וועט אייך איינזאַמלען, תחפּנחס וועט אייך באַגראָבן, אייער שיין לאַנד וועלן שטעכלקעס ירשענען, דערנער וועלן אויפגיין דאָרט, וווּ אייערע געצעלטן געפינען זיך איצט. געדענקט! אָט קומען אָן די טעג פון שטראָף, נאָענט איז די צייט פון באַצאָלונג! זיי געוואָרנט, ישראל!"

איך האָב אָנגעהויבן ציטערן מיט אַלע מיינע אברים. איך האָב אויפגעהערט עסן און האָב אָנגעכאַפּט דעם טאַטנס האַנט.

„טאַטע, דו הערסט?"

דער טאַטע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

„וואָס טרייסלסטו זיך אַזוי, גלייך ווי אַ בייזער רוח וואָלט דיך אָרומגענור־מען? זאָל ער רעדן. ווער דו נאָר נישט משוגע, ווי ער. ס'איז נישט פאַראַן קיין שכל און קיין וויסן אין זיינע רייד. פאַראַיאָרן האָט ער גערעדט גוטס אויף ישראל. ער האָט געזאָגט, אַז גאָט וועט זיין ווי טוי צו ישראל, דאָס פאָלק וועט בליען, ווי אַ ליליע און שלאָגן וואָרצלען ווי די צעדער־ביימער אין לבנון. איצט, טו אַ קוק אויף אים, וועסטו זען, אַז אַ פאַרקרימטער גייסט זיצט אין אים".

דער טאַטע האָט גערעדט גאַנץ שטיל. באַלד אָבער האָט הושע אַ דונער גע־טאָן אַן ענטפער, גלייך ווי ער וואָלט געהערט דעם טאַטנס רייד:

„יאָ, אַ נאַר איז דער נביא, משוגע איז דער מאַן פון גייסט, ווייל די זינד פון פאָלק איז גרויס און נאָך גרעסער איז די שנאָה צו די נביאים, וואָס שטראָפן אייך!"

דער טאַטע האָט מיטן ברעג פון זיין שמלה אָפּגעווישט די ליפּן, די וואָנצעס און די באָרד און האָט אַ זאָג געטאָן מיט כעס:

„קום, ס'פאַלט אָן אַ פחד פון זיינע רייד. דער ביסן שטעלט זיך אין קעל".

מיר זענען אַוועק אויף אַן אַנדער אָרט אין דער עזרה, וווּ די רייד פון דעם נביא האָבן צו אונדז נישט דערגרייכט...

מיר זענען געריטן אַהיים. דער טאַטע איז געווען אין אַ גוטער לוינע. ער איז געווען זאַט פון קרבנס פלייש און אַביסל בגילופנדיק פון דעם וויין. אָבער מיין האַרץ איז מיר געווען שווער. דעם נביאס רייד האָבן מיך צערודערט. די פעטע פעלדער פון שומרון זענען געווען אויסגעשפּרייט פאַר מיינע אויגן, אָנגעזעטיקט מיטן רעגן, וואָס איז געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט. אַ דאַמף איז אויפגעגאַנגען פון זיי. די וויינגערטנער זענען נאָך אַלץ געשטאַנען גרין מיט אַראָפּגעלאָזטע צווייגן, וואָס זענען געווען שווער פון דעם שטאַרקן ביינאַכטיקן רעגן. די לופט איז געווען דורכ־זיכטיק, נאָר ווי די לופט פון אונדזער לאַנד קען זיין נאָך אַ רעגן. איך האָב ממש געפילט גאָטס נאָענטקייט. אָט־דאָ, אויף אונדזער געבענטשטער ערד, רוט גאָטס גייסט. אָבער אין דער פרעמד? אין אַשור און מצרים? דאָרט איז די לופט אומריין און די ערד איז טמא. דעם נביאס רייד האָבן געהאַלטן אין איין איבערחזרן זיך אין מיינע אויערן:

„וואָס וועט איר טאָן אין אַ יום־טוב? אין דעם גרויסן חג סוכות, אין דעם פייער־טאָג צו גאָט? מצרים וועט אייך איינזאַמלען, תחפּנחס וועט אייך באַגראָבן!" יאָ, אָן שבת, אָן ראש־חודש, אָן סוכות און אָן אַ קרבן־פּסח! גאָטס פּנים וועט זיין

פֿאַרבאָרגן פֿון אונדז. דאָרט, אין דער פֿרעמד, איז דאָך די ממשלה פֿון די געצן, וואָס זענען געמאַכט פֿון שטיין און האָלץ.
מיר איז געוואָרן קאַלט אין דעם דאָזיקן הייסן פֿרימאָרגן.

## ד) אין די צײַטן פֿון נביא ישעיה

איך בין אַן אַלטער מאַן, מער ווי אַ בן־שבעים. איך בין איצט אַ תּושב אין ירושלים, די הויפּטשטאָט פֿון יהודה. איך בין אַ מײַנסטער שלאָסער. איך בין אַן אויפֿזעער אין בית־היער, אין דער פֿעסטונג פֿון געווער, וווּ מע אַרבעט־אויס וואָפֿן פֿאַר די חיילות — פֿון קורצע שווערדלעך, וואָס מע טראָגט באַהאַלטן אין בוזעם, אָדער אין אַ גאַרטל, ביז די לאַנגע שפּיזן און רײַטוואָגנס.

ס'איז נישט וויכטיק איבערצודערציילן אַלע מײַנע הרפּתקאות, ווי אַזוי איך בין געוואָרן פֿון אַ פּויער אין דאָרף אַ שלאָסער, אַ מײַנסטער־שלאָסער. עס האָט געהאַט אַ שײַכות מיט מײַן זיידן פֿון מאַמעס צד, וואָס האָט געוווינט אין חצר־סוסים, וווּ מען האָט געהאָדעוועט פֿערד פֿאַר דעם קעניגס חיילות.

חזקיהו איז איצט מלך פֿון יהודה, און סנחריב באַלאַגערט ירושלים. די שטאָט איז אומרויִק און צעטיילט צוליב רבשקהס רייד צו דער באַפֿעלקערונג:

„מאַכט מיט מיר שלום און קומט אַרויס צו מיר. איך וועל איטלעכן פֿון אײַך לאָזן דערווײַל אויף זײַן נחלה, ביז איך וועל קומען און וועל אײַך נעמען אין אַ לאַנד, ווי אײַער לאַנד, אַ לאַנד פֿון תּבֿואה און ווײַן, אַ לאַנד פֿון אײלבירטן און האָניק, אַ לאַנד פֿון ברויט און ווײַנגערטנער. טוט אַזוי און איר וועט בלײַבן לעבן און נישט שטאַרבן. איר זאָלט זיך נישט צוהערן צו חזקיהוס רייד, וואָס ער וויל אײַך אײַנרעדן, אַז גאָט וועט מציל זײַן די שטאָט, ווײַל איר זאָלט וויסן, אַז גאָט, אײַער גאָט, האָט צו מיר געזאָגט: „גיי אַרויף אויף דעם דאָזיקן לאַנד און מאַך עס חרובֿ!"

דער מלך חזקיהו און דער נבֿיא ישעיה האָבן באַשלאָסן זיך נישט אונטער־צוגעבן, ווײַל גאָט וועט נישט איבערגעבן זײַן שטאָט אין די הענט פֿון אַ געצנדי־נער. אַנדערע שׂררות האָבן אָבער געהאַלטן, אַז מיר, די בני יהודה, זענען אַזוי זינדיק, אַז גאָט האָט אונדז פֿאַרלאָזט, אַזוי ווי ער האָט אַמאָל פֿאַרלאָזט שילו און שפּעטער שומרון. דערפֿאַר איז בעסער מע זאָל זיך אונטערגעבן.

ישעיה, חזקיהו און אַ סך שׂררות האָבן אָבער געטענהט:

„אמת, מיר האָבן געזינדיקט, איבערהויפּט האָט געזינדיקט דער מלך מנשה, וואָס גאָט קען נישט פֿאַרגעסן זײַנע זינד, אָבער גאָט קען דאָך פֿאָרט נישט דער־לאָזן, אַז ירושלים זאָל חרובֿ ווערן און אַז די ייִדן זאָלן פֿאַרטריבן ווערן אין גלות.

זוען שומרון איז פאַרטריבן געוואָרן, איז געבליבן יהודה, ירושלים און דער בית־המקדש. אָבער ווער וועט דערציילן גאָטס גרויסקייט, אויב יהודה און גאָטס וווין־אָרט, דער בית־המקדש, זאָלן חרוב ווערן?״

די גאַסן פון ירושלים האָבן געקאָכט און געזשומעט. אין בית־היער, ווו מען האָט אויסגעאַרבעט וואָפן, איז מען אויך צעטיילט געווען אין דער דעה. איין צד האָט געוואָלט איבעררעדן דעם אַנדערן צד. איין מאָל זענען צו אונדז געקומען שררות, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מע דאַרף זיך אונטערגעבן צו רבשקה. זיי האָבן צו אונדז גערעדט און דערנאָך געגעבן יעדן פון אונדז אַ פּאַפּירוס, ווו עס איז געווען פאַרשריבן אַ נבואה פון דעם נביא מיכה, וואָס האָט פאָרויסגעזאָגט חורבן, חורבן פון בית־המקדש און ירושלים:

„הערט זיך צו אָקאָרשט, איר פירשטן פון דעם הויז פון יעקב און פירער פון דעם הויז פון ישראל! איר פאַראומווירדיקט גערעכטיקייט און איר פאַרדרייט אַלץ, וואָס איז גלייך. איר בויט ציון מיט בלוט און ירושלים מיט אומרעכט. איר, הויפּטן פון פאָלק, משפּטן פאַר שוחד, און איר, כוהנים, לערנט פאַר געצאָלט, און די נביאים פאַראווען כישוף, ווען מע באַצאָלט זיי. איר אַלע שפּאַרט זיך אָן אויף גאָט, אַזוי צו זאָגן: „גאָט איז דאָך צווישן אונדז און קיין אומגליק וועט אויף אונדז נישט קומען״. דערפאַר וועט איבער אייך ציון צעאַקערט ווערן ווי אַ פעלד, ירושלים וועט חרוב ווערן, און גאָטס הויז וועט מיט ווילד־וואַלד פאַרוואַקסן ווערן״.

נישט אַלע פון אונדז האָבן געקענט לייענען. האָט מען אָפּגעשטעלט די אַרבעט און איך האָב פאַרגעלייענט די נבואה פאַרן עולם. אַ טרויער, אַן אומעט און אַ שרעק איז אַלעמען באַפאַלן. קיינער האָט קיין חשק נישט געהאַט זיך צוריקצוקערן צו דער אַרבעט. מיר זענען געווען גרייט זיך צו לאָזן גיין אַהיים, אָבער עמיצער האָט געלאָזט וויסן דעם קעניג חזקיהו, וואָס ס׳איז געשען אין בית־היער, אין וואָפן־הויז, און ער איז באַלד געקומען צו אונדז מיט דעם נביא ישעיה. דער נביא האָט אַ קוק געטאָן אויפן עולם, האָט מיט צאָרן אַ טרייסל געטאָן דעם קאָפּ, זיך אָרויפגעשטעלט אויף איינעם פון די וואַרשטאַטן און האָט אָנגעהויבן נביאות צו זאָגן:

„אַזוי האָט גאָט געזאָגט צו מיר:

„איר, איינוווינער פון ציון, זאָלט נישט מורא האָבן פאַר אַשור, וואָס שלאָגט אייך מיט דער רוט. ער וועט נישט אַריינקומען אין דער דאָזיקער שטאָט און וועט נישט אַריינשיסן קיין פייל אין איר. ער וועט זיך צוריקקערן אויף דעם זעלביקן וועג, וואָס ער איז געקומען״.

דער נביא האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט און האָט ווייטער גערעדט:

„אָט אַזוי האָט גאָט געזאָגט צו מיר: „אַזוי ווי דער לייב, אָדער דער יונג־לייב ברומט איבער זיין רויב און דערשרעקט זיך נישט פאַר די קולות פון די

פאַסטעכער, וואָס שרייען אויף אים, און ער הערט זיך נישט איין צו זייער טומל. אַזוי וועט גאָט פון די חיילות אַראָפּנידערן מלחמה צו האַלטן פאַר ירושלים. ווי די פייגל, וואָס פלאַטערן, אַזוי וועט גאָט באַשיצן און באַשירעמען די שטאָט ירו־שלים און וועט זי אויפהיטן און מציל זיין. און ווייסט, אַז אַשור וועט פאַלן נישט דורך דער שווערד פון אַ מענטשן. ער וועט אַנטלויפן נישט פאַר דער שרעק פון אַ שווערד. אַזוי האָט גערעדט גאָט, וואָס זיין פייער איז אין ציון און זיין אויוון איז אין ירושלים״.

ווען דער מלך און דער נביא האָבן אונדז פאַרלאָזט, האָבן די מענטשן פון בית־היער זיך געווענדט צו מיר און געזאָגט:

„שימעי, מיר קענען נישט לייענען און שרייבן, און מיר ווייסן נישט וואָס צו טאָן. מיכה און ישעיה — ביידע זענען גאָטס נביאים. צו וועמענס רייד זאָלן מיר זיך צוהערן? ישעיה זאָגט, אַז גאָט וועט נישט חרוב מאַכן ירושלים, ווייל דאָ איז זיין היים, דער מזבח איז זיין אויוון און דער בית־המקדש איז זיין הויז. מיכה זאָגט, אַז צוליב אונדזערע זינד וועט ירושלים חרוב ווערן און דער הר־הבית, דער באַרג פון גאָטס־הויז, וועט מיט ווילד־וואַלד באַוואַקסן ווערן. איז אַדרבה, ווער פון די ביידע איז גערעכט? זאָלן מיר זיך אונטערגעבן צו סנחריבן און לאָזן רבשקה אונדז אַוועקפירן, אָדער זאָלן מיר זיך פאַרלאָזן אויף גאָטס חסד און אויף זיין רחמים און זיך נישט אונטערגעבן?״

אין יענער רגע האָב איך זיך דערמאָנט אין הושעס רייד, וואָס איך האָב זיי געהערט מיט אַן ערך זעכציק יאָר צוריק. איך האָב אויפגעהויבן מיין האַמער און אַ קלאַפּ געגעבן אויפן אַמבעס, אַז פונקען האָבן אָנגעהויבן צו שפּריצן, און איך האָב אויסגערופן אויף אַ הויכן קול:

„איך ווייס נישט, ווער ס'איז גערעכט. ווער בין איך? אַ שלאָסער ווי אַלע. לא עמדתי בסוד ה׳ ולא ראיתי ולא שמעתי את דברו — איך בין נישט געשטאַנען לעבן די בעלי־עצות פון גאָט, און האָב קיין מאָל נישט געזען און נישט געהערט זיין וואָרט. אָבער אין מיין יוגנט האָב איך געהערט די רייד פון דעם נביא הושע, וואָס האָט געוואָרנט די ייִדן פון שומרון, אַז אויב זיי וועלן פאַרטריבן ווערן: „וואָס וועט איר טאָן אין אַ יום־טוב, אין דעם גרויסן חג פון גאָט — סוכות?״ ווען מיר וועלן פאַרטריבן ווערן אין אַ פרעמד לאַנד, וועט אונדזער ברויט זיין טמא, אונדזער ווייַן אומריין. עס וועט נישט זיין נישט קיין שבת, נישט קיין ראש־חודש און נישט קיין יום־טוב. גוט, מיר וועלן האָבן ברויט און אייל, וויין און טייטלען, אָבער אַ לעבן אָן שבת, אָן ראש־חודש, אָן יום־טוב און דערצו עסן אומריין ברויט — פאַר מיר איז שוין בעסער דער טויט״.

די מיינסטערס זענען געבליבן ביי דער אַרבעט. סנחריב האָט נישט איינגע־נומען די שטאָט. עס איז געשען אַ גרויסער נס: אַלע חיילות פון שונא זע־

נען אומגעקומען אַרום ירושלים, ווי עס ווערט דערציילט אין ספר ישעיה און אין ספר מלכים. ירושלים — גאָטס וווין־אָרט, און דער בית־המקדש — גאָטס הויז, זענען נישט חרוב געוואָרן. גאָט האָט געמוזט האָבן זיין נחלה. יהודה איז גאָטס לאַנד.

## ה) דער ערשטער בית־מדרש

הונדערט און צען יאָר שפּעטער... אַ נייער גילגול... איך בין אַן אוראייניקל פון שימעי פון שבט שמעון און מיין נאָמען איז שימאל. שוין העכער הונדערט און פופציק יאָר, זינט מיין עלטער־עלטער זיידע שימעי האָט פאַרלאָזט שומרון, האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין יהודה און האָט געאַרבעט ווי אַ שלאָסער אין בית־היער — אין וואָפן־הויז. מיט מיר אַרבעט אויך מיין ברודער שמי. איך בין דער בכור פון דער משפחה און איך בין אַ מייסטער־שלאָסער. איך וווין איצט אין תל־חרשא, אין בבל. איך בין איינער פון די גולים, פון די פאַרטריבענע מיטן מלך יהויכין.

ווען דער מלך יהויכין האָט ווידערגעשפּעניקט קעגן דעם מלך פון בבל און דערנאָך זיך צו אים אונטערגעגעבן, איז נבוכדנאצר נישט געווען שטרענג און גרויזאַם צום פאָלק. ער האָט אַרויפגעזעצט אויפן טראָן פון יהודה אַ נייעם מלך, צדקיהו, יהויכינס פעטער, און די באַפעלקערונג פון לאַנד האָט ער געלאָזט צורו. ער האָט פאַרטריבן קיין בבל נאָר יהויכין און זיין משפחה און זיבן טויזנט פון די שררות און פון דעם חייל, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם אויפשטאַנד, ווי אויך די מייסטערס, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט געווער. איך, שימאל, בין געווען איינער פון די פאַרטריבענע.

ביי אונדז אין דער משפּחה איז געווען אַן אָנגענומענע שרעק פאַר דעם גלות, וואָס מיר האָבן געוווסט, אַז ער מוז אַמאָל קומען. מיין עלטער־עלטער־עלטער־זיידע האָט נאָך געהערט דעם נביא הושע, וואָס האָט נביאות געזאָגט אַרום פופציק יאָר פאַרן חורבן שומרון. ביי אונדז זענען אויפגעהיט געוואָרן אַלע מגילות וועגן גלות. יעדער בכור פון דער משפחה האָט זיי אויפגעהיט. איין מגילה וועגן גלות האָט יעדער פון אונדזערע יינגלעך, אַפילו די, וואָס האָבן נישט געקענט לייענען, געוווסט אויף אויסנווייניק:

„והפיצך ה׳ בכל העמים״ — און גאָט וועט דיך צעשפּרייטן צווישן אַלע פעלקער, פון איין עק ערד ביז דעם אַנדערן, און דו וועסט דאָרט דינען פרעמדע געטער פון האָלץ און שטיין, וואָס נישט דו און נישט דיינע עלטערן האָבן געקענט. צווישן די דאָזיקע פעלקער וועסטו נישט האָבן קיין רו און קיין רו־ק אָרט פאַר דיין פוסטריט. גאָט וועט דיר דאָרט געבן אַן אומרו־ק האַרץ, פאַלשע האָפענונג און אַ צעבלוטיקטע נשמה. דיין לעבן וועט הענגען אויף אַ האָר, דו וועסט ציטערן

טאָג און נאַכט און דיין לעבן וועט גאָרנישט ווערט זיין. אין דער פרי וועסטו זאָגן: „הלוואי איז שוין אָוונט" און אין אָוונט וועסטו זאָגן: „הלוואי איז שוין אין דער פרי", צוליב דיין האַרץ, וואָס וועט ציטערן, און צוליב דעם, וואָס דו וועסט זען מיט דיינע אויגן".

אונדזער גלות אין בבל איז נישט געווען אַזוי שרעקלעך און שוידערלעך, ווי דער נביא האָט אָפּגעמאָלט אין דער דאָזיקער מגילה. פּאַרקערט, מיר האָבן גע־פירט אַ רויִק און שפּעדיק לעבן. מיר האָבן געהאַט דריי יידישע ישובים: תל־אָביב, תל־מלח און תל־חרשא. מען האָט אונדז געגעבן געגוג ערד צו באַאַרבעטן, גוטע, פעטע ערד, גלייך לעבן די קאַנאַלן. מיר האָבן זיך אויך פּאַרנומען מיט אַלערליי מלאכות און האַנדל. מיר האָבן געהאַט אונדזערע נביאים, אונדזערע חכ־מים און כוהנים, וואָס זענען געווען די רופאים און וועגווייזערס. ס'איז געווען אַ שטיל און רויִק לעבן.

ניין, דאָס, וואָס איך דערצייל דאָ, איז נישט אינגאַנצן אמת. לפנים איז אַלץ געווען רויִק. אין דער אמתן אָבער האָט דער ישוב געקאָכט און געברויזט. אונד־זערע הערצער זענען געווען אין יהודה, אין ירושלים, ביים בית־המקדש. דער נביא יחזקאל האָט נביאות געזאָגט, אַז דער בית־המקדש וועט חרוב ווערן. ער האָט אונדז געשטראָפט מיט בייזע, שוידערלעכע נביאות. אין זיין אייפער פאַר גאָט, האָט ער אונדז פאַרגעוואָרפן, אַז נישט נאָר זענען מיר זינדיק, אומריין און איינגעטונקט אין געצנדינסט, נאָר אַז מיר שטאַמען אפילו פון אַ נישט־ריינעם שטאַם. איך געדענק גוט, ווי ער האָט פאַר אונדז געהאַלטן אַ נבואה, וואָס איז איצט פאַרשריבן אין קאַפּיטל ט"ז:

„מכורותיך ומולדותיך מארץ הכנעני, אביך האמורי ואמך חתית" — דיין אָפּשטאַם און דיין געבוירן־אָרט איז פון דעם לאַנד פון דעם כנעני, דיין פאָטער איז געווען דער אמורי און דיין מוטער איז פון חת".

מיר זענען אויפגעציטערט געוואָרן. פאַרוואָס פאַרשעמט ער די אָבות, אַברהם און שרה? מיר זענען געווען געוווינט צו זיינע בייזע און באַליידיקנדיקע רייד, ווען ער האָט גערופן ירושלים „עיר הדמים" — די שטאָט פון בלוט, און אַנדערע עב־לעכע רייד. אָבער זיין רכילות אויף די אָבות האָט אונדז אויפגעבראַכט. ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז אויך דער נביא הושע האָט אַמאָל געזאָגט אויף יידן, אַז „כי זנתה אמם" — זייער מוטער האָט מזנה געווען. מיר זענען נאָך מער אין כעס גע־וואָרן: ער טייטשט אויס שלעכט הושען. הושע האָט דאָס קיין מאָל נישט געזאָגט אויף דער מוטער שרה. ער האָט עס געזאָגט אויף זיין אייגן ווייב.

אונדזער האָפענונג איז געווען, אַז דער גלות יהויכין וועט באַלד פאַרבייגיין. די חיילות פון נבוכדנאצרן וועלן פאַלן ביי די טויערן פון ירושלים, ווי עס זענען געפאַלן די חיילות פון אַשור. גאָט וועט קיין מאָל נישט איבערגעבן ירושלים, זיין

וווינאָרט, אין די הענט פון שונא. עס זענען אויפגעקומען אַנדערע נביאים, חוץ יחזקאלן, אין בבל. צוויי נביאים, אַחאָב דער זון פון קוליה און צדקיהו דער זון פון מעשיה. זיי זענען געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און האָבן נביאות געזאָגט:

„אין איינע צוויי יאָר אַרום וועט גאָט צעברעכן דעם יאָך פון בבל, און אַלע כלים, וואָס נבוכדנאצר האָט צוגענומען פון בית־המקדש, וועלן צוריקגעבראַכט ווערן קיין ציון און יהויכין וועט צוריק ווערן מלך פון יהודה".

מיר האָבן אויך געהערט, אַז אין יהודה האָט דער נביא חנניה זיך געשטעלט אַנטקעגן ירמיהון. אָבער אין געציילטע חדשים איז חנניה געשטאָרבן, ווי ירמיהו האָט פאָרויסגעזאָגט, און די נביאים אחאָב און צדקיהו האָבן נבוכדנאצרס פּקי־דים געכאַפּט און זיי פאַרברענט לעבעדיקערהייט. יחזקאל און ירמיהו האָבן נאָך שטאַרקער געהאַמערט אויף איין נבואה: „דער בית־המקדש וועט חרוב ווערן". מיר זענען שטאַרק צעטומלט געוואָרן. אַלע פעלקער, וואָס זענען פאַרטריבן גע־וואָרן קיין בבל, האָבן כמעט תיכף אָנגעהויבן צו דינען צו מרדוך־בל. זיי האָבן געפייערט די בבלנישע יום־טובים און אָפּגעהיט דעם שאַבאַט־טאַבו, יעדן זיבעטן טאָג פון חודש. אָבער מיר האָבן נישט געקענט דינען צו מרדוך־בל. ער איז דאָך אַ געץ פון האָלץ און שטיין. אָבער אויך אונדזער גאָט האָבן מיר נישט געקענט דינען דאָ, אין אַ פרעמד לאַנד. נישטאָ דאָ קיין קרבנות, נישטאָ דאָ קיין בית־המקדש, אָדער במה. ווען עס איז געקומען שבת, ראש־חודש, אַ יום־טוב האָבן מיר נישט געהאַט קיין פרייד. דאָס זענען ביי אונדז געווען אויסגעליידיקטע טעג: נישט קיין קרבנות, נישט קיין געזאַנג ביים מזבח, נישט קיין סעודה פון קרבן. דאָס ברויט און דאָס פלייש, וואָס מיר האָבן געגעסן, איז געווען טמא, אָן טעם און אָן ריח. איך פלעג שטענדיק טראַכטן וועגן די רייד פון דעם נביא הושע, וואָס מיין עלטער־עלטער־זיידע האָט געהערט:

„וואָס וועט איר טאָן אין אַ יום־טוב, אין דעם גרויסן חג פון גאָט?"

טאַקע, וואָס טוט מען דאָ שבת און יום־טוב? וואָס דאַרפן מיר בכלל טאָן, כדי צו זיין ייִדן, די דינער פון גאָט? אַ סך פון אונדז האָבן געהאַלטן, אַז מיר דאַרפן אויפשטעלן דאָ, אין בבל, מזבחות און מקריב זיין אויף זיי קרבנות צו גאָט. אין די דאָזיקע הייליקטומס וועלן מיר זיך צונויפקומען שבתים און יום־טובים, פּראָ־ווען בריתן און חתונות און אויפנעמען שלוחים פון דער היים. דאָרט וועט זיין גאָטס הויז. מיר האָבן זיך אָבער אַליין געפרעגט: „ווי אַזוי קען דאָ אַ כוהן מקריב זיין אַ קרבן, ווען אַפילו די לופט איז דאָ טמא?" אַפילו טבילה קען דאָך דאָ נישט העלפן. דערצו האָט נאָך יחזקאל געשטורעמט, אַז ברענגען קרבנות אויסער ארץ־ישראל איז ערגער פון געצנדינסט.

אין יענער צייט, צוויי יאָר נאָכן גלות יהויכין, איז מיין ברודער, שמי, אָנ־געקומען פון ארץ־ישראל און האָט געבראַכט מיט זיך אַ בריוו פון דעם נביא ירמ־

יהו. אַזוי ווי איך בין געווען איינער פון די זקנים פון יהודה, האָט מיין ברודער מיר איבערגעגעבן דעם בריוו, און האָט מיר דערציילט אַזאַ געשיכטע:

„ס'איז געווען נאָך דעם, ווי ס'איז אָנגעקומען די ידיעה פון בבל, אַז די צוויי נביאים, אַחאָב און צדקיהו, זענען פאַרברענט געוואָרן. אין יענער צייט איז אויך דער נביא חנניה געשטאָרבן. ירמיהו איז געקומען צו די מייסטערס און שלאָסערס אין בית־היער און האָט געהאַלטן אַ נבואה וועגן די גולים אין בבל און די איינוווינער פון יהודה:

„גאָט האָט מיר געוויזן צוויי קערב פייגן, וואָס זענען געשטאַנען פאַר דעם בית־המקדש. אין איין קאָרב זענען געווען גוטע, ערשט צייטיק־געוואָרענע פייגן. אין צווייטן קאָרב זענען די פייגן געווען אַזוי שלעכט, אַז מען האָט זיי נישט געקענט עסן. גאָט האָט צו מיר אַזוי געזאָגט:

„די דאָזיקע גוטע פייגן זענען די גולים, וואָס איך האָב פאַרטריבן אין לאַנד כשדים. איך וועל אויף זיי גוט אַכטונג געבן און איך וועל זיי אומקערן אין דעם דאָזיקן לאַנד. איך וועל זיי אויפבויען און איך וועל זיי איינפלאַנצן. די פייגן, וואָס זענען אַזוי שלעכט, אַז מ'קען זיי נישט עסן, זענען צדקיהו, דער מלך פון יהודה, און זיינע האַרן און דער גאַנצער איבערבלייב. זיי וועלן פאַרלענדט ווערן פון דער ערד, וואָס איך האָב זיי און זייערע עלטערן געגעבן, דורך דעם, וואָס איך וועל אויף זיי אָנשיקן די שווערד, דעם הונגער און די פעסט".

„עס איז געוואָרן אַ טומל אין בית־היער און מיר האָבן אָנגעהויבן שרייען:

„ניין, נישט די גולים אין בבל זענען דער שארית, דער איבערבלייב, דער שאר ישוב, נאָר מיר דאָ, אין ירושלים. ירושלים וועט נישט חרוב ווערן, דער בית־המקדש וועט נישט צעשטערט ווערן, ווייל ציון איז גאָטס שטאָט און דער היכל איז זיין וווינאָרט. ווער וועט הייליקן גאָטס נאָמען, אויב ירושלים און דער היכל וועלן צעשטערט ווערן? די גולים קענען דאָך אַפילו נישט דינען צום יידישן גאָט אין בבל".

ירמיהו איז געבליבן רויק. ער האָט נישט געענטפערט אויף אונדזערע טענות. ער האָט געהאַלטן אַ נייע נבואה:

„אַזוי האָט געזאָגט גאָט, דער, וואָס גיט די זון פאַר ליכט בייטאָג און האָט אָנגעשטעלט די לבנה און די שטערן פאַר ליכט ביינאַכט; דער, וואָס רודערט אויף דעם ים און מאַכט די כוואַליעס ברומען; דער גאָט פון די חילות, דאָס איז זיין נאָמען! ער האָט געזאָגט:

„אויב די דאָזיקע געזעצן וועלן אָפּגעטאָן ווערן פון פאַר מיר, וועלן אויך די קינדער פון ישראל אויפהערן צו זיין אַלע מאָל אַ פאָלק פאַר מיר". און הערט, וואָס גאָט האָט ווייטער געזאָגט: „ווען די הימלען פון אויבן וועלן אויסגעמאָסטן ווערן און די יסודות פון דער ערד אונטן וועלן אויסגעפאָרשט ווערן, דעמאָלט

זועל איך זיך אויך אָפּזאָגן פון די קינדער פון ישראל פאַר דעם, וואָס זיי האָבן אָפּ־געטאָן".

„אָפּגעזאָגט און אַ קער זיך געטאָן שטילערהייט צו מיר:

„גיי קיין בבל און גיב איבער אַ בריוו צו דיין ברודער, וואָס איז איינער פון די זקנים פון שבט שמעון. זאָל ער לייענען דעם בריוו פאַר די גולים".

און מיין ברודער האָט פאַרענדיקט:

„קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען זיין גוטע נבואה. ווי אַזוי וועלן ייִדן בלייבן אייביק אַ פאָלק? אין בבל קענען מיר נישט דינען גאָט, דאָס פאָלק פון יהודה וועט פאַרטריבן ווערן, דער היכל, גאָטס הויז, וועט חרוב ווערן — פאַר וועמען וועט גאָט ברענגען די גאולה? ווי אַזוי קענען די קינדער פון ישראל בלייבן אַ פאָלק אויף אייביק, ווען קיין פאָלק וועט נישט זיין? אַדרבה, וואָס מיינסטו איז דער באַ־טייט פון זיין נבואה?"

איך האָב נישט געענטפערט מיין ברודער, ווייל איך האָב נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. איך האָב געעפנט דעם בריוו און אים איבערגעלייענט. דער תוכן פון בריוו זענען געווען די ערשטע עלף פסוקים פון קאַפּיטל יוד אין דעם ספר ירמיהו. איך האָב מיט מיין שכל נישט באַנומען, וואָס ירמיהו וויל. איך האָב אָבער דערפילט, אַז אין די געציילטע שורות גיט ירמיהו אָן ענטפער אויף אַ סך פון אונדזערע ספיקות און צעטומלעניש.

מיר האָבן דאָ געהאַט ספיקות אין אונדזער אמונה אין גאָט, און מיר זענען געווען צעטומלט פון זיינע מעשים. אָט האָט נבוכדנאצר גענומען אין געפענקעניש דעם מלך פון יהודה, דעם קעניג, געזאַלבט פון גאָט, ער האָט אויסגעליידיקט יהו־דה און האָט פאַרשוועכט דעם בית־המקדש. דאָס איז דאָך אַ סימן, אַז דער געץ מרדוך האָט באַזיגט דעם גאָט פון ישראל. מיר זעען דאָך מיט אונדזערע אויגן, ווי גרויס און מעכטיק מרדוך איז. בבל איז רייך. קוקט אָן די שיינע גערטנער און מרדוכס רייכן טעמפּל! זעט די חיילות פון דעם מלך פון בבל, די שררות, די פּריסטער און די פּראַכט פון די געטער! מרדוך־בל, אַנליל, נינגל — אַלע באַ־פּוצט מיט גאָלד און באַקליידט מיט פּורפּור, זייערע טראָנען פון גינגאָלד. היינט די טורעמס פון בבל מיט די שטערן־זעערס, וואָס קענען פאָרויסזאָגן דעם גורל פון פעלקער און מענטשן! נישטיק זענען מיר קעגן די בבלים, קליין איז ירושלים קעגן בבל. קיין וווּנדער נישט, וואָס מיר שטייען פאַרלוירן און אָפּהענטיק קעגן בבל און אירע געטער.

אָבער ירמיהוס בריוו! איך האָב געלייענט, און ווי שפּיזן, אָנגעגליטע שפּיזן, האָבן געשטאָכן מיין לייב. איך האָב געציטערט און גערעדט צו זיך:

„פאַררוף די גולים און לייען דעם בריוו פאַר זיי. שרייב דערנאָך אַראָפּ דעם

בריוו אויף באַזונדערע שטיקער פּאַרמעט און צעשיק זיי צו אַלע משפּחות פון תּל־אָביב, תּל־מלח און תּל־חרשא".

איך האָב געהאַט אַ גרויס הויז און נאָך אַ גרעסערן הויף, אַרומגערינגלט מיט אַ הויכער וואַנט־מויער. איך האָב געהאַט אַזאַ גרויסע און שיינע שטוב, ווייל אויך דאָ, אין בבל, בין איך געווען אַ מייִנסטער שלאָסער, וואָס האָט אַכטונג געגעבן אויף הונדערט שלאָסערס, וואָפן־אַרבעטער. די ממשלה האָט אונדז, שלאָסערס און וואָפן־אַרבעטער, געצוווּנגען צו אַרבעטן אין אירע וואָפן־וואַרשטאַטן. זי האָט אונדז טאַקע געצוווּנגען זיך צו פאַרנעמען מיט דער דאָזיקער אַרבעט, אָבער זי האָט אונדז גוט באַלוינט און האָט אונדז אויך געגעבן אונדזער שבת פאַר אַ רו־טאָג.

שבת אין דער פרי זענען צו מיר אין הויף געקומען אַרום הונדערט ייִדן. איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ טאַבורעט און האָב געלייענט פאַר זיי דעם בריוו, וואָס ירמיהו האָט מיר צוגעשיקט. באַלד נאָך די ערשטע שורות איז דער עולם געבליבן שטיין געפּלעפט. יעדער איינער האָט געפילט, אַז ירמיהו האָט געוווּסט וועגן אונדזערע ספקות און וואַקלענישן און אַז ער גיט אונדז אָן ענטפער און אַ טרייסט. ירמיהו רימט נישט גאָט און באַרעכטיקט נישט זיינע דרכים. ער ווייזט נאָר אָן, ווי נאַריש מיר זענען, וואָס מיר ווערן נתפּעל פון דעם שונאס פּראַכט און גלאַנץ. עס איז נישט קיין פּראַכט און נישט קיין גלאַנץ. עס איז נישט פאַראַן קיין שיינקייט און גרויסקייט אין דעם דאָזיקן פּוץ, עס איז גלאַט נאַרישקייט, וואָס נישט עס קען העלפן און נישט עס קען טאָן שלעכטס:

„הערט די רייד, וואָס גאָט האָט גערעדט צו אייך, איר, הויז פון ישׂראל! אַזוי האָט געזאָגט גאָט: „פון דעם וועג פון די פעלקער זאָלט איר זיך נישט אָפּלערנען און פאַר אַלע צייכנס אין הימל זאָלט איר זיך נישט שרעקן, ווייל די פעלקער שרעקן זיך פאַר זיי. אַלע געבאָטן פון די פעלקער זענען נישטיקייטן. זיי האָבן אויסגעהאַקט שטיקער האָלץ פון וואַלד, מייִנסטערס הענט האָבן זיי מיט הובלען אויסגעמייִנסטרעוועט, מיט זילבער און גאָלד באַפּוצט, באַפעסטיקט מיט נעגל און צוגעקלאַפּט מיט האַמערס, כדי זיי זאָלן זיך נישט וואַקלען. די דאָזיקע געטער קענען נישט רעדן, זיי קענען נישט גיין און מוזן געטראָגן ווערן. איר האָט נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר זיי. זיי זענען נישט מער ווי פּלאַקנס אין פעלד. נישט זיי קענען בייז טאָן און נישט זיי קענען עפּעס גוטס טאָן.

„די אַלע חכמים און שטערן־זעערס זענען פאַרגרעבט און נאַריש, זייערע געטער־לערער זענען האָלץ, באַפּוצט מיט זילבער־בלעך, וואָס מען האָט געבראַכט פון תּרשיש, און באַקליידט מיט בלוי און פּורפּל־קליידער.

„אָבער גאָט, אונדזער גאָט, איז דאָך אַ לעבעדיקער גאָט, דער אייביקער מלך.

פאַר זיין כעס ציטערט די ערד. צו די מענטשן אַרום אייך זאָלט איר זאָגן אויף דעם לשון, וואָס זיי פאַרשטייען (אויף אַראַמעיִש):

„כדנא תאמרון להום" — אַזוי זאָלט איר זאָגן צו זיי: „אלהיא די שמיא וארקא לא עבדו" — די געטער, וואָס האָבן די הימלען און די ערד נישט געמאַכט, „יאבדו מארעא ומן תחות שמיא אלה" — וועלן אונטערגיין פון דער ערד און פון אונטער די דאָזיקע הימלען".

און איך האָב געענדיקט דעם בריוו:

„לא כאלה חלק יעקב" — נישט דאָס איז דער חלק פון יעקב, ווייל זיין גאָט איז דער באַשאַפער פון אַלץ און ישראל איז דער שבט פון זיין נחלה. גאָט פון די חיילות איז זיין נאָמען!"

ווען איך האָב געענדיקט לייענען דעם בריוו, איז אין הויף געווען אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט דעם גערויש פון די פליגלען פון די פליגן, וואָס זענען אַרומגעפלויגן. מיט אַמאָל האָט אויסגעבראָכן אַ געזאַנג. דער עולם האָט מיט אויפגעהויבענע הענט צום הימל אויסגעזונגען די צוויי פסוקים פון „על נהרות בבל":

„אם אשכחך ירושלים" — אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים, זאָל פאַרגעסן ווערן מיין רעכטע האַנט, זאָל צוגעקלעפּט ווערן מיין צונג צו מיין גומען, אויב איך וועל דיך נישט געדענקען, ירושלים, אויב איך וועל דיך נישט דערמאָנען אויף מיין העכסטער שמחה!"

איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר אַזוי גיך ווי דער עולם האָט פאַרענדיקט זינגען, האָב איך אָנגעהויבן זאָגן אויף אַ קול:

„ויכולו השמים" — און אַזוי זענען פאַרענדיקט געוואָרן די הימלען און די ערד, און גאָט האָט פאַרענדיקט צום זיבעטן טאָג זיין אַרבעט, וואָס ער האָט געטאָן און ער האָט גערוט אין דעם זיבעטן טאָג פון זיין גאַנצער אַרבעט, וואָס ער האָט געטאָן. און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און האָט אים געהייליקט, ווייל אין אים האָט ער גערוט פון זיין גאַנצער אַרבעט, וואָס ער האָט געטאָן שאַפן.

נאָך מיר האָט אַ לוי פון צווישן אונדז אויפגעכאַפּט אַן אַנדער פסוק:

„וביום השבת שני כבשים" — און אין טאָג פון שבת זאָלט איר מקריב זיין צוויי שעפסן, אַ יאָר אַלט, אָן אַ מום. און צוויי צענטל זעמל־מעל, אַ שפּייז־אָפּפער, פאַרמישט מיט אייל, מיט זיין גיס־אָפּפער, אַ בראַנד־אָפּפער יעדן שבת, חוץ דעם שטענדיקן בראַנד־אָפּפער און גיס־אָפּפער".

אַ צווייטער מיינסטער שלאָסער האָט אויפגעכאַפּט נאָך אַ פסוק:

„ששת ימים תעשה מלאכה" — זעקס טעג מעגסטו טאָן אַלערליי אַרבעט, אָבער דער זיבעטער טאָג איז שבת, אַ טאָג פון רו, אַ הייליקע צונויפרופונג. קיין אַרבעט זאָל אין אים נישט געטאָן ווערן. דער טאָג איז שבת צו גאָט אין אַלע אייערע וווין־ערטער."

ער האָט שטאַרק באַטאָנט די ווערטער „אין אַלע אייערע וווין־ערטער" — ווו איר זאָלט נישט וווינען: אין יהודה אָדער אין בבל.

איצט קען איך, שלמה בן ירוחם, אַ גילגול פון יענעם שימעי, אייך זאָגן, אַז דאָס איז געווען דער ערשטער קבלת שבת אין דעם ערשטן בית מדרש, בית כנסת, בית כנשתא, וואָס ייִדן האָבן געהאַט. אָבער איצט הערט ווייטער:

„נאָך אין דעם זעלביקן טאָג האָט מען דערטראָגן צום נביא יחזקאל די נייס וועגן דעם צונויפקום ביי מיר אין הויף און וועגן דעם, וואָס מיר האָבן דאָרט געטאָן. דער, וואָס האָט געבראַכט די ידיעה צו יחזקאלן, האָט אונדז פאַרמסרט, אַז מיר שטעלן אויף אַ במקום מזבח אין גלות, אַז מיר זענען אַזוי זינדיק, ווי די ייִדן אין מצרים.

„יחזקאל האָט אָבער דערקלערט, אַז מיר האָבן גוט געטאָן און אַז מיר דאַרפן עס טאָן אַלע שבת און יום־טוב. מען־דאַרף אויפשטעלן דאָ אין גלות אַ קליין הייליקטום, ווו ייִדן זאָלן קענען דינען גאָט. ער האָט געהאַלטן פאַר אונדז אַ נבואה:

„אַזוי האָט געזאָגט דער האַר גאָט: „הגם איך האָב זיי דערווייטערט צווישן פעלקער, און הגם איך האָב זיי צעשפּרייט איבער לענדער, דאָך וועל איך זיין מיט זיי אין דעם קליינעם הייליקטום אין די לענדער, וווהין זיי זענען געקומען."

אין גאָר אַ קורצער צייט אַרום, באַלד נאָכן חורבן, האָבן מיר שוין געהאַט אויפגעשטעלט ספּעציעלע הייזער, וואָס מיר האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן „בית כנשתא" — דאָס הויז פון פאַרזאַמלונג. מיר האָבן דאָרט געלייענט יעדן שבת פּרשיות פון דער תורה, איבערהויפּט די טיילן, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט דעם שבת, אָדער מיט אַ ספּעציפישן יום־טוב. שפּעטער זענען צוגעקומען ספּעציעלע מזמורים, ווי למשל, קאַפּיטל נ"א פון תהילים (פון פסוק י"ז ביזן סוף), ווו עס ווערט דערקלערט, אַז אין גלות איז אַ צעבראָכן האַרץ און אַן ערלעך געמיט פּונקט אַזוי גוט, ווי אַ קרבן. מיר האָבן אין די דאָזיקע בתי כנשתא מל געווען אונדזערע ייִנגלעך, געפּראַוועט חתונות, אויסגערופן אבדות און אויפגענומען שלוחים פון דער חרובער היים. דאָרט האָבן אונדזערע כוהנים און חכמים אונדז אויפגעקלערט ווי מיר זאָלן זיך אויפפירן און ווי מיר זאָלן אָפּהיטן מצוות. דאָרט האָט מען אויך געלערנט די קינדער לייענען און שרייבן.

אויף היינטיקן לשון — אין דעם בית מדרש האָבן ייִדן אָנגעהויבן קאָנקרעטיזירן ייִדישקייט. מיר האָבן שוין דעמאָלט אָנגעהויבן צו זוכן וועגן, ווי אַזוי צו ווערן גוטע, פרומע ייִדן. דער „פּאַרוואָס" איז געווען, ווייל מיר האָבן שוין געגלייבט אין גאָט און אין זיינע נביאים. דאָ, אין בבל, האָבן מיר אָנגעהויבן פאָרשן, ווי אַזוי צו ווערן גוטע ייִדן אַזוי, אַז ווען מיר וועלן זיך צוריק אומקערן אין גאָטס לאַנד, זאָלן מיר קענען איינפירן גאָטס קעניגרייך.

***

זעכציק יאָר שפּעטער... איך בין מיין אייניקל... איך בין געווען פון די ערשטע שובי ציון, וואָס זענען אַרויף קיין ארץ־ישראל מיט ששבצרן. מיר האָבן זיך אומ־געקערט צום הייליקן לאַנד צו גרינדן מלכות שדי.

## ו) אין יבנה — מיט ר׳ יוחנן בן זכאי

אַ זעקס הונדערט יאָר שפּעטער — גילגולים און גילגולים. איך בין איצט אויך אַ מיינסטער שלאָסער. איך אַרבעט אין אַ וואָפן־וואַרשטאַט. עס איז שוין אַזאַ טראַדיציע אין אונדזער משפּחה, אַ קבלה, זיך צו פאַרנעמען מיט וואָפן־אַרבעט. אין יהודה זענען געווען אַ סך משפּחות, וואָס זייערע אומנות זענען איבערגע־גאַנגען בירושה. ס׳איז געווען די משפּחה גרמו, וואָס האָט געוווּסט ווי צו באַקן דעם לחם הפּנים, די משפּחה ארטינס, וואָס האָט געוווּסט ווי צוזאַמענצושטעלן די קטורת. אונדזער משפּחה, בית שימעי, האָט געוווּסט אַלע סודות, ווי אויסצואַר־בעטן לעדער פאַר שילדן, ווי צו פאַרהאַרטעווען שטאָל פאַר שווערדן און ווי אויסצוקלאַפּן אויפן אַמבעס די ריכטיקע שפּיזן.

אַ סך משפּחות האָבן איבערגענומען בקבלה, אַז דער בית המקדש מוז חרוב ווערן. די משפּחות גרמו און אַרטינס האָבן דערפאַר נישט געוואָלט לערנען אַנדע־רע ווי צו באַקן דעם לחם הפּנים, אָדער צונויפצושטעלן די קטורת, כדי קיינער זאָל נאָכן חורבן נישט באַנוצן די קענטעניש פאַר עבודה זרה. מיין משפּחה האָט אויך געהאַט בקבלה, אַז דער בית המקדש וועט חרוב ווערן. דערפאַר האָב איך נישט געהאַלטן, אַז מיר דאַרפן זיך שטעלן קעגן רוים. איך האָב געהאַלטן מיט רבי יוחנן בן זכאי, אַז מען טאָר זיך נישט שטעלן אַנטקעגן רוים, ווייל רוים וועט חרוב מאַכן דעם בית המקדש. דער גרעסטער טייל פון פאָלק האָט אָבער געהאַלטן, אַז דער בית המקדש קען נישט חרוב ווערן, ווייל גאָט וועט נישט דערלאָזן צו צעשטערן זיין וווינאָרט. וועלן מיר מאַכן אַן אויפשטאַנד, וועלן מיר זיכער אַרויס־טרייבן די רוימער. די זעלביקע פּלוגתא ווי אין ישעיהס צייטן.

צווישן די חכמים איז אויך אָנגעגאַנגען די מחלוקת. ר׳ צדוק האָט געהאַלטן, אַז אויב דער בית המקדש וועט חרוב ווערן, וועט קומען אַ סוף צו ייִדישקייט. ער האָט זיך שיר נישט פאַרהונגערט צום טויט מיט זיינע תעניתים. ער האָט געפאַסט יאָרן לאַנג, אַז ירושלים זאָל נישט חרוב ווערן. אָבער ר׳ יוחנן בן זכאי און זיינע תלמידים: ר׳ אליעזר, ר׳ יהושע, ר׳ יוסי הכוהן, ר׳ שמעון און ר׳ אלעזר בן ערך, האָבן אָנגענומען די גזרה פון חורבן. זיי האָבן נישט געהאַלטן, אַז דער חורבן וועט מאַכן אַ סוף צו ייִדן און ייִדישקייט. די תורה בלייבט מיט אונדז, האָבן זיי געטענהט. זי איז גרעסער פון ירושלים און אַפילו פון דעם בית המקדש.

איך געדענק, ווי אַ תלמיד איז געקומען יום כיפור אין אָוונט צו ר׳ יוחנן בן זכאי אין בית מדרש אויפן הר הבית, אין בית המקדש, און האָט געזאָגט צו אים:

„רבי, רבי, היינט האָבן זיך געוויזן אַלע סימנים, וואָס פריִער פלעגט זיך וויזן נאָר איינער אויף אַ מאָל: די טויערן פון היכל האָבן זיך געעפנט פון זיך אַליין, דאָס ליכט אין דער מנורה, וואָס דאַרף ברענען שטענדיק, האָט זיך אויסגעלאָשן פון זיך אַליין. דער רויטער שטיק וואָל, דאָס לשון זהורית, איז נישט ווייס געוואָרן נאָך דעם, ווי מען האָט אַראָפּגעשטויסן דעם שעיר לעזאזל. רבי, וואָס וועט זיין, ווען דאָס, וואָס די סימנים ווייזן, וועט מקוים ווערן און דער בית המקדש וועט חרוב ווערן?״

ר׳ יוחנן איז אויפגעשטאַנען פון זיין שטול און איז צוגעגאַנגען צום פענצ־טער פון בית מדרש. ער האָט זיך אַ קער געטאָן מיטן פנים צום בית המקדש און געזאָגט:

„היכל, היכל, מיר ווייסן, אַז דו וועסט חרוב ווערן. וואָס זשע שרעקסטו אונדז?״

ווען ירושלים איז באַלאַגערט געוואָרן, איז ר׳ יוחנן בן זכאי געבליבן אין שטאָט. אַ סך פון דער רודף־שלום גרופּע זענען אַנטלאָפן פון ירושלים פאַר דער באַלאַגערונג, אָבער ר׳ יוחנן האָט נאָך אַלץ געהאָפט אויף גאָטס רחמים, ביז ער איז איין מאָל געגאַנגען אין גאַס און האָט דערזען, ווי די באַלאַגערטע ייִדן ווייקן שטרוי אין וואַסער און טרינקען דאָס וואַסער. האָט רבי יוחנן אַ זיפץ געטאָן און געזאָגט:

„מענטשן, וואָס טרינקען דאָס וואַסער פון אויסגעווייקטע שטרוי, כדי צו שטילן דעם הונגער, קענען לאַנג נישט אויסהאַלטן די באַלאַגערונג פון די רוי־מישע חיילות. ירושלים וועט חרוב ווערן. דאָס איז גאָטס רצון. איך מוז אַרויס פון דאַנען און ראַטעווען די תורה.״

ער האָט מיך צוגערופן און געזאָגט צו מיר:

„שמאי, די שטאָט וועט חרוב ווערן. איך מוז אַרויס פון דאַנען און זען אַס־פּסיונוסן. איך וויל ראַטעווען די אומה. דו קענסט מיר העלפן.״

„ווי אַזוי, רבי?״

„איך וועל רופן אבא סיקרא, מיין פּלימעניק, וואָס איז דער הויפּט פון די בריונים, און וועל אים זאָגן, אַז ער מוז מיך אַרויסגנבענען פון שטאָט.״

„רבי, ער וועט נישט מסכים זיין.״

„איך ווייס, אַז ער וועט נישט מסכים זיין. דו אָבער זאָלסט אים סטראַשען, אַז די שלאָסערס וועלן אויפהערן אַרבעטן ביים געווער, אויב ער וועט מיך נישט אַרויסלאָזן. דיך פאָלגן זיי.״

„רבי, ער וועט מיך טייטן.״

„אפשר יאָ און אפשר נישט. פאַרגעס אָבער נישט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן הצלת התורה. עס איז כדאי איינצושטעלן. חוץ דעם, וועלן אַלע, וואָס וועלן בלייבן אין שטאָט, סיי־ווי־סיי געטייט ווערן. די שטאָט וועט פאַלן און דער בית המקדש וועט חרוב ווערן."

רבי יהושוע איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן רבין און געזאָגט מיט אַ קול פול מיט יאוש:

„רבי, אויב דער בית המקדש וועט חרוב ווערן, וואָס וועט ווערן פון אונדז? וואָס וועט מכפר זיין אויף אונדזערע זינד?"

ר' יוחנן האָט זיך אַ קער געטאָן צו אים און געענטפערט:

„מיר פאַרמאָגן עפּעס גרעסערס פון דעם בית המקדש און פון דעם מזבח. די תורה איז דער בית המקדש און די מצוות זענען דער מזבח. גמילות חסדים, באַגלייטן דעם מת, פרייען זיך מיט הכנסת כלה, ווען אַ ייִדיש קינד האָט חתונה, און געבן נדבות און דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג — דאָס זענען די עולות און די קרבנות, וואָס מען קאָן ברענגען אומעטום, ווו ייִדן וועלן זיך געפינען. ניין, גאָט וויל נישט, אַז די בריונים זאָלן זיגן. מיט זיי און מיטן בית־המקדש וועלן מיר ווערן ווי די רוימער".

ווען מיר האָבן אַרויסגעפירט ר' יוחנן בן זכאי פון שטאָט און ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַספּסיונוסן, האָט דער רבי אים נישט געבעטן, אַז ער זאָל שאַנעווען ירושלים. ר' יוחנן האָט נאָר געבעטן אַ דערלויבעניש צו עפענען אַ ישיבה אין יבנה און אַ בית־כנסת, און אַז רוים זאָל נישט שטערן די ייִדן אין זייער אמונה.

רבי עקיבא, וואָס האָט אַ שטיק צייט געהאַלטן פון מדינה, האָט זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס ר' יוחנן האָט נישט געבעטן ביי אַספּסיונוסן גאַנץ ירושלים און דעם בית־המקדש. מיר דאַכט זיך, אַז ר' יוחנן בן זכאי האָט עס געטאָן מיט אַ כיוון. איך געדענק זיינע רייד צו ר' יהושוען: „מיט זיי, מיט די בריונים, און מיט דעם בית־המקדש וועלן מיר ווערן ווי די רוימער".

איך געדענק דעם ערשטן ראש־השנה אין יבנה. יענעם יאָר איז ראש־השנה אויסגעפאַלן אום שבת. פון אַלע שטעטלעך אַרום איז מען געקומען קיין יבנה אויף יום־טוב. ר' יוחנן בן זכאי האָט געזאָגט צו די בני בתירה, די גרעסטע לומדים אין יענער צייט: „מיר וועלן היינט בלאָזן שופר". האָבן זיי געזאָגט: „דער דין איז דאָך, אַז נאָר אין בית־המקדש מעג מען בלאָזן שופר ראש־השנה, כאָטש עס איז שבת, אָבער נישט במדינה, איבערן לאַנד". אויף דעם האָט ר' יוחנן געענטפערט: „מען מעג בלאָזן שופר אין יעדן אָרט, ווו עס איז פאַראַן אַ בית־דין. אין יבנה איז דאָ דער בית־דין. האָבן די לומדים געזאָגט: „וואַרט צו, לאָמיר עס באַטראַכטן". האָט ר' יוחנן געזאָגט: „מיר וועלן פריִער בלאָזן שופר און דערנאָך באַטראַכטן".

זיי האָבן געבלאָזן שופר. נאָכן בלאָזן, האָבן זיי געזאָגט צו ר׳ יוחנען: „לאָמיר איצט באַטראַכטן, צי מען מעג בלאָזן שופר איבערן לאַנד, חוץ אין בית־המקדש, ווען ראש־השנה פאַלט אויס אין אַ שבת״. אָבער ר׳ יוחנן האָט געענטפערט: „איצט איז נישטאָ, וואָס צו באַטראַכטן. ס׳איז שוין לאחר המעשה און ס׳איז נישט שייך, אַז מיר זאָלן אויף זיך אַליין זאָגן, אַז מיר האָבן געמאַכט אַ טעות״.

איך האָב זיך דעמאָלט דערמאָנט אין דער טראַדיציע, וואָס איז געבליבן ביי אונדז אין דער משפחה, ווי אונדזער אור־אור־עלטער־זיידע האָט געזאָגט „ויכולו השמים״ אין בית כנשתא, נישט אָנפרעגנדיק זיך ביי קיינעם, און עס איז אַזוי איינגעשטעלט געוואָרן בכל תפוצות ישראל. יאָ, מיין עלטער־זיידנס „ויכולו״ איז געוועזן דער אָנהייב פון אַ ייִדיש לעבן אין גלות. אָ, ווי ווייט מיר האַלטן שוין אין אונדזערע ציטן, איצטביים צווייטן חורבן! יעדער ייִד האָט מער מצוות, ווי די כוהנים האָבן געהאַט ביי דער עבודה אין ערשטן בית־המקדש!...

ער: „וואָס איז דאָס, וואָס דו דערציילסט מיר? אַ געשיכטע־טראַקטאַט? אַ פאַנטאַזיע?״.

איך: „עס איז אַ פּרווו איבערצוגעבן מיין געפיל פון היסטאָרישקייט, פון מיין זיין פאַרבונדן מיט דורות, פון מיין באַוווסטזיין, אַז עס איז פאַראַן אַ תכלית און אַ ציל אין ייִדישער געשיכטע און אַז גלות און גאולה זענען נישט קיין צופאַלן, נאָר אַ פּועל־יוצא פון דער ייִדישקייט אידייע. ייִדישע עקסיסטענץ איז אַ קאָס־מישע נויטווענדיקייט. דאָס ייִדישע פאָלק איז אַ מוז פאַר דער וועלט און דער־פאַר זענען ייִדן אַ פאָלק, אַ יחיד במינו אין דער דערפאַרונג פון גלות און גאולה, דריי מאָל גלות און דריי מאָל גאולה. גלות און גאולה זענען דער גורל פון אונ־דזער פאָלק. נישט קיין בלינדער פאַטום, נאָר אַ באַוווסטזיניק נעמען אויף זיך אַ יאָך, דעם יאָך פון גאָט, דעם יאָך פון דער ייִדישקייט־אידייע.

„און שלאָג נישט איבער. הער ווייטער. איך האַלט שוין ביים סוף. בלויז נאָך איין דערינערונג פון פאַר פופציק יאָר און אַ באַגעגעניש אין מעקסיקע פאַר צוויי־יאָרן. דו וועסט זען, ווי דער צירקל פון געשעענישן שליסט זיך פון שומרון ביז קאַלינקאָוויטש, אַ תקופה פון איבער אַכט און צוואַנציק הונדערט יאָר.

יאָ, ווי אַלע מאָל, זאָלסטו וויסן, אַז ביי מיר זענען געבונדן און געמישט:ווירקלעכקייט, זעונגען, פאַנטאַזיעס, זכרונות און עמאָציאָנעלע אויפרעגונגען. איך מיין, אַז די ווירקלעכקייט פון יחיד, אָדער פון פאָלק, באַשטייט פון זכרון און דמיון.

## ז) אַכצן הונדערט און דרייסיק יאָר שפּעטער

אַכט און צוואַנציק הונדערט יאָר נאָך הושען. מיין נאָמען איז שלמה, אָבער איך האָב אַ ברודער שמעון. דער נאָמען פון דעם ייִדן, וואָס וועגן אים וויל איך דער־

ציילן, איז שמעיה — שמריהו מנקר. עס בינדט זיך מיט פר׳ערדיקע דורות. נעמען זענען נישט קיין צופאַל.

איך בין אַרום זיבעצן יאָר אַלט, אַ בחורל, וואָס איז געקומען פון דער ישיבה. פאַרשטייט זיך, אַז איך בין שוין געכאַפּט אויף דער מעשה. דאָס שטעטל קאָכט און יוירט מיט אַלערליי פּאַרטייען און איז אויפגערודערט פון נייע מחשבות. איך בין מיט דער ציוניסטישער יוגנט. היינט וואָלט מען מיך אָנגערופן „סימפּאַטיקער״, „מיטלויפער״, ווייל קיין ציוניסט בין איך נישט געווען. לשון־קודש אָבער האָב איך ליב געהאַט און האָב עס עד היום ליב. די לשון־קודשדיקע פּרעסע און ליטעראַטור האָב איך געלייענט, קיין מאַרקסיסט בין איך נישט געווען. חבר איך זיך מיט די ציוניסטן און דאַוון שבתים מיט אַ ציוניסטישן מנין ביי יוסף־חיים דאָראָזשקינען. דאָרט דאַוונען שבתים און יום־טובים אַלע משכילים און ציוניסטן. אַ גאַנצע וואָך דאַוונען מיר שוין נישט, אָבער שבת קומען מיר צו יוסף־חיים דאָראָזשקינען, דעם משכיל און העברעיִשן שרייבער, וואָס איז אַ האַלב־פּאַראַליזירטער, און האָט אַ מנין ביי זיך אין הויז. דאַוונען דאַוונט מען ווייניק, אָבער העברעיִש רעדט מען אַ סך און געשמאַק.

עס איז חנוכה. מיר גרייטן זיך אויף אַ גרויסן יום־טוב. דער באַוווסטער העב־רעיִשער שרייבער, זלמן אַפּשטיין, וועט זיין ביי אונדז צו־גאַסט. זאת־חנוכה וועט זיין די גרויסע שמחה.

מיר האָבן אויסגעפּוצט דעם גרויסן זאַל ביי אברהם־חיימען אין שטוב, די גרעסטע שטוב אין שטעטל. די מיידלעך וועלן באַקן לאַטקעס, און מיר, די בחורים, האָבן אָנגעקויפט גוטע זאַכן, ווי אויף חמשה־עשר בשבט: ניס, סטאַשקעס־באָקסער, פייגן און ראָזשינקעס, אַ היטל צוקער און אַ פונט טיי און אַפילו אַ פלעשל ארץ־ישראל וויין, וואָס וועט קלעקן פאַר אַ לעק פאַר יעדן איינעם צו פאַרזוכן. יאָ, אַלע האָבן געוואַרט מיט אומגעדולד אויף דער גרויסער שמחה, אָבער איבערהויפּט האָבן מיר געוואַרט מיט נייגער צו הערן די דרשה פון זלמן אַפּשטיין. ער איז געווען דער הויפּט כוח־המושך, די הויפּט־אַטראַקציע פון דעם „נשף״, און ער קומט אַזש פון פּעטערבורג.

דער גרעסטער טייל פון דער ציוניסטישער יוגנט באַשטייט פון רבי געצלס תלמידים. זענען פיר פון אונדז געגאַנגען פאַרבעטן ר׳ אליקום־געצלען אויף דער שמחה. מיר האָבן זיך געוואָלט אויספיינען פאַר אים מיט זלמן אַפּשטיינס פּליסיקן העברעיִש, מיט זיינע טיפע ידיעות און כוח־הדיבור.

ווען מיר זענען געקומען צו ר׳ געצלען, האָבן מיר דאָרטן געטראָפן שמריהו מנקר, אַ יונגערמאַן אַרום דרייסיק יאָר אַלט, דער גרעסטער מופלג אין שטעטל, אַ האַרנאַסטאַפּלער חסיד, טאַקע דעם רבינס אַ מקורב און אַ משכיל אויף זיין

שטייגער. ער און ר׳ געצל זענען געזעסן ביי אַן אָפענעם רמב״ם און האָבן זיך געקאָכט אין לערנען.

ר׳ געצל האָט אונדז אויסגעהערט און האָט אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט. ער האָט אַ זאָג געטאָן מיט ביטול:

„ווייטער און ווידער הערן זינגען „התקוה״? אַן עבירה צו צעבאַלעמוטשען צייט. בעסער אַריינקוקן אין אַ ספר״.

שמריהו מנקר האָט אַ זאָג געטאָן:

„איר ווייסט, ר׳ אליקום־געצל? איך בין דווקא אַ בעלן צו הערן, וואָס זלמן אַפשטיין האָט צו זאָגן וועגן דעם ענין ציוניזם. מילא דאָס, וואָס די דגי רקק, די קליינע פליאָטקעלעך רעדן, איז דאָך נישטאָ וואָס צו הערן. ביי זיי איז דאָך דאָ־ראָזשקין דער למדן. עס וואָלט אָבער כדאי געווען צו הערן, וואָס זייערער אַ בעל־שיטה וועט זאָגן. לאָמיר צוגיין אין אָוונט. מיר אַליין איז עפּעס פריקרע צו גיין אויף אַזאַ אסיפה. מיט אייך אָבער, רבי, גיי איך אויף אַן אייזערנער בריק״.

„נו, גוט, גוט — האָט ר׳ געצל געענטפערט — עלי ועל צוארי, זאָלן די מוציאי דיבה, די לשון־הרעניקעס, אין שטעטל מיך רופן אַפּיקורוס. גוט, ווייסע חברה־הגי־קעס, ר׳ שמריהו און איך וועלן קומען. וויפל אַזייגער הייבט זיך עס אָן אייער שמחה?״.

דער נאום, די רעדע פון זלמן אַפשטיין איז מיר געבליבן אין זיכרון כמעט ווערטער־לעך, ווייל זי האָט מיך שטאַרק צערודערט. זלמן אַפשטיין האָט גערעדט העברעיש און האָט אָנגעהויבן:

„עריסתנו לא עמדה על גדות הפריפיט, אלא על החול הלוהט של גדות הירדן, שמה נדנדה יד ההיסטוריה את עריסת אומתנו״. — אונדזער וויגעלע איז נישט געשטאַנען אויף די ברעגעס פון פריפעט, נאָר אויף די הייסע זאַמדן פון די ברעגעס פון ירדן, דאָרט האָט די האַנט פון דער געשיכטע געוויגט דאָס וויגעלע פון אונ־דזער אומה״. איך ציטיר די צוויי העברעיִשע זאַצן, ווייל פופציק יאָר שפּעטער האָב איך זיי גענוצט ווי אַ פּאַראָל.

מיר האָבן אויסגעבראָכן אין אַ פליעסקעריי: „איר הערט אַ לשון? וואָס פאַר אַ פלי פון געדאַנקן!״ און זלמן אַפשטיין האָט זיך נאָך מער צעוואָרעמט פון די אַפּ־לאָדיסמענטן:

„מיר זענען פון אייביק אָן פאַררעכנט פאַר דעם עם־הספר, אָבער דער ספר איז איצט פאַר אונדז געוואָרן נישט קיין סם־החיים, אונדזער לעבנס־עליקסיר, נאָר אַ סם־המות, אַ טויט־גיפט, וואָס האָט אונדז אָפּגעריסן פון לעבן.

„וואָס איז געווען די ווירקונג פונעם ספר אויף אונדז אין משך פון די לעצטע הונדערטער יאָרן אין פוילן, רייסן און אין ליטע? ער האָט איינגעשלונגען אין זיך אַלע כוחות פון פאָלק. אונדזער נשמה איז פון אים פאַראַליזירט געוואָרן. און איז

געבליבן ליגן באַגראָבן אין דעם ספר אונטער קופּעס זאַמד, וואָס האָבן זי סוף כל סוף דערשטיקט".

עס האָט אויסגעבראָכן נאָך אַ גרעסערע פּליעסקעריי, אָבער ר' אליקום־געצל האָט אָנגעהויבן רוקן זיין שטול מיט רוגזה און שמריהו מנקר האָט פאַרקרימט די ליפּן פאַר כעס, און זלמן אָפּשטיין איז אַריינגעפאַלן נאָך אין אַ גרעסערער התלהבות:

„גוט, וואָס איר פאַרנעמט מיינע רייד. איך וועל דאָ פאַר אייך רעדן שאַרף און אָפן, ווי מען רעדט צו בעלי־בינה, צו מענטשן מיט פאַרשטאַנד. עס זענען געווען ביי אונדז משכילים, וואָס האָבן געפירט וויכוחים מיט די, וואָס האָבן איינגעפירט אין יידישן לעבן צופיל חומרות. די דאָזיקע משכילים האָבן געמיינט, אַז אויב מען וועט פאַרקלענערן און פאַרגרינגערן די חומרות, וועט דאָס יידישע לעבן פאַרבעסערט ווערן. די דאָזיקע גוט־מיינענדיקע מענטשן האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז דער עצם־אומגליק ליגט נישט אין האָבן צופיל מצוות, אָדער ווייניקער מצוות, נאָר אין דעם פּראָ־אָדמדיקן געדאַנק, וואָס איז איינגעוואָרצלט ביי אונדזער פאָלק, אַז אויסער אונדזערע אַלטע פאָליאַנטן איז נישטאָ קיין וויסן, קיין פאַרשטאַנד און קיין גייסטיקע שפּייז פאַר יידן אויף אונדזער וועלט. מיר מיינען, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אין אונדזער זכות און אַז אָן דער תורה איז נישט פאַראַן קיין ציוויליזאַציע"...

ר' געצל האָט גענומען אַ שמעק טאַבאַק און האָט אָנגעהויבן צו ניסן מיט כעס, און שמריהו מנקר האָט אָנגעהויבן טענהן שטום מיט די הענט צו זיך אַליין. אָפּשטיין האָט זיך גענומען צו צעקייען פאַר אונדז זיינע אייגענע רייד:

„אָבער וויסן, דאַרף יעדער פון אונדז וויסן, אַז רעליגיע, אַפילו אין איר דער־הייבנסטער און העכסטער שיינקייט, איז נישט מער, ווי אַ קליין ווינקעלע אין לעבן, אָבער קיין מאָל דאָס גאַנצע לעבן. כדי דאָס צו באַנעמען, איז נייטיק פאַר דעם פאָלק אַ טאָטאַלער איבערברוך אין זיין וועלט־באַנעם. מיר מוזן זיך אָנהייבן אָפּ־צולערנען פון די מערב־אייראָפּעישע לענדער. זעט, וואָס פאַר אַ פיין און שיין לעבן זיי פירן, זינט זיי האָבן אויפגעהערט צו גריבלען זיך אין שטויב פון זייערע ביכער. זיי דאַרפן זיין אונדזער ביישפּיל. מיר דאַרפן זיך אָפּלערנען פון זייערע מעשים. מיר, די זין פון דעם אויסדערוויילטן פאָלק, דאַרפן, אין שייכות מיט דער פראַגע ווי אַזוי צו לעבן, זיך קנין פאַר די אַנדערע פעלקער און זיי אָננעמען פאַר אונדזערע לערער, פאַר אונדזערע וועגווייזערס. אין דער צייט, וואָס מיר האָבן זיך פאַרנומען מיט פּילפּולדיקער פלאַפּלעריי וועגן פוסטע ענינים, וואָס זענען הלכתא למשחתא, דינים אויף משיחס צייטן, האָבן די אייראָפּעישע פעלקער גע־אַרבעט מיט פליס אויף ערדישע ענינים און זיי האָבן איינגעשטעלט אַ שיין גייס־טיק און מאַטעריעלן לעבן. קיין אַנדער קולטור און ציוויליזאַציע אויסער דער

אייראָפּעישער קולטור און ציוויליזאַציע איז נישט פאַראַן אויף דער וועלט, ווייל די אייראָפּעישע פעלקער האָבן אַ קער־געטאָן זייער פּנים צום אייביקן קוואַל פון לעבן און מקור פון שכל — די נאַטור. זיי האָבן אויפגענומען דאָס לעבן דירעקט. קיין אַנדער קוואַל פון אמתער קולטור, אויסער דער נאַטור, האָט דער מענטש נאָך נישט אויסגעפונען. די מענטשהייט איז נישט קיין טשערעדע שעפּסן, און אויף אמונה אַליין קאָן דער מענטש נישט לעבן״.

מיר זענען ווילד געוואָרן פון התלהבות, געפּאַטשט און געקלאַפּט „בראַוואָ״ און געשריען „הידד״, אַז די שויבן האָבן אַזש געציטערט. ווען עס איז געוואָרן שטילער, האָט זלמן אַפּשטיין פאַרענדיקט מיט איבערחזרן: „לא על גדות הפּרי־פּיט״ — נישט אויף די ברעגעס פון דעם טייך פּריפּעט איז אונדזער וויגעלע גע־שטאַנען״...

מיר האָבן אויסגעבראָכן אין געזאַנג פון „עוד לא אבדה תקותנו״.

ווען זלמן אַפּשטיין האָט זיך אָוועקגעזעצט און אין זאַל איז געוואָרן שטיל, איז שיר נישט געקומען צו אַ סקאַנדאַל. ר׳ געצל האָט זיך אַ קער־געטאָן צו אַפּשטיינען און געזאָגט:

„דאָס, וואָס דו ביסט אַן אַפּיקורוס, בין איך דיר מוחל. דער רבונו־של־עולם ווערט פון אַזעלכע זאַכן נישט נתפּעל. אָבער דיין טיפּשות! סאַראַ איינפאַל, אַז מיר זאָלן זיך אָפּלערנען פון די וועגן פון די גויים! ירמיהו וואָרנט אונדז: „את דרך הגויים אל תלמדו״ — איר זאָלט זיך נישט אָפּלערנען דעם וועג פון די גויים, און מורנו ר׳ זלמן אַפּשטיין זאָגט: „מיר דאַרפן זיך אָפּלערנען פון די וועגן פון די פעלקער״. דו ווילסט, אַז מיר זאָלן ווערן, ווי זיי, אַנעמען זייער פּוץ, רשעות און גאווה? איך זאָג דיר: „אי אפשי — איך וויל נישט״.

שמריהו מנקר האָט גערעדט רויקער:

„ס׳איז מיר אַ חידוש אויף איך, גאָספּאָדין אַפּשטיין, וואָס איר זאָגט, אַז „אויף אמונה אַליין קאָן דער מענטש נישט לעבן״. וואָס מיינט איר דערמיט? איר זענט דאָך אַ ייִד, אַ יודע־ספר. אייך איז דאָך זיכער באַקאַנט קרקשס ספר „מאמר בבטול עקרי הנוצרים״, וווּ ער ווייזט אָן, אַז ייִדישקייט איז כולל אַלץ. מיר ייִדן האַלטן, אַז דער מקור פון קולטור איז נישט אין דער נאַטור, נאָר אין יראת השם״.

„קום, שמריהו! — האָט ר׳ געצל זיך אָנגערופן מיט כעס — וואָס ווילסטו פאַרפירן מיט אים אַ וויכוח? ער איז אַ זקן ממרה. און דו, שלמה, קום!״ — האָט ער זיך אַ קער־געטאָן צו מיר, — מיר דאַכט זיך, אַז דו האָסט אויך געפליעסקעט. קום, פיר מיך אָפּ אַהיים. איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט מער שכל, ווי די דאָ־זיקע חכמים״.

„איך וועל מיטגיין מיט אייך״, — האָט שמריהו מנקר געזאָגט.

„גוט, קום, אָבער איך וויל, אַז שלמהקע זאָל אויך גיין מיט מיר. איך וויל, ער

זאָל טרינקען טיי מיט מיר. איך וויל מיט אים אַ ביסל שמועסן אין דברי תורה, אין לערנען, פאַרטרייבן דעם ביטערן טעם אין מויל״.

## ח) דער לעצטער שמריהו. שמריהו מנקר אין מעקסיקע

אַכט און פערציק יאָר שפּעטער... ס׳איז געווען פאַר דריי יאָרן. איך האָב באַגעגנט שמריהו מנקר אין מעקסיקע. ער איז שוין געווען אַ ישיש, אַ בן־שמונים. איך האָב מיט אים געהאַט אַן אויסטערלישן שמועס אין אַן אויסטערלישער נאַכט. איך האָב דעמאָלט ערשט אָנגעהויבן שרייבן דעם איצטיקן בוך „אויף אייגענע דרכים״. איך האָב דעמאָלט ערשט געהאַט אָנגעשריבן פיר קאַפּיטלעך פון בוך. איך האָב געהאַט דעם פּלאַן פון בוך אין קאָפּ, אָבער איך האָב נישט געוווסט, אַז איך וועל אַריינגעמען אינעם בוך דעם שמועס מיט שמריהו מנקר. אָבער די וויכטיקייט פון פאַרקומענישן און די פאַרבינדונג צווישן זיי קאָן מען ערשט באַנעמען נאָך אַ געוויסן צייט־אָפּשניט.

איך האָב באַגעגנט ר׳ שמריהו מנקר דורך זיין זון. איך בין געקומען קיין מעקסיקע, ווייל מען האָט מיר דאָרט צוגעטיילט אַ ליטעראַרישע פּרעמיע. אַ ייִד, אַ צען יאָר ייִנגער פון מיר, האָט מיך אַרומגעפירט איבער דער שטאָט און מיר געוויזן אַלע חידושים. זיין פּנים איז מיר געווען מאָדנע באַקאַנט. די קהילה פון שטאָט האָט מיך געשיקט אויף אַ פּאָר טעג אָפּרו אין אַ האָטעל, וואָס זיי האָבן אין אַ זומער־פּלאַץ. שמעון מעקלור (אַזוי האָט געהייסן דער ייִד, וואָס האָט מיך אַרומ־געפירט) האָט מיך געפירט אין זיין מאַשין צום זומער־פּלאַץ. ער האָט מיר געגעבן אַ תירוץ, אַז ער פאָרט אַהין זען זיין טאַטן. דער האָטעל איז נישט נאָר אַ זומער־דיק אָפּרו־אָרט, נאָר אויך אַ מושב־זקנים. זיין טאַטנס נאָמען האָט מיר דער ייִד געזאָגט, איז שמריה.

„לאָמיר אַ רגע אַ טראַכט טאָן״, האָב איך אים געזאָגט: „איז אייער נאָמען פריִער נישט געווען מנקר?״.

„אַוודאי״, האָט ער געענטפערט.

„אויב אַזוי, קען איך אייער טאַטן. איך מיין, איך געדענק אים קלאָר. או וואַ, ער מוז שוין זיין אַ בן־שמונים״.

„יאָ, ער איז שוין אַ בן־שמונים מיט עפּעס. ביז מיט אַ יאָר צוריק איז ער נאָך געשטאַנען אין געשעפט, אָבער נאָך דעם, ווי ער האָט געקראָגן אַ לייכטן פּאַ־ראַליז, איז אויף אים פּלוצים אַרויפגעשפּרונגען די עלטער. ער פאַלט אַריין אין שיכחה. אָפט דערקענט ער קיינעם נישט, אָבער ווען ער קומט צו זיך, איז דער קאָפּ ביי אים קלאָר, דער פאַרשטאַנד שאַרף און ער זיצט און לערנט. צי ער איז

נאָך אַלץ פֿרום? אונדזער געשעפֿט איז דער אײנציקער אין אונדזער בראַנזשע, װאָס איז געשלאָסן שבת. נישט צוליב מײַן פֿרומקײט, האָט דער ייִד אַ לאַך־געטאָן. דער טאַטע איז אָבער נישט אַזױ זהיר במצוות, װי איך געדענק אים אין דער יוגנט, װען מיר זענען געקומען קײן מעקסיקע מיט פֿינף און דרײַסיק יאָר צוריק. מיר זענען דאָ גאַנץ פֿאַרמעגלעך. מײַן ברודער האָט אַן אָפּטײל פֿון אונדזער געשעפֿט אין אַן אַנדער פּראָװינץ. די שװעסטער האָט חתונה געהאַט מיט אונדזערן אַ לאַנדסמאַן, װאָס װױנט בײַ אײַך אין מילװאָקי. די מאַמע איז געשטאָרבן מיט פֿינף יאָר צוריק. מיר בײדע, דער טאַטע און איך, האָבן אָנגעפֿירט מיט די געשעפֿטן. אָבער נאָך דער מאַמעס טױט האָט ער זיך אין גאַנצן אָפּגעגעבן צו כּלל־אַרבעט, איבערהױפּט צום ציוניזם. ער האָט געשאָפֿן ריזיקע סומעס געלט פֿאַר ארץ־ישׂראל. זינט ער האָט געקראַגן דעם פּאַראַליז, האָט ער זיך אַריבערגעקליבן אין דעם האָטעל, אין מושב־זקנים. ער האָט אַ צימער פֿאַר זיך. ער האָט מיטגענומען מיט זיך אַ ש״ס, מדרשים, דעם רמב״ם, סײַ דעם יד חזקה, סײַ דעם מורה נבוכים, זיצט גאַנצע טעג און לערנט. איך מײן, אַז ער װעט זיך דערפֿרײען מיט אײַך. איך װעל נישט שװערן, נאָר מיר דוכט זיך, אַז ער האָט מיטגענומען אײַער ספֿר „ייִדן צװישן פֿעלקער״. ער האָט צו אײַך גרױסע טענות״.

„איר װײסט — האָב איך אים געזאָגט — איך בין נײַגעריק צו זען אײַער טאַטן. בײַ מיר איז מיט אים פֿאַראַן אַן אינטערעסאַנטע יוגנט־פֿאַרבינדונג. נײַן, מער װי אַ פֿאַרבינדונג, אַ געשעעניש, װאָס האָט אױף מיר געהאַט אַ שטאַרקע װירקונג. אײַער טאַטע האָט דעמאָלט געמוזט אַלט זײַן אַ יאָר פֿינף אָדער זעקס און דרײַסיק, אפֿשר נאָך ייִנגער. קײן ציוניסט איז ער נישט געװען. ער איז געװען גאָר װײַט פֿון ציוניזם״.

„אויב עס איז געשען אַזױ לאַנג צוריק, געדענקט ער עס זיכער. פֿון דער יוגנט געדענקט ער אַלץ. און אַװדאי איז ער נישט געװען קײן ציוניסט. איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז אַ ציוניסט איז ער ערשט געװאָרן דאָ, אין אַמעריקע״.

מיר זענען אָנגעקומען אין האָטעל גלײַך פֿאַר אָװנט־ברױט. דער אַלטער איז נישט אַראָפּ אין עס־צימער. אַ גוטע שעה נאָכן עסן בין איך אַרױף צו אים. נײַן, איך װאָלט אים נישט דערקענט. אַ ייִד אַ זקן, און איך געדענק אים װי אַ יונגן מאַן. װעדליק זײַן עלטער, האָט ער אױסגעקוקט פֿײַן. ער האָט געררײַכערט אַ ליולקע און האָט באַלד פֿאַרפֿירט מיט מיר אַ שמועס.

„איך בין נישט אַראָפּ אין עס־צימער — האָט ער געזאָגט — װײַל איך בין עפּעס לאַ־עליכמדיק. יאָ, הײַנט, דאַנערשטיק, הײבט מען שױן אָן אָנקומען אױף דעם סוף־װאָך. עס זענען אַרום די טישן געזעסן אַװדאי אַ פּיר מנינים ייִדן, אָבער מיט קײן מזומן האָט מען נישט געבענטשט. קײנער האָט נישט געבענטשט. איך

קאָן שווערן בנקיטת חפץ, אַז קיינער האָט נישט געבראַכט מיט זיך קיין טלית און תפילין."

ער האָט זיך אַ קער־געטאָן צו מיר:

„איך וועל איך נישט פרעגן, צי איר האָט געבראַכט מיט זיך אַ טלית און תפילין. איר וועט מיר באַווייזן, אַז טלית און תפילין זענען לאו דווקא און ראיות וועט איר מיר ברענגען פון כוזרי, פון מורה נבוכים און אפילו פון חובת הלבבות".

שמריהוס זון איז אַריינגעקומען ווינטשן דעם טאַטן אַ גוטע נאַכט און זיך געזעגענען מיט אים, ווייל מען האָט אים טעלעפאָנירט פון געשעפט, אַז ער מוז גלייך צוריק קומען. איך בין געבליבן מיט דעם אַלטן אַליין.

דאָס פענצטער איז געווען אָפן. אַ גרויסער טאָל האָט זיך אויסגעשפּרייט, זוי ווייט דאָס אויג האָט געקאָנט כאַפּן. אַ רעגן האָט אָנגעהויבן צו גיסן און עס האָט אָנגעהויבן שטאַרק דונערן און בליצן. איך בין געשטאַנען פאַרגאַפט. עס האָט אַ בליץ־געטאָן און דער טאָל איז באַלויכטן געוואָרן, און די אָפּשפּיגלונג פון די פעלדער,ביימער און תבואה האָט זיך ווי אַ וויג־געטאָן פאַרן אויג און איז באַלד פאַרשוווּנדן. די אָפטע בליצן האָבן אויסגעזען גלייך ווי עמעצער וואָלט זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש.

איך ווייס נישט, ווי לאַנג איך בין אַזוי געשטאַנען ביים פענצטער, נאָר ווען איך האָב אַ קער־געטאָן דעם קאָפּ, האָב איך דערזען, אַז דער אַלטער איז איינ־געשלאָפן זיצנדיק און דאָס קליינע גמראלע, וואָס ער האָט געהאַלטן אויפן שויס, האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּגליטשן פון זיינע קני. איך האָב אָנגעכאַפּט די גמרא און ער האָט געעפנט די אויגן.

„גייט נישט אַוועק. לאָמיר אַביסל אַ שמועס טאָן".

איך האָב נישט געוווּסט פון וואַנען אָנצוהייבן. ער האָט זיך געפּאַרעט מיט זיין פאַרלאָשענער ליולקע. מיט אַ מאָל, קוקנדיק אויף דעם פאַרוויאַנעטן זקן, איז מיר אויפגעקומען אויפן זכרון דער יונגערמאַן אין קאַלינקאָוויטש, ווי איך האָב געזען יענעם זאת חנוכה, און איך האָב, ווי צו זיך, אָנגעהויבן רעציטירן:

„עריסתנו לא עמדה על גדות הפריפיט"...

דער זקן איז מיט אַמאָל ווי עלעקטריזירט געוואָרן. ער האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צו מיר און געענטפערט:

„אלא על החול הלוהט של גדות הירדן"... און מיר האָבן ביידע פאַרענדיקט:

„שמה נידנדה ההיסטוריה את עריסת אומתנו".

ער האָט אַ לאַך געטאָן:

„אַ בעלנות צו געדענקען יענעם אָוונט. ס'איז דאָך שוין אַ קימאַ־לן פון קרוב צו פופציק יאָר, יאָ, גאַנצע אַכט און פערציק יאָר... איצט האָב איך זיך דער־מאָנט, ווער איר זענט: שלמה מערע ירוחם דעם שוסטערס, רב געצלס תלמיד.

א שאַרף קעפּל האָט איר געהאַט... איך מעג זיך משער זיין, אַז איר זענט געקומען צו מיר מיט אַ נזיפה, מיט אַ פאַרוואורף. דער זון מיינער האָט איך מן הסתם דער־ציילט, אַז איך בין אַ הייסער ציוניסט. איך וואָלט וועלן, אַז מיינע ביידע בנים זאָלן איינפּאַקן זייערע טשעמאָדאַנעס און עולה זיין קיין מדינת־ישראל. יאָ, קיין אַנדער האָפענונג איז נישטאָ".

איך האָב אים געענטפערט:

„חלילה, איך האָב די שורות נישט רעציטירט ווי אַ טאַדל. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף איך און האָב זיך דערמאָנט אין יענעם אָוונט. אָבער כיון דגלי דעתיה גלי — ווי באַלד איר האָט מיך שוין דערמאָנט אין יענעם אָוונט, איז ילמדנו רבנו. ציוניזם מיינט דאָך ככל הגויים, ווי אַלע פעלקער, ווי אַזוי לייגט עס זיך אייך אויפן שכל, אַז עס איז כדאי, אַז יידן זאָלן אַלץ פאַרגעסן, אָפּזאָגן זיך פון אַלץ און ווערן אַ פאָלק, ווי אַלע אַנדערע פעלקער. אויב אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער, ווער דאַרף אונדז? נאָך וויכטיקער, ס'איז נישטאָ קיין „פּאַרוואָס", מיר זאָלן זיך מאַטערן צווישן פעלקער. ווען מיר ווערן ווי אַלע פעלקער, זענען מיר דאָך נישט מער, ווי תולעת יעקב — דאָס ווערעמל יעקב, אָן אונדזער תורה, אָן אונדזער וועלט־באַנעם. אָבער עם ישראל, וואָס איז אַ ממלכת כוהנים, אַ גוי קדוש — אַ הייליק פאָלק, אָן אור לגויים — אַ ליכט פאַר פעלקער, אָן אייביק פאָלק, וואָס איז אַ קאָסמישע נויט־ווענדיקייט — דאָס איז אַ יש. איר האָט דאָך אַזוי געטענהט צו זלמן אָפּשטיין".

דער זקן האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אַ בליץ האָט אַ שניט־געטאָן אין דער נאַכט. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף אים און מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך זע יענעם יונגן שמריה מנקר. אויף זיין פּנים האָט זיך אָבער באַוויזן אַ ביטערער שמייכל און ער האָט אַ זיפץ געטאָן:

„גוט, שלמה בן ירוחם, לאָמיר טאַקע אַ שמועס־טאָן. שוין לאַנג נישט גע־רעדט איבער דברים העומדים ברומו של עולם. אָפּט דוכט זיך מיר, אַז זינט יע־נעם אָוונט פון זאת חנוכה איז איין בלויז, אַ חלל — נישט געווען מער מיט וועמען צו רעדן. ר' אליקום געצל איז געשטאָרבן יענעם זומער. באַלד האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. אַלץ איז געוואָרן הפקר, עפּעס איין גרויסער אויסגע־שריי: „אַלץ פאַר דעם גוף!", אַפילו זייער רוחניות, זייער גייסטיקייט האָט גע־שמעקט מיט גוף־שווייס. די רוסישע רעוואָלוציע איז געווען פאַרן גוף...

„אָבער נחזור לענינינו — לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער ענין. וואָס מיינסטו מיט דיין „ציוניסטן ווילן, אַז מיר זאָלן ווערן אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך"? ציוניזם איז צו אונדז געקומען, ווען מיר האָבן אָנגעהויבן ווערן ווי אַלע פעל־קער, ווען מיר זענען שוין פאַרגוייִשט געוואָרן. טו אַ קוק אויף זיך, אויף דיינע קינדער, אויף מיינע זין. טאַקע ווייל מיר זענען אַ קאָסמישע נויטווענדיקייט, ווייל מיר זענען אָן אייביק פאָלק, ווייל מיר זענען אין תוך אַ ממלכת כוהנים — איז

איצט נייטיק מדינת־ישראל, אַ סעקולאַרע מדינה. זי איז אַ מוז, אַ לחלוטינדיקער מוז, עד יעבר זעם, ביז די בייזקייט וועט אַריבער, ביז מיר וועלן צוריק ווערן ייִדן. די מדינה איז איצט אַ מיטל, אַז ייִדן זאָלן בלייבן ייִדן, ווי אַן איינס.

„איך כאַפּ נישט אייער מיין און דעם באַטייט פון אייערע רייד", האָב איך געענטפערט. ילמדנו רבנו, וואָס מיינט איר „ייִדן זאָלן בלייבן ייִדן"? ייִדישקייט צוליב קיום? פיזישער קיום איז אַן ענין, אָבער אַן גייסטיקן קיום זענען ייִדן קיין ייִדן נישט, אַפילו ווען עס זאָל בלייבן אַ פאַרמעל ייִדיש פאָלק. וואָס פאַר אַ גרויסקייט איז פאַראַן אין דעם, וואָס די גריכן זענען געבליבן אַ פאָלק? אָדער די עגיפטער? זיי זענען דאָך פעלקער אָן אַ המשך, אָן שום שייכות צו זייער פריִער־דיקן שטאַם. איר רעדט אין רעטענישן".

„ניין, איך רעד נישט אין רעטענישן — האָט דער זקן זיך אָנגערופן — דער־לויבט מיר אַביסל מאריך צו זיין. וואָס זענט איר אַזוי אומרויִק און שפּאַנט אַרום איבערן צימער פאַרווירט? איך ווייס נישט, ווו עס דונערט — אין דרויסן, צי אי־בעווייניק אין אייך. זעצט־זשע זיך אַוועק און הערט:

„ביז נישט לאַנג צוריק איז ביי אונדז ייִדן געווען אַן אָנגענומענע הנחה, אַז מיר זענען אַן אייביק פאָלק. ייִדן וועלן בלייבן ייִדן, כל־זמן די וועלט וועט בלייבן וועלט, ווי ירמיהו האָט באַטאָנט: „אויב די געזעצן פון דער זון און דער לבנה און די שטערן וועלן אָפּגעטאָן ווערן פון מיר, זאָגט גאָט, וועלן אויך די קינדער פון ישראל אויפהערן צו זיין אַן אייביק פאָלק פאַר מיר". נאָך מער, מיר האָבן אָנגענומען דאָס, וואָס די חז"ל האָבן באַטאָנט, אַז די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן נאָר אין זכות פון ייִדן. איר ווילט דאָך נישט, אַז איך זאָל אייך ברענגען די אַלע מאמרי חז"ל. זיי זענען דאָך דברים ידועים — באַקאַנטע זאַכן.

„דאָס זענען נישט געווען גלאַט פסוקים פאַרשריבן אויף אַלטע פּאַליאַנטן און דאָס זענען נישט געווען קיין מאמרי חז"ל פאַרשריבן אויף טויטע פאַרמעטן. פאַר אונדז ייִדן זענען זיי געווען אַקסיאָמען — אמתן, וואָס קיינער האָט נישט אָפּגע־פרעגט. די אַלע דערקלערונגען און אָנזאָגונגען זענען געווען אַ טייל פון דעם טאָג־טעגלעכן ייִדישן לעבן. ייִדן האָבן דערפאַר אויף זיך גענומען דעם עול ה׳, צו זיין עבד ה׳ — גאָטס קנעכט, ווי עס ווערט געזאָגט אין ישעיה. יאָ, ייִדן האָבן גענומען אויף זיך אַ שליחות. זיי האָבן אָבער אויף זיך גענומען נישט קיין אַב־סטראַקטע שליחות, נישט קיין אַבסטראַקטע אמונה, נאָר אַ שליחות לויט דעם שולחן־ערוך, לויט דעם ספר, וואָס האָט אויסגעטייטשט און קאָנקרעטיזירט שלי־חות, כדי עס צוצופּאַסן פאַר אַ ילוד־אישה. אָט איז איין ביישפּיל: דער נביא מיכה זאָגט: „והצנע לכת עם אלהיך" — זאָלסט גיין שטיל, באַשיידן פאַר דיין גאָט (מיכה ו׳, ח׳). דאָס איז אַזאַ דערהויבענער געבאָט, וואָס האָט געקאָנט ווערן אַ גרויזאַמער וועגווייזער. היסטאָריקער דערציילן, אַז דער הויפּט־אינקוויזיטאָר, טאָרקוועמאַדאַ,

ימח־שמו, האָט אָנגעגומען דעם פּסוק פאַר אַ וועגווייזער פאַר זיך. ער איז געווען גוט און פרום. ער האָט געבערענט אַפּיקורסים צוליב זייער טובה וועגן. ווי אַ קרוב למלכות און אַ גרויסער שררה אין דער קירך, איז ער געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ רייכער ריזע, באַפּוצט מיט גאָלד און זילבער און זיין צלם איז געווען באַזעצט מיט דימענטן. אָבער כדי צו גיין באַשיידן פאַר גאָט, האָט טאָרקוועמאַדאָ אונטער די רייכע ריזעס, האַרט צום לייב, געטראָגן אַ זאַק, אַרומגעבונדן מיט אַ פּאַרזשאַ־ווערטער קייט. ער איז דורך דעם טויער פון ערלעכקייט און פרומקייט אַריינגע־קראָכן אין טומאה. ייִדן האָבן זיך געשראָקן פאַר דער נאַקעטער, אַבסטראַקטער קדושה. די חז״ל האָבן נישט געהאַלטן, אַז אַן אָנזאָג, אַ געבאָט דאַרף בלייבן אַ רעיון מופשט, אַן אַבסטראַקטער געדאַנק, וואָס יעדער איינער זאָל קאָנען אויס־טייטשן, ווי ער וויל. האָבן זיי אַרויפגעבראַכט דעם פּסוק צו די יכולתן, צו די מעגלעכקייטן פון אַ ילוד אישה. זיי האָבן דערפאַר אַזוי אויסגעטייטשט דעם פּסוק פון מיכה:

„וואָס מיינט „זאָלסט גיין שטיל, באַשיידן פאַר דיין גאָט?" עס מיינט הוצאות המת און הכנסת כלה — דו דאַרפסט ברענגען צו קבורה אַן אַרעמען מת און חתונה מאַכן אַן אַרעמע כלה און זיך פרייען אויף איר שמחה. אָבער אַפילו די דאָזיקע עפנטלעכע מצוות זאָלסטו טאָן בצנעה, באַהאַלטן פון אַלעמען, כדי זיך נישט צו גרייסן (סוכה מ״ט, עמוד ב׳).

„ייִדישע שליחות באַשטייט אין דורכפירן אין טאָג־טעגלעכן לעבן גאָטס געבאָטן. די רעפאָרמערס האָבן אויסגעליידיקט דעם תוכן — דעם אינהאַלט פון דעם טערמין „שליחות" און עס איז ביי זיי געוואָרן אַן אַבסטראַקט וואָרט. אָבער אין דער וועלט איז ייִדישע שליחות דער יסוד פון ייִדישקייט, דער „פאַר־וואָס", ווי איר רופט עס. שליחות מיינט צו פירן אַ לעבן גלייך ווי מלכות שדי וואָלט איצט געווען אויף דער וועלט, גלייך ווי גאָטס קעניגרייך וואָלט שוין טאַקע עק־סיסטירט. מען דאַרף לעבן על פּי הלכה, לויט די דירעקטע אָנווייזונגען, ווי זיך צו פירן, ווי ווייט עס איז מעגלעך אין אונדזער רשעותדיקער וועלט.

„דאָס איז דער אינערלעכער זין פון גלות: געלייטערט ווערן דורך ליידן. אַ וועג צו שליחות דורך ליידן".

ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן און ווייטער גערעדט:

„ניין, עס איז נישט קיין מיסטיק, ווי איר מיינט. עס איז דער גאַנג פון ייִדי־שער געשיכטע. אין גלות מצרים זענען ייִדן געוואָרן אַ פאָלק; פון אַ משפחה אַ פאָלק, פון באַזונדערע שבטים אַן איינס. אָבער נישט גלאַט אַ פאָלק, נאָר אַן אומה, געלייטערט אין דעם שמעלץ־אויוון פון פּיין און קנעכטשאַפט. דאָס פאָלק איז גע־וואָרן ראוי, איר הערט, ערשט ראוי געוואָרן צו ווערן אַ ממלכת כוהנים וגוי קדוש. זיי זענען געוואָרן גרייט פאַר גאולה, אומצוקערן זיך צו אַ צוגעזאָגט לאַנד, נישט

גלאַט פאַרנעמען אַ לאַנד, נאָר אומקערן זיך צו אַ לאַנד, וואָס איז פאַר זיי צוגעגרייט געוואָרן, כדי דאָרט רייף צו ווערן, צו ווערן צוגעגרייט זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ הייליק פאָלק.

„פּאָטענציעל זענען זיי געווען ראוי אויסגעלייזט צו ווערן און צו ווערן אַ גוי קדוש. אָבער נאָר פּאָטענציעל. אויפן אייגענעם לאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן די חבלי־לידה — די געבורט־ווייען. לאַנד האָט אין יענער צייט מחייב געווען אַ גאָט, צוגעבונדן צום לאַנד, אַ בעל — אַ האַר איבערן לאַנד. זענען אין כנען געווען פּאַרטיקע געצן, גרייטע עבודה־זרהס: בעל, עשתורת, מות, רהב און אַנדערע גע־טער און געצן, צוגעבונדן צום לאַנד, צו דער נאַטור און צו די צייטן פון יאָר — די אלהי הארץ. יידן האָבן פאַרבונדן זייער גאָט מיט די געצן; און דעם געדאַנק וועגן אַ גאָט אויסער דער נאַטור, איבער דעם מענטשן, וואָס איז דאָך נאָענט צום מענטשן, און וואָס איז אַן עטישער און געזעלשאַפטלעכער גאָט — האָבן זיי נישט געקאָנט באַנעמען, כל־זמן זיי זענען געווען אין אייגענעם לאַנד.

„ערשט אין בבל האָבן יידן זיך באַפרייט פון דעם יצר־הרע פון געצנדינסט. לויט דעם בילדלעכן לשון פון דער גמרא, האָט מען נאָך גלות־בבל געכאַפּט דעם יצר־הרע פון געצנדינערײי און מען האָט אים דערהרגעט (סנהדרין ס״ד, עמוד א׳). יידן האָבן אָפּגעלעבט אַ שיינע פּאָר הונדערט יאָר, אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, ביז אַלקסנדר מוקדון און ביז די חשמונאים, ווען אין דער וועלט איז אויפגעקו־מען אַ נייער געץ, אַ נייע עבודה־זרה־מלוכה. דער קיסר איז ממש געווען דער גאָט. אמונה איז געווען איינע פון די מיטלען אויפצוהאַלטן אימפּעריעס, מלוכות, און אפשר פאַרקערט, מלוכה איז געווען אַ מיטל אויפצוהאַלטן אמונה. איןביידע פאַלן איז אמונה געווען אַ טפל און האָט פאַרנומען נאָר אַ ווינקל פון לעבן. זלמן אַפּשטיין איז, לויט זייער גאַנג, געווען גערעכט.

„קריסטנטום האָט אויסגעקליבן אויסצולייזן די וועלט דורך מלוכה־מאַכט. זי האָט אָפּגעשמדט גאַנצע פעלקער מיט דעם קייסער אין דער שפּיץ. וויבאַלד דער קעניג איז געוואָרן אַ קריסט, אָדער האָט אָנגענומען דעם סימבאָל פון דעם קריסטנטום, האָט זיך די קריסטלעכע אמונה באַנוגט, ווען דער קייסער האָט אַריינ־געטריבן דאָס פאָלק פאַר טבילה. קריסטנטום איז געוואָרן, אפשר נישט ווילנדיק, די באַדינערין פון מלכים, שררות, לענדער און אימפּעריעס. רייכטום, גלאַנץ, צע־רעמאָניאַל און מאַכט — ווי האָט מען געקאָנט אויפגעבן אַזעלכע זאַכן?

„יידישקייט האָט זיך געראַנגלט מיט מלוכה, געוואָלט, אַז די מלכים אירע, די פירער אירע פון דער חשמונאים־דינאַסטיע זאָלן זיין משיחי ה׳, אַז זיי זאָלן זיך אויפפירן ווי גאָטס געזאַלבטע. די יידן האָבן אָבער דערזען, אַז עס קלעפּט זיך נישט. בלייבן מיט מלוכה, מיטן בית־המקדש אונטער די תנאים פון וועלט־רשעות, ווען די מדינה פאַרשלינגט אַזוי פיל לעבנס, איז נישט געווען כדאי. ווי

האָט געזאָגט אַמאָל א. שטיינמאַן (איצט האָט ער מסתמא חרטה געקראָגן אויף זיינע רייד): „... און ווען עס איז געקומען צו דער שיידונג פון וועג — לפרשת־דרכים — אויסצוקלייבן דעם מזבח, קרבנות און מלוכה און לעבן אויף דער שווערד, אָדער אויפגעבן די אַלע זאַכן און אָפּהיטן דעם פּונק, האָט די יידישע אומה זיך אויפגעשטעלט און מוותר געווען, אויפגעגעבן די אַלע מאַטעריעלע קנינים — פאַרמעגנס"... (התקופה, ספר ראשון, תרפ"ג).

דאָס איז געווען דער זין פון דריטן גלות. דער דאָזיקער געדאַנק האָט גאָר אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין אַ סך פון אחד־העמס מאמרים, איבערהויפּט אין דעם מאמר וועגן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס:

„ומדינת היהודים תוכל רק אז להמציא לה מנוחה, כשהצדק העולמי ישב לכסא וימשול בחיי העמים והמדינות"... — דאָס מיינט, אַז יידן קאָנען נאָר דע־מאָלט זיין צופרידן מיט אַ מדינה, ווען דער וועלט־יושר וועט זיצן אויף דעם טראָן און וועט געוועלטיקן אויפן לעבן פון פעלקער און מדינות. יאָ, מען זאָגט, אַז אחד־העם האָט שפּעטער, אויף דער עלטער, חרטה געהאַט און האָט צוגעגעבן, אַז מלוכה איז אַ מוז. אחד־העם איז געווען אַ הונדערט־פּראָצענטיקער ספּעקולאַריסט. זיין מקור פון עטיק איז געווען די גרויסע מאראַל, אָן דער סאַנקציע פון אַ טראַנס־צענדענטאַלן גאָט, און מלוכה האָט ביי אים געמוזט זיין אַ יש. אָבער איך וויל נישט מאריך זיין און איך האָף, אַז איך דאַרף נישט מאריך זיין. איר האָט גענוג פאַר־שטאַנד און וויסן אויפצוכאַפּן מיין אַנטייט. זייט מיר מוחל, וואָס איך רעד אַזוי. אַן עלטערער מענטש נעמט פאַר זיך געוויסע חוצפהדיקייטן.

„דאָס איז געווען דער זין פון דריטן גלות: בלייבן אַ ממלכת כוהנים און אַ גוי קדוש, — אַ מלוכה פון פּריסטער און אַ הייליק פאָלק. דאָס איז געווען שווער פאַר יעדן יידישן יחיד דורכצופירן אין טאָג־טעגלעכן לעבן, הגם יידישע יחידים האָבן זיך אויפגעפירט בעסער כלפּי יחידים פון אַנדערע פעלקער. אָבער דער יידישער כלל, יידן ווי אַ פאָלק, האָבן אין גאַנצן נישט געהאַט די רשעות און דעם יצר־הרע פון מלוכה. דאָס יידישע פאָלק האָט געקוילעט דעם יצר־הרע פון מונדירן, פּאַראַדן, מאָנומענטן פאַר העלדן און די גלוסטעניש צו פאָלקס גאווה. זייער מלוכה איז געווען נישט קיין ערדישע. דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן איז געווען ערדיש, אָבער די קאָלעקטיווע האָפענונג — אַן אחרית הימימדיקע.

„בעצם האָט די וועלט אונדז מקנא געווען און זיך געשראָקן פאַר אונדז: „קוקט זיי נאָר אָן! אָן איינהייטלעך פאָלק אָן אַ לאַנד, אָן אַן אַרמיי, אָן אַן אייגן לשון און אָן אַ צענטראַלער רעגירונג!". דאָס איז געווען די סיבה פון אַ סך פאַנ־טאַסטישע אויסטראַכטענישן וועגן אונדז: אַ יידישער קהל, וואָס רעגירט, זקני ציון, וואָס געבן אַכטונג אויף אַלע תפוצות און געבן אַרויס געהיימע באַפעלן. די גויים האָבן זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז עס איז מעגלעך, אַז אַ פאָלק זאָל

עסן די זעלביקע מאכלים אין איין און דעם זעלביקן טאָג, אויספּאָלגן די זעלביקע געבאָטן; ציילן די יאָרן לויט אַן אייגענעם חשבון; איין קיבוץ זאָל ווייטיקן פאַר אַ צווייטן; דאַווענען אין איין נוסח און נישט האָבן קיין צענטראַלע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל אַלץ רעגולירן.

„זיי האָבן נישט געקאָנט באַנעמען אונדזער גייסטיקע מלוכה, ווו גאָט אַליין איז דער מלך. ער האָט געהייליקט אונדזער טאָג־טעגלעך לעבן. מיר האָבן אַלע בפה אחד, אָן צוואַנג, זיך נישט געוואָלט אויסמישן צווישן פעלקער, ווייל יעדער איינער פון אונדז איז געווען דער טרעגער פון דער גאָט־אידייע. „די גאולה פון דער וועלט און די פעלקער וועט מקוים ווערן דורך ישראל אין גלות". די וועלט פאַרשטייט עס נישט און אָפט האָבן די יידן עס באַוווסטזיניק נישט באַנומען, אָבער יידן און נישט־יידן האָבן על פי רוב אומבאַוווסטזיניק געפילט, אַז דער גלות איז אַ טייל פון דער נבואה פון ישעיה:

„באמת, דאָס האָט ער אונדזער קראַנקייט געטראָגן און אונדזערע ווייטיקן געליטן. מיר האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ געפּלאָגטן, פאַר אַ דערשלאָגענעם פון גאָט און פאַר אַ געפּייניקטן. ער איז אָבער געווען דערשלאָגן איבער אונדזערע פאַרברעכנס, דערדריקט צוליב אונדזערע זינד. ער איז אָפּגעקומען, כדי מיר זאָלן זיין גליקלעך און דורך זיינע ביילן וועלן מיר געהיילט ווערן" (ישעיה נ"ג, ה', ו').

ס'איז יידישע שליחות, אָבער נישט דורך נבואה, נאָר דורך לעבן לויט דעם ספר, לויט דער תורה. „דער גלות מצרים האָט געמאַכט יידן צו ווערן פאַסיק פאַר אַ פאָלק פון כוהנים און אַ גוי קדוש. אין גלות בבל איז געקומען צו אַ גייסטיקן אויפלעב, ווען עס זענען אויסגעריסן געוואָרן די וואָרצלען פון געצנדינעריי. דער דריטער גלות, דער איצטיקער, האָט געהאַט די עובדה צו לייטערן דאָס פאָלק און עס צו מאַכן ראוי פאַר מלכות שמים" (הרב יעקב דוב אייגוס, ספר השנה ליהודי אמריקה, תש"ט, 406).

לעבן לויט דער תורה קאָן מען נאָר דעמאָלט, ווען ס'איז פאַראַן גאָט־דערקענטעניש. דער ערשטער געבאָט פון די עשרת הדברות איז „אנכי" — אַ דעקלאַראַטיווע אַקסיאָמע: „ס'איז דאָ אַ גאָט און איך בין דיין גאָט". אַז מען גלייבט, אָדער אַז מען דערטראַכט זיך צום גלויבן, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט, וואָס האָט באַשאַפן די וועלט מיט אַ ציל און אַ תכלית, און אַז די יידן זענען אויסדערוויילט געוואָרן צו ברענגען גאָטס חסד צו דער וועלט, האָט יידישקייט אַ זין, דער גלות אַ באַטייט און יידישער קיום ווערט וויכטיק פאַר דער וועלט. איך מיין דאָ דעם קיום פון אַ יידישן איינס, ווי אַ באַזונדערע געשטאַלט, חטיבה אחת בעולם, אַן אייגנאַרטיקע זאַך אויף דער וועלט. דער שולחן־ערוך, וואָס האָט אונדז געמאַכט פאַר אַן אייגנאַרטיקער געשטאַלט, איז וויכטיק. אויב דער שולחן־ערוך פאַלט אונדז שווער, קאָנען מיר זיך דינגען. מיטן אָפּוואַרפן חומרות, קאָנען מיר שאַפן נייע תקנות.

דאָס אַלץ איז אָבער נאָר גערעדט, ווען מיר נעמען אָן די צוויי הנחות: מציאות הבורא — די עקסיסטענץ פון גאָט, און די בחירה פון יידן.

„איצט קומען מיר צום אָנהייב, צו יענעם נשף מיט זלמן אַפּשטיין עליו השלום. יאָ, איך בין פאַרציטערט געוואָרן, ווען איך האָב פון אים געהערט אַזעלכע רייד:

„דער עצם־אומגליק ליגט נישט אין האָבן צופיל מצוות אָדער ווייניקער מצוות. נאָר אין דעם פּראַ־אַדמדיקן געדאַנק, וואָס איז איינגעוואָרצלט אין אונדזער פאָלק, אַז אויסער אונדזערע אַלטע פּאַליאַנטן איז נישטאָ קיין וויסן, קיין פאַרשטאַנד און קיין גייסטיקע שפּייז פאַר יידן אויף דער וועלט".

„ווען ער האָט נאָך צוגעגעבן, אַז „מיר מיינען, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן נאָר אין אונדזער זכות און אַז אָן דער תורה איז נישטאָ קיין ציוויליזאַציע", האָב איך פאַרשטאַנען, וווהין ער צילט — אויס יידיש פאָלק, כפירה אין דער מציאות פון גאָט און אין יידישער אויסדערוויילטקייט. אָן דעם מוזן מיר ווערן ככל הגויים, באַזיגן אַ לאַנד און מאַכן עס פאַר אונדזערס. צוריק מדינה און מלוכה. דאָס איז דאָך אומזין, האָב איך דעמאָלט געטראַכט.

„ערשט מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק האָב איך זיך געכאַפּט, אַז מיר מוזן האָבן אַ מדינה, נישט כדי צו ווערן ככל הגויים, נאָר ווייל מיר זענען געוואָרן ככל הגויים. ווי באַלד מיר זענען ככל הגויים, וועלן מיר אונטערגיין אין גלות. מיר מוזן דעריבער האָבן אַ מלוכה, ווי אַ צורך שעה, כדי צו בלייבן, ניין, כדי צוריק ווערן חטיבה אחת בעולם — אַן אייגנאַרטיק באַליבט איינס אין דער וועלט. אַוודאי איז מדינה רשעות, אַוודאי איז יעדעס מדינה־פאָלק, ווי אַ פאָלק, עובר אויף „לא תרצח". איך חזר אָבער איבער: עס איז אַ צורך שעה. יידן מוזן צוריק אָנהייבן פון דאָס ניי. זיי מוזן ווידער קריגן גאָט־באַקענטניש, ווי אין הושעס צייטן, ניין, ווי נאָך פריער, באַלד נאָך יציאת מצרים. יידן זענען געוואָרן געצנדינער און מען דאַרף זיי צוריקבריינגען אין לאַנד און זיי אָנהייבן צו לערנען, ווי צו זיין יידן. מען דאַרף זיי פון דאָס ניי געבן דעם „פּאַרוואָס", די גאָט־דערקענטעניש".

דער זקן איז שטיל געוואָרן. איך האָב אויפגעכאַפּט זיינע רייד, אָבער נאָך נישט אין זייער גאַנצער טיפקייט. אין דרויסן האָט גערעגנט, עס האָט געדונערט און געבליצט. ווען אַ בליץ האָט באַלויכטן דעם דרויסן, האָט דער גרויסער טאָל זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר אין זיין גאַנצער מאַיעסטעטישקייט. איך ווייס נישט, וואָס מיך האָט מער איבערגעוועלטיקט, צי דער שטראָם רייד פון דעם האַלב־פּאַראַליזירטן אַלטן, צי דער געוויטער אין דרויסן. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דעם אַלטן. ער איז געזעסן ווי פאַרגליווערט אין זיין שטול, און מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז נישט ער האָט גערעדט, נאָר מיין דמיון. באַלד אָבער האָט ער ווידער אָנגעהויבן רעדן אויף אַ מאָדנעם קלאָרן קול:

איך זע, איר קוקט און קוקט דורך דעם פענצטער און אַז איר קאָנט זיך נישט

אַנזעטיקן מיט דער שיינקייט פון דעם טאָל. יאָ, שיין איז דאָס לאַנד, און די מענטשן זענען טייערע, ליבע און ווילע. דאָס לאַנד איז געווען גוט צו מיר און איך בין געוואָרן רייך, כאָטש גאָט ווייסט, וואָס פאַר אַ חשיבות און האָפּט עשירות האָט אין אונדזערע צייטן, נאָך די גרויסע איבערקערענישן אויף דער וועלט. איך האָב אויך ליב געקראָגן נישט נאָר די מענטשן, נאָר טאַקע די ערד, וואָס איז פעט און גוט צו די מענטשן. דער הימל איז דאָ אויך מייסטנס אַ לויטערער. נאָך דעם אַלע־מען פיל איך זיך אָבער דאָ, ווי אַ פרעמדער. ניין, איך פיל זיך נישט ווי אין גלות, אָבער איך שטאַרב דאָ אין דער פרעמד. ווען איך וואָלט געשטאָרבן אין קאַלינקאָוויטש, וואָלט איך געפילט, אַז איך שטאַרב אין דער היים. ווייסטו פאַר־וואָס איך פיל זיך דאָ ווי אַ פרעמדער? לאָך נישט פון מיר, איך פיל זיך אַזוי, ווייל די גאַנצע פינף און דרייסיק יאָר, וואָס איך בין דאָ אין לאַנד, האָב איך קיין מאָל נישט געזען אַ ייִדן דאַווענען אין טלית און תפילין אויף אַ באַן אָדער אין אַ שפּיטאָל.

„פאַרשטיי מיך אַקוראַט. ייִדן שעמען זיך דאָ נישט מיט ייִדישקייט. זיי זענען אויך נישט קיין כופרים. זיי האָבן אויך קיין מורא נישט צו דאַווענען בפרהסיא. יאָ, הלוואי וואָלטן זיי זיך בעסער געשעמט מיט זייער ייִדישקייט. הלוואי וואָלטן זיי מורא געהאַט אָדער געהאַלטן, אַז מען דאַרף נישט דאַווענען. דאָס וואָלט אַלץ גע־ווען אין גדר פון ייִדישקייט. אָבער זיי דאַווענען נישט און האַלטן אָפּן זייערע קראָמען שבת, ווייל דאַווענען און שבת זענען נישט אין דער ראַם פון זייער וועלט־באַנעם.

„האָב אַ ווײַלע געדולד און איך וועל דיר קלאָר מאַכן, וואָס איך מיין. מיר האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט, ביז דער דאָזיקער ענין איז מיר קלאָר געוואָרן.

„ווען איך בין אָנגעקומען אַהער מיט אַ פינף און דרייסיק יאָר צוריק, אָדער אפשר קרוב צו פערציק יאָר, האָב איך דאָ אָנגעטראָפן געציילטע ייִדן. אַלע האָבן געוווינט אויף „סאַנקטאַ מאַריאַ״־גאַס, אַ פאַרוואָרפענע גאַס, וואָס איז געווען אָפּ־געלאָזן אַפילו כלפּי אַנדערע אָרעמע גאַסן. ווען איך האָב געפרעגט די ייִדן: „איר האָט שוין נישט געפונען קיין שענערע גאַס, ווו זיך צו באַזעצן?״, האָבן זיי מיר געענטפערט, אַז די גאַס איז נישט נאָר אַ סגולה צו פּרנסה, נאָר אויך אַ זיכערער אָרט צו וווינען. די פרימיטיווע באַפעלקערונג האָט געהאַלטן, אַז די הייליקע „מאַמע״ האָט גענומען די פאַרוואָגלטע קינדער אירע, די ייִדן, אונטער איר שוץ. ווי באַלד זי האָט זיי גענומען צו זיך אויפן שויס, דאַרף מען זיין גוט צו זיי.

„די ייִדן האָבן געלאַכט פון די פרומע, פרימיטיווע פּויערים. מיך האָט עס אָבער פאַרדראָסן, ווייל עס האָט געמיינט, אַז מיר נאַרן זיי אָפּ. וואָס פאַר אַ ייִדן זענען מיר? זענען מיר ייִדן, ווייל מיר זענען נישט קיין קריסטן? דער גאַנצער ישוב (עס זענען געווען קליינע אויסנאַמען און עס זענען נאָך איצט פאַראַן אויס־

נאָמען, װאָס איך װעל װעגן זײ רעדן שפּעטער) האָט נישט געהאַלטן, אַז עס איז פֿאַראַן אַ ייִדישער גאָט און אַז מיר זענען זײַנע אױסדערװײלטע.

„מאָדנע ייִדן. אױסערלעך, לפּנים, טײערע ייִדן. מען האָט גערעדט ייִדיש און געװען אױך אַ גרופּע, װאָס האָט גערעדט העברעיִש. מען האָט געלײענט די ייִדישע פּרעסע, מען האָט אַרױסגעגעבן זשורנאַלן, געקױפט ייִדישע ביכער, גע־דרוקט ייִדישע ביכער, מען האָט געמאַכט ליטעראַרישע אָװנטן, געעפֿנט שולן, אָנגעשטעלט גוטע לערער, געבױט שול־בנינים, מען האָט אַראָפּגעבראַכט ייִדישע שרײַבערס. יאָ, מ'האָט אַפֿילו געבױט בתּי־מדרשים און אָנגעשטעלט אַ רב. דאָס אַלץ איז אָבער געװען אָדער צוליב נאָסטאַלגיע, אָדער שיריים פֿון ייִדישקייט, אָדער װײַל די סבֿיבֿה איז געװען אַ פֿרעמדע. קײן „פֿאַרװאָס" פֿאַר זײער בלײַבן ייִדן איז נישט געװען. אַפֿילו אין זײער אָפּגעזונדערטקײט האָבן זײ געװאָלט זײַן װי גױיִם: ליטעראַטור, קונסט, טעאַטער, מאַלערײַ, לשון און לאַנד. איך האָב אַלץ מער און מער באַנומען, אַז זלמן אַפּשטײן איז געװען גערעכט. „דאָס פֿאָלק האַלט, אַז חוץ דער אײראָפּעיִשער קולטור און ציװיליזאַציע איז קײן אַנדערע נישט פֿאַ־ראַן".

„װען דער ייִדישער גאָט גײט נישט אַרײַן אין דער ראַם פֿון ייִדישקייט און מעטאַפֿיזיק און טעאָלאָגיע זענען אײנגאַנצן פֿרעמדע ענינים, נײן, אָפּגעלעבטע ענינים, װאָס זענען אַן אַנאַכראָניזם פֿאַרן הײנטיקן מענטשן, איז װאָס איז דאָ שײך אַ גרינגע ייִדישקייט? אָדער אַ שװערע ייִדישקייט? אַן אָרטאָדאָקסישע ייִדישקייט? אָדער אַ רעפֿאָרמירטע ייִדישקייט? משל למה הדבר דומה? צו װאָס קען מען עס פֿאַרגלײַכן? עס איז גלײַך, װי מען װאָלט געקומען צו אַ טומטום אָדער אַן אַנדרוגי־נוס און אים אײַנגערעדט, אַז ער זאָל חתונה האָבן. מאַכט משפּחה־לעבן פֿאַר אים גרינג, אָדער שװער — װאָס איז די נפֿקא מינה? עס האָט אַלץ אײנס קײן זין נישט פֿאַר אים.

„יאָ איך װײס, אַז בײַ אײַך, אין די שטאַטן, זענען פֿאַראַן יראים ושלמים. עט, איך האַלט נישט פֿון זײ. זײ איגנאָרירן די װעלט, װײַל זײ זענען נישט באַקאַנט מיט איר. זײ שטעלן זיך איר נישט אַנטקעגן, נאָר זײ איגנאָרירן די װעלט אַרום און נעמען זי נישט אַרײַן אין חשבון. נאָך ערגער, זײ נאַרן זיך אַלײן אָפּ. איך האָב מיט אַ פֿינף יאָר צוריק פֿאַרבראַכט דאָרט בײַ אײַך גאַנצע דרײַ חדשים. מיר איז געבליבן אין זכרון אײן באַגעגעניש. מען האָט מיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַר אײנעם, אַ היסטאָריקער, װאָס פֿאַרנעמט גאָר אַ חשובן אָרט אין דער גױיִשער װעלט, און דאָך איז ער אַ פֿרומער ייִד און דאַװנט אַפֿילו דרײַ מאָל אַ טאָג.

„איך האָב זיך מיט אים באַפֿרײַנדט. אײנמאָל טו איך אים אַ פֿרעג: „ילמדנו רבנו, אַט זענט איר דער מחבר פֿון בוך „היסטאָרישע דערשײנונגען", װו איר קלערט אױף די בהדרגהדיקע אַנטװיקלונג פֿון דעם מענטשלעכן געדאַנק. נו, לגבי

אייער טעאָריע איז דאָך די תורה אויך נישט מער, ווי אַ רעקאָרד פון באַגריפן, וואָס זענען אויפגעקומען בהדרגהדיק במשך פון דורות, און די ניסים זענען נישט מער ווי היפּערבאַליזמען. ווי אַזוי זשע גלייבט איר אין מעמד הר סיני?״

ער האָט מיר געענטפערט, אַפילו נישט אַ קרום טאָענדיק זיך: „די תורה איז אַ יוצא מן הכלל״. אָבער איך האָב אים נישט אָפּגעלאָזט:

„וואָס וואָלט געווען, ווען איר וואָלט אויסגעפונען, אַז די תורה איז נישט גע־געבן געוואָרן אויפן באַרג סיני? וואָלט איר געהאַלטן, אַז די תורה איז נישט מן השמים?״

„איך טראַכט גאָרנישט וועגן דעם״, האָט ער מיר געענטפערט.

איך האָב אים מער גאָרנישט נישט געפרעגט. פאַר מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז ער נאַרט זיך ביודעים אָדער בלא יודעים. איין מאָס פאַר איין צייט פון טאָג און אַ צווייטע מאָס פאַר אַן אַנדער צייט פון טאָג.

„אפשר בין איך זיך טועה, אָבער פאַר מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז מיר געפי־נען זיך איצט אין אַזאַ צושטאַנד, ווי אין די צייטן פון די ערשטע נביאים, און אפשר נאָך פריִער. פּאָטענציעל זענען מיר ייִדן, אָבער למעשה — גויִים, ווי אַלע אַנדערע פעלקער. אַמאָל האָבן מיר געדינט צום בעל, צום עגיפּטישן אַפּוס, צו דער עשתורת. היינט דינען מיר צום נאַציאָנאַליזם. מען דאַרף אונדז ווידער באַ־ווייזן, אַז דער ייִדישער גאָט איז אַ לעבעדיקער גאָט. מען דאַרף אונדז ווידער, ווי פאַרן חורבן בית ראשון, געבן אַ „פאַרוואָס״ צו זיין אַ ייִד.

„יאָ, אַן אַ לאַנד, אָן אַ מדינה האָט דער רוב מנין ובנין ייִדן נישט קיין „פאַר־וואָס״ פאַר זיין קיום, אָט ווי אַלע פעלקער אַרום. פאַרשטייט זיך, אַז איך האַלט, אַז זיי זענען אומגערעכט. ייִדישקייט איז אַן אידייע, אַ גאָט־אידייע, אָבער ייִדן גלייבן מער נישט אַזוי. זיי האָבן זיך אומגעקערט צו די צייטן פון די ערשטע נבי־אים, ווען מען האָט מיט זיי געמוזט פירן אַ קאַמף פאַר גאָט־דערקענטעניש. ייִדן זענען צוריק אין דער געצנדינערישער וועלט און מען דאַרף זיי לערנען מציאות הבורא.

„איצט הער מיט קאָפּ. געשיכטע האָט אירע געזעצן, אָט ווי פלאַנצן אין דער ערד, ווי די וואָלקנס אין הימל, ווי די געבורט פון אַ מענטשן. גאָט מישט זיך נישט אַריין אין די דאָזיקע געזעצן. אין דער איצטיקער צייט איז מדינה געוואָרן דער געץ, איז מער קיין אָרט נישט געבליבן פאַר מינאָריטעטן, וואָס ווילן לעבן צווישן פעלקער ווי אַ פאָלק אין אַ פאָלק. איירופּע האָט אָנגעהויבן דינען צום געט „מדינה״. ווען אַ פאָלק איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך אָפן דערקלערט פאַר אַ געצנדינער־רישן שטאַט, האָט דאָס פאָלק באַשלאָסן אויסצוראָטן די ייִדן. די אַנדערע פעלקער האָבן אַביסל צוגעהאָלפן, אָדער גאָר געווען פאַסיוו. קיינער פון זיי האָט זיך נישט געקאָנט אַנטקעגן שטעלן, ווייל זיי זענען געווען האַלבע אָדער גאַנצע געצנ־

דינער. לויט דעם ייִדישן באַגריף, האָבן די גויִים מער נישט געהאַלטן די שבועה נישט צו שטאַרק צו דריקן די ייִדן. ייִדן האָבן זיך אויך באַפרייט פון דער שבועה נישט אַרויפצוגיין קיין ארץ־ישראל, איידער משיח וועט אָנקומען.

„אָן השגחה, וואָס האָט איינגעשטעלט, אַז ייִדן מוזן בלייבן אויף אייביק, וואָלט מדינת־ישראל נישט געוואָרן קיין יש און ייִדן וואָלטן נישט געוואָרן פּלו־צים קיין אַנשי מלחמה. איך בין געוואָרן אַ ציוניסט נישט צוליב נאַציאָנאַליזם, נאָר צוליב מיין טיפער אמונה. איך גליב אין מציאות הבורא און אין ייִדישער בחירה. איך האַלט, ווי דער מדרש, אַז פונקט ווי די וועלט קאָן נישט עקסיסטירן אָן ווינטן, ווייל זי וואָלט אומגעקומען פון דער סטאַבילער און אָנגעהייצטער לופט, פונקט אַזוי קאָן די וועלט נישט עקסיסטירן אָן ייִדן. ביי מיר זענען ייִדן אַ קאָס־מישע נויטווענדיקייט.

„איצט האָבן ייִדן נישט קיין „פּאַרוואָס" צו בלייבן ייִדן אין גלות. זיי האָבן פאַרלוירן גאָט. מען דאַרף מיט זיי אויפסניי אָנהייבן לערנען, אַז דער ייִדישער גאָט איז דאָ, אַז ער האָט אַ זין און אַ באַטייט אין דער איצטיקער ראַציאָנאַלער וועלט, אַז ייִדישקייט איז אַ יש און אַז די וויסנשאַפט פרעגט עס נישט אָפּ. ייִדישקייט איז אָן אמת נישט נאָר, ווען מען גלייבט בלינד, נאָר אויך לויט אַלע פילאָסאָפיעס און ווערט נישט אָפּגעפרעגט לויט דעם קולטור־היסטאָרישן צוגאַנג.

„עס איז אַ לאַנגזאַמער פּראָצעס. עס האָט געדויערט אַ פּאָר הונדערט יאָר ביז ייִדישקייט איז אויסגעליידיקט געוואָרן. דאַרף די איבערשאַצונג אויך דויערן לאַנג, אָן איבערשאַצונג לויט מאָדערנע וויסנשאַפטן. יאָ, מען מוז באַנעמען, אַז קיין זאַך פאַרלייקנט נישט מציאות השם, התגלות און בחירה, אַנטפּלעקונג און ייִדישע אויסדערוויילטקייט. וואָס טוט מען אָבער דערווייל? ס׳איז דאָך פאַראַן די סכנה, אַז עס זאָל נישט בלייבן ווער עס זאָל טראָגן דעם יאָך. ייִדן וועלן צעגיין צווישן די פעלקער, ווי זאַלץ אין וואַסער, דאָס זאַלץ בלייבט טאַקע, אָבער נישט, ווי קיין באַזונדערער יש. נו, איז צוליב דעם געקומען דער דריטער שיבת ציון.

„אין איצטיקן שיבת ציון זענען ייִדן נישט אין דער בחינה פון דעם שיבת ציון פון בבל, ווען זיי האָבן שוין געהאַט גאָט־דערקענונג, ווען זיי האָבן שוין אָנ־גענומען אחדות אלקים און האָבן געהאַט אַ „פּאַרוואָס". זיי האָבן דעמאָלט בלויז געזוכט, ווי צו דינען גאָט, ווי צו ווערן ייִדן, וואָס עס איז נייטיק געווען צו קאָנ־קרעטיזירן גאָטס וואָרט. איצט אָבער זענען מיר אין דער בחינה פון שיבת ציון נאָך דעם גלות מצרים. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מען האָט אונדז געגעבן די תורה, האָבן מיר זי נישט אָנגענומען, ווייל מיר האָבן נאָך נישט אָנערקענט דעם ייִדישן גאָט, דעם „אנכי". אַלע רייד פון די נביאים האָבן געהאַט איין ציל: צו באַווייזן די ייִדן, אַז דער ייִדישער גאָט איז אַ לעבעדיקער גאָט, און עס האָט געדויערט זעקס הונדערט יאָר, ביז די נביאים האָבן איינגערעדט, איבערגערעדט

און איבערצייגט די ייִדן אין דער אמתדיקייט פון ייִדישן גאָט. ווען די ייִדן האָבן שוין אָנגענומען דעם ייִדישן גאָט און האָבן זיך אין גאַנצן אָפּגעזאָגט פון געצן, דעמאָלט ערשט איז אין בבל געקומען דער „ווי אַזוי" צו דינען צום כביכול.

„אין גלות זענען ייִדן נישט קיין זין אין שבת. אויך אַן אַנדער טאָג קאָן זיין אַ טאָג פון רו. אין אַ נישט־אייגן לאַנד זענען ייִדן נישט קיין נויטווענדיקייט פאַר יום־טובים. שבת, ראש־חודש און יום־טוב זענען ביי ייִדן ווידער צוגעבונדן צו לאַנד. האָט איר אַמאָל געזען, ווי ייִדן בלאָנקען אַרום אין אַ יום־טוב און ווייסן נישט, וואָס צו טאָן? נאָך זיבן און צוואַנציק הונדערט יאָר קלינגט צו אונדז הושעס קול אמתדיק און דראָענדיק:

„וואָס וועט איר טאָן אין אַ יום־טוב?
אין דעם גרויסן פייער־טאָג פון גאָט?".

„אַ יום־טוב, אַ פייער־טאָג אַן גאָט קאָן נישט געפייערט ווערן אויף אַ ייִדישן אופן, איצט, אין די תפוצות. ייִדן מוזן זיך אומקערן צו אַן אייגענער מדינה, כדי אָנצוהייבן דעם געראַנגל אויפסניי".

דער זקן האָט גערעדט און איך האָב אַלץ געהערט. זיינע רייד האָבן איבער־געשרי'ען דעם שטורעם... ווי איבערראַשט בין איך אָבער געוואָרן, ווען דער שטור־רעם האָט זיך איינגעשטילט און איך האָב זיך אַ קער געטאָן אַ קוק צו טאָן אויף דעם אַלטן. ער איז געזעסן אין זיין שטול, פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף...

ווער זשע האָט עס טאַקע גערעדט?

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

# ביי דער מאַמען אין שטוב

עס איז אחרון של פּסח. אין אַ נאָווינע פאַר איך שוין ווידער אין שפּיטאָל אויף נאָך אַן אָפּעראַציע אויף די פינגער פון דער רעכטער האַנט. מיין לאה טרייבט דעם אויטאָמאָביל אַ שווייגנדיקע. זי איז אָנגעשטויסן אויף גאָט און אויף דער וועלט. אין דרויסן איז נישט צו קאַלט און דער עלעקטרישער הייצער פון דעם אויטאָמאָביל איז אין פולן גאַנג. איך זיץ אין דעם שטאַרק אָנגעהייצטן אויטאָמאָביל, איינגעקוטעט אין מיין ווינטער־מאַנטל און איך קאָן זיך נישט דערוואַרעמען. איך זיץ מיטן קאָפּ איינגעגראָבן אין דעם קאָלנער פון מיין גראָבן ווינטער־מאַנטל, קוק מיט צעעפנטע אויגן אויף די פאַרביילויפנדיקע גאַסן און קאָן נישט אַרויפברענגען אויפן רעיון דעם קלענסטן געדאַנק. איך קאָן נישט אָפּשטעלן פאַר די אויגן וואָס ס׳נישט איז פאַר אַ בילד, אַפילו דאָס מטושטשדיקסטע. אַלץ, וואָס ליגט מיר אין זינען, איז צו פאַרטרייבן די קעלט, וואָס שטראָמט אַרויס פון אינעווייניק איבער אַלע מיינע אברים. ס׳איז אַ מחלה אַזאַ.

איך האָב אַ זיפץ געטאָן. איך האָב אויסגעטאָן די שיך און אַוועקגעשטעלט די באַזאָקנטע פיס אויף דעם עלעקטרישן הייצער. ס׳האָט געהאָלפן. אַ וואַרעמקייט האָט זיך אָנגעהויבן צו צעגיסן פון די פלאַכן פון די פיס איבער מיין גאַנצן גוף. איך האָב באַלד איינגעדרימלט.

אַ ווײַלע שפּעטער האָב איך דערפילט אַ טאַרקע אין זייט. „ער" האָט מיך אויפגעוועקט און מיך געפרעגט:

ער: „האָסט אַוועקגעשיקט די צוואה צו ד״ר ע. ב.?"

איך: „אַוועקגעשיקט".

ער: האָסטו אויסגעסאָרטירט די בריוו און אָנגעשריבן אויף די גרויסע מאַנילע קאָנווערטן: „איבערשיקן צו ייִוו״אָ?".

איך: „געטאָן אַזוי".

ער: „האָסטו אַריינגעלייגט דעם גאַנצן כתב־יד „אויף אייגענע וועגן" אין אַ גרויסן קאָנווערט און צונויפגעלייגט די וואַריאַנטן?".

איך: „יאָ".

ער: „און די איבעריקע כתב־ידן, די וואָס ליגן אָנגעוואָרפן אין מיטלסטן שופלאָד פון שרייבטיש?".

איך: „איבערגעלאָזט אַזוי".

ער: „ווער וועט זיך עס קאָנען פונאַנדערקלייבן אין די שטויסן פּאַפּיר? וואָס וועט ווערן פון דעם גאַנצן מיש־מאַש, אויב דו וועסט נישט צוריקקומען?".

איך: „וואָס פּלוידערסטו? די היינטיקע אָפּעראַציע איז נישט קיין געפער־לעכע".

ער: „יאָ געפערלעך, נישט געפערלעך. איך לייג אויס פאַר דיר עפּעס, וואָס איך האָב אַרויסגעשעפּט פון דער טיפעניש פון דיין אונטערבאַוווסטזיין. דו ביסט זויסעוודיק וועגן געדאַנק, אָבער דו שטופּסט אָפּ דעם פאָראויסזאָג צוריק אין דעם אונטערבאַוווסטזיין. הער! דו האָסט אַ פאָרויסגעפיל, אַז דו וועסט נישט צוריק־קומען פון שפּיטאָל, אַז דו וועסט בלייבן אונטערן שלאָף־מיטל".

איך: פאַרוואָס וואַרפסטו אָן אויף מיר אַזאַ פּחד?".

ער: „איך טו עס מיט אַ כיוון. דו ביסט איך און איך בין דו. וועסטו ווערן אויס, וועל איך ווערן גאָרנישט. דערפאַר וויל איך, אַז דו זאָלסט וויסן וועגן דיין שרעק און זי איבערשטאַרקן. איך בין אַריין אין די טיפע פינצטערע קעמערלעך פון דיין מוח און האָב אַרויסגענומען דעם מטושטשדיקן פּחד און האָב עס אויס־געלייגט פאַר דיר: „נאַ, זע דיין פאָרויסזאָג, זע דיין פאָרויסגעפיל". איך האָב עס געטאָן, כדי דיין נעפּלדיקע מחשבה, שרעק, זאָל דיך איינגעמען, באַזיגן. דיין פינצטערע מחשבה זאָגט דיר, אַז דו וועסט נישט איבערלעבן די אָפּעראַציע. דאָס איז די סטרא־אחרא אין מענטשן, דער דעמאָנישער, צעשטערנדיקער כוח. דאַרפ־סטו ווערן איינס מיט דעם כוח־החיים. מיט דעם געטלעכן כוח אין דיר, כדי צו בלייבן לעבן. ביים מענטשן גייט אַלע מאָל אָן אַ פאַרמעסט צווישן די דאָזיקע צוויי כוחות. אויב דו וועסט ווערן באַוווסטזיניק וועגן דיין דעסטרוקטיוון פאָרויס־געפיל, וועט עס ווערן אַ פאַרמעסט צווישן צוויי גלייכע כוחות און איך בין זיכער, אַז דו וועסט גובר זיין דעם אומבאַוווסטזיניקן כוח־המות. דאָס מיינט לשיטתי ביטחון אין גאָט. דערפאַר בין איך געווען אַזוי ברוטאַל אָפנהאַרציק".

איך: „דיינע רייד זענען פאַרפלאָנטערט, נעפּלדיק. לאָז צורו!".

ער: „איך וועל דיך צורו לאָזן און וועל זיך נישט ווייזן צו דיר ביז נאָך דער אָפּעראַציע איך האַלט, אַז איצט וועט דיין רצון צו לעבן איבערשטאַרקן דיין גלוסט זיך אָפּצוזאָגן פון גערעַנגל און בלייבן אונטערן שלאָפמיטל. ווען דו וועסט קומען צו זיך נאָך דער אַנעסטעזיע, וועסטו בעסער פאַרשטיין, וואָס איך רעד צו דיר. יאָ, געדענק, ווען מען וועט דיך אַרויסטרייבן, זאָלסטו זיך נישט פאַרעקשנען צו בלייבן. געדענק עס!".

איך בין געבליבן אַליין, אָן אים. איך האָב זיך אַ קרים־געטאָן פון זיינע רייד. זיי האָבן געשניטן, ווי אַ האַרבער ווייטיק.

„וואָס האָסטו זיך אַזאַ קרים געטאָן?" האָט מיין לאה געפרעגט, אַ צעטראָ־גענע. „די וויטיקן האָבן זיך פאַרשטאַרקט?".

„ניין", האָב איך איר געענטפערט, „אָבער מאָדנע, פריקרע מחשבות קריכן מיר אין קאָפּ אַריין. דער מענטשלעכער מוח איז אַ תהום".

**
*

פאַר דעם איינשלעפערן מיך האָט דער דאָקטער מיר געזאָגט:

„די אָפּעראַציע איז אַ דעליקאַטע. פּלאַסטישע כירורגיע איז אַלעמאָל אַן איי־דעלע אַרבעט. די קלענסטע שלאַבערקייט טוט אַן גרויס שאָדן. ס'איז אַ לאַנגע אָפּעראַציע, אָבער אָן סכנות. ס'איז דאָך פאַרט נישט מער ווי אַ דרויסנדיקע אָפּע־ראַציע".

מיר האָט זיך געדוכט, אַז ווי נאָר מען האָט מיר אָנגעהויבן געבן די אַנעס־טעזיע איז מיר געוואָרן קאַלט. איך בין אַנגעטאָן זומערדיק. איך גיי אויף אַ פעלד און „ער" גייט מיט מיר. באַלד זענען מיר אַריין אין אַ טיפן טאָל, אין אַ פאַרוויסטן און אַ פאַרוואָרלאָזטן טאָל.

איך: „ס'איז אַ מאָדנע וויסטקייט, נישט קיין זאַמדיקע, נאָר אַ טאָל פול מיט שאַרפע, שפּיציקע גראָזן און קוסטעס מיט בערעלעך, און שטעכיקע, ברענענדיקע דערנער; די גראָזן זענען קראַפּיווע און די בלעטערדיקע גרינסן זענען פיבער־קרויט. דער וועג צווישן די שפּיץ־דאָרנס איז אַ שמאָלער, פול מיט שטיינדלעך. עס בלאָזט אַ ווינט, אַ צפון־ווינט. ס'איז פינצטער און קאַלט: „וואָס איז דאָס פאַר אַ טאָל? וואָס איז דאָס פאַר אַ וועג?".

ער: „וואָס? דו דערקענסט נישט דעם וועג? מיט דריי יאָר צוריק, ווען דו ביסט געלעגן באַוווסטלאָז אין שפּיטאָל, ביסטו געגאַנגען אויף דעם איצטיקן וועג אין דעם זעלביקן טאָל. דעמאָלט ביסטו געווען פּנים־אל־פּנים מיטן טויט. דו ביסט געגאַנגען אין דעם דאָזיקן גיא צלמות, אין טאָל פון שאָטן־טויט, קעגן דיין ווילן, נאָר דו ביסט געווען פאַרעקשנט און האָסט זיך נישט געוואָלט אָפּשטעלן. דו ביסט געגאַנגען גלייך צום באַרג צו. איצט אָבער האָסטו אַליין אויסגעקליבן דעם דאָזיקן וויסטן וועג און דו גייסט גלייך, גלייך. דיך ציט צו דער מויער־וואַנט. אָט איז די וואַנט. דאָס איז די סכנה".

איך: טאַקע אַ הויכע מויער־וואַנט! וואָס איז דאָס פאַר אַ וואַנט?".

ער: „פון דער טיפעניש פון דיין אונטערבאַוווסטזיין איז אויפגעקומען אַן אָבערגלויבן, אָדער גלויבן וועגן אַ גן־עדן התחתון: גייט אַ ייִד ערב שבת, בלאָנ־דזשעט אין אַ וואַלד און אָט קומט אָן דער שבת־קודש. גאָט וועט דאָך דעם פרומען ייִדן נישט פאַרלאָזן. קומט דער ייִד צום גן־עדן התחתון און דוד המלך נעמט אים אויף ווי אַ גאַסט. אָט איז אַ טויער אין וואַנט און דו זוכסט איצט רו. דו ווילסט

אַנטלויפן פון דער שטענדיקער קעלט, פון דעם אַלעמאַליקן ווייטיק. דו זוכסט אייביקע רו, דעם גן־עדן התחתון".

איך: הער אויף צו רעדן. לאָז זיך אַרומקוקן. איך זע דורך די שטאַכעטן פון טויער דאָס שטעטל. די זון שיינט דאָרטן און ביימער גרינען. טיר און פענצטער זענען אָפן. אָט איז דער מאַמעס שטוב. איך גיי אַהין אַריין".

ער: „איך בלייב דאָ אין דרויסן פון מויער. כל־זמן איך בין דאָ, וועסטו האָבן צו וועמען זיך אומצוקערן. אָבער גיי נישט — די סכנה איז גרויס".

איך: יאָ סכנה, נישט סכנה — איך גיי. איך בין מיד און ס'איז מיר קאַלט. ס'איז מיר שווער צו אָטעמען. איך וועל זיך אָנוואַרעמען ביי דער מאַמען אין שטוב".

ער: „איך קאָן דיך נישט אָפּהאַלטן. גיי, אָבער געדענק, דו ביסט נישט קיין פאַרבעטענער. פאַרוואָס זאָלסטו גיין מיט דיין אייגענעם רצון אַהין, ווו מען וויל דיך נישט? גיי נישט, זאָג איך דיר, די סכנה איז גרויס".

איך האָב נישט געפאָלגט. איך האָב געעפנט דאָס טויער און בין אַריין. איך בין אַריין גלייך צו דער מאַמען אין שטוב. איך בין אַרויף פיר טרעפּלעך, אין דעם דרויסנדיקן קאָרידאָר, וואָס האָט זיך געצויגן אויף דער גאַנצער לענג פון הויז. אויף לינקס זענען געווען די שטוב־פענצטער און די הויז־טיר. רעכטס האָט זיך געצויגן דער גאָרטן. דער זעלביקער גאָרטן, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט מיט קרוב פופציק יאָר צוריק. ביי די ברעגעס פון די פיר בייטן זענען געשטאַנען די קאָרטשעס „קייאַכעס" — קוקורוזע, הויכע, געשטאַלטנע, מיט שוואַרץ־גרינע בערד. אין מיטן די בייטן זענען געלעגן אוגערקעס אונטער ברייטע, לאַנגע, שאַרשקע בלעטער. לעבן די אוגערקעס האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון דער ערד „סטרעלקעס" גרינע ציבעלעס, און די בייט, לעבן לייבקע דעם קרעמערס פלויט, איז געווען אין גאַנצן פאַרפלאַנצט מיט בורעקעס. ביי די ברעגעס לעבן די קאַנאַוועס האָבן צווישן די באַטשווינע בלעטער פון די בורעקעס זיך געגרינט די הויכע גרינע גראָזן פון די מערלעך.

אַלץ ווי געווען: אויף דעם צענטער פון דעם האַרץ פון דעם סאָנעטשניק האָט זיך געדרייט און געזשומעט אַ בין, דאַכט זיך, די זעלביקע בין פון פאַר פופציק יאָר. אָבער נאָך זיכערער איז, אַז די ברוינע קאַץ, וואָס ליגט איצט אויפן צווייטן טרעפּל פון גאַניקל, וואָס פירט צום גאָרטן, איז די זעלביקע קאַץ פון יענע יאָרן.

איך האָב אַלץ געקאָנט אָנרירן מיט די שפּיץ פינגער און אָנטאָפּן מיט די פלאַכן פון די הענט. איך האָב אַפילו געפילט די וואַרעמקייט פון דער זון, ווען איך האָב אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון אונטער דעם דעכל פון קאָרידאָר. דאַך האָב איך געוווסט, אַז עס איז אַן אומוואָריקייט. פיר שורות פון מאַני לייבס אַ ליד וועגן זיין אויסגעטראַכטער שטאָט בעלעם זענען מיר געקומען אויף די ליפּן:

## שלמה סיימאָן

„...רעגנבויגן, שלאָף און רו —
פון דער וועלט זיסע פריידן,
און די שטאָט קומט נאָענט צו,
ווי דער גאָרטן פון גן־עדן"...

איך האָב זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט. איך האָב דערשפּירט, אַז אין מיין אַרײַנגיין צו דער מאַמען אין שטוב שטעקט אַ סכנה. איך האָב זיך שוין אָבער נישט געקאָנט אָפּזאָגן. איבער דער וואַרעמקייט פון דער זון און צוליב דער גלוס־טעניש צו זען די מאַמע, האָב איך אַריבערגעטראָטן די שוועל און בין אַרײַן אין שטוב.

עס איז אַ פּנים שבת. דער טאַטע זיצט אָנגעטאָן אין סורדוט, אויף די פּיס קאַמאַשן מיט ריזינקעס. ער זיצט און זאָגט תהילים. אויפן טיש אַנטקעגן אים אַ ברוינע גלאָז טיי, דאָס וואַסער ווי פּאַרגליווערט. מיין ברודער, שמחה, וואָס איז געשטאָרבן מיט פערציק יאָר צוריק, איז אַרײַנגעלאָפן אין שטוב און איז באַלד אַרויסגעלאָפן. איך רוף אים ביים נאָמען און ער ענטפערט נישט. די מאַמע זיצט מיט דער פּלייצע צו דער טיר, קאָנטיק פאַרטיפט אין איר צאינה וראינה. די טיר האָט זיך אַליין פאַרמאַכט מיט אַ קלאַפּ, און די מאַמע האָט זיך אַ קער־געטאָן צו מיר:

„וואָס טוסטו דאָ? ווער האָט געשיקט נאָך דיר?".

איך: „איך בין אַליין געקומען".

מאַמע: „אַליין געקומען? אַרויס פון דאַנען! אַרויס! אַהער קומט מען נישט אַליין. אַהער רופט מען, מען ברענגט. ווען דיין צייט וועט קומען, וועט מען דיך רופן און ברענגען".

איך: „מאַמע, מאַמע, ס׳איז מיר קאַלט. שוין חדשים לאַנג, אַז איך קאָן זיך נישט אָנוואַרעמען. איך בין פול מיט יסורים, מיט ווייטיקן. איך קאָן מער נישט טראָגן דעם יאָך!".

מאַמע: „אַרויס פון דאַנען! אַרויס! דיר איז קאַלט? וואַרעם זיך אָן! האָסט יסורים? לייד! אַ מענטש דאַרף זיך שטעלן אַנטקעגן. איך האָב נישט מורא געהאַט זיך אויסצוטענהן אַפילו מיט גאָט, וואָס זיין שרעק איז שטענדיק געווען אויף מיר. כ׳האָב געהאָרעוועט, געליטן, אויפגעהאָדעוועט אַכט קינדער, געהאַט פיר אָגאַנגען, די קינדער האָבן געפּאָקט און געמאָזלט, געהאַט זאַוואַלקעס, דיפטעריט און טיפוס. דערצו דעם טאַטנס פּרנסות! נו? האָב איך זיך אונטערגעגעבן און געיאָכמערט: „מיר איז שווער?" אָדער „מיר איז ביטער"?, „מיר איז קאַלט" צי „מיר איז וואַ־רעם"? איך האָב פאַרביסן די ליפּן און געבאַקט בייגל, בולקעס, קיכלעך, ברויט און פּיראָזשנעס, און האָב געזען, אַז די שבתים זאָלן זיין שבתדיק און די יום־

טובים פריילעכע. און דו? אַרויס! אַרויס פון דאַנען! איך וויל דיין צורה נישט אָנקוקן!״.

איך: „איך בין מיד, מאַמע, ס׳איז מיר אַלע מאָל קאַלט. איך האָב צרות מיטן אָטעמען. דאָ איז מיר וואַרעם און אַזוי גרינג צו אָטעמען. טרייב מיך נישט אַרויס״.

די מאַמע האָט זיך אויפגעשטעלט אַן אַנגעצונדענע:

„הערט נאָר, הערט: „דאָ איז מיר גרינג צו אָטעמען! דאָ איז מיר וואַרעם!״. ווייסטו פאַרוואָס דאָ איז דיר וואַרעם? ווייל ס׳איז דאָ נישטאָ קיין קעלט, קיין וואַרעמקייט. ווייסטו פאַרוואָס דאָ איז דיר גרינג צו אָטעמען? ווייל דאָ אָטעמט מען נישט. קוק זיך אַרום. אין גאָרטן ציטערט נישט קיין בלאַט. די בין זשומעט נישט און די קאַץ ליגט פאַרגליווערט. אַרויס, אַרויס פון דאַנען, כל־זמן די טיר איז נישט פאַרשלאָסן!״.

איך בין אַרויס. איך האָב געעפנט די אויגן. „ער״ איז געשטאַנען לעבן מיר.

ער: „ס׳איז דיר נאָך אַלץ קאַלט? הער זיך גוט צו צו אַ קורצן שמועס. עס וועט דיר וואַרעמער ווערן״.

ער איז נישט געוואָרן און איך הער צוויי דאָקטוירים רעדן צווישן זיך.

ערשטער קול: „וואָס איז דאָ געשען? ער האָט דאָך אַ געזונט האַרץ. צו פינף און זעכציק יאָר איז זיין בלוט־דרוק נאָרמאַל, בעסער פון מיינעם. זיין פולס איז אַ פולער, אַ ריטמישער. פאַרוואָס איז ער שיר נישט אויסגעגאַנגען? ווען מיר שטעלן אים נישט אַריין קיין אָטעם־רער אין האַלדז, בלייבט ער אונטער דער אַנעסטעזיע. דאָס האַרץ זיינס האָט זיך דאָך אָפּגעשטעלט״.

צווייטער קול: „איך בין שוין אַן אַנעסטעסיסט איבער פופצן יאָר. יאָ, איבער פופצן יאָר, און איך האָב געהאַט אַ סך מאָדנע דערפאַרונגען. געזונטע מענטשן, אייזן שטאַרקע, בלייבן אונטער דער אַנעסטעזיע. גאַנץ געזונטע מענטשן שלאָפן איין, ווי פליגן, און בלייבן אַזוי. אָפּט דאַכט זיך מיר, אַז זיי ווילן זיך נישט אויפכאַפּן. זיי זענען צו מיד ווידער אָנצוהייבן צו אָטעמען. אונדזער פּאַציענט האָט זיך אַ ביסל אונטערגעפוילט אויפצושטיין, געוואָלט אַזוי בלייבן. ער האָט אָבער חרטה געהאַט און זיך אויפגעכאַפּט. האָסט באַמערקט, ווי נאָרמאַל זיין בלוט־דרוק איז איצט?״.

איך: „נוירס, ס׳איז מיר קאַלט״.

נוירס: „מיר פירן אייך אַרויס פון אָפּעראַציע־צימער״.

איך בין באַלד איינגעשלאָפן. צוויי שעה שפּעטער האָב איך זיך אויפגעכאַפּט, אין מיין שפּיטאָל־צימער. מיין לאה איז געשטאַנען לעבן מיר.

„ווי אַזוי פילסטו זיך?״.

„וואַרעם, אַ מחיה״.

ש ל מ ה  ס ײ מ אָ ן

## איך בין װידער אײנגעשלאָפֿן.

***

פֿון דעם פֿענצטער פֿון שפּיטאָל־צימער קאָן מען זען דעם ראָג פֿון הונדערט און ערשטער גאַס און פֿינפֿטער עװעניו. די גאַס פֿאַרדרײט זיך צום צענטראַל פּאַרק. פֿיר אַ זײגער פֿאַרטאָג. איך זיץ אין בעט, װאַך, אָן אַ ברעקל שלאָף אויף די ברעמען, מיט דער פּלײצע אָנגעשפּאַרט אויף דעם אויפֿגעהויבענעם צוקאָפּנס פֿון בעט. איך קוק אַרויס אין דרויסן. עס ציט זיך אָן אָנאויפֿהערנדיקער שטראָם פֿון אויטאָמאָבילן. אויטאָמאָבילן פֿון אַלערלײ קאָלירן און פֿאַבריקאַציעס יאָגן זיך אײנער נאָכן אַנדערן אויף בײדע זײטן גאַס.

איך בין אויפֿן פֿערטן שטאָק. פֿון דער דאָזיקער הײך קוקן די אויטאָמאָבילן אויס װי שפּילװאַרג. קײן מענטשן אין זײ קאָן מען נישט זען. עס קוקט אויס מאָדנע, װי אַלע מאַשינעס שטעלן זיך אָפּ ראַפּטאָם, װען דאָס ליכט װערט רויט, און טוען זיך אַ ריס, װען דאָס ליכט בײט זיך אויף גרין, אַלע מיט אַ מאָל. איך טו אַ שמײכל. עס דערמאָנט זיך מיר עפּעס אַ מעשה־ביכל, װאָס איך האָב געלײענט אין דער יוגנט. אַ חסיד דערקלערט דאָרט דעם שכל פֿון דער אײזנבאַן: „אין קעסל ליגט פֿאַרשפּאַרט אַ שד. װײל מען, אַז די באַן זאָל לויפֿן, עפֿנט אַ מענטש אַ קלײן טירעלע. טוט דער שד זיך אַ שפּאַר און די באַן הײבט אָן צו לויפֿן מיט אַ הודזשעריי. װײל מען, אַז די באַן זאָל זיך אָפּשטעלן, פֿאַרמאַכט מען דאָס טירעלע, דער שד בלײבט ליגן צונויפֿגעקאָרטשעט און די באַן רירט זיך נישט פֿון אָרט". װער עפֿנט די טירעלעך פֿאַר דעם שד אין די פּוסטע אויטאָמאָבילן?

דאָס בילד לאָזט נישט אָפּ, עפּעס װי אַ קינדערשער צו־להכעיס. כּדי פּטור צו װערן פֿון דער נאַרישער פֿאַנטאַזיע, זאָג איך צו זיך אויף אַ הויך קול: „אַן אויטאָמאָביל מוז האָבן אַן אָנטרײבער", און איך שטרענג זיך אָן צו טראַכטן: װער זיצט אין אויטאָמאָביל? אַװדאי יונגע מענטשן, װײל װאָס פֿאַר אַן עלטערער מענטש װעט זיך אַזוי יאָגן פֿיר אַ זײגער פֿאַרטאָג? יאָ, זײ זענען זיכער אַלע יונג. די גופֿים זענען פֿול מיט ברױזנדיקער רטיבֿות, מיט זאַפֿט, װאָס יוירט און גלוסט. זײ יאָגן זיך, װײל זײ זענען פֿול מיט גאַרונגען און פֿאַרלאַנגען. און דער עיקר — פֿול מיט דערװאַרטעניש צו זעטיקן די פֿאָדערונגען און די אַפּעטיטן פֿון אַ יונגן מאָנענ־דיקן גוף. איך האָב אַ זיפֿץ געטאָן: מײן גוף איז אַזוי שלאַבעריק, אָן גלוסטע־נישן, און דאָך מאָנט ער אַזוי פֿיל!

מיט אַ מאָל האָט ער זיך באַװיזן צו מיר אין האַלב־טונקעלן צימער. ער האָט זיך אָװעקגעזעצט אויף דעם לײדיקן שטול, גלײך אַנטקעגן מיר. ער איז געװען אָנגעטאָן אין מײן בעסטן אָנצוג. אין מויל אַ דיקער ציגאַר, די שיך אָפּגעפּוצטע, דאָס פּנים רײן ראַזירט, די האָר פֿאַרקעמט מיט אַ שרונט, אין דער אײבערשטער

קעשענע אַ בלוי טיכעלע און די הויזן אויסגעפּרעסט, דער קנייטש אין זיי שאַרף, ווי אַן אָנגעשליפטער מעסער.

איך: „זע נאָר, ווי דו האָסט דיך אויסגעטראַצלט! ס'איז דאָך לועג לרש — דו לאַכסט אָפּ פון מיר, וואָס איך בין אָרעם אין געזונט און רייך אין יסורים. זע, ווי איך בין אָנגעטאָן: אין אַ שפּיטאָל־כאַלאַט, פון איבער די קני אָראָפּ אַ נאַקעטער, די פּלייצע אַן אָפּגעדעקטע און די האַנט אַ פאַרבאַנדאַזשירטע. חלשות! און דו — אַן אויסגעפּוצטער, מיט אַ פרישן, שמעקעדיקן ציגאַר און פון דיר טראָגט זיך דער דרויסן — ווינטיקדיקע פרייע לופט, נישט די אָנגעהייצטע לופט פון שפּיטאָל, וואָס איז אָנגעזאָפּט מיט די ריחות פון רפואות".

ער: „כ'האָב דערהערט דיין זיפץ און איך בין געקומען צו דיר. איך האָב מיט אַ כיוון זיך אויסגעפּוצט אין דיין בעסטן אָנצוג. איך וויל דיר ווייזן דיין אמתע גע־שטאַלט. דו הייבסט אָן ווערן דערשלאָגן און אַפּהענטיק. דו האָסט דאָך זיך שוין אַפילו אונטערגעפּוילט אויפצושטיין פון דער אַנעסטעזיע. איצט האָסטו אַ זיפץ־געטאָן מיט קנאה. וואָס? די יוגנט יאָגט זיך אין די פּאַרטאָגיקע שעהן „צו זעטיקן די פאָדערונגען און אַפּעטיטן פון אַ יונגן מאָגנענדיקן גוף". יעדע עלטער האָט איר סטאַנדאַרד. ווייסט? דו ביסט געוועזן קליגער, ווען דו ביסט געווען אַ יינגלינג, אַ סך קליגער ווי היינט. טו אַ מיש דיין טאָגבוך און זע, וואָס דו האָסט געשריבן אויף לשון־קודש, ווען דו ביסט נאָך קיין זיבעצן יאָר נישט אַלט געווען. אמת, ס'איז פול מיט מליצה, באַמבאַסטיש־נאַיוו, אָבער גאָר פאַרשטענדיק וועגן אַלטע אָנגענומענע אמתן:

„התוכל לבקש מהאביב יותר מפרחים נאים, שמים בהירים, רוחות פושרים, נחלים מוכספים ויערות מלבלבים?" (ייִדיש: „קאָנסטו דען פאָדערן פון פרילינג מער ווי שיינע בלומען, קלאָרע הימלען, לינדע ווינטן באַזילבערטע טייכלעך און בליִענדיקע וועלדער?") און דו ווילסט איצט, ווען דו ביסט שוין אַ ייִד איבער פינף און זעכציק יאָר, פון דאָס ניי זיך שפּילן אין פּאַלאַנטעס, אָדער אין פערדלעך מיט דיינע חברים יינגלעך?! עס קלעפּט זיך נישט".

איך: ניין, איך האָב אַ זיפץ־געטאָן צוליב גאָר עפּעס אַנדערש. איך האָב אַ זיפץ געטאָן פון פאַרדראָס, וואָס דער גוף האָט איצט געקראָגן צופיל שליטה איבער מיר. דער גוף איז שיין און איז אַ מקור נישט נאָר פון חומרשע פאַרגעניגנס, נאָר אויך פון גייסטיקע צופרידנקייט. דערפאַר טאַקע דאַרף דער מענטש זיך היטן, אַז ער, דער גוף, זאָל נישט ווערן דער צענטער פון לעבן און פאַראַרעמען אונדזער לעבן, איבערהויפּט אין אונדזער צייט, ווען אַזוי פיל באַקוועמלעכקייטן און פאַר־געניגנס זענען גרייט פאַר אונדז. אָפט זענען זיי פּסעוודאָ־גייסטיקע, ס'איז אַזוי באַקוועם צו לעבן, אַז דאָס לעבן איז געוואָרן שוידערלעך אָרעם און באַגרענעצט. אין דער יוגנט האָב איך געדאַרפט צוימען די גלוסטעונישן, כדי דער גוף זאָל נישט

ווערן דער גאַנצער דרייפּונקט. ס׳איז געווען אַ שווערער קאַמף, ווייל פון דער נאַטור בין איך אַ הייס־בלוטיקער. ניין, איך האָב קיינמאָל נישט געהאַלטן פון אַס־קעטיזם, אָבער איך האָב אויך געהאַט אַ ליידנשאַפט צו באַהערשן ליידנשאַפט, ווייל איך האָב זיך אַלע מאָל געהיט, אַז מיין גוף זאָל נישט ווערן דער צענטער פון מיין לעבן. איצט, אויף דער עלטער, ווען חולאתן זענען מיך באַפאַלן, איז דער גוף ביי מיר געוואָרן דער גאַנצער יש. ס׳איז ערגער ווי אין דער יוגנט. דעמאָלט, ווען אַ תאווה האָט מיך איבערגעוועלטיקט, איז בלית ברירה, האָב איך זיך באַפרידיקט און אויף אַ צייט פּטור געוואָרן פון איר. איצט, אין מיינע יסורים, איז דער גוף גע־וואָרן דער מיטלפּונקט און מ׳קאָן אים נישט איגנאָרירן אויף קיין רגע. אָט דער־פאַר האָב איך אַ זיפץ געטאָן״.

ער: „איך זע, אַז דו ווילסט זיין שטאַרקער פון שטאַרק און אַז דו ביסט גרייט צו פאַרפירן אַ שמועס וועגן אונדזערע ענינים, ווי מיט חדשים צוריק, ווען דו ביסט געווען אין שפּיטאָל. איך וועל זיך אָבער היינטיקס מאָל נישט לאָזן אַריינ־נאַרן. איך וועל דיך איצט צורו־לאָזן און וועל זיך באַווייזן צו דיר, ווען דו וועסט געזונט ווערן. נאָך אַלעמען ביסטו מיר שוליק נאָר איין דערקלערונג: דיין טאָג־טעגלעכע הנהגה. לויט דיינע הנחות ביסטו אַ גרויסער מאמין. פאַרוואָס־זשע שטימט נישט אין גאַנצן דיין הנהגה מיט דיין אמונה? לויט דיינע רייד האָט דער שולחן־ערוך געדאַרפט זיין דיין וועגווייזער, אָבער לויט דיינע מעשים באַשטייט דער גאַנצער שולחן־ערוך בלויז פון אַ פּאָר בלעטלעך... אַ גוטע נאַכט! שלאָף איין!״.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

# די האַרבסטע קשיה

צוויי חדשים האָב איך געהאַט גרויסע יסורים. איך האָב נישט נאָר נישט געקאָנט שרייבן, נאָר איך האָב אַפּילו נישט געקאָנט לערנען אָדער לייענען. די רעכטע האַנט, וואָס מען האָט אָפּערירט, איז געוואָרן מושל איבער מיר.

מיט אַ מאָל האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פאַרטאָג און די ווייטיקן זענען אויסגערונען געוואָרן. איך האָב זיך ראַפּטאָם אויפגעזעצט. יאָ, איך קאָן באַוועגן די פינגער. די גאַנצע האַנט איז מיינע. דאָס איז געווען מוצאי שבועות. אויף מאָרגן אינדערפרי בין איך געזעסן אויף דער וועראַנדע אויף אַן אָנלייג־שטול. דער זוניקער פרימאָרגן האָט מיך אַרומגענומען. איך האָב געקוקט אַ פריידיקער אויפן דרויסן און עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז דער גאַנצער חלל, פון דעם הימל ביז דער ערד מיניעט מיט אַ יום־טובדיקן קאָליר, וואָס איך האָב אַמאָל געזען. ווען? יאָ, איך דערמאָן זיך: איך בין זעקס יאָר אַלט און איך בין קראַנק אויף די פיס, איך קאָן נישט גיין, אַ „סידון”. ס'איז פסח, צום ערשטן סדר. די מאַמע האָט מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ הויכן שטול לעבן טאַטנס היסב־בעט. דער טיש איז אָנגעשטעלט מיט באַבלימלטן געפעס און די פסחדיקע כוסות זענען אָנגעפילט מיט ווייַן. אינמיטן טיש שטייט דער כוס של אליהו אויף אַ שיינעם טעלער, אַ הויכער און גרויסער כוס, געמאַכט פון געשליפן גלאָז. דער כוס איז אָנגעפילט ביז די ברעגעס מיט רויטן ווייַן, וואָס פינקלט מיט אַלערליי קאָלירן דורך דעם געשליפענעם גלאָז. איך גיי טאַקע נאָך נישט אין חדר, אָבער איך ווייס שוין, אַז די ייִדן זענען אַריבערגעגאַנגען דעם געשפּאָלטענעם ים, און אַז די טונקל־בלויע וואַסערן פון ים זענען געשטאַנען ווי ווענט פון ביידע זייטן, ווענט דורכזיכטיקע, וואָס האָבן געמיניעט מיט דער בלויקייט פון די וואַסערן. איך ווייס אויך, אַז ביי מתן־תורה אויפן באַרג סיני זענען געווען דונערן און בליצן, צונטער־רויטע בליצן, און אַרום דעם באַרג סיני זענען געווען הויכע גראָזן, ווו די בהמות האָבן זיך נישט געטאָרט פּאַשען. יאָ, גאָט האָט זיך באַוויזן און אונטער זיינע פיס איז געווען „ווי די לויטערקייט פון סאַפּירשטיין”. דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם רויטן ווייַן פון אליהו הנביאס כוס: די בלויקייט פון די וואַסערן פון ים־סוף, די רויטקייט פון די בליצן און די לויטערקייט פון דעם סאַפּירשטיין. איך האָב נישט געוווסט, וואָס אַ סאַפּירשטיין איז, האָב איך צונויפגעפּאָרט זיין קאָליר מיט די שיינע

דימענטלעך אין מיין שוועסטערס אוירינגלעך, וואָס איר מאַן האָט איר געגעבן אַ מתנה אויף יום־טוב. איצט האָט דער דרויסן געקראָגן יענעם יום־טובדיקן קאָליר, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם כוס של אליהו, און ביי מיר פון מויל האָט זיך אַרויסגעריסן: „איי, ס׳איז גוט!״.

אין יענער רגע האָט „ער״ זיך באַוויזן צו מיר. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף דעם אַספּאַלטענעם געזימס פון דער ציגלנער וואַנט פון דער וועראַנדע און האָט אַ שמייכל געטאָן:

ער: „ס׳איז געווען גוט פאַר די אויערן צו הערן דיין אויסגעשריי: „איי, ס׳איז גוט!״ שוין אַ צייט דיך נישט געזען אַזוי פריי פון יסורים. איצט גלייב איך, קאָן איך דיר שטעלן די האַרבסטע קשיה, וואָס אַלע אונדזערע שמועסן האָבן צו איר געפירט״.

איך: „אדרבה, פרעג. איך האָב איצט אַ קלאָרן קאָפּ״.

ער: „לאָמיר זיך נישט שפּילן אין אונטער־טעפּלעך. דו האָסט פאַר זיך געפונען אַ ראַציאָ, אַ שכלדיקע דערקלערונג וועגן דעם מקור פון רשעות און דאָס האָט דיר שוין געגעבן אַן אויפקלערונג וועגן אונדזער לעצטן אומגליק. דו האָסט אויך געפונען דעם פאַרוואָס פאַר דעם אָפּגעפרעמדטן דור אונדזערן, פאַר אונדזער אתה בחרתנו, און דער עיקר, פאַר גאָטס בנמצאדיקייט. איך וועל זיך מיט דיר נישט קריגן. יאָ מסכים, נישט מסכים. דער עיקר איז דאָך דיינע איבערלעבונגען, דיין אייגענע עמאָציאָנעלע דערפאַרונג. גאָטס בנמצאדיקייט איז אָבער לויטן ייִדישן דרך מחייב הלכה. ביי דעם ייִדן איז דער דאָזיקער גלויבן אַן אַפּריאָרע. דער סימן מובהק פון ייִדן, דאָס, וואָס טיילט זיי אָפּ פון די פעלקער אַרום, איז הלכה, מצוות מעשיות. דער דאָזיקער עיקר־געדאַנק איז שוין פאַראַן אין חומש אין אַ סך וואַריאַציעס. אין ביישפּיל וועט זיין געגוג: „און איר זאָלט זיך נישט פאַראומווירדיקן מיט אַ בהמה, אָדער מיט אַ פויגל, וואָס איך האָב אָפּגעשיידט צו מאַכן אומריין פאַר אייך, און איר זאָלט מיר זיין הייליקע, ווייל איך, גאָט, בין הייליק, און איך האָב אייך אָפּגעשיידט פון די פעלקער צו געהערן צו מיר״. (ויקרא, כ״ד, כ׳). ווי באַלד אַזוי...

איך: „דו רייסט זיך אין אַן אָפענער טיר. דו ווילסט מיך דערמאָנען, וואָס איך האָב געשריבן אין „תוך ייִדישקייט״. נאָ, זע איך געדענק:

„די וויטאַלע קראַפט, דער רוח החיים אין ייִדישקייט, איז דער פּרושימשער גאַנג פון הלכה — אַ רעליגיעזער סיסטעם, וואָס איז געגאַנגען אויף גאָר אַן אַנדער וועג, ווי די רעליגיעס פון דער וועלט. די שיטה קאָן איבערגעגעבן ווערן אין געציילטע ווערטער: „אמונה אַליין איז נישט דער עיקר, נאָר די קאָנקרעטיזאַציע פון דער אמונה, די מעשים זענען דער עיקר״. לשם קלאָרקייט וואָלט איך צוגעגעבן: אין ייִדישקייט איז אמונה אַן אַקסיאָמע, אַ פאַרשטענדלעכע, אָנגענומענע זאַך,

וואָס דאַרף נישט קיין באַווייזן. דער ערשטער דיבור פון די עשרת הדיברות איז דער „אָנכי" — איך בין גאָט, דיין גאָט, אַ דעקלאַראַטיווער אָנווייז. די אַנדערע ניין געבאָטן זענען אין ציווי, אין אימפּעראַטיוו. דאָס מיינט, אַז אמונה אָפּגעריסן פון מעשים בלייבט אַ דבר מופשט, אַן אַבסטראַקציע, וואָס דערלייזט נישט דעם מענטשן. דאָס איז להיפוך קריסטנטום, וואָס האַלט, אַז דערלייזן קאָן בלויז אמונה, די אמונה, אַז ישוע איז געטלעך, און די מעשים טובים פון מענטשן זענען נישט מער, ווי אַ געוווּנטשענער טפל.

„ס'איז כדאי צו באַטאָנען נאָך עפּעס: די תורה שבעל פה האָט געמאַכט יידן פאַר אַן אייגנאַרטיקער אומה, נישט די תורה שבכתב — דער תנ"ך. דער מדרש מאַכט עס קלאָר:

„גאָט האָט נאָך פון פריִער געוווּסט, אַז די אומות העולם וועלן איבערזעצן די תורה אויף גריכיש, און זיי וועלן זאָגן: „מיר זענען די אמתע יידן", און זיי מיינען אַזוי ביזן היינטיקן טאָג. האָט גאָט צו זיי געזאָגט: „איר האַלט, אַז איר זייט מיינע קינדער. איך אָבער ווייס, אַז נאָר די, וואָס וויסן מיינע מיסטעריעס, מיינע סודות, זענען מיינע קינדער. און וואָס זענען מיינע סודות? די משנה, וואָס איז געגעבן געוואָרן בעל פה".

„אין דעם זעלביקן מקור:

„וואָס איז דער חילוק צווישן די אומות העולם און די יידן? די משנה און דער תלמוד — זיי שיידן פונאַנדער צווישן יידן און אַנדערע פעלקער" (מדרש תנחומא, כי תשא, ל"ד).

ער: „דו ווייסט? דו דרשנסט זייער שיין. לאָמיר אָבער רעדן תכלית. אין אָנהייב פון אונדזער חשבון־הנפש האָבן מיר אָפּגעמאַכט, אַז ס'וועט זיין אַ חשבון־הנפש ביזן יסוד, אָן פאַרלייקענען אָדער פאַרהוילן עפּעס וואָס. פרעג איך דיך גאָר פּשוט: „דאַוונסטו דריי מאָל אַ טאָג? היטסטו אָפּ כשרות? טראָגסטו אַ טלית קטן? ווי אַזוי היטסטו אָפּ שבת? און וואָס הערט זיך וועגן שעטנז?" לאָמיך דיך פרעגן נאָך פּשוטער: „היטסטו אָפּ אַלץ, וואָס שטייט אין שולחן־ערוך?".

איך: „איך וועל דיר ענטפערן אָפנהאַרציק: איך דאַוון גאָר זעלטן, אָבער איך דאַוון. איך היט נישט אָפּ קיין כשרות לויט דעם שולחן ערוך, אָבער איך עס נישט קיין טרפה. איך אַרבעט נישט שבת און איך טו נישט קיין סך זאַכן, וואָס אַ ייד טוט נישט אום שבת, אָבער לויטן שולחן ערוך בין איך מחלל שבת. איך טראָג נישט קיין אַרבע כנפות און איך בין נישט מקפיד אויף שעטנז. איך וואַש זיך צום עסן על פי דין, איך מאַך המוציא און איך בענטש נאָר ווען איך בין מיט אַ ציבור, וואָס טוט עס. ביחידות, בין איך יוצא מיט אַ סך, אַ סך ווייניקער. בכלל, אויב דו ווילסט, איז מיין הנהגה אַ ווילדע. געוויסע מצוות היט איך אָפּ, אַנדערע נישט. אָט בין איך מקפיד אויף מאַכן קידוש, אָבער דו קענסט ביי מיר פועלן בגילוי ראש."

ער: „אויב אַזוי, ווערט דאָך דער גאַנצער ענין קאָמיש. עס קומט אויס, אַז דו מאַכסט זיך דיין אייגענעם שולחן ערוך. וואָס וואָלט געשען, ווען יעדער ייִד מאַכט זיך זיין אייגענעם שולחן ערוך? איך האָף אָבער, אַז אין דיין אומלאָגישקייט מוז דאָך זיין אַ שיטה און אַ שכלדיקע דערקלערונג, נישט גלאַט קיין קאַפּריז, אָדער אַליינאָפּנאַרעריי.״

איך: „ווען איך וואָלט דיך ווען אָפּשטויסן מיט אַ שטרוי, וואָלט איך דיר געענטפערט, ווי איך האָב אַמאָל געענטפערט, אין אַ ביטערן וויכוח מיט אַן „אָר־טאָדאָקסישן״ מאָדערנעם רב, וואָס האָט זיך געגרויסט מיט שאַפן אַ מחיצה אין זיין שול. איך האָב אים געזאָגט: „ווייניק ייִדן, און איר בתוכם, היטן אָפּ דעם גאַנצן שולחן ערוך. פאַראַן אין ניו־יאָרק אַ קליינע גרופּע ייִדן, וואָס היט אָפּ יעדע חומרא. די איבעריקע ייִדן, אַפילו די אָרטאָדאָקסן, מאַכן אַ סעלעקציע בנוגע דעם שולחן ערוך.״

„איך מיין, אַז איר היט מסתמא אָפּ אויפצושטיין צו חצות, און אפשר נישט. דאָס איז אַ דבר רשות, נישט קיין מוז. ס'איז ביי מיר קיין ספק נישט, אַז איר זעצט זיך לערנען באַלד נאָך נעגל־וואַסער. טוט אָבער אַ קוק אין פּרק ג׳, סעיף ב׳ פון קיצור שולחן ערוך און זאָגט מיר, פאַרוואָס היט איר נישט אָפּ אייער הלבשה, אַז איר זאָלט זיין אַנדערש געקליידט, ווי די גויִים, אַפילו ווען עס קומט „ברצועת הנעל״, אין אַ שוך־בענדל? נו, איר זייט דאָך קורץ געקליידט, איר טראָגט דאָס זעלביקע ווייסע העמד מיט אַ שניפּס, ווי איך. אייערע האָר זענען אַרומגעשוירן, ווי ביי אַלעמען. ס'איז ביי אייך נישטאָ קיין סימן פון אַ באָרד און מיט מאַטערנ־יש קען מען זאָגן, אַז איר האָט אַ סימן פון פאות. אַוודאי, איז בדוחק אַלץ על פּי דין. יאָ, איר רעדט גאַנץ פיין ענגליש. עס שטייט אָבער געשריבן: „אלא יהא מובדל מהם במלבושיו ובדיבורו ובשאר מעשיו״ — ער זאָל זיין אַנדערש פון זיי אין זיי־נע מלבושים, אין זיינע רייד, וואָס מיינט מסתמא אין לשון, און אין אַנדערע זיינע מעשים.״

„איך וויל אייך פרעגן אַ האַרבערע קשיה: היט איר זיך טאַקע אַנצוטאָן די שיך און די איבעריקע בגדים לויט ווי עס איז פאַרשריבן אין דעם זעלביקן פּרק, אין סעיף ד׳: אַנצוטאָן דעם רעכטן אַרבל פריִער, און פריִער אַנצוטאָן דעם רעכטן שוך, דערנאָך דעם לינקן, ערשט דעמאָלט פאַרבינדן דעם לינקן שוך און דערנאָך דעם רעכטן, און אויסטאָן זיי אין דעם פאַרקערטן סדר? קוקט אַריין אין פּרק ע״ב, סעיף י״ד, דערנאָך קוקט מיר גלייך אין די אויגן און זאָגט מיר: היט איר אָפּ פינקטלעך, וואָס דאָרט שטייט וועגן שניידן נעגל? איך קען אייך אָנווייזן אין שולחן ערוך צענדליקער אַזעלכע מנהגים און דינים.״

„איך האָב דיר פריִער געזאָגט, אַז ס'איז נישט מער, ווי אָפּשטויסן מיט שטרוי. אַפילו אַ סך פון אונדזערע מענטשן האָבן ליב זיך צו באַנוצן מיט דער דאָ־

זיקער טענה. ס׳איז נישט קיין ערלעכע אַרגומענטאַציע, ווייל דער רב, דער פרומער ייד, האַלט דעם שולחן ערוך פאַר זיין וועגווייזער, פאַר דעם אויטאָריטעט. ס׳איז דער קאָדעקס, וואָס רעגולירט זיין הנהגה. אויב ער נייגט אָפּ פון דעם שולחן ערוך, איז עס ווייל ס׳איז פאַראַן אַ היתר, אָדער ווייל ער האָט געפונען אַ היתר פאַר זיין נישט אָפּהיטן אַ ספּעציפישן דין. ביי אים איז דער שולחן ערוך אַ מאַפּע מיט אַ באַשטימטן אָנגעצייכנטן וועג, וואָס ער קען פון אים נישט אָפּנייגן. ביי מיר איז דער שולחן ערוך נישט מער, ווי אַ קאָמפּאַס. אַ קאָמפּאַס צייכנט אָן די ריכטונג, אָבער נישט דעם באַשטימטן וועג. איך זוך נישט קיין היתר אויף מיינע אָפּנייגונגען. איך האַלט ערשט ביים „אָנכי". איך בין נאָר זיכער וועגן דער דאָזיקער דעקלאַראַציע, אָבער ווי אַזוי זיך צו דערנענטערן צו אים ווייס איך נאָך נישט. די דעטאַלע הלכה איז געקומען אַ סך שפּעטער נאָך מתן תורה, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס תורה שבעל פּה איז טיילווייז אַזוי אַלט, ווי תורה שבכתב, און אפשט אפשר נאָך עלטער. איך האָב נאָך נישט דערגרייכט צו דער תקופה פון הלכה."

ער: „דאָס זענען שאַרפע רייד, אָבער זיי זענען צופיל פאַרהוילן און פאַרשטעלט. מאַך עס מיר קלאָרער."

איך: „אין פּרי׳ערדיקן קאַפּיטל האָט שמריהו מנקר אַרויסגעזאָגט אַ טיפן זאָג: „אונדזער דור איז אין דער בחינה פון יוצאי מצרים, פון די יידן פון פאַר מתן תורה, איידער זיי האָבן געהערט דעם „אָנכי". יידן זענען שוין דעמאָלט געווען יידן, אברהמס אייניקלעך. על פּי קבלה זענען זיי געווען געבוירענע יידן, אָבער קיין בונד מיט גאָט איז נאָך נישט געשלאָסן געוואָרן. זיי האָבן נישט געהאַט קיין פּערזענלעכע גאָט־דערקענונג. ערשט ביים באַרג סיני זענען זיי געקומען צו דער דאָזיקער דערקענונג. פון דעמאָלט אָן איז גאָטס דערקענונג געוואָרן די טרייבקראַפט אין יידישער געשיכטע. יידן האָבן אָבער צוערשט אָנגענומען גאָט נאָר מיטן מויל. דער יצר־הרע פון געצנדינסט איז ביי זיי נאָך אַלץ געווען שטאַרק. ערשט..."

ער: „וואַרט אַ ווילע, כאַפּ נישט! איידער דו גייסט ווייטער, דערקלער מיר: דו נעמסט אָן דעם מעמד באַרג סיני ווי אַ פאַקט? אויב דו בויסט אויף דעם, וועט אונדזער דור נישט וועלן ווייטער גיין מיט דיר. דו ווייסט דאָך, אַז קיינער פון אונדז האַלט נישט מתן תורה פאַר אַ פאַקט. עס לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז דו זאָלסט אָננעמען די מעשה באַרג סיני ווי אַ היסטאָרישע געשעעניש."

איך: „יאָ, איך נעם אָן דעם מעמד באַרג סיני, גאָטס אָנטפּלעקונג אויף דעם הר סיני, ווי אַ טרויזם, אַן אָנגענומענעם אמת. עס קען זיין, אַז מען קען עס נישט באַצייכענען ווי אַ היסטאָרישע געשעעניש אין צייט און אָרט. זיכער איז עס אָבער אַ היסטאָרישע געשעעניש אין דעם אויפנעם פון באַוווסטזיין פון פאָלק. דאָס פאָלק האָט מיט אַ כיוון געגעבן אַן אָנהייב און אַן אָרט, אַ באַשטימטע דאַטע, אַ יום, און

אַן אַנגעצייכנט געאָגראַפיש אָרט, ווען און ווו עס איז אויפגעקומען דער געדאַנק פון ברית — פון בונד צווישן גאָט און דעם פאָלק ישראל. איך וויל דיר עס מער נישט צעקייען. עס איז אַ גענוג קלאָרע דערקלערונג פאַר די, וואָס טרעטן צו צו דעם ייִדישן גאָט־באַגריף מיט פאַרנונפט, מיט שכל.״

ער: „מילא, ס׳וועט זיין גענוג פאַר יחידי סגולה, פאַר די נבונים. וואָס זשע איז געשען נאָך קבלת התורה?״

איך: „דער כביכול האָט געהאַט אַ סך צרות מיט ייִדן. זיי האָבן אין פלוג געגלייבט אין גאָט, אָבער באמת האָבן זיי אים אָקצעפּטירט נישט מיט גאַנצן האַרצן. זיי האָבן אויך געדינט געצן. די נביאים האָבן געשטורעמט און געליאַרעמט, אָבער דער יצר־הרע פון געצנדינסט האָט אַלץ געהאַט די אויבערהאַנט. וויבאַלד אַזוי, איז דאָך נישט שייך געווען, אַז ייִדן זאָלן אָפּהיטן מצוות, כדי זיך צו דער־נענטערן צום כביכול. זיי האָבן דאָך נישט געגלייבט מיטן גאַנצן האַרצן אין עיקר, אין זיין מציאות. ערשט נאָך שיבת־ציון, נאָך דעם גלות בבל, ווען ייִדן האָבן אָק־צעפּטירט דעם גאָט פון סיני פאַר זייער גאָט, דעמאָלט האָבן זיי געקראָגן אַ „פאַר־וואָס״, פאַרוואָס אָפּצוהיטן זיינע מצוות. די גמרא דערציילט, אַז נאָכן גלות בבל האָבן די אַנשי כנסת הגדולה געקוילעט דעם יצר־הרע פון געצנדינסט, און אין יענער צייט האָט זיך טאַקע הלכה אַנגעהויבן צו פאַרצוויגן, ווייל די בנמצאדיקייט פון גאָט איז פון קיינעם נישט אָפּגעלייקנט געוואָרן. מען האָט אָנגעהויבן צו זוכן וועגן ווי אַזוי זיך צו דערנענטערן צו גאָט דורך מצוות מעשיות. אונדזער דור איז אין דער בחינה פון יוצאי מצרים, אפשר נאָך דעם מעמד סיני. אַן גאָט־דערקע־נונג אָבער פילט אונדזער דור נישט קיין נויטווענדיקייט פאַר הלכה. איך האָב ערשט איצט דערגרייכט צו דער מדרגה פון דעם דור פון שיבת־ציון. איך גלייב מיטן גאַנצן האַרצן אין מציאות השם און איך זוך אַ וועג צו אים.״

ער: „מיר דוכט זיך, אַז דו רעדסט לשון הרע אויף ייִדן. לאָמיר אָבער רעדן וועגן דיר. צו וואָס זוכן אַ וועג? ס׳איז דאָך שוין פאַראַן אַ וועג — דער וועג פון שולחן ערוך.״

איך: „ניין, ס׳איז נישט קיין לשון הרע אויף ייִדן. קוק זיך צו צום דרך פון אונדזערע ייִדן און משפט אַליין. איך וויל נישט אריינגיין אין פרטים, אָבער איך פאַרזיכער דיר, אַז נישט נאָר דער גאַנצער סעקולאַרער סעקטאָר האַלט, אַז די קאָנצעפּציע פון גאָט, ווי אַ טראַנסצענדענטאַלער כוח, וואָס איז אויך אַ גנזעל־שאַפטלעכער כוח, איז נישט אָנגענומען. אויך דער גרעסטער טייל פון די נעאָ־אָר־טאָדאָקסן און אַלע נישט־אָרטאָדאָקסן גלייבן אַוודאי און אַוודאי נישט אין מציאות הבורא. אַן מציאות הבורא איז נישט וויכטיק, צי דו היטסט אָפּ אַ סך דינים, צי ווייניק דינים. ס׳איז נישט מער, ווי מעכאַנישער לעגאַליזם.״

ער: „דו האַלטסט אָבער שוין, האָסטו געזאָגט, נאָך שיבת־ציון. האָסט אָק־

צעפּטירט דעם יידישן כביכול און זוכסט נאָך אַלץ אַ וועג פון התקרבות. פאַרוואָס נישט דער אַלטער אויסגעטראָטענער וועג פון טראַדיציאָנעלער יידישקייט, פון הלכה?״

איך: „אמת, יידישע הלכה האָט אַ טראַדיציע פון טויזנטער יאָרן. זיכער איז אין איר פאַראַן צונויפגעפּרעסטע עמאָציע פון דורות, דורות דערפאַרונג ווי אַזוי זיך צו דערנעענטערן צו גאָט. אָבער דווקא זייער דערפאַרונג שטערט מיר אויסצו־רופן על דעת עצמי, פון מיין אייגענער דערפאַרונג, „נעשה ונשמע״ — לאָמיר טאָן און הערן. דער שולחן ערוך איז פאַר אונדז אַ זאַמלונג פון וווּנדערלעכע, שיינע שטיקער צירונג און בגדים. ס׳איז שיין צו קוקן אויף זיי, עסטעטיש שטעלן זיי צו־פרידן, אָבער נישט צו באַקליידן זיך און אויסצופּוצן זיך אין זיי.

„אפשר קען איך עס מאַכן קלאָרער פאַר דיר מיט אַ שטיקל רמב״ם און דער־נאָך מיט אַ משל.

„ס׳איז מיר גרינגער און אָפט פּאַסיקער אויפצוקלערן אַ געדאַנק פאַר יידן פון מיין דור מיט אַ משל, מיט אַן אַנאַלאָגיע, ווי מיט אַ לאָגישער אַרגומענטאַציע. זאָגט דער רמב״ם:

„אין וואָס באַשטייט די פּאַסיקע ליבשאַפט (צו גאָט)? ער זאָל ליבן גאָט מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער ליבשאַפט, אַזוי שטאַרק, אַז זיין זעל זאָל זיין צוגעבונדן צו דער ליבשאַפט צו גאָט, און ער זאָל אַלע מאָל טראַכטן פון אים, ווי אייבער, וואָס איז קראַנק אויף דער חולאת פון ליבע (צו אַ פרוי). דעמאָלט איז דאָך זיין זעל קיין מאָל נישט פריי פון זיין ליבע צו יענער פרוי. ער טראַכט תמיד וועגן איר, סיי ווען ער ליגט, סיי ווען ער שטייט אויף, סיי ווען ער עסט און סיי ווען ער טרינקט. נאָך מער פון אַזאַ ליבע, דאַרף זיין די ליבע צו גאָט אין די הערצער פון זיינע ליבהאָבער. זיי דאַרפן זיין איבערגעגעבן צו אים שטענדיק, ווי מען האָט אונדז אָנגעזאָגט: „בכל לבבך ובכל נפשך״ — מיט דיין גאַנצן האַרצן און מיט דיין גאַנ־צער זעל. דאָס איז, וואָס שלמה המלך האָט געזאָגט אויף דעם שטייגער פון אַ משל: „כי חולת אַהבה אַני״ — איך בין קראַנק אויף ליבע. גאַנץ שיר־השירים איז אַ משל אויף דעם ענין״. עד כאן לשונו — דער סוף פון ציטאַט.

„אין תנ״ך ווערט אָפט סימבאָליזירט די באַציִונג פון גאָט צו יידן, ווי די באַ־ציִונג פון אַ מאַן צו זיין געליבטער פרוי. דער רמב״ם האָט איבערגעקערט די פאַרגלייכעניש, אַז די באַציִונג פון יידן צו גאָט איז ווי די באַציִונג פון אַ מאַן צו אַ פרוי. אויב אַזוי, פּאַסט זיך דער משל, וואָס איך וויל דיר געבן: „אַ פּראָסטער מענטש, נישט קיין אַדעליקער, האָט זיך פאַרליבט אין אַ בת־מלכה. ער איז קראַנק אויף ליבע און ער ווייסט, אַז ווען ער וואָלט געקענט צו איר צוקומען, וואָלט זי אָנגענומען זיין ליבע. דער דאָזיקער מענטש קען אָבער נישט צוקומען צו דער פּרינצעסין, ווייל נישט ער ווייסט ווי זיך צו קליידן, ווען מע קומט צו אַ בת־מלכה,

און נישט ער ווייסט, ווי צו רעדן צו איר. קומט זיינער אַ פריינד און זאָגט צו אים: „וואָס זוכסטו וועגן, ווי צו קומען צו דער בת־מלכה? ס'איז פאַראַן אַ פּאַרטיק ביכל מיט אַלע כּללים, ווי זיך אַנצוטאָן, ווען מע באַווייזט זיך אין קעניגלעכן הויף, ווי צו גיין, ווי זיך צו פאַרנייגן און ווי צו רעדן". האָט דער פאַרליבטער געזאָגט: „גיב מיר דאָס ביכל און איך וועל אויסלערנען אַלע כּללים. איך וועל קויפן די פּאַסיקע בגדים און וועל זיך פאָרשטעלן פאַר דער בת־מלכה".

„דער פאַרליבטער האָט גענומען דאָס ביכל און האָט אָנגעהויבן שטודירן די רעגלען, כּללים און געזעצן. ווען ער האָט אַלץ אויסגעלערנט, האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין:

„ניין, ס'טויג נישט! ווען איך וועל זיך אויפפירן, ווי דאָ אין ביכל שטייט געשריבן, וועל איך אויסקוקן ווי אַ פּאַיאַץ אין מיינע אייגענע אויגן. אַלץ אין דעם ביכל און דאַך אַזוי אַלט און אָפּגעלעבט און נישט לויט מיינע געוווינהייטן. עס האָט מסתמא געהאַט אַ באַטייט און אַ זינען פאַר די, וואָס האָבן עס אַמאָל אָנגע־שריבן און פאַר די, וואָס האָבן עס געקראָגן בירושה. זיי שרעקן זיך פאַר דעם מלך און דער מלכה מער, ווי זיי האָבן זיי ליב. פאַר מיר אָבער איז די בת מלכה מיין גאַנצער חיות, מיין גאַנץ לעבן. אויב איך זאָל זיך אויפפירן לויט די דאָזיקע רעג־לען, וועל איך דאַך נישט זיין איך און איך וועל איר נישט קענען קוקן אין די אויגן. עס דאַרף מיר דויערן אַ לאַנגע צייט, ביז איך וועל געפינען מיין אייגענעם וועג צו איר האַרץ. אַוודאי וועל איך זיך דאַרפן איבערדערצי'ען און זיך אָפּגע־וווינען פון אַ סך פון מיינע וועגן. עס וועט דויערן אַ היפּשע צייט. איך קען אָבער נישט נאָכפאָלגן רעגלען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן מיט הונדערטער יאָרן צו־ריק, ווען אַ פּראָסטער מענטש, נישט קיין אַדעליקער, האָט זיך נישט געטאָרט פאַרליבן אין אַ פּרינצעסין. טאָמער האָט זיך איינער יאָ פאַרליבט און האָט עס אויסגעזאָגט, איז ער באַשטראָפט געוואָרן מיט טויט. דער קלענסטער אָפּנייג פון הויף־צערעמאָניאַל האָט געשמעקט מיט גרויזאַמער שטראָף. היינטיקע צייטן איז דער הויף־צערעמאָניאַל פאַר מיין דור נאָר שיינע עטיקעט, נישט קיין דרך פון לעבן.

„איצט שוין נישט בדרך משל. עס איז מיר שווער צו לעבן, ווי איך לעב, און איך מאַטער זיך. קיינער קען נישט אָנהייבן פון זיך אַליין און שאַפן עפּעס, לאָמיר זאָגן, פון דער גלאָריע פון שבת. און אָט קומט אַ פּראָסטער ייִד, וואָס קען קוים פּירוש־המילות, און היט אָפּ שבת, ווי עס איז אים אָנגעזאָגט געוואָרן און קדושה שוועבט אַרום אים.

„דאָס, וואָס אַ ציבור קען משפּיע זיין, קען קיין מענטש אַליין נישט דער־גרייכן. אָט צוואָש איך די הענט, איידער איך זעץ זיך עסן. אַוודאי ווערן די הענט ריין און עס איז גוט צו עסן מיט ריינע הענט. עס איז אָבער עפּעס גאָר אַנ־

דערש, ווען מען וואַשט זיך צום עסן, ווייל מען האָט באַפוילן זיך צו וואַשן. דאָס וואַשן זיך איז דעמאָלט אַ טייל פון ריטואַל, פון אַ גלויבן, וואָס דורות זענען פאַר דעם געגאַנגען אויף קידוש־השם. די נשמות פון די אַלע דורות, וואָס האָבן גע־לעבט און געשטאָרבן מיט קדושה, קומען דאָך אין באַרירונג מיט דעם ייִדן, וואָס איז מקיים די זעלביקע מצווה.

„די אמונה פון אַ ציבור ווירקט אויף אונדז, מאַכט אונדז שענער און גייס־טיק רייכער, אַפילו ווען זי דריקט אונדז מיט אירע חומרות. דאָך איז עס פאַר מיר אַ פּסיכאָלאָגישע אוממעגלעכקייט אַנצונעמען דעם אַלטן לעבנס־שטייגער פאַר מיין טאָג־טעגלעכער הנהגה. עס האָט געדויערט מער ווי דריי דורות צו אַנטייִדישן דאָס ייִדישע לעבן, קען אונדזערס אַ מענטש זיך נישט איבערברעכן איבער נאַכט. עס דאַרף איצט דויערן אַ פּאָר דורות, כדי צו פאַרריכטן די אַלטע, איינגעפאַלענע ווענט, אָדער אויפשטעלן אַ נייעם בנין. דער עיקר איז פון אַלע עיקרים דאָס, וואָס איך פערזענלעך האָב געפונען דעם פאַרוואָס, די מציאות פון גאָט.

„וועגן אונדזער הנהגה קענען מיר זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר השכל פון די דורות, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַנטייִדישן אונדזער לעבן. אדם הכהן לעווינזאָן, קלמן שולמאַן, אברהם מאַפּו האָבן געטראָגן באָרד און פאות און האָבן זיך אויפגעפירט עכט ייִדישלעך, נישט געקוקט אויף זייער כפירה. מען קען זיך נישט איבערברעכן איבער נאַכט. דאָס זעלביקע טרעפט מיט אונדזער דור גאָט־זוכער.

„דאָס איז מיין ראַציאָ פאַר נישט זיין קיין אַ זהיר במצוות, וואָס מיין וועלט־באַנעם איז מיך דערצו מחייב.”

ער: „מיך האָסטו איבערצייגט. וואָס וועט אָבער זאָגן די וועלט? מען וועט אַלץ טייטלען אויף דיר מיט די פינגער, אַז דו פּרעדיקסט צו טרינקען וואַסער און אַליין טרינקסטו וויין.”

איך: „פריִער פון אַלעמען דאַרף אַ מענטש זיך אַליין גייסטיק געפינען און זיך צופרידנשטעלן. נאָכגעבן דער סביבה איז נישט קיין מדרגה. קיין רויִקייט האָב איך טאַקע נישט, אָבער די צופרידנקייט פון זוכן האָב איך יאָ. אונדזער דור מעג זיך צופרידנשטעלן מיט אָפּרייניקן אַ וועג פאַר די קומענדיקע דורות ווי עס האָבן געטאָן די משכילים פאַר אונדז. די משכילים, דווקא מיט זייער פאַרוועלטלעכן דאָס ייִדישע לעבן, האָבן זיי אָפּגערייניקט אַ וועג פאַר אונדז. זיי האָבן אונדז באַפרייט פון חומרות און סיגים און עס איז מעגלעך געוואָרן פאַר אונדז צו טראַכטן פריי. זיי האָבן געעפנט די וועלט פאַר אונדז. אמת, ווי אַלע רעבעלן האָבן זיי צופיל צע־בראָכן, אונדז צופיל באַפרייט. אָבער אַן זיי וואָלטן מיר פאַרבליבן אַ פאַרגליווער־טע סעקטע. אונדזערע מיליטאַנטישע אָרטאָדאָקסן מעגן געדענקען, אַז זיי זענען אַ דירעקטער פּועל־יוצא פון דער השכלה־באַוועגונג. אָן השכלה וואָלטן זיי נישט גע־קענט אָנפירן מיט צייטונגען און זשורנאַלן. אַפילו זייערע חינוך־אינסטיטוציעס

זענען אויפגעקומען דורך דער דירעקטער השפעה פון די משכילים. דעם לובאַוויטשער רבינס ישיבות, ווו מען לערנט אַזוי געשמאַק ענגליש, זענען דאָך די „שקאָלעס", וואָס די משכילים האָבן אַזוי שטאַרק געוואָלט! די חסידים האָבן זיי פאַרשריגן ווי אַפּיקורסים. און איצט זענען די דאָזיקע „שקאָלעס" דער מוסטער פון די פרומע ישיבות!

„מיר, די גאָט־זוכערס, האָבן איצט אַ גרויסע שליחות: מיר דאַרפן אָפּרייניקן דעם וועג פאַר די קומענדיקע דורות. מיר דאַרפן דערוויזן ראַציאָנעל און פילאָסאָפיש, די מעגלעכקייט פון צוריק קאָנען בויען אַ ייִדיש לעבן אויף די יסודות פון גאָט־דערקענונג, במילא מיינט עס אויף ייִדישער טראַדיציע; צוריק מעגלעך מאַכן פאַר אַ מאָדערנעם ייִדן, אַז ער זאָל קאָנען דאַווענען, אָפּהיטן שבת, פראַוועמען אַ ייִדישן יום־טוב און ראַציאָנעל קאָנען באַרעכטיקן צו לעבן, ביז אַ גרויסער מאָס, אַן אָפּגעזונדערט לעבן פון די אַרומיקע שכנים".

ער: „לאָמיר דיך פאַרשטיין קלאָר: מיינסט מיר צו זאָגן, אַז אויב אַ ייִד וועט דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג, וואַשן זיך צום עסן, טאָקע מיט „שאו ידיכם", בקיצור צוריק ווערן אַ זהיר במיצוות, וועט ער ווערן אַ בעסערער מענטש ווי ער איז איצט, און די וועלט וועט באַאיינפלוסט ווערן, ווייל ער וועט אָפּהיטן באַשטימטע ריטואַלן?".

איך: „מיין ענטפער איז אַזאַ: ווען דער איצטיקער דור זאָל ווערן אַ זהיר במיצוות וועט עס נישט האָבן קיין שום עטישן ווערט און באַטייט. עס וואָלט געווען נישט מער ווי אַ טויטער פאָרמאַליזם און דערפאַר וואָלט עס נישט אָנגערירט דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן, און נישט געבראַכט קיין שום שינוי אין אונדזער אינערלעכן מהות. איז, ווי אַזוי וואָלט עס באַווירקט די וועלט? אָבער ווען די אָפּגעהיטקייט וועט האָבן אַ באַרירונג, מיטן אין־סוף, מיט דער אידייע פון געטלעכקייט, דעמאָלט וועט עס גורם זיין אַ פּסיכישע איבערקערונג אין אונדזער וועלט־באַנעם, דאָס אָפּהיטן פון מיצוות מעשיות וועט דעמאָלט ווערן אַ דינאַמישער כוח, וואָס וועט דערמעגלעכן אונדז צו שאַפן אַן אייגנאַרטיק ייִדיש לעבן, און מיר וועלן נישט לעבן אויף שיריים פון ייִדישקייט. אַזאַ אייגנאַרטיק לעבן קאָן באַווירקן די וועלט.

פּאַראַדאָקסאַל געזאָגט: מיר, די גאָט־זוכערס פון הייַנטיקן דור טאָרן זיך נישט איילן און ווערן אָט שוין זהירים במיצוות; איצט, פּאַרטיקע, פרומע ייִדן. ביי אונדז האָט דער צערעמאָניאַל פאַרלאָרן אַ גרויסע מאָס פון זיין שפּעריש באַטייט. אָנהייבן איצט, אָן קיין שום ראציא און אָפּקלייב צוריק אָפּהיטן געבאָטן, וואָס זענען אין תוך אינהאַלטלאָז פאַר אונדז, סיי עמאָציאָנעל און סיי אינטעלעקטועל, וועט זיין אַליין־אָפּנאַרעריי. מיר קאָנען נישט אָפּווישן קיין הונדערט יאָר אַפּיקורסיש־

קייט אין איין מעת־לעת. עס איז אַ פּאַמעלעכער און לאַנגזאַמער פּראָצעס פון איבערדערציִען זיך.

דאָס איז אויך מיין דערקלערונג, פאַרוואָס איך פערזענלעך בין נישט קיין צו גרויסער זהיר במיצוות. איך היט נישט אָפּ קיין מיצווה בלויז, ווייל זי איז פאַרשריבן. איידער איך בין מקיים אַ מיצווה דאַרף זי ביי מיר ווערן אַ יש, זי דאַרף קריגן פאַר מיר אַ באַטייט. דאָס איז די ראציא פאַר מיין אָפט סתירותדיקער הנהגה. עס איז אַ יחידישע עמאָציאָנעלע און אינטעלעקטועלע סעלעקציע, דער־ ווייל צוגעפּאַסט נאָר פאַר זיך אַליין.

אָבער אַזאַ יחידישער אָפּקלייב, אַן אָפּקלייב אָן דער הילף פון אַ מנין, כ׳מיין אָן אַ ציבור, אַ קאָלעקטיוו, איז געגליכן צו איינעם, וואָס דאַוונט ביחידות און פירט דורך חזרת הש״ץ און קריאת התורה, ער גיט זיך אַפילו אָן עליה. עס האָט נישט קיין טעם און נישט קיין זינען.

אמת, ייִדישקייט איז בעיקר אַן אמונה, וואָס הייבט זיך אָן מיטן יחיד, אָבער עס איז אויך אַן אמונה וואָס דאַרף שאַפן אַן אייגנאַרטיקן קאָלעקטיוו. וואָלט געווען גוט, ווען איך וואָלט געקענט צורעדן נאָך ניין ייִדן צו מיר און אָנהייבן זוכן אַ וועג, אָדער דעם וועג. אין „תוך־ייִדישקייט״ האָב איך גערעדט גאַנץ קלאָר וועגן אַזאַ מעגלעכקייט און אויסגעשטעלט אָנווייזונגען פאַר אַזעלכע מנינים. אין דער בראָשור „דער גורל פון די ייִדישיסטישע שולן״, האָב איך גערעדט באריכות וועגן אַזעלכע קהילות. איך האָב אַפילו פאַר זיי אָנגעגרייט אַ נאָמען: „אנשי־ייִדישקייט״.

ווידער אָן אָבער: איך האָב נישט געפונען קיין ניין ייִדן צו מיר, וואָס זאָלן אויסהאַלטן אַ לענגערע צייט. זיי זענען, נאָך נישט קיין צו לאַנגע שהיות, אַוועק־ געגאַנגען. זיי זענען אַוועק אָדער אין־ערגעץ־נישט, אַניט אין אַ שול נאָענט צו זיי; אַ מאָל אַן אָרטאָדאָקסישער אַמאָל אין אַ קאָנסערוואַטיווער שול, אָן אַ סעלעקציע.

איך פאַרשטיי איצט, אַז עס איז געווען צו־פרי, און עס איז נאָך אַלץ צו־פרי. פאַר אַזעלכע מנינים. אונדזער דור איז נאָך נישט געקומען אַפילו צו אַ הסכמה פון דעם כביכולס בנימצאדיקייט. אַזאַ דור קאָן אָפּהיטן, לפנים, מצוות צוליב קיום האומה, אָדער לשם טראַדיציע. אָבער ער קאָן אויף זיך נישט נעמען דעם יאָך פון מצוות צוליב דעם, ווייל דאָס איז דער וועג, וואָס פירט דעם מענטשן צו דער־ נענטערן זיך צו גאָט, צו דער אַבסאָלוטער רעאַליטעט, אַ וועג, וואָס זאָל אים דער־ פירן צו אַ באַרירונג מיטן אין־סוף, וואָס גיט אַ זינען צום לעבן און אַ באַטייט צו פירן אַ ייִדיש לעבן. אונדזער דור האָט געוויסע אָבערגלויבנס, אָבער אמונה, ווי אַ וויטאַלער און דינאַמישער פאַקטאָר, איז אינגאַנצן אויסער זיין מהות. ער טראַכט אַפילו נישט וועגן דעם.

פאַרפאַלן! מיר, די איצטיקע גאָט־זוכערס, וועלן דערפאַר זיך מוזן באַנוגע־

נען מיט דער באַשײדענער ראָלע פון אָפּרײניקן אַ װעג פאַר די קומענדיקע דורות, אַז זײ זאָלן קאָנען שאַפן אַן אײגנאַרטיק ייִדיש לעבן, װי זײ זענען. אמת, טאָקע דערפאַר קוקן מיר אױס אָפּט חוזק, נישט נאָר אין די אױגן פון אַנדערע, נאָר אין די אײגענע אױגן. אָבער דאָס איז דער גורל פון נישט קאָנפאָרמיסטן און זוכער.

ער: „דו װײסט? אין אונדזערע שמועסן זענען פאַראַן אַ סך איבערחזרונגען, אָבער פאַרריכט נישט דעם כתב־יד. זאָל דער, װאָס װעט לײענען, דערפילן עפּעס פון דײן גערעַנגל און פּײַן. מיר איז שװער צו שײדן זיך מיט דיר נאָך פיר יאָר שמועסן. דו האָסט איבערגעלעבט שװערע פיר יאָר. אָבער דו קאָנסט געפינען אַ טרײסט אין דער דאָזיקער אַרבעט, װאָס דו גיסט אונדזערע ייִדן. זאָל דײן תמיד זײן אַזױ ליכטיק װי דער הײנטיקער נאָכמיטאָג. יאָ, איך װעל דיך נישט פאַר־לאָזן.

חשון תשי״ז — תשרי תשכ״א; אָקט. 1957 — אָקט. 1961.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

# פנים אל פנים מיטן טויט

(אַ מתנה מיין חבר ד״ר עזריאל נאַקס)

עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ פּראָסטער פאַרקילונג איך האָב זיך אַוועקגע־לייגט אין בעט מאָנטיק און פרייטיק האָב איך שוין נישט געהאַט קיין היץ. איך בין אַראָפּ פון בעט און זיך געגרייט צו גיין צו דער אַרבעט מאָנטיק. זונטיק איז די שטוב געווען פול מיט באַזוכער: חברים, תלמידים, פריינט און קרובים. מיך האָט פאַרדראָסן, פאַרוואָס איך האָב זונטיק נישט געלערנט מיט דער תנ״ך־חברה, וואָס איך פיר אָן. איך האָב זיך געטאַדלט און געשטראָפט און זיך געגעסן מיט פאַרדראָס. אָבער איך האָב נישט געוואָלט מצער זיין לאהן, מיין פרוי, וואָס האָט זיך געבייזערט, אַז איך גיב נישט אַכטונג גענוג אויף זיך.

אַ גאַנצן טאָג איז אין שטוב געשטאַנען אַ טומל. די טיר האָט זיך נישט צו־געמאַכט אויף קיין רגע. דער איז געקומען און יענער איז אַוועק. מיין פרוי האָט געהאַלטן אין איין דערלאַנגען כיבוד און איך, ווי אַלע מאָל צווישן מענטשן, האָב גערעדט, דיסקוטירט און אייַנגעטענהט. און אַלץ אויפן קול און מיט אימפעט. אין אָוונט, נאָך דעם ווי די געסט זענען זיך צעגאַנגען, האָב איך זיך געפילט מיד. איך בין געגאַנגען שלאָפן פרי. מיין פרוי, ווי אַלע פרויען איבער גאָר דער וועלט, האָט געזאָגט מוסר איר מאַן:

„אַ גאַנצע וואָך האָסטו געהאַט היץ און שוין ביסטו אַראָפּגעשפרונגען פון בעט און זיך אָנגעהויבן קאָכן. הלוואי זאָל עס דיר אָפּגיין גלאַט״.

איך בין געווען צו מיד צו פאַרענטפערן זיך און איינשטילן איר גערעכטן בייזער.

פאַרטאָג האָט מיך אויפגעוועקט אַ מאָדנע שטעכעניש אין דער רעכטער זייט. איך האָב זיך געפּרובירט אויפהייבן און זיך איבערקערן אויף דער אַנדערער זייט און נישט געקענט. איך בין געלעגן מיט וואַכע אויגן און געקוקט אויף דעם שלאָף־צימער, וווּ איך בין געשלאָפן עטלעכע און דרייסיק יאָר און נישט דערקענט די ווענט. דער גאַס־לאָמפּ האָט ווי אַלע מאָל אַריינגעלויכטן און אַרויפגעשיינט אויף דער מערב־וואַנט, וווּ עס איז געהאַנגען אַ בילד — שטיל לעבן. די וואַנט קאָן איך אַלע מאָל דערלאַנגען, ליגנדיק אין בעט, מיט דער האַנט, און איצט איז דאָס בילד

עפּעס געהאנגען אויף אַ ווייטער וואַנט, וואָס האָט זיך געוויגט. דאָס צופוסנס ברעטל פון בעט איז אויך געווען אַ מייל ווייט אָפּגערוקט פון מיר. דאָס גאַנצע הויז האָט זיך געוויגט.

איך בין געלעגן און מורא געהאַט אַ הייב צו טאָן אַ האַנט. יעדער ריר פון גוף האָט געבראַכט אַ נאָדל־שטעכעניש אין זייט. אַפילו ווען איך בין געלעגן רויק, איז מיר געווען שווער און ווייטיקדיק צו אָטעמען. מיט יעדער מינוט איז מיר ערגער געוואָרן. אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַשלאָגן פון די שפּיץ־פינגער ביז די האָר־וואָרצלען פון קאָפּ.

מיר דוכט זיך, אַז איך האָב זיך אָנגעשטרענגט און אָנגערירט מיט דער האַנט מיין פרוי אין דעם דערבייאיקן בעט און זי אויפגעוועקט. איך געדענק ווי מיין פרוי איז געשטאַנען איבער מיר און גערעדט צו מיר און איך האָב בשום אופן נישט געקאָנט אויפכאַפּן אירע רייד. עס איז מיך באַפאַלן אַ גרויס שוואַכקייט און איך בין פאַרזונקען אין אַ פאַרטוּיבטקייט און אין אַ טיפן שלאָף, אַ שלאָף פון באַוווּסטלאָזיקייט. עס איז געווען אַ מאָדנער שלאָף — איך האָב אין אים נישט פאַרגעסן מיינע חולשות און איך האָב געפילט ווי אַלע מיינע אברים זענען שווער און ווייטיקדיק. אין מיין באַוווּסטלאָזיקייט האָב איך אויך געהערט מיין אָטעמען. איך האָב געאָטעמט מיט אַ כריפּ און אַ פּייף. איך האָב ממש געפילט ווי יעדער לופט־זעקעלע אין מיינע לונגען בלעזלט זיך מיט מיין אַריינאָטעמען און אַרויס־אָטעמען. דער גאַנצער ברוסטקאַסטן איז מיר געווען פאַרשטאָפּט, פאַרלייגט מיט אַ שווערער משא.

איך האָב געעפנט די אויגן. עס איז געווען העלער טאָג. ניין, עס האָט שוין געמוזט זיין שפּעט אין פרימאָרגן. איך האָב עס אויסגערעכנט נאָך דער העלקייט פון דער וואַנט אויף דעם קעגנאיבערדיקן הויז. לעבן מיין בעט איז געשטאַנען מיין נאָענטער חבר, מיין הויז־דאָקטאָר, ד״ר אשר לייפּסאָן, אַ פאַרזאָרגטער און אַ צעטראָגענער. זיין רענצל איז געשטאַנען אָן אָפענער אויף דעם דערבייאיקן בעט פון מיין ווייב. ער האָט גערעדט שטיל צו מיין לאהן:

„עס איז מיר נישט אינגאַנצן קלאָר וואָס עס איז געשען. אפשר אַ האַרץ־אַטאַקע און אפשר אַ בלוט־שטורץ אין דער רעכטער לונג. מען מוז אים אָפּפירן אין שפּיטאָל, ווו איך וועל קענען מאַכן אַלע נייטיקע טעסטן”.

מיין פרוי האָט זיך געקילט דאָס האַרץ מיט געפינען דעם שולדיקן:

„עס איז דאָך געווען נישט מער ווי אַ פאַרקילונג. אָבער, אַז אַ מענטש האָט נישט קיין רחמנות אויף זיך, קאָן אַלץ טרעפן. איר האָט געדאַרפט זען, וואָס ער האָט נעכטן אָפּגעטאָן. די שטוב איז געגאַנגען אויף רעדלעך. עס איז געקומען אַ פול הויז אים מבקר חולה זיין און מיט יעדן איינעם האָט ער איינגעטענהט און זיך אויסגעטענהט און רעדן רעדט ער אַלע מאָל מיט האַרץ און מיט אימפּעט.

אין אָוונט איז ער געבליבן אַ דערשעפּטער. אַ וווּנדער, אַ וווּנדער וואָס ער איז ווידער קראַנק געוואָרן?".

ד"ר לייפּסאָן האָט איר עפּעס געענטפערט. אָבער איך האָב זיך נישט גע־קאָנט פאַנאַנדערקלייבן אין זיינע רייד. איך בין געקומען צו זיך, ווען צוויי מענטשן זענען געשטאַנען איבער מיר און מיך איינגעוויקלט אין אַ קאָלדרע. איך האָב געפרעגט:

„וואָס טוען זיי מיט מיר?".

ד"ר לייפּסאָן האָט מיך בארוּיִקט:

„עפּעס איז געשען מיט דיר. אַקוראַט ווייס איך נישט. מיר נעמען דיך אין שפּיטאָל. אין אַן אַמבולאַנס".

איך האָב געענטפערט צערייצט:

„אַזוי גאָר? אָן אַ קבלת־קנין, אָן אַ קנסמאָל און שוין אַ חתונה".

דער דאָקטער האָט געענטפערט גערולדיק:

„ליג רוּיִק, רעד נישט, פּרוביר זיי נישט העלפן. עס איז נישטאָ וואָס צו...".

מער האָב איך נישט געהערט. ווען איך האָב געעפנט די אויגן, בין איך גע־לעגן אין אַמבולאַנס. די טיר האָט זיך פאַרמאַכט און איך בין געבליבן מיט איינעם פון די באַדינער. און דעמאָלט איז עס געשען. איך האָב געזען ווי איך אַליין שטיי איבער זיך. איך בין געלעגן איינגעקוטעט אין דער קאָלדרע, אָבער דער איך, וואָס איז געשטאַנען איבער מיר, איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אַנצוג ווי אַלע מאָל, ווען איך בין גרייט צו דער אַרבעט.

איך ליג אויפן בעטל, אָבער איך שטיי אויך אין אַמבולאַנס און זע ווי די שכנים מיינע האָבן זיך צונויפגעקליבן אין אַ רעדל. זיי רעדן שטיל און פאַר־זאָרגט.

מיין פרוי איז אַרויס פון שטוב מיט אַ רענצל און דריי ביכער. זי האָט אי־בערגעגעבן די דריי ביכער דעם טרייבער פון אַמבולאַנס. איך ווייס וואָס די דריי ביכער זענען: איין בוך אויף ענגליש אַרנאָלד טאָינביס „אַ היסטאָריקערס צוגאַנג צו רעליגיע", צוויי העברעיִשע ספרים: דער זיבעטער באַנד פון „תולדות האמונה הישראלית" פון יחזקאל קויפמאַן און אַ תנ"ך אין איין באַנד. ווער האָט אויסגעקליבן די דריי ביכער? וווּנדער איך זיך. מיין פרוי גייט אַריין אין איר אויטאָמאָביל און דער אַמבולאַנס לאָזט זיך אין וועג.

מיר פאָרן פאַרביי דעם ראָג, וווּ עס געפינט זיך מיין קאַבינעט. איך שטיי אַליין אין אַמבולאַנס און זע די שילדלעך אויף די פענצטער. מיין שותּף איז פאַר־שמייעט און די „נוירסעס" העלפן אים אַרויס. די סירענע פון אַמבולאַנס בלאָזט הויך, כדי דורכצוגיין דאָס רויטע ליכט. עס פליט מיר דורך אין קאָפּ אַ געדאַנק: דער אַמבולאַנס פאָרט פאַרביי אַפילו אַ רויט ליכט. איך מוז מסתמא זיין גוט

קראַנק. מסוכן קראַנק. וועל איך צוריקקומען פון שפּיטאָל? איך טו אַ לאַך צו זיך און חזר איבער מיינע רייד צום דאָקטאָר:

„אָן אַ קבלת קנין, אָן אַ קנס־מאָל און שוין אַ חתונה!״.

עס געפעלט מיר דאָסווערטל. אָבער באַלד בייזערט זיך ער־איך אויף מיר.

„ווייצלסט זיך. עס קען דאָך טאַקע זיין אַז דו זאָלסט שטאַרבן...״.

איך טו אַ מאַך מיט דער האַנט, וואָס איז איינגעוויקלט אין דער קאָלדרע און וואָס קאָן זיך נישט רירן:

„נאַרישקייטן. איך האַלט דאָך ערשט אין מיטן „צווייגן״. ווער וועט עס פאַר־ענדיקן? שטותים. ס׳איז דאָ אַ סדר און אַ חשבון אין דער וועלט. דו רעדסט שטו־תים״.

דער וואָס שטייט איבער מיר ענטפערט גזלניש רויק:

„אַזוי? עס איז דאָ אַ סדר און אַ רעכענונג אין דער וועלט? ביסט אַ בעל־גאווה, דו און דיין „צווייגן״ זענען אַפילו קיין פּינטעלע אין קאָסמאָס. עס קאָן יאָ געמאָלט זיין דו זאָלסט שטאַרבן. מיט וועמען ווילסטו זיך אויסטענהן? עס איז נישטאָ מיט וועמען״.

איך ווער באמת אין כעס:

„גרויסער חכם מיינער, ביסט זיכער, אַז לית דין ולית דיין? און איך וויס, אַז ס׳איז יאָ דאָ ביי וועמען צו מאָנען און צו וועמען צו טענהן. עס קען נישט גע־מאָלט זיין, אַז איך זאָל איצט שטאַרבן. עס איז נישט מער ווי אַ שפּיל גאָר, אַ חלום״.

„אַ שיינע שפּיל און אַ פיינער חלום, ענטפערט דער, וואָס שטייט איבער מיר. הערסט ווי דו אָטעמסט? מיט אַ כריפּ און אַ פּייף און אַ שענערן פון דיר מינטערט מען מיט חלשות־טראָפּן און רייבן די שלייפן״.

איך וויל אים ענטפערן, אָבער דער ווייטיק ווערט אַזוי שטאַרק, אַז איך פאַל ווידער אַריין אין אַ פאַרטויבטקייט און אַ באַוווסטלאָזיקייט. איך האָב נישט גע־הערט ווי דער אַמבולאַנס האָט זיך אָפּגעשטעלט און ווי מען האָט מיך געבראַכט אין שפּיטאָל און אַוועקגעלייגט אין בעט. אַ בלאַנק.

***

איך עפן די אויגן. איך ליג ווי אַ מאַנאַרך, אַליין אין אַ גרויס צימער, אין אַ ברייט בעט. אַרום מיר שטייט אַ קניפּל דאָקטוירים. חוץ די דאָקטוירים שטייט ער ביי מיר צוקאָפּנס, ער — — איך, אָנגעטאָן ווי איך גיי צו דער אַרבעט.

אַלע דאָקטוירים אַרום מיר זענען יונג, ערשט פון נאָדל אַרויס. צווישן זיי איז אָבער אויך מיין דאָקטער און איינער אַן עלטערער — עלטער פון מיר. ער פאָרעט זיך אַרום מיר, באַטאַפּט מיך ווי גרויס איך בין און דערנאָך נעמט ער זיך צו זיין סטעטאָסקאָפּ און הייבט אָן זיך צוהערן צו מיין אָטעמען און האַרץ־

קלאַפּן. ער טוט זיין אַרבעט אַן איילעניש און מעטאָדיש ווי אַ מומחה. איך באַמערק צו דעם וואָס שטייט איבער מיר:

„באַטראַכט גוט דעם אַלטן. זע ווי ער איז פאַרטאָן אין צוהערן זיך צו דער קאַפּעליע אין מיין ברוסט. ער איז אַזוי פאַרטיפט אין זיין צוהערן זיך, אַז ער כאַפּט דעם אַנבליק פון דעם הירשעלע „באַמבי" — ווייסט דאָך, דער העלד פון קינדער־ביכל „באַמבי". מיט אַזאַ אַנגעשטרענגטן פּנים איז דאָס הירשל געשטאַנען, די אויערן אָנגעשפּיצט און זיך צוגעהערט צום שאָס פון יעגער. וואָס פאַר אַ רויש וויל אויפכאַפּן דער דאָזיקער דאָקטאָר?".

דער וואָס שטייט איבער מיר, ברוגזט זיך אָן:

„וואָס חכמהסטו זיך? ביסט מסוכן קראַנק".

„האַלטסט מיך אין איין שרעקן" — ענטפער איך.

„הער זיך בעסער צו, וואָס ער זאָגט, ענטפערט מיין געשטאַלט.

דער עלטערער דאָקטער נעמט אַרויס די צוויי געהער־קישקעלעך פון די אויערן און גיט איבער דעם סטעטאָסקאָפּ צו אַ געהילף און זאָגט:

„עס איז קלאָר — ער האָט אַ בלוט־שטורץ אין רעכטן לונג. דאָס איז זיכער. אָבער מען דאַרף זיך ריכטן, אַז דאָס האַרץ זאָל אָנגעגריפן ווערן און דערצו האָט ער אַ פאַרגרעסערטע לעבער. ווער ווייס, וואָס עס טוט זיך דאָרטן. איצט דאַרף מען אים אימאָביליזירן (מאַכן מיך אומבאַוועגלעך, אַזאַ מעדיצינישער פּראָצעס) און אים באַהאַנדלען סימפּטאָמאַטיש".

מיין חבר דער דאָקטער האָט זיך אָנגערופן:

„אָבער דאָקטאָר סנעפּער, וואָס איז די פּראָגנאָזע?".

איך צעשמייכל זיך: „דאָס איז דער באַרימטער דאָקטער סנעפּער, וואָס די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט אים אויסגעקויפט פון געפאַנגענשאַפט, אים אויס־געביטן אויף פינף גענעראַלן? סנעפּער — אַ ריינער יידישער נאָמען. עס נעמט זיך פון העברעיִשן וואָרט סנפיר".

באַלד קומען מיר אַרויף פּסוקים אויפן צונג און איך רעד צו זיך: „כל אשר לו סנפיר וקשקשת במים ובנחלים אותם תאכלו — אַלע זאַכן אין וואַסער, וואָס האָבן פלוס־פעדערן און שופּן מעגט איר עסן...".

מיין געשטאַלט רעדט צו מיר ווידער רוגזהדיק:

„וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן ליגן דיר אין זינען? בעסער הער זיך צו, וואָס דער אַלטער זאָגט".

איך הער ווי דער אַלטער ספּעציאַליסט רעדט צו מיין דאָקטאָר:

„די פּראָגנאָזע ווייסט איר אַזוי גוט ווי איך. אַ קליינער פּראָצענט קאָן ביי־קומען די חולאת. אָבער מיט דייקומעראַל איז דער פּראָצענט גרעסער. מיר גע־פעלט נישט אייער צעטראָגנקייט. מען טאָר נישט היילן קיין נאָענטע חברים. עס

ווערט אַ צו פּערזענלעכער ענין. האַלט אים אומבאַוועגלעך. גרייט אַן אַקסידזשען. ווען די ווייטיקן באַפאַלן אים, גיט אים דעמאַראַל און זאָגט תהילים. איך גיב אים איינס צו צען עס איבערקומען.

„דו הערסט?" — האָט מיין געשטאַלט מיך אַ טאַרקע געטאָן.

איך האָב זיך אַ קרים געטאָן פון ווייטיק און אים געענטפערט:

„זאָגט ער!... רעדט ער!... איך וועל בלייבן לעבן. איר אַלע האַלטן מיך אין איין שרעקן. איך וועל, זאָג איך דיר, פאַרענדיקן „צווייגן".

דער ווייטיק אין ברוסט ווערט שטאַרקער און איך קען מער נישט רעדן צו מיין געשטאַלט. דאָס צימער הייבט זיך אָן וויגן. איך זע אַ יונגער דאָקטאָר פאַרעט זיך אַרום מיר.

***

איך עפן די אויגן. דורך דעם פענצטער, וואָס איז צו מיין רעכטער זייט, שיינט אַריין דאָס ליכט פון אַ גאַס־לאָמפּ. קענטיק עס איז אָוונט אָדער נאַכט. איך קוק זיך אַרום. אַ נוירס שטייט לעבן מיר. איך קען זי נישט. מיין לאה זיצט אַ פאַרטרויערטע אויף אַ שטול אַנטקעגן דעם בעט.

„איך בין שוין דאָ לאַנג, לאהקע?".

זי טוט זיך אַ צאַפּל פון איבערראַשונג, גייט צו צו מיר און לייגט אַרויף די האַנט אויף מיין שטערן:

„ווי פילסטו?"

„נישט שלעכט. אָבער די דאָקטוירים, געדענק איך, האָבן מיך געהאַלטן פאַר אַ חולה מסוכן. ווי לאַנג בין איך שוין קראַנק?".

„שוין די דריטע וואָך".

„ווו זענען די קינדער?"

„זיי קומען דיך זען אַלע טאָג. יהודית און מרים צוויי מאָל אַ טאָג. דוד קומט אַלע טאָג. ער דאַרף דאָ באַלד זיין. עס איז שוין אַרום אַכט דער זייגער".

אירע ליפּן ציטערן און זי האַלט זיך איין נישט צו וויינען. איך ווער אויפגערעגט:

„וויין נישט. הער זיך נישט צו, וואָס די דאָקטוירים פּלאַפּלען. איך וועל נישט שטאַרבן. איך זאָג עס דיר צו".

איך ווייס, אַז מיינע רייד וועלן זי נישט באַרויקן און דאָס, וואָס איך וויל איר זאָגן, וועט זי זיכער איבערשרעקן. אָבער איך מוז עס איר זאָגן. אין דער מינוט קומט אָן מיין זון.

„ער האָט מיך דערקענט", זאָגט אים מיין פרוי מיט פרייד, און הייבט אָן וויינען.

איך ווער מער אומרויִק און איך ווייס, אַז דאָס וואָס איך וועל איר זאָגן, וועט נאָך מער זי דערשרעקן. איך וויל הייסן מיין זון זי אַרויספירן פון צימער און איך זאָל צו אים קענען רעדן אויג אויף אויג. אָבער איך פיל, אַז עס וועט זיין פאַר מיר צופיל אָנשטרענגונג. פלאַץ איך אַרויס אויף גיך, אויף גיך:

„הערט, ראַיע (מיין שנור וואָס איז אַ יוריסטקע) האָט מיין צוואה, וואָס איך זאָג אָן ווי מען זאָל זיך אויפפירן אויף מיין לוויה. הייסט איר, אַז זי זאָל איבערשיקן די צוואה צו ד"ר ע. ג. איר וועט דאָך זיין צעטומלט פון טרויער. געדענקט וואָס איך זאָג אייך אָן. זאָל מיין לוויה נישט זיין קיין חוכא וטלולא".

איך זע, ווי דורך אַ חלום, אַז מיין פרוי צעהעשעט זיך. איך שטרעק אויס מיין האַנט זי אָנרירן. איך געדענק נישט, צי איך האָב עס אויסגעפירט. אָבער איך געדענק, אַז איך האָב זיך צעשמייכלט און פאַרמאַכט די אויגן. דאָס צימער וויגט זיך. איך שטרענג זיך אָן צו עפענען די אויגן. איך זע גאָרנישט.

***

עס איז מיר קאַלט, משונהדיק קאַלט. איך בין אין אַ טאָל. איך בין אָנגעטאָן אין פּידזשאַמעס, וואָס זענען אויף מיר פּיטש נאַס און עס טרייסלט מיך אַ צאָן אָן אַ צאָן. אַ ווייסטער טאָל. עס קומט מיר אויף די ליפּן אַ פּסוק — גם כי אלך בגיא צלמות — אַפילו ווען איך גיי אין דעם טאָל פון טויט־שאָטן...

ער איז לעבן מיר. איך זע אים קלאָר. איך בין אַ צווייענדיקער איך. איך וואונדער זיך נישט. איך האָב דאָס שוין פריִער געזען. און וואָס האָב איך זיך וואָס צו שרעקן פאַר זיך אַליין? ביי מיר איז אויך נאַטירלעך, וואָס איך פיר מיט אים אַ שמועס. איך זאָג צו אים:

„זעסט דעם טאָל? אַ מאָדנער ווייסטער טאָל. אַ וויסטעניש פול מיט שניידנדיקע שאַרפע שפּיציקע גראָזן און קוסטעס מיט בערעלעך און שטעכיקע דערנער. עס בלאָזט אַ ווינט. אַ צפון ווינט. עס איז מיר קאַלט. זאָג מיר, ווער האָט עס מיך איבערגעלאָזן, איך זאָל גיין אין קעלט און ווינט אַ האַלב אָנגעטאָנענער? און וואָס טו איך אין דעם דאָזיקן גיא צלמות — אינעם טאָל פול מיט טויט־שאָטנס?"

„עס איז אַ קאָשמאַר־חלום", ענטפערט מיר די געשטאַלט. „אַ נייעס איז ביי דיר אַ קאָשמאַר־חלום? דער טאָל האָט אָנגענומען די געשטאַלט פון די צוויי ווער־טער פון תהילים און אויך פון דער שילדערונג פון דעם טויטן טאָל אין בוך — „פּילגרימס פּראָגרעס" פון באַניען".

„ביסט אַ שוטה", ענטפער איך, „איך קען גוט מיינע קאָשמאַר־חלומות. אַלע מאָל חלומט זיך מיר, אַז איך גיי איבער די קנעכלעך אין דיקער, געלער ליימיקער בלאָטע און עס יאָגן זיך נאָך מיר הינט מלאכי־חבלה. ווייס איך דאָך, אַז אומ־ריינקייטן מיינט זינד — אַ שרעק פאַר זינד — בגדים צואים אין תנ"ך. אָט ווי די

בגדים צואים — די אומריינע, שמוציקע קליידער, וואָס יהושע דער כוהן גדול האָט געטראָגן, אין ספר זכריה. אָבער דאָ איז דער באָדן טרוקן און עס איז מיר קאַלט. שניידנדיקע גראָזן, קוסטעס מיט בערעלעך, דערנעבער און איך דאַרף גיין. אין ווינט און אין קעלט אַ האַלבער אָנגעטאָנענער — און איך דאַרף גיין. דו זעסט דעם מהלך? אַזש ביזן באַרג אַרויף. איך קען זיך נישט אָפּשטעלן און עס איז מיר קאַלט, קאַלט, עס קלאַפּט מיר אַ צאָן אָן אַ צאָן״.

„האַלוצינאַציעס״ — זאָגט מיין געשטאַלט. „דו ביסט אין שפּיטאָל, ביסט מסוכן קראַנק. האָסט הויכן פיבער. דער טאָל, וואָס דו זעסט, איז אַ האַלוצינאַציע, וואָס איז אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם פינצטערן טאָל פון „פּילגרימס פּראָגרעס״. דער עולה רגלניק אין באַניענס בוך גייט צום יום־הדין און ער מאַכט דורך אַ סך נסיונות. געדענקסט?

„האָסט זיך דערמאָנט אָן אַ ביכל, וואָס איך האָב געלייענט מיט קרוב פערציק יאָר צוריק. איך געדענק שוין נישט די מעשה אַפילו, נאָר דער נאָמען פון בוך איז געבליבן. ניין, עס איז דאָ אַ מיין אין מיין גאַנג. זעסט, איך גיי און איך גיי און קען זיך נישט אָפּשטעלן. איך שלאָג זיך אַרויס פון די כוחות און איך גיי ווייטער, און עס איז מיר קאַלט. עס דראַזשען מיר דיביינער. דער אינגעווייד איז ביי מיר פאַרגליווערט. ווען איך וואָלט געקענט זיך צולייגן, זיך אָפּרוען. אָבער איך מוז גיין און דער גאַנג איז מיר שווער. איך מוז אָבער דערגרייכן יענעם שפּיץ באַרג״.

„עס זענען פאַרט נישט מער ווי האַלוצינאַציעס, דו ליגסט איצט אין שפּיטאָל אין בעט. עס איז ביי דיר אַן אומבאַוווסטזיניקע שרעק פאַרן טויט און אַ שרעק פאַרן יום־הדין נאָכן טויט.

„איך שרעק זיך נישט״, האָב איך געענטפערט מיט עקשנות. „איך שרעק זיך נישט פאַרן טויט און האָב נישט קיין מורא פאַרן יום־הדין. איך ווייס, אַז איך וועל נישט שטאַרבן. אָבער איך האָב אָנגעזאָגט לאהקען און דודן, אַז זיי זאָלן אַריבערשיקן מיין צוואה צו ע. ב., דאָס האָב איך דיר־זיך געוויזלט ווייזן, אַז איך האָב נישט קיין מורא פאַרן טויט און שרעק זיך נישט פאַר מיין נישט־פרומקייט. מיין צוואה גייט נישט נאָך דעם „מעבר יבוק״. און דעם יום־הדין? ניין, מאַכסט אַ טעות. ראשית שטעלסטו זיך פאַר, אַז מלכותא דרקיעא כעין מלכותא דארעאָ (די הימלישע מלוכה איז אַ נאָכמאַך פון דער ערדישער מלוכה), וואָס איז קינדיש. אָבער דער עיקר איז, וואָס איך בין קיינמאָל נישט געוווען להוט רייך צו ווערן. איך האָב געלעבט, מיין איך, מיין גאַנץ לעבן לויט מיין שיטה און לויט מיינע יכולתן צו טאָן, וואָס איז גוט און וואָס איז רעכט. נו, האָב איך נישט קיין סך מצוות, וועט מען מיך נישט אַוועקזעצן צווישן די גרויסע גבירים דאָרטן. איך שטעל זיך פאָר, אַז די צדיקים און די גאונים זענען דאָרטן אמתע מיליאָנערן. אַזוי פיל געדאַוונט און אַזוי פיל ברכות געמאַכט, עשירים אדירים זענען זיי דאָרטן. איך האָב זיך דאָ

נישט געזאָגט נאָך עשירות און איך זוך נישט דאָרטן קיין מאַיאָנטקעס. דאָס איז אַ תשובה אויף דיין אַנטראָפּאָמאָרפיזם. איצט שטער מיר נישט. לאָז מיך גיין צום באַרג. ס'איז מיר שווער צו גיין און ס'איז מיר קאַלט און דו עגבערסט מיר אָן אויער".

ער לאָזט מיך אָבער נישט אָפּ.

„זעסטו צו וועמען דו גייסט?"

„איך באַנעם אים מיטן שכל".

„אָבער דו פילסט נישט זיין נאָענטקייט?"

„ניין".

„איז דאָס דאָך נישט מער ווי אַן אילוזיע".

„ניין, איך ווייס, אַז ער איז דאָ".

„אויסגעטראַכט?".

„ניין, זיך דערטראַכט".

„ס'איז ביי דיר אַן אויסדוכטעניש".

„ניין, אַ שכלדיקער מוז".

„דיין קראַנקייט האָט פאַרשאַרפט דיין פאַנטאַזיע און דיין שרעק האָט ראַציאָנאַליזירט דיין אויסדוכטעניש".

„ניין, מאַכסט אַ טעות. איך האָב שוין דיר דערקלערט, אַז איך האָב זיך נישט דערשראָקן פון מיין וויסן, אַז ער איז דאָ, האָב איך איצט נישט אויסגעטראַכט. איך האָב עס אַלעמאָל געוווסט און געגלייבט און אויך איצט ווייס איך און גלייב, אַז מען ד אַ ר ף זיך נישט שרעקן פאַר אים און מען ט אָ ר זיך נישט שרעקן פאַר אים".

מיין געשטאַלט האָט אַ שמייכל געטאָן:

„איך האָב דיך געוואָלט נאָר אויספּרובירן. האָסט בייגעשטאַנען דעם נסיון, ביסט געראַכט, ווערסט ניט שטאַרבן".

די רייד פון מיין געשטאַלט מאַכט מיר גרינגער דאָס גיין. איך זאָג:

„גוט, שטיל, לאָמיר גיין. אָט באַלד וועל איך דערגיין צום שפּיץ באַרג. איך לייג זיך דאָרטן אַוועק און גיי נישט ווייטער. אויב דער באַרג שטייט אויפן ראַנד פון אַ תהום, וועלן זיי מיך דאַרפן אַראָפּשטופּן. איך וועל ווייטער פון שפּיץ באַרג נישט גיין".

מאָדנע, פלוצלינג בין איך שוין אויפן שפּיץ באַרג. איך צי זיך אויס ווי גרויס איך בין און אָטעם שווער ווי איינער וואָס האָט געטראָגן אַ שווערע משא. איך האַלט די אויגן פאַרמאַכט און גראָב זיך איין מיט די שפּיץ פינגער אין דער פייכטער ערד. די ערד איז וואַרעם אונטער מיין גוף. מיין אָטעמען ווערט לייכטער. איך עפן די אויגן און טו אַ קוק, וואָס עס טוט זיך אויף יענער זייט באַרג

— ניין, ס׳איז דאָרטן נישט קיין תהום. איך זע אַ ברייט, גרין פעלד באַשפּרענקלט מיט געלע בלימעלעך. ביים ראַנד פון באַרג שטייט אַן עפּל־בוים אין בלי. די פּע־טאַלן פון די בל:עכץ פאַלן אויף מיין פּנים. ס׳איז מיר וואַרעם און דער ריח פון דעם בל:עכץ שמעקט מיט פרילינג און מונטערקייט. די פּעטאַלן קיצלען מיין פּנים. איך הייב אויף די האַנט. זי איז גרינג און זי דינט מיר. איך קען זי באַוועגן. איך שאַר אַראָפּ די פּעטאַלן פון פּנים. איך עפן די אויגן.

האַרט לעבן־בעט אויף אַ טיש איז געשטאַנען אַ גרויסער בוקעט בלומען. די רויט־געלבלעכע פּעטאַלן זענען צעשפּרייט איבער מיין גאַנצער קאָלדרע. אויפן ווייכן שטול, מיר אַנטקעגן, איז געזעסן אַ „נוירס״. אַ מישלינג פון אַן אינדיאַ־נערקע און נעגערין, אַ פאַרכאַפּנדיקע שיינהייט — די הויט פון פּנים טונקל בראַנז. די ליפּן דינע, די נאָז אַ שאַרפע און אַ סימעטרישע. דאָס מויל קליין און די אָרעמס אויך פון אַ טיף בראַנז קאָליר. אין די קורצע ווייסע אַרבל האָבן זיי אויסגעזען ווי אויסגראַווירטע פון אַ גרויסן סקולפּטאָר. איך האָב אַ זאָג געטאָן:

„פון וואַנען ביסטו אַראָפּגעפאַלן?״.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט ראַפּטאָם, מיר אַריינגעקוקט אין די אויגן:

„איר זעט מיך קלאָר?״.

„וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן רעדט איר. די אויגן אייערע זענען ברוינע, די הענט אויסגעשניצטע און אויף דער רעכטער באַק האָט איר אַ „שיינקייט פלאַס־טערל״ די באַקן אייערע זענען פּוקלע און אייער פּערפיום איז אַ חיות, צעגייט אין אַלע אברים און דער האַלדז האָט אַלע חנען״.

זי האָט זיך פרום איבערגעצלמט.

„געבענטשט איז גאָט. איר זענט געקומען צו זיך. פיר וואָכן זיץ איך דאָ, נאַכט־איין, נאַכט־אויס, און איר האָט מיך ביז איצט קיין מאָל נישט געזען. מיין נאָמען איז דאָראָטי.

„פיר וואָכן? וואָס פאַר אַ דאַטום איז היינט?״.

„דער צוויי און צוואַנציקסטער דעצעמבער. אָבער איך בעט אייך, רעדט נישט, ליגט רו:ק״.

זי האָט אָנגעהויבן פאַרען זיך אַרום און גערעדט אָן אַן אויפהער.

„איר זענט שוין פולע זיבן וואָכן אין שפּיטאָל. די גאַנצע צייט אויף דער קריטישער ליסטע. אָבער אַ דאַנקען גאָט, איר זייט געקומען צו זיך. איצט איז נאָר אַ פראַגע פון צייט. איך וואָלט געוועזן אַ בעלנטע צו טעלעפאָנירן אייער פרוי. אַ טייער, גינציק ווייב האָט איר. איך האָב נאָך אַזוינס נישט געזען. זי זיצט דאָ אויפן שטול פון זיבן אין דער פרי ביז עלף אין אָוונט. אָבער איך האָב מורא איר צו טעלעפאָנירן פיר אַ זייגער פאַרטאָג. זי וועט זיך דערשרעקן אויף טויט״.

זי האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

„איך האָב זיך צערעדט. איר זײַט פּיטש־נאַס און אָט האָט אייך געטרייסלט ווי אין מאַלאַריע". זי האָט אַ קוועטש געטאָן אַן עלעקטריש קנעפּל. נאָך אַ „נוירס" איז אַריין אין צימער. דאָראָטי האָט זיך צו איר אַ קער געטאָן:

„ער האָט מיך דערקענט. ער ליגט רויִק אָן וויײטיקן און ער האָט נישט געקראָגן קיין איינשפּריצונג פון דעמעראָל זינט פיר דעם זייגער. איך דאַרף אים איבערבייטן די וועש, אָבער איך האָב מורא אים איבערצולאָזן אַליין. ברענגט מיר אַריין פרישע וועש פאַר אים און צוויי ליילעכער".

איך טו אַ שמייכל צו איר און זאָג:

„ביסט אַ געטריי מיידל, אַ דאַנק. אָבער איך בין דאָרשטיק. מיין צונג איז טרוקן ווי פאַרדאַרטע גראָז".

דאָראָטי האָט אָנגעהויבן מיך איבערטאָן און גערעדט:

„רעדט נישט. ליגט רויִק. העלפט מיר נישט זיך איבערטאָן. איך וועל אייך באַלד ברענגען טיי".

איך פיל די פרישע וועש. ס'איז מיר וואַרעם און גוט. דער טיי האָט געהאַט אַלערליי טעמים. דער קאָפּ שווימט מיר אַביסל, אָבער איך אָטעם גרינג, כמעט אָן ווייטיק און שלאָף איין.

**
*

איך האָב געהאַט נאָך אַ לייכטע אַטאַקע. צוויי וואָכן שפּעטער זענען אויפגעקומען נייע קאָמפּליקאַציעס. מען האָט מיך געדאַרפט אָפּערירן. אָבער איך האָב שוין מער נישט פאַרלאָרן דעם באַוווסטזיין און איך בין מער נישט אַריינגעפאַלן אין אַ האַלב־באַוווסטזיניקן צושטאַנד. מיין צווייטער איך האָט זיך מער נישט באַוויזן צו מיר. איבערדערציילן מיין דערפאַרונג פון יענער צייט אין שפּיטאָל, וואָלט געווען אַן איבערחזרונג, וואָס אַ סך אַנדערע האָבן דערציילט און געשריבן.

תשרי, תשי״ט.

# ביבליאָגראַפיע

*The Theology of the Old Testament,* by Otto J. Boab.

*The Uses of the Past: Profiles of Former Societies,* by Herbert J. Muller.

*The Future of an Illusion,* by Sigmund Freud.

*A History of Western Philosophy,* by Bertrand Russell.

*Toward a Mature Faith,* by Erwin R. Goodenough.

*A Kierkegaard Anthology,* edited by Robert Bretall.

*An Historian's Approach to Religion,* by Arnold Toynbee.

ברוך שפינוזה — חייו, ספריו ושיטתו הפילוסופית — **מאת הלל צייטלין.**

בני עליה, ברוך שפינוזה — **מאת שמעון ברנפלד.**

עמודי המחשבה הישראלית, שני חלקים — **מאת שמחה בונם אורבאַך.**

תולדות האמונה הישראלית, ח׳ חלקים — **מאת יחזקאל קופמן.**

היסטוריה של הבית השני, ד׳ חלקים — **מאת יוסף קלוזנר.**

**דאָס איז נישט קיין ביבליאָגראַפיע פון אַלע ספרים און ביכער, וואָס איך האָב באַנוצט. איך דערמאָן אויך נישט קיין ערשטע מקורות. איך פאַרצייכן נאָר די ביכער, וואָס איך האָב אָפט גענומען פון זיי מיינונגען און השערות און איבערגעגעבן די טעקסטן אויף מיין אייגענעם אופן און דערפאַר נישט אַוועקגעשטעלט קיין קלאַמער־צייכנס.**

# דערשינענע ביכער פון שלמה סימאָן

## אין פאַרלאַג „מתנות" (ניו־יאָרק)

1) שמערל נאַר — — — — — — — — 1931 (דריי אויפלאַגעס)
2) דאָס קלוגע שניידערל — — — — 1933 (צוויי אויפלאַגעס)
3־4) קינדער־יאָרן פון ייִדישע שרייבער
בוך איינס — — — — — — — 1936
בוך צוויי — — — — — — — — 1945 (צוויי אויפלאַגעס)
5) ראָבערטס ווענטורעס — — — — — 1938
6) חומש פאַר קינדער — — — — — 1940
7) די העלדן פון כעלם — — — — — 1942
8) אין די טעג פון די נביאים — — — 1947
9) יהושע און שופטים — — — — — 1952

## אין פאַרלאַג „ייִדישע עטישע געזעלשאַפט„ (ניו־יאָרק)

10) ייִדן צווישן פעלקער — — — — — 1949

## אין פאַרלאַג „אונדזער בוך" (בוענאָס איירעס)

11) מדינת־ישראל און ארץ־ישראל — 1950

## אין פאַרלאַג „ייִדבוך" (בוענאָס איירעס)

12) אַמאָליקע ייִדן — — — — — — — — 1952
13) תוך־ייִדישקייט — — — — — — — 1954
14) וואָרצלען — — — — — — — — — 1956 (באַקומען די מרדכי סטאָלער פּרעמיע)
15) צווייגן — — — — — — — — — 1960
21) אויף אייגענע דרכים — — — — — 1962

## אין פאַרלאַג „קיום" (בוענאָס איירעס)

16) אין די טעג פון די ערשטע נביאים 1959 (באַקומען די קעסל־פּרעמיע)

## אין פאַרלאַג פון „אַלטער ראָזענטאַל־פאָנד" (בוענאָס איירעס)

17) חכמים, עקשנים און נאַראָנים — 1959

## איבערגעזעצט אין ענגליש

18) **The Wandering Beggar,** Behrman Book House — 1942 (פיר אויפלאַגעס)
19) **The Thise Men of Helm,** Behrman Book House — 1945 (פינף אויפלאַגעס)
20) **My Jewish Roots,** Jewish Publication Society — 1956

# אין פאַרלאַג „יִדבוך״ זענען ביז איצט דערשינען

1) י. ל. פרץ — דריי חסידישע דערציילונגען
2) ח. ש. קאַזדאַן — מעטאָדיק פון יִדישער שפּראַך און ליטעראַטור
(אויספאַרקויפט)
3) י. י. טרונק — בעלמער חכמים (אויספאַרקויפט)
4) שלמה סימאָן — אַמאָליקע יִדן (אויספאַרקויפט)
5) פּראָפ׳ ליבמאַן הערש — אויף דער גרעניץ פון צייטן
6) יצחק פּערלאָוו — אין אייגענעם לאַנד (אויספאַרקויפט)
7) י. י. טרונק — דער פריילעכסטער יִד אין דער וועלט (אויספאַרקויפט)
8) ש. סימאָן — תוך יִדישקייט
9) נ. ב. מינקאָוו — זעקס יִדישע קריטיקער

(פּרעמירט דורך דעם ל. בימקאָ־פאָנד)

10) אברהם זאַק — אין אומרו פון יאָרן

(פּרעמירט דורך דעם מ. סטאָליאַר־פאָנד)

11) יוסף רייך — וואַלד אין פלאַמען
12) מ. וו. בערנשטיין — אין לאַבירינטן פון תקופות (אויספאַרקויפט)
13) לעאָן קאָברין — מיינע 50 יאָר אין אַמעריקע
14) יצחק פּערלאָוו — דזשעבעליאַ (ראָמאַן) (אויספאַרקויפט)
15) ברוך ריווקין — ה. לייוויק — זיינע לידער און דראַמאַטישע ווערק
16) מלכה לי — דורך קינדערשע אויגן (אויספאַרקויפט)
17) יעקב פאַט — די לערערין אסתר (אויספאַרקויפט)
18 שלמה סימאָן — וואָרצלען (אויספאַרקויפט)

(פּרעמירט דורך דעם מ. סטאָליאַר־פאָנד)

19) משה דלוזשנאָווסקי — דערציילונגען און דראַמען
20) מנחם באָריישאָ — עסייען (אויספאַרקויפט)
21) לעאָן בערנשטיין — ערשטע שפּראַצונגען (אויספאַרקויפט)

(פּרעמירט דורך דער ז. גזשיוואַטש־פּרעמיע)

22) משה אייזענבוד — געלעבט הינטער קראַטן (אויספאַרקויפט)
23) פ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — יִדישער אומקום אין פראַנקרייך
24) דוד איגנאַטאָוו — „אָפּגעריסענע בלעטער״
25) חיים גוטמאַן (דער לעבעדיקער) — פּאָמפּאַדור
26) נח גאָלדבערג — אויף צעוואָרפענע וועגן

27) י. ה. פישמאַן — פריִער און שפּעטער
28) ל. לאַסאָווין — אַ חתונה אויפֿן באַרג לבנון
29) משה דלוזשנאָווסקי — ווי אַ בוים אין פעלד (ראָמאַן) (אויספאַרקויפט)
30) ב. שעפנער — אַ בליק אויף ישראל און אויף דער וועלט
31) פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — לאָדזש אין מיין זכרון
32-33) אברהם זאַק — אויף שליאַכן פון הפקר (צוויי טיילן)

(פרעמירט דורך דעם לואיס־ לאַמעד־פאָנד)

34) סטעפאַן צווייג — די וועלט פון נעכטן (אויספאַרקויפט)
35) וויליאַם נאַטאַנסאָן — קולטור קוואַלן
36) ב. ריווקין — יִדישע דיכטער אין אַמעריקע
37) יצחק פּערלאָוו — פלאָראַ אינגבער
38-39) שמואל איזבאַן — די קעניגין איזבל (2 בענד)
40) שלמה סיימאַן — צווייגן
41) מ. וו. בערנשטיין — און דאָס איז געווען אַשכּנז... (אויספאַרקויפט)

(פרעמירט דורך דעם העקמאַן־פאָנד)

42) מ. אַקערמאַן — אויסגעלאָשענע שטערן (אויספאַרקויפט)
43) שלמה ראָזענבערג — די כּוזרים
44) אַנטאָלאָגיע פון דער וועלט־ליטעראַטור

(צונויפגעשטעלט פון יצחק איסאַקסאָן)

45) י. י. טרונק — משיח געוויטער

(אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט דער „ציקאָ")

46) יוסף ראָלניק — דער דיכטער און זיין ליד

(אָפּהאַנדלונגען וועגן זיין שאַפן)

47) אברהם ווייץ — די לעצטע געטאָ
48) ק. כּצנלסון — קריזיס פון מאָדערנעם העברעיִש

(אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט דער „ציקאָ")

49) גריגאָרי אַראָנסאָן — רוסיש־יִדישע אינטעליגענץ
50) שלמה סיימאַן — אויף אייגענע דרכים

## אין גיכן דערשיינט:

ה. ש. קאַזדאַן — מענטשן פון גייסט און מוט
משה דלוזשנאָווסקי — ווינט־מילן

SOLOMON SIMON

# On own Ways

"I D B U J"
BUENOS AIRES
1 9 6 2

B. & F. GREENBERG
127 ST. CHARLES PLACE
ATLANTIC CITY, N. J.

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
Copyright by:
**SOLOMON SIMON (Nueva York)**

HECHO EL DEPOSITO QUE MARCA LA LEY
Industria Argentina

**Este libro se terminó de imprimir en el mes de junio de 1962, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN, S.R.L., Avda. Corrientes 1976, Bs. Aires**

---

וועגן אַלע ענינים פון פאַרלאַג זיך ווענדן:

**EDITORIAL "IDBUJ"**

**BOULOGNE SUR MER 671 — T. E. 87-9566 — BUENOS AIRES**

**República Argentina**

SOLOMON SIMON

# Por Senderos Propios

Editorial
"IDBUJ"
de la Asociación Pro-Escuelas Laicas Israelitas en la Argentina
Buenos Aires - 1962